STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08658

OYSGEVEYLTE VERK

Mendele Mokher Sefarim

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדעלע מוכר ספרים

אויסגעוויילטע ווערק

מענדעלע מוכר ספרים

אויסגעוויילטע ווערק

צווייטער באנד

דאָס ווינטשפינגערל

יידיש בוך

פארלאג ,,יידיש בוך" ווארשע 1953

MENDEŁE MOJCHER SFORIM

DZIEŁA WYBRANE

II tom

Redaktor: D. SFARD

Okładkę projektował: I. REJZMAN

רעדאַקטאָר: ד. ספאַרד
הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa 1953

Nr. zam. 211 Nakład 6000 egz. Druk ukończono w czerwcu 1953 r.
Ark. druk 26,75 Ark. wydawn. 24,5 Papier sat. V kl. 61x86 70 gr.
Druk. R.S.W. „Prasa" W-wa, ul. Tarczyńska 8 4-B-50533

דאָס ערשטע בוך

דאָס ערשטע קאַפּיטל

וואָס מע וויל, מעג מען אויף קאַבצאַנסקער יידן זאָגן: זיי זענען עפּעס נישט אַזעלכע גרויסע בריות, טוען אין דער וועלט נישט אויף עפּעס אַזעלכע גרויסע חכמות, מישטיינס־געזאָגט, זייער לעבן, שטערבן אָפּ די וועלט עט, אַזוי, מיט גאָרנישט... און קומען אָפּ מיט שהי־פּהי — דאָס און נאָך אַזעלכעס מעג מען זאָגן. — נאָר אין דעם ענין פון פּרוכפּערן און מערן זיך קאָן מען צו זיי, חלילה, גאָרנישט האָבן. זיי זענען דרינען געוואָרנט, נישט ערגער פון אַלע אַנדערע יידן. שונאים אפילו קאָנען נישט לייקענען, אַז איטלעכער קאַבצאַנסקער ייד איז אַ מטופּל, אָן עין־הרע, מיט אַ סך קינדערלעך. און די טובה, וואָס דער וועלט קומט דערפון אַרויס, וועט דאָ באַשיימפּערלעך דערוויזן ווייטער אַ ביסל.

די קאַבצאַנסקער באַלעבאַטים זענען, נישט פאַר אייך געדאַכט, גרויסע אביונים, האָבן נישט, איר זאָלט זאָגן, אַ צעבראָכענעם גראָשן ביי דער נשמה. אין קאַבצאַנסק אַליין איז פאַר זיי נישטאָ קיין שום פּרנסה, סיידן איינער צום אַנדערן מיט אַ טאָרבע אין די הייזער אַרומצוגיין. זאָל פּרוּוון איינער מאַכן עפּעס אַ געשעפטל, אַ קלייטל אַשטייגער, באַלד טאָקע טוט אים דער איבעריקער עולם נאָך, און וויפל יידן אַזויפיל קלייטלעך. קרעמער זענען דאָ ווי מיסט און אַ קונה נישט איינער. דעסגלייכן איז אין אַנדערע זאַכן. איטלעכער האָט ליב אַריינצושטופּן זיך אינדערמיט, אָנצוטרעטן יענעם אויפן פוס גאַנץ יידישלעך: ווו צוויי, זאָל ער זיין אַ דריטער, ווו דריי — אַ פערטער און אַזוי אַלץ ווייטער, ביז עס קומט אויס „וקבצנו יחד“, אַלע קבצנים אינאיינעם. שטיקן זיך צונויף, כאַפּן זיך אַרום, גאָר ברידערלעך און ווערן אַזוי דערשטיקט, פאַרכאַפּט אַלע אויף איין מאָל. אַזאַ שטאַרקע אחדות, דאָס הייסט, אַריינצוקריכן מיט אַ פוס צו יענעם

אין בייטל, איינער ביים אַנדערן דעם ביסן פונעם מויל אַרויסצונעמען, וואָס גאָט גיט, אבי אינײַנעם, מיר נישט, דיר נישט — דאָס איז איינע פון די מידות טובות, וואָס געפינען זיך נאָר טאַקע ביי קאַבצאַנסקער יידן. און אין דעם זכות קומט זיי טאַקע אויס איינער צום אנדערן אין די הייזער ארומצוגיין...

די גאַנצע יניקה זייערע איז פון דער פרעמד, מייגסטנס פון גלופּסק. אַ נס פאַר קאַבצאַנסק, וואָס ס'איז דאָ אַ גלופּסק, וו מע קאָן נאָך עפּעס טאָן און אַ שטיקל קיום האָבן. קאַבצאַנסק שיקט אַהין געוויינטלעך אַרויס אַלערליי סאָרטן נפשות: מיני מלמדים, באַהעלפערס, מעקלערס, בטלנים, צוגעלעגערטע, אויך פרישצאַפּלדיקע איידעמלעך אַזעלכע, ערשט אַראָפּ פונעם קעסט. יידן אַזוינע און אַזוינע, וועלכע דאָס האַרץ נאָר גלוסט: מיט כתבים, מיט מיחושן, זיידענע, גילדנאָדערהדיקע, בעלי־תפילות, שופר־בלאָזערס. יידע־נעס כל־המינים: זאָגערינס, וויינערינס, שפּרעכערינס, אויסגעקינדלטע, ווײַ־בער מיט אייער, מיט פּסחדיק גענדזנשמאַלץ, פּעדערן־פּליקערינס, נאָך אין דעכטן קינדלען. הייגט אַ מיש־מאַש בחורים, דינסטמיידלעך, מיידן מיט צו־געדעקטע קעפּ, ווייבלעך אַזוינע און אַמען אַזוינע, אָן אַ שיר. די דאָזיקע לעבעדיקע סחורה גילט אין גלופּסק משונה שטאַרק, האָט האָרט אַ גרויסן אָפּגאַנג, און קאַבצאַנסק פון איר זייט, וואָס אַרבעט געשמאַק לטובת הכלל, פאַבריצירט אַזאַ סחורה צו באַגליקן די וועלט, איז דערמיט זיך זייער מייחס. דעריבער הייסן אַלע קאַבצאַנסקער יידן — מיוחסים. אַז מע באַ־געגנט אַ יידן עפּעס אַ ווילדן בעל־גאווה, האָט מען דעם בעסטן סימן, אַז ער מוז זיין אַ קאַבצאַנסקער...

דער מחבר פון דעם „ווינטשפינגערל" האָט געהאַט די זכיה געבוירן צו ווערן דאָ בק"ק קאַבצאַנסק.

די עלטערן זיינע האָבן פון אים ביים געבוירן ווערן נישט געמאַכט אַזאַ פּירוש. זיי איז נישט איינגעפאַלן אַפילו צו טראַכטן אַ ווײַלע, צוואָס האָבן אַזעלכע קבצנים, ווי זיי, אַראָפּגעבראַכט אויף דער וועלט אַ לעבעדיק באַ־שעפעניש, אויף צרות נאָר פאַר זיך און אויך פאַר אים. אָדער וואָס האָט מען מיט דעם נפש צו טאָן עפּעס אַזוינס, אַז דאָס לעבן, וועלכעס זיי האָבן אים געשענקט, זאָל אים ניחא זיין און ער זאָל נישט שפּעטער האָבן צו זיי קיין טענות: קבצנים, געוואַלד, וואָס האָט איר מיך געהאַט!... נאַרישע זאַכן, כ'לעבן! די מאַמע האָט געטאָן איר זאַך, אים געטראָגן און געהאַט פּשוט אָן חכמות. אויף דערויף איז זי דאָך אַ יידענע, זי זאָל קינדלען. וואָס דען? אַפילו אַ הון, להבדיל, טוט אויך, וואָס גאָט האָט געבאָטן — לייגט זיך און קוואָקעט, נישט צו פרעגן קיין קשיות. דעם טאַטן ווידער האָט עס אויך

ניט אַזוי שטאַרק אויסגעמאַכט. מילא, איז דאָ נאָך אַ נפש, וואָס קאָן עס אים אַרן? קיין בויכווייטעק האָט דאָך עס אים אויך ניט געקאָסט. בויכווייטעק האָט דאָך די נקבה און אַז פֿאַר איר איז רעכט, איז דאָך פֿאַר דעם זכר פּשיטא!... אַי וואָס, ער איז אַ קבצן, מיט אַלע הונגער־ביבעלעך אַ קבצן און נאָך אַ צוגעקומענע מויל באַדאַרף דאָך פּיקן? — נישטמער גאָרנישט, לאָז זיך די וועלט זאָרגן. מיט דעם בטחון טאַקע פֿריער אויף גאָט דערנאָך אויף דער וועלט איז ער אַליין דאָך, זייגע עלטערן און די עלטערנס עלטערן געבוירן געוואָרן. וואַרטן אויף דרך־ארץ, ביז מע וועט פֿאַר אַ ייִדישער נשמה אָנגרייטן דאָ פֿריער אַלצדינג, וואָס נייטיק איז צום לעבן, און דערנאָך ערשט זי אָפּמאַכן אַהער צום גרייטן — דאָס קאָן אַ ייד ניט. אַ ייד, אַז ער וועט זיך ניט שטופּן מיט געוואַלד, וועט ער מעגן אייביק טאַקע דאָרט וואַרטן. עפּעס ניט אַזאַ מציאה, די וועלט זאָל אָן אים, חלילה, זיך ניט קאָנען באַגיין. האָט ער זיך אָבער שוין דורכגעשטופּט און איז שוין דאָ מיט ביידע פֿיס, שטופּט ער זיך מיט גאָטס כּוח ווייטער, ווייטער. ער שטופּט זיך, קוועטשט זיך מיט אַלע קרעפֿטן, פֿאָרנטאַרום, הינטנאַרום, אַלצייַנס, דורך טיר אָדער דורך פֿענצטער, שטופּט אַזוי אָפּ דאָס גאַנצע לעבן און גאָרניט...

אויף איין זאַך נאָר האָבן די עלטערן ביי זיין געבוירן ווערן זיך יאָ, געבער, פֿאַרטראַכט און שטאַרק געבראָכן דעם קאָפּ: רבונו־של־עולם! וואָס פֿאַר אַ נאָמען גיט מען דעם נייעם נפש דיינעם? די אַלע נעמען, וואָס אין דער משפּחה איז געווען, האָט מען שוין פֿאַרטאָן אויף די אַלע קינדערלעך, וואָס האָבן זיך פֿאַרכאַפּט געבוירן צו ווערן פֿריער פֿאַר אים. מע האָט אָנגעהויבן פֿון די נאָענטע קרובים און געגאַנגען כּסדר ביז די ווייטסטע — פּערדס־פּוס־פּאָדקאָווע. ביי איטלעכס קינד האָבן זיך געמיט צוויי קרובים. דער טאַטע האָט אויסגעקראַצט איינעם פֿון זיין משפּחה און די מאַמע איינעם פֿון איר משפּחה, אַזוי איז צווישן זיי שוין געווען אָפּגעמאַכט, און דאָס קינד האָט געהייסן צוויי נעמען. עס האָט זיך געפּאָרט: כאַצקל־בן־ציון, ליפּע־טודרוס, דוואָסיע־קרוינע, פּסח־זעליג, ציפּע־סאָסיע, סטיסע־הינדע, קאַרפּל־פייבוש, חנא־לעמל, שמערל־אייזיק, קיילע־ריקל. אין אַ נויט האָט זיך איבערגעלייגט אַ זכר אין אַ נקבה, אַ נקבה אין אַ זכר, צוויי מתים האָבן זיך געפּאָרט און דער זיווג איז עולה־יפה געווען. פֿונעם פֿעטער חיים ווערט למזל חיה, פֿון דער מומע ברכה — ברוך; פֿון גרונע שפּרינגט אַרויס גרונם און נחום ווערט איינס מיט נחמה. אַזוי איז דאָס אַ לאַנגע צייט געגאַנגען, ביז מע האָט פּלוצעם זיך אַרומגעקוקט — אַ ווייטעק די שונאים! די משפּחה האָט זיך אויסגעלאָזט, נישטאָ קיין נעמען!... די על-

טערן האָבן אַ היפּשע צייט זיך געדרייט די קעפּ טראַכטנדיק, און גאָרנישט אויסגעטראַכט.

— הערסטו, לייזער־יאַנקל! — איז די קימפּעטאָרין לסוף אַרויס מיט דער שפּראַכע, נאָכדעם, אַז זי האָט פריער זיך אַ ביסל געקווענקלט. — פאָלג מיך, מיין מאַן, און לאָז דאָס קינד הייסן גדליה־הערש, נאָך גדליה־הערשן עליו־השלום.

— שאַ, טיפּשה! — מאַכט דער טאַטע שטאַרק אויפגעבראַכט. — לאָז מיר דיין גדליה־הערש מוחל זיין, נישט מוחל זיין, דעם נאָמען זיינעם וויל איך נישט הערן. גיין, צען מאָל, הונדערט מאָל גיין.

גדליה־הערש איז פון דער מאַמעס משפּחה. די באָבע כאָלצע (פון איר איז דאָס אַרויסגעשפּרונגען כאַצקל) האָט אים אָנגעקערט אַ לייבלעכע מומע. אין די הענט האָט ער געהאַט אַ מלאכה, עפּעס גאָר אַ כפלשמונהדיקע. ער האָט געשטשאָבעט תחתונים, קאַפּאָטעס, היטלען, ווייבערשע קליידלעך, יופּעס, יאַמפּערקעס און אַמאָל אויך טאַקע געלאַטעט שיך. הכלל — אלצדינג, וואָס נאָר מע האָט אים געגעבן. אַ בריה אויף לאַטעס לייגן איז אין גאַנץ קאַבצאַנסק זיין גלייכן נישט געווען. און ווייל לאַטעס גילטן ערגעץ נישט אַזוי ווי אין קאַבצאַנסק, דעריבער איז גדליה־הערש שטאַרק אין דער מאָדע געווען דאָרט. ביי וועמען נאָר עפּעס אַ טרען, אַ ריס, באַלד צו גדליה־הערשן; ביי וועמען אַ שור, נישט פאַר יידישע קינדער געדאַכט, האָט געפּייפט, פאַרשטאָפּט אים גדליה־הערש דאָס מויל און זאָגט אים אָן מיטן האַרבן וואָרט, ער זאָל נישט פייפן. איז דער אייגענער טרען, דער אייגענער ריס ווידער טאַקע דאָ מאָרגן און דער שור הערט אים נישט, האָט אַ העזה באַלד טאַקע ווידער צו עפענען אַ מויל, איז גדליה־הערש נישט פויל, לאַטעט און לאַטעט, ביז דער רוח נעמט צו די לאַד מיטדעם מלבוש אינגאַנצן. ווען אַזאַ גדליה־הערש זאָל געווען אָנשפּאַרן אין פאַריז, וואָלט ער געגאַנגען אין גאָלד, געטראָגן וואָלט מען אים דאָרט אויף די הענט. אין קאַבצאַנסק אָבער איז ער געגאַנגען גאַקעט און באָרוועס. און אַז מע האָט אים דאָ שוין געטראָגן אויף די הענט, איז דאָס געווען דעם־סטמאָל נאָר, ווען ער איז געפאַלן פון די פיס, בשעת ער האָט געכאַפּט אַן אימעריקע כוסה. טרינקען האָט ער אַפילו געקאָנט, ווייל די מלאכה האָט ליב דעם טרונק און אַנדערש קאָן מען נישט איינגעקויפט זיין אין דער חברה פּועלי־צדק, נאָר פונדעסטוועגן קאָן מיט דעם גרעסטן טרינקער זיך מאַכן, ער זאָל דווקא זיין אַ מאָל שיכור־לוט. ביים אויסניכטערן זיך, פלעגט ער, ווי געוויינטלעך אַ געווויסער טייל שיכורים, זיך פאַרענטפערן ער איז נישט שולדיק, דאָס אומגליק איז געשען, נאָר ווייל ער האָט גע־

נומען די כוסה פון דער לינקער האַנט. אַ סימן, אַז נעמט ער באַלד טאַקע
אַ פלעשל משקה, ווי געהעריק איז, זופט עס אויס פאַר אַ עדה יידן און
ער זאָל זיך כאָטש פאַרקרימען. אַזעלכע קונצן פלעגט ער עפּטערס באַווייזן,
און דער קאַבצאַנסקער עולם פלעגט גאָר אָנקוועלן.

נישט אָנגעקוואָלן דערפון האָט גאָר לייזער=יאַנקל אַליין: גדליה=הערש
האָט אים מיט דער מלאכה פאַרשווארצט די אויגן. א קאַטאָוועס עפּעס,
ער, ר' לייזער=יאַנקל, ימים=נוראים אַ בעל=תפילה ערגעץ אין אַ גלופּסקער
קלייזל און דאָס גאַנצע יאָר אַזוי זיך אַ שיינער ייד, קוקט אַריין אין אַ ספר
און רייבט זיך אין בית=המדרש הינטערן אויוון — ער און דער באַלמע=
לאָכע, דער עם=הארץ, זאָלן זיין קרובים! ער האָט גדליה הערשן בשום אופן
נישט געוואָלט אָננעמען פאר א קרוב, זיך אקעגן אים געבלאָזן און קיינמאָל
אים נישט פארבעטן צו זיך אמאָל אויף א שמחה. איז ער געקומען אומגע=
בעטן, האָט מען אויף אים זיך אפילו נישט אומגעקוקט. גדליה=הערש פון
זיין זייט, האָט פון לייזער=יאנקלס גדלות זיך גאָרנישט געמאכט און אמאָל
אויס אים אויך געלאכט מיט גוטן, אָן גאַל:

— „וויים איך, וואָס מיט לייזער=יאַנקלען איז אַזוי דער יחוס! אַרומ=
גיין שלינג=און=שלאַנג איז עפּעס נישט אַזאַ בריהשקייט. אַ לאַטע זאָל ער
פּרוון לייגן, אַזאַ לאַטע ווי איך, דענסטמאָל וועלן מיר זען. נאַט אייך
אַ שמעלקע! אַ בהמה איז ער, נישט מער... לאָז אים גאָט נישט שטראָפן
פאַר די זינד“. — אַזוי פלעגט ער געווײנטלעך אויסלאָזן דעם שמועס,
אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט.

מיט לייזער=יאַנקעליכען האָט ער זיך פאַרהאַלטן זייער גוט, פלעגט
אויסלאַטען אירע מלבושים, איבערניצעווען די קינדערשע זאַכן, לייגן לאַ=
טעס אויך אויף דעם מאַנס בגדים, נישט צו נעמען דערפאַר אַ פּרוטה.
פאַרקערט, אונטער אַן ענגער צייט פלעגט ער שטילערהייט נאָך אונטער=
העלפן איר מיט עטלעכע גראָשן. לייט זאָגן, אַז אין דער יוגנט איז ער אין
איר געווען פאַרקאָכט, זי נאָך אים האָט אויך געצאַפּלט און עס האָט געהאַלטן
שוין אויף אַ שטייגער, אַז ברעכט מען טעפּ — נאָר פּלוצעם האָט זיך
אונטערגערוקט דער שידוך מיט לייזער=יאַנקלען, באַבעס, מומעס האָבן זיך
פאר אים גענומען, אָפּגעשאצט זיין בייקולכן, פאר וויפל מע קאָן עס אָפּ=
נעמען אין נדן אַריין. ס'איז אויסגעקומען עפּעס גאָר אַ גליק, וואָס טרעפט
זיך איין מאָל אין הונדערט יאָר. עס ווערט אַ קנס=מאָל און גדליה=הערש
בלייבט, נעבעך, פונדרויסן אויף דער מילעכדיקער באַנק. פון דענסטמאָל
אָן, אַזוי שמועסט מען, איז גדליה=הערש פונעם פנים אַראָפּ, גאָר נישט דער
אייגענער וואָס פריער — עפּעס גאָר טאַקע אַ כישוף, אַן אָפּגעטוענע זאַך,

באַהיט זאָל מען ווערן! — איז געווען אַלץ פֿאַראומערט, פֿאַרזאָרגט און פֿון צרות זיך גענומען צום טרונק. זייער מעגלעך, אַז דערמיט האָט אויך געשמעקט די שנאה אַקעגן אים ביי לייזער־יאַנקלען אין האַרצן. נאָר ווי די מעשה איז, אַזוי אָדער אַזוי, די שנאה איז געווען גרויס. דעריבער, אַז לייזער־יאַנקל האָט דאָ פֿונעם ווייב נאָר דערהערט דעם נאָמען זיינעם, איז ער אָנגעצונדן געוואָרן.

הגם לייזער־יאַנקעליכע איז געווינט געווען צו דעם מאַנס זידלעריי און בייזקייט אויף גדליה־הערשן, נאָר היינטיקס מאָל, ליגנדיק אין קימפּעט, האָט עס זי אָנגעכאַפּט ביים האַרצן און זי האָט זיך באַוואָשן מיט טרערן. דער מאַן האָט אויף איר געקוקט מיט רחמנות און געמאַכט צו איר שוין ווייכער אַ ביסל:

— ווײַן נישט, דו טיפּשה אײנע! זאָג איך דיר. אַ כשרע, ערלעכע יידענע באַדאַרף טאָן דעם מאַנס רצון. אַז דער מאַן זאָגט ניין, באַדאַרף זיין ניין. באַרעכן זיך נאָר, נאַרעלע, ווער, ברוך־השם, איז דיין מאַן און ווער איז גדליה־הערש!...

— גדליה־הערש איז געווען אַ כשרער ייד, אַ גוטע נשמה.

— אַ כשרער ייד — אַ באַלמעלאָכע!! נאָר אַ געלעכטער, כלעבן. קאַרג פֿאַרשוואַרצט האָט ער מיר די אויגן ביי זיין לעבן, זאָל איך אַצינד נאָך אים אַ נאָמען געבן מיינס אַ קינד און מיר אַליין אָנטאָן אַ חרפּה! גיי שוין, נאַרעלע, גיי, רעד נישט קיין נאַרישקייטן!

— אָבער אַ נאָמען, לייזער־יאַנקל! ווו האָסטו אַ נאָמען? אַ שיינער טאַטע, מישטיינס געזאָגט!...

— אַ נאָמען!... עט... נישקשה. — שטאַמלט דער טאַטע און פֿאַר־טראַכט זיך אַ ביסל.

— אָבער הע־הע! אַז איך האָב געהאַט אַ חלום, הע־הע!...

— וואָס חלום?! — מאַכט דער טאַטע, אויסשטעלנדיק אַ פּאָר אויגן אויף דער מאַמע.

— גדליה־הערש איז מיר נעכטן ביינאַכט געקומען צו חלום. — מזל־טוב דיר, מלכה־טויבע! — זאָגט ער און טוט דערביי אַ קרעכץ. — איך ליג נישט רואיק אין קבר דערפֿאַר, וואָס אויף דער וועלט איז נאָך נישטאָ מיין נאָמען. דערבאַרעם זיך, מלכה־טויבעניו! — מאַכט ער מיט אַ געבעט, זייענדיק דערביי אויפֿן קינד אין די קישעלעך. — דו האָסט אַצינד אין האַנט מיך צו באַרואיקן. איך וועל מיך מיען דאָרט פֿאַר דעם כסא־הכבוד פֿאַר דיר, פֿאַר דיין מאַן. דאָס קינד דיינס וועט, אם־ירצה־השם, זיין אַ גוט שטיקל אַרבעט, אַ שאַרפֿע נאָדל מיט אַ שפּיציק קעפּל. — ביי די דאָזיקע

ווערטער האָט אים געלויכטן דאָס פּנים און ער איז באַלד פאַרשווונדן...
וואָס זאָגסטו, לייזער־יאַנקל?

— נו, נו... —מאַכט דער טאַטע אָן ווערטער.

— גוקע נישט, לייזער־יאַנקל, — זאָגט די מאַמע. — אַזוי זאָל איך זען פיל נחת, ווי איך האָב אים געזען... היינט ביינאַכט איז ער וויהער געקומען. אַלץ געקוקט אויף מיר און געוויזן אויפן קינד, געוויזן אויפן קינד און געקוקט אויף מיר... געוויזן, געקוקט פריער מיט אַ געבעט, דערנאָך... אוי, דערנאָך שטשירעט ער אויס אַ פּאָר אויגן און לאָזט זיך צו מיר מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי ער וויל מיך שטיקן, טוט אַ זאָג ביין: „ווען נישט...“

— ווען נישט, וואָס? וואָס? — טוט זיך דער טאַטע אַ כאַפּ דער־שראָקן, באַטראַכט די שיר־המעלותן און דעם קרייז מיט דער קאָטשערע אויף די ווענט אַרום דער קימפּעטאָרין.

— וואָס פרעגסטו, לייזער־יאַנקל? ווי איז מיר נישט. עפּעס שפּילט מען זיך מיט אַ מת! ווי איז מיר, ווינד איז מיר...

נו, נו, וואָס זשע ווילסטו, טיפּשה אײנע?

— האָב גאָט אין הארצן, ווי איז מיר, לייזער־יאַנקל! און זיי נישט קיין עקשן, ווינד איז מיר!

— טאַ...

דאָס צווייטע קאַפּיטל

ס'איז געבליבן, דאָס קינד זאָל הייסן הערשל, נאָך דעם לעצטן נאָמען פון גדליה־הערש. און עס האָט דריבער געשטעקט אַ סך שפּיצלעך. איין מאָל האָט דאָך דער טאַטע אויך דאָס רעכט אויף אַ נאָמען. צווייטנס, איז דאָך אַ פּשרה מאַכט גאַנץ יידישלעך. ווי זאָגט דער עולם: יאַק ני פּסק ניכאי בודע פּסקעץ, ביידע צדדים זאָלן צופרידן זיין. דריטנס, איז הערשל פּאַרט נישט גדליה־הערש. די חרפּה האַלב צוגעדעקט, וואַרפט זיך נישט יענעם אַזוי אין די אויגן. און די מאַמע, זייער אַ גוטע באַלעבאָסטע, ליב אָפּ־צושפּאָרן אַלץ אויף שפּעטער, האָט ביי זיך געטראַכט: הא, לאָז זיך וואַל־גערן אין דעם באַלעבאַטישקייט אַן איבעריקער נאָמען גדליה, ער וועט אפשר צוניץ קומען אויף שפּעטער.

די מאַמע האָט טאַקע געטראָפן, ווי אַ חכמה! זי איז אויסגעקומען מיט די נעמען ווי מיטן קרעפּל־פלייש. אין אַ קורצער צייט אַרום איז זי

געלעגן געוואָרן ווייטער מיט א יינגל און ער האָט, הערשלען אויף צו לאַנגע יאָר, געהייסן גדליה...

איך זאָג: הערשלען אויף צו לאַנגע יאָר, ווייל דער ברודער גדליה האָט זיך נישט לאַנג געהאַלטן, אים איז נישט געפעלן דער מאַמעס קעסט. עס האָט אים געגרימט אין בייכל, זיך, נעבעך, גענוג אָנגעליטן און ביים אויסשניידן זיך אים ציינדלעך, האָט ער זיך מיישב געווען און זיך אָפּגעטראָגן. אויף דעם דאָזיקן שכל זענען געפאַלן עטלעכע פון די שוועסטערלעך און ברידערלעך נאָך פריער, איידער הערשעלע איז געבוירן געוואָרן. זיי האָבן געזען, אַז מיט קבצנים איז נישט גוט צו האָבן עסקים. דאָס לעבן ביי זיי איז נאָר איין אומגליק, אייביקע צרות, שטענדיקע יסורים. בעסער איין מאָל שטאַרבן, ווי צען מאָל אין טאָג אויסגיין פאַר הונגער; איידער עלטערן זיך אין דלות, פאַרוואַרפן אויף דער פאָלעצע די ציין, בעסער יונגערהייט פון דער וועלט גיין. אַ לאַנג לעבן אָן ברויט איז אַ ביסלעכווייזער טויט.

נישט אַלע מענטשן אָבער זענען גלייך. הוואָסיע־קרוינע און פּסח־זעליק האָבן זיך איינגעשפּאַרט דווקא לעבן און פאַרזוכן, מישטיינס געזאָגט, דעם טעם פון חתונה־האָבן. זיי זענען ביטערע אביונים און באַפאַלן מיט קינדערלעך. אַ חוץ זיי האָבן פונעם מלאך־המות העגט זיך אויסגעדרייט ציפּע־סאָסיע, שוין אַ מויד אין די יאָרן, איז געווען, נעבעך, הויט און ביין. דאָס פּנים אויסגעצויגן, די באַקן איינגעפאַלן מיט בלויע רינגען אונטער די אויגן. אין דער יוגנט אָבער איז זי געווען אַ בילד־שיינע, אַ לעבעדיק מיידל, זייער אַ געראָטענע, אַ חנעוודיקע, אַ גוטע, ערלעכע, כשרע נשמה — מעלות, וואָס אין רייכן שטאַנד ברענגען זיי גליק, אין דעם אָרעמען אָבער זייער אָפט נאָר אומגליק. צוזעענדיק דאָס גרויסע עלנט ביי די עלטערן אין הויז, איז איר געוואָרן אַ לאָך אין האַרצן. איר איז נישט אַזוי אָנגעגאַנגען אייגענע צרות, וויפל די צרות פונעם הויזגעזינד, ווי מענטשן, נעבעך, קומען עס אָפּ, ווי פּיצלעך אומשולדיקע קינדערלעך דאַרבן עס, נעבעך, דאַרן־קוואַרן און גייען אויס ביסלעכווייז ווי אַ ליכט. ביי איר איז געבליבן, צו גיין אין דער פרעמד, דינען, פאַרדינען און אָפּדינגען די ליבע עלטערן אין דער נויט. זי האָט גוט געוווּסט, אַז דער טאַטע איז ביי זיך אַ גרויסער מיוחס, עס וועט אים נישט אָנשטיין, זיינס אַ קינד זאָל זיך שטעלן אין דער פרעמד. נאָר דאָס האָט זי אָבער נישט אָפּגעשראָקן, זי האָט זיך פאַרגענומען צו טאָן אַלע מיטל, זיך שטרעקן נאָך די עקן. אַזוי לאַנג — אַזוי ברייט, ביז זי וועט אירם פּועלן. זי האָט אויסגעקליבן דערויף אַ צייט, ווען עס איז געווען זייער ענג. אין הויז איז נישט געווען קיין

שטיקל ברויט, דער ווינטער האָט צוגעטראָטן מיט זיינע שרעקלעכע פרעסט און אין שטוב איז קאַלט, כאָטש וועלף צו טרייבן. וואָכנווייז איז אוים דעם קוימען נישט געגאַנגען קיין רויך. די מאַמע איז געווען אויף דער צייט מיט קיילע־ריקלען און געהאַט זייער אַ שווער טראָגן. שמערל־אייזיק עליו־השלום האָט געמאָזלט, געפּאָכעט מיט דער נשמה און די איבעריקע נאַקעטע, הונגעריקע קינדערלעך האָבן זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל, געזעסן איינגעהויקערט אין צענטן, מיט סמאָהע אויף די ליפּן, שאַ, שטיל, נאָר צייטנווייז אַ קרעכץ, אַ זיפץ טיף פונעם האַרצן, און געקוקט אין דער וועלט אַריין מיט תמעוואַטע גלעזערנע אויגן, אין וועלכע עס זענען געשטאַנען פאַרגליווערטע טרערן... דענסטמאָל האָט זיך ציפּע־סאָסיען געעפנט דאָס מויל, זי האָט געוויינט, געהלשט פאַר דעם טאַטן, ער זאָל רחמנות האָבן אויף דער מאַמען, אויף די קינדער, אויך אויף איר, און לאָזן זי שטעלן זיך ערגעץ אויף אַן אָרט. עס האָט אוים איר געערדט די נשמה, אַ מבול הייסע געפילן האָט זיך איר געגאָסן טיף פונעם האַרצן, און דער טאַטע, דערהרגעט, דערשלאָגן פון דער ביטערער נויט, האָט לסוף איר איינגעוויליקט מיט אַ געבראָכן געמיט... איר אַוועקפאָרן קיין גלופּסק האָט דער מאַמע גענוג טרערן געקאָסט, דער טאַטע האָט מיט איר זיך געזעגנט שטאַרק באַטריבט. די גוטע, שטילע טויב איז אַרוים פון דער נעסט ליידיק און בלויז, נאָר מיט דער ברכה פון די עלטערן, מיט דעם הייסן „פאָר געזונט!“ פון די וויינענדיקע שוועסטערלעך און ברידערלעך.

קאַבצאַנסק האָט אין אַ טראַנספּאָרט לעבעדיקע סחורה צוגעשטעלט גלופּסק — אַ שיינע, אַ יונגע דינסטמיידל!...

ציפּע־סאָסיע האָט באַלד באַקומען אַן אָרט ערגעץ דאָרט אין אַ נגידיש הויז. די ערשטע צייט איז איר געגאַנגען קיין מעשה נישט. מען איז מיט איר און מיט איר אַרבעט שטאַרק צופרידן געווען. זי האָט געשריבן אַהיים בריוולעכע ברייוולעך און אויך צוגעשיקט אַ ביסל געלט. נאָך דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה. דער באַלעבאָס האָט אויף איר געוואָרפן אַן אויג און הינטערוויילעכץ געפּרוווט ווערן מיט איר אַ נאָענטער מחותן. אין אָנפאַנג איז דאָס נאָך געווען אַ ביסל פאַרשטעלט. אויפן ווונק, גלאַט אַזוי זיך. ער איז אַ גוטער מענטש, ביי זיך פראָסט, זייער צוגעלאָזט און וויל אַז אָרעם קינד, נעבעך, מקרב זיין. פאַרוואָס נישט? פון זיין הויז האָבן שוין עטלעכע גאַנץ פיינע דינסטמיידלעך חתונה געהאַט, גאָר נישקשהדיק... לאָז זי נאָר נישט זיין קיין נאַרעלע, וועט איר אויך אַזוי וויל זיין... ווייטער, ווייטער האָט זיך שוין קלערער אַרויסגעוויזן, וואָס אַ נגידס גוטסקייט און צוגעלאָזטקייט באַטייט, באַהיט זאָל מען ווערן! עס האָט זיך פאַר איר

געעפֿנט פּלוצעם גאָר אַ נייע וועלט מיט אַנדערע מיני קרענקונגען — אַ וועלט מיט אַ שטן, מיט אַ גיהנום און אַ קאָכעניש, פֿייער און שוועבל; אַזעלכס, וואָס האָט זיך איר נאָך פֿריער גאָר נישט געחלומט. דאָס לעבן איז פֿאַר איר געוואָרן אַ מלחמה. זי, שלאַפֿע, אָרעמינקע, נעבעך, האָט געמוזט שטיין שטענדיק געוואָפֿנט אַקעגן אַ שטאַרקן שטן, אַ געבאַלעוועטן פּעמפּיק. דער געדאַנק אירער, וויאַזוי אירע ליבע קומען עס, נעבעך, אָפּ, דאָרט אינדערהיים, וויאַזוי נייטיק ס'איז פֿאַר זיי כאָטש אַ קליינע הילף, האָט איר אונטערגעגעבן כוח, צו ליידן אירע גרויסע ווייטעקן. זי האָט זיך געראַנגלט, געראַנגלט ביז איבער די כוחות און געמוזט פֿאַר צרות דערנאָך פֿאָרט אָפּטרעטן פֿונעם אָרט.

זי האָט זיך געשטעלט נאָך אויף אַן אָרט. דאָרט איז געווען ווייטער דאָס אייגענע: פֿריער קיין מעשה נישט, דערנאָך אַ מעשה, שוין נישט איינע, נאָר צוויי. אַ מעשה מיט דעם באַלעבאָם און אַ מעשה מיט דעם באַלעבאָס אַ זון... קרענקונג, האַרצווייטעק און לסוף אַוועק פֿונעם אָרט. ווייטער און ווייטער אַלץ אויף דעם האָזיקן שטייגער: קיין מעשה נישט, שפּעטער אַ מעשה, די אַלטע מעשה, אַ מעשה איבער אַ מעשה און דער פֿינצטערער סוף פֿון דער מעשה. א חוץ מעשיות אין שטוב איז נאָך מעשיות אין קיך: מיט קעכינס, מיט אַריינגייערס, מיט מעקלערינס און מיט יענע, וואָס ווערן אויף דער עלטער גבאיטעס. הכלל, אַ „טויזנט און איין נאַכט“ מיט מעשיות. ציפּע־סאָסיע איז געוואָרן, נעבעך, אַ קרבן פֿאַר איר שיינקייט... אויף צרות נאָר איז זי געבוירן געוואָרן אַ שיינע. ווי קומט אַזוינס צו אָרעמע לייט, מיט וועלכע מען איז עפּעס נישט אַזוי מחויב צו מאַכן צערעמאָניעס און קוקן דערויף, טאָמער קרענקט מען זיי מיט אַ גראָב וואָרט און נעמט ביי זיי צו דאָס גאַנצע חיות מיט אַ מיאוסער באַהאַנדלונג... אויך מיר אַ מענטש ציפּע־סאָסיע, אַן אָרעמע דינסטמיידל! דיין שיינקייט, אָך, מהיכא־תיתי, און דו אַליין... וועמענס עסק איז עס? מעגסט אַפֿילו די כפּרה ווערן. אַי, טאָמער האָט ציפּע־סאָסיע פֿאָטער און מוטער, וועלכע האָבן זיך האַרציקדיק ליב, מיט איר אין לעבן פֿיל מי געהאַט, גענוג קאָפּדאַרעניש, נישט דערעסן, נישט דערשלאָפֿן, ביז גאָט האָט געהאָלפֿן, זי איז אויסגעוואַקסן; אַי, טאָמער האָט ציפּע־סאָסיע אירע עלטערן אויך שטאַרק ליב, זי אַרבעט, זי דינט, ווי־ס'איז אונטערצוהאַלטן אירע ליבע, נעבעך, וואָס הוין זיי קריכט איר גאָר נישט אין קאָפּ קיין אַנדערע זאַכן — אַזעלכס גייט קיינעם אויפֿן געדאַנק אַפֿילו נישט ארויף נאַרישקייטן, פֿון וועמען מע האָט דאָ צו טראַכטן!... ציפּע־סאָסיע אָבער

האָט אויך אַ נשמה, זי טראַכט, זי פילט... באַרירט מען זי גראָב, טוט איר וויי...

„דעריבער", אַזוי זאָגט דער מחבר פונעם „ווינטשפינגערל" אין זיינע כתבים, „דעריבער האָט ציפּע=סאָסיע נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן און איז קראַנק, צעבראָכן מיט אַ שווער געמיט, נעבעך, געקומען צוריק אַהיים, צוריק צו אירע אָרעמע עלטערן, שוין נישט די ציפּע=סאָסיע, וואָס פריער. די מאַמע האָט געפילט דער טאָכטערס ביטער האַרץ און איז אויסגעגאַנגען פאַר רחמנות אויף איר דערשלאָגן קינד".

„אָרעמע, בידנע שוועסטער! דיין אומגליק איז, וואָס גאָט האָט דיר געגעבן חן; דיין אומגליק איז — יענע גליקלעכע מיט דיין שיינקייט צו געפעלן, פאַרשפּילט איז דיין וועלט, פאַרוויסט איז דיין לעבן, אַז אָך און וויי דיר, נעבעך, אָרעמע, אומגליקלעכע שוועסטער!..."

דאָס דריטע קאַפּיטל

אַצינד, אַז הערשעלע אונדזוערער זאָל נעמען די בעסטע לאַנד=קאַרטע, אויף וועלכער עס שטייען געצייכנט די אַלע שטעט פון גרויס ביז קליין, און זאָל זוכן אַפילו מיט ליכט, איז פון קאַבצאַנסק קיין זכר נישטאָ דאָרט, און אַמאָל, אין דער יוגנט, האָט ער געמיינט, ווי אַ וואָרעם זיצנדיק אין כריין, אַז קיין בעסערס פון קאַבצאַנסק איז גאָר נישטאָ. קאַבצאַנסק אַליין מאַקע איין שטאָט אויף דער גאַנצער וועלט, דער פּופּיק אירער, פונקט אין רעכטן מיטן. ווייטער, אין דער זייט, איז שוין מדבר, פאַרלייגטע ערטער מיט ווילדע חיות. מענטשן, וואָס מענטשן הייסן, אתּה=בחרתנוקעס, סאַמע צימעס, זענען נאָר דאָ. פאַר זיי אַליין שיינט די ליכטיקע זון ביי טאָג, די לבנה און שטערן ביינאַכט, און גאָט גיט זיך אָפּ, האָט מער נישט צו טאָן, נאָר מיט זיינע קאַבצאַנסקער ייִדן... ער גיט רעגן פון זייערע בהמות וועגן — ציגן זאָלן האָבן פּאַשע; אויך קאַלוזשעס וואַסער אויף צו טרינקען, בכדי צו פאַרשפּאָרן אָפּפּרעסן די שטרוי פון ייִדישע דעכער און לעקן די וואַנט פונעם בית=המדרש. ער גיט טרוקענע שיינע פּאַגאָדע, די ווייבער זאָל גוט זיין צו גיין פּרייטיק אין יאַטקע, אין מאַרק אַריין, איינצוקויפן אויף שבת. ער מאַכט אַ גרויס גערעטעניש אין קאַרטאָפליעס, ציבעלעס און קנאָבל, — ייִדעלעך, נעבעך, זאָלן האָבן וואָס צו עסן. הכלל, ער דרעמלט נישט און שלאָפט נישט דער היטער פון ישראל, ער אַרבעט מעשים, קערט אַ וועלט נאָר צוליב זיי, צוליב זיי... דערפאַר בלאָזן אים

ייִדן שופר, זינגען אים אַ מלך=עליון און שפּרינגען קדוש, דערפֿאַר מאַכן
זיי פֿון זיין כבוד וועגן אַ לאָקשן=קוגל — שבת, קנײדלעך און כרעמזלעך —
פּסח און גייען אַ טענצל לעבעדיק=פֿריילעך צו די הקפֿות שמחת=תורה.
חנוכה דאַנקען זיי אים אָפּ מיט אַ דריידל, פּורים מיט אַ המן=קלעפּל, פֿאַר=
שמעלן זיך און מאַכן די פּורים=שפּיל, די גאַנצע קאָמעדיע אַלץ לשם=
שמים, צוליב זיין הייליקן נאָמענס וועגן... נאָך איין שטאָט, אמת, איז אים
געווען באַקאַנט, וועלכע עס האָט געשוועבט פֿאַר אים עפּעס ווי אין דער
ליפֿטן, געשווייבלט און געגריבלט מיט גאַנצע מחנות מלאכים, פֿליגל=
אַדיוטאַנטן, און קוריערן פֿון גאָט=ברוך=הוא צו די קינדער ישראל — דאָס
איז די הייליקע שטאָט ירושלים, וווּ ייִדן ליגן באַגראָבן אין דער ערד,
אין ארץ=ישראל=ערד, טאַקע נאָר לעבעדיקע מתים, וואָס פֿוילן נישט און
עס האַלט זיך זייער געביין; וווּ ייִדן האָבן אַ פֿייג... אייַלבערטן, טייטלען,
מילגרוימען, און ציגן עסן דאָרט באָקסהאָרן. נאָר, אוי=וויי! ירושלים איז
אָבער אַצינד וויסט, חרוב, אוים שטאָט, אוים וועלט און פֿאַר אונדז,
ייִדישע קינדער, איז היינט אַ לעבן דאָ, אין קאַבצאַנסק — אין קאַבצאַנסק,
אין גלות. דער קאַבצאַנסקער גלות איז דענסטמאָל אין הערשעלעס אויגן
באַשטאַנען פֿון גאַווריליאָ דעם שבת=גוי, וואָס שנייצט אָפּ שבת די ליכט,
נעמט אַראָפּ פֿונעם טיש די מעשענע לייכטער, און הייצט ביי ייִדן די הרו=
בעס; פֿון טעקלע, וואָס וואַשט גרעט, שווענקט איבער געל=גרינע ווינדלעך
פֿון ייִדישע קינדער און מעלקט די קי; פֿון קאָנדראַט דעם שיכור, וואָס פֿאַר
אַ גלעזל בראָנפֿן פֿאַרקויפֿט מען אים דעם גאַנצן קאַבצאַנסקער חמץ; פֿונעם
פּריץ, וואָס ייִדן האַלטן ביי אים אַרענדעס, דערנערן זיך דערפֿון מיט ווייב
און קינדער און מוזן, נעבעך, פֿון יוצא וועגן, אים צאָלן ראַטע, וואָס מוזן,
נעבעך, צו אים אָנקומען אונטער אַ יום=טוב, ער זאָל זיי שענקען זעקלעך
קאַרטאָפֿליעס, אינדיקעס און ווייץ אויף מצה און — וויי, וויי געשריגן!
ערגער נאָך ווי אַלע — פֿון מיטקע דעם קליין שייגעצל און זשוקל זיין קליין
הינטל, פֿאַר וועלכן נישט נאָר קליינע ייִנגלעך האָבן געציטערט, אויך ייִדן
מיט בערד, באַווייבטע, גרויסע תקיפֿים, פֿלעגן האָבן דאָס ניין=יעריקע און
פֿאַר אים פֿאַר אַ מייל אַנטלויפֿן; גאָט ווייסט, צו וואָס דער בימערער
גלות של מיטקע וואָלט געפֿירט, ווען ער זאָל זיך ציען שטענדיק...

אַ נס נאָר איז געשען, וואָס מיטקע האָט ליב געהאַט אַ ייִדיש שטיקל
חלה. פֿון אַ שטיקל חלה, וואָס מע פֿלעגט אים אונטערדרוקן ביירעש, איז ער
געוויינטלעך אויף אַ געוויסער צייט געוואָרן גוט, ווייך ווי אַ טייג, האָט זיך באַ=
לעקט און געקוקט שוין אַנדערש אויף ייִדישע קינדער. וואָס ייִנגלעך האָבן
פֿריער נישט געטאָרט, האָבן זיי שוין געמעגט. יעקבס טאָפּ ליגדזן איז

געבליבן אויף תמיד טאַקע זייער אַ גוט מיטל. ווער שמועסט, אַ יידיש שטיקל געפילטע פיש, איז גאָר אַ וווּנדער! נאָר חוץ די אַלע זאַכן, איז דאָך מיטקע נישט מער געווען ווי אַ נאַריש יינגל און טאַקע אַליין ליב געהאַט אָפּטאָן מעשים, שטיפן מיט חברה קונדסים. ביים שפּילן זיך איז ער מיט זיין גראָבן קאָפּ שוין געלעגן ביי אונדז אין די הענט. אַ פּערדל איז ער געווען זייער אַ ווילס, כוח צו לויפן, צו הריגען מיט די פיס, האָט ער געהאַט, און זיי, מיט זייערע יידישע קעפּלעך, פלעגן אויף אים פאָרן רייטנדיק, דערלאַנגען אים הינטערווייליכץ אַ שמיצל און פירן אים ביי דער נאָז, וווּהין זיי האָבן געוואָלט... האָבן זיי עפּעס געמייסטערט, געשטעלט אַ מילעכן ערגעץ אויף אַ רינשטאָקל, האָט ער מער נישט געטויגט ווי נאָר דערצו, צו ברענגען זאַמד, טראָגן שטיינער, גראָבן די ערד און קריכן אין בלאָטע. יידישע קינדער פלעגן זיך נאָר קוועטשן, אונטערהעלפן אים מיט אַ סאָפּען, מאַכנדיק: האַ-האַ, אַרבעט, טו, מיטקע, אַזוי, אַזוי!... אַצינד, אַז מיטקע איז פון אַ שייגעצל געוואָרן אַ גרויסער גוי, איז אפשר מעגלעך, אַז ער איז ערגעץ אין דער וועלט היינט אַ גאַנצער פּריץ און טוט דאָס אייגענע, וואָס אין דער יוגנט: נעמט ביי דעם און ביי יענעם און איז נישט פויל אויף דער האַנט.

זשוקל איז אויך נישט געווען קיין שלעכט הינטל: פאַר אַ שטיקל ברויט פלעגט ער סלוזשען, שטיין אויף די לאַפּקעס און דרייען מיט דעם וויידל. און הגם אַ שטיקל ברויט האָט אַ גרויסן ווערט ביי קאַבצאַנסקער יידן, פונדעסטוועגן האָט זיך קיינער דערויף נישט געמאַכט אונטערוואַרפן עס אַמאָל זשוקלען, טראַכטנדיק ביי זיך: לאָמיר אַ הונט פאַרשטאָפּן דאָס מויל. ניבײַ ניע לאַיע, לאָז ער נישט בילן. — יידן מיט בערד פלעגן שמאָכן פאַר גרויס הנאה, ווען זשוקל האָט זיי אָנגעטאָן דעם כבוד אַ כאַפּ צו טאָן פון זייערע הענט דאָס ביינדל און געקוקט אויף זיי פריינדלעך, בשעת נאַקנדיק עס מיט די שאַרפע הינטישע ציין; פלעגן שמאָכן, גלעטן דאָס בערדל, טרייסטנדיק זיך מיט דער האָפענונג: „נו, חבר... פון היינט אָן זענען מיר שוין חבר. שוין אָן סכנות“... דערביי טאַקע זיך מאַכן קוראַזש אָנצורירן פונדערווייטנס זשוקלען, מיט אַ שפּיץ פינגער אַ גלעט צו טאָן אים ביים קעפּל, און אַז מען איז שוין יאָ אַ שטיקל חשוב ביים הונט, פרוון דערווייל טאַקע אָנצורייצן אים אויף אנדערע: „אַטו-נאַ, קוסאַי!“ — ווי דער שטייגער איז פון אַ יידן אַ תקיף...

היינט, אין די עלטערע יאָרן, ווייסט אונדזער הערשעלע שוין, אַז יידן צווישן אַלע מענטשן אויף דער וועלט זענען די הענער, וואָס ליגן שטענדיק אונטערן פּיעקעלעק לעבן וויב און קינדער. דאָס הויזגעזונט איז ביי אַ יידן

דאָס גאַנצע לעבן, טיף איינגעבאַקן אים אין האַרצן, און דער טאַטע זייגער, אין דרינען געווען א ייד שביידן, א האָן שבהענער. ער ווייסט היינט וויל, אַז דער טאַטע האָט אים זייער ליב געהאַט, נאָר דאָס איז געווען אַ פאַרבאָרגענע ליבשאַפט אינעווייניק אין האַרצן, אויפן יידישן שטייגער, אין פּנים אָבער האָט מען עס אים נישט אַרויסגעזען. פאַרקערט, אויפן פּנים איז אים שטענדיק געלעגן אַ פינצטערע כמאַרע. ער האָט געקוקט עפּעס ווי בייז, אָנגעלאָדן, מיט אַ ביטער־זויערער מינע. ס׳איז אים עפּעס ווי נישט אָנגעשטאַנען צו רעדן, לאַכן, נאַריש צו מאַכן זיך מיט די קינדער, האַלטנדיק אין דער סברא, אַז פאַר אַ טאַטן פּאַסט נישט אַזעלכע זאַכן. קינדער באַדאַרפן פאַר אַ טאַטן מורא האָבן, וויסן דרך־ארץ, אין זיינע אויגן נישט אונטערשטעלן זיך הויך רעדן, אַ לאַך צו טאָן, חלילה, און באַדאַרפן גיין אויף די שפּיץ פינגער. האָט זיך אַמאָל אַ קינד פאַרזינדיקט מיט אַ הויך קול, מיט אַ געלעכטער און עפּעס אַ פרייע באַוועגונג, איז אים עס, נישקשה, באַקעם אויסגעפאַלן פון טאַטנס א בליק, וואָס האָט אים דורך־און־דורך געשטאָכן. מיט דעם ווייב האָט ער פאַר פרעמדע, אויך פאַר אייגענע מענטשקאַרג־וואָס גערעדט, זי נישט גערופן ביי דעם נאָמען, נאָר געזאָגט געווינטלעך: דו, הערסטו! און אַמאָל אויך: טיפּשה. אין האַרצן איז ער געווען צו איר טאַקע זייער גוט, גוט ווי די וועלט, נאָר אַרויסווייזן עס באַשיימפּערלעך האָט ער עס פאַר זיך געהאַלטן פאַר אַן אומכבוד, עפּעס בריקרע, נישט שיין פאַר אַ יידן. ער — איז דאָך ער, אַ מאַנספאַרשוין, אַ ייד, און זי איז אַ זי, נאָך אַלע זאַכן פאָרט נישט מער ווי אַ נקבה, אַ יידענע... ער איז געווען אין דעם הויזגעזינד טאַקע אַן אמתער האָן, וואָס פירט זיך שטענדיק אַרום מיט דער הון און מיט איר פליד, זוכט, קראַצט פאַר זיי אויס ווערעמלעך, שפּייז פון אונטער דער ערד. נאָר זאָל פרוון אַ הינדל עפּעס טאָן נישט ווי זיין ווילן, גיט ער עס אַ פּיק אין קעפּל. ער גייט פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך, די אייגלעך פייערן אים, קוקט מיט גדלות און בכדי צו באַווייזן, וואָס אַזוינס ער איז, טוט ער אַ קלאַפּ מיט די פליגל, מאַכט אַ המלך, אַ ברייטן, גרויסן קוקוריקו! דאָס באַטייט: תרבות, הינער, ווייסט, ווער עלטער איז!...

צוגעלאָזט און באַרעדעוודיק איז דער טאַטע געווען נאָר אין אַזעלכע געווייסע פעל, ווען אַ קינד, אַשטייגער, איז קראַנק געווען. דעמאָלט איז ער פון אים נישט אָפּגעטראָטן אויף אַ טריט. האָט עס געגלעט, געטאַפּט ביים שטערן, איינגענומען מיט גוטע רייד און צוגעזאָגט מתנות, שיינע שפּילעכלעך, וויפל דאָס האַרץ גלוסט: אַ שיין הילצערן שווערדל אויף תשעה־באב, אָפּגעפאַרבט מיט שוואַרצע יאַגדעס, אַ גראַגער, אַ דריידל,

אַ פֿאָן מיט אַ רויטן עפּל, אַרויפֿגעשטעקט אויבן, דערביי טאַקע נאָכגעמאַכט ווי אַ גראַגער גראַגערט, ווי אַ דריידל דרייט זיך, זומזעט און ווי ייִנגלעך מיט פֿאָנען גייען צו די הקפֿות, קוויטשען: עוזר דלים הושיעה נאַ! אָט אַזוי, אַזוי... בכדי אַרויסצובאַקומען דערמיט ביים קראַנקן קינד, נעבעך, כאָטש אַ קליין שמייכעלע. איז עס אים געראָטן איז ער געווען איבערגליקלעך. אָדער, אַשטייגער, ווען עפּעס אַ שמחה, אַ יום=טוב און מייסטנס פּסח צום סדר, אַז ער איז געזעסן אָנגעלענט, ווי אַ פּריץ, אויף דער עסע=בעט אין קיטל, דאָס ווייב קלאָר=ווייס אָנגעטאָן לעבן אים, ער האָט זי גערופֿן מלכה, זי אים — מלך. ביידע האָבן געלויכטן, געקוקט מיט שייַנענדיקע אויגן, דאָס איינער אויפֿן אַנדערן, דאָס אויף די כוסות, אויף דעם טעלער, אין וועלכן עס ליגן שיין, פֿיין אויסגעלייגט ווי געהעריק: די זרוע אין דער רעכטער האַנט, אונטן חרוסת, דאָס איי אין דער לינקער האַנט, אונטן כרפּס, גרינס פֿון פּעטרעשקע און צווישן זיי מרור, געריבענער כריין.

נאָר מחיה. „אַנו, הערשעלע — פֿלעגט מאַכן דער טאַטע, — אָנגעמענדיק דאָס קינד פֿאַרן בעקעלע, — פֿרעג מיך, הערשעלע, די פֿיר קשיות“. הערשעלע האָט זיך צעשאָקלט, אָנגעהויבן הויך אויפֿן בייקולכן, מאַכנדיק דערביי מיטן גראָבן פֿינגער: „טאַטע! איך וועל דיך פֿרעגן, טאַטע, פֿיר קשיות!“ און אָפּגעקנאַקט לעבעדיק איין קשיא נאָך דער אַנדערער. דענסטמאָל איז מען פֿריי געווען צו רעדן, צו לאַכן, וויפֿל מע וויל: הפֿקר אַ וועלט. די קינדער פֿלעגן זיך אָנשיכורן מיט גאַנצע כוסות לאַקערייצע, וואָס די מאַמע האָט אָנגעקאָכט אין יענעם גרויסן פּסחדיקן טאָפּ, און פֿלוירערן אויף וואָס די וועלט שטייט.

אַ חוץ די דאָזיקע פֿעל איז די מורא פֿאַרן טאַטן געווען גרויס. אין שטוב איז אונדזער הערשעלע, ווי די אַלע איבעריקע קינדער, געווען שטיל, גאָר אָבער ווי אַ שטיל וואַסערל, וואָס גראָבט טיף. צווישן זיך פֿלעגן די קינדער שטילערהייט אָפּטאָן מעשים, קריגן זיך, נאָכקרימען זיך אויפֿן ווינק, איינער דעם אַנדערן אַרויסשטעלן פֿייגן, דערלאַנגען אַ זעץ, אַ קניפּ און שאַ. איטלעכער האָט געוויינטלעך געהאַט זיינעם אויף צו קריגן זיך. הערשעלעס צו=להכעיסניק איז געווען חנא=לעמל. זיי זענען געווען פֿייער און וואַסער, צוויי נישט קיין גלייכע מענטשן. חנא=לעמל האָט געוואָלט, ווי אַן עלטערער ברודער, וואָס אָט באַלד אַ חתן=בחורל, לערנען דעם ייִנגערן דרך=ארץ. עס האָט אים געברענט, פֿאַרוואָס דער טאַטע זעצט שבת ביים טיש הערשעלען נאָענט לעבן זיך און שמעלצט זיך גאָר הערנדיק, ווי ער טערלייקעט „כל=מקדש“ און האַלט אים אונטער אין די זמירות אויף

אַ דין=קוויטשיק קולכן. ער פלעגט דעריבער אַלץ קריכן צום טאַטן אויף
הערשעלען מיט מסירות, בכדי צו פאַרמיאוסן אים אין זיינע אויגן, און
שטילערהייט צווישן זיך פלעגט ער נאָכקרימען הערשעלען, ווי ער טרעליי=
קעט, אַריינשטעקן דערביי אַ פינגער אין גאָרגעלע, שאָקלען דאָס קעפּל און
אָנגעבלאָזן זיך ווי אַן אינדיק. הערשעלע פלעגט זידן ווי אַ קעסל, ארויס=
שטעקן דאָס צינגל און מיט אויפגעשטעלטע קולאַקלעך מאַכן אין איין
כעס: „פוקע זיך, חנקע=לעמלדריק!" אָבער אַלץ שטיל, מע זאָל נישט
הערן.

אין שטוב איז הערשעלע געווען ווי אַ שטאַרק אָנגעבלאָזן פּאַבירל, זיך
איינגעהאַלטן, קיין פּאַרע זאָל מען פון אים נישט הערן, אַקעגן זשע אָבער
אינדרויסן, האָט דאָס פּאַבירל געלאָפּנגעט און ס'איז ארויס פריי אַלצדינג,
וואָס אינעווייניק אין אים האָט געשטיקט. דאָרט איז ער געווען אַ פייער,
אַ שפּירט, איין קונדס אין דער וועלט. ער האָט זיך איבערגעשלאָגן מיט
אַלע ייִנגלעך און ארויסגעוויזן זיין גרויס בריהשאַפט. אין שטיינער וואַרפן,
כאַפּן אַ ציג פאַר די הערנער און זעצן זיך אויף איר רייטנדיק; אָנגעמען
פּלוצעם דעם קאַבצאַנסקער קהלשן צאַפּ פאַר דער באָרד און אויסרייסן
אים אַ פולן הויפן האָר; שטעכן חתן=כלה אונטער דער חופּה מיט שפּיל=
יטס; נאָכלויפן אַ משוגענעם אויף דער גאַס; אונטערכאַפּן זיך הינטער
אַ וואָגן, בשעת פאָרנדיק געשווינד, — דערצו איז ער געווען איין בריה
מאַקע. ווייסע=חברה האָט דעריבער פון אים שטאַרק געהאַלטן און אים
מכבד געווען מיט כהן אין אלע קונדסקע זאכן. אין די מלחמות צווישן
די קונדסים, איז ער געווען דער גענעראל, מיט עפּעס א פּאַפּירן שקאָר=
מיצל פון אַ בשמים=קרעמל אויפן קאָפּ, אַרומגעשטעקט מיט פעדערן. די
גבורה און דאָס גאַנצע גרויסקייט זיינס איז באַשטאַנען אין פיטשקען,
וואָס ער האָט געהייסן איטלעכן מקיים פּסק זיין, גלאַט אַזוי זיך פון זיין
כבוד וועגן. און אַז דער גענעראַל, הערשעלע לייזער=יאַנקלס, האָט באַפוילן
— איז מחויב געווען איטלעכער, פון דעם קלענסטן ביז דעם עלטסטן, באַלד
צו פאָלגן. בשעת פרידן, נישט קיין מלחמה=צייט, פלעגט אונדזער הערשעלע
מיט דעם גאַנצן פעקל ייִנגלעך זיך אָפּגעבן מיט אַנדערע געשעפטן, און
געשעפטן זענען געווען זייער פיל, ברוך=השם, אין איטלעכער צייט.

זומר ביימאָג פלעגט ער פירן ווייסע חברה באָדן זיך אין קאַבצאַנסקער
טייך — א גרויסער רינשטאָק מיט א פאַרשימלטער בלאָטע ביים ברעג, וווּ
שטאָט=חזירים זענען געלעגן איינגעזונקען טיף ביז איבער די אויערן,
אַרויסשטעקנדיק נאָר דאָס פיסקל. דער גאַנג אַהין איז געווען לעבעדיק=
רעשיק, מאַקע ווי מען זאָגט, בעגראַנדע, נישט אויסגעלאָזן איין זאַך אויפן

וועג, מע זאָל עס נישט באַרירן. יונגע געגרזלעך צעלויפן זיך, אונטערפּליענדיק אַ ביסל מיט די קליינע, נאָך נישט גוט באַפעדערטע פליגעלעך; דער גאַנצער סאָפּעט, סמאָרעט מיט די נעזלעכער, אויסקרימענדיק דעם העלדז ווי אַ שלשלת. דאָס קעלבל דאָרט איז זיך מטריח אויפצושטיין פון דעם גראָז, שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן, רוקט זיך אָפּ אויף עטלעכע טריט, וואַרפנדיק מיטן קאָפּ און אָנבייגנדיק דעם שטערן צו דער ערד, פאַררייסט דערנאָך דעם ווידל און אַוועק, אַוועק... חברה שפּיליעט זיך אָפּ, קנעפּלט זיך אָפּ, נאָך גייענדיק, אין איילעניש, אַזוי אַז צוקומענדיק צום ברעג טייך, פאַלט פון איטלעכן דאָס אָנטאָן פּלוצעם אַראָפּ — און פוץ אין וואַסער אַריין, בול-בול-בול! —

צווישן מנחה און מעריב איז ווייסע חברה זיך צונויפגעקומען אויפן יריד אין בית-מדרש, אין פאַלעש דאָרט, איטלעכער מיט זיין מין סחורה, און מע האָט געהאַנדלט געשמאַק. איינער בייט אַ קרומען אלטן טשוואָק אויף אַ מעשענעם קנאָפּ אָן אַן אויערל. דער אַנדערער טוט אַ ווייז אַ ניקל, אַ סווישטש און עס געפינען זיך דערויף צוויי שטאַרקע קונים, מיט שטיקלעך שפּיגל-גלאָז, פאַרצעלאַיענע שערבלעך פון קעשענעס. יענער מיט אַ גרינער פּאַטשערקע איז פאַרטיפט אין עסק מיט דעם חבר, וואָס באַרימט זיך מיט זיין נאָדל-טעשל און אַ ציגערן אויער-לעפעלע. הערשעלע אונדזערער איז דאָס געווען דער שאַצער און געכאַפּט פון אויבן פאַר זיין מי. געווייגטלעך לאָזט זיך דער יריד אויס מיט אַ קריג: קיינער איז נישט צופרידן, איטלעכער טענהט, ער האָט זיך מיאוס אָפּגענאַרט. עס האַלט שוין ביים פּאַטשן זיך; עפּעס אַ קונדס, מיט אַ פרישן געגרזן-געגעלע גערומייטערט צו, אַ טאַרעראַם, אַ געפילדער, ביז דער שמש לויפט אַרויס אין איין כעס מיט אַ היק: שקצים! און חברה צעלויפט זיך ווי די מייז, איטלעכער אין זיין ווינקעלע.

חנוכה-צייט האָט געפלאַקערט דאָס געשעפט מיט דריידלעך, פּורים-צייט — מיט מאַטעריאַל אויף המן קלעפּלעך, שבועות-צייט — מיט אויסגעבלאָזענע אייער, צו מאַכן פייגעלעך. הכלל, איטלעכער יום-טוב מיט זיין מין סחורה... צייט אויף צו האַנדלען איז, ברוך-השם, געווען גענוג, ווייל דער מלמד פון דער תלמוד-תורה, ווו אונדזער הערשעלע האָט געלערנט, איז אַליין געווען שטענדיק פאַרנומען מיט זייער פיל געשעפטן, אָן עין-הרע. ער איז געווען אַ שטיקל שדכן. פול געווען אויף אַלע חתונות, בריתן און לוויות, געווען אַ באַשטענדיקער עדות אויף גטן. חוץ דעם האָט ער באַדאַרפט אָפּשפּרעכן עין-הרעס, איבערקוקן מזוזות און פון אַלע מלאכות זיך אָפּרייסן צייט דאַנערשטיק און פרייטיק מיט אַ פושקעלע אין די היי-

זער אָרומצוגיין. נאָך דעם שבת מעג מען אים נאָכזאָגן, אַז די שעה צייט, וועלכע ער האָט זיך גענומען צום קנעלן, האָט ער געאַרבעט געשמאַק מיט אַלע כלים. די דאָזיקע קורצע צייט איז אים גאַנץ גענוג געווען אויף איבערצושמייסן אַלע קינדער און ס'איז אים נאָך איבערגעבליבן עטלעכע ליידיקע מינוט צייט אויף צושפּאַרן זיך מיטן קאָפּ צום טיש, אַ ביסל זיך אויסרוען, אָדער קראַצן די באָרד, קרעכצן, גענעצן וכדומה אַזעלכע מלאכות. אויף הערשעלען פלעגט ער זאָגן: הערשעלע איז א גרויסער קונדס, אָבער אַ ווויל יינגל מיט אַ גוט קעפּל. די מאַמע פלעגט, הערנדיק אַזוינס, זיך דערמאָנען אין איר חלום, ווי גדליה־הערש, עליו־השלום, האָט ווייזנדיק אויפן קינד געזאָגט: „ער וועט זיין אַ גוט שטיקל אַרבעט, אַ שאַרפע נאָדל מיט אַ שפּיצעכדיק קעפּל“, און פאַר נחת זיך געשמאָלצן. דער טאַטע זשע אַקעגן, אויסהערנדיק אויף אים מסירות, ווי ער איז פאַרשייט, פלעגט מאַכן געווינטלעך מיט אַ שטעכווערטל: יענעמס נאָמען מיט יענעמס נאַטור. עס זאָל פעלן אַ האָר! יענער, עליו־השלום, האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געפּאָרעט מיט לעבער און דער הייגט איז אויך פול אין אַלע לעבער. ער פּאָרעט זיך אויך און מאַכט נאָך לעבער... דאָס איז געווען אָנצוהערעניש אקעגן יענער מעשה, וואָס מיט הערשעלען איז זיך פאַרלאָפן, אַזוי ווי ווייטער וועט שטיין.

דאָס פערטע קאַפּיטל

ויהי היום, און ס'איז געווען אַמאָל, איז אין קאַבצאַנסק אַ גרויס וווּנדער געשען. פּלוצעם, מע ווייסט נישט ווי און ווי אַרום, איז פון ערגעץ א דאָקטער מיטאַמאָל אָנגעקומען, עפּעס אַזוי ווי פונעם הימל אַראָפּגעפאַלן. יידן בכלל, אַז זיי דערהערן נאָר אַ דאָקטער, רופט זיך זיי אָפּ אַלע קראַנקהייטן און דערפילן איטלעכער זיינע ווייטעקן. בימי ירחמיאל הרופא, פאַר אונדזער ירחמיאל דעם רופא, וזוגתו יאכנע הרופאת, און זיין ווייב יאכנע די רופאטע, איז אין קאַבצאַנסק שטענדיק געווען מיט חסד. ביי יידן האָבן די קראַנקהייטן געבורטשעט אינעווייניק און מע האָט זיך געמאַכט נישט ווייסנדיק. דער רופא האָט געטאָן זיינס, געגעבן ראַטונקעס: געגאָלט, געשוירן, געשטעלט באַנקעס, פּיאַווקעס, געלאָזט צו דער אָדער, געצאַפּט בלוט פון די מאַנסבילן, און די רופאטע פון איר זייט האָט געטאָן אירס, געצאַפּט בלוט ביי די ווייבער. מען איז פאַרשלאָפט געוואָרן און געשטאָרבן אָן חכמות, אָן גרויס הולעניש. גאָרנישט, מע האָט זיך פּלוצעם געלייגט

אין פלוצעם צוגעמאַכט אַן אויג, נישט באַדאָרפן דווקא האָבן דערצו פריער רעצעפטן און אַפטייקן... זיבעציק יאָר — אַזוי איז שוין אין דער וועלט געשטעלט — קומט דאָך אַ מענטשן צו לעבן, דערויף איז דאָך דאָ בפירוש אַ פסוק אין תהילים, וואָס אַפיקורסים אַפילו קאָנען עס אויך נישט אָפּלייקענען. אַי, וואָס, מע שטאַרבט פריער פאַר דער צייט, דרינען איז נישט שולדיק קיינער, נישט ירחמיאל דער רופא מיט זיין קלאַפּערגעצייג, נישט יאַכנע די רופאטע מיט איר קלאַפּערגעצייג און אויך נישט דער פסוק, להבדיל. שולדיק אינגאַנצן זענען די חטאים... די חטאים אין שטעטל. דעם, יענעם האָט זיך פאַרגלוסט, וואָס מע טאָר נישט... און דערויף איז דאָך דאָ אַ רב, זאָל געזונט זיין, מיט אַ קאָמיסיע שייגע יידן, די זאַך אָנצושמעקן און ארויסצופירן עס, ווי בוימל אויפן וואַסער. אַזוי האָט עס זיך געפירט און פירט זיך אויף אַזאַ שטייגער שטענדיק. נאָר מיט דעם דאָקטערס אַ ווייז געבן זיך אין קאַבצאַנסק האָט, ווי קראָפּעווע נאָך דעם ערשטן זומער־רעגן, אַרויסגעשפּראָצט מיטאַמאָל שלאַפקייטן אַלערליי, אָן אַ צאָל: ספּאַזמעס, בויכווייטעק, שטעכעניש אין די קריזשעס, שפּאַרעניש אונטערן לעפעלע, קוועטשעניש, בייסעניש, מכות, געשווירן — און אונזער יידישע קראַנקהייט, מערירן, איז פון דער פאַרבאָרגעניש ארויס גאַנץ אָפן, זיך אַנטפּלעקט, ווי עס געהער צו זיין, מיט אַלע פּיטשעווקעס... נישט געווען איין ייד אַ גאַנצער, אָן אַ חסרון. יונג און אַלט זענען צום דאָקטער געלאָפן אויסלאַטען און פאַרריכטן אַ ביסל דאָס געזונט. קליינע קינדער מיט גרויסע בייכלעך און דינע פיסלעך האָבן מאַמעס אויף די הענט געטראָגן און צו אים געלאָפן. גאַנץ קאַבצאַנסק, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז איין ביקור־חולים, אַלע זענען צעבראָכן. גאָט דער לעבעדיקער ווייס, מיט וואָס עס וואָלט זיך אויסגעלאָזט, ווען דער דאָקטער זאָל נישט געווען אַזוי פּלוצעם, ווי ער האָט זיך באַוויזן, אַזוי פּלוצעם אויך פאַרשווינדן. יידן פאַרגעסן זיך ווידער די ווייטעקן, הערן זיך נישט צו, שלעפּן זיך אַרום, כל־זמן עס דינען זיי די פיס, און לעבן, ווי דער שטייגער איז, מיט דעם אימפּעט... ירחמיאל דער רופא קריכט ווידער אַרויס, ווי די לבנה נאָכדעם אַז די זון פאַרגייט, אַרבעט אויף אַלע כלים און יידן — שטאַרבן מיט חסר...

הערשעלען אָבער איז דער דאָקטער פונעם זינען נישט אַרויסגעגאַנגען. די גאַנצע מעשה איז אים זייער געפעלן. עס גלוסט זיך אים ווערן אַ דאָקטער, אים נאָכצוטאָן און צו מאַכן, ווי ער, די גאַנצע שפּיל מיט דער ווייסער חברה. קינדער האָבן, ווי די מאַלפּעס, ליב נאָכצוטאָן די גרויסע אין אַלע זאַכן. ווי זאָגט מען עפּעס: קינדער קייען, וואָס אַלטע שפּייען.

וויסע חברה קרוינען למזל אונדזער הערשעלען פֿאַר אַ דאָקטער און די שפּיל הייבט זיך אין אַ גוטער שעה אָן. הערשעלע ווערט צוליב זיך, צוליב זיין כבוד, אַ גוטער און זאָרגט זיך קלאָמפּערשט פֿאַר זיינע חברים געזונט, ווינטשנדיק דערביי טאַקע פֿונעם גאַנצן האַרצן: אָ, קרענקען זאָלן זיי, רבונו־של־עולם, און באַדאַרפֿן צו זיין הילף אָנקומען...

פּריוואַטיק איינמאָל אינדערפֿרי, אַז דער מאַמען איז מיט בויכווייטעק אָנגעקומען צו נעמען אין קלייטל אויף באָרג פּעפּער, צימערינג און מעל אויף שבת, לקחנט אונדזער הערשעלע שטילערהייט אַראָפּ צו ביסלעך פֿון די דאָזיקע זאַכן און אַוועק שאַ, קיטש אַהין, אויפֿן פֿרייען גראָז, אויפֿן ליידיקן פּלאַץ הינטער דער שטוב. ער זעצט זיך דאָרט לעבן פּלויט, פֿאַר אים שטייט אַ קליין פּאַפּירן קעסטעלע, וואָס קאָסט אים דריי קנעפּלעך מיט אַ יערכן ביטעלע אַ צוגאָב דערצו. אין קעסטעלע געפֿינען זיך עטלעכע קליינע פֿלעשעלעך, פֿאַר וועלכע אַ חבר זיינער האָט ביי אים גענומען אַ נוס, אַ צווילינג, וואָס האַלטנדיק אים אין מויל ביי דעם ניס־שפּילן, איז ער אים שטאַרק מזלדיק געווען אויף אָפּצוזאָגן די קינדער; אויך אַ גרויסן זשוק מיט לאַנגע הערנער, געהאַנגען צוגעבונדן אויף אַ לאַנגער פֿעדערישער סטרונע. און בשעת די מאַמע פֿאַרעט זיך אין שטוב דאָרט, ברעכט, געבעך, זיך דעם קאָפּ, ווי־ס'איז פֿונעם ביסל מאַטעריאַלן עפּעס צו מאַכן, פֿאַרעט זיך אויך איר זונדל דאָ מיט דעם אַראָפּגעלקחנטן פּעפּער, צימערינג, מעל און שאר־ירקות, צו מאַכן דערפֿון רפֿואות, וואַסערלעך, טראָפּנס אין די פֿלעשעלעך. פֿאַרטיק מיט די רפֿואות, טראַכט ער ביי זיך: אַצינד ווו נעמט מען עפּעס אַ קראַנקן, טאַקע מיט אַ גוטער אמתער מכּה, צו באַווייזן די גרויסע קונץ אין דאָקטאָריע?

און ווי ער זעצט זיך אַזוי און טראַכט, דערזעט ער פֿונדערווייטנס, ווי משה־יאָסיע, אַ פֿאַרוואָרלאָזטער יתום, אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער, פֿאָרט אויף אַ שטעקן רייטנדיק און אַרבעט, נעבעך, פֿאַר אַלע גאָר אַ שרעק: פֿאַר דעם פֿורמאַן, אויך פֿאַר דעם פֿערדל און אויך פֿאַר דעם וואָגן. ער שמייסט דעם שטעקן, אָנטרייבנדיק אים מיט אַ געשריי: וויאָ, וויאָ! ער הייבט פֿיסלעך, פּוצט אויס דאָס בייכל, פֿאַרוואָרפֿנדיק אַהינטער דאָס קעפּל, הירזשעט ווי אַ פֿערד, שפּרינגט האָץ־האָץ און לויפֿט גאַלאָפּ; ער פּויקט מיט דער האַנט אויף די אָנגעפּוישטע באַקן, פֿון דער זייט אַ קלאַפּ, פֿון יענער זייט אַ קלאַפּ, כריפּעט, סקריפּעט און מאַכט אויף אַלערליי משונה קולות: טראַ־טראַם־טראַראַם! כואַי־כיפּ־סיפּ! ווי אַ קלאַפּעריי און אַ סקריפּ פֿון רעדער. ער יאָגט לעבעדיק, קנאַקנדיק־טשאַקנדיק, פּייפֿנדיק גלייך צו הערשעלען און, צוקומענדיק נאָענט, טוט ער אַ הירזשע, דערנאָך

אַ געשריי: טפררו! אויסלאַזנדיק מיט צענגאָרנדיקן כ־כ־כ־איפּ־סיפּ און שפּרינגט אַראָפּ פונעם שטעקן.

אונדזער הערשעלע פאַלט אויף אַ המצאה ביי משה־יאָסיעס אָנקומען און נישט לאַנג געטראַכט, מאַכט ער צו אים אויף קונדס־לשון אזוי:

— סויסע־סאָסיע, משה־יאָסיע, סו סילסט, דו ווילסט, סאַן סראַנסק, יין קראַנק?

— סיין, גיין! ענטפערט משה יאָסיע אָפּ, אויך אויף דעם אייגענעם לשון טאַקע. — סאָל סאָט, זאָל גאָט, סיטן היטן.

— זאָג יאָ, נאַרעלע. טאַקע גאָר אָן קאַטאָוועס. גענוג דיימש! — מאַכט הערשעלע. — לאָמיר רעדן פּראָסט יידיש. זאָג זשע יאָ, נאַרעלע. וואָס קאָן עס דיך אַרן? דו זיי קראַנק און איך וועל דיר געבן רפואות... נו, יו ווילסט?

— איך וויל, הערשעלע, איך וויל בעסער עסן.

— עסן?... עסן, משה־יאָסיעלע, האָב איך נישט, גאָר צוזאָגן אויף שפּעטער אמאָל יאָ, זאָג איך צו. נא דיר מיין האַנט תקיעת־כף: נו וועסט שוין זיין קראַנק, נאַרעלע?

— איך בין דאָך אָבער געזונט, הערשעלע.

— נישקשה, נאַרעלע, איך וועל דיך מאַכן קראַנק. איך וועל דיר טאָן אַ דראַפּעלע, אַ קליין דראַפּעלע אונטן אויפן פּוס, זעסטו, אָט מיט דעם טשוואָק.

אַזוי רעדט הערשעלע איין דעם חבר און נעמט פון דער פלודערן־קעשענע ארויס א פאַרזשאַווערטן טשוואָק.

— עס וועט דאָך אָבער וויי טאָן, הערשעלע!

— נאָר א קליין דראַפּעלע, משה־יאָסיעניו, ווי איך בין א ייד! עס וועט וויי טאָן א ווײַלע און באַלד טאַקע אויפהערן. איך וועל דאָך דיך היילן, איך מיין דאָך דיין טובה. וואָס דען? דיין טובה, נאַרעלע, מיין איך דאָך... און דו ווילסט עס נישט פאַרשטיין.

— גיב זשע מיר, אויב יאָ אזוי, באַלד טאַקע עסן. אי, בין איך הונ־געריק, הערשעלע!

— א גראַם א ביסל! — מאַכט הערשעלע, אָנברוגזנדיק זיך קלאָמ־פערשט. — גיי דיר, גיי! איך וויל אים היילן, טאָן א טובה, און ער עסן! פרעסן!...

אויף דעם דאָזיקן שמועס קומען אָן עטלעכע ווייסע־חברה־ניקעס. זיי קוועלן גאָר אָן פון הערשעלעס אַפּטייקל און פון דעם איינפאַל זיינעם. נעמען זיך שטאַרק צו משה־יאָסיען, איינצושמועסן אים מיט גוטע רייד:

— משה־יאָסיעניו, דו נאַרעלע איינער! אַבי מע מאַכט דיר נאָר קראַנק, וועט מען דיר דערנאָך, נישקשה, שוין אונטערדרוקן עפּעס קייען, די פאַרשטייסט?...

איטלעכער גיט אים די האַנט תקיעת־כּף, איבערשלאָגנדיק מיט א ציצה. משה־יאָסיע קוקט איבער די ציצה, אויב זי איז נישט, חלילה, קיין פּסול־דיקע, און אז ער זעט, זי איז כּשר, די אַלע אַכט פעדעם מיט די פיר קניפּלעך זענען ווי געהעריק איז, רופט ער זיך אָן, אויפשטעלנדיק א פינגער נעבן דער נאָז, מיט אן התראה:

— געדענקט זשע, קינדער! אויב נישט, וועט אייך גאָט שטראָפן. זאָגט אָמן!

משה־יאָסיע שטרעקט אויס, אין אַ גומער שעה, דעם פוס, די ייִנגלעך האַלטן אים גוט פון ביידע זייטן און הערשעלע נעמט זיך צו דער פּיאַטע זייגער מיט דעם משוואָק. פריער מאַכט ער פאַמעלעך א קליין דראַפּעלע, משה־יאָסיע פאַרבייסט די ליפּן און שווייגט; דערנאָך גייט ער אים אַריין אַ ביסל טיפער מיטן משוואָק, משה־יאָסיע מאַכט: אַי־אַי־אַי! — חברה רייסט אים: נישקשה. לאָז זיך, נאַרעלע, לאָז! מע וויל דאָך דיר געבן א רפואה... — הערשעלע איז נישט פויל און שטופּט דעם משוואָק אריין נאָך ווייטער, עס רינט בלוט, משה־יאָסיע רייסט זיך פון די ייִנגלעכס הענט און שרייט: געוואַלד!

— שאַ, שאַ, סוויסע־סאָסיע, משה־יאָסיע! נעמט אים אונטער הער־שעלע איין אויף קונדס־דייטש מיט א פריילעך האַרץ. — סיסאַקע, די מכּה דיר, האָב איך שוין געמאַכט. אצינד באַקומסטו פון מיר סגולה, א רפואה.

הערשעלע נעמט א פלעשעלע און גיסט זיינע טראָפּנס אויף משה־יאָסיעס פרישער וואונד. ער פאַרקרימט זיך, נעבעך, א שרעק, שרייט: „עס ברענט, געוואַלד עס ברענט!“ — נישט מיט זיין קול.

משה־יאָסיע האָט טאַקע געהאַט רעכט, געוויסט, נעבעך, וואָס ער שרייט. די טראָפּן זענען געווען צו שטאַרק פעפערדיק און געברענט, ווי פייער, דאָס רויע פלייש אים אין דער בלוטיקער מכּה. ער האָט זיך גע־צאַפּלט, געקרעכצט, און זיך פאַרגאַנגען וויינענדיק פאַר גרויס ווייטעק.

די קונדסים האָבן געכאַפּט א ציטער און זיך צעלאָפן. הערשעלע איז אויך אַנטלאָפן אַ ביסל אין דער זייט און זיך געשטעלט קוקן פון דאָרט אויף זיין חולה. א היפּשע צייט האָט ער, נעבעך, זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, שרייענדיק אַלץ אין איין קול: עס ברענט, ברענט! דערנאָך איז ער ווי־ס'איז אויפגעשטאַנען און האָט מיט א יאָמער, א קלאָג זיך

געלאָזט גיין זיין וועג, הינקענדיק שטאַרק אויף דעם רעכטן פוס. געקומען איז ער געזונט און אַוועקגעגאַנגען קראַנק. ער איז געקומען הונגעריק, נאָר לעבעדיק, פריילעך, הנאה האָבנדיק פון דער ליכטיקער וועלט, פונעם שיינעם פרימאָרגן — און האָט, פאַר גרויס גוטסקייט צו אים, באַקומען א מכה!...

משה־יאָסיע איז אַוועקגעלעגן א היפשע צייט מיט א פוס געשוואָלן ווי א באַרג און אויסגעקרענקט די טובה הערשעלעס. אז די דאָזיקע מעשה איז אָנגעקומען צום טאַטן דורך חנא־לעמל, אַלצדינג מיט איטלעכס פּי־צעלע, האָט ער אים גוט מכבד געווען, אז ער זאָל געדענקען, און ווי א טאַטע דעם זון געזאָגט מוסר אזוי:

— שקאָץ איינער! טובות ווילסטו טאָן? מאַד בעסער יענעם נישט קראַנק און פאַרשפּאָר, שקאָץ איינער, דערנאָך אים צו היילן, צו טאָן אים טובות. וואַרט נאָר, וואַרט, דו וועסט ביי מיר האָבן ט ו ב ו ת! א צענטן וועסטו פאַרזאָגן...

— בין איך דען איינער? — טענהט דער זון, וויינענדיק, און וויל די שולד אַרויפלייגן אויך אויף אַנדערע. — פאַרוואָס מענן יענע... יענע?

— שאַ, שקאָץ! — טוט דער טאַטע ביין א היק. — יענע זענען אויך אַזוינע שקצים ווי דו. דו הערסט, הערשל! מען איז מוחל דיר און דיין גלייכן אייערע שיינע טובות!...

דאָס פינפטע קאַפּיטל

אָך, ווען נישט דאָס עסן, ווען נישט דאָס עסן, וואָלט דאָס לעבן אין קאַבצאַנסק פאַר הערשעלען קינדרווייז געווען זייער א גליקלעכס, ווי אין גן־עדן! צייט אויף צו שטיפן, אַרומלויפן פריי, האָט ער געהאַט; א שיינעם נאָמען ביי וויסע־חברה האָט ער, ברוך־השם, געהאַט; עסקים אַלערליי האָט ער, נישט צו פאַרזינדיקן, אויך געהאַט: ער איז געווען א גענעראַל, א סוחר, אַלצדינג, וואָס איר ווילט און וואָס מאַכט יינגלעך איבערגליקלעך. נאָר איין קלייניקייט — אָט דאָס עסן, וואָס דאָס מענגדל זיינס פלעגט מאָנען עסן, דאָס האָט אים נאָר צעדרייט, פאַרשטערט די שמחה, ס'זענען געווען צייטן, ווען ער איז געקומען אַהיים הונגעריק נאָך אַזויפיל מי און אָנגעלאָפן זיך, נעבעך, געחלשט עסן, כאָטש וואָס־ס'איז, פון יוצא וועגן — און גאָרנישט, נישטאָ קיין לעק! ער פלעגט וויינען, זיך קראַצן, האַלטנדיק ביידע הענטלעך אין די האָר פונעם קאָפּ און שרייען, ביז ער איז

געבליבן ליגן אָן כוחות און אַנטשלאָפן געוואָרן. שפּעטער איז ער שוין מיט אַזעלכע זאַכן געוווינט געוואָרן און, אַז ער איז הונגעריק געווען, פלעגט ער מאַכן מיט די ליפּן און שווייגן. א רבין אויף שווייגן, אויף שטילערהייט לײַדן, האָט ער געהאַט קיילע־ריקלען.

זי איז געווען א שלאַפע, בלייך ווי די וואַנט, דער האַלדז געשוואָלן, איין אויער פארלייגט, פארשטעקט מיט וואַטע. זי פלעגט, נעבעך, איבערטראָגן איר שמערץ, אויך קעלט, הונגער, זיצנדיק איינגעגיורעט אין א ווינקל, ווי א שטילע טויב, און קוקן מיט א פּאָר פארטראַכטע, פּייכטע אויגן, שאַ, שטיל, נאָר וואָס זי פלעגט מיט א כאָרכלען שלינגען די סליונקעס און דערביי עפּעס משונה זיך קרומען. דאָס איז געווען א קרימען זיך נישט מיט גאַל, מיט בייזקייט אויף די גרויסע יסורים. ניין, דאָס גוטסקייט אין איר געלעגן אויפן פּנים. דאָס קרימען זיך האָט באַדייט גאָר פארקערט. זי טוט זיך, נעבעך, אָן א כוח, נישט ארויסצווייזן די ווייטעק מיט א הויכן זיפץ, ווען עס גיט איר אינעווייניק א צופּ, א קלעם. און אימלעכער קרום אירער האָט אויסגעריסן ביי יענעם א שטיק האַרץ.. אזא רבי קאָן לערנען שכל, מאַכן ווייך, גוט און פרום א סך בעסער ווי אַלע מוסר־ספרים, בעסער ווי יענע נאַרישע חכמים מיט זייערע עס־קווערע־לאַקריץ־זיסע שטראָף־רייד. אפילו וואַסקע דער קאַטער (איר ווייסט דאָך וועמען מע מיינט... יענעם, דאָרט אין קרילאָווס באַסניע), א פרעסער, א נאַשער, וואָס די נשמה זיינע ליגט אים נאָך צווישן די מעפּ, אפילו אים וואָלט אזא רבי צענומען — הלוואי ער זאָל אזעלכע נאָר האָבן! — עס וואָלט אים פארגאַנגען דער חשק צו סמעטענע און שמאַרק צופרידן געווען כאַטש מיט זויערמילך.

הערשעלע איז געווען א פארשייט קינד, א לעבעדיקס, א רירעוודיקס. קוים האָט ער זיך געשמעלט אויף די פיסלעך, א בליק געטאָן אויף גאָטס וועלטעלע ארום אים, איז דאָס וועלטעלע אים זייער שיין געפעלן, און חשק געהאַט, ווי א העזעלע, צו שפּרינגען, צו לעבן, נאָר דאָס לעבן האָט אים אָנגעקוקט ווי א שטיפמאַמע מיט א בייז פּנים: תרבות, יינגעלע! לאָז זיך א קבצן נישט גלוסטן... דאָס בייזע פינצטערע לעבן האָט אים אָפּגעשטעלט באַלד טאַקע ביים צעפירן זיך די הענטלעך; אים געגעבן צו פארשטיין דעם טעם פון נויט, פון הונגער; אים איינגעראָמט א סוד, ווער, מישטיינס־געזאָגט, ער איז, פונוואַנען, מישטיינס־געזאָגט, ער שטאַמט, לויטער קבצן, לויטער אומגליק... און אים געפרעגט די ערשטע קשיא: הערשעלע, וואָס איז מיט דיר אזוינס די שמחה?

הערשעלעס יוגנט איז פארגאנגען געשווינד, אָפּגעבליט גיך, און ער איז קינדווייז נאָך געוואָרן א קליין יידל: דערשלאָגן, פארטראַכט, מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים און אלע פּאַסטעמקעס פון א גרויסן, באַווייבטן יידן. עס האָט אים נאָר געפעלט א בערדל. דער ייד האָט אין זיין ביסל לעבן אויסצושטיין אזוי פיל מיני צרות און לייד, אז ס'בלייבט אים נישט קיין צייט פאר דער קינדהייט. זי גיט נאָר אויף א ווילע א שיין, ווי די זון אין א מיאוסן ווינטער־טאָג, און פארגייט טאקע באלד אין א גרויסער לאַנגער, פינצטערער כמאַרע. קוים קריכט דאָס יינגעלע ארויס פון די וויקעלעך און טוט זיך א שפּיל, גיט מען אים א כאַפּ צום טייטל... מען שלעפּט אויף אים ארויף דעם יאָך און וויאָ, וויאָ, יידל! —

אך, רבונו־של־עולם, גלוסט זיך עס מיר אצינד כאָטש פונדער־ווייטנס אָנקוקן דעם יידן, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון יענעם יידל, וועלכן מיר איז באַשערט געווען צו זען אַמאָל! דענסטמאָל איז ער נאָך נישט אלט געווען קיין צוויי קיילעכדיקע יאָר. איך געדענק נאָך ווי היינט זיינע צוויי פּאהקעלעך, זיין יארמעלקעלע, זיין שפּענצערל און לייבסערדאקל. עס שטייט מיר פאר די אויגן זיין בלייך, פינצטער פּנימל, ווי ער האָט זיך אנטפּלעקט פלוצעם פון א קליין אלקערל, צעשויבערט, איינגעטונקט אין פעדערן, פון די קישעלעך, אפּנים, אויף וועלכע ער איז געשלאָפן; ווי ער האָט זיך פּאַמעלעכן צוגערוקט אין שטוב צו דער מוטער, איר זיך גע־זיצט אויפן שויס, מיט די כשרע הענטעלעך ארויסבאַקומען איר פונעם בוזעם די ברוסט, געמאַכט אויף זיין זיס לשון א ברכה — שהכל, און געזויגן... אמן! האָב איך געענטפערט מיט כוונה, באַטראַכטנדיק מיט גרויס נחת דאָס זויגנדיקע קליינע יידל, אויך די מאַמע, געקוקט און גע־זאָגט: אַשריכם ישראל, אַז וויל איז אייך, פאָלק ישראל!...

מיט די קונדסים איז אונדזער הערשעלע טאַקע אַליין געווען חבר, האָט מיט זיי געשטיפט ווי פריער, נאָר דאָס איז געווע, אַז אַנדער מין שטיפן, שוין ערנסט, מיט באַרעכענונג, דערביי נישט א ריס צו טאָן די צעריסענע קאַפּאָטע, נישט בלייבן, חלילה, שטיין מיט א הוילן קאָפּ אָן א היטל, נישט ארויסצורייסן איינער ביים אַנדערן א האָר פון דער באָה, און מע האָט אין דעם שפּילן זיך מאַרלאַגנט אַלין נאָכצוטאָן די גרויסע; מיט א גרויסן צו רעדן, מיט א גרויסן זיך א ביסל דורכגיין, — דאָס איז געווינטלעך ביי קינדערשע קליינע יידלעך א כבוד, זייער א גרוי־סער. — גרויסע גייען כסדר נאָך די גראָדן פון אונטן ארויף: א חתן־בחור, א באַלעבעסל, א באלעבאָס, א כלי־קודש, פונעם שמש ביז דעם רב. באַלמעלאָכעס זענען צווישן יידן גאָר אנדערע מיני גרויסע, עפּעס

נישט אַהער, נישט אהין, האָבן געוויינטלעך אומגאַנג מיט יינגלעך, מאַכן זיך עפּטערס נאַריש מיט זיי און האָבן ביי די אמתע גרויסע איין פּנים, ווי זיי, הייסן אויך חברה־לייט, שקצים, יונגאַטשעס, ווי זיי.

הערשעלע הייבט אָן צו רייבן זיך אַרום די גרויסע, צוקוקנדיק זיך צו זייערע גענג און צוהערנדיק זיך צו זייער שמועס. זאָלן צוויי יידן זיך שטעלן ערגעץ שמועסן, וואַקסט נעבן זיי, ווי פון דער ערד, אוים הערשעלע, פאַררייסט דאָס קעפּל אַרויף און האָרכט מיט א האַלב אָפן מיילעכן. זאָלן גרויסע, עט, אַזוי זיך, א ביסל דורכגיין, שלעפּט זיך זיי הערשעלע פון הינטן נאָך, ווי א קו א קעלבל. א באָרד איז ביי הערשעלען גאָר קיין קאַטאָוועס נישט, אין איטלעכער באָרד שטעקט תורה און חכמה, א באָרד קען אַלצדינג, ווייסט אַלצדינג, וואָס א באָרד זאָגט, איז תורת לאָקשן. אַז ער האָט אַמאָל דערציילט יינגלעך עפּעס אַזוינס, וואָס איז אייסגעקומען משונה ווילד, פלעגט ער אויסלאָזן מיט די ווערטער: לאַכט נישט, לאַכט נישט, דאָס האָט געזאָגט א ייד מיט א באָרד. און אקעגן אזא ליגן מיט א וואָרצייכן איז שוין נישט געווען וואָס צו טענהן.

„קינדהווייז האָט הערשעלע געמיינט: גרויסע זענען עפּעס גאָר אַ מין אַנדער וועלט און קליינע זענען פאַר זיך א וועלט, און די דאָזיקע ביידע וועלטן געהערן זיך איינע מיט דער אנדערער נישט אָן. נאָר שפּעטער, שפּעטער האָב איך באַשיימפּערלעך ארויסגעזען, אַז ס'איז א גראָבער טעות. איין וועלט, כ'לעבן, מיט איינע התנהגות, איינע חכמות און איינע חצפות, קליין און גרויס, יונג און אַלט, וואָס מאַכט עס אויס? אַלע זענען יידישע קינדער. דער חילוק איז נאָר דאָס: אַ קליין קינד טאָר נישט און א גרויס קינד מעג. וואָס ביי קינדער מיט בערד הייסט א חכמה, גוטסקייט און פרומקייט, דאָס אייגענע טאַקע ביי קינדער אָן בערד רופט מען נאַרישקייטן, שקאָצעריי, יינגלשע זאַכן...“

אונדזער הערשעלע איז, ביים ווערן א קליין יידל, געשטאַנען מיט איין פוס צווישן די קליינע און מיט דעם אנדערן צווישן די גרויסע יידישע קינדער. מיט יענעם פוס צווישן די חברים איז ער געשטאַנען פעסט אויף דער ערד. קליינע יינגלעך שפּילן זיך פּשוט דאָ אויף אונדזער עולם, זענען ביים שטיפן מיט דעם גאַנצן קאָפּ אַריינגעטאָן אין אַזעלכע זאַכן, וואָס שטייען פאַר די אויגן און מע טאַפּט זיי אָן מיט דער האַנט. יענער פוס אָבער, וואָס צווישן די גרויסע, האָט געפילט אַמאָל, ווי עס פאַרשווינדט אונטער אים די ערד און בלייבט הענגען, עפּעס ווי אין דער לופטן; גרויסע קינדער, אַז זיי צעשפּילן זיך, פליען זיי אין הימל אַריין, פאַרקריכן שטיפנדיק העט־הויך, אַזוי אַז ס'כאַפּט אַזש אָן א שווינדל... שטייענדיק אַזוי

אויף משקולת, האָט הערשעלע זיך צוגעהערט צו די גרויסע מיט ביידע אויערן. און ווען ער זאָל האָבן אפילו נאָך עטלעכע פּאָר אויערן, וואָלט ער אַלע טאַקע געברויכט נאָך דערצו, ווייל זאַכן איך צו הערן איז געווען זייער פיל. הערשעלע האָט זיך אָנגעהערט ביי זיי מופתים און וואונדער גאָר אָן א צאָל — מעשיות פון יענער וועלט, וואָס אין גיהנום און אין גן־עדן טוט זיך, מיט איטלעכס פּיצעלע באַזונדער, גלייך ווי זיי וואָלטן ערשט פון דאָרט געקומען און אלצדינג געזען אליין מיט אייגענע אויגן; מעשיות פון גילגולים, פון מתים, וואָס גייען ארום אויפן עולם־התוהו; מעשיות פון די גוטע... און נישט־גוטע; מעשיות פון מלאכים און אליהו־הנביא, גאָטס משולחים, וואָס וואַנדרעווען אוים, ווו די וועלט האָט אן עק, און זענען פול אין איטלעכס ווינקעלע. דערביי איז דערציילט געוואָרן א וואונדערשיינע מעשה, וואָס האָט זיך אַמאָל, אמאָל געטראָפן טאַקע דאָ, אין קאַבצאַנסק, מיט וועלכער עס האָט געקלונגען און עס קלינגט נאָך עד־היום די וועלט — די מעשה איז אזוי געווען.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

בימי רבי שמעלקע, אין דער צייט ר׳ שמעלקעס, אז עלטערזיידע פון אינדזער עושר, ר׳ יודל קאַבצאַנסקער, האָט זיך איינמאָל אינטער אַ פּורים אין א שלעכטער ענגער צייט גאַנץ קאַבצאַנסק אוועקגעלאָזט קיין גלופּסק. איבערגעבליבן פון די אַלע מאַנסבילן איז נאָר ר׳ שמעלקע אַליין. ר׳ יודלס עלטערזיידע ר׳ שמעלקע, זכרונו־לברכה, אַ גוטער. אַ פרומער, מיט דעם פינטעלע ייד, פון דעם אלטנס חסידים, איז געווען נישט פאר קיין יידן געדאכט, א בעזדיעטניק. די אלע מיטל, וואָס ער האָט איבערגעטאָן צו האָבן כאָטש איין קינד, א קדיש, האָבן נישט געהאָלפן. ער האָט לסוף אוועקגעלייגט דעם בעל־שם, דעם טאַטער מיט דער טאָטעריז, להבדיל, און זיך גענומען צו דינען גאָט, וואָס דינען הייסט, מיט א ברען, נישט אויסצושפּאַנען זיך אויף א רגע פונעם יידישקייט. מילא, אז קאַבצאַנסק האָט זיך דאָ אוועקגעלאָזט, איז ר׳ שמעלקע געבליבן געפּלעפט: ס׳טייטש, פּורים וועט ער נישט דאַווענען און לייענען די מגילה מיט א מנין יידן! און וועמען וועט ער שיקן „משלוח־מנות?“ און מיט וועמען וועט ער מאַכן א כוסה, ווי גאָט האָט געבאָטן?

און ווי ער זיצט זיך דאָ אזוי אין איינע צרות, אסתר־תענית, צווישן טאָג און נאַכט, אָז א קאָפּ, עפנט זיך פלוצעם די טיר און עס קומען אריין

גיין פֿאַרשווינגען, דריי גרייז=גרויע אין ראַצעמאָרנע זשופּעצעס, איינער עפּעס אין א מין כאַלאַט מיט פּראָלקן, די באָרד צעקאָשמעט און אויפֿן קאָפּ א הויכער, שפּיצאַסטער ספּאָדעק. נאָך איינער אין א מין סוויטקע, אָדער א טשומערקע, מיט א לעדערנעם בייגאַרטל, דאָס פּנים באַוואַקסן מיט אַ וואַלד האָר. און נאָך איינער עפּעס אזוי ווי פֿאַרשלאָפֿן מיט א גראָבער רויטער נאָז, פֿיל אָנגעזעצט מיט בלאָטערן, ווייםפּערלעך, און האָט נישט געקאָנט איינשטיין אויף די פֿיס. די איבעריקע דריי פֿאַרשווינגען זענען געווען אָנגעטאָן עפּעס טערקיש, פֿאַרגט ברוסט=טיכלעך מיט פּליטערלעך, הינטן קורצע פֿאַרטעכלעך, נישט ווי מאַנסבילן, נישט ווי ווייבער. ביים אריינקומען האָבן זיי געקושט די מזוזה, מיט א געשריי: — א גוטן=אָוונט! א גוט=יום=טוב, רבי שמעלקע!

ר' שמעלקע גייט זיי אקעגן און גיט איטלעכן פֿון די פֿאַרשווינגען א ברייטן שלום=עליכם, מיט א פֿרעג, ווי דער שטייגער איז, פֿונוואַנען פֿאָרן עס יידן! יענע יידן ווי די טערקן האָט ער אָנגענומען פֿאַר ירושלמים און דעריבער האָט ער זיי געמאַכט גאָר א גרויסן ברוך=הבא, טראַכטנדיק ביי זיך: ווילע געסט, כ'לעבן! פֿון זיי וועט מען עס אָנהערן זיך אַ ביסל פֿון דער „מערת=המכפּלה“, פֿון דער מוטער רחלס קבר, און אפשר וועט מען ביי זיי קאָנען קויפֿן אַ זעקעלע ארץ=ישראל=ערד, אויף צו באַשיטן זיך נאָכן טויט, ווערעם זאָלן נישט עסן.

— ר' שמעלקע! — זאָגט די טשומערקע — די סוחרים מיינע פֿרעגן, אויב ס'איז מעגלעך ביי אייך צו האַלטן פּורים. זיי וועלן אייך גוט באַצאָלן.

— חלילה! — ענטפֿערט ר' שמעלקע. — געלט — בשום אופֿן נישט. זייער אָנגעלייגטע געסט, כ'לעבן! מיין לוין וועט שוין זיין דאָס, וואָס איך וועל מיט אזעלכע טייערע אורחים אָפּריכטן די סעודה גאַנץ פֿריילעך, יידישלעך, ווײַן און נאָך אנדערע משקה, ווישניק, מאַליניק, — האָב איך גענוג. פֿאַר גוים וועט מען קאָנען נעמען אַ פּאָר פֿלעשלעך פּונעם פּסחדיקן. און איר, ר' ייד, — טוט ער אַ זאָג צו דעם אין דער טשומערקע, — איר זייט דאָך א באַלעגאָלע און וועט זיך מסתמא פֿון א גוטן טרונק בראָנפֿן נישט אָפּזאָגן. בראָנפֿן האָב איך גאָר אַן אַנטיק!

— בראָנפֿן!... וואָס בראָנפֿן!... — רופֿט זיך אָפּ יענער מיט דער רויטער נאָז, אונטערקומענדיק נענטער. — אויף בראָנפֿן בין איך א מבין, איינער טאָקע אין דער וועלט.

— זייער אָנגעלייגט! דאָס האָב איך אין אייער פּנים אַרויסגעזען טאַקע באַלד, — זאָגט ר' שמעלקע צו דער רויטער נאָז. — איר זייט מיר

זייער קענטלעך... זייט איר נישט יענער ברענענדיקער חסיד, מיט וועלכן מיר האָבן אַמאָל איינעם יום-טוב געהאַלטן ביים אַלטן, זאָל מאריך-ימים זיין? יאָ, איר זייט אויף בראָנפן אַ מבין, אַ גרויסער מבין, ווי איך בין אַ ייד!... איר פאַרשטייט דאָך מיך, וואָס מיטן וואָרט „מבין" איך מיין. דעם ענין פון בראָנפן, ווהין דאָס גייט... דער ברען, וואָס דרינען שטעקט. נישט גלאַט פשוט אַזוי זיך... דאָס פאַרשטייען נאָר מיר, אַזעלכע ווי איר, ברענענדיקע, פייערדיקע יידן...

ר' שמעלקע האָט געפירט זיינע געסט אין שול אַריין און מע האָט דאָרט געדאַוונט מעריב. איינער פון די אַלטיטשקע האָט געלייענט די מגילה מיט אַ זיס קול, גאָר מחיה. ביים לייענען: ווי המן הרשע איז דערהויכט געוואָרן, ווי אים גלוסט זיך דורך פאַלשע מסירות און בלבולים אויסהרגענען אַלע יידן — איז דער שפּיצאַסטער ספּאָדעק אונטערגעשפּרונגען און פאַר כעס געמאַכט אַזאַ קולאַק, אַז ר' שמעלקע איז פאַרציטערט געוואָרן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן געשווינד דאָרט אַ שטעקן פון די לאַנגע חופּה-שטעקנס און דערמיט מיט דעם גאַנצן כוח געשלאָגן המן-הרשע איבער די טרעפּלעך פונעם באַלעמער, אים דעם טויט געמאַכט, און אַז צום סוף האָט געהאַלטן אין דער מגילה ביי המנס מפּלה, האָט דער ספּאָדעק געשיינט, געלויכטן, געשפּרונגען און געטאַנצט פאַר שמחה. די אַלטיטשקע האָבן זיך אונטערגעהעטשקעט און געזונגען „שושנת-יעקב" מיט אַ זיס ניגונדל. די גאַנץ מיט ווייםפּערלעך האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַ זאָג געטאָן:

— וואָס טויג מיר די מעשיות, איך וואָלט פון אַלע שמחות ישוין געוואָלט דערלעבן נעמען אַ ביסל בראָנפן, טאַקע דאָ באַלד אויפן אָרט.

דאָ האָט זיך צעהיצט אונדזער ר' שמעלקע, איז געשווינד צוגעלאָפן צום שמשם שאַפּקעלע, אַרויסגערטאַפּט פון דאָרט אַ פלעשל בראָנפן, שליש, מיט עטלעכע קעלישקעלעך און געמאַכט מיט די פאַרשוינען לחיים. דער שמש אַליין איז דענסטמאָל נישט געווען, וואָרעם אין דעם כתב מיט אים איז געשטאַנען בפירוש אַריינגעשריבן אַ פונקט, אַז חנוכה און פורים האָט ער, ווי אַנדערע, דאָס רעכט אַרומצוגיין אין די הייזער — אין גלופּסק. אויך איז דאָרט געשטאַנען אַ פונקט, אַז נאָר ער אַליין האָט דאָס רעכט מאַכן אין קלייזל אַ מין שענקל און שענקען דאָרט אַ גאַנץ יאָר בראָנפן. דערביי האַלטן דאָרט אויך צום פאַרבייסן רעטשענע קיכלעך, אייער-בייגל, ובדומה אַזעלכע זאַכן, אויף וועלכע מע מאַכט אַ ברכה בורא מיני מזונות און מע באַדאַרף זיך דערצו נישט וואַשן.

די גאַנצע נאַכט האָט זיך ר׳ שמעלקע משמח געווען מיט די דריי פאַרשווינען. אויף מאָרגן אינדערפרי זענען חיי אלע געגאנגען אין וואַסער. נאָר די נאָז האָט נישט געוואָלט גיין.

— ניין, ניין, — האָט זי געזאָגט, — פע, איך האָב פיינט וואַסער.

— קומט, — האָט ר׳ שמעלקע צו דער נאָז געמאַכט, — קומט, נישקשה, אונדזער מקווה=וואַסער איז געדיכט, מע קאָן זי שניידן מיט אַ מעסער...

בשעת לייענען די מגילה אין דער שול, האָט דער ספּאָדעק און די אַלטיטשקע געטאָן דאָס אייגענע וואָס נעכטן. נאָך דעם דאַווענען האָט מען זיך געזעצט עסן און טרינקען. נאָך דעם עסן האָט מען זיך גענומען מקיים זיין משלוח=מנות, נאָך דעם משלוח=מנות האָט מען געמאַכט ברכה און גענעסן המן=קרעפּלעך, המן=טעשלעך, מאַנדלעך און געטרונקען: ווישניק. נאָך דעם ברכה=מאַכן האָט מען זיך ווייטער געזעצט עסן און טרינקען, מקיים זיין די סעודה, מע האָט געגעסן, געטרונקען, מקיים געווען, געשיכורט אויף וואָס די וועלט שטייט. די נאָז האָט געטרונקען מער פון איטלעכן. איידער איינער האָט אויסגעטרונקען איין כוסה, האָט די נאָז אויסגעטרונקען צען, געגעסן ווי אויפן שטיין... בקיצור, מע האָט אַזויפיל מקיים געווען, געטרונקען, געשיכורט, אַז דער קאַבצאַנסקער עולם איז אויף מאָרגן נאָך שושן=פורים צוריקגעקומען פון גלופּסק, האָט מען געטראָפן ר׳ שמעלקען נאָך טויט=שיכור. און ר׳ שמעלקע האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געווען ווי אַ דולער פאַר גרויס וואונדער: די פאַרשווינען זענען עפּעס ווי אויסגעטרוקנט געוואָרן, אין שטוב איז עפּעס אַן איבערקערעניש, קיין זאַך נישט אויף זיין אָרט, וואָס ער זוכט, איז נישטאָ, וואָס ער באַדאַרף, איז ווי אין וואַסער אריין. ס׳איז אים א גרויס וואונדער, גאָר נישט צום פאַרשטיין!...

דער אַלטער, זכרונו=לברכה, האָט שפּעטער מגלה געווען דעם סוד זיינע מקורבים, די מקורבים דערנאָך זייערע מקורבים און אַזוי איז עס געגאַנגען פון איין אויער אין דעם אַנדערן, ביז דאָס איז באַקאַנט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט. יענע פאַרשווינען זענען געווען די גוטע כנופיא, גאָר דאָס גוטע פּעקל!... די דריי אַלטיטשקע זענען עס געווען די אבות; דער כאלאט אין הויכן שפּיצאסטן ספּאָדעק — מרדכי, אָנגעטאָן בגדי=מלכות; די משומערקע — אליהו הנביא; די נאָז מט ווייס=פעפערלעך — דער באַרימטער שיכור לוט, וואָס שלעפּט זיך נאָך דעם פּעטער אברהם=אבינו; די דריי טערקן מיט פּליטערלעך און פאַרטעכלעך — מתתיהו כהן גדול מיט צוויי קינדער, אָנגעטאָן אין חושן ואפוד. דער אַלטער האָט געזאָגט, אַז איידער די גאַנצע קאַמפּאַניע איז געגאַנגען צו

ר׳ שמעלקען, האָט זי פריער זיך געלאָזט מעלדן און ביי אים גענומען רשות, וואָרעם ר׳ שמעלקע איז דאָך זיין חסיד און קאָבצאַנסק געהער צי־אים. דאָס הייסט, געהערן אייגנטלעך געהער זי צו אַ פריץ, נאָר דעם גראָשן מאַכט ער... דאָס הייסט, דער פריץ האַלט די קי פאַר די הערנער און ער, להבדיל, מעלקט...

ר׳ שמעלקע האָט אָנגעהויבן פון יענעם יאָר מצליח זיין. סערל, זיין דריט ווייב, נאָך גאָר אַ יונגס, אַ לעבעדיקס, אַ ברענענדיקס, וואָס ער האָט זי גענומען נאָר פאַר אַ באַלעבאָסטע אין שטוב אַריין, האָט טאַקע אין ניין חדשים אַרום נאָך דער מעשה, וואָס איז געשען, געהאַט חנוכה־צייט אַ יינגל. דאָס איז ר׳ מרדכילע־מתות (אַזוי האָט דער אַלטער געהייסן אים אַ נאָמען געבן נאָך מרדכי הצדיק און מתתיהו החשמונאי). פון דעם ר׳ מרדכילע־מתות איז ארויסגעקומען ר׳ יעקב־אליה, היינטיקן ר׳ יודל קאָבצאַנסקערס אַ פאָטער.

קאָבצאַנסק נעמט זיך שטאַרק איבער מיט דער דאָזיקער מעשה. ס׳טייטש, דאָרט ביי איר זענען געווען אַזעלכע פאַרשווינען! ווער שמועסט ר׳ יודל, דער איז גאָר ביי זיך פאַרריסן, שטאָלץ ווי אַ רוח. אַ קאַטאָוועס עפּעס, זיין זיידע האָט אויסגעטרונקען אַ קעלער וויין, געשיכורט מיט ליצן... און טוט דערפאַר גרויסע שידוכים.

אַז הערשעלע האָט דערנאָך די דאָזיקע מעשה איבערגעדערציילט די יינגלעך, איז זי איטלעכן שטאַרק געפעלן. עטלעכע יינגלעך האָבן נאָך שדות געזאָגט און זיך געשווירן, ווי זיי זענען יידישע קינדער, זיי זאָלן אַזוי הערן שופר־של־משיח, ווי זיי האָבן עס אַליין מיט זייערע אויערן געהערט פון זייערע טאַטעס דערציילן — און אַלע האָבן געגלייבט, אַז דאָס איז אמת. צוויי יינגלעך האָבן זיך געשפאַרט איבער לוטס נאָז, איינער שרייט, ניין! אַזוי האָט מיין טאַטע געזאָגט: רויט, אָן ווימפערלעך. און דער אַנדערער שרייט אַנטקעגן: ניין, ניין, מיט ווימפערלעך! מיין טאַטע ווייסט בעסער, ער זאָגט — מיט ווימפערלעך! עס ווערט אַ קריג איבער די טאַטעס, וועמעס טאַטע ווייסט בעסער, איינער דעם אַנדערן גיט אין טאַטן אַריין. יינגלעך מישן זיך אַריין, עס ווערט אַ געשריי: ווימפערלעך, נישט ווימפערלעך! גלייך ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט איבער זייער אַ וויכטיקער זאַך, שטאַרק נוגע אין לעבן אַריין, אַזוי וויכטיק, אַשטייגער, ווי יענע זאַכן, איבער וועלכע אונדזערע געלערנטע אמפערן זיך אַמאָל אין זייערע ספרים... מע כאַפּט זיך צוליב דער נאָז אָן פאַר די נעז, מע גיט זיך צוליב די טאַטעס אין טאַטן אַריין. הערשעלע איז אויך טרוקן נישט אַרויס און געלייזט אַ דראַפּ איף דער נאָז צוליב דעם כבוד פון זיי·

טאַטן, פאַר וועלכן ער האָט זיך מוסר־נפש געווען... ביי דעם טאַטן אָבער איז דאָס נישט אָנגעלייגט געווען, און ער האָט דעם געטרייען זון פאַר דעם הראַפּ אויף קידוש־השם גוט טאַקע אויסגעשייגעצט אַזוי:

— פע, דיינע מיאוסע געגג!... אַלץ דיינע מעשיות, דיינע נאַרישע, יינגלשע מעשיות!...

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

דער דלות האָט אין קאַבצאַנסק געסווישטשעט גאָר אַ שרעק און די יידישע קינדער האָרט זענען געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, גאָרנישט צו טאָן — און גאָרנישט טאַקע צו קאָנען, נעבעך, טאָן — ווי דעם דלות אַרויסצוטרייבן. מע פלעגט, צונויפקומענדיק זיך אינייגעם, אין בית־מדרש אונטערן אויוון, גאָר אַלץ אָכצן און קרעכצן: נישט די וועלט, וואָס אַמאָל, נישט דאָס, וואָס פאַרצייטן!... אַמאָל איז געווען טע־טע־טע! און היינט — עט... וואָס אַמאָל איז געווען אַזוי, איז היינט גאָר אַזוי... דאָס אייגענע, דאַכט זיך אין פלוג און פאָרט אַ גרויסע נפקא־מינה. פאַרצייטנס זענען מענטשן געווען מענטשן, יידן — יידן און געשעפטן — געשעפטן... און היינט, מישטיינס־געזאָגט, וואָס?... ביים אויסלאָזן דעם „וואָס“? האָט מען געווייגטלעך געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין, שווייגנדיק שטיל, און געוואַרט הערן אַ תירוץ אויף דער קשיא „וואָס“? איינער האָט געקראַצט, געריבן דעם שטערן, געטראַכט און האָט דערנאָך געעפנט דאָס מויל און — אַ גענעץ געטאָן. דער אַנדערער האָט, אָנגעמענדיק זיך ביים בערדל מיט אַ צוגעמאַכט אייגל, אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט און עפּעס ווי פאַר זיך געבעקעט: עט... וויים־איך!... יענער האָט, אויפהייבנדיק זיך פונעם אָרט, אָנגעשפאַרט ביידע הענט מיט אויסגעשפּרייטע פינגער אויפן שטענדער, זיך געשאָקלט און געמאַכט: איך וועל אייך דערציילן, הערט איר, היינט איז טאַקע נאָר, פאַרשטייט איר מיך, משיח־צייט.

מיט דעם ענטפער זענען געווייגטלעך אַלע צופרידן געווען. איטלעכן צעפלאַקערן זיך דערביי די אויגן און מע טוט זיך אַ נעם צום שמועס וועגן דעם דאָזיקן ענין. אָנגעהויבן האָט זיך עס שטענדיק דערמיט, אַז דאָס היינטיקע זעקס־טויזנטדיקע יאָר איז גאָטס פּרייטיק, נאָך דעם חשבון איז אַציינד ערב שבת נאָך האַלבן טאָג, און שוין דאָ אַלע סימנים, אַז משיח גייט, משיח וועט באַלד קומען: די טויערן פון פרנסה זענען צוגעשלאָסן; אין קעשענע נישטאָ קיין פּרוטה; אַרץ־פּיאַסקע עזות־פּנימער זענען היינט

צווישן יידן שרעקלעך פיל; ייִנגלעך האַלטן זיך פאַר גרויסע לייט, פּריצים; אַ דיק, זאַט בייכל מיינט, אַז אַלע חכמות — אַ כפּרה פאַר זיינס אַ בויך=סברה... צרות און גזרות קומען מיט איטלעכן טאָג און עס שמעקט שוין מיט דער מלחמה פון גוג=מגוג. איבער גוג=מגוג לייגט מען אַנידער אַ ברייטן שמועס. עס פאַלן איבער אים אַלערליי דעות. איינער טוט אַ נעם דעם באַקאַנטן ספר „אבקת רוכל“, טיטשעט מיט דעם פינגער און לייענט הויך פאַר אַלע דעם זיבעטן צייכן דאָרט, אַזוי:

„האות השביעי, דער זיבעטער צייכן, הקדוש=ברוך=הוא ווייזט דער וועלט אַ מופת. מע זאָגט, אין רוים איז דאָ אַ מירמלשטיין, וואָס זעט אויס ווי אַ בילד=שיינע נקבה, אַ מכוערת, און דאָס איז גאָטס אַרבעט, ער אַליין האָט זי אַזוי באַשאַפן. קומען די רשעים צו דער מירמלשטיינערנער יפהפה, ומחממין אותה ושוכבים אצלה, און מאַכן מיט איר קועניו=מוציעניו זי ווערט מעוברת, והיא מתבקעת, און סעקט אַ קינד מיט דעם נאָמען אַרמילום דער שטן, וועלכן די אומות רופן אַנטיקרישטו. ער איז אומגעלומפּערט גרויס: צוועלף איילן לאַנג און צוועלף איילן ברייט. די אויגן רויט, האָר — געל געפאַרבט, מיט גרינע פּיאַטעס און צוויי האַלדז=און נאַקנס. דער דאָזיקער מין פאַרשוין גיט זיך עס אויס דער וועלט פאַר משיחן, גייט און נעמט איין מדינות. באותה שעה, דעמאָלט יקום נחמיה בן=חושיאל, שטעלט זיך אים אקעגן נחמיה דער זון פון חושיאל (דאָס איז משיח בן=יוסף!) מיט דרייסיק טויזנט גבורים פונעם שבט אפרים און אין דער דאָזיקער מלחמה ווערט נחמיה בן=חושיאל דערהרגעט, און אַזוי גייט שלים=שלימזל ביז דעם אַכטן צייכן. — האות השמיני. יעמוד מיכאל, וועט אויפשטיין דער מלאך מיכאל און בלאָזן שופר, דריי תקיעות. ביי דער ערשטער תקיעה ווייזט זיך משיח בן=דוד מיט אליהו הנביא, פאַרנעמט די צדיקים און נאָך יידן צונויפגעלאָפענע, וואָס בלאָנקען זיך אַרום אין דער מדבר און פירט זיי קיין ירושלים. גאָט רעגנט מיט פייער און שוועבל און האָגל און דערהרגעט אַרמילוס=הרשע. ביי דער צווייטער תקיעה, אין דעם נײַנטן צייכן, שטייען די טויטע אויף לעבעדיק פון די קברים, משיח בן=דוד לאָזט זיך אַוועק צונויפנעמען די איבעריקע יידן אין אַלע עקן וועלט. פּריצים טראָגן די יידעלעך אויף די פּלייצעס און ברענגען זיי אַ מתנה צו גאָט, קיין ארץ=ישראל... ביי דער דריטער תקיעה, אין דעם צענטן צייכן, אַנטפּלעקט זיך די עשרת=השבטים מיט די בני=משה, רויטע יידעלעך, גאָר אָן אַ צאָל, יידעלעך=לעבן זיצן זיך אין הויכע ספּאָדקעס אויף די קעפּ מיט פאַרלייגטע הענט, קוקן און האָבן הנאה פון דער לויטערער שכינה...“

קאַבצאַנסקער ייִדן שמעלצן זיך, הערנדיק לעבן אויוון, עס צעשפּילן זיך זייַ די געבליטן, ווערן בייַ זיך שטאַרק, זענען גרייט צו נעמען פּײלנבויגנס און לויפן אין דער מלחמה... מע פאַרגעסט אויך נישט די גרויסע סעודה פונעם לויתן און דעם שור־הבר מיט דעם יין־המשומר. רבה בר בר־חנאס פּעטע געגדזלעך, פון וועלכע עס רינט שמאַלץ, ווערן אויפגעגעבן צום בריליאַנטענעם טיש אויף גין גאָלדענע פּאָלימעשקעס. צדיקים עסן, טרינקען און לעקן די פינגער — מײַנע הונגעריקע קאַבצאַנסקער ייִדן באַלעקן זיך, עס גייט זייַ איבער די סמאהע, מע הערט, ווי עס בורטשעט זייַ אינעווייניק אין בויך און זיי קראַצן, קראַצן זיך, נעבעך...

מע לייגט אַוועק פאַר צרות דעם לויתן און מע נעמט זיך לעת־עתה צו דער פּאָליטיקע, צו דעם גאַנצן ענין פון טכסיסי־מלחמה, אין וועלכע זייַ האַלטן זיך פאַר גרויסע בריות און טוען דריגען אויף פּשטלעך גאַנץ שכלדיק. די גאַנצע לאַנד־קאַרטע איז בייַ זייַ אויסגעמאָלט אויף דער האַנט. און בשעת בערל מיט זיין קומפּאַניע שטעלן אויס אויף דער דלאָניע קירעם חייל, אויף די פינגער דעם תוגרם, צווישן זייַ ביידע, אויף דעם קווה החיים, אַ ים, אָדער דעם פּרוט און עס קערט זיך אַ וועלט, — איז לייזער מיט זיין קומפּאַניע שטאַרק באַשעפטיקט מיט די שרים זייערע דאָרט, אין הימל, אויסווייזנדיק בפירוש פון רש״י, אַז קיינער פון די מלכיות האָט נישט די מפּלה דאָ אונטן, ביז עס פאַלט נישט דער שר זייַנער דאָרט אויבן. בערל וויל שוין צומאַכן די פינגער אַזוי, אַז דער תוגר זאָל אומקומען, אַרייַנפאַלן אין ים.

— ניין, בערעלע! — שרייַט אויס לייזער. — אומזיסט דיין מי, דו עםהארץ איינער! פאַלן מוז גאָר דער שר־של־אדום, אַזוי, גראָבער יונג, שטייט געשריבן. אַז מע ווייסט נישט, באַדאַרף מען שווייַגן און זיך נישט מישן...

בערעלען פאַרדריסט עס זייער שטאַרק, און וואָס לייזער זאָל פון אַציגד אָן נישט עפּעס זאָגן, שרייַט ער, אים אויף צו־להכעיס, אַלץ פאַרקערט. למשל, ווען די צייַט איז געקומען איבערצוצייִלן די קאַסע פון געוויסע נגידים און לייזער האָט זיך גענומען געשמאַק צום עסק, האָט געשאַצט על פּי יושר ר' איציע גלופּסקערס פאַרמעגן אין צוויי מיליאָן און ר' קלמנס פאַרמעגן גאָר אין אַנדערטהאַלבן מיליאָן קערבלעך, איז בערלען אויסגעקומען צו שאַצן דווקא פאַרקערט, נישט אַזוי ווען טרעפן דערמיט ר' קלמנען, ווי לייזערן, און דערפון איז אַמאָל אַרויס מיאוסע זאַכן. אַ טייל האָבן געהאַלטן מיט לייזערן, אַ טייל מיט בערלען. מע האָט זיך געדונגען, געאַמפּערט, געווערטלט: וואָס איז, עפּעס געלט־שמעלט?!

ישרנים פלעגן זיך אַרײַנלייגן אין שלום אַרײַן: פּאָלגט אײַגנז, גיט נאָר בערלען אויף ר׳ קלמנען, וועט ער אייך נאָכגעבן אויף ר׳ איציען.

— מה רעש? — האָט אײַנער געמאַכט א פּשרה. — ר׳ איציע האָט א מיליאָן זיבן הונדערט פּופציק טויזנט און ר׳ קלמן אויך אַזוי פיל, אַ מיליאָן זיבן הונדערט פופציק טויזנט קערבלעך. מיר דאַכט זיך, ס׳איז גאַנץ אָרנטלעך, ביידע צדדים קאָנען צופרידן זיין. לייזער און בערל באַדאַרפן שטעלן משקה, עס קומט פון זיי בראָנפן.

— קוילעט אונדז דאָ פאַר אַ גראָשן, — שרייט לייזער מיט בערלען אין איין אָטעם, — מיר האָבן אסור נישט קיין פּרוטה.

— עט, — האָט מען געענטפערט, — גישקשה, דער שמש וועט באָרגן, גיט אים נאָר אַ משכון...

אַז ס׳פלעגט קומען צו רייד פון ר׳ יודל קאַבצאַנסקער, האָט איטלעבער געהאַט אַ מינע מיט אַן ערנסט פּנים. אַלע האָבן געזאָגט פה־אחד, ער איז נישט אַזוי רייך, ווי אָן עין־הרע אַ מוצלח. נאָר פאַרוואָס איז ער נישט אַזוי רייך, ווי אַ מוצלח? אָט דרינען האָבן זיך געטיילט די מיינונגען. אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז אליהו־הנביא האָט דענסטמאָל, דענסטמאָל געשיקט דעם זיידן ר׳ שמעלקען משלוח־מנות אַ יערכען בייטעלע מיט אַ פעניגל, פון דעם בייטעלע לאָזט זיך קיינמאָל נישט אויס, און אים איז שטענדיק דאָ נאָר אַזוי פיל געלט, וויפל עס קאָן אַרײַן, נישט מער, נישט ווייניקער. ווידער אַ טייל האָבן געזאָגט:

— ניין, אליהו־הנביא האָט געשיקט משלוח־מנות ר׳ שמעלקען נאָר אַ ווינטשפינגערל מיט דעם שם־המפורש. ער האָט אָבער אָנגעזאָגט, ער זאָל ווינטשן נאָר אַזויפיל צו האָבן, וויפל ער באַדאַרף.

— עט — האָבן יענע מיט אַ קנייטשל געמאַכט. — עט און נאָכאַמאָל טאַקע עט!... ווען אַפילו אַזוי — וואָלט דאָך ר׳ שמעלקע ביים ווינטשעניש מיט דעם ווינטשפינגערל, אַז עס האַלט שוין ביים ווינטשן, געקאָנט ווינטשן, אליהו הנביא זאָל אים ווינטשן, אַז ער זאָל מעגן ווינטשן, וויפל ער ווינטשט צו ווינטשן!... אוי, אוי, מיר זאָלן עס נאָר האָבן, ווינטשפינגערלעך, ווייסן מיר שוין, וואָס עס וואָלט געווען!...

— אד־כ־כא! — האָט מען געקרעכצט. — שלעכט אַרום און אַרום. איין מיטל טאַקע נאָר אַ ווינטשפינגערל. וואָס זאָלן מיר טאָן? אויס פּרנסות. כאָטש צערייס זיך, שונאי־ציון, וועט דיר גאָר נישט העלפן... הייניקע צייטן צו לעבן, ווי־ס׳איז צו דערהאַלטן די נשמה, באַדאַרף מען האָבן ריינע נסים.

דאָס אַכטע קאַפּיטל

אונדזער הערשעלע, וואָס האָט שוין געוווסט, נעבעך, דעם טעם פון גויט, וואָס דאָס יונגע בלוט זיינס איז נאָך געווען זודיק־הייס, וואָס די דער־קוועטשטע נשמה זיינע, אַזוי פרי פאַר דער צייט, האָט זיך, ווי אַ געפאַנגען פייגעלע אין דעם שטייגל, געשלאָגן, נעבעך, אַרויסרייסן זיך פון דער קלעם אין דער פרייער וועלט — ער, הערשעלע, האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם ווינטשפינגערל מיט אַלע זיינע געדאַנקען און עם גענומען אייך זיינע כלים.

— כ׳לעבן, רבונו־של־עולם, — האָט ער ביי זיך געטראַכט, — פאַר־וואָס זאָלן טאַקע, גאָר אָן קאַטאָוועס, יידן, נעבעך, נישט האָבן אַזעלכע מיני ווינטשפינגערלעך? פאַרוואָס אמאָל, אז ס׳איז געווען דיין גוטער ווילן, האָסט דו דיינע קינדער ישראל געגעבן מן אין דער מדבר, פייגעלעך, טויבן זענען זיי געפלויגן אין מויל אַריין און פון אַ שטיין האָט זיי געפלייצט וואַסער אויף צו טרינקען! לאָז זיך דאַכטן, אַז היינט זענען יידן אויך אין דער מדבר צווישן שלאַנגען, עקדעשן און דעם פּיפּערנאָטער.

אַך, ווי שיין זיין קינדערשער שכל האָט אים אויסגעמאָלט אַזאַ פינגערל, וואָס אז מע זאָגט: פינגערל, פינגערל! איך ווינטש דאָס, איך ווינטש יענץ, — האָט מען דאָס, וועלכס מע ווינטשט, גאָר אָן מי, אָן קאָפּ־דאַרעניש, אַ תענוג, כ׳לעבן! אין מעשה־ביכלעך האָט ער באגעגנט זייער פיל וווּנדערלעכע זאַכן, וואָס זענען געשען אויף דער וועלט דורך צויבער, דורך שמות און ווינטשפינגערלעך. ער האָט געלייענט, אַשטייגער, ווי איינער איז אַמאָל געפלויגן רייטנדיק אויף אַ רוח איבער טאָלן און איבער בערג, איבער וועלדער, איבער פעלדער, ביז ער איז געקומען ערגעץ אויף אַ קעמפּע. אויף דער קעמפּע שטייט אַ בריליאַנטענער שלאָס, אַ פּאַלאַץ מיט הונדערטער הדרים. אריינקומענדיק אין פּאַלאַץ, זעט ער: גילדענע טישן זענען געגרייט מיט די טייערסטע קרעדענצן און מע זעט נישט קיין לעבעדיקע מענטשן. נעמט דער בחור אַרויס זיין ווינטשפינגערל און מאַכט: פינגערל, פינגערל! איך וויל עסן, איך וויל טרינקען. דאָס וויל איך, יענץ וויל איך, וויל, וויל און וויל, — קומען עם אַריין באַלד פּרינ־צעסינס, בת־מלכהס, איינע פון דער אַנדערער שענער, גאָר מחיה, איינגע־טונקט אין פּערל, אין דימענטן, אין גאָלד, אין זילבער און טוען זיך אַ נעם צום בחור. עם טוט פּלוצעם אַ זעץ אַ שאַרפע קאַפּעליע, מע פירט דעם בחור לעבעדיק מיט אַ מאַרש אין אַ מירמלשטיינערנער באָד, וווּ ער גלייכט זיך אוים די ביינער. דערנאָך הייבט זיך אָן אַ מאָלצייט מיט גילדענע יויך, מיט דעם טייערסטן ראָזשינקעס־ווין. מיינער איז נישט פויל, עסט,

טרינקט, טוט זיך וויל. אַזוי גייט עס ווייטער, ווייטער און ווייטער... דאָס ווינטשפינגערל איז אים ווי אַ טשוואָק געזעסן שטייף אין קאָפּ, שטענדיק וועגן דעם אַלץ געטראַכט, און איז אים אין שלאָף אַפילו פונעם זינען נישט אַרויס.

דאָס, וואָס אַ ווינטשפינגערל איז דאָ, איז דאָך אַ געוויסע זאַך, און ער האָט דריגען הייליק געגלייבט, וואָרעם אַזוינס האָט ער דאָך געהערט אויך פון זיין טאַטן. אַ טאַטע ווייסט... סטייטש, פונוואַנען האָט ער דען געהערט יענע אַלע מעשיות פון יענער וועלט, פון אַלצדינג, וואָס קאָכט זיך אין גיהנום, אין גן־עדן, פון מלאכים, בעל־שמות, מכשפים, שדים און רוחות, ווען נישט טאַקע פונעם טאַטן. הייגט ווען ער זאָל נישט געווען גלייבן און „גרונט" אַריין, אין דעם אני־מאמין, אַז „אַ טאַטע ווייסט", וואָס זשע וואָלט געוואָרן, חלילה, פון זיין ביסל יידישקייט?...

כל־זמן הערשעלע איז נאָך געווען אַ ייִנגל, פלעגט ער אַלץ טראַכטן, אַז ווען ער זאָל נאָר האָבן אַ ווינטשפינגערל, וואָלט ער זיך געווונטשן אַ וואַרעמע, פרישע בולקע מיט אַ ראָסל־פלייש און אַ פעטן קוגל גאָר אינמיטן דער וואָך, ווייל דענסטמאָל פלעגט ער זייער אָפּט ליידן הונגער, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, און קיין בעסערס פון אַזעלכע מאכלים איז דאָך אויף דער גאַנצער וועלט מער שוין נישטאָ. אויך וואָלט ער גייוונטשן, אַז אַלע מלמדים און חדרים זאָלן, אינייגעם מיט די סידורים טאַקע, פאַרשווונדן ווערן מיט דעם רויך, עס זאָל פון זיי טאַקע, רבונו־של־עולם, קיין זכר נישט בלייבן, ווייל אָנקוקן האָט ער נישט געקאָנט דעם חדר און דעם מלמד זיינעם, דעם רוצח. פון דער מוזיקע וואָלט ער זיך געווונטשן אַ גוטן שופר־בלאָזער און אַ קאַטאַרינשטשיק, וואָרעם קיין אַנדערע מוזיקע, חוץ אַ שופר אַ גאַנץ חודש אלול און אַ קאַטערינקע, וואָס איז אויף עטלעכע טעג פאַרוואָרפן געוואָרן אַמאָל אין זיין שטעטל, האָט ער נישט געהערט. — שפּעטער, אַז ער איז עלטער געוואָרן און אָנגעהייבן צו פילן אַנדערע מיני באַדערפענישן, האָט ער אויך געהאַט אַנדערע מיני ווינטשעניש. דענסטמאָל וואָלט ער זיך געווונטשן אַ בת־מלכה, אַ פרינצעסין, אַ שטוב מיט אַ באַלעבאַטישקייט, עטלעכע ציגן מיט אַ צוויי־דריי בהמות.

די בת־מלכה האָט אונדזער הערשעלען זיך דענסטמאָל געמאָלט אין דער געשטאַלט פון ביילען, אַ יאָדערדיק מיידל, אַ דיקס, קורץ געוואַקסן מיט רויטע פולע באַקן, אַ פאַררייסן נעזל און שוואַרצלעכע ברענענדיקע אויגן.

איר טאַטע, בן=ציון צביהם — אַ גלעזער און דערבײַ טאַקע שוין אויך אַ שטיקל אַרכיטעקטער, נישט אַזאַ מײַסטער מיט דער האַק, ווי אַ מבין — האָט געהאַט זײַן אײגענע שטוב, די דריטע פֿון הערשעלעס טאַטנס הויז, און, ווי דער שטײגער אין ייִדישע שטעטלעך, איז אַ נאָענטער שכן אַן אײגענער מענטש, געהער צו דער משפּחה און מאַכט אויס מער, ווי אַ לײַבלעכער קרוב אין די גרויסע שטעט. קלײנשטעטלדיקע שכנים ווײסן אײנער בײַם אַנדערן אַ מינדסטע זאַך, וואָס מע רעדט, וואָס מע קאָכט וואַרעמס, איטלעכס פּיצעלע, וואָס טוט זיך אין שטוב. אײנער דעם אַנדערן קוקט נאָך, טשאַטעוועט ווי אַ שפּיאָן. מע קריגט זיך, זידלט זיך און מע בעט זיך איבער, ווידער אויפֿדאָסנײַ צו קריגן זיך. שכנית קריכן אײנע צו דער אַנדערער נאָך אַ קויל פֿײַער, לײַען אַ האַקמעסער, אַ ריבאײַזן, אַ כשר=שטײן, אַ פֿאַרעווען טאָפּ, אַ ווײַקשעפֿל און אַן אײ אויף חלה=שמירן; האַלטן זיך אַן עצה, אויף וויפֿל אײַגלעך אָנצוהײבן די פּיאַטע, ווען אָפּצולאָזן און פֿאַרשליסן דעם זאָק; פֿאַרהערן זיך אין אײַנגעמאַכטס=פּרעגלען פֿון אַגרעסן, אין אויספּלעכטן דעם פּורים=קוילעטש און אָפּצוּוויקלען די קישעלעך; טראָגן אײנע צו די אַנדערע ווײַזן אויף חידושים דעם המן=טאַש אויף פּורים, דעם קניש און דעם פֿײַנקוכן אויף שבועות; אײנע ווינטשט דער אַנדערער: „דערלעבן איבעראַיאָר אין פֿיל גוטס מיט דעם מאַן און די קינדער!“ טראַכטנדיק אַמאָל אין האַרצן: „פּיקע זיך, שלימזלניצע, נעמען זאָל דיך דער רוח!“...

הערשעלעס מאַמע און בײלעס האָבן געלעבט צווישן זיך ווי נאָענטע שכנים, און הערשעלע אַלײן איז קינדווײַז שטאַרק חבר געווען מיט בײלען: פֿלעגן לויפֿן, שפּילן זיך אין זשמורקעס מיט נאָך חברים און חברטעס, טאַנצן, שפּרינגען באָרוועסערהײט נאָך אַ רעגן אין די קאַלוזשעס און זינגען בײַדע, האַלטנדיק זיך בײַ די הענטלעך, דאָס באַקאַנטע לידל:

„אַ זון מיט אַ רעגן,
די כּלה איז געלעגן.
וואָס האָט זי געהאַט?
אַ ייִנגעלע.
ווי אַזוי האָט עס געהײסן?
משהלע.
וווּ האָט מען עס געוויגט?
אין אַ וויגעלע.
וווּ האָט מען עס באַגראָבן?
אין אַ גריבעלע.“

ביילע פלעגט אַמאָל אין שפּאַס אָנשטאָט משהלע זאָגן: „הערשעלע“, און הערשעלע פון זיין זייט האָט אָנשטאָט „די כלה“ געזאָגט אויף קאַפּאָוועס: „ביילעניו“... ביילע פלעגט קענען דערציילן מעשיות פון גזלנים, מכשפים, מכשפהטעס און פון אַ רב מיט אַ רביצין. הערשעלע פלעגט אויסהערן אירע מעשיות, קוקנדיק איר אין מויל אַריין מיט גרויס פאַרגעניגן און גאָרנישט. — ביילע איז פאַר אים געווען דאָס אייגענע וואָס פייטל, מאָטל און נאָך אַנדערע חברים. נאָך שפּעטער אַ ביסל, אַז הערשעלע איז שוין אַ גמרא־יינגל, הייבט ער פּלוצעם, פון דער העלער הויט, אָן פאַר איר זיך צו שעמען, אַליין נישט רעכט צו וויסן פאַרוואָס, פאַר וועמען? גאָרנישט, גלאַט אַזוי, ער שעמט זיך... ער האָט צו גלייכער צייט זיך געשעמט, אויך טאַקע שטאַרק חשק געהאַט צו איר, כאָטש פונדערווייטנס אָנצוקוקן זי. און ווען ס'איז אַמאָל אויסגעקומען צונויפקומען זיך מיט איר איינעם, פלעגט ער רויט ווערן און אַראָפּלאָזן די אויגן. זי האָט, אויף אים קוקנדיק, אויך אָנגעהויבן זיך צו שעמען און ביידע האָבן געזוכט איינער דעם אַנדערן ווי מעגלעך אויסצומיידן. נאָר וואָס מער ער האָט זי אויסגעמיטן, האָט אים אַלץ מער דאָס האַרץ זייגס צו איר געצויגן. איר קול האָט אים ליבלעך געקלונגען אין די אויערן. אירס אַ וואָרט פונדערווייטנס איז אים זיך צעגאַנגען אין אַלע אברים. קיין בעסערע, קיין שענערע פון איר, האָט זיך אים געדאַכט, איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ. ער האָט שוין געוווסט דענסטמאָל פונעם לערנען, אַז קוקן אויף אַ אשה און טראַכטן פון איר איז אַ גרויסע עבירה. נאָר ווייל ער האָט עס געוווסט, דעריבער טאַקע האָט זיך אים ערשט געגלוסט; ווייל ער האָט געלערנט, אַז דאָס איז אַן עבירה, דעריבער טאַקע האָט עס אים, ווי אויף צו־להכעיס, שטאַרק געצויגן דווקא אויף ביילען צו קוקן; און ווייל דאָס איז געווען אַ געכאַפּטער קוק בגנבה, נישט גאַנץ פריי, ווי פריער, דעריבער האָט ער טאַקע עפּעס געטראַכט... געטראַכט און זיך געשעמט. — אַז הערשעלע האָט, רייבנדיק זיך צווישן קאַבצאַנסקער לייט, איבערגענומען ביי זיי דעם שטייגער פון ווינטשן איינעם מיט דער מעשה פונעם ווינטשפינגערל, האָט ער זיך געווונטשן אַ בת־מלכה, דאָס הייסט — ביילען.

דאָס ווינטשעניש איז קאַבצאַנסק איז געווען אייגע פון די גאַנץ געווינטלעכע באַשעפטיקונגען, צו אונטערהאַלטן זיך און פאַרברענגען דערמיט אַ ביסל די צייט — אַ באַשעפטיקונג, וואָס איז געקומען פונעם שטענדיקן ליידן מאַנגל אין די נייטיקסטע באַדערפענישן און פונעם זיצן ליידיק אָן פרנסה. אַזוי ליגט שוין בטבע פונעם מענטשן: „דאָס, וואָס גייט אָפּ, גייט נישט אַרויס פונעם זין, מע באַגיטיקט זיך כאָטש מיט דעם טראַכטן

דערין...״ „האָפֿענונג און װינטשעניש איז דער נויטס מלאכה, דאָס משוגע זײַן איז פֿאַר װוילטאָג און הצלחה״. אַזעלכע גרויסע בריות אין דעם װינטשן, װי קאַבצאַנסקער ייִדן, זענען נישטאָ אויף דער גאַנצער װעלט: פֿרײַע, ליידיקע צײַט האָבן זיי גענוג, און צרות זענען זיי, ברוך־השם, אויך נישט זשעדנע, הײַנט װאָס זשע איז דאָ פֿאַר אַזאַ װוּנדער, אַז אין דעם ענין װינטשעניש האָבן זיי דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה מער פֿון אַלע לײַט אויף דער ערד! װאָס נאָר עפּעס אַ שמועס, איז בײַ די קאַבצאַנסקער באַלד אַ װינטשעניש. לאָמיר אָנכאַפּן, למשל, דאָס, אַשטייגער: שמיעסנדיק פֿון ים איקונוס, קאָן זיך אײנער פֿאַרגינען צו װינטשן: אַזוי פֿיל געלט זאָל איך האָבן, װיפֿל זאַמד אויפֿן ברעג זײַנעם אַרום און אַרום! — עט, — מאַכט דער צװייטער, — דער גאַנצער ים זאָל זײַן טינט און איך זאָל האָבן אַזוי פֿיל, װיפֿל מע װאָלט מיט דעם טינט געקאָנט אָפּחתמענען טראַטעם, איטלעכע אויף טויזנט קערבלעך!... — און איך, — װינטשט דער דריטער, אויפֿהייבנדיק מיט אַ זיפֿצעלע די אויגן צום הימל: בײדע זאָלט איר שטאַרבן, רבונו־של־עולם, און איך אַליין זאָל אײַך ירשהנען... גוט צוברענגען פֿלעגט מען געװינטשט די זומערדיקע ליכטיקע אָװנטן. עס װעט גאַנץ גענוג זײַן אויסצומאָלן דאָ אַ קאַרטינקע פֿון אײן אָװנט אַזעלכן:

אין די הײַזער ברענט נישט קײן ליכט. טיר און טיִער זענען אָפֿן, מען עסט װעטשערע פֿאַר דער לבנה. נאָך דער װעטשערע שיטן זיך, װי די מורעשקעס, אַרויס פֿון די הײַזער: מאַנסבילן אָן קאַפּאָטעס, אין די אײגנע טלית־קטנס, װײַבער צעשפּיליעט, נאָר אין די אונטערשטע קלײדלעך, קינדער אויסגעטאָן האַלב־נאַקעט. שכנים אַ גאַנצע קופּע לייגן זיך אויס אינדרויסן, יונג און אַלט, קינד און קייט, אַלע אינײנעם. גילדערנע פּאַסן פֿון דער לבנה שלאָגן זיך דורך ערגעץ צװישן דעכלעך, ציען זיך איבער קעפּ, איבער פֿיס אין דער קופּע מענטשן, קריכן װײַטער, טאַנצנדיק אויף װענט, אויף די פּלויטן און װײַזן אָן דאָ אַ קאַץ, װאָס דראַפּעט זיך, נישטערט אויף אַ דאַך, דאָרט קי אויסגעשטרעקט אויף דער גאַס, מאַלעגײרען, אונטערשמײסנדיק זיך פֿאַמעלעך מיט די װײדלעך און קײַען, זיפֿצן מיט אַ כריפּ, עפּעס װי פֿונעם בויך. — די ערשטע עטלעכע מינוט איז איטלעכער באַשעפֿטיקט מיט זיך, מע גענעצט, שלוקערצט, מע טרייבט פֿליִ און מע קראַצט זיך. װײַבער הייבן דערװײַל אָן דעם שמועס װעגן דער הײַנטיקער װעטשערע, איטלעכע מיט אירס: בײַ דער זענען די טשיפּקעס באַטעמט געװען אַזוי, אַז דער מלכות האָט עס געמעגט עסן; בײַ יענער איז דער אַרבעס צעקאָכט געװען װייך, װי מאַרך, אַז כ׳ט האָט געלעקט די פֿינגער. אײנע דערציילט דאָס גרויסע גליק, װאָס זי האָט געטראָפֿן:

פאַר אַ גראָשן האָט זי געהאַנדלט אין מאַרק אַ מציאה — אַ רעטער, גרויס ווי דער קאָפּ, פון וועלכן מע האָט געגוג געגעסן אינדערפרי, אויך אַציגנד אויפדערנאַכט און ס'איז נאָך איבערגעבליבן אַ האַלבע שטיק אויף מאָרגן, מע זאָל לעבן און געזונט זיין! אַלע רעדן הויך אויף אַלערליי דינגע, קוויטשענדיקע קולות. די מאַנען ברומען לעת־עתה אונטער, מישן זיך נאָר אַריין, ווי פון יוצא וועגן, גלאַט אַזוי מיט אַ וואָרט. זיי לייגן זיך דערנאָך מיט דעם בויך אַרויף און, פאַרקוקנדיק זיך אויף דעם אויסגעשטערנטן בלויען הימל, נעמט מען זיך געשמאַק שמועסן, וואָס טוט זיך אַזוינס דאָרט אויבן. די לבנה ווייזט זיך אויפן אָרט, וו דער עולם ליגט: מע קוקט אין איר אין די ליכטיקע צורה פון יהושע און איטלעכער מאַכט: איי, אַ נאָז מיט אויגן!... איציק און בערל, וואָס האַלטן זיך פאַר שטיקלעך שטערנזעער, זקרנים, טייטן מיט פינגער אויף דעם „אַלף־בית“ פון די שטערן און אמפערן זיך וועגן דעם „תיו“ און „חית“. דער איבעריקער עולם טוט צוליב זיי בײדע. איטלעכן פון די צוויי חקרנים, וואָס טייטלט אים מיט אַ פינגער, גיט מען געהערכט, שווערנדיק זיך: יאָ, אמת טאַקע, איך זע, זע, ווי איך בין אַ ייד!

— אַי, אַי! — צעשרייט זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט אַ ייד. — עפּעס אַזוי פיל שטערן דאָרט, דאָרט אין די געפלעקטע, ווייסלעכע פאַסן, אָנגעזעצט ווי מאָן! אַזויפיל רענדלעך ווינטש איך מיר צו האָבן...

— גייט שוין, גייט! — מאַכט דער אַנדערער. — איך לאָז פאַר וועלוועלער, פאַר איטלעכס שטערנדל אַ קאָפּעקע.

עס געפינען זיך בעלנים אויף נאָך וועלוועלער, צוויי, פינף, צען פאַר אַ גראָשן. און בשעת יידן טאָרגעווען זיך דאָ אַזוי, רעכענען, ציילן, לאָזן אַראָפּ די מקחים און וואַרפן דעם קורס פון די שטערן, זיצט דאָרט אין דער זייט איינער, עפּעס אַ לץ, דרשנט און זאָגט גלייכע ווערטלעך. די ווייבער ארום אים שרייען קלאָמפּערשט: „פע געגוג!“ פאַרשטעקנדיק זיך די אויערן, הערן זיך אָבער זייער גוט צו און קייכן פאַר געלעכטער... קינדער זיצן אויך נישט ליידיק, קיצלען זיך, דערלאַנגען איינער דעם אַנדערן אַ קלאַפּ, אַ שנאָל אין דער נאָז הינטנאַרום. דער פון דער נאָז טוט אַ קוויטש, יענער פונעם שנאָל מאַכט זיך צום תם, געבעד, נאָר אַ צדיק אין פעלץ, און בייזערט זיך קלאָמפּערשט: „שא, שא!“ מאמעס שעלטן די קינדער, באַנומען זאָלן זיי הלוואי ווערן, און אַנב טאַקע זיי מכבד מיט אַ קניפּ. די טאַטעס וואַרפן אַוועק די טאָרגעס און פאַלן פּלוצעם פונעם הימל אַראָפּ אויף דער ערד. דעם האָט אַ זשוק זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין באָרד, יענעם אין די פּאות, דעם דריטן קריכט עפּעס אונטערן העמד דאָרט אויפן רוקן.

א רויטע קו, א פּרעסעריין, פון וועלכער עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף,
פאַרקריכט, ביים שטשיפּען גראָז, אין דער זייט גאַס ביז צו דער גאַנצער
עדה יידן, דרייט זיך צו זיי אוים מיטן הינטן, מחילה, און פירט זיך עפּעס
אויף פּע, נישט מיט דרך־ארץ. אַלע זיידלען זי מיאוס אָפּ, טרייבן זי און
שרייען: היידאַ! אין איין קול. זי דרייט זיך געשווינד אוים פון יידישע הענט
און לייפט אַהין אין איר רו אַריין. דערפון שפּיגט זיך עפּעס אַ האַנגער
שמיעס: וועמעס קו איז דאָס? וויפל מילך גיט די קו? וויפל איז די סו
ווערט? „שאַ, וויפל, מיינט איר, יידן“, — טוט פלוצעם איינער א פרעג, —
„זאָל ווערט זיין די גאַנצע קאַבצאַנסקער טשערעדע, שוין מיט די ציגן
אינגיינגם?“ איינער שאַצט עס אַזויפיל, דער דריטער ווינטשט זיך דאָס צ
האָבן, וויפל ס'איז ווערט מער. איטלעכן באַזונדער כאַפּט אָן א ווינטשעניש
און מע ווינטש, ווינטשט, ביז די צונג ווערט מיד רעדנדיק און מע הערט
פונדערווייטנס, ווי איינער כראָפּעט שוין אָן עין־הרע געשמאַק. די מאַנען
טרייבן די ווייבער: „קומט שלאָפן!“ די ווייבער מיט זייער חן קווענקלען זיך
קלאָמפּערשט: עס גלוסט זיך זיי גאָר נישט גיין אין בעט אריין און וואָלטן
די גאַנצע נאַכט געדרן דאָ, אינדרויסן, געשלאָפן; א יונג פאָר־פאָלק גייט
אַוועק באַלד טאַקע, די איבעריקע מאַכן שהיות, דינגען זיך, ביז פון ערגעץ
א ווינקעלע שפּרינגט ארוים פלוצעם א ציג, וועלכע א פאָר ווייסע־חברהניי
קעם האָבן איבערגעשראָקן, אונטערגנבענדיק זיך שטילערהייט צו איר
אויף דער פריזבע דאָרט; זיי נאָך איר און זי אין גרוים איילעניש, יאָגעניש,
פוץ אריין צווישן דער קופּע יידן. עס ווערט א מהומה, א קאָכעניש. מע
נעמט זיך א הייב אויף גיך און בטלענדיק חלומות, צעלויפט מען זיך גע־
שווינד, איינער נאָך דעם אנדערן, נישט צו זאָגן אפילו א גוטע־נאַכט! —

דאָס צווייטע בוך

דאָס ערשטע קאַפּיטל

אז די הייליקע תּורה זאָגט: „יששכר חמור, יששכר איז אַן אייזל, גרב. אַ ברייטבייניקער, רובץ, וואָס הויערט, בין המשפּתים, צווישן די געמאַרקן“, — ווערט נאָכדעם, דאַכט זיך, קיינעם שוין נישט פריקרע זיין דאָס פאַרגלייכעניש פון אַ יידיש בר־מצווה־יינגל צו אַ לאָשעקל ביים געמען עס צו דער אַרבעט. — עס לויפט זיך אַ קליין לאָשעקל הינטער דעם וואָגן, וועלכן די ווילדע מאַמע זיינע, די שקאַפּע, שלעפּט נעבעך, איינרייסנדיק זיך דאָס געזונט און כאַפּנדיק הינטערוויילעכץ אַ שמיצל. גאָרנישט, עס זאָל אים דאָס אָנהייבן צו אַרן. עס לויפט זיך פריי, יאָגט הענדעם־פּענדעם, דריגעט מיט די פיסלעך, טאַנצט, שפּרינגט האָץ־האָץ לעבעדיק־פריילעך, פאַררייסנדיק דעם וויידל, און האָט הנאה פון לעבן. פּלוצעם טוט מען אים אָן אַ ציימל, מע שפּאַנט עס צו מיט אַ שטריקל צו דער פאַרוואָגלטער מאַמען. „גיי, בחור“, — גיט מען אים שטאַרק אָנצוהערעניש מיט דער בייטש, — „גיי, בחור, אויפן דראָנזשעק!“ דאָס האַרץ רייסט קוקנדיק, ווי יונגערהייט איז עס, נעבעך, דערשלאָגן, ווי יונגערהייט גייט עס באַטריבט, פאַרומערט אין דעם שווערן יאָך. אין דער ערד איז, געבער, זיין קאָפּ, אַז אָך און ווי צו זיינע יונגע יאָרן!

אונדזער הערשעלע ווערט בר־מצווה — אַ לאָשעקל שוין מיט אַ ציימל! זיין קעפּל און זיין דאַר קינדערש הענטל, נעבעך, זענען געבונדן, געוויקלט שטייף מיט רימענס, רצועות. דאָס ערשטע מאָל מאַכט ער דעם „לשם־יחוד“ מיט לייב און לעבן און אַלע זיינע קרעפטן צו זיין פון היינט אָן משועבד, איינגעשפּאַנט אין דער עבודת־הבורא...

„וארשתיך לי לעולם“, און איך האָב דיך פאַרקנאַסט צו מיר אויף אייביק! — זאָגט הערשעלע, אַרומדרייענדיק די רצועה אויפן פינגער.

א צווייטן מאָל א דריי און ווייטער „וארשתיך!“ א דריטן דריי און ווידער „וארשתיך לי באמונה“, איך האָב דיך פאַרקנאַסט צו מיר מיט דעם גלויבן, וידעת את ה׳ און דו זאָלסט וויסן, וואָס פאר א גאָט מיר האָבן!...

— געגוג, הערשעלע, זיין א יינגל! — דערמאָנגען אים אויך די עלטערן מיט א מוסר. — אוים פריי! שוין צייט צו זאָרגן, צייט אין זיגען צו האָבן עפּעס תכלית־זאכן... קום, לאָשעקל, אויפן דראָנזשעק, קום שלעפּן דעם יאָך, קריעה רייסן אויף דעם שטיקל ברויט, פארשווארצט ווערן מיט אונדז אינגיינעם!

צוויי מאָל מזל־טוב דיר, קאַבצאַנסקער אָרעם בר־מצווה־בחורל! — מזל־טוב דיר מיט דעם „עול־עבודה“, מיט דעם יאָך פון עבודת־הבורא! און מזל־טוב דיר אויך מיט דעם „עול־דרך־ארץ“, מיט דעם יאָך פון דער ביטערער פּרנסה אין דעם וויסטן לעבן! געזעגן זיך אָפּ מיט דיינע יונגע יאָרן — דו ביסט געבונדן! האָב מורא פריי דעם קאָפּ אויפצוהייבן — כ׳איז אן עבירה, מע טאָר נישט!... זאָרג, זיפץ, קרעכץ און לאָז דיר דאָרן, טריקענען דער מוח...

און אזוי ווי הערשעלע האָט געהאַט א שיין קוויטשיק קולבן, האָט דער טאַטע דרינען געזוכט דעם תכלית, געוואָלט דערפון מאַכן א פּרנסה — דאָס זונדל זאָל אים אונטערהאַלטן ימים־נוראים דאָרט אין דעם גלופּסקער קלייזל, וו ער איז שוין היפּשע עטלעכע יאָר כסדר געווען א בעל־תפילה. בר־מצווה איז הערשעלע געוואָרן נאָך שבת־נחמו, פּונקט טאַקע אין דער צייט, ווען בעל־תפילות הייבן אָן זיך צוגרייטן צום דאַווענען, ווען זיי שטעלן די „כלי“, פּרווון דעם האַלדז, פאַרהערן זיך אין שטייגער; ווען עס לאָזט זיך אין די אָוונטן הערן, ווייט אויף דער גאַס, שטיקלעך פון דער ראש־השנהדיקער „שמונה־עשרה“ אויף וויינענדיקע, טרויעריקע ניגונים.

נישט דער סאָלאָווייטשיק, דער זיסער וואלד־זינגער פאר א וועלט מענטשן, נישט ער איז דער משורר פאר יידישע קינדער; נישט פאר זיי שפּילט ער זיינע שיינע לידער וועסנע־צייט אין „ספירה“, אויפוועקנדיק דערמיט אין לייטישע הערצער געשמאַקע געפילן פון ליבשאַפט — ניין! דעם יידנס סאָלאָווייטשיק איז דער בעל־תפילה, געפילן פון ליבשאַפט וועקט ער אין אים אויף מיט דעם וואונדער־שיינעם „אתה־זוכר“ און זיסע ליבלעכע ווערטער פון די הייליקע נביאים. דעם יידנס ליבשאַפט איז געט־לעך ריין, האָט נישט, ווי גאָט, קיין בילד, קיין געשטאַלט, ער ברענט, ער איז פאַרקאָכט, ציט זיך פאר גרוים חשק מיט אלע זיינע געדאַנקען אהין, אהין — צו דער הייליקער שכינה דאָרט אין הימל...

„כה אמר ה'!“ אזוי זאָגט גאָט, שרייט אויס הויך אויף א קול דער בעל=תפילה: „זכרתי לך חסד נעוריך“, אזוי געדענק איך דיר, כנסת ישראל, דאָס גוטסקייט דיינס אין דער יוגנט, אהבת כלולותיך, די ליבשאַפט דיינע כלהוויז, לכתך אחרי במדבר, דיין שפּאַצירן=גיין מיט מיר אין דער מדבר, בארץ לא זרועה, ערגעץ אין א העק עפּעס דאָרט. — עס גיט דעם יידן א ברי, א צופּ ביים האַרצן, ער צאַפּלט, פלאַטערט, שטרעקט אויס די הענט מיט א היים געבעט טיף אין דער נשמה: אי=אַי, גאָטעניו, ליבער, זיסער רבונו=של=עולם! —

און איידער נאָך ער קומט צו זיך, צעיאַכמערט זיך דער בעל=תפילה, צעגיסט זיך און לאָזט ארויס אין זיסן רירנדיקן שטייגער: „הבן יקיר לי אפרים, א טייער זונדל איז מיר אפרים=לעב, אם ילד שעשועים, א קינד — א פרייסט, כי מדי דברי בו, ווען איך רעד פון אים, זכור אזכרנו עוד, קומט ער מיר אויפן זינען אלץ מער. על כן המו מעי לו, דאָס האַרץ גייט מיר אויס נאָך אים, רחם ארחמנו נאם ה', א גאָטס רחמנות, נעבעך, אויף אים“. מיין יידעלע שטעלן זיך אין די אייגעלעך טרערן, מאַכט פּיסקעלעך ווי א קינד, עס וויינט אין אים דאָס הערצעלע און פּעסטעט זיך: אוי, טאַטעניו! הייליק, ליבהאַרצעדיק, געטריי פּאָטערל!...

דעריבער פאַרזאַמלען זיך, ווי די בינען, אז זיי דערשמעקן ערגעץ האָניק, רעדלעך יידן הינטער די פענצטער פון לייזער=יאַנקלס שטוב, ווו ער אַרבעט געשמאַק אין „ונתנה תוקף“ און נאָך אזעלכע גוטע שטיקלעך. לייזער=יאַנקל זעצט ווערטער, צעגיסט זיך אויפן העלדזעלע אין שטייגער, איבערגייענדיק פון דער געמבע אין א בייקול, און הערשעלע ענטפערט אים אָפּ אויף א קוויטש. ביידע האָרעווען, גייען אָפּ מיט שוויס, קולות אלערליי פליען. דאָס פון איטלעכן באַזונדער, איינער נאָכן אנדערן כסדר, און דאָס אויסגעמישט אינייגעם, דרייעלעך מיט א צוק אַהער און אהין, דער א קוועטש אראָפּ, ברומענדיק מיט א פרעג אויף דער גראָבער סטרונע, יענער א הייב פון אונטן ארויף, אויסקוויטשענדיק אז ענטפער אויפן געלענקל. די העלדזלעך ארבעטן בים=באַם=בים — און יידן הינטער די פענצטער זענען זיך מחיה הערנדיק.

אזוי קנאַקט דער קאַבצאַנסקער סאָלאָוויטשיק, שפּילט זיינע טרויערדיק=זיסע ניגונים אין די אָוונטן ביז א פּאָר טעג פאַר סליחות, וואָס דענסטמאָל ווערט ער אַנטשוויגן און קלייבט זיך אין וועג אריין אין איין צייט מיט די שוועלבעלעך און אנדערע זומער=פייגעלעך. זיי אהין, ערגעץ אין די וייטע ווארעמע לענדער, און ער מיט הערשעלען קיין גלופּסק, דאָרט אין קלייזל...

שאַ, שטיל, איז סליחות=צייט אין דעם וואַלד, ווי אין קאַבצאַנסק שבת, ווען דער עולם שלאָפט נאָך מיטאָג, און דאָס שטילקייט דאָרט וואַרפט א מרה=שחורה. די ביימער שטייען פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט, גאָר נישט דאָס פּנים, דאָס געשטאַלט וואָס פריער. זייער שאָקלען מיט די צווייגן — דאָס איז א ברעכן מיט די הענט, זייער זשומען — דאָס איז א ביטערער יאָמער, א זיפצן, אַ קרעכצן פון א געטרייער מוטער, וואָס בלייבט איבער אליין נאָכדעם ווי אירע קינדער צעפאָרן זיך אין אלע זייטן. דאָרט ווו עס האָט ערשט געלעבט, זיך גערעשט, געזונגען, גע=שפּרונגען אין איטלעכס ווינקעלע, איז אצינד שטיל=רואיק ווי אויף א בית=עולם. אַלצדינג דאָרט דערמאָנט אין דעם צעשיידן זיך מיט די ליבע, טיף אין האַרצן איינגעבאַקענע. נישטאָ דאָס פריערדיקע לעבעדיקייט, דאָס פרישקייט און אויפגערוימטקייט, אַלצדינג שטייט עפּעס ווי ברוגז, זייער אומעטיק. דער הימל קוקט אויך נישט פריינדלעך און איז עפּעס שטאַרק אַנגעבלאָזן. וויסט איז די נעסט — די פייגעלער זעגנען זיך צעפלויגן... פאַרזאָרגט, פאַרטראַכט שטייט דער וואַלד, גלייך ווי ער פילט, אז דאָס אויפהייבן זיך און אוועקפליען פון זיינע שפּיל=פייגעלער באַווייזט נישט אויף קיין גוטס. ער מעג זיך ריכטן, אז באַלד=באַלד וועט זיך אָנרוקן אויף אים אַ כמאַרע — דער ווינטער מיט זיינע ביטערע קעלטן, און ער איז אצינד דעריבער פאַרומערט, שטאַרק באַטריבט.

שאַ, שטיל, ווי סליחות=צייט אין דעם וואַלד, איז אצינד אויך אין קאַבצאַנסק. מיט לייזער=יאָנקלס דירן זיך, האָט זיך אויך גערירט אפשר א האַלב שטעטל. ס'איז אוועק קיין גלופּסק, ווי געווינטלעך, א טראַנספּאָרט מיט אַלע סאָרטן לעבעדיקער סחורה זוכן אין גלופּסק דאָס שטיקל פּרנסה.

קאַבצאַנסק האָט געשפּירט די ביטערע צייט, עס גייט אויף דעם עולם דער ווינטער מיט אלע זיינע באַדערפעניש: הייצונג, א שוך, א קלייד, און טאָקע עפּעס עסן אויך. נישטאָ דער זומער, ווען מע קומט איבער עט=אַזוי מיט גרינוואַרג און פּטרט אָפּ דאָס לעבן ווי עס=איז מיט שהי=פּהי, מיט אַ רעטעכל, אַ גרין אוגערקעלע, מיט אַ קנאָבל, אַ ציבעלע, אַבי פאַרשטאָפּן דעם מאָגן, אויסשטיין אים דעם בלבול וועגן דער אכילה... און דער גוטער אַלמעכטיקער גאָט, וואָס הערגערט אַלע זיינע באַשעפעניש, פונעם גרויסן ווילדטיר ביז צום קליין ווערעמל אין איי, ער מוט עס באַצייטנס אָן די זומער=פייגעלער: פליט זוכן אייער שפּייז אַהין אין די וואַרעמע לענדער — און איר קאַבצאַנסקער יידן, שלעפּט זיך, אָרעמינקע יידעלעך, זוכן אייער פּרנסה אין דער פרעמד, דאָרט אין גלופּסק!

דאָס צווייטע קאַפּיטל

מע באַדאַרף וויסן, וואָס הייסט אַזוינס ביי אַ ייִנגל פּאָרן, בכדי צו פאַרשטיין הערשעלעס האַרץ ביים קלייבן זיך אין וועג אַריין. גליקלעכער פון אים איז אויף דער גאַנצער וועלט נישט געווען אין דעם טאָג, ווען ער האָט זיך צוגעגרייט פאָרן דאָס ערשטן מאָל אין זיין לעבן אין אַ פרעמדער שטאָט איינגעם מיט די עלטערן. לייזער=יאַנקעליכע האָט זיך אויך נאָכגעשלעפּט. געהייסן האָט עס, זי פאָרט אויף קבר=אבות, נאָר באמת האָט עס געשמעקט מיט אַ געשעפטל, אויך מיט אָנקוקן, דאַכט זיך, עפּעס אַ חתן, פאַר ציפּע=סאָסיען, אָדער פאַר עמעצן אַנדערש — דאָס איז שוין אַיר זאַר, קיינעמס עסק נישט. און בכדי אויסצושלאָגן די הוצאות, האָט זי מיטגעפירט אַ ביסל סחורה, אָפּצוזעצן עס אין גלייכן געלט דאָרט, אין גלופּסק. אונדזער הערשעלען האָט זיך געדאַכט, אַז גלופּסק איז ערגעץ אין עק וועלט, עפּעס לעבן די הרי=חושך, ווו דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ, און דער טאָג פאָרן אַהינצו וועט זיך ציען לאַנג, זיך נאָר נישט אויסלאָזן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַ נאַכט פריער האָט הערשעלע קיין אויג נישט געקאָנט צומאַכן, זיך געוואָרפן אויף זיין געלעגער פון איין זייט אויף דער אַנדערער, טראַכטנדיק אַלץ פונעם גרויסן גליק, וואָס אים שטייט פאָר. עס האָט אים זיך געדאַכט, ווי גאַנץ גלופּסק שטייט אַצינד און קוקט אַרויס אויף זיין טאַטן, אַלע אין איין קול: ווו איז ער, ר' לייזער=יאַנקל? ווען קומט ער, ר' לייזער=יאַנקל? אַ מעשה, אַ מעשה! נאָך איז נישטאָ ר' לייזער=יאַנקל! און פּלוצעם ווערט אַ גרויסע פרייד, אַ גדולה — ר' לייזער יאַנקל פאָרט! ר' לייזער=יאַנקל איז שוין געקומען! ער איז נישט אַליין, ער האָט מיטגעבראַכט אויך זיין בחורל, אַ כלי=שלמה! עס איז אַ צווינגוויפּלויפּעניש, אַן ערד=טרעטעניש, מע שלאָגט זיך איבער דעם טאַטן מיט דעם קינד, איטלעכער רייסט זיי צו זיך אויף אכסניא, אויף וואַרעמס, אויף אַ קערמעשל. מע טייט אויף זיי פונדערווייטן מיט די פינגער: אָט זענען זיי; אָט גייען זיי, ר' לייזער=יאַנקל מיט זיין בחורל! זיי שטעלן אויס אַ שטיקל דאַווענען אַ „גריצר“, זינגען אַ מאַרש, אַ וואָלעכל, פאַרבייסן מיט אַ קלי=וואַנער בעטלער — און דער עולם ווערט משוגע, שפּרינגט אויס דער הויט הערנדיק אַזוינס.

קוים וואָס הערשעלע האָט דערלעבט טאָג, איז ער געשווינד אויפגעשטאַנען, אָפּגעגאָסן נעגל=וואַסער, געכאַפּט דאָס תפילין=זעקעלע, הורד וועלבן דאָס מזל זיינס איז אים דערהויכט געוואָרן, און געלאָפן אין בית=מדרש; אין דער גיך אָפּדאַוונען. אויסער דעם האָט ער טאַקע נאָך געהאַט עס=

לעבע נייטיקע געשעפטלעך, וועלכע ער האָט באַדאַרפט פאַרן אוועקפאָרן
מיט זיינע חברים דאָרט אָפּאַרבעטן. די חברים זענען אויך באַצייטנס גע=
קומען אין בית=מדרש אַריין, ווייל דער חודש אלול, ווי איטלעכן איז באַ=
קאַנט, איז איבערהויפּט אַ צייט, ווען פאַר יינגלעך שטעלט זיך דער גרוי=
סער יאריד, און אַבי געזונט, מיט ארבעט האָט מען נישט צו זאָרגן,
געשעפטן זענען, ברוך=השם, דאָ איבערן קאָפּ: מע באַדאַרף דערטאַפּן מיט
קונצן דעם שופר און זיך פּרווון בלאָזן הינטערוויילעכץ דאָרט אין דער
ווייבער=שול; דערביי מוז מען פירן די גאַנצע תכסיסי=מלחמה מיט דעם
שמש, וואָס ער איז דענסטמאָל דערצאָרנט און בייז ווי צען רוחות; אויך
באַדאַרף מען זיין אויפן הייליקן אָרט, אויפן פעלד, ס'איז דאָך דאָרטן
עפּעס דאָ אַ בוים מיט כל=נדרי=באַרלעך; היינט איז דאָך אויף דער וועלט
עפּעס אויך דאָ א וועלדל מיט ניסביימער, ערשט צייטיק געוואָרענע, מע
מוז גיין רייסן, אָנשטאָפּן פולע פּלודערן. געלויבט איז גאָט, וואָס אונטער
אַזאַ צייט מיט אַזוי פיל וויכטיקע געשעפטן איז מען נאָך כאָטש פריי,
פּטור פון לערנען — די מלמדים לויפן דענסטמאָל, גייען צו קינד, קוואָקען
אויף א קנעלונג און „בוצקען" זיך און בייסן זיך פאַר די נעז, נעבעך. הער=
שעלע האָט געקוקט שטאָלץ אויף זיינע חברים ארום אים אין פּאָלעש
פונעם בית=המדרש, טראַכטנדיק ביי זיך: אויך מיר מענטשן, מישטיינס=
געזאָגט, זיי בלייבן דאָ און איך — איך פאָר! מע זאָל אים דענסטמאָל
געוועזן זאָגן, אַשטייגער: הערשעלע! דער פּריץ שענקט דיר דאָס גאַנצע
שטעטל קאַבצאַנסק מיט זיין שלאָס, אַבי בלייב דאָ, פאָר נישט, — וואָלט
ער געשפּיגן קלעק און נישט געוואָלט אַפילו הערן. — ער געזעגנט זיך
מיט חברה און לאָזט זיך גיין לעבעדיק, פריילעך.

אַ טאָג איז דענסטמאָל געוועזן זייער אַ שיינער, ווי עס גיט זיך אויס
אַמאָל אין אלול, איינער פון די געשענקטע טעג. נאָך גאַנץ פרי האָט
פון איר געצעלט דאָרט ביים עק הימל אַרויסגעשיינט די זון מיט איר
ליכטיק פּנים און, צעטרייבנדיק ביסלעכווייז דעם פריש=קילבלעכן טומאַן,
זיך געשפּיגלט אין טוי=טראָפּנס, וואָס האָבן געפינקלט, געשפּילט אין
אַלערליי קאָלירן ווי די בריליאַנטן. די שאָטנס רוקן זיך מיט דרך=ארץ
טריט=ביי=טריט אַלץ צוריק און וואָס ווייטער, וווייטער ווערט העלער און
העלער. פריילעך סווישטשען די וואָראָבייטשיקעס, אונטערשפּרינגענדיק
מיט די דינע פיסלעך אויף די דעכער, אויף די פּלויטן, דאָס — צונויפלויפן
זיי זיך פעקלעכווייז אינאיינעם, עפּעס אַמפּערט מען זיך איבער אַ קערנדל,
עפּעס שמועסט דאָ קהל איבער וועגן זייערס אַ וויכטיקע זאַך און דאָס —
צעלויפן זיי זיך אין באַזונדערע פּאָרלעך, טאַנצנדיק איטלעכער אקעגן זיין

באַשערטער, ווינטען זיך, האַלדזן זיך, ליבען זיך, צאַפּלען, פלאַטערן מיט די פליגלער — און פּיק, פּיק אין קעפּל... מעקענדיק, לויפן ראַפּטאָם ציגן פון אַלע געסלעך אַהין, ווו עס פאַרקלייבט זיך די טשערעדע, פון דאָרט גייט זי אויפן גאַנצן טאָג אַוועק אין פעלד אַריין. די פאַרשייטע ציגן, די שקצים, שפּרינגען רעשנדיק פאַריסן די ווידלער העט פאָרויס, די קי רירן זיך פאַמעלער מיט סטאַטעק, נישט געאײַלט, צונייגנדיק מיט די קעפּלעך, ווי פּיינע באַלעבאָסטעס, רואיק, שטיל, נאָר עטלעכע פאַרדרייען אַהינטן די קעפּ און לאָזן אַרויס ווי פון אַ צעשפּאָלטענעם שופר אַ הייזעריקן, אַ קיאַיש־נאַרישן „מע" גלאַט אַזוי זיך, אַ גרוס גאָר פריינדלעך דעם גאַנצן שטעטל, אָדער אַ „זיי־געזונט" די פאַרבליבענע קעלבלעך. שאָקלענדיק זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, פירט דער גאָנער זיין גאַנץ געזינדל יונגע גענדזלעך, וואָס ערשט אַריין אין די פעדערן, בלאָזט פון זיך אַ שרעק, גאָגאָטשעט, שטרעקט דעם האַלדז, פאַרוואַרפנדיק מיטן קעפּל, און יאָגט זיך מיט דער קאָמפּאַניע אַהין צום וואַסער.

דער טאָג איז שיין, ליכטיק ווי הערשעלען אויפן האַרצן. הערשעלע שפּיליעט אויף גייענדיק דאָס קאַפּאָטקעלע, שטרעקט אויס די הענט צו כאַפּן די לאַנגע שניי־ווייסע פעדעם, וואָס טראָגן זיך אַרום אין דער לופט ווי דינע שפּינוועבס; פאַרקוקט זיך אויך אויף די טויבן, וואָס שוועבן, דרייען זיך העט אין דער הויך מיט אויסגעשפּרייטע פליגעלער, ריין־קלאָר גלאַנצנדיקע, גאָלד און זילבער — און ער האָט הנאה, ס'איז אים עפּעס גוט, גרינג אויף דער נשמה. ער פילט, אַז היינט איז ער גליקלעך. די געשעפטן זיינע האָט ער, געלויבט איז גאָט, אָפּגעאַרבעט נאָך בעסער ווי געוווּנטשן. ער איז פריי, ער פאָרט. ס'איז יום־טובדיק אַרום און אַרום. רבונו־של־עולם! טראַכט ער — און די אויגן באַנעצן זיך אים פאַר פיל פרייד — איך דאַנק דיר און לויב דיר פאַר דיינע חסדים. נו, מע באַדאַרף ייד נעמען צו דיין דינסט! פרום זיין, לערנען, דאַווענען געשמאַק — זיין אַ ייד.

גייענדיק אַזוי אויפגערוימט, שטאַרק צופרידן מיט אַ האַרץ פון פרייד, קומט אים פלוצעם צו די אויגן דאָס טייערע געשטאַלט, די ליכטיקע צורה פון ביילען.

ביילע איז זיך געשטאַנען לעבן דער פריזבע ביי איר שטוב, ווו זי האָט אַרויסגעשטעלט טריקענען דאָס צעוואַשענע געפּעם און אויסגעהאָנגען אויף אַ שטריקל עטלעכע איבערגעשווענקטע שטיקלעך גרעט. זי איז געווען נאָך נישט אָנגעטאָן, נאָר אין איין אונטערשט קליידל, פון הינטן פאַרשטעקט, באָרוועס. די אַרבל פונעם העמד ווייט פאַרקאַטשעט אויף די

פּילעמשקע, דיקע אָרעמס ביז איבער די עלנבויגנס. דער בוזעם אַ ביסל אָפן, דער גאַנצער האַלדז, מחילה, אינדרויסן און די האָר צעפּאַטלט, ווי געוויינטלעך אַ בריה אַ מיידל פּרימאָרגן.

אונדזער הערשעלע, שטאַרק אויפגערוימט, שמחת־תורהדיק, לויפט זי אין גרויס חדווה צו זיין בת־מלכה, פרעגט אים בחרם, וויאַזוי דאָס איז געשען, עפּעס גאָר טאַקע ווי דער גוטער יאָר וואָלט אים פון הינטן צו איר אַ שטופּ געטאָן. ער געזעגנט זיך מיט איר, נעמענדיק זי ביי דער האַנט, ווי זי וואָלט געווען אַ מאַנספּערשוין, און רעדט עפּעס פאַר פייער, פאַר וואַסער, נישט רעכט צו געדענקען וואָס.

ביילע בלייבט פאַרגאַפט, ווייסט נישט וואָס צו טאָן. און אַז די ערשטע היין איז אַריבער, לאָזט הערשעלע אָפּ ביילעס האַנט, מאַכנדיק, גאָר אַליין נישט רעכט ביים זינען, מיט אַ נאַריש געלעכטערל:

— הע... ביי אַ מיידל די האַנט!... אַ יידענע, הע, שלום־עליכם!...

גאָר ווי ער קומט באַלד אינגאַנצן צו די געדאַנקען, נעמט אים אָפּ דאָס לשון, ער ווערט רויט און בלייך. ביילע שטיקט זיך שטילערהייט פאַר געלעכטער מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, אַוועקרוקן זיך אין דער זייט, און הערשעלע טראָגט זיך אָפּ געשווינד, ווי אַ גנב.

הערשעלע איז געווען עפּעס גאָר צעדרייט, ביי זיך אין האַרצן מיאוס אַראָפּגעפאַלן. סטייטש, וואָס האָט ער געטאָן!... ערשט זאָגט ער צו, דעם רבונו־של־עולם צו דינען, זיין אַ ייד — און פּלוצעם אַזאַ מעשה, אַזוינס „אים" אָפּצוטאָן! פע! — ער שפּייט, קראַצט זיך פאַר פאַרדראָס אין דער פּאה און מאַכט: נאַ—נאַ!...

דאָס דריטע קאַפּיטל

אַז הערשעלע איז געקומען אַהיים, האָט ער געכאַפּט אַ שטיקל פּסק, פאַרוואָס ער האָט זיך עפּעס אַזוי געזאַמט. דער טאַטע איז שוין געווען אַנגעטאָן אין די וואָך־קליידער: אַ ציצן אָפּגעבליאַקעוועט כאַלאַט, די אַרבל און די פּאָלעס פון פאָרנט איינגעטונקט אין פעטע, פאַרהאַרטעוועטע פלעקן פון אַלערליי מאכלים, אויסגעמישט מיט גרינלעכע טאַבאַקע און געגלאַנצט עפּעס מיט אַ מיתה־משונה־קאָליר, דער הינטן אויסגעריבן און ערטערווייז דאָרט קוקן אַרויס שטיקלעך קליאָטשע. אויפן קאָפּ עפּעס אַ מין אָפּגעפאָרן, שטאַרק צעקנייטשט מיצל. נאָר די אַלטע צעריסענע וועג־שיך מיט לאַטעס, וועלכע ער האָט באַדאַרפט אָנטאָן, זענען אים דערווייל אויף די

פום נאָך גישט געווען, מע האָט זיי ערשט געזוכט און געפרווט מיט דער קאָמשערע אַרויסשאַרן פון אונטער דעם בעט. דאָס הויזגעזינט האָט געטאַנצט אַרום אים, שטאַרק באַשעפטיקט מיט איינפּאַקן די קלימעקעס און ער איז געשטאַנען אָנגעזאָמלט ווי אַ פערדל.

יאָ, גענבער, טאַקע אַ פערדל, וואָס האָט באַדאַרפט שלעפן אויף זיך אַ שטוב מיט קינדער. איין מאָל אין יאָר פלעגט ער מוזן זיך אַזוי איינשפּאַנען, גיין אין וועג אַריין, איינרייסן זיך דאָס געזונט, אַרבעטן אויף אַלע כּלים און פון דער דאָזיקער נסיעה איז אָפּגעהאַנגען דאָס לעבן פונעם הויזגעזינד דאָס גאַנצע יאָר... דעריבער האָט זיך אין אַזאַ טאָג געוויגט די גאַנצע שטוב, אַלע זענען אויפגעווען און לייזער-יאַנקל, גענבער, איז געשטאַנען, אָנגעזאָמלט, בלייך, פאַרטראַכט, מיט אַן ערנסט פּנים.

די מאַמע איז געווען אָנגעטאָן אין איר וועג-קליידער, עפּעס מינישמאַטעס אַזעלכע פון במעלניצקיס צייטן, און וועלכע זי איז אויסגעקומען גרעבער, דיקער ווי שטענדיק, און אַ מין טיכל אָנגערוקט אויפן שטערן ביז איבער די אויגן. נאָר הערשעלע אַליין האָט פאַרשפּאָרט זיך איבערצוטאָן. מער ווי דאָס איינע קאַפּאָטקעלע אויפן לייב האָט ער נישט געהאַט. די מאַמע האָט אים אפילו געהייסן איבערקערן דאָס קאַפּאָטקעלע אויף דער לינקער זייט, הערשעלע אָבער האָט איר באַוויזן באַשיימפערלער, אַז דער אונטערשלאַק איז מיאוס פאַרשמירט, אויך צעהאַקט, צעפּאָלן, און טאַקע געבליבן ביי דאָס זייגיקע — פאָרן גאַנץ פראָסט ווי ער גייט, דערפאַר האָט ער שוין געמוזט צוליב טאָן, נעמען אויפן קאָפּ דעם טאַטנס אַן אַלט היטל, עפּעס אַ מין קאַטערוכע, וועלכס מע האָט שוין לאַנג געמענט מיט דעם חמץ פאַרברענען, און אַרומגאַרטלען זיך מיט אַ קריקע.

אָט אַזוי אָנגעטאָן ווי געהעריק, האָבן אונדזערע פאַרשוינען, נאָכדעם ווי זיי האָבן אין איילעניש עפּעס איבערגעכאַפּט, זיך געזעגנט מיט די קינדער, געכאַפּט די קלימעקעס און יאָגנדיק אין איין אָטעם, פאַרשוויצט, פאַרסאַפּעט, פאַרדולט ווי אויף אַ בייזער מהומה, אַזוי ווי דער שטייגער איז פון יידן ביים פאָרן.

אויף אַ לאַנגן וואָגן אין דער הויך איז געשטאַנען אַ שטייג מיט עופות און אַ קאָרב מיט אייער אין פּאָלאווע, וועלכע די מאַמע האָט אָוועקגעשטעלט דאָרט באַצייטנס נאָך אינדערפרי.

דער וואָגן איז אָנגעוועצט געווען ענג מיט פאַרשוינען, כמעט אַ פערטל קאַבצאַנסק. דאָרט האָבן זיך געפונען מיידלעך, ווייבלעך, וואָס זענען געפאָרן זיך שטעלן פאַר דינסטן און אַמען, אויך אַלערליי סאָרטן יידן:

שיינע יידן, כשרע יידן, מיטן פולן מויל יידן, ברענענדיקע יידן, צעבראָכענע יידן, גילדענע־אָדער־יידן, גאָט יידן, אַזוי־זיך־יידן און אויך־מיר־יידן. ס'איז געווען אַ פאַרמישעניש, אַ פאַרפּלאָנטעניש, אַ פאַרביטעניש מיט די פּים און אַ צונויפשטיקעניש נאָר אומצוקומען.

הערשעלע מיט די פאַרשווינען, וואָס אין דער מיט, האָבן געשוויצט, פּאַקע משונה געשוויצט, די שיינע יידן האָבן, נעבעך, געשוויצט ווי אַ ביבער, די פּנימלעך זייערע זענען געווען אויסגעפּריעט, ווי אַ צימעס און אויב מע האָט זיך נישט פאַרקילט, איז נאָר דעריבער, ווייל דער וואָגן איז געווען באַלאַגערט פון די אויפגעכאַפּטע פאַרשווינדלער, וואָס זענען אויף משקולת געשטאַנען, געזעסן מיט קונצן פון הינטן, ביי די זייטן, אויך אויף דער קעלניע, נישט צוצולאָזן אויף די, וואָס אין וואָגן, קיין פּיצל לופטערע. נאָר אין אָנהייב איז איטלעכער געזעסן ברוגז, עפּעס אָנגעדרודלט, אונטערגעוואָרטשעט אויף דעם באַלעגאָלע און ביים כאַפּן אַ קלאַפּ אין די קריזשעס, אַ קוועטש אין דער מאַזאָליע פון עם פינגער, האָט מען, שטאַרק פאַרקרימענדיק זיך, פאַרביסן מיט די ליפּן; מילא ני־נו. נאָר דערנאָך איז מען געוואָרן שוין אַ ביסל היימישער, דרך־ארץ אין דער זייט, איינער דעם אַנדערן בעט מחילה: רוקט זיך אַ ביסל! פון יענעמס אַ זעץ טוט מען אַ געשריי. יידן זענען נישט צופרידן און קריגן זיך. די מאַמע האָט אַלץ געפּילדערט אויף אַ צעבראָכענעם יידן, ער זאָל נישט צעברעכן איר די אייער. דער טאַטע האָט געהאַלטן פאַרמאַכט דאָס מויל, איינגעוויקלט דעם האלדז מיט אַ שטיקל פּעל, נישט צו פאַר־לירן, חלילה, דאָס קול. די פערד הייבן אָן זיך אינטערפּויקן, שלעפּן זיך פּאַמעלעך, מאַכנדיק מיט די אויסגעקראָכענע וויידלען, און די פאַר־שווינען מאַכן זיך האַרץ, הייבן צווישן זיך אָן אַ שמועס.

דער ערל, עפּעס אַן אָרעמער, ערגעץ אַמאָל געוועזענער עקאָנאָם, וואָס די גאַנצע צייט, זינט פונעם אויפזעצן זיך זיינעם אין וואָגן, איז ער געווען פאַרפאַפן, נישט אויף דעם עולם — האָט זיך לסוף אויפ־געכאַפּט שוין ניכטער, געקוקט ווי אַ נעכטיקער אויף דער גאַנצער קאָמ־פּאַניע אַרום אים און זיך צוגעהערט צום שמועס, וועלכער איז געווען פאַר אים טערקיש, פּרוּוונדיק באַלד טאַקע אַריין אינדערמיט אויך מיט אַ שמועס, וואָס איז ווידער פאַר יידישע קינדער געווען תרגום. נאָר אַ יידיש קעפּל בייסט איין תרגום אויך. אַבי געכאַפּט נאָר עפּעס, איין וואָרט פון צען, האָבן זיי זיך שוין געשטויסן, געדרוגנען דאָס איבעריקע מיט זייער אייגענעם שכל און זיך געקליגט אַלע איניינעם, געבן דעם גראָבן פויערישן קאָפּ צו פאַרשטיין זייער מיין מיט אַלע מיני הסברות:

א ביסל מיט אונדזער לשון, א ביסל מיט זייער לשון, א ביסל מיט די הענט, א ביסל מיט דעם ווונק, א דריי מיט דעם פינגער אויף א ניגון. גישקשה, מע האָט זיך פאַרשטאַנען.

עס האָט זיך געצויגן א שמועס וועגן דעם, וואָס ביי זיי, וועגן דעם וואָס ביי אונדז, להבדיל. זיין נאָמען איוואַן איז אונדזערער, מע האָט עס גענומען פון, לחבדיל, יוחנן, די אַלע שבע חכמות זענען גענומענע, אונדזערע. מע האָט אים אויך דערקלערט זייער א ווילן משל פונעם מדרש, א גלייכווערטל פון דער גמרא, קלאָר געמאַכט אים אין יידישע מנהגים מיט דעם שכל, וואָס דרינען שטעקט. איוואַן, אפנים, ער האָט מודה געווען — עטלעכע מאָל האָט ער אַלץ אויסגעשריגן: קוגל, צימעס! און זיך דערביי באַלעקט. די ווייבער האָבן געקייכט פאַר געלעכטער, געמאַכט:

— צו זיין קאָפּ, צו זיין לעבן! קוקט אים אָן, ווי ער באַלעקט זיך, ער האָט ליב אונדזער קוגל!

עפּעס א יונגט מיט א צוגעדעקטן קאָפּ, וואָס פאָרט זיך שטעלן פאַר אַן אַם, ברומט שטילערהייט אונטער פאַר זיך א טרויעריק לידל:

„אויפן הימל לויכטן שטערנדלעך,
אין וועלדל שפּילט א סאָלאָוויי,
דער גאַנצער וועלט איז ליב און פריילעך,
און מיר אליין אַז אָך און וויי“.

דער ערל קערט זיך אוועק, מאַכט זיך א ביסל נאַריש מיט די ווייבער און מע גיט אויף אים א מאַך מיט דער האַנט: אַן ערל בלייבט טאַקע אַן ערל!

נאָכדעם ווי מען איז א היפּש שטיקל וועג זיך אָנגעגאַנגען צופוס אונטער א בערגל, אונטערשטופּנדיק דעם וואָגן, און ווידער זיך אויפגעזעצט, האָט דער עולם יידן זיך געשמאַק א נעם געטאָן צו א ברייטן שמועס. מע רעדט פון אַלצדינג, וואָס קאָכט זיך דאָ אויף דער וועלט און דאָרט אויף יענער וועלט. מע רעדט פונעם האַגדל, שאַצט דאָס פאַרמעגן פון א סך גבירים, עס קומט אויך צו רייד די אַלטע מעשה מיט ר׳ שמעלקען און עם בלייבט, אַז ער האָט פון אליהו־הנביא באַקומען א ווינטש פינגערל. עס הייבט זיך באַלד טאַקע אָן א געקרעכצעריי, א געזיפצעריי, א געווינטשעריי. איינער זאָגט, ער זאָל האָבן א ווינטשפינגערל, וואָלט ער געווונטשן דאָס, דער אַנדערער — דאָס און דאָס, דער דריטער — יענץ... הכלל, איטלעכער ווינטשט עפּעס אַנדערש. צדקות איז געפאַלן געגנג ווי מיסט, מיט דער פולער האַנט. איינער דעם אַנדערן ווייזט

ארוים זיין גרויסע פֿרייגרשאַפֿט, צוזאָגנדיק דעם, יענעם גילדענע בערג. דאָס גוט־ברודערשאַפֿט צווישן דער קאָמפּאַניע ווערט געשטאַרקט, מע פֿילט זיך עפּעס געטרייסט, נישט אַזוי פֿאַרוואָרפֿן, פֿאַרגעסן אין דער וועלט און איינער מיט דעם אַנדערן איז זייער צופֿרידן.

אָט אַזוי האָט זיך עס געטאָן ביז מע האָט, מיט דעם אייבערשטנס הילף, אָקעגן נאַכט זיך קוים לעבעדיק פֿאַרשלעפּט קיין גלופּסק.

דאָס פֿערטע קאַפּיטל

והיא, און זי, גלופּסק, האָט צו לייזער־יאַנקלען נישט אַזוי געטאָן. בבואם מקאַבצאַנסק, ביי זייער אָנקומען פֿון קאַבצאַנסק איז גלופּסק זיי נישט געלאָפֿן אַקעגן מקבל־פּנים זיין, ווי הערשעלע האָט אינדערהיים זיך פֿירגעשטעלט. מע האָט זיך איבער זיי נישט געשלאָגן, נישט געריסן איטלעכן באַזונדער צו זיך אויף סטאַנציע, אויף אַ מאָלצייט. מענטשן זענען קאַלטבלוטיק געגאַנגען פֿאַרביי, זיי אַפֿילו נישט אָנצוקוקן.

הערשעלען איז די זאַך אין פּלוג שטאַרק קשה געווען און, שטייענדיק ביים אַרויסקריכן פֿונעם וואָגן מיט אַ פּעקל אין די הענט אויף דער גאַס, האָט ער געקוקט אויפֿן טאַטן פֿאַרוווּנדערט, אָן ווערטער, גלייך ווי גערעדט: האַ, וואָס זאָל עס אַזוינס באַטייטן? שטעקט נישט דרינען אפֿשר עפּעס גראָבער טעות? נאָר נאָכדעם ווי ער האָט געכאַפּט פֿון הינטן אַ דישעל און דער טאַטע אַ שטופּ, אַזוי אַז ער איז, נעבעך, געפֿלויגן ווייט אויף עטלעכע טריט, שיר נישט אַרויפֿגעפֿאַלן אויף דעם חזיר, וואָס האָט געשמאַק געבראָמקעט ביי דער זייט גאַס, וווּהין מע האָט ערשט פֿון אַ גאַניקל אין דער הויך אַראָפּגעגאָסן, ווי געוויינטלעך, אַ פֿולע, אַ משונה שמעקנדיקע פֿאָמויניצע מיט אַלעם גוטן, און צו דעם דישל מיט דעם שטופּ אויך געלייזט נאָך אַ מאָל צען אין טאַטן אַריין, פֿאַרוואָס שטייען עס יידן, ווי די ליימענע גולמס, פֿאַרשטעלנדיק דעם וועג — אָט דענסטמאָל פֿון אַזאַ אָנצוהערעניש איז אים, הערשעלען, פֿאַרענטפֿערט געוואָרן די קשיות. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז, שוין טאַקע גוט פֿאַרשטאַנען...

און ער און דער טאַטע זענען אין זיינע אויגן אַ ביסל אַראָפּגעפֿאַלן.

באַלד ביים קומען איז לייזער־יאַנקל אַלץ געשטאַנען און זיך געראַטן מיט דעם ווייב וועגן זייערע זאַכן און אויב אַצינד איז נישט שפּעטלעך אַ גיי צו טאָן צו באַקאַנטע, נאָר נאָך אַזאַ באַגעגעניש איז ביי זיי ביידע געבליבן מער קיין שהיות נישט צו מאַכן און בלייבן דערווייל אויף נאַכטלעגער דאָ אין דער באַלעגאָלישער אַכסניא.

הערשעלען האָט מען מכבד געווען מיט אַריינטראָגן פּעקלעך אין שטוב אַריין, דאָרט דערויף אַכטונג געבן, און אַליין האָבן זיי זיך געבאָבעוועט אַרום דעם שטייג מיט עופות, איבערגעשמועסט מיט דעם באַלעגאָלע, ער זאָל מוחל זיין אַריינפאָרן אין הויף אַריין, וווּ די שטייג וועט דערווייל שטיין אויפן וואָגן ביז מאָרגן.

גישט פאַר קיין יידישע קינדער געדאַכט אַזאַ נאַכט, וועלכע הערשעלע האָט אויף דער אַכסניא אין גרויסע צרות צוגעבראַכט. הונגעריק, מיד און צעבראָכן פון וועג האָט ער שוין שפּעטלעך בייגאַכט, אין דעם גרויסן רעש און דער מהומה פון אַלערליי מיני פאַרשווינען, זיך הערשטופּט ערגעץ אין אַ ווינקעלע און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף עפּעס אַ הינקענדיקן, צעריסענעם טאַפּטשאַן. דאָרט האָט מען אים שוין יאָ טאַקע מקבל-פּנים געווען, און אויפגענומען פאַר אַ גאַנץ טייערן גאַסט — גלופּסקער וואַנצן, ווי דער גאַנצער וועלט איז באַקאַנט, נעמען זייער גערן אויף אורחים מיט אַלע כבוד: האַלדזן זיי, קלעפּן אין זיי און קריכן זיי אונטער די נעגל. הערשעלעס קראַצן זיך און אָנצוהערעניש-געבן מיט די הענט, אַז ער איז זיי מוחל דעם כבוד, האָט אָקעגן אַזעלכע נפשות גישט געהאָלפן. זיי האָבן זיך טאַקע געטאָן זייערס, זיך געדרייט, געאַרבעט אַרום דעם אורח מיט גרויס פאַרגעניגן, ביז ער האָט געמוזט זיך אָפּטראָגן שא, שטיל און זיך געלייגט פּשוט אויף דער ערד.

אָט אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט הערשעלעס יענער פריילעכער טאָג, אויף וועלכן ער האָט אַזוי אַרויסגעקוקט און זיך פאָרגעשטעלט אין אים גרויסע גליקן!....

מאָרגן נאָך גאַנץ פרי האָט די מאַמע זיך געאיילט אין שטאָט אַריין וועגן אירע געשעפטן. שפּעטער אַ ביסל נאָך איר איז אויך אַוועק דער טאַטע. ביים אַוועקגיין קוקט ער זיך אַרום, אַז די קעשענע איז אים צעריסן און פאַר גרויס איילעניש כאַפּט ער און גיט איבער דאָס ביימעלע מיט זיין ביסל פאַרמעגן הערשעלען, וואָס איז איבערגעבליבן אַליין לעבן די זאַכן.

אונדזער הערשעלע דערטאַפּט פון אַ זעקעלע אַ שטיק ברויט מיט אַ גרויסער, געלער אוגערקע, אויך אַ צייגדל קנאָבל און נעמט זיך ווייל טאָן, עסן געשמאַק, ווי אויפשטייענדיק פון אַ קרענק.

אונטערגעלעגט דאָס האַרץ, באַקומט ער שטאַרק יצר-הרע אַרויסצוגיין אויף אַ ווייל אינדרויסן, אָנצוקוקן וואָס פאַר אַ פּנים גלופּסק האָט.

פאַר הערשעלעס אויגן עפנט זיך עפּעס גאָר אַ נייע וועלט. אַלצדינג איז פאַר אים ניי, גלייך ווי ערשט געשאַפן געוואָרן, ערשט אַרויסגעקראָכן

פון דער ערד. ער שטייט פאַרגאַפט, פאַרריסן דעם קאָפּ און ווייסט נישט אויף וואָס פריער צו קוקן. גאָר צום ערשטן וואַרפט זיך אים אין די אויגן אַ געדיכטע קאַשע פון יידן. מע לויפט, מע שטופט זיך אין יאָגעניש ווי אויף א שרפה. יידן, יידענעס, קינד און קייט — אָן עין=הרע ווי באָב! — אויסגעמישט און אַלע אינייגעם, אָנגעטאָן אין אַלערליי מלבושים, פון צעריסענע שמאַטעס ביז די טייערסטע קליידער, צווישן זיי אויך נקבות אין סאַמעטענע מענטעלעך מיט זיידענע, פאַרדריפעטע קליידלעך, גאָר שררותפּטס, און ווען זיי זאָלן נישט געווען רעדן זינגענדיק הויך, אויף דער גאַנצער גאַס, מיט אַ קוויטש, שנייצנדיק דערביי די נאָז, וואָלט ער זיכער געמיינט, אַז דאָס זענען פריצעס...

פון אַלע זייטן פאָרן בוידן, ביידלעך, פורלעך, אַ טייל פאַרפלאָנטעט, פאַרהאַקן זיך מיט די רעדער, אַ טייל מיט די דישלעס, און זידלערייען, געשרייען, געוואַלדן ביז דעם זיבעטן הימל.

דאָס, וואָס רינשטאָקלער פלייצן אין די גאַסן, איז אים קיין וואונדער נישט געווען, ס'איז דאָך אַ יידישע שטאָט. אין קאַבצאַנסק איז גענוג די איינענע סחורה. ווי דען אַנדערש? דערויף איז דאָך עס אַ גאַס אויף אויסצוגיסן דאָרט פאָמויניצעס. א וואונדער איז אים נאָר געווען די שפּיצעכדיקע שטיינער, וועלכע וואַלגערן זיך אין די גאַסן. צוואָס נאָך שטיינערנע אַזעלכע אויף צעברעכן ריק=און=לענד, אַז אָן דעם קאָן מען אויך אין די גריבער דאָ פאַלן זייער שיין און ברעכן דעם געניק! איינפאַלן זאָל אים פלוצעם, אַז דאָס איז א ברוק, סטייטש וויאַזוי, אַז געברוקירטע גאַסן זענען פאַר אים געווען נאָך גאָר אַ סוד, נישט געהערט, נישט געזען קיינמאָל אַזוינס. אָט ערשט שפעטער, אַז ער איז זיך דערגאַנגען פונעם סוד, וואָס אזעלכס באטייט, איז אים טאַקע שוין מער קיין וואונדער נישט געווען. אַזוי איז שוין טאַקע רעכט. אויך איז אים קיין וואונדער נישט געווען די איינגעהויקערטע שטיבלעך מיט צעבראָכענע דעכלעך, אָנגעזעצט געדיכט איינס לעבן דעם אַנדערן, ווייל אַזוי באַדאַרף זיין, אַזוי האָבן א פנים הייזער, ווי געוויינטלעך יידישע הייזער. משונה ווילד האָט אים אויסגעזען גאָר אינמיטן דרינען א מויערל אין צוויי, אין דריי גאָרן. רבונו=של=עולם, ווי שטופט זיך עס א ייד ארויף אזוי הויך אונטערן הימל און שטעלט זיך נאָך איין דאָס לעבן אַרויפקריכן אַהין אויף אַ שמאָל לייטערל פון דרויסן! טאַקע נאָר ווידוי, פריער ווען מע גייט אויף אַזאַ לייטערל ארויף, מוז מען אָפזאָגן ווידוי, זיך געזעגענען מיט דעם לעבן.

די אויגן הערשעלעס האָבן אַלץ געקוקט, געפונען וואָס צו זען, דאָס קעפל זיינס האָט אַלץ באַטראַכט, געטראַכט און די פיס זייגע זענען זיך

דערווייל אַלץ געגאַנגען, געגאַנגען, ביז ער האָט פּלוצעם זיך אַ כאַפּ געטאָן

— עַ־עַ! ער איז פאַרגאַנגען ווייטלעך און שוין לאַנג צייט צוריק.

צוריק אָבער ווייסט ער נישט דעם וועג. ער הייבט אָן פרעגן ביי יידן, ווי גייט מען צו דער קאַבצאַנסקער אכסניא. אַ טייל קוקן אים אין אייִלעניש, לויפעניש ביי־זלעך אָן, נישט צו ענטפערן אַ וואָרט; אַ טייל מאָלן אים אויס בקיצור מיט דער האַנט:

— גיי, ייִנגעלע, גלייך, גלייך, דערנאָך לינקס, ביז צו אַ געסעלע, דער־נאָך רעכטס און ווייטער לינקס. דאָרט, ייִנגעלע, טו א פרעג, וועט מען דיר שוין ווייזן:

הערשעלע, אַ ברירה האָט ער געהאַט, איז געגאַנגען, פאַרקראָכן אין געסלעך, אין בלאָטעס, געשפרונגען איבער שמאָלע, איינע פון די אַנדערע ווייט אָפּגעטראָטענע קלאַדקעס, אָנכאַפּנדיק זיך דערביי אין דער זייט פאַר פּלויטן. ער איז, אַפּנים, אַריין גלופּסק אין די קישקעס, אין דעם מאָגן, וווּ ס'איז געדיכט, עס שמעקט און פאַרגייט אין נאָז. ער האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים און איז, געבעך, אָפּגעגאַנגען מיט שוויס, ביז ער האָט זיך אָנ־געשלאָגן אויף אַ פיינעם יונגנמאַן, וואָס איז אַזוי גוט געווען זיך אָפּצוגעבן אַ ביסל מיט אים.

— קום, — זאָגט דער יונגערמאַן, באַטראַכטנדיק הערשעלען מיט אַ גוט שמייכעלע פונעם קאָפּ ביז די פיס. — קום, איך וועל דיך אונטער־פירן. ביסט דאָ, ווי איך זע, גאָר אַ פריץ.

הערשעלע דאַנקט דעם יונגנמאַן פאַר זיין גוטן ווילן כמעט מיט טרערן אין די אויגן. —

— העלפן אַ גר איז אַ מצווה, — מאַכט דער יונגערמאַן מיט אַ שיי־נענדיק פּנים. — דאָ אין גלופּסק טאָר מען קיין פריץ נישט זיין, ביי אונדז דאָ באַדאַרף מען גוט היטן די קעשענעס פאַרשטייסטו מיך, ייִנגעלע?

הערשעלע טוט זיך, גייענדיק, אַ טאַפּ אין קעשענע.

— דו ביסט שוין אַ חתן?

— ניין! — ענטפערט הערשעלע שוין מיט אַ פריילעך האַרץ.

— פאַרוואָס ניין? אָט וועסטו זען, ביי אונדז וועט מען אין גיכן דיר שטעלן אַ חופּה.

הערשעלע שטיקט זיך פאַר געלעכטער.

— וואָס, דו גלייבסט נישט? אָט וועסטו זען. לאַך דיר, לאַך, נישקשה! אָט איז א קלאדקעלע. פאמעלעכן, האָב נאָר אין זינען די קעשענע.

הערשעלע טוט זיך ווייטער א טאַפּ.

— נו, סאיז דאָ?

— שרעקט זיך נישט, ס'איז דאָ.

— פאַראיאָרן האָט דאָס אייגענע טאַקע געטראָפן מיט אַ בחורל ווי דו. ער האָט זיך אַלץ געטאַפּט, געמיינט, אַז ביי אים ליגט עס אין קעשענע דאָס ביטעלע, און לסוף וואָס לאָזט זיך אויס? — בוידעם! די קאַרמאַנשטשיקעס, ברענען זאָלן זיי, האָבן עס ביי אים, נישט פאַר דיר געדאַכט, דערטאַפּט און אָנשטאָט דעם אַריינגעלייגט אהין עפּעס שפּאַרגאָלן, אשר־יצר־פּאַפּירלעך. די פאַרשטייסט? — נעם עס, מחילה, טאַקע אַרויס און קוק רעכט אָן. פויל טאָר מען נישט זיין.

אונדזער הערשעלע איז נישט פויל, נעמט אַרויס דאָס ביטעלע און האַלט עס פאַר די אויגן.

— זעסטו, האַ? וואָס איך האָב דיר געזאָגט! — דאָס זענען די לעצטע ווערטער פונעם פייגעם יונגנמאַן, וואָס אויסכאַפּנדיק הערשעלען פון די הענט דאָס ביטעלע, מאַכט ער אַ פּליטה און ווערט באַלד ווי אויסגעטריקנט.

הערשעלע בלייבט אין דער הייסער מינוט שטיין ווי אויסגעפּאַטשט, מיט אַ פּאָר אויסגעשטעלטע אויגן און אַן אָפן מויל, נישט צו וויסן, ווו ער איז און וואָס מיט אים טוט זיך אַזוינס.

דעם עולמס ווערטל: „אַ גאַסט אויף ווייל זעט אויף אַ מייל" האָט טאַקע זיך אַקוראַט געפּאַסט צו הערשעלען. באַלד אין דעם ערשטן טאָג פון זיין קומען האָט גלופּסק זיך פאַר אים „אַנטפּלעקט" מיט איר גאַנצן כבוד און שיינקייט: מיט אירע שמאָלע קרומע הינטערגעסלעך, מיט אירע „פּיסקעס", לעוואַדעס, רינשטאָקן, שטאַרק שמעקנדיקע קאַלוזשעס, געדיכטע און שיטערע בלאָטעס און מיט אירע גנבים, ביטל־שניידער — און דאָס אַנטפּלעקן זיך אירס איז אים באַקעם אויסגעפאַלן.

פאַרשמירט, פאַרדריפּעט, מיט אַ פרישצאַפּלדיקן גלופּסקער קאַטער, איז הערשעלע אַרום מנחה־צייט געקומען באַטריבט צוריק אויף דער אכסניא. נישטאָ קיין טאַטע, קיין מאַמע, און די קלימעקעס — אויך נישטאָ! ער בלייבט טויט מיט אַלע אברים, קוקט ווי אַ דולער און דאָס האַרץ טיאָכקעט אים שטאַרק. פּלוצעם דערהערט ער ווי מע בייזערט זיך אויף אים מיט די ווערטער:

— אָט האָסטו אים, דאָס שיינע בחורל! וואָס זאָגסטו, איך בעט דיך, צו זיין טאַטן?

און ער דערזעט פאַר זיך רייזע די בעל־אכסניאָטע.

רייזע איז אַ קורצע, דיקע, ברייטבייכיקע יידענע, שוין אין די יאָרן, מיט אַ געשטופּלט פּנים, וואָס איז שטענדיק פאַרשוויצט און מיט אַ צוויי־

גאָרנדיק גוידערל. אַ שנירל שיטערע הערלעך ציט זיך איר אויף דער אייבערשטער ליפּ, וואָס פֿאַררייסט זיך ביי דער רעכטער באַק אַרויף, אַזוי, אַז מע זעט אַ רויט שטיקל צונג אַרויסקוקנדיק דורך אַ היפּש שפּעלטל אויפֿן אָרט פֿון צוויי אויסגעפֿוילטע ציין. איין עק פֿאַרטעך איז איר שטענדיק פֿאַרשטעקט, דער בוזעם צעשפּיליעט. די צוויי עקן פֿונעם קאָפּן־טיכל זענען פֿאַרוואָרפֿן אַהינטן און האַלט געווייִנטלעך אין דער האַנט אַ פֿאַלאַניק — אַ באַווייז, אַז זי פּאַרעט זיך שטענדיק לעבן אויוון. זי רעדט שרייענדיק, גיך אין איין אָטעם פֿונעם האַרצן מיט אַ בייזער; עס דאַכט זיך, זי איז שטאַרק אויפֿגעבראַכט, קריגט זיך, הגם זי מיינט, חלילה נישט קיין שלעכטס און איז בטבע אַ גאַנץ גוטע. דאָס איז ביי איר גלאַט אַזאַ לשון, אַזאַ שטייגער רעדן, וואָס האָט נאָך אויסגעאַרבעט זיך פֿון אייביקע עסקים און צו טאָן האָבן איר גאַנץ לעבן מיט באַלעגאָלעס. אין דעם שמועס וואַרפֿט זי אַלץ אַריין „הען אַ ביסל! וואָס זאָגסטו צו זיין טאַטן?“ הויך אויף אַ ניגון. אויך איז דער שטייגער אירער ביים רעדן אָנצובייגן עפּעטערס דעם קאָפּ אין דער זייט און אַ פּאָר מאָל מיטן שפּיץ נאָז איבער דעם אַרבל, טאַקע אַ וויש אויף דער גאַנצער לענג פֿונעם אָרעם.

— וואָס זאָגסטו צו זיין טאַטן? — איז רייזע אַרויס מיט איר שרייענדיקן לשון אויף אונדזער הערשעלען, נעבעך, און טאַקע אַ גוטן פּאָר גענגדיק מיט דער נאָז איבער דעם אַרבל. — ווי ווערט עס אַ בחורל פֿאַרפֿאַלן, הען אַ ביסל! קוקט אים נאָר אָן, דאָס שיינע בחורל! נעמט זיך און ווערט פֿאַרפֿאַלן!

הערשעלע שטייט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, וואַרגנדיק זיך מיט טרערן און שווייגט.

— ער שווייגט נאָך, דאָס שיין בחורל! טאַטע און מאַמע שטאַרבן דאָ, און ער, הען אַ ביסל! שטייט ווי אַ למך און שווייגט.

— אוי, ווייִ־ווייִ מיר! — טוט הערשעלע אַ געשריי און צעכליפּעט זיך, מיינענדיק טאַקע, אַז די עלטערן זענען אויף דער וועלט שוין נישטאָ און ער איז געבליבן אַ יתום.

— נו, כליפּע נישט, פֿאַרפֿאַלן! — טרייסט רייזע אונדזער ווינציק יתומל. — ווייטער זאָל אַ בחורל אַזוינס מער נישט טאָן. טאַטע און מאַמע זענען דאָך אָן אַ נשמה... די נשמה איז זיי אויסגעגאַנגען לויפֿנדיק...

— איק־איק־איק! — כליפּעט הערשעלע מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ, וויל עפּעס זאָגן, נאָר עס שטיקן אים די טרערן און קוים וואָס ער ברענגט אַרויס פֿון מויל איקענדיק אַ פּאָר האַלבע צעבראָכענע ווערטער: מאַמ... געשטאָר... איק...

— אוי, א דונער האָט מיך נישט דערשלאָגן,—מוט זיך רייזע א כאַפּ.

— ער מיינט „שטאַרבן“ הייסט טאַקע געשטאָרבן... עס רעדט זיך גאָר אַזוי, נאַרעלע, ס'איז אַזאַ לשון... העז אַ ביסל! טאַטע און מאַמע האָבן טאַקע געקאָנט שטאַרבן. נו, שאַ, אָט וועלן זיי באַלד קומען געוואָר ווערן. נאָך בייטאָג האָבן זיי זיך מיט די זאַכן איבערגעקליבן ערגעץ, ווייס איך ווו? פאַרקויפט די הינער, די אייער, איך אַליין האָב אויך געהאַנדלט. שאַ, אָט וועל איך דיר געבן פון דער מאַמעס אייער. אַ ווייטעק איז מיר! העז אַ ביסל, אַ גאַנצן טאָג האָט ער נישט געגעסן! — גיי וואַש זיך און זעץ זיך צום טיש.

אונדזער הערשעלע איז פון טויט לעבעדיק געוואָרן און זיך גענומען אונטערלעגן זיין האַרץ מיט אַ פרעזשעניצע, וואָס רייזע האָט אים דער גיך צוגעטראָגן אים צום טיש, מאַכנדיק דערביי אויף איר שרייענדיק ביי־זערנדיק קול:

— נאַ, עס געזונט, האָסטו געהערט, העז אַ ביסל, מע זאָל אַזאַ טאָג אָפּפּאַסטן.

באַלד זענען נישט טויט נישט לעבעדיק אַריינגעלאָפן אין שטוב דער טאַטע און די מאַמע. אַ געשריי, אַ געפּילדער. אַ פרייד מיט אַ רוגזא און אַ מוסר־זאָגן איינעם.

— געלויבט איז גאָט! — שרייט די מאַמע מיט אַ פרייליך האַרץ און מאַכט דערביי טאַקע, קוקנדיק אויפן זון, אַ בייז פּנים. — דו ווייסט, וואָס דו ביסט פאַר אַזאַ מעשה ווערט...

— ס'טייטש, ס'טייטש! — פייערט דער טאַטע, אַזוי צו טאָן! די ביסט דאָך ווערט, ס'טייטש, ס'טייטש, ווי אַ הערינג זאָל מען דיך צערייסן!

— העז אַ ביסל! — איז רייזע, ווי אַ גוטע מליצה, אַרוים אויף איר שפּראַכע אַ פאָר געבנדיק מיט דער נאָז איבער דעם אַרבל. — שיינע טאַטע און מאַמע, מע זאָל איבערלאָזן אַ קינד אַליין, ווי אויפן וואַסער! ער שרייט! וואָס זאָגסטו, איך בעט דיך, צו זיין טאַטן? אַ קינד איז אַ קינד. וואָס דען? אָט שווייגט בעסער, שווייגט!

— אוי, ווי דו ביסט פאַרשמירט, פאַרשלומפּערט, — שרייט די מאַמע אויף הערשעלען, ברעכנדיק די הענט, — עפּעס גאַנץ גלופּסקער בלאָטע ליגט אויף דיר!

— איך בעט אייך, וואָס זאָגט איר צו איר? — זאָגט רייזע, צו־שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — די פּריצטע — אַ קאַטאָוועס אַ פּריצטע, עס געפעלט איר נישט דעם זונס קאַפּאָטע, קאָן גאָר אויף דעם נישט קוקן! אַ קאַפּאָטע ווי אַלע קאַפּאָטעס ביי אונדז דאָ, און ווו שטייט דאָס אין דער

תורה, אז א יידן מוז גיין מיטן פוץ? — אויב גלופסקער בלאָטעם געפעלט נישט דער פרינצעסין, איז אָן סכנה, נישקשה, גלופסק האָט נישט פארלאָרן ביי אונדז דעם חן אזוי ווי זי איז. אלע לעבן מיר, ברוך־השם, אָן בושה און אָן שאנד. דאָס קינד איז נעבעך, מיד, שוואך, נישט געגעסן דעם גאַנצן טאָג, און זי... וואָס אַרט דאָס זי? מעגסט זיך, כ׳לעבן שעמען און לאָז אים געמאַך!

רייזעס ווערטער האָבן געווירקט און פון יענער צייט האָט הערשעלע ליב געקראָגן רייזען ביי זיך אין האַרצן.

דאָס פינפטע קאַפּיטל

אונדזערע פארשוינען זענען געשטאַנען צעשיידט אויף באַזונדערע סטאַנציעס. נישט דערפאר ווייל איטלעכער פאר זיך האָט באדארפט האָבן זיין חדר, זיין אָרט באזונדער. חלילה! גאַנץ רייכע יידן אפילו לאָזן זיך אויף דער אכסניא באגייגן מיט א בעטל און שטייען דריי, פיר אירע איינעם, אבי עס זאָל וואָלוול קאָסטן. נארישקייטן! עפּעס באדארף דען א ייד האָבן עולם־הזה? — נאָר וואָס דען? ווייל אנדערש איז גאָר טאקע נישט מעגלעך געווען.

דער טאטע האָט, ווי געוויינטלעך, זיך אויפגעהאלטן ווי־ס׳איז ביים שמש פון דעם קלייזל, וווּ ער פלעגט ימים־נוראים דאַוונען. דעם שמשס דירה איז קוים גענוג געווען פאר זיין אייגן געזינד. נאָר ווי זאָגט מען עפּעס ביי אונדז יידן — וווּ צוויי איז א דריטער. און מיט דעם דאָזיקן כּלל שטעקט א ייד, נעבעך, אריין דעם לעפל צו יענעם אין שיסל, שטופּט זיך אריין וווּ ס׳איז ענג, קריכט אריין מיט א פוס צו יענעם אין בעטל, כאַפּט א קוק צו יענעם אין מחזור, שפּארט זיך צו ווי־ס׳איז צו יענעם אויפן געלעגער, קוועטשט זיך אריין אין בויד צווישן פול אָנגעזועצטע פארשוינען און שטערבעט, נעבעך, אָפּ אזוי דאָס גאַנצע לעבן. עט, וואָס מאכט עס אויס? אבי אָפּפּטרן, מישטיינס־געזאָגט, דאָס עסן; אבי כאַפּן א דרעמל; א נאכט איבערצולעבן; אבי יוצא זיין און ווי־ס׳איז דערהאלטן די נשמה. דערביי האָט טאקע לייזער־יאַנקל מיט דעם שמש זיך גערעכנט עפּעס שטיקלעך קרובים, און ווי דער איינפיר ביי אונדזער עולם איז, האלט עס א ייד זיך פאר א מוז צו פארפאָרן צו זיינעם כאָטש א גאַנץ ווייטן קרוב, ווייל ווען נישט — אזוי טייטשט ער עס — וועט ער אים, חלילה, באליידיקן און יענער ווידער קאָן אויף אים

ברוגז זיין. און אויב לייזער־יאנקל איז דאָס מאָל מיט דעם ווייב, מיט דעם קינד און האַק־פּאַק מיט די עופות באַלד טאַקע נישט פאַרפאָרן גלייך צום שמש — איז ערשטנס דעריבער, ווייל ער האָט גוט געוווּסט, אַז אַזוינס איז אוממעגלעך. אי וואָס, יענער קאָן פאַריבל האָבן, — נישקשה, אָן סכנות! ער וועט אים געבן צו פאַרשטיין, — און צווייטנס, וואָס מיינט איר? איז דאָס טאַקע גאָר געווען דעם שמשס טריפהן גליק...

די מאַמע איז געגאַנגען אויף סטאַנציע צו איר א באַקאַנטער יידענע פון קאַבצאַנסק, א קעכנע אין א נגידיש הויז, וווּ זי האָט אָפּגע־זעצט עטלעכע צענדליק אייער און אַרויסגעקוקט אָנצוגעמען ביי דער באַלעבאָסטע א פּאָר טוץ זאָקן אין גלייכן געלט אויסצואַרבעטן און פון א צוואַנציק געגדזלעך פעדערן איבערן ווינטער אויסצופליקן. די מאַמע האָט גאָר געשיינט אין דעם שלייער, אין דעם שבת־דיקן טיכל אויפן קאָפּ. איר איז, אפנים, אין קיד גאָר נישט שלעכט געווען, זי האָט זיך דאָרט אויסגעגלייכט די ביינער. די קעכנע האָט זי צוגעפילעוועט, איר אַלץ אונ־טערגערוקט צו קייען, אָנטרייבנדיק זי אַלץ: עסט, מלכה־טויבעניו! עסט, עסט, מיין האַרץ.

ביידן האָט דאָס מויל זיך נישט צוגעמאַכט, אַלץ גערעדט, גערעדט, זיך אויספרעגנדיק איבער פיל מענטשן, באַקאַנטע און אויך ווילד־פרעמ־דע, אַזעלכע וואָס געהערן זיך מיט זיי כלל נישט אָן. זיך דערמאָנט אַלטע מעשיות, וואָס נאָך מוידוויין.

— געדענקט איר, געדענקט איר, מלכה־טויבעניו!

— געדענקט איר, געדענקט איר, טריינע־סאָסיעניו!

ביידע האָבן זיך געשמאָלצן, געקוקט אייגע אויף דער אַנדערער מיט לייכטנדיקע אייגעלעך, ביים שמועסן עפּעס מיט חן צונויפגעצויגן, אייג־געשנירט די ליפּעלעך, איינער דער אַנדערער אַלץ: סערצע, קרויז, זאָלט איר מיר געזונט זיין!... עס פאַרשטייט זיך, אַז פון אַלע זאַכן האָט מען נישט פאַרגעסן דעם עיקר — רכילות, דאָס בעסטע געווירץ, די גע־שמאַקסטע בשמים אין איטלעכן ווייבערשן שמועס. מע האָט מקיים געווען דעם מנהג, אָפּריכטן, אָפּשפּעטן מיט אַלע דינים און כוונות, וואָס דרינגען שטעקט. טריינע־סאָסיע האָט עס מקיים געווען גאַנץ פּראָסט אָן חכמות — געפּלאַקערט, גערעדט מיט אַפּעטיט, גיך, געשווינד, ווי עס געהער צו זיין... מלכה־טויבע אַקעגן האָט דאָס אייגענע טאַקע מקיים געווען, נאָר מיט שמד־שטיק, אַלץ צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ, געגלאָצט די אייגעלעך מיט א יראת־שמים־פּנימל, קלאָמפּערשט ווייל זי נישט יענעם

בארעדן, פע! — נאָר ביי זיך אָבער האָט זי דערפון שטארק הנאה, באַ־לעקט זיך אזש פאר תענוג אוןווארפט אין שמועס אמאָל אריין א וואָרט, עפּעס מיט פיל טייטשן, אזוי און אזוי. דאָס וואָרט אירס, וואָס דאכט זיך ואין פלוג גאָרנישט, עט... ציט ערשט טריינע־סאָסיען ביים צונג און הידעט זי אונטער צו פלאקערן און צו רעדן, שפּעטן נאָך מער.

— זאָלט איר מיר געזונט זיין, מלכה־טויבעניו! — הייבט אָן טריי־נע־סאָסל צו מאָלן מיט דעם צינגל און א מאָס רייד איבער די באלע־באָסטעס אויסצושיטן. — וואָס ווייסט איר, וואָס פאר א שלעק זיי זע־נען, די אלע שיינע היינטיקע באלעבאָסטעס! ביי וויפל איך בין איבער־געווען, ואיז אלץ איינע ערגער פון דער אנדערער. איטלעכע מיט איר מאנקאָליע, מיינע וצרות אויף זיי! האָבן נאָר ליב אָט וואָס, זיך צו דרייען, טארעראמען, פילדערן, קלינגען מיט די שליסעלעך. מיינען, זיי טוען עפּעס. און טאָמער ווייסט איר וואָס?

— וואָס, וואָס? — רוקט מלכה־טויבע אריין א ווערטל, כלומרשט תם און ציט דערמיט טאקע ביי טריינע־סאָסיען ווערטער פונעם מויל.

— גאָרנישט!... — צעהיצט זיך טריינע־סאָסיע. — וויים איך וואָס ביי זיי הייסט עס, גאָר א געלעכטער, כ׳לעבן, די איז א בריה, פול אין איטלעכס ווינקעלע. יאָ, ואמת טאקע, אָבער קיינמאָל נישט אין יענעם ווינקעלע, וו מע באדארף. גלייך ווי זי שפּילט זיך אין באהעלטעניש. זוכט מען זי דאָ, איז זי גאָר דאָרט, און באדארף מען זי דאָרט, כאַ־כאַ! איז זי דאָ... דער מאן זוכט, די קינדער זוכן, מע רופט, רופט און זי שרייט פון ערגעץ ארויס אין איין כעס. — יענע ווידער, מיינע ווייַ־טעקן אויף איר, געטרויט נישט די שיין, ציילט די גרויפּן ואין טעפּל, פאר א האלבן גראָשן וואָלט זי זיך געלאָזט די אויגן ארויסנעמען, וואָס איז?

— א באלעבאָסטע, וואָס דען? זי וויל איינבערענגען... — מאכט מלכה־טויבע מיט אזא מינעלע, עפּעס ווי אויף קאטאָוועס און עפּעס ווי גאנץ ערנסט.

— יאָ, איינבערענגען! — מאכט טריינע־סאָסיע שטארק פארקרימענ־דיק זיך. — זי וויל איינבערענגען פונעם עסן א גראָשן און אליין ברענגט זי דעם מאן אוים — וויים איך אויף וואָס — הונדערטערס!... איינע, עפּעס א שלימזל, האנדלט איין אין מארק אלע מציאות, אייער א מציאה, פוטער, שמאלץ א מציאה, גאָט שיקט איר אלץ צו. האָט א שפּיזארנע מיט אלעם גוטן און האלט עס אָבער אונטערן שלאָס אזוי...

— אייערע מיינט איר? — כאפט זיך מלכה־טויבע ארויס מיט א וואָרט. — ביי אייערער איז עס אַלץ אונטערן שלאָס? א גוטע באַ־לעבאָסטע, כ'לעבן!

— טפו, א גוטע באַלעבאָסטע, כ'לעבן! — זאָגט טריינע־סאָסיע איבער יענערס ווערטער מיט א ביין געלעכטערל, אויסשפּייענדיק דערביי.

— האַלט עס אונטערן שלאָס אַזוי לאַנג די אַלע מציאות. ביז די אייער ווערן טוכלע, די פּוטער באַקומט א ריח, דער איינגעמאַכטס געצוקערט און מע ווארפט עס דערנאָך ארויס... די אַנדערע, עפּעס א שטיק פלייש, ליגט איבער שטענדיק אין קיך, מישט זיך צום טעפּל. ווייס איך וואָס? כאַטש מע באַדאַרף זי דאַרט האָבן ווי אויגנווייטעק. פאַרקערט, דורך איר מישן זיך ווערט ערשט א מישענינע: דער געבראָטנס צוגעברענט, די יויך אויסגעלאָפן און ס'איז נאָר א צעפּיקעניש...

— שונאים, שונאים! א צעפּיקעניש די שונאים! — מאַכט מלכה־טויבע, אונטערלעקנדיק זיך. — עסט אייך, טריינע־סאָסיעניו, נישט אָפּ אַזוי דאָס האַרץ.

— טפו זאָלן זיי ווערן! — שפּייט טריינע־סאָסיע אויס. — וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר? מלכה־טויבעניו!... אייגנע נישט קיין רעכ־טע! אַלע זענען זיי שלימזלניצעס, ליידיקגייערינס, האָבן נישט וואָס צו טאָן און גיבן זיך אויס קלאָפּפּערשט פאַר בריות. א קאַטאָוועס, אָן זיי וואָלט די גאַנצע שטוב־האָרנעם־קאָרנעם זיך איבערגעקערט. טאָמער ווייסט איר וואָס? — גאָרנישט!... פריער בין איך געווען א נאַר און זיך גענומען צום האַרצן, פלעג פון זיי קייען די ערד. און היינט אָבער האָב איך מיך מישב געווען — א־א, צו אייער קאָפּ, צו אייער לייב־און־לעבן! איר נישטערט, רעדט, בייזערט זיך, שרייט אייך משוגענערהייז און איך טו מיר מיינס. ווערט צעזעצט!... וואָס איז, טאָמער ווייסט איר, עולם־הבא וועל איך האָבן? אדרבא, זאָגט, קרוין, סערצע, און איך אַליין פאַר מיר, וואָס איז, וואָס, באַדאַרף נישט עפּעס האָבן?... איר פאַרשטייט דאָך מיך, מלכה־טויבעניו, געזונט זאָלט איר מיר זיין.

— זאָלט איר מיר געזונט זיין, טריינע־סאָסיעניו! וואָס דען, איך פאַרשטיי נישט? איך פאַרשטיי זייער גוט.

— וואָס, סערצע, בין איך אפשר נישט גערעכט? וואָס איז, טאָמער ווייסט איר, פון די שכירות, וואָס איך נעם. וועל איך מיך א שיין ביסל מוטשען? און אייביק, הא, וואָס איז, וועל איך דינען? ווי זאָגט מען עפּעס, א מענטש איז נישט קיין אייביק געווער. כל־זמן מע לעבט, לעבט מען און מע באַדאַרף זיך זאָרגן פאַר שפּעטער אויך. איך זאָל מיר נישט גע־

ווען דאַראָבען — שאַ, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן — אַ ביסל פונעם מעל, אַ ביסל פונעם קצב, אַ ביסל פונעם איינקויפן, — וואָלט טאַקע געווען אַ ווייטעק מיינע שונאים. צו וואָס לאָמיר זיך דאָ נאַרן, מלכה=טויבעניו? — נישקשה! איר פאַרשטייט? צו דעם וואָס לעבט אייביק האָב איך קיין טענות נישט. נישט צו פאַרזינדיקן. האָב, געדאַנקט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס אָנצוטאָן. — מיין קאַסטן קליידער האָט איר גאָך נישט געזען? קומט, סערצע, וועל איך אייך ווייזן.

און טריינע=סאָסל נעמט זיך צו ווייזן איר גוטס, צעלייגט איר קרעמל: שטיוולעטלעך אויף קנעפּלעך, איין! קליידל, דאָס אַנדערע געגייט נאָך דער לעצטער מאָדע מיט שליאַרקעלעך, אַ זיידענע פּעלערינקע אויסגענייט מיט גראַנאַטלעך, אַ קאַפּטעלע, אַ שבתדיקן בורנעס מיט קוטעסן.

זי האַלט זיך פיד=באָקעם און שמאָכט. מלכה=טויבע קוקט זיך צו, ווי אַ מבינה, צו איטלעכער זאַך, טאַפּט און שאַצט, דאָס פּנימל לויכט איר, ווי זי שעפּט פיל נחת פון טריינע=סאָסלען, וואָס דער אייבערשטער האָט זי אַזוי געבענטשט, מאַכט „אַך=אָך!“, פאַרוואַרפנדיק מיט די אייגעלעך, אַלץ: געלויבט איז השם=יתברך, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען! און ווינטשעוועט, ווינטשעוועט, פאַרזיכערנדיק ביי איטלעכס מאָל טריינע=סאָסלען, אַז ווי דאָס לעבן אַזוי ליב און טייער איז זי איר. זי האָט שוין דאָס געזאָגט און זאָגט טאַקע:

— אפנים אויף דער גאַנצער וועלט איז דען נאָך דאָ אַזאַ טריינע=סאָסיעניו? קיין צער!

ביידע שמעלצן זיך און ווערן ברייטער ווי לענגער פאַר גרויס פאַרגעניגן.

לאָמיר דאָ איבערלאָזן אויף אַ ווײַלע דעם מלך מיט דער מלכה — דעם מלך ביים שמש, די מלכה אין קיך — און זיך נעמען צום בן=מלך.

אונדזער בן=מלך, הערשעלע, איז זיך געלעגן אויסגעצויגן, ווי ביים טאַטן אין ווײַנהויז, אויף אַ באַנק אין קלייזל. דאָרט איז פאַר אים געווען נישקשהדיק פון אַן אָרט אויף אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ. די באַנק איז געווען צוויי מאָל לאַנג ווי ער, אַזוי אַז ער האָט געקאָנט אויסשטרעקן די פיס גאַנץ פריי און אָנשטאָט אַ קישעלע צוקאָפּנס האָט אים זייער גוט געדינט דאָס פאָרענטשיגלע. מורא צו האָבן נעכטיקן דאָרט האָט ער נישט געהאַט וואָס, ווייל ער איז נישט געווען אַליין, מיט אים זענען געשלאָפן אין קלייזל נאָך עטלעכע יידן, בטלנים. אומעטיק איז דאָרט אויך נישט געווען, מע האָט געשמועסט, דערציילט וואונדערלעכע זאַכן, נישט ערגערע פון

קאבצאנסקער. גלופּסק, נישקשה, גייט אויך גאָרנישט אָפּ. דאָרט זענען אויך דאָ יידן, אויך די אלע שיינע מעשיות. דאָרט שטייט אויך פריי דער וועג צום הימל, און מע פארקריכט אויף אים טאקע אויך קיין בויבעריק... גלופּסק מיט בויבעריק איז ווי איין שטאָט, אקעגן א גוטער העלפט גלופּסקער יידן זענען בובעריקער.

דאכט זיך, גאָר קיין מעשה נישט. אונדזערע פארשווינען זענען, ברוך־השם, טאקע געווען פארזאָרגט, נישט צו פארזינדיקן, אלצדינג גוט, עס האָט נאָר געפעלט א ביסל געזונט.

הערשעלע האָט פונעם ערשטן טאָג קומען קיין גלופּסק באקומען א קאטער, אביסל אונטערגעהוסט, דאָס קולכל איז אים געווען צוגעלעגערט, הייזעריקלער. פונדעסטוועגן איז ער אויפגעשטאנען צו די ערשטע סליחות און אונטערגעהאלטן דעם טאטן. זיין געלענקל איז אמת טאקע געווען געדריפּעט, זיין קווטשעלע געפייפט, אויסלאָזנדיק זיך מיט א גרילץ, נאָר אָן סכנות. איין מאָל, איז אָן אים אויך געווען העלפערס, פיל פונעם עולם האָבן, ווי געוויינטלעך, אָפּגעענטפערט, זיך אָפּגערופן „בים־באם!“.

אונטערבימקען יענעם זענען דאָ ביי יידן זייער פיל בעלנים, אויב „באם“ פּאסט אָדער ניין — אלציינס, אבי זיך ארייננעמישט, אבי אַ שטימע, לאָז יענער נישט מיינען, ער ארבעט אליין... און צוהייטנס, איז א צוגעלעגערט קול עפּעס טאקע גאָר ווי געוואונטשן צו סליחות. עס פּאסט צום עסק, מע פילט, אז ס'איז סליחות. אינדרויסן איז שטאָק פינצטער, נאכט. אומעטום שא — די גאנצע וועלט שלאָפט. נאָר יידן כאפּן זיך אראָפּ פון די געלעגערס, גענעצן, קנאקן אויס די ביינער, דער שלאָף ליגט זיי אויף דער ברוסט, עס טריקנט זיי אין האלדז און זיי שטארקן זיך, לויפן פארשמאכט אין שול אריין, גיסן דאָרט אויס זייער הארץ פאר דעם לעבעדיקן גאָט אין הימל און קלאָגן זיך, נעבעך, פאר אים אויף א צעלעכצט־ברומענדיק־קרעכצנדיק קול, ווי א פארוואָגלט, אומגליקלעך דערשלאָגן קינד קלאָגט זיך פאר דעם פאָטער אויף די צרות, וועלכע ער איז אויסגעשטאנען, ארומבלאָנקענדיק זיך אין דער וועלט.

דאָס צעלעכצטע, כריפּענדיק־פארשמאכטע קול — אָט דאָס ערשטע רירט ביים הארצן, דרינען טאקע ליגט ערשט דער בריה, דאָס גאנצע געפיל פון רחמנות... אז דאָס שלאָפע קינד, נעבעך, כאפּט זיך אויף פון היץ ביינאכט, שטרעקט אויס מיט א געבעט די הענטלעך צום פאָטער, קרעכצט, יאָמערט פאר ווייטעק אויף א טרוקן הייזעריקלעך קול, פארגייענ־

דיק זיך אין א הוסטעלע — כאַפּט עס אָן ביי דער לעבער, נעמט עס ארוים די נשמה און שטעכט אין דער זיבעטער ריפּ...

און דער האָן פון כּפּרות, אים איז מע גיט אין דער מיט נאַכט א טראָג פון דער סידעלע — קום צום „בני־אָדם"! און ער צאַפּלט, קרעכצט אויף א פארדומפּטן קול, רופט זיך דען זיין כריפּענדיק קול נישט אָפּ אין הארצן? רייסט דען זיין כאָרכלען נישט ביי דער נשמה?...

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

רבונו־של־עולם! וואָס ליגט אזוינס אין דיין הארטער באַנק אין בית־מדרש, אז דער, וואָס נעכטיקט אויף איר איבער א נאַכט מיט דעם קוּ־לאק צוקאָפּנס שטייט דעם אנדערן טאָג אויף עפּעס גאָר אן אנדער מענטש, ווי נייגעבוירן?

שוין יעקב־אָבינו, אז ער האָט אין וועג דענסטמאָל ביי זיין אוועק־לאָזן זיך פון דער היים, אונטערגענעכטיקט אין „יענעם אָרט" אויף א הארט געלעגער, צושפּארנדיק דעם קאָפּ אויף א שטיין — האָט באַלד ביים אויפשטיין אינגערפרי געשפּירט: אין זה, נישט אנדערש כי אם בית אלהים, דאָ איז א בית־המדרש, וזה שער השמים, און דאָ איז א טויער צום הימל. יאָ, טאַקע צום הימל. ליגנדיק אויפן הארטן געלעגער גאָר אין דעם ערשטן בית־המדרש, נאָך אָן ווענט, אָן א דאַך, אָן א הינטערן־אויוון, האָט ער שוין דערזען נישט קראָקע און לעמבערג אליין, נאָר אויך יענע וועלט — פייערדיקע מלאכים, וואָס האָבן אים אין די אויגן זיך גע־דרייט ארויף און אראָפּ עפּעס אויף א הויך לייטערל פון דער ערד ביז העט־העט אין הימל אריין — און יעקב האָט דערפילט אין זיך א גרויסע פּארענדערונג...

נאָכאמאָל: רבונו־של־עולם! וואָס ליגט אזוינס אין דעם גלות, אין דעם נע־ונד זיין אין דער פרעמד, וואָס דיינע קינדער ישראל, וועלכע עס האָבן אזעלעכס פון דיר א מתּנה, זענען דורכדעם אין דער וועלט עפּעס גאָר אנדערע מיני מענטשן, האָבן עפּעס גאָר אן אנדער פּנים, און אנדער שטייגער לעבן, אן אנדער מזל, אלץ־מיט־אן־אנדער עפּעס נישט לייטן גלייך!... אין דער צייט, ווען אנדערע זענען נאָך גאָר יינגלעך, פּריש־לע־בעדיק, מאכן זיך נאריש און האָבן אין זינען עולם הזה, די וועלט, איז דיינס א יידעלע געעלטערט, געקנייטשט, איינגעהויקערט, באַזאָרגט און דערשלאָגן. דאָס קעפּעלע נאָר עס ארבעט: טראַכט, טראָגט, פּליט און אין

זינען איז אים נאָר תּכלית־זאַכן, אַזוינס, וואָס האָט עפּעס אַ ווערט, אַ קיום — עולם־הבא, יענע וועלט...

אונדזער הערשעלען איז אין די ערשטע פּאָר טעג פונעם נײַ־ונד זײַן אין דער פרעמד און פון דעם שלאָפן אין קלײַזל אויף דער האַרטער באַנק נישט צו דערקענען געווען, אַזוי האָט ער זיך געענדערט, איבער־געביטן געוואָרן אינגאַנצן. קיין פרײלעכע מינע האָט מען פון אים נישט געזען. ער איז געווען אַלץ עפּעס פאַרטראַכט, גלײַך ווי הימל און ערד זענען אויף אים געפאַלן. דאָס וואָרט „תּכלית“, וועלכס ער האָט פון די עלטערן געהערט צו דער בר־מצווה, איז אים טיף אין האַרץ אַרײַן און אים געעקבערט, געלעכערט דעם קאָפּ: געוואַלד, תּכלית! וואָס וועט זײַן דער תּכלית? מע באַדאַרף טראַכטן, זאָרגן אַרום דעם תּכלית!

און הערשעלע האָט זיך אַ געשמאַקן נעם געטאָן צו דער גמרא. דען ווו אַנדערש האָט ער געקאָנט, נאָך זײַן פאַרשטאַנד דעמאָלט, געפינען דעם תּכלית, ווען נישט אין דער גמרא? אָט דאָ ליגט דאָס גאַנצע גליק פאַר אַ מענטשן, דאָס בעסטע, וואָס ער קאָן נאָר דערגרייכן דאָ אין דעם לעבן. ביי אַ בלעטל גמרא מיט תּוספות לאָזט זיך שוין אויס אַלע חכמות, און אַז גאָט העלפט נאָך, מע טרעפט צו דעם מהר״ם־שיפס אַ קשיא, אָדער מע פאַרענטפערט דעם מהרש״אַס אַ „ויש לישב“, איז מען שוין אַ פאַרטיקער, אַ פאַרזאָרגטער מענטש, מע קאָן שוין גליקלעך אָפּלעבן אַ וועלט, אין עושר, אין כבוד. אַ קאַטאָוועס עפּעס — אַ למדן! מי לנו גדול, ווער איז אין דער גאַנצער וועלט גרעסער, שטאַרקער און האָט די גאַנצע דעה מער פון אַ יידן אַ וויל־לערנער, אַ רב אָדער אַ דיין? וועלט האָט דעמאָלט ביי הערשעלען געהייסן — יידן. ווייטער, גאָרנישט! עס זענען דאָ אפילו עפּעס נאָך אַנדערע אויך, נאָר דאָס זענען גלאַט אַזוי זיך אומות־העולם. און וואָס גייען זיי וועמען אָן? וואָס קענען זיי, וואָס ווייסן זיי, מישטיינס־געזאָגט! אַז אין קיין חדר, ווי יידישע קינדער, גייט מען נישט, דאָס, וואָס ביי אונדז פאַרשטייט מען נישט, הייסט וואָס־זשע?...

הערשעלע האָט פון דער שאַפע ספרים אין קלײַזל אַרויסגענומען אַ גמרא „בבא קמא“ און זיך געזעצט לערנען „שור שנגח את הפרה“, ווי ראובנס אָקס האָט געשטויסן שמעונס קו, הויך אויף אַ קול מיט אַ ניגון, שטאַרק שאָקלענדיק זיך, און ווי מע באַדאַרף דעם קוועטש — אַ מאַך געבנדיק מיטן גראָבן פינגער.

הערשעלעס קעפּל האָט שטאַרק געאַרבעט, געפלויגן אין דער לופטן: עס האָט זיך פאַר אים געקייטלט איין זאַך אין דער אַנדערער און ס׳איז

מיטאמאָל אויסגעוואַקסן א גאַנצער לייטער, אויף וועלכן עס האָבן זיך געדרייט ארויף און אראָפּ א רישא, א סיפא, א מציעותא אין דער גע־שטאַלט פון בייזע ווייבער, וואָס קאָנען צווישן זיך נישט אויסקומען, און אויפן שפּיץ דער תנא קמא, דער גרויסער פריץ. הערשעלע וואַרפט זיך אין אַלע זייטן, פאַרפּלייט ווייטער, עס כאַפּט אים אזש אָן א שווינדל, עס פאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ, אָט־אָט רייסט זיך איבער די לעצטע האָר, אין וועלכער ער האַלט זיך אָן — און פּלוצעם גיט עס מיט אים א טראָג צוריק טאַקע צו ראובנס אָקס און שמעונס קו. האַ־האַ, דאָס קעפּל איז אים ווידער אויפן אָרט, ער צעשאָקלט זיך און לערנט מיט חשק...

מע מוז פריער איבערנעכטיקן א היפּש ביסל נעכט אין בית־מדרש אויף דער באַנק הארט ווי א שטיין, בכדי צו דערגרייכן דעם סוד פון אזא לייטער, צו פילן דיזם טעם דערפון און רעכט ווי געהעריק צו פאַרשטיין, אז דאָס אַלצדינג איז נישט גלאַט אזוי זיך עפּעס זאכן, אז ראובנס אָקס און שמעונס קו זענען נישט מגושם־גראָב, פשוטע קי, וואָס נעם און מעלק זיי אויס. ניין! זיי שטעלן זיך פיר גאָר אנדערש, עפּעס ווי דער אָקס, דער ווידער, דער צווילינגל און די בתולה דאָרט אין די צוועלף מזלות...

אונדזער הערשעלע האָט געלערנט מיט א ברען, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן אזוי נישט געלערנט, און דאָס האָט אים געגעבן צו חן און צו לייטזעליקייט אין די אויגן פון פיל מענטשן אין דעם קלייזל.

— א ווויל ייִנגעלע, — האָט מען געזאָגט, — ער באַנערט לערנען!

דער טאַטע האָט זיך גאָר געשמאָלצן און דערציילט דעם זונס גרוי־סע מעלות אין א ברייטלעכן שמועס מיט מענטשן וועגן אים.

— עט, — האָט ער געמאַכט, — וואָס ווייסט איר, וואָס מיינער איז! די קאָבצאַנסקער מלמדים קאָנען זיך נישט זאַט אָפּלויבן זיין גוט קעפּל, זיין תפיסה. ביי צוועלף יאָר — ווען איר גלייבן? — האָט זיך ביי זיי אויסגעלאָזט תורה פאַר אים. אויף זיינע קשיות איז ביי זיי נישט געווען קיין תירוצים. דער תירוץ איז געווען א צוויי הייסע פּעטש, א קניפּ, א טראַך אין דער באַק, בכיוון טאַקע, פאַרשטייט איר מיך, בכדי ער זאָל ביי זיך זיין געפאַלן, נישט מיינען, אז ער איז עפּעס, אויך א מענטש! באמת, מיינע ליבע יידן, איז טאַקע אזוי, א ייִנגל טאָר נישט האָבן זיין שכל; ווי אַן עלטערער זאָגט, אזוי באַהאַרף זיין. א ייִנגל באַ־דאַרף ווייסן: זאָגט אַן עלטערער טאָג, כאָטש עס מעג זיך זיין נאַכט, איז טאָג, גאָר אָן קשיות. אַלא נישט, איז ביטער. היינט פרעגט ער אזא

קשיא און מאָרגן וועט ער שוין פרעגן גאָר עט־מע־מע! עס וועט אים שוין נישט געפעלן, פארשטייט איר מיך, דאָס, יענץ, א סך זאכן... איך זאָג עס אקעגן דעם, אז מאמעס באדארפן עס וויסן. אונדזערע עלטערן פאר־ צייטן האָבן עס פארשטאנען בעסער ווי די היינטיקע, דעריבער מאקע איז געווען אזוי גוט און ווויל. מילא, ווי די מעשה איז, פעטש אהער, פעטש אהין, מיינער איז דערוויילט ארויס פונעם חדר און האָט אָנגעהויבן אונטער מיין השגחה צו לערנען ביי אונדז אין בית־מדרש אליין פאר זיך: עס פארשטייט זיך, איך ווייז אים אמאָל אונטער. ווי איר קוקט אים אָן־אָ, קען ער שוין, אָט־אָ, דער שנעק, גאנץ ביצה, קידושין, כתובות און נדה!...

אזוי האָט געווייינטלער דער מאמע אויסגעלאָזט דעם שמועס מיט א שיינענדיק פנים, אָנווייזנדיק מיט א פינגער אויפן זון, און געטראכט בשעת מעשה ביי זיך: הא? אפשר וויל גאָט גאָר א שידוך... דערפון זאָל זיך אויספיקן א כלה — מאו!...

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

צו דערציילן דאָ, ווי לייזער־יאנקל האָט ראש־השנה שטארק גע־ ארבעט אין דאווענען, וואָלט געווען א שטיקל אומרעכט אקעגן דעם אי־ בעריקן עולם פונעם קלייזל, ווייל דער עולם יידן האָט פון זיין זייט אויך געארבעט, געשריגן מיט אים אינאיינעם. לייזער־יאנקל איז אמת מאקע גע־ ווען דער „שליח־צבור", דאָס הייסט, דער דעפוטאט, אויסגעקליבן פון קהל, צו דעם רבונו־של־עולם; נאָר יידישע קינדער אָבער האָבן ליב אוי־ מעטום זיך ארייינצומישן און ווען זייער דעפוטאט זאָל אפילו זיין מיט הערנער, אן אגמיק אין דער וועלט, דאָך קוים לאָזן ער עפענען א מויל זיך עפעס אָנצורופן, פאלן זיי אים אריין אין דער מיט איטלעכער מיט זיינס, איטלעכער מיט זיין צינגל אויף זיין שטייגער, טראכטנדיק אין הארצן: יענער מעג זיך זיין דאָרט וואָס ער איז, פארשטייו איך נאָך, נישקשה, א זאך אפשר אזוי גוט ווי ער. יענער מעג זיך הייסן מיין מענטש, האָבן פון מיר א „כוח־הרשאה", פונדעסטוועגן קוקן אים אין מויל אריין צו פיל, טאָר מען נישט, מע מוז אים אמאָל ווייזן און ארוים מיט א וואָרט. קלאָמפערשט הייסט עס, יענער איז דער אדוואָקאט, ז׳ער שתדלן, מע פארלאָזט זיך אינגאנצן אויף אים, פונדעסטוועגן אליין מוז מען אויך עפעס טאָן, זיך קלאָגן אויבן, אין סענאט פאר דעם אייבערשטן און אָנ־ בעטן היגטנארום אויך די גרויסע שרים פצפציה ובדומה דאָס גאנצע

פעקל סטראפטשעס, סעקרעטארן מיט זייערע פאקטוירים אין בית־דין־של־מעלה דאָרט.

און די קינדער ישראל ארבעטן, לאָזן זיך הערן אויף קולות ביז דעם זיבעטן הימל. ס'איז א ליארעם, א געפילדער, א געוואלד, אז מאקע איין גאָט נאָר קאָן פארשטיין, וואָס זיינע יידעלעך ווילן, וואָס זיי בעטן און שרייען.

דער עולם יידן האָט גוט געשריגן, לייזער־יאנקל אָבער האָט זיי אריבערגעשריגן, פאָרט מאקע אויסגעפירט זיינס — אָפּגעשפּילט דעם „מלך עליון" מיט א מארש לעבעדיק, קנאקנדיק און הערשעלען איז אויך עטלעכע מאָל געראָטן צו טאָן א קוויטש, אזוי, אז עס האָט געהילכט.

אָט אזוי איז אָפּגעלאָפן דאָס דאווענען דעם ערשטן טאָג ראש־השנה. לייזער־יאנקל, הייסט עס, איז געווען פון אויבן, ער האָט איינגענומען. דעם אנדערן טאָג אָבער האָט שוין גובר געווען מאקע דער עולם. עס האָט זיך געקעשט און געקווישט ביים זאָגן די שטיקלעך פיוט מיט די תפילות, ווי עס רוישט זיך דער וואלד בשעת א שטורעמווינט, אויף אלערליי טרויערדיקע קולות. עס האָבן געשריגן העלדזער, געזיפצט, געקרעכצט הערצער, הענט האָבן געפּאטשט, פינגער געקנאקט און קעפּ האַלב־איבערגעדעקטע און איינגאנצן ביז דעם בויך איבערגעדעקטע מיט טליתים האָבן זיך געוואָרפן אין אלע זייטן, געשאָקלט ארויף און אראָפּ.

ענג איז געווען אין קלייזל, א שפּילקע־קעפּל אהין נישט אריינצוּוואַרפן. הייס, א שרעק! לייזער־יאנקל איז אָפּגעגאנגען מיט שווייס און באפּנדיק א בלאָז פון א צונג־ווינטל האָט ער פארלוירן דאָס קול, איז געבליבן ווי דערוואָרגן, גבעבער. געראטעוועט האָט אים נאָר דאָס איינציקע מיטל, וואָס ער האָט: ווו ס'איז אויסגעקומען צו זאָגן מיטן מויל עפּעס א רירנדיק שטיקל, זיך געשמאק צעוויינט, געגאָסן טייכן טרערן, אָפּכאַפּנדיק דערווייל די ווערטער אונטער דער נאָז — און דאָס איז איטלעכן שטארק געפעלן.

אויף וויינען איז לייזער־יאנקל געווען איין מייסטער אין דער וועלט, ער האָט געוויינט עפּעס מחיהדיק־געשמאק: דאָס האָט אים פארשאפט א נאָמען אין אונדזער ווינקל און ער האָט געהייסן „דער קאבצאנסקער בעל־בכי". אנדערע האָבן אים דריגען פארגליכן צו דעם בארימטן ליטווישן חזן „די קלאָג־מוטער". יענער, אזוי שמועסט פון אים די וועלט, האָט אין זיין צייט געוויינט עפּעס געטלעך, באטעמט: אלץ „מאמע, מאמע!" גאנץ יירישלעך, מיט דעם זיבעטן חן.

הערשעלע האָט, אויף דעם טאַטן קוקנדיק, זיך אויך צעוויינט און דערפון טאַקע ביי זיך אין הארצן זייער הנאה געהאַט. מע באַדאַרף וויסן, וואָס הייסט אַזוינס ביי אַ יינגל וויינען ראש־השנה און יום־כיפור אין שול, אַז אַלע זאָלן זען. דערצו טוען ייִנגלעך שאַרפע מיטל — שמעקן, נעבעך, טאַבעקע, קנייפּן זיך שטילערהייט, רייבן די אויגן — און אונדזער הערשעלע איז דאָס מאָל אַזוי גליקלעך געווען צו וויינען גאָר אָן יענע אַלע זאַכן! דעריבער איז אים עפּעס גוט געווען אויפן הארצן פון זיינע טרערן, ער האָט געקוקט אויף זיך עפּעס מיט גרויס דרך־ארץ, זיך אומגעקוקט, אויב מע זעט, ווי ער וויינט, און עס גייען נישט פאַרלוירן זיינע טרערן, דערביי טאַקע אַלעמאָל געטאַפּט הינטערווייליקעץ די באַקן, אויב זיי זענען גוט נאַס.

אַ פּאָר טעג נאָך ראש־השנה איז מלכה־טויבע אַוועקגעפאָרן אַהיים, מיטפירנדיק מיט זיך גאַנצע זעק פעדערן, וואָס זי האָט אין עטלעכע געהויבענע ערטער אָנגענומען איבער דעם ווינטער עס אויסצופליקן, און אויך פאָדעם אַ היפּש פּעקל אויף זאָקן אויסצואַרבעטן און דערצו נאָך אַ ביסל סחורה אין גלייכן געלט: זייף, קראָכמאַל, ציץ אויף קליידלעך מיט רויטע קווייטן, עפּעס גאָר אַ מיאוסע מציאה, און די באַרימטע גלופּסקער שוועבעלעך, וואָס ווערן אויף דעם פייער אַפילו נישט פאַרברענט און מעגן זיין אַ גוט מיטל צו לעשן מיט זיי שרפות.

אַוועקגעפאָרן איז זי עפּעס בייז, פול מיט פאַרדראָס. זי איז ברוגז געווען, שטאַרק אָנגעלאָדן אויף טריינע־סאָסלען, מיט וועלכער זי האָט נאָך דעם גרויסן גוט־לעבן זיך מיאוס צעווערטלט און פון דער שטאַרקער ליבשאַפט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך.

ניין מאָס רייד קלעקט פאַר צוויי ווייבער נישט מער ווי אויף אַ פּאָר טעג. ביזוואַנען ס'איז נאָך געווען פון וואָס, פון וועמען צו רעדן, האָט דער צונג געקלאַפּט, געמאָלן, קוים אָבער האָט זיך אויסגעלאָזט רייד, האָבן זיי אָנגעהויבן איינע צו דער אַנדערער זיך צוקוקן, איינע אין דער אַנדערער אויסצוזוכן פעלערן און זיך געבלאָזן.

מלכה־טויבען איז נישט געפעלן דער איינגייער, וואָס קומט אַלץ צו טריינע־סאָסלען, מאַכנדיק מיט איר קוצעניו־מוצעניו, און נאָך ווען? אין אַזעלכע טעג, וואָס אַ פיש אין וואַסער ציטערט. היינט איז איר אויך נישט געפעלן, וואָס דאָס טיכל אויפן קאָפּ איז איר אַרויפגערוקט, אַזוי, אַז עס קוקט אַרויס האָר; וואָס הינטערן קליידל רוקט זי אַרונטער עפּעס אַ באַרג מיט שמאַטעס מיט רייפן, בכדי עס זאָל אויסקוקן, מחילה, דיקער, גרעבער. זי האָט איר מכוח דעם געגעבן אָנצוהערעניש: עפּעס

נישט ווי ביי אַ ייִדישער טאָכטער, אויך עטלעכע מאָל אַליין מיט אירע כשרע הענט גענומען און אראָפּגעלאָזט איר נידעריקער אויפֿן שטערן דאָס טיכל, אַ טאַפּ געטאָן איר פֿון הינטן דאָס קליידל, געמאַכט דערנאָך פֿון די ביידע פֿאָרנט-צו אויסגעשטרעקטע הענט אַ קיילעכדיקן בייגל, געשאָקלט דערביי מיטן קאָפּ, אויסציענדיק די ליפּעלער עפּעס מיט אַ משונה זויער קרימעלע, גלייך ווי גערעדט: אָ-אָ, האָסטו עס אַ באָמבע, באַהיט זאָל מען ווערן!

טרייגע-סאָסלען ווידער האָט נישט געטויגט צו דער זאַך אַ פּרעמד אויג, האָבן לעבן זיך אַ רביצין. איר איז אויך גרויס געווען אין די אויגן מלכה-טויבעס עסן, ווי זי פּאַקט, עסט פֿאַר צען און קאָן נישט כאַפּן די זעט, עפּעס גאָר אַ הייששרעק! אין דעם פּסק, וועלכן זי האָט איינמאָל געכאַפּט פֿון דער באַלעבאָסטע, האָט זי ביי זיך באַשולדיקט מלכה טויבען — דאָס האָט זי איר צוגעשטעלט אַ הינטער-פֿיסעלע, דאָס איז טאַקע גאָר איר מלאכה.

מלכה-טויבע האָט טאַקע אַ פּאָר מאָל זיך געשושקעט עפּעס מיט דער באַלעבאָסטע, געגלאָצט מיט די אייגעלער, מאַכנדיק אַ פֿאַרפֿרומט פּנימל און אַלץ געשפּיגן, געשנייצט די נאָז. און אַז טרייגע-סאָסל איז דערויף אָנגעקומען, איז דער שמועס פּלוצעם איבערגעהאַקט געוואָרן. מלכה-טויבע האָט, רויט ווערנדיק ווי אַ צוויק, זיך געקראַצט, געדרייט, געמאַכט מיט די אַקסלען און געבליבן דערנאָך שטיין מיט אַ קרומען רוקן, איינגעהויקערט ווי אַ קאַץ, אונטערשפּאַרנדיק די באַק מיט אַ פֿינגער...

הכלל, די פֿריערדיקע ביידע חברטעס, וואָס זענען געווען דאָס לעבן מיט דער נשמה, האָבן זיך געבלאָזן, איינע דער אַנדערער געגעבן אָנצוהערעניש מיט שטעכווערטלעך. די — יענער אַ פּיק, יענע — דער אַ פּיק, ביז זיי זענען לסוף אַרויס מיט די געשליפֿענע צינגלעך און האָבן זיך גוט צעקריגט.

און מלכה-טויבע, שטאַרק אויפֿגעבראַכט אויף טרייגע-סאָסלען, האָט ביים אָוועקפֿאָרן אויסגעלאָזט איר כעס צו דער גאַנצער וועלט און צו איטלעכן באַזונדער: צו דעם באַלעגאָלע, פֿאַרוואָס אַ צען גראָשן מער ווי ביי אַנדערע נעמט ער, נישקשה, ביי איר, און זעצן — זאָל אים אַרויסזעצן די נשמה! — זעצט ער זי אַראָפּ הינטן, צווישן די אַקעגנדיקע פֿאַרשווינען; צי דעם מעקלער, וואָס האָט ביי איר געמאָנט אַ דרייער פֿאַר זיין טירחא, רופֿנדיק זי: מומע; צו דער קו, וואָס איז אונטערגעקומען אויף דער גאַס צום וואָגן, גאַנץ היימיש ווי אין אייגענע, אָן גרויסע צע-

רעמאָניעס, זיך ארייגעשטעקט די מאָרדע אונטער איר געזעס און
ארויסגעשלעפּט א פול מויל שטרוי, נישט געמיינט, חלילה, עמעצן דער=
מיט צו באלייידיקן, נאָר גלאט אזוי, ווי דער שטייגער אירער איז שטענ=
דיק, כאפּן א לעק פון די וואָגנס; אויך צו דעם יונגנמאנטשיק, להבדיל,
וואָס דרייענדיק דאָס שטעקלע, אויף זיין שטייגער, ביים גיין אויף דער
גאס, האָט ער, שטופּנדיק זיך הארט ביים וואָגן, מיטן סקיפּקעלע איר
דערלאנגט א זעץ אין פּנים, שיר אן אויג איר נישט ארויסגענומען, עס
פארשטייט זיך אומגערן, נישט געמיינט, חלילה קיין שלעכטס. הכלל, זי
האָט זיך געוואָרפן, אומזיסט=אומנישט אויסגעלאָזט איר צאָרן צו דעם,
צו יענעם און צו גאנץ גלופּסק, וואָס האָט געמעגט פון אירעטוועגן איינ=
געזונקען ווערן, גלייך ווי די אלע, נעבעך, זענען שולדיק דערין, וואָס
טריינע=סאָסל איז א היצלעכע, א שלאק פון זיין ליבן נאָמען!

דער באלעגאָלע האָט זיך גענומען מחילה בעטן זיינע געפּגרטע פערד,
וואָס ביים מעקלער, דעם באלעגאָלישן שדכן — א בריה אויף צו פארגרע=
סערן, ווי געווינטלעך אלע אנדערע שדכנים — הייסן אזעלכע לייבן,
אָדלערס, און די נבלות האָבן נאָך א צענדליק בייטשן זיך געקוועטשט,
מטריח געווען די אלטע ביינער זיך צו רירן פונעם אָרט, ארויסשטעקנ=
דיק די ציינגלעך און אונטערשמייסנדיק זיך מיט די אויסגעקראָכענע די=
גע ווידעלער.

מלכה=טויבע האָט נאָך דעם צענטן מאָל געזעגנענען זיך אויסגע=
שטרעקט די האנט פונעם וואָגן און נאָכגעשריגן דעם מאן איבער דער
גאנצער גאס הויך אויף א קול:

— לייזער=יאנקל! למען=השם פארגעס נישט מכוח יעגין!... ברענג
אהיים עטלעכע פעקלעך ציקאָריע! לייזער=יאנקל, למען=השם, שוויצן!
טרינק אוים עטלעכע גלעזלעך טרוקענע מאלינעס! הערשעלע! דעם טאַ=
טנס שטיקל פעל ליגט איינגעבונדן מיט דעם וועג=היטל! געדענק=זשע,
שוויצן!...

דאָס אַכטע קאַפּיטל

נאָכדעם אז הערשעלע האָט ארויסבאגלייט די מאמע, איז ער גע=
גאנגען ווידער אין זיין רו אריין, אהין אין קלייזל, וווּ ער איז שוין גע=
ווען א ביסל היימיש. עס האָבן אים אהין געצויגן ווי א מאגנעט צוויי

מענטשן דאָרט — איינער א גרויז־גרויער ייד, ר׳ אברהם מקבל, און דער אנדערער, משהלע, אן אָרעם בחורל, מיט אים כמעט אין איינע יאָרן.

ר׳ אברהם איז געווען פון די געהויבענע מקבלים, וואָס רעכענען זיך ביי יידן צום קאפּיטל כלי־קודש און שטייען אויף דער צווייטער שטופּע נאָך די דיינים. דער טיטל זייערער איז געווינטלעך: שיינע יידן. דעם גרעסטן טייל טאָג איז ער געזעסן אין קלייזל איבער א ספר און גענעכטיקט האָט ער ביי זיך אינדערהיים. ער איז געווען זייער אָנגעזען ביי די אלע באלעבאטים אין קלייזל, פון וועלכע דער גרעסטער טייל האָבן נאָך באלעבעסלוויז, באלד נאָך זייער חתונה, אים דאָ געטראָפן אזוי דיגען גאָט און זענען מיט אים דעריבער שטארק געווינט געוואָרן. אָן אים וואָלט, דאכט זיך, דאָס קלייזל קיין קלייזל נישט געווען, עס וואָלט עפּעס געפעלט. ר׳ אברהם האָט געהאט אייגנאנג אין פיל לייטישע הייזער און זיך געריבן ארום נגידים, צו וועלכע ער פלעגט אמאָל ארייַנקומען א שבת־צונאכט אויף א גלעזל פונש, מאכן מיט זיי עפּעס א שמועס, נעמענדיק דערביי א גוטן ציגאר־טיטון, און וועלכע עס פלעגן אים אמאָל אויסהערן וועגן א שידוך.

דער נאָמען שיינער ייד האָט אים באמת טאקע געפּאסט. אויף זיין קאפּאָטע האָט זיך נישט געפונען קיין שפּרענקעלע, שטענדיק ריין, גאנץ, אָן א ריס, אָן א טרען, אין דער קעשענע א נאָזטיכל, קיינמאָל נישט געשפּיגן, נישט געשנייצט די נאָז פריי אקעגן מענטשן אין פּנים אריין און נישט געווישט זי מיט דעם ארבל אָדער מיט אן עק פּאָלע ווי אנדערע. זיין שווארצע, סאמעטענע יארמעלקע איז געווען פריש, פיין, אָן פּערערן, נישט פארשמאלצעוועט דיק מיט פעטע מיאוסע פלעקן, אָן עיפּוש, פון פארטריקנטע שווייס. דאָס פּנים לויטער, מיט א מיטעלער באָרד, ריין, ווייס, ווי אויסגעפּאלענער שניי. די געדיכטע גרויע וואָנצעס נישט אָפּגעשאָטן מיט טאבעקע פון א מיתה־משונה־קאָליר און אויף די ליפּן שטענדיק א גוט שמייכעלע.

ר׳ אברהם איז שטענדיק געווען אויפגערוימט, מיט א פריילעכער מינע, און אז ער האָט געטאָן אמאָל א זיפץ, איז דאָס נישט געווען פאר זאָרג און יסורים, נאָר גלאַט אזוי זיך אַ יידיש זיפצעלע, ווי דער שטייגער איז ביים עפענען א ספר, אָדער מאכן ברכה, נעמענדיק אין האנט א גלעזעלע ווייַן, אויך ביים שטעלן זיך דאווענען. זיצנדיק אין קלייזל ביים טיש איבער א ספר פלעגט ער געווינטלעך ליב האָבן שמועסן מיט מענטשן, הערן וואָס דער, וואָס יענער דערציילט חדשות און אליין טאקע עפּעס אויך דערציילן. ביים רעדן פלעגט ער גלעטן מיט דער האנט דעם

שטערן, אויך אונטערהייבן א קאפּעלע די יארמעלקע, פּאָכענדיק פּאמע־לעכן מיט איר אויפן קאָפּ. אים האָט נישט אויסגעמאכט דערוואקסענע מענטשן אָדער יונגעלייט, בחורימלעך, ער האָט געקערט גערן מיט אלע גלייך. געגומען צום הארצן איטלעכנס א זאך און נישט אוועקגעמאכט קיינעם מיט דער האנט. יינגלעך זענען אויך מענטשן. דאָס וואָרט „שקאָץ", וואָס ער פלעגט עס זאָגן אמאָל מיט א שמייכעלע איינעם א יונגנמאן, האָט עס געהייסן ביי אים א סימן פון ליבשאפט, אז ער האלט פון יענעם זייער שטארק.

ר' אברהם האָט באלד פונעם ערשטן טאָג זיך צוגעקוקט פונדער־ווייטנס צו הערשעלען, ווי ער פירט זיך גוט אויף, און געטראכט ביי זיך: א ווויל קינד אונדזער לייזער־יאנקלס, מע באדארף אים מקרב זיין.

אז הערשעלע איז איינמאָל פארטיפט געווען אין דעם לערנען, אונ־טערשפּארנדיק דעם קאָפּ מיט ביידע הענט אויפן שטענדער, האָט ר' אברהם פארבייגייענדיק לעבן אים זיך אָפּגעשטעלט, ארייַנגעקוקט פון דער זייט צו אים אין דער גמרא, אים אזוי זיך פון אויבנאויף א פּרווו גע־טאָן, א פרעג געגעבן, וואָס באוואָרנט רש"י דאָ מיט זיין כלומר? וואָס דער תנא לאָזט מיך דאָ הערן? און ווו ליגט דאָ דער רעכטער קוועטש?...

ר' אברהם אליין האָט נישט געהאט קיין שפּיצעבדיקן קאָפּ אויפ־צוטאָן שארפע פּשטלעך, ער איז געווען נאָר א באלעבאטישער למדן. זיין עיקר לערנען איז געווען מוסר־ספרים, עין־יעקב און מדרש, ווו עס גע־פינען זיך וואונדערלעכע מעשיות, ווערטלעך, משלים, שיינע איינפאלן. אויך האָט ער געחופּט „זוהר", ווי וואסער, אָפּצופרישן זיך נאָר מיט די ווער־טער אליין, נישט אָפּצושטעלן זיך לאנג איבער א הארב וואָרט, צו טרעפן דעם רעכטן טייטש. צייטנווייז פלעגט אים פלוצעם עפּעם געבן א ברי — און ער האָט זיך גענומען זופּן „זוהר" געשמאק מיט חשק, די אויגן האָבן אים געפלאקערט, דאָס פּנים געפלאמט, ווי ביי א פארליבטן. דאָס פלעגט זיך מיט אים מאכן געווייַנטלעך ביי יענע שטעלן דאָרט, ווו גאָט שפּא־צירט אין גן־עדן מיט די צדיקים, די ביימער שמעקן, גיבן פון זיך ארויס זיסע ריחות פון בשמים; כתות, כתות פון מלאכים שפּרינגען קדושה, לויבן, רימען, באשיינען זיין הייליקן נאָמען און זאָגן שירה; ווו די „שכינה" צעגיסט זיך אין הייסע, הייליקע געפילן, בענקט, קרעכצט, ברומענדיק, ווי א טויב פאר גרויס ליבשאפט צו די כנסת ישראל. אמאָל קלאָגט זי, וויינט אויף זיך ווי אויך אויף איר געליבטן פאָלק, וואָס איז, נעבעך, אזוי פארוואָגלט, פארשווארצט אין גלות, און אמאָל טרייסט זי אים, איר טייערן זיסן געליבטן, נעמט איין מיט זיסע רייד און גוטע האָ־

פענונגגען אויף שפּעטער. נישקשה, זיי וועלן זיך נאָך אם־ירצה־השם צו־נויפגיין — און דענסטמאָל וועט זיין אזא לעבן, וואָס די וועלט האָט עס נאָך נישט געהאַט...

דער זוהר דאָס איז א סיני, א פייערשפּייענדיקער באַרג פון הייליקער, ריינער ליבשאַפט, דאָרט זענען זיך משדך די ערד מיט דעם הימל, מלאכים, שרפים מישן זיך אויס אינאיינעם מיט מענטשן און גיבן, קושנדיק זיך, איינער דעם אַנדערן געטלעכע געפילן; דאָס איז א פייערדיקער זייל פון ליבע, וואָס האָט צום ערשטן מאָל א שיין געגעבן פאַר יידישע קינדער אין די מיטעלע יאָרהונדערטן, ווען אַרום זיי איז געווען שמאָקפינצטער, ווען פיינטשאַפט, ווילדע אכזריות, פאַרבלענדטקייט האָבן זיי אָנגעטאָן געברענטע, געבראָטענע לייד און פאַרגיפטעט זיי, געבעד, דאָס לעבן — דאָס איז דער ערשטער יידישער ראָמאַן, דער „שיר־השירים“, דער ראָמאַן פון אַלע ראָמאַנען...

ר' אברהם איז אין זיין גראַד געווען, ווי רופט מען עס עפּעס, א פּאָעט. עס האָט אים עפּעס געצויגן צו הגדתות, צו די וואונדערלעכע, שיינע זאַכן אין דעם זוהר, און איז אויף זיין שטייגער געווען פאַרליבט. די גמרא אקעגן איז פאַר אים געווען א טרוקענע זאַך, וואָס דערנערט דעם שכל און קוויקט נישט דאָס האַרץ. ער האָט דעריבער דאָס לערנען זי געהאַלטן נאָר פאַר א מוז און געלערנט אויף אַזויפיל נאָר, וויפל אים איז עס נייטיק געווען צום עסק; אין די ניין טעג, אשטייגער, צו מאַכן א סיום, בכדי די באַלעבאַטים זיינע זאָלן מעגן עסן פליישיקס, ערב פסח א סיום פאַר זיינע באַקאַנטע בכורים, זיי זאָלן דעם טאָג נישט פאַסטן, און א פּרק משניות אַלע טאָג מיט א רבנן־קדיש פאַר א מת, וואָס דערויף האָבן אים דאָך די יורשים געדונגען אויף א גאַנץ יאָר. פונדעסטוועגן איז אים די גמרא געווען הייליק און ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט, אַז יענע לערנען.

אַז הערשעלע האָט געלערנט, איז עס ביי אים געווען זייער אָנגענעמע, מהיכא־תיתי שיין, גאַנץ פיין, און ווען ער האָט פאַרבייגייענדיק הערשעלען א פרעג געטאָן, וואָס רש"י באַוואָרנט מיט דעם כלומר — איז דאָס געווען גלאַט אן אויסרייד, ווייל אַזוי האָט עס אים געפּאַסט, נישט געמיינט נאָר אַריינצולאָזן זיך דאָ מיט אים טיפלער אין א פּילפּול. אבי הערשעלע האָט עפּעס געענטפערט, זיך געדרייט מיט דעם קעפּל, מאַכנדיק דערביי מיט א פינגער, איז עס פאַר אים שוין געווען גאַנץ גענוג — א סימן, אַז הערשעלע איז א גוט יינגל, אן ערלעך קינד — און ער האָט אים דערפאַר שוין טאַקע ליב באַקומען.

משהלע, א שוואַרץ־חנעוודיקער, מיט פרישטשיקלעך אויפן ברייט־פלאַטשיקן פּנים, איז געווען א שטיל ייִנגל, א שלאָפֿס, פון אָרעמע על־טערן, ערלעכע לייט, ביי וועלכע ער איז געבעך, פון קינדווייז אויף שטאַרק אָפּגעקומען און נויט, אין דחקות, און זיך קיינמאָל זאַט נישט אָנגעגעסן. נאָך גאָר קליינערהייט האָט ער זיך ארויסגעוויזן פאַר א פאַר־שטענדיק קינד מיט א גוט קעפל צום לערנען און דאָס איז ביי די על־טערן געווען דער איינציקער טרייסט אין זייער ביטער לעבן. זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט פון די גייטיקסטע באַדערפעניש, פיל מאָל נישט דער־געסן, נישט דערטרונקען, בכדי צו צאָלן פאַר משהלען שכר־לימוד, אבי זייער משהלע זאָל קענען לערנען, און דערמיט אליין זענען זיי געווען זאַט, זייער צופרידן.

— אויב ייִדן זענען אויך מענטשן ווי אלע אַנדערע אָדער נישט? דאָס איז א גאַנץ אַלטע שאלה, מיט וועלכער די וועלט דולט זיך שוין פון אייביקע יאָרן און ביז היינט נאָך נישט געקומען צו קיין עק. נאָר דאָס אָבער איז א גאַנץ קלאָרע געוויסע זאַך, אז דער ייִדישער מאָגן איז עפּעס גאָר אַנדערש ווי ביי אַלע אַנדערע מענטשן. דען ווו נאָך איז דאָ אַזא מאָגן, וואָס זאָל זאַט זיין מיט תורה, מיט לערנען, ווי ביי ייִדישע קינ־דער? ביי וועמען נאָך פון די אַלע פעלקער איז אין זייערע ספרים דאָ אזא אויסדרוק, אזא פּסוק „תורתך בתוך מעי“ — און דיין תורה איז מיר אין מיינע געדערעם — ווי ביי אונדז ייִדן? דאָס מעגן יענע דאָרט אין דער וועלט הערן און זיך גוט באַטראַכטן. אזא מאַשין, אין וועלכער עס אַרבעט אזא געטלעכע קראַפט, איז אַן אייביק געווער און וועט פון יענעמס א בלאָז מיט דעם מויל, פון יענעמס א קלאַפּ מיט דער האַנט זיך, בישקשה, נישט אנידערשטעלן. אזא זייגער, וואָס גייט דורך עלעק־טריציטעט — דורך דעם גייסט פונעם חומש, פון גאַנס הייליק וואָרט — וועט אייביק ווייזן די צייט פון טאָג און נאַכט און קלינגען אין דער וועלט.

משהלע האָט געלערנט, און די אָרעמע הונגעריקע עלטערן האָבן זיך געקוויקט, גרוים נחת געהאַט. אז דאָס קינד איז אונטערגעוואַקסן און שוין אימשטאַנד געווען אליין א בלעטל גמרא איינצובייסן, איז ער ארוים פונעם חדר און זיך געזעצט לערנען פאַר־זיך דאָ אין קלייזל. איז אים אויסגעקומען אמאָל אין דעם לערנען קרייטיש, עפּעס א האַרבלעך שטיקל, פלעגט ער זיך ווענדן צו ייִדן לומדים און זיי פלעגן אים העלפן ארויף אויפן וועג. משהלע, פון דער נאַטור א שעמעוודיקער, מיט א גוטן ווייכן כאַראַקטער, דערצו נאָך א שלאַפער, א קרענקלעכער, דערשלאָגן

פון דער ביטערער נויט — איז געווען שטענדיק ווי עפּעס פּאַרטראַכט, און זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון איטלעכן אין דער זייט. מע האָט פון אים נישט געהערט קיינמאָל קיין הויך קול, זיך געזעסן אין א ווינ־קעלע און געלערנט שטיל. אַזוי איז ער אויך געווען צווישן זיינע חברים, באַקאַנטע ייִנגלעך, קיינעם נישט באַליידיקט מיט א גראָב וואָרט, נישט אָנגערירט אפילו א פליג אויף דער וואַנט.

שווייגן — דאָס איז דער שטייגער זיינער געווען שטענדיק, דער־פאַר אָבער האָבן ביי אים גערעדט די אויגן. אַך, רבונו־של־עולם, וואָס פאַר א אויגן! וואָס זענען דאָס געווען פאַר א אויגן! אויף א קרענקלעך־בלייך פּנים — פּלוצעם אַזעלכע צוויי אויגן! זיי האָבן עפּעס גערירט ביי דער נשמה, ארויסגענומען אַמאָל ביי יענעם דאָס האַרץ, עפּעס איז אין זיי געלעגן א גאַנצער אָפּגרונט, עס האָט זיך ארויסגערוקט די מינדסטע באַוועגונג, אַלצדינג וואָס אינעווייניק דאָרט אין אים גייט פאָר. דער ערג־סטער קונדס אפילו, קוים האָט ער געפילט אויף זיך משהלעס אויגן, איז ער באַלד אָפּהענגטיק געוואָרן און עס האָט אים נישט דערלאָזט דאָס האַרץ אָנצורירן אים מיט א פינגער.

הערשעלע האָט אָנפאַנגס אויף משהלען זיך געבלאָזן. עס האָט אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס האַלט ער זיך ווייט פון אים אין א ווינקעלע, אָנ־געמענדיק עס פון משהלעס זייט פאַר שטאָלצקייט. הערשעלע אַליין איז ביי זיך אין האַרצן געווען א שטיקל גדלן, נישט געקאָנט ליידן, אַז אים זאָל מען נישט באַמערקן. ער איז געווען געוווינט ביי זיך אין שטעטל זיין שטענדיק דער ערשטער און היינט מאַכט אים עפּעס משהלע גלאַט אַזוי אַוועק. ניין, האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַנדערש וועל איך מיט אים נישט באַקאַנט ווערן, ביז ער מוז פריער צו מיר קומען.

אַז א פאָר טעג אָבער איז אַוועקגעגאַנגען און משהלע איז אַלץ טאַקע נישט געקומען, האָט הערשעלע שוין נישט געקאָנט מער אויס־האַלטן און איז מיט זיין כבוד אַליין צוגעגאַנגען צו משהלען מיט דער דעה אים אָנצולערנען — ארויסרופן אים אויף א פּאָיעדינעק, מיט א ווייזעניש אין דער גמרא, אדרבא, לאָז מען זען, ווער וועמען וועט אי־בערשפּאַרן. די מלחמה צווישן זיי האָט זיך אָנגעהויבן. איינער דעם אַנ־דערן האָט פאַרגעבן א ווייזעניש. הערשעלע האָט זיך געהיצט, זיך גע־וואָרפן, געדרייט אהין־אהין מיט אַלע אברים. משהלע אקעגן האָט זיך אויסגעדרייט, אָפּגעשלאָגן די קלאָץ־קשיות רואיק, געלאַסן, און דער שפּיץ איז געווען — זיי זענען געוואָרן חבר.

הערשעלע האָט דערקענט, אז ער האָט אין משהלען געהאַט א גראָבן טעות, און איז צו אים ווי צוגעקאָכט געוואָרן. וואָס ווייטער, ווייטער איז די ליבשאַפט צווישן זיי געוואָרן אלץ גרעסער, שטארקער, ביז זיי האָבן זיך צונויפגענומען און ביידע אינאיינעם געלערנט איין מסכתא. ר׳ אברהם האָט זיי דערפאר ביידן געלויבט אין די אויגן, איטלעכן באזונדער גערו־פן מיט א שמייכעלע „שקאָץ“ — און די פריינדשאַפט צווישן אלע דריי איז געוואָרן שטארק.

דאָס נײַנטע קאַפּיטל

לייזער־יאנקל האָט געטאָן דעם ווייבס רצון, געטרונקען בייגאַכט פארן שלאָף טרוקענע מאלינעס און געשוויצט, אויף מאָרגן האָט ער נאָך ארומגעבונדן דעם האלדז מיט דעם שטיקל פעל, וועלכעס הערשעלע האָט געפונען טאקע דאָרט ביי אים אין דעם וועג־מיצל, און אויך אויסגעזופּט א פּאָר לויזע אייער.

נאָר דאָס אלצדינג אָבער האָט נישט געהאָלפן. ער האָט זיך, אפנים, שטארק פארקילט דעם צווייטן טאָג ראש־השנה ביים דאווענען. די ברוסט איז אים אלץ טאקע געווען פארלייגט און ביים פרווון דאָס קול פלעגט ער פילן א שטאָך אין דער לינקער זייט.

מילא א שטאָך יאָך א שטאָך, דאָס וואָלט אים אזוי נאָך נישט גע־ארט, צו שטעכעניש איז ער שוין א ייד געוואוינט און מאכט זיך נישט וויסנ־דיק. גוט געארט האָט אים אָבער דאָס קול — דאָס איינציקע מיטל זיינס צום לעבן, פונוואנען ער ציט דאָס שטיקל פרנסה, דערנערט, מישטיינס־געזאָגט, דערמיט ווייב און קינדער. אָט איז שוין באלד יום־כיפור, ווען די „כלי“ איז אים אזוי נייטיק, מע באדארף אויף איר אזוי פיל ארבעטן — און דאָ איז ער גאָר הייזעריק. ער האָט ארויסגעלאָזט די נאָז און גע־האט דערפון גרויסע יסורים.

די שמשטע האָט געפילט זיין הארץ, און פאר גרויס רחמנות זיך גענומען אים צו היילן מיט אלע באבסקע מיטל. זי האָט אים געשטעלט א גרויסע שפאניש־פליג, געמאכט עפּעס א שמירעכץ אויף איינצורייבן אונטערן לעפעלע, געגעבן אים טרינקען עפּעס קרייטעכצער אזוינע, פון אן אלטער דאָרפס־גויע, אויך ראָסל פון אוגערקעס, אונטערגערויכערט אים מיט פעדערן, געגעבן אים שמעקן טאבעקע, איבערגעברענטע, געמאָלענע קאווע, אָפּגעשפּראָכן אים אינאייגוועגס טאקע אן עין־הרע און פארבינדן אים

דעם האלדז מיט אירן א גראָבן וואָלענעם זאַק. לייזער־יאנקל, נעבעך, האָט ווי א קינד זיך געלאָזט טאָן מיט זיך אלצדינג, וואָס מע וויל, אבי עס זאָל אים זיין דאָס קול.

עס גייט אוועק א טאָג, נאָך א טאָג און גאָרנישט. ערב יום־כיפור אין דער פרי האָט זיך ביי לייזער־יאנקלען געוויזן עפּעס א קול, אָבער ס׳איז געמלאכהט. נישט זיין „כלי" ווי שטענדיק, עפּעס גאָר א מין ביי־קול, אונטן גרעבלעך און אויבן א ביסל געפּייפּט.

ער האָט געפּרוווט זאָגן דערמיט די „יעלות". די שמשטע האָט אויס־געהערט און, שאָקלענדיק דעם קאָפּ, זיך מיט טרערן אין די אויגן אָנ־גערופן:

— געלויבט איז ברוך־הוא־וברוך־שמו! גאָר א דערקוויקעניש, כ׳לעבן, נאָך בעסער ווי פריער.

דעם יום־כיפור האָט לייזער־יאנקל ווי ס׳איז אָפּגעשפּילט אויפן ביי־עס מין בייקולכעז, אלץ הויך, אויף דער דינער סטרונע. ביי אים איז אויס־געקומען דעם עולמס ווערטל פארקערט: „אז מע קאָן נישט ארונטער מוז מען אריבער". אבי גאָט האָט געהאָלפן, ער איז דעם יום־כיפור אי־בערגעקומען בשלום און האָט זיך שוין געקאָנט באגיין אָן דעם קול ביז איבעראיאָר ימים־נוראים, אם־ירצה־השם, האָט אים שוין נישט אזוי אויס־געמאכט דאָס, וואָס ער איז הייזעריקלעך. ביז איבעראיאָר איז נאָך גאָט א טאטע.

נאָר קוים איז אים ארויס פונעם זינען דאָס קול, האָט זיך אים אָפּ־גערופן שטארק אין דער זייט דאָס שטעכעניש, אזוי אז ער האָט שוין נישט געקאָנט זיך נישט וויסנדיק מאכן און זיך געמוזט צוהערן. פריער האָט ער זיך געטרייסט אלץ מיט דער האָפענונג, עט, נישקשה! עס וועט פארגיין, ער באדארף זיך נאָר א פּאָר טעג איבערליגן. די שמשטע האָט אויך געזאָגט:

— עט, ס׳איז גאָרנישט! ס׳איז היינט עפּעס אזא אונטערגאנג.

און דערנאָך ערשט, אז ער האָט שוין נישט געקאָנט כאפּן דעם אָטעם און געפּאָכט מיט דער נשמה — איז געוואָרן א טאראהאם, א געפּילדער. מע האָט אראָפּגעבראכט דעם רופא מיט דעם גאנצן קלאפּערגעצייג, וואָס האָט אים געשטעלט באנקעס, געלאָזט צו דער אָדער און אים אָפּגעצאפּט א היפּש ביסל בלוט. עס האָט אים אָבער נישט געהאָלפן דער רופא אויך און מע האָט אים כמעט א טויטן אָפּגעפירט אויף א וועגעלע אין דעם ביקור־חולים, ווו ער איז עטלעכע וואָכן אָפּגעלעגן שטארק קראנק.

דערוויילע איז זיך אזוי אוועקגעגאנגען דער סוכות.

אונדזער הערשעלע האָט געהאַט, נעבעך, א פאַרשטערטן יום־טוב. פונקט אין שמחת־תורה איז דעם טאַטן געוואָרן אזוי שלעכט, אז מע האָט געמיינט, אָט גייט אים אוים די נשמה, און דער דאָזיקער טאָג, דער בעסטער, דער פרייליכסטער פאַר יידישע קינדער, איז ביי הערשעלען גע־ווען תשעה־באב.

דעם גאַנצן טאָג האָט ער פאַר גרויסע צרות אין מויל נישט געהאַט חוץ א שטיקל לעקער, וואָס ער האָט באַקומען ביים אויפרופן אים צו דער תורה אין שול „עם־כל־הנערים". נאָר מישטיינס־געזאָגט, וואָס דאָס איז געווען פאַר א שטיקל לעקער! גאָר נישט דאָס וואָס אמאָל. און אַנ־דערש מאָל האָט דאָס אייגענע שטיקל לעקער געשיינט, געלויכטן יום־טובדיק, געהאַט דעם זיבעטן חן, עפּעס גאָר אן אַנדער טעם, אויף אים איז ווי געשטאַנען אָנגעשריבן „שמחת־תורה!" עפּעס האָט עס גערעדט ווערטער, געשמעקט מחיה, דערפרייט דאָס האַרץ, געשפּייזט און דער־קוויקט די נשמה — און דאָס מאָל איז עס געווען א וואָכעדיקע זאַך — גלאַט אזוי א מין געבעקס, קאַרנמעל מיט האָניק, וואָס מע קויפט עס אין מאַרק פאַר א גראָשן און מע מאַכט דערויף א ברכה „בורא מיני מזונות"...

ביי יידן האָט איבערהויפּט דאָס עסן שבת און יום־טוב עפּעס גאָר אן אַנדער טעם. ס'איז דאָ אין דעם עסן, זאָגן אונדזערע אַלטע הייליקע חכמים, א מין געווירץ אזוינס, וואָס „שבת" הייסט עס ביים נאָמען; אזא געווירץ, וואָס וואַקסט ערגעץ נישט דאָ אויף דער וועלט, וואָס פאַר קיין גינגאָלד איז עס נישט צו באַקומען אין דעם האַנדל, און קיינעם פון די אַלע פּעלקער איז עס נישט באַקאַנט — די הייליקע מלאכים ברענגען עס פונעם גן־עדן פּרייטיק אימלעכן יידן אין שטוב אריין, ווו זיי שטעלן זיך, ווי אונדזער עולם זאָגט. קאָכן דעם טשאָלנט. פריי פאַר דער גאַנצער וועלט קאָן מען גאַנץ זיכער זאָגן — אַנדערע מעגן זיך דערווים לאַכן, — אז דער וואָס האָט אינעם גוטן יידישקייט נישט פאַרזוכט קיין טשאָלנט, האָט אין זיין לעבן קיין גוטס נישט געגעסן און ווייסט נישט, וואָס גע־קעכטס הייסט אזוינס...

אז דעם טאַטן האָט עס אָנגעהויבן צו גיין בעסער, איז הערשעלען ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. די ערשטע צייט איז ער געווען פול פרייד, אזוי אז ער האָט פון קיין אַנדער זאַך נישט געטראַכט, זיך פאַרגעסן גאָר אין זיך אליין. דערנאָך אָבער שפּעטער א ביסל איז אים דאָס טראַכטן צו־געטרעטן מיטאַמאָל. עס האָט זיך אויף אים אָנגערוקט א שוואַרצע מרה־שחורה און ער האָט ביי זיך אַלץ געטראַכט אזוי: אָט באַלד, באַלד וועט

מען באדארפֿן פֿאָרן אהיים, נאָר ווי ווארפֿט מען אוועק דאָ משהלען און רב אברהמען, מיט וועלכע ער איז שוין אזוי געוווינט און עס ציט אים צו זיי אזוי דאָס הארץ? הגם דאָס פֿאָרן אהיים איז א גוטע זאך, עס ציט אים אהין טאקע—זען די מאמע, שוועסטער און ברידער, אויך אלע אנדערע באַקאנטע; נאָר צוריק געשמועסט, וואָס קאָן פֿון אים דער תכלית זיין דאָרט אינדערהיים? עס האָט אים זיך פֿאָרגעשטעלט די גרויסע עלנט אינדערהיים, ווי דאָס גאנצע הויזגעזינד קומט אָפּ, נעבעך, ליידט הונגער, קעלט, ווי ער אליין פֿלעגט אויסגיין פֿיל מאָל פֿאר א שטיקל ברויט. דערמאָנענדיק זיך נאָר אין דעם, איז אים א גרויל איבערן לייב איבערגעגאנגען. בלייבן זשע ווידער דאָ, — דאָס האָט זיך אים אויך אין קאָפּ עפּעס נישט געלייגט. וואָס הייסט בלייבן! ביי וועמען בלייבן? גלאט ווי נעמט עס א ייִנגל איינער אליין אָן עלטערן און בלייבט! און ווען אפֿילו אזוי, בלייבן — גו, וואָס... וואָס?...

אָט אזעלכע געדאנקען האָבן זיך געדרייט ביי הערשעלען אין קאָפּ און ער איז געווען שטארק באטריבט, אויס מענטש.

ר' אברהם האָט באמערקט, אז ער איז עפּעס פֿונעם פּנים אראָפּ און פֿאר גרויס רחמנות זיך גענומען אויספֿרעגן, וואָס מיט אים איז אזוינס, פֿאָרט וואָס איז אזוינס די מעשה? הערשעלע האָט זיך צעוויינט און אים ארויסגעזאָגט זיין גאנץ בימער הארץ. ר' אברהם האָט אים א גלעט געגעבן ביים קעפּעלע און זיך אָנגערופֿן:

— גו, גוט, גוט! איך וועל מיך שוין באטראכטן. עס האָט נאָך צייט, לעת־עתה זיי גאָר נישט קיין נארעלע און וויין נישט, שקאָץ!

דאָס צענטע קאַפּיטל

דער טאטע איז אין עטלעכע טעג ארום ארויס פֿונעם ביקור־חולים! עס האָט געריסן דאָס הארץ קוקנדיק אויף אים, אזוי בלייך, טויט איז זיין פּנים געווען. ער איז, נעבעך, א שווערע קרענק אויסגעשטאנען, כמעט נישט געוווען צו דערקענען אים, אזוי איז ער פֿונעם לייב אראָפּ, נאָר הויט און ביין.

קיינמאָל אין זיין לעבן האָט הערשעלע נישט אזוי ליב געהאט דעם טאטן ווי דענסטמאָל, און קיינמאָל אין זיין לעבן ווידער האָט אויך דער טאטע נישט אזוי גוט, ליבהארציק געקוקט, נישט אזוי זיס־שטיל אויף א ווייבער שוואכער שטים גערעדט, ווי אין יענער צייט. עפּעס איז ער

אליין געוואָרן א קינד און האָט מיט זיין בליק, מיט זיין שטיל־שוואַך לשון ארויסגענומען א שטיק געזונט. עפּעס איז דרינען געלעגן א קלאָגן זיך שטיל אָן ווערטער אויף די ווייטעקן זיינע אין דעם וויסטן לעבן און א געבעט:

— געוואלד, גענוג! נישטאָ שוין מער קיין כוח אויסצוהאלטן...

מע האָט באשיימפּערלעך ארויסגעזען, אז ווען הערשעלע זאָל זיך נישט געווען שעמען, וואָלט ער דענסטמאָל אלע גלידער דעם טאטן אויס־געקושט. ער האָט זיך אָבער געשעמט, ווייל קושן זיך איז ביי יידן נישט קיין איינפיר. ווי נעמט מען עס עפּעס גלאט אזוי און מע קושט! בפרט א קינד א טאטן!...

ר' אברהם האָט אוועקגענומען דעם טאטן אין א ווינקל און מיט אים דאָרט א היפּשע צייט געשמועסט. באלד דערויף האָט מען צוגע־רופן אהין אויך הערשעלען און דער טאטע האָט זיך געווענדט צו אים מיט די ווערטער:

— מיר שמועסן דאָ מיט ר' אברהמען, אז אויב דו ווילסט, הער־שעלע, מעגסטו דיר דאָ בלייבן.

הערשעלע האָט זיך צעוויינט, געקוקט אויפן טאטן מיט גרוים ליב־שאפט און איז נישט אימשטאנד געווען ארויסצוברענגען א וואָרט, אזוי האָט אים פארקלעמט ביים הארצן. און אז דער טאטע איז מיט א געבעט צוגעשטאנען צו אים, ער זאָל רעדן ריינע ווערטער, האָט ער געענטפערט גאנץ קורץ:

— ניין! אָן דיר, טאטע, קאָן איך נישט זיין...

—אך, הערשעלע! — מאכט דער טאטע מיט א זיפץ טיף פונעם הארצן. — נישט אייביק, נארעלע, איז א קינד נעבן א טאטן. וואָס קאָן מען טאָן? איך פיל, אוי, אז די כוחות גייען מיר ביסלעכווייז אוים. גע־נוג קריעה געריסן אין מיין לעבן. ווייז נישט, הערשעלע, וואָס קאָן מען טאָן? פריער אָדער שפּעטער — מע מוז זיך שיידן...

— טאטע, טאטע! — וויינט הערשעלע מיט א געבעט. — אהיים, טאטע, אהיים!

— אהיים! האָניק וועסטו דאָרט לעקן, אינדערהיים... — זיפצט דער טאטע און ווענדט זיך צו ר' אברהמען, שאָקלענדיק מיט דעם קאָפּ: — זאָגט אים כאָטש, ר' אברהם:

— זיי נישט קיין עקשן, פע! — הייבט אָן מיט נוטן ר' אברהם.

— אָן דיר איז אויך דאָ נענוג אינדערהיים. דער טאטע — דו זעסט נישט?

— האָט מער קיין כוח נישט צו האָרעווען. פונעם ביסל געלט, וועלעכס

ער האָט דאָ פֿאַרדינגט, איז ווייניק געבליבן. א קרענק קאַסט. עס גייט א לאַנגער ווינטער נאָך מיט אַן עבור, א רחמנות, נעבעך, אויף די איבע־ריקע קינדער. דו אַליין וועסט דאַרבן און זיי נאָך שאַרטן. דעם לעצטן ביסן, מישטיינס־געזאָגט, זיי פֿונעם מויל אויסרייסן.

פֿון ר׳ אברהמס דאָזיקע ווערטער איז הערשעלען דאָס האַרץ מיט בלוט פֿאַרלאָפֿן און ער האָט געגאָסן מיט הייסע טרערן.

— דאַנק ר׳ אברהמען. — זאָגט דער טאַטע, — דאַנק זיי פֿאַר זייער גוטסקייט צו זאָרגן זיך דאָ פֿאַר דיר און צו האָבן אויף דיר השגחה. גיי, מײַן קינד, אין רעכטן וועג און פֿאָלג ר׳ אברהמען, ווי א טאַטן. זיי מיינען — דו הערסט? — דײַן תּכלית. גאָט זאָל זיי נאָך דערלענגערן די יאָרן.

— א־נו, שקאָץ! — מאַכט ר׳ אברהם, א קלאַפּ געבנדיק פֿאַמעלעכן הערשעלען אויף דעם אַקסל, מיט א זיס שמייכעלע. — אַזוי, אַזוי! ווײש דיר אויס די אויגן און גיי דיר, גיי אַצינד צו דײַן חבֿר דאָרט, דעם שקאָץ...

פֿרי האָט אין יענעם יאָר זיך געשטעלט דער ווינטער. פּלוצעם, איי־דער דער עולם האָט זיך אַרומגעקוקט האָט פֿון צפֿון־זייט א בלאָז גע־טאָן א קאַלטער ווינט און זיך אָנגערוקט א בייזע, פֿינצטערע כמאַרע — דעם ווינטערס צוויי קאָזאַקן — לויפֿנדיק פֿאָרויס מיט א שטורעם, א פֿייפֿן: „ציטערט, לעבעדיקע באַשעפֿענישן! אָט קומט ער, דער אַלטער פֿעטער, און וועט אײַך אָנרייבן א רויטע נאָז“... די פֿעלדער ליגן שוין באַגראָבן אין דעם ווייסן קיטל פֿון שניי. די ביימער דאָרט שטייען אָפּ־געשמיסענע, נאַקעטע, אַראָפּגעלאָזן די קעפּ, און די צווייגן געפֿענטעט מיט קייטן פֿון פֿליטערלעך, פֿרעגנטעם אייז. פֿון פֿייגל און וואַלד־חיהלעך איז נישטאָ קיין שפּור, אַלע ווי אויסגעשטאָרבן. די ליגן באַהאַלטן טיף אין די לעכער, יענע האָבן באַצייטנס געמאַכט א פּליטה — אַוועק ווו־הין די אויגן טראָגן, און אומעטום איז שאַ, שטיל. נאָר וואָראָנעס דרייען זיך ערטערווײַז אַרום אין דער לופֿט, עפּעס האָבן זיי געשעפֿטן: חתונות אָדער גלאַט אַזוי אסיפֿות וועגן קהלשע זאַכן — און ווייסט זיי דער גו־טער יאָר וואָס זיי קראַקען דאָרט, קרעכצן, רייסן זיך אויף די העלדזער...

ווײַט אַרום און אַרום הערשט שוין אין דער וועלט דער ווינטער, נאָר די יידישע שטאָט, גלופּסק, זי אַליין וויל זיך אים נאָך נישט אונטער־געבן. ער פֿירט מיט איר א שטאַרקע מלחמה. ער שיקט אָן אויף איר א פֿרעסטל, און די קאַלוזשעס אירע אין די גאַסן נעמט נישט קיין קויל, בלײַבן טאַקע דאָס, וואָס פֿריער; עס רעגנט אויף איר מיט גרייפּלעך־שניי, און אומזיסט זײַן מי, בלאָטע;... די גלופּסקער יידעלעך גיבן זיך

א שאָט ווי די מורעשקעס, טרעטן עס מיט פיס און מאכן דערויס א קאשע, א שיטערע, א גרוי=שווארצלעכע בלאָטע; ער שטעלט זיין ווייס שנייען פענדל אויף דעכלער, צום באווייז, אז ער איז פון אויבן — קומען הונגעריקע קי, גאַנצע מחנות ציגן און שליידערן עם אראָפּ ביים ארויסשלעפּן הויפנווייז שטרוי אויפצופרעסן, אָדער יידן, יידענעם קומען מיט טעפּ, מיט צעברעס, שטאָפּן עס אָן פול מיט דעם דאָזיקן שניי צו מאכן דערפון וואסער אויף קאָכן. אויך איז דאָ אקעגן דעם נאָך א מיטל — שרפות. ביי יידישע קינדער נעמט זיך דענסטמאָל גראָד אָן די קוימענס און גלופּסק נעצט... גלופּסק שטעלט געוויינטלעך דעם ווינטער ארויס א פייערדיקן צונג — ער, דער ווינטער, קנאקט, בלאָזט, שטורעמט, און יידעלעך זענען אים מבטל! גייען זיך נאקעט, באָרוועס, גלייך ווי נישט זיי מיינט מען, אָדער ווי זיי טוען אים אויף צו=להכעיס.

און בשעת דער דאָזיקער מלחמה פונעם ווינטער אין גלופּסק שטייט דאָרט לעבן דער קאבצאנסקער אכסניא א יאזדע מיט דריי דארע מערידנדיקע, קרומרוקנדיקע, קאָלטענעוואטע, לאנגהאלדזיקע און קורצוויידלדיקע פערד, מחילה, וואָס האָבן עס באדארפט פאר זייערע זינד זיך מטריח זיין שלעפּן קיין קאבצאנסק אירע א פּאָר מניגים יידן און צווישן זיי אויך אונדזער לייזער=יאנקלען. דער מעקלער באָברעט זיך עפּעס ארום דעם וואָגן, שארט צונויף מיט דער בייטש די שיריים — עטלעכע בלעטלעך היי, און פארקרימענדיק זיך מיט איין אייגל אויף איינעם פון די פערד, דערלאנגט ער אים א טראַך אין דער מאָרדע, גלאט אזוי זיך, שעלטנדיק דערביי:

— א=א, פגרן זאָלסטו, פגירה איינע! ווי ער קאָן עס א ביסל נישט איינשטיין אויף די פיס... פליען גלוסט זיך אים, דעם אָדלער, דעם שיינעם, א, פליען זאָלסטו צו אלדי שווארצע יאָר!

לייזער=יאנקל איז, אָנגעטאָן אין זיינע וועג=קליידער און אויפן קאָפּ אָנגערוקט דאָס מיצל, גיך אין אייַלעניש צוגעקומען צום וואָגן. הערשעלע מיט א פעקל נאָך אים, און איבערגעבנדיק עס דעם מעקלער צו די הענט מיט א געבעט, ער זאָל מאכן א גוט געזעס, זענען זיי ביידע ארייגעגאנגען דערווייל אין דער אכסניא.

רייזע, ווי דער שטייגער אירער מיט א פארשטעקט פארטעך און מיט א פּאלאניק אין דער האנט, איז שטארק באשעפטיקט געווען מיט דעם באלעגאָלע און די פארשוינען ארום איר, מיט וועלכע זי האָט זיך אָפּגערעכנט, מאַכנדיק דערביי אויף א בייזער צו דעם, צו יענעם אַליץ: „העו א ביסל! וואָס זאָגסטו, איך בעט דיך, צו זיין טאטן?“ אז זי האָט זיך שוין מיט איטלעכן אָפּגעפארטיקט און דערזען אין דער זייט אונדזערע

ביידע פאַרשווינגען, דעם טאַטן מיט דעם זון, האָט זי זיך אויף זיי ארויסגעלאָזט מיט איר שרייענדיק לשון, א פּאָר געבנדיק מיט דער גאַנץ איבער דעם גאַנצן אַרבל.

— אָט האָסטו אים ווייטער, דעם שיינעם בחורל! וואָס? געקומען פאָרן? נאַקעט, באָרוועס, העמ א ביסל! און אזא קעלט זאָל מען אזוי פאָרן! וואָס זאָגסטו, איך בעט דיך, צו זיי איצט דאָ, א שיינער טאַטע, כ'לעבן! אליין, העמ א ביסל, איז ער אין א מיצל, ארומגעבונדן, נישקשה, און דאָס קינד זומערדיק! וואָס זאָגסטו פּאָרט, איך בעט דיך, צו זיין טאַטן?

— מיין זון פאָרט נישט, — ענטפערט דער טאַטע.

— גאָר נייעס! אליין פאָרט מען און מע לאָזט איבער א קינד הפקר, העמ א ביסל! נאַקעט מיט א הויל האַרץ אינדרויסן. וואָס זאָגסטו צו זיין טאַטן? מע באַדאַרף האָבן טאַקע א האַרץ פון א טאָטער — אַזוי לאָזט רייזע אוים דעם שמועס, באַטראַכטנדיק הערשעלען פון אויבן ביז אַראָפּ און גייט זיך אַוועק.

דער באַלעגאָלע הייבט אָן אונטערטרייבן דעם עולם — היידא, פאָרן! די פאַרשווינגען שטופּן זיך אין איילעניש ארוים אויף דער גאַס, צו פאַרכאַפּן געשווינד ערטער אין דעם וואָגן. איטלעכער וואַרפט זיך אַהין אַריין אויף קידוש=השם מיט הענט און מיט פיס. ס'איז א שטופעניש, א קוועטשעניש, אַן ענגשאַפט, א דערשטיקעניש.

לייזער=יאַנקל, נעבעך, זיצט ווי ס'איז אויף א שפּיץ קלימעקל אין איינע צרות און געמט אָן פאַר ליב איטלעכן שטופּ, וואָס ער באַקומט אין די זייטן. ער געזעגנט זיך מיט הערשעלען זייער טרויעריק אויף א וויינענדיק=ציטערדיק קול.

הערשעלע קוקט דאָס לעצטע מאָל גוט אַריין אין דעם טאַטנס בלייך פּנים און באַוואַשט זיך מיט בלוטיקע טרערן, נישט אימשטאַנד צו זיין ארויסברענגען עפּעס א וואָרט און נישט צו זען ווי דער וואָגן האָט זיך גערירט פונעם אָרט.

— הא, וואָס איז דאָ צו וויינען! — מאַכט רייזע, ארויסלויפנדיק צו הערשעלען אויף דער גאַס, נאָכדעם אַז די יאַזדע איז אַוועקגעפאָרן. — אַז א טאַטע פאָרט אַוועק, העמ א ביסל, נו איז וואָס! חלילה, נישט געשטאָרבן. גאַ, בעסער, — נעמט זי און שטופּט אים אַריין אין האַנט אַן אַלט לייבל — נעם און טראָג געזונט. נישט געוויינט. קום, אפשר ווילסטו עסן?

— ניין! — ענטפערט הערשעלע שוין א ביסל געטרייסט פון רייזעס ווערטער.

— נאַ דיר ניין! — רופט זיך רייזע אָן. — העז א ביסל, מע זאָל זאָגן ניין! פאַרוואָס איז עסן ניין! נו, גיי זשע דיר געזונטערהייט, אז ניין. נאָר טאָמער וועסטו וועלן, געדענק זשע, זאָלסטו קומען!...

דאָס עלפטע קאַפּיטל

לעתיד לבוא, העט־העט שפּעטער, אם־ירצה־השם — אזוי שטייט געשריבן אין אונדזערע הייליקע ספרים — נאָכדעם אז מע וועט אויפשטיין תחית־המתים און גאָט וועט משפּטן די וועלט, דענסטמאָל וועלן אלע מענטשן זיין אויסגעשטעלט אויף א גרויסן פּלאַץ, איינגעטיילט אין צוויי טיילן: אויף איין זייט די רשעים, אויף דער אנדערער זייט די צדיקים און צווישן זיי, אינדערמיט, דער יצר־הרע. יענע, די רשעים, וועט דער יצר־הרע זיך אויסדאכטן גאַנץ דין ווי א האָר. די אנדערע אקעגן — גרויס ווי א בארג, און אלע מענטשן פוןביידע זייטן וועלן, קוקנדיק אויף אים, שרעקלעך וויינען. די רשעים יאָמערן, שרייען:

— גשוואַלד, אזאַ דינע האָר אויפן גלייכן וועג איז אונדז שווער געווען איבערצוגיין און מיר זענען פאַרקראָכן מיט קרימע גענג צו אלדי שווארצע יאָר!

אקעגן זשע די צדקים קלאָגן, גיסן טרערן:

— רבונו־של־עולם, מיר פאַרשטייען נישט, ווי עס האָט זיך צו אונדז גענומען אן אייזערנער כוח אזא שרעקלעכן הויכן בארג איבערצוגיין, אזוי פיל פּיין און יסורים אין אונדזער לעבן אויסצושטיין!...

די דאָזיקע וואונדערלעך אויסגעמאָלטע קארטינקע קאָן דינען זייער גוט פאַר א הקדמה צו דער דערציילונג, וויפל יסורים, ווייטעקן הערשעלע איז אין זיין לעבן, נעבעך, אויסגעשטאַנען. דערמאָנענדיק זיך אצינד אין די בעסערע יאָרן, וויפל בערג צרות, אלע מיני פּורעניות און לייד ער האָט באַהאַרפט איבערגיין, ביז ער איז לסוף ארויס אויף א וועג, — וויינט אין אים דאָס הארץ און ער וואונדערט זיך, ווי אזא שנעק, א ווערעמל, א גאָר נישט מיט א נישט, זאָל געוועזן קאָנען אזוינס איבערטראָגן, נישט ווערן צעטרעטן אין דער וועלט אונטער די פיס! ער וויינט אויף זיך ווי אויף פיל אזעלכע זיין גלייכן ביי אונדז יידן, וואָס זיי איז באשערט פון קינדווייז אָן צו ראנגלען זיך מיט אלערליי אָנשיקענישן, אויסצוקריכן אלע לע־

כער, צו דראפּען זיך אויף די גלייכע ווענט און צו פילן דעם בימערן טעם פונעם טויט, בכדי צו דערגרייכן יענע שטופע, וועלכע זיי שוועבט פונ־דערווייטנס פאַר די אויגן.

אומגליקלעכע יידישע קינדער! אומגליקלעכע אפילו שוין בלומרשט אין דעם גליק. נעמט יענע, אשטייגער, וואָס שטייען שוין אויף א שטופע, האָבן א פּנים אין לעבן. נאָר איז דאָס שטיין זייערס אייזן־פעסט, וואָס שטיין הייסט, מיטביידע פיס, אז עס זאָל נישט מעגלעך זיין פון א מינדסטן בלאָז אומצופאַלן? איז דאָס פּנים זייערס אין דער וועלט ליי־טיש פיין, א מענטשלעכס? איז דאָס לעבן זייערס דאָרט אינגאַנצן א גליקלעכס ווי עס געהער צו זיין? — איז דען כדאי פאַר אזא גליק, מישטיינס־געזאָגט, אָנצוליידן זיך אזוי פיל אומגליק; פאַר אזא פּנים בלומרשט — אזוי קריכן אויס דער הויט, און פאַר אזא לעבן, אויף שונ־אים געזאָגט געוואָרן — אזוי אויסגיין, צען מאָל איז טאָג שטאַרבן פאַר הונגער?...

יאָ, צו יענער קאַרטינקע פעלט נאָך א סך. די רשעים טאַקע זענען דאָ, דער באַרג צרות אויך דאָ, נאָר דער תחית־המתים אָבער איז גע־מלאכהט, און זייער פיל ליגן נאָך גאָר טויט, ניין איילן טיף באַגראָבן און דער ערד, גאָט און זיין משפּט איז נאָך אויך נישטאָ.

ר' אברהם האָט אין זינען געהאַט הערשעלען, געטאָן פאַר אים וואָס נאָר מעגלעך. ער האָט אים באַשטעלט שבת ביי איינעם פון זיינע באַ־קאַנטע באַלעבאַטים און אינמיטן דער וואָך פלעגט אים אויף ר' אברהמס בקשה נעמען אויף א וואַרמעס, אָדער אויף א וועטשערע, אמאָל דער, אמאָל יענער פון די, וואָס דאַווענען אין קלייזל.

אָט אויף אזא שטייגער האָט הערשעלע, נעבעך, ווי־ס'איז איבער־געלעבט א טאָג. האַלב געגעסן, האַלב געפאַסט, געמאַכט מיט די ליפּן, און אים איז דענסטמאָל שוין אויסגעקומען נישט צו פילן דעם טעם, פונ־וואַנען נעמט זיך עס, אז „ויאכלו“ — אזא פּשוט באַקאַנט וואָרט, דאַכט זיך, ווי „ויאכלו“ — זאָל ביי אונדז יידן גאָר דער טייטש זיין „און זיי האָבן געטאָן טון גלייך ווי געגעסן“.

יאָ, פיל אָרעמינקע אזעלכע ביי אונדז קומט אויס דעם דאָזיקן טעם, נעבעך, צו פילן. אז דאָס הארץ חלשט, מע וואָלט שוין געוואָלט דער־לעבן עפּעס אין מויל אריין צו נעמען, הייבט זיך געווייגטלעך אָן אָט דער לאַנגער מזמור: וואַשט זיך... וואַרט א ביסל, מיט דער קוואָרט טאָר מען נישט... לאָז מען געבן אן אנדערע... נו, דאָרט זייט מוחל, דאָרט זוך דעם האַנטער. זאָגט שאו־ידיכם. זעצט זיך. מאַכט המוציא. באַלד, באַלד,

ווארט א ביסל, אָט וועט מען געבן זאַלץ. שמעקט אריין דעם לעפל. באַפּט
א שטיקל פלייש. מים־אחרונים. מכבד מיט מזומן. בענטשן! — „רבותי,
מיר וועלן בענטשן!" דאָס הייסט אויף דעם מאַנגאַם לשון: „רבותי, מיר
ווילן עסן!"

דאָס איז נאָך גאָלד, עפּטערס פּלעגט זיך מאַכן, אַז „ויאכלו" האָט
ביי הערשעלן גאָר קיין טייטש נישט געהאַט, פּשוט טאַקע גאָרנישט —
און נישט איין מאָל לייגנדיק זיך אַזוי, געבעך, שלאָפן, האָבן זיך אים
ביינאַכט געחלומט בעטלער. גענוג איז אים אָפּגעפאַלן דאָס פלייש פאַר
צרות פונעם עסן, האָט אים נאָך ווי געטאָן אויך די נשמה — ער האָט
די ערשטע צייט שטאַרק געבענקט אהיים. אינדערהיים האָט ער דאָך,
אמת טאַקע, אויך נישט געלעקט קיין האָניק, נאָר פאָרט א גרויסער חילוק.
דאָרט איז אים געווען עפּעס וואַרעם, גרינגער אויף דער נשמה, ווי א
פייגעלע אין נעסט, אונטער דער מאַמעס פליגעלער. דאָרט איז ער געּ
ווען אן אייגענער, אַלצדינג אַרום אים, אינדערהיים, אין שטאָט, זענען
אים געווען אייגענע, זיינע, זיי האָבן אים פאַרשטאַנען: אפילו די בהמות
דאָרט, די הייזער, די לופט, וואָס ער האָט געאָטעמט, די ערטער, וו ער
האָט געשפּאַצירט, זיך געשפּילט מיט זיינע חברים, האָבן עפּעס גערעדט
צום האַרצן און זיך מיט אים אָנגעהערט — און דאָ איז ער עלנט, פרעמד,
עס קלעפּט זיך עפּעס נישט, אַלצדינג גאָר נישט דאָס, עפּעס גאָר אַנ־
דערש. די זון, די לבנה און די שטערן קוקן דאָ עפּעס נישט אַזוי, ווי אַמאָל
ביי זיך אין שטעטל, נישט אַזוי פריינדלעך, גוט ווי פריער און ער האָט
א פּנים ווי איינער ביים באַגעגענען זיך מיט דעם ווייבס משפחה נאָכן
גט, שוין נישט מער קיין אייגענע, נאָר גלאַט אַלטע באַקאַנטע, געוועזענע
קרובים. אַזאַ געפיל ווי בענקען, וואָס צופּט, נאָגט טיף אין האַרצן, לאָזט
זיך נישט איבערגעבן מיט ווערטער, דאָס פאַרשטייט נאָר דער, וואָס איז
געפּרווט געוואָרן צו פאַרזוכן אַמאָל אין לעבן דעם טעם פון עלנט, צו
זיין פּלוצעם אָפּגעריסן פון זיינע ליבע און בלייבן אליין פאַר זיך. א קאַ־
טאָוועם עפּעס! איין קליין פינטעלע, א ברויזן, אין אַזאַ גרויסער, גרויסער
וועלט.

עס ציט זיך נאָכט גרויסע וועלט אין דער לענג, אין דער ברייט, אָן
א סוף, אָן אן עק. אין דער מיט וועלט, אויף דער קיילעכדיקער ערד,
איז דאָ א קליין פּלעקעלע, ווי א פליג האָט איבערגעלאָזט — דאָס איז
גלופּסק. אין דעם דאָזיקן פּלעקעלע איז דאָ א פינטעלע — א קלייזל. אין
דעם פינטעלע איז דאָ נאָך א ברעקל פינטעלע — א באַנק. און אין דעם
ברעקל פינטעלע ליגט נאָך א פּיצעלע פּינטעלע — אַ מין באַשעפעניש

אזוינס, וואָס הייסט הערשעלע. דאָס פּיצינקעלע באַשעפעניש ליגט, ווי א שפּין פונקט אינדערמיט פונעם גרויסן ראָד שפּינוועבס, פון אים ציען זיך ארום און ארום אין אלע זייטן לאַנגע דינע פעדעמלעך, פול און פול אָנגעזעצט, הארט איינס ביים אנדערן, מיט עפּעס לופטיקע מיני פּינ־טעלעך אזעלכע, גאָר נישט פאר דעם אויג, וואָס הייסן ביי די פילאָסאָפן „אטאָמען“, און גייען העט־העט וויט צו די שטערן אין הימל, צו אלע־דינג אין דער וועלט ארום, און, עס פארשטייט זיך, קיין קאַבצאַנסק אויך. אויף די דאָזיקע לופטיקע פעדעמלעך קלעטערט הערשעלעס נשמה, קאַ־ראַבקעט זיך מיט אלע זיינע געדאַנקען אהין, אהין — אהיים. זי קאַראַב־קעט זיך ווי די עלעקטריציטעט אין דעם טעלעגראַפישן דראָט, אָנרירנ־דיק מיט אירע ברענענדיקע געפילן איין טיילעכל פונעם לאַנגן, לופטיקן פעדעמל; דאָס טיילכל גיט פון זיך איבער דעם ברען דעם ווייטערדיקן טיילעכל, און אזוי פליט עס שרעקלעך געשווינד ווייטער, ווייטער, ביז עס טרעפט, ווי א בליץ, אין די הערצער פון זיינע עלטערן, זיי דערפילן באַלד הערשעלעס הארץ און טוען א שלוקעכץ. הערשעלע, זאָגן זיי, דערמאָנט אונדז. עס שטעלט זיך זיי פאַר זיין לאַגע, איינער אליין, נעבעך, אין דער פרעמד — און גייען אוים פאר רחמנות. גאָר וואָס קאָנען אזעלכע גע־פאלענע, נעבעך, טאָן, אז זיי אליין איז שלעכט און קומען שרעקלעך אָפּ? די מאמע ארבעט, נעמט זיך די אויגן ארוים ביז שפּעט אין דער נאכט מיט דעם פעדערן־פּליקן, און פון דער גאַנצער ארבעט איז, מישטיינס־געזאָגט, קיין וואסער אויף קאשע אפילו נישטאָ. דער טאטע, נעבעך, האָט, זינט אהיימקומענדיק, נישט אויפגעהערט צו קרענקען. ער צאנקט, גייט אוים ווי א ליכט, ער קאָן נישט צוזען דאָס גרויסע עלנט אין שטוב, דעם צער פון די הונגעריקע, דערשלאָגענע קינדער. דאָס ביטערע אָרעמקייט איז אים שוין שווער איבערצוטראָגן, געגוג שוין זיך אָנגעליטן, נישטאָ מער קיין כוח — אָט־אָט טריקנט שוין אוים דער לעצטער טראָפּן זאפט פון זיין וויסט געבראָכן לעבן. די עלטערן זיפצן, אָכצן, קרעכצן, פאַר־שטעלנדיק זיך דאָס עלנטע, פארוואָגלטע קינד, צו וועלכן עס ציט זיי אזוי דאָס הארץ — און זייער ביטער געמיט טעלעגראַפירט זיך, דורך די אייגענע לופטיקע פעדעמלעך טאקע, אין הערשעלעס הארצן צוריק. עס סודעט זיך א הארץ מיט א הארץ — שושקעט זיך א נשמה מיט א נשמה, גיסן זיך איינער פאר דער אנדערער אוים און שמועסן זיך איבער שטיל אָן ווערטער...

עס דאכט זיך הערשעלען, דער טאטע ליגט, נעבעך, שלאָף, פאַר־שמאכט, קוקט עפּעס מיט א געבעט ווי ביים צעשיידן זיך. עס שוועבט

אים פאר די אויגן דעם טאטנס בלייך פנים, יענע נוטע, זיסע מינע זיינע בשעת געזעגענען זיך מיט אים — און הערשעלע איז צעקאָכט, ער וויינט שטילערהייט ביינאכט אויף זיין הארט געלעגער, אויסטראכטנדיק א שרעק... אָט דאָס איז עס, וואָס געווייגטלער הייסט עס ביים עולם: „דאָס הארץ זאָגט“.

יאָ, דאָס הארץ האָט הערשעלען געזאָגט און א היפשע צייט אים נישט אויפגעהערט צו זאָגן, ביז ער האָט איינמאָל פון דער היים באקומען די וויסטע בשורה: „הערשעלע, זאָג קדיש נאָכן טאטן — דו ביסט א יתום!“.

דאָס דריטע בוך

דאָס ערשטע קאַפּיטל

דאָס בענקען אהיים, דער הארצווייטעק פונעם פאָטערס טויט, די גרויסע יסורים דערפון, וויאזוי די מוטער מיט די קינדער קומען עס, נעבעך, אָפּ אינדערהיים און דאָס אייגענע פּעקל צרות: נויט, עלנט, פּארוואָגלונג דאָ אין דער פרעמד — דאָס אלצדינג איגיינעם האָט מיט דער צייט אויף הערשעלען געווירקט, ארייננצולאָזן זיך, ווי א שילדקרעטל, אינעווייניק אין זיך, אליין טראכטן און פארטיפט זיין אין זיינע געדאנקען. זיין לעבן איז געווען טראכטן. דאָרט טיף אינעווייניק אין זיך איז פאר אים געווען א וועלט, וווּ די נשמה זיינע האָט אויסגעשפּרייט די פליגעלעך און געפלויגן פריי העט־ווייט ווייט. אונדזער פּראקטישע ווירקלעכע וועלט איז פאר אים געווען א שטייגעלע, וווּ די נויט האָט אים געהאלטן געפאנגען, אים נישט געלאָזט אויפהייבן דעם קאָפּ, באווייזנדיק אים אויף איטלעכן טריט זיין שלאפקייט, זיין קליינקייט; וווּ ער האָט פאר זיך געזען נאָר צרות, צרות און צרות. ער האָט אָנגעהויבן צו באשאפן ביי זיך אינעווייניק אין הארצן א ווונדערלעכע וועלט, א גן־עדן, וווּ עס בליט, עס שמעקט, עס פליסט מילך און האָניק; וווּ עס איז אָפן דער הימל, קעפּלעך פון מלאכים קוקן ארויס, ווינקען מיט גוטע, פריינדלעכע פּנימער און זינגען זיסע לידער פון האָפענונג, טרייסט, ליבשאפט, רחמנות. עס ווערט עפּעס גרינג אויפן הארצן און עס לעבט זיך אזוי גוט, אזוי געשמאק, מחיה!

אלס מאטעריאל אויף צו בויען די דאָזיקע ווונדערלעכע וועלט האָבן אים געדינט אלטע מעשיות, וועלכע ער האָט זיך אָנגעהערט אמאָל, נאָך אין קאבצאנסק, אויך נייע פון אצינד. די גמרא מיט אירע טרוקענע, ערנסטע זאכן, האָט הערשעלען שוין נישט צופרידנגעשטעלט, נאָך אָנגעמאכט אויף אים גאָר עפּעס א מרה־שחורה. ער האָט זי געלערנט נאָר

פון יוצא וועגן, ווייל לערנען האָט ער געמוזט, ווייל אַנדערש וואָלט ער דאָך מיאוס אראָפּגעפאַלן ביי די קלויז־באַלעבאַטים און מע וואָלט אים מער נישט געגעבן קיין וואַרמעס; אויך ווייל משהלע דער חבר זיינער פלעגט אים אונטערטרייבן, אַלץ: לערנען, לערנען! ביים נעמען זיך צו דער גמרא איז אים געווען עפּעס נישט גוט, פריקרע. ער האָט באַדאַרפט זיך אָנטאָן א כוח, פריער זיך צעוויגן, צעשאָקלען, בכדי צו מאַכן זיך א חשק, און ס'איז אים געווען צום האַרצן ווי ביים אַריינקריכן אין א קאַלט בעטל. געמאַכטער חשק אָבער איז א פייערווערק, עס טוט א פלי מיט א פלאַם און ווערט באַלד טאַקע פאַרלאָשן.

נאָר עטלעכע מאָל אונטערטוקן זיך אין דעם „ים־התלמוד" האָט הערשעלע שוין געשפּירט א קעלט און זיך געאיילט אַרויס, אָנצוּוואַרעמען די נשמה. איין אָרט אויף אָנצוּוואַרעמען זיך איז פאַר אים געווען הגדתות, מעשיות אין הייליקע מוסר־ספרים, מיט וועלכע ער פלעגט זיך קוויקן, וואַקסשטעלנדיק אויף א ווײַלע אין דער זייט ראובנס אָקס און שמעונס קו מיט דעם בטחון: נישקשה, דער גוטער יאָר וועט זיי נישט נעמען!...

הערשעלע האָט געלייענט זייער שיינע מעשיות מיט רבי מאיר בעל־הנס, מיט רבי יהושע בן־לוי, ווי אליהו־הנביא האָט אים איינמאָל מיט גענומען וואַנדערן בקאַמפּאַניע אויף דער וועלט, נאָר בתנאי, הערן, זען און שווייגן. מעשיות מיט רבי חנינא בן־דוסא — א ביטערער אביון, ווי עפּעס א האַנט פונעם הימל האָט אים געגעבן א גילדן פיסל פון א גילדענעם טיש; אויך מיט רב שמעון בן־חלפתא, ווי איינמאָל, אַז ער האָט נישט געהאַט אויף שבת, האָט מען אים פונעם הימל דערלאַנגט א טייערן בריליאַנט; ווי רבי שמעון בן־יוחאי האָט איינמאָל אַרויסגעפירט זיינע תלמידים אין עפּעס א גרויסן טאָל און געזאָגט: טאָל, טאָל, פיל זיך אָן מיט רענדלעך! און ער האָט זיך אָנגעפילט טאַקע באַלד; ווי רבי ישמעאל בן־אלישע האָט אַראָפּגעבראַכט פונעם הימל דעם „שר־התורה" — יופיאל המלאך, אינגאַנצן פלאַם־פייער מיט א שיינענדיק פּנים ווי א בליץ, און ווי אליהו־הנביא האָט רבה בר־רב־חנינא — א גרויסן אביון, געגעבן טייערע שמעקנדיקע גן־עדן־בלעטלעך, וועלכע יענער האָט פאַרקויפט עפּעס פאַר צוועלף טויזנט גילדענע רענדלעך!

משהלע איז זייער נישט צופרידן געווען פון הערשעלעס פּאַרטיפן זיך אין אַזעלכע זאַכן, אָפּרייסנדיק זיך דערווייל פונעם לערנען. און זיצנדיק ביידע אין קלייזל ביי אָפענע ספרים אויף די שטענדערס, פלעגט צווישן די צוויי חברים עפּטערס פאָרגיין אַזא שמועס:

— „הערשעלע, געוואלד, הערשעלע! טאַטער וואָלט שוין געגוג געווען זיך צו פארטיפן אזוי?“.

— „הא, וואָס, משהלע?“.

— „לערנען, הערשעלע!“.

— „איך קוק דאָך אריין אין א ספר, משהלע!“.

— „וואָס טויג מיר אין א ספר, קוק בעסער אריין אין דער גמרא. נו, הערשעלע, הייב אָן: תנו רבנן, האָבן די רבנן געלערנט...“.

— „אי-אַי, א גליק! אזא גליק!“.

— „וואָס הייסט?!“ — מאכט משהלע, אויסשטעלנדיק אויף הערשעלען א פּאָר אויגן.

— „נו זאָג שוין, געוואלד, וואָס טוט מען דאָ מיט דעם תוספות? — הארבלער!“.

— „אך גוט, זייער גוט!“.

— „זאָג-זשע, אויב ס'איז גוט!“ — מאכט משהלע לעבעדיק, גאנץ זיכער ביי זיך, אז דער תוספות קומט ביי הערשעלען אוים גוט.

— „דו פארשטייסט, משהלע, ווי גוט רב יוספן האָט געמוזט זיין אויפן הארצן, אז ביים אויפשניידן פרייטיק דעם פיש, געפינט ער, קבצן, אין בויך א טייערן רימענט, וועלכן גאָט האָט אים צוגעשיקט!“.

— „עט!“ — גיט משהלע א מאך מיט די אקסלען און קראצט זיך פאר פארדראָס. — „אָבער תוספות! וואָס וויל דאָ תוספות האָבן פון רש"י?“.

אָט אזא שטייגער שמועס פלעגט פאָרגיין צווישן די ביידע חברים געוויינטלעך אינדערוואָכן. משהלע האָט, קראצנדיק זיך, אלץ אונטערגעטריבן, און הערשעלע האָט אלץ זיך אָפּגעבעטן. דערפאר איז שבת-צונאכט פאר הערשעלען געווען א לעבן. דענסטמאָל איז אים געשטאנען פריי צו פארטיפן זיך אין וואונדערלעכע זאכן, וויפל דאָס הארץ גלוסט. משהלע פלעגט דענסטמאָל געוויינטלעך פארבייגן דאָס לערנען און אים גישט עקבערן דעם קאָפּ מיט דער גמרא. הייגט איז די דאָזיקע נאכט אליין טאקע עפּעס אזעלכע, וואָס איז מסוגל צו פראכטן, צו פארפליען אין הימל אריין. זי האָט אין זיך עפּעס אזעלכעס, וואָס צעשרויפט דעם יידן, מאכט אויף אים א זיס-טרויערדיקע מרה-שחורה און דרייט, דרייט אים אינעווייניק אין דער נשמה. עפּעס איז ער צעדרייט, אומרואיק און פארטראכט.

„ווילט איר דעם שבת-צונאכט פארשטיין, מוזט איר צו דעם יידן אין הויז גיין!“.

דאָס צווייטע קאַפּיטל

קומט זשע, זייט מוחל, אהער אויף א ווײַלע, צו משהלעס פּאַטער!

משהלעס טאַטע, שמואליק, איז א טאַנדעטניק. א גאַנצן טאָג פון פרי ביז אין דער נאַכט לויפט ער אַרום מיט אַלטע זאַכן, שלאָגט אָפּ די טירן צו קויפן און צו פאַרקויפן זײַן סחורה. ער איז געקרימט, געבויגן מיט א בלייך פּנים, געקנייטשט, געעלטערט פאַר זאָרג און צרות. אָנ־לויפנדיק זיך ווי א הונט, קומט ער מיד, צעבראָכן אין זײַן ווינקל — א קאַנורע, מיט עטלעכע גראָשן פאַרדינסט, און אמאָל גאָר מיט א ליידיקער קעשענע, כאַפּט אָפּ עפּעס, וואַרעמס מיט וועטשערע אינײַנעם, און טוט זיך א וואָרף שלאָפן. ער ליגט, נעבעך, ווי א דערהרגעטער, פילט אין זיך נישט קיין גאַנץ אבר. גאַנץ פרי שטייט דער טויטער אויף, מי־שטיינס־געזאָגט, תחית־המתים און — ווײַטער לויפן, ווײַטער אַרומיאָגן זיך. אזוי פאַרברענגט ער זײַן הינטיש לעבן די גאַנצע וואָך.

פרײַטיק־צונאַכט באַקומט די קאַנורע עפּעס גאָר אַן אַנדער פּנים — אויסגעשמירט, אויסגעוואַשן ריין אין איטלעכס ווינקעלע. דער טיש געדעקט מיט א ווײַסן טישטעך, אויף אים דרײַ מעשענע, אויסגעשייער־טע לײַכטער מיט די בענטש־ליכט, און צוויי שיינע קוילעטשן, אָפּגע־שמירט מיט געלעכן פון אַן איי, שײַנען פונדערווײַטנס, פאַרנעמען די אויגן. אין שטוב הערשט עפּעס א זיסע רואיקייט, עס שמעקט א ריח פון צוגעדעמפּטע שפּײַזן, וואָס שטייען אויפן פריפּעטשעק, איבערגעדעקט מיט א קישן. די מאַמע, א גאַנצע וואָך פאַרשמירט, פאַרפּינצטערט, לויכט אין דעם שבתדיקן שלייער, עס רוט אויף איר די שכינה. די באָרוועסע מיידלעך, פאַרקעמט, אויסגעצוואָגן, האַלטן זיך אינײַנעם אין א ווינקעלע און מע זעט אָן אין זייער פּנים, ווי זיי וואַרטן, קוקן אויף עפּעס אַרויס מיט א פריילעך האַרץ. — שאַ, עס הערט זיך טריט... מע גייט... די טיר עפנט זיך אויף.

— גוט שבת! — זאָגט שמואליק, קומענדיק פון דער שול, און קוקט פריינדלעך מיט א שײַנענדיק פּנים אויפן ווײַב, אויף די קינדער.

— גוט שבת! — זאָגט משהלע הויך אויף א קול, אַרײַנלויפנדיק געשווינד, ווי מיט א גוטער בשורה.

און דער טאַטע מיט דעם זון הייבן אָן ביידע, אַרומגייענדיק איבערן שטוב, צו זאָגן אויף א ניגון „שלום־עליכם!" דאָס נעמט מען אזוי אויף די הייליקע מלאכים, געשיקט פון דעם אייבערשטן, פונעם מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך־הוא, וואָס האָבן זיי באַלייט פון דער שול אַהיים.

דער טאנדעטניק איז שוין נישט מער קיין הונט, ער איז א פרינץ, עפעס האָט ער באקומען א נייע נשמה, א נייע הויט. ער מאכט קידוש, וואשט זיך, זעצט זיך צום טיש, דאָס ווייב די פרינצעסין און די קינדער ארום אים, מע שטופט דעם גאָפל, דעם לעפל און מע כאפט א שטיקל פיש, א לאָקש, א בייגדל, א ביסל צימעס — אזעלכע מאכלים, וואָס מע האָט עס א גאנצע וואָך אין די אויגן נישט געזען. איטלעכס פון די קינדער עסט עס, שטארק היטנדיק זיך, קיין ברעקל זאָל, חלילה, נישט אראָפפאלן, עפעס מיט א גוט ערנסט פנימל, וואָס וועקט אויף אין הארצן געפילן פון רחמנות. עפעס גאָר ווי א וועוורעקל, וואָס זיצט זיך אויף אביימל און קנאקט עפעס אזוי שיין, אזוי ערנסט א ניסל...

שמואליק שטעלט די „כלי" צו די זמירות און שפילט אָפ טשאקענדיק א „מה ידידות":

„ווי ליב די רו איז דיינע,
פרינצעסין שבת פיינע!
מיר לויפן דיר אקעגן אלע,
מיר בעטן: קום, געקרוינטע כלה!...
פון אלע מלאכות איז אן עק,
די ארבעט לייגט מען איצט אוועק,
זיך תענוג אָנצוטאָן ביים טיש,
מיט הינער, חלה, פלייש און פיש".

סמבטיון דער טייך, וואָס לויפט, רוט נישט די גאנצע וואָך, בלייבט שבת פלוצעם שטיין. „עס הערן אויף די קולות, געוואלדן, ווען הויך דער ייד זינגט די זמירות זיינע. דער שרעקלעכער טייך שטערט אים נישט אין דעם שטיינער זינגען, עס שווייגן די בייזע כוואליעס, אוים רעש — שא, ס'איז רו!..."

אזוי פרייט זיך א מעת־לעת דאָס הארץ, „א פרייד, א שמחה, אויף אלע יידן, זיי זענען פריי פון זארג און שטארק צופרידן".

אויפן אנדערן טאג פארנאכט, נאך שלש־סעודות, זיצט אונדזער שמואליק אראפגעלאזט די נאז אין שול. ס'איז טונקל. יידן ברומען זאגן אויף א קרעכצנדיק קול דאָס קאפיטל תהילים „אשרי תמימי דרך", וואָס דערמאנט אין דעם, אז די פרינצעסין־שבת קלייבט זיך איז ווערייז. עס הערשט עפעס אן אומעטיקייט און עס שמעקט מיט ראסל פון אוגערקעס. די זון איז שוין פארגאנגען, פייער־רויטע וואלקנס שרעקן ביים זיך הימל און עס שאקלט זיך יידן פאר דער ברענענדיקער גיהנום. עס קלינגט זיי אין די אויערן דער שרעקלעכער באפעל: „ישובו רשעים

לשאולה!" — די רשעים אויף יענער וועלט, וועלכע מע האָט געלאָזט שבת צורו, זיך קייקלען דאָרט פריי אויף בערג פון שניי, טרייבט מען עס אצינד ווידער אין חדר אריין: גייט זיך פרעגלען אהין אין גיהנום! און מלאכי-חבלה דרייען זיך עפּעס פאַר די אויגן. אך, דער גיהנום. דער ייִד, נעבעך, זעט פאַר זיך דעם גיהנום.

אינדערהיים ביי זיך זיצט אויף דער מילעכדיקער באַנק דאָס ווייב, פאַרלייגט די הענט און די פיס הינטער זיך. ס'איז פינצטער. א ליכטי-קער פאַס פון דער לבנה שיינט אריין דורך א פענצטערל, אָפּשלאָגנדיק זיך אקעגן אויף דער וואַנט, אויף דער סטעליע, און שאָטנס פון משונה-דיקע געשטאַלטן טאַנצן, שפּרינגען, מאַכן אָן עפּעס א מורא אויף די אַלע קינדער, וואָס שטיקן זיך צונויף אינאיינעם, ווי די דערשראָקענע שעפּעלעך, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, איינס מיט דעם אַנדערן נישט צו רעדן קיין וואָרט. שאַ, שטיל! נאָר א פּאָר גרילן גרילצן זיך איינע מיט דער אַנדע-רער איבער די שפּעלטלעך ערגעץ אין א ווינקל. דאָס ווייב זיצט פאַר-טראַכט, שאָקלט מיט דעם קאָפּ און נעמט זיך דערנאָך זאָגן מיט א גע-נעץ: „גאָט פון אברהם... אז דער ליבער שבת קודש גייט אהין"... אויף א טרויער-זינגענדיק קול. — און עק, הייסט עס, א סוף. מע רייבט, רייבט מיט קונצן עפּעס א מין שוועבעלע, א צווייטס, א דריטס. ביז עס ווייזט זיך מיט א בייזער און א רויך א געשטאַנק א בלוי-רויטלעך פייערל, ביי וועלכן מע צינדט נאָך פיל מי אָן א חלבדיק גראָשן ליכטל.

— גוט-וואָך! — זאָגט איטלעכער און פילט, ווי עס רייסט זיך אים עפּעס אָפּ אינעווייניק אין האַרצן.

— א גוט-וואָך! — זאָגט שמואליק, אויף א פאַרדומפּן קול, ביים אַריינקומען אין שטוב, ווי א קעצעלע. ער דרייט זיך אַרום, ווי א נעבכי-קער, די אויגן זיינע וואַרפן זיך עפּעס, דאָס פּנים בלייך, אויסגעצויגן, און מע זעט, ווי אין אים גייט פיר עפּעס א פאַרענדערונג.

דאָס הייבט זיך אין אים אָן דאָס איבערקערעניש פון א פּרינץ ווי-דער אין א הונט. עס שטעלט זיך פאַר שמואליקן די וואָך מיט דעם הינ-טישן לעבן: מיט דעם ארומלויפעניש, מיט דעם קאַפּדרייעניש, מיט די חרפּות, בזיונות און דעם זוכעניש דאָס דאַרע שטיקל ברויט — און עס באַשלאָגן אים אַנגסטן. נאָר דער פּרינץ וויל זיך אָבער אַזוי גיך נישט אונטערגעבן, ער ראַנגלט זיך, לאָזט זיך נישט נעמען אין גיהנום אריין; פּלוצעם אין א הונט פאַרוואָרפן צו ווערן! ער צאַפּלט, ער זוכט אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן — טאָמער איז נאָך פאָרט דאָ עפּעס א האָפענונג, גאָט קאָן נאָך רחמנות האָבן — און די האָפענונג גיט אים א שיין אין דער

ברענענדיקער הבדלה. פרום מיט פארגלאָצטע אויגן נעמט ער זיך מאכן הבדלה: „הנה אל ישועתי" — אָט איז ער, דער גאָט פון מיין הילף, „אבטח ולא אפחד" — איך בין פארזיכערט און שרעק מיך גישט!... ער שמעקט און מינטערט זיך מיט בשמים, ער טרינקט פון כוס און שמירט דערפון די קעשענעס — א סגולה צו א גוטער, מזלדיקער וואָך. און די האָפענונג שיינט אים אויך אין די שבת־צונאכטיקע זמירות. ער הייבט אָן אויף א זיס־טרויעריקן ניגון אונטערצוזינגען „המבדיל"...

און די האָפענונג שיינט אים נאָך מער אין דעם „איש חסיד". עס צעפלאקערט זיך אים די אויגן. עס פארפארבט אים זיך א ביסל רויטלער דאָס פנים, ער קוקט אויפן ווייב און אויף די קינדער, און מיט בטחון אויף גאָט ברומקעט ער באהארצט דאָס וווּנדער־שיינע מעשהלע מיט דעם חסיד.

— אך, גאָטעניו! — לאָזט שמואליק אוים דעם „איש חסיד" מיט פארגלאָצטע אויגן און פארגייט זיך, ברומקענדיק אונטער זיך א וויינענ־דיק־יידיש שטייגערל אויף דער דינער סטרונע. — אך, טו עפּעס א נס און העלף, גאָטעניו, העלף, העלף, ווי איז מיר!...

— גוטע־וואָך! — זאָגט משהלע אריינקומענדיק אין שטוב, און מיט אים קומט געוויינטלעך שבת־צונאכט אויך הערשעלע אויף מלווה־מלכה. זיי זאָגן ביידע די זמירות — פון „ויתן לך", ווו יידן ווערט צוגעזאָגט אלדאָס־גוטס פון פייגלמילך: א גערעטעניש אין תבואה, טשערעדעס בהמות און שאָף, די ברכה אין דער דייזשע, אין דער ספּיזשארנע, אין דעם האנדל, עושר, אויך כבוד און נאָך גרויסע גליקן — ביז נאָך די „אליהום".

אויפן פּריפּעטשעק ברענט א פּייערל, די מאמע פּאָרעט זיך עפּעס נעבן אויוון, דאָס הויזגעזינד זיצט נישט וויט ביי א טיש, איטלעכער מיט עפּעס א שטיקל ארבעט, און איינער פון די ביידע חברים, אמאָל דער, אמאָל יענער, לייענט זיי פאָר דעם „ספר הישר", די מעשה דאָרט, ווי די ברידער פארקויפן יוספן וכדומה נאָך אזעלכע שיינע מעשיות פון הייליקע ספרים. דערביי שפּינט זיך א שמועס, איטלעכער ווארפט אריין א וואָרט, מע פארפליט ווייטלעך, מען איז עפּעס נישט אויף דעם עולם — און דערווייל ווערט פארטיק דער באָרשטש, מיט וועלכן מע באלייט שבת־המלכה. אין שטוב זעט טאקע אוים ווי אויפן הארצן: האלב שבת־דיק, האלב וואָכעדיק, האלב זיסלעך, האלב זויער, אזוי ווי ביים לעצטן װארמעס, ווען מע ריכט אוים א טייערן גאסט אין וועג אריין — מע זופּט און מע טרייסט זיך, זיך איינגיכן ווידער צו זען...

אָט די אַלע יענע װוּנדערלעכע מעשיות, װי עס געשעען גרױסע נסים מיט מענטשן אין דער װעלט און װי אליהו־הנביא באַגליקט אַמאָל נויט־באַדערפטיקע, אָרעמינקע, נעבעך, האָבן הערשעלען געטרייסט, פאַרזיסט זיין ביטער לעבן. די אַלט־באַקאַנטע מעשה מיט ר׳ שמעלקען איז ביי אים אַצינד אױפגעפרישט געװאָרן. ער האָט געגלייבט אין איר הייליק און געטראַכט, אַז אליהו־הנביא האָט אַמאָל ר׳ שמעלקען געהאָלפן, קאָן דאָך זייער גוט מעגלעך זיין, ער זאָל אים אױך העלפן. פאַרװאָס דען נישט? — מע באַדאַרף נאָר נישט פאַרלירן די האָפענונג, בעטן גאָט, דאַװענען פונעם גאַנצן האַרצן.

ביי הערשעלען הייבט זיך אָן יענע געװיסע צייט אין דעם מענטשנס לעבן — די װעסנע־צייט פון דער אמונה, װען עס שפּראָצן פרישע בלעט־לעך פונעם גלױבן, װען עס בליט די האָפענונג, עס עפנט זיך אַ קװאַל געפילן פון ליבשאַפט, דער כוח־המדמה צעשפּילט זיך, פליט אין הימל און קיין זאַך איז פאַר אים נישט צו שװער, נישט אוממעגלעך. עפּעס גלייבט זיך, האָפט זיך, טיף פונעם האַרצן גיסן זיך הייסע תפילות צו גאָט און עס װיינט זיך שטילערהייט, אַמאָל ביינאַכט אױפן געלעגער, עפּעס אַזױ געשמאַק, אַזױ געשמאַק...

עס פאַרשטייט זיך, נישט ביי איטלעכן איז די דאָזיקע װעסנע־צייט גלייך, ביי אַ טייל מענטשן גייט זי איבער קאַלט מיט פױלע װינטן, נישט איבערצולאָזן פון זיך אין דעם לעבן עפּעס אַ זכר. אַזעלכע װי ביי הערשעלען אָבער טרעפט זיך נאָר ביי איינעם פון טױזנטער — ביי מענטשן מיט גייסט, די „אתה־בחרתנוקעס" אַליין...

און אונדזער הערשעלע נעמט זיך אַצינד געשמאַק צום דאַװענען מיט אַ ברען. ער דאַװנט, װי אַ ייד, דריי מאָל אין טאָג מיט דעם עולם, און דאַװנט, בעט אױך שטיל פאַר זיך אַליין, װען נאָר עס קומט אים אָן דער חשק. די צייט גייט זיך דערװייל איר גאַנג, עס װערט טאָג און נאַכט, װי דער שטייגער איז, טאָג און נאַכט װערט אױך ביי הערשעלען אין דער נשמה, געפילן פון האָפענונג און מרה־שחורה בייטן זיך אין אים כסדר איינע נאָך די אַנדערע.

דאָס דריטע קאַפּיטל

די לבנה, ברכו און קדושה זענען טאַקע עפּעס נאָר װי אַ מאַגנעט, װאָס ציען צו פונדערװייטנס יידן און שטעלן זיי אָפּ, זיי מעגן זיך װי קיין

צייט נישט האָבן און לויפן גאָר אָן א נשמה. איר גייט אייך אין גלופסק, אשטייגער, אָוונט-צייט אויף דער גאס, שטארק פארטראָגן אין עסק, פלוצעם קומט אייך פון דער זייט גאס צו די אויערן עפעס א מין „שלום-עליכם“! באלד טאקע געפינט איר זיך צווישן א רעדל יידן, ענטפערט איטלעכן אויף א זינגענדיק קול „עליכם-שלום“! שאָקלט אייך און שפּרינגט מיט אלע איניינעם אקעגן דער לבנה. — אין איילעניש, אין לויפעניש אמאָל פארביי א קלייזל, א שטיבל, הערט איר פלוצעם א פויקן מיט פינגער אין די פענצטער — „גיכער, ר' ייד, גיכער!“ איידער נאָך איר באטראכט זיך, שטייט איר שוין מיט ביידע פיס אינעווייניק דאָרט ביי דער טיר און מאכט אָנגעבויגן „ברכו“, אָדער איר שפּרינגט „קדוש“ מיט דעם גאנצן עולם יידן דאָרט.

דענסטמאָל זענט איר נישט אייערע, איר האָט איבער אייך אליין קיין שליטה נישט, גלייך ווי מע וואָלט אייך אָפּגעטאָן א כישוף. דעסגלייכן טרעפט זיך מיט אייך אמאָל, ווען איר שטייט פרימאָרגנס אין קלויז, עס שפּארט אייך אונטערן לעפעלע און איר האָט ברעה עפעס צו טאָן, פלוצעם שארט זיך, ווי א קעצעלע, צו עפעס א ייד, שוין נאָך נקיות, שטעלט זיך פאר אייער כבוד ווען לעבן אייך און, רייבנדיק די הענט איינגעהויקערט, שיין, פיין, מיט א פרום פנימל, הייבט ער אָן זים-מחיה די ברכות: „אשר נתן לשכווי בינה, וואָס האָט דעם האָן געגעבן פארשטאנד, להבחין בין יום ובין לילה, אונטערצושיידן צווישן טאָג און נאכט“. איר, אין ברירה, ענטפערט „ברוך שמו, אמן!“ קנייטשנדיק זיך מיט אן ערנסטזויער מינעלע. ער טוט אייך א טובה, שיט מיט ברכות, איינע נאָך דער אנדערער, און איר אליין: „אמן, ברוך-שמו, אָמן!“ שטייט עפעס ווי צוגעקאָוועט, נישט צו רירן זיך פונעם אָרט, גלייך ווי מע וואָלט אייך, מחילה, געמאָלקן... קוים אָבער האָט איר אָפּגעשלום-עליכמט, אָפּגעברכוט, אָפּגעקדושט, אָפּגעסילוקט אייערע אָמנס, גיט איר א מאַך מיט די אקסלען, טוט זיך א קראץ, שפּייט אוים גאנץ פיין — און גייט אייך ווידער אייער וועגס.

אויף אונדזער ר' אברהמס פויקן אין פענצטער צו מנחה האָבן זיך אריינגעכאפט ראפּטאָם עטלעכע יידן, וואָס זענען געגאנגען פארביי דעם קלייזל. זיי האָבן אין איילעניש געכאפּט א גאָטס וואָרט, געשפּרונגען „קדוש“ פארסאפּעט, גאָר אין איין אָטעם — און באלד דערנאָך טאקע זיך צעלאָפן. איינער גאָר איז איבערגעבליבן. ער האָט עפעס א ווײַלע זיך געדרייט, ארומגעקוקט, און פון גאנצן באנעמען זיך זייגעם האָט מען ארויסגעזען, אז ער איז א פרעמדער, נישט קיין היגער. די לאנגע גלאנצ-

דיקע נאָז זיינע האָט געזאָגט, אז ערשט היינט־נעכטן, איז זי פונעם וועג, ווו דער ווינט האָט זי שטארק געפייניקט, זי געשטשיפּעט און מיאוס איר אָנגעפייפט. די צוויי גרויע קאצענע אויגן זיינע האָבן זיך געוואָרפן, נישט צו קוקן גלייך אין איין זייט, ווי זיי וואָלטן געווען ברוגז — איינע האָט געקוקט קיין דרום און די אנדערע קיין צפון־זייט.

ר׳ אברהם האָט, ווינקענדיק מיט דער האנט, צוגערופן דעם פּארשוין און אים אָנגעוויזן אַן אָרט נעבן זיך. ביים ראווענען האָט דער פּארשוין זיך געשאָקלט מיט חן, גאנץ יידישלעך, און פונעם שאָקלען זיך זיינעם האָט אויסגעזען, אז ער איז א מאטנס א קינד, נישט קיין פּראָסט מענטשל.

— אפּנים, נישט קיין היגער? הא? — האָט ר׳ אברהם נאָך דעם ראווענען זיך געווענדט צום פּארשוין, אָנקוקנדיק אים מיט א פריינדלע־כער מינע.

— וואָס דען? — גיט דער פּארשוין, ווי דער שטייגער איז, א „פרעגנדיקן ענטפער“ אויף עפּעס א מין קרעכצנדיק־חסידיש כאָרכעלע, שנייצנדיק דערביי גאנץ ברייטלעך די גלאנצנדיקע נאָז, וואָס האָט זיך צעגאָסן אין שטייגער און געגאָסן בייז אויף א הילך.

— אָ, אויב אזוי, שלום־עליכם! — פּאָרט ר׳ אברהם אריין צום פּארשוין מיט דער האנט. — פונוואנען זאָל עס, הא, א ייד זיין?

— האפּ־סי! האפּ־צי! — ענטפערט אָפּ, ניסנדיק, די נאָז פאר איר באלעבאָס.

— פון יעהופּעץ אפשר? עפּעס אזוי זעט עס מיר אויס, — מאכט זיך ר׳ אברהם זיין השערה דערווייל, איידער די נאָז וועט זיך בארואיקן, און איז זי מכבד אגב מיט א שמעק טאבעקע.

— ווען שטעלט מען זיך ביי אייך דאָ, מאָרגן פרי, ראווענען? — פרעגט דער פּארשוין, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעפארטיקט מיט דער נאָז.

— ווען? פרעגט איר, — ענטפערט ר׳ אברהם, — ווי געווינטלעך. וואָס איז?

— יאָרצייט האָב איך, פּארשטייט איר מיר, דעם זעקסטן טאָג אין תמוז האָב איך יאָרצייט נאָך א טאטן, — מאכט דער פּארשוין מיט א זיפצעלע.

— אזוי, יאָרצייט? — זאָגט ר׳ אברהם, א נעם געבנדיק זיך ביי דער באָרד, — זייער אָנגעלייגט, כ׳לעבן. קומט זשע, זייט מוחל, מאָרגן אין דער געווינטלעכער צייט.

דער פאַרשוין איז נאָך א ביסל געזעסן, שמועסנדיק מיט ר׳ אברה־מען, און די אויגן האָבן זיך אים דערווייל געוואָרפן אין איטלעכס וויג־קעלע, ביים אויפהייבן זיך פונעם בענקל האָט ער זיך מיט א קרימעלע געקראַצט אין דער פּאה, גלייך ווי דאָס ארויסגיין פון מקום־קדוש איז אים שווער.

— „דאַכט זיך, האַ?... נישקשהדיק פון א יידן"... מאַכט ר׳ אברהם שטיל פאַר זיך, אויפהייבנדיק זיך פון זיין אָרט, נאָכדעם אז דער פאַר־שוין איז אוועקגעגאַנגען. און ווענדנדיק זיך צו משהלען, וואָס האָט גע־רעדט מיט הערשעלען אין א ווינקל, רופט ער זיך אָן הויך:

— אהיים, שקאָץ! קום, צייט זיך אויסצורוען פאַר א גאַנצן טאָג און שלאָפן. און דו, שקאָץ, — זאָגט ער צו הערשעלען, — לייג זיך דאָ אויך שלאָפן. הונגעריק ביסטו נישט, האַ?

— ניין! — ענטפערט הערשעלע מיט דעם מויל, און אין הארצן ביי זיך טראַכט ער: אוי, עסן!... אוי וואָלט איך עפּעס געגעסן!...

ר׳ אברהם אָבער איז געשטאַנען, נישט צו רירן זיך פון דעם אָרט. ער האָט באַשולדיקט זיך אליין אין הארצן, וואָס פאַרדרייענדיק זיך מיט דעם יידן, איז אים דערווייל גאָר פונעם זינען ארויס צו בעטן אייגעם פון די באַלעבאַטים — געמען הערשעלען אויף וועטשערע. הערשעלעס ענט־פער „ניין!" דאָס הייסט, נישט הונגעריק, האָט ער אָנגענומען גלאַט אזוי פאַר א זאָג, ווייל אים אויס איידלקייט נאָר, ווייסנדיק זייער גוט, אז פון איין מאָל אין טאָג עסן, און נאָך וואָס פאַר אן עסן, מישטיינס־געזאָגט — טרוקן ברויט מיט א קנאָבל — קאָן א מענטש נישט זאַט זיין, בפרט נאָך א יונג קינד, ביי וועלכן דער אפּעטיט איז גרויס. ער איז געשטאַנען עפּעס צעדרייט, נישט אהין, נישט אהער, און א קוק געבנדיק אויף משהלען, אים, צעמישט עפּעס, א פרעג געטאָן:

— נו, ביז ווי לאַנג וועסטו שטיין?... גענוג גערעדט!

— ר׳ אברהם, — זאָגט משהלע, — ער איז געבליבן אָן וועטשערע. הערשעלע!... איך בעט אים דאָ, קום מיט מיר אהיים עפּעס עסן, וואָס איז? נישקשה — און ער וויל נישט!

— וואָס, וואָס? — מאַכט ר׳ אברהם שטאַרק צעקאָכט, עפּעס גאָר אָן ווערטער.

— בעט איך אים: נו, וועל איך דיר ברענגען עפּעס פון דער היים אהער, וויל ער אויך נישט! — כ׳לעבן, נאַרעלע, — ווענדט זיך משהלע מיט א געבעט צו הערשעלען, — וואָס האָסטו מורא? עס וועט, נישקשה, פאַר מיר אויך גענוג זיין. נו, יאָ?

הערשעלע שאָקלט מיט דעם קאָפּ אויף ניין, נישט אַרויסצוברענגען פונעם מויל קיין וואָרט. אין הארצן קאָכט אים ווי אין אַ קעסל און די פארב שטייט אים אין פּנים.

ר׳ אברהם זוכט דערווייל ביי זיך אין קעשענע, באַקומט פון דאָרט אַ הארטן דרייער, וועלכן ער שטופּט הערשעלען אין דער האַנט, בעטנדיק אים פונעם גאנצן הארצן:

— נעם, גישקשה!... וועסט דערפאַר דיר עפּעס קויפן.

הערשעלע נעמט דעם דרייער און באַוואַשט זיך מיט טרערן...

דאָס פערטע קאַפּיטל

אויף מאָרגן איז דער פאַרשוין געקומען דאַווענען אַקוראַט אין דער ,,געווינטלעכער צייט" און איז ווידער טאַקע געזעסן נעבן ר׳ אברהמען. די נאָז האָט אים אַלץ טאַקע געגלאַנצט, נאָר שוין נישט אַזוי גענייסט מיט אַזאַ בייזער ווי נעכטן.

צו דער תורה האָט מען אים אויפגערופן (דאָנערשטיק איז געווען דענסטמאָל) יעמוד ר׳ שניאור-זאב-וואָלף בר׳ שרגא-פייבוש!

ר׳ אברהם האָט נאָכן דאַווענען געלערנט אַ פּרק משניות און אים מכבד געווען זאָגן אַ רבנן-קדיש. געזאָגט האָט ער בנעימותדיק, גרייזלענדיק דערביי אַ פּאה, מיט צוגעמאַכטע אייגעלעך, געשאָקלט דאָס קעפּעלע גאַנץ לייטיש, און יענע מיני ייִדן, וואָס פאַרבליבן געווינטלעך אויף אַ שעה נאָכן דאַווענען איבער דעם דרויב, שמיקלעך יהי-רצונס און דעם ,,חוקל", האָבן אים געשענקט אמנס פונעם גאנצן הארצן מיט דער כוונה — יאָרצייט-בראָנפן. די דאָזיקע כוונה איז זיי געלעגן אין די ליפּעלעך, אין די גערגעלעך, ווי זיי האָבן זיך באַלעקט און געשלונגען די סלינקע. נישט דעריבער ווייל זיי זאָלן אַזוי להוט זיין נאָך אַ ביסל משקה, חלילה! שכרות איז ביי זיי די גרעסטע עבירה; נאָר דעריבער, וואָס אין דעם יאָרצייט-בראָנפן ליגט עפּעס אַ באַזונדער מין יצר-הרע, עס האָט עפּעס אַן אַנדער טעם — אַ כּפּרה שאַמפּאַניער, דער בעסטער ,,נסך"! דער שמש האָט טאַקע באַלד געבראַכט אַ קוואָרט בראָנפן — שליש מיט קיכלעך, אייערבייגל צום פאַרבייסן און מע האָט זיך גענומען מאַכן לחיים.

— לחיים, ר׳ שניאור-וואָלף! — בעבעט איינער. — השם-יתברך זאָל געבן... בפּשטות טאַקע, האַ, — פּרנסה... פּרנסה זייגע ייִדעלעך, אָדאָ, — כאָ!

— לחיים, ר׳ר׳... הא? שניאור! אָט וואָס ר׳ שניאור! — קוועטשט זיך נאָך איינער אויס עפּעס צו זאָגן, נאָכדעם ווי ער האָט פריער אָפּגע־זופּט א ביסל פונעם קעלישעקל און זיך באַלעקט. — פּרנסה, מהיכא־תיתי! וויאַרום? בע... דערויף איז ער דאָך א רבונו־של־עולם, הא!... אזוי צי אזוי — ווייס איך? — אָט לאָז ער אייך העלפן... האָט איר עפּעס דאָ, הא, א געשעפטל?... וואָס?... — לאָזט ער אויס חכמהדיק, א טאָפּ צו געבן דערוויל אין וואָגן.

— ע־עט!... — מאַכט שניאור עפּעס אָן ווערטער.

— אהער, שקאָץ! — רופט ר׳ אברהם צו הערשעלען, וואָס איז אין א ווינקעלע געזעסן מיט משהלען איבער דער גמרא. — נא! איין אייער־בייגל דיר מיט א ביסל בראָנפן און דעם אנדערן גיב דאָרט יענעם שקאָץ, דיין חבר.

דעם פאַרשוינס אייגעלעך האָבן זיך אין איין צייט געוואָרפן אויף הערשעלען דאָ, און אויף משהלען דאָרט אין ווינקעלע.

אז דער עולם איז זיך צעגאַנגען, האָט דער פאַרשוין זיך אריינגע־לאָזט מיט ר׳ אברהמען אין א שמועס מכוח יידן, קרעכצנדיק, שטאַרק מקנא געווען יענע, וואָס קאָנען זיצן אין בית־מדרש על התורה ועל העבודה און אַגב טאַקע א טאָפּ געבנדיק מיט א פרעג:

— ווער זענען עס ביי אייך יענע צוויי בחורימלעך דאָרט, וואָס זיצן איבער דער גמרא? גאַנץ פיינע קינדער.

— א מבין, כ׳לעבן! — ענטפערט ר׳ אברהם מיט א שטאָלץ שמייכלע, ווי א פאָטער בשעת מע לויבט אים זיינע קינדער. — איינער איז א היגער טאַקע און איינער, וועלכן איך האָב פריער צוגערופן, איז, נעבעך, א גר, פון א שטעטל. א יתום. האַלט זיך דאָ אויף. א צאַצקע!

— מע זעט עס אים אַרויס באַלד טאַקע אין פּנים, — מאַכט דער פאַרשוין, א קוק געבנדיק אין הערשעלעס זייט, — א שאָד, כ׳לעבן, ער מוז דאָ, נעבעך, אָפּקומען.

— אוודאי, אוודאי! — זיפצט ר׳ אברהם. — אן אָרעם קינד, אן עלנט יתומל, נעבעך.

— ווייסט איר וואָס! — רופט זיך אָן דער פאַרשוין, נאָכדעם, אז ער האָט אביסל געטראַכט, און די גרויע אויגן האָבן זיך אים צעפּלאָ־טערט. — ווייסט איר, וואָס מיר איז דאָ פאַר אים איינגעפאַלן?

— א קשיא אויף א מעשה! — מאַכט ר׳ אברהם מיט א גוט שמיי־כעלע, פאָכענדיק אויפן קאָפּ מיט דער יאַרמעלקע. — אפשר א שידוך, הא?

— כמו ווי א שידוך, — מאכט מיט אן ערנסט פנימל דער פאר־שוין. — שפעטער, מיט דער צייט, קען טאקע זיין, אם־ירצה־השם, א שידוך. ס'איז דא אויך א בתולה, פארשטייט איר מיך. די מעשה דערפון איז אזוי... לאזט זיך גאר דינגען.

— זאגט, אדרבא, זאגט, מהיכא־תיתי!

— בקיצור, צוואס דא א ים בריינען, — צעשאקלט זיך דער פאר־שוין, — די מעשה איט, איז אזוי: מיט מיר איז דא מיינער א שותף, א גאנץ פיינער באלעבאס, ווי איך זאג אייך, גאר נישקשהדיק. האט דער שותף מיינער, פארשטייט איר מיך, א יינגעלע און וויל זייער, דאס יינ־געלע זאל קאנען לערנען. ביי אונדז דארט די חדרים, ווי זאל איך אייך זאגן, עט... דער בראדער מלמד איז א בהמה, דער ליטוואק — א צלם־קאפ און די איבעריקע — טפו!... מיין איך, אז אייער יתומל זאל עס, אפנים, פאר מיין שותפס יינגל זיין... איר פארשטייט?

— איך פארשטיי. איר מיינט, מיינער זאל לערנען מיט דעם יינגע־לע.

— מ־מהו! — מאכט דער פארשוין, בליצנדיק מיט די אייגעלעך. — אט דאס מיינט דער פסוק. עס וועט אים זיין גאנץ גוט. ער וועט האבן קעסט, זיין באשוכט און באקליידט. וועט ער נאר קיין שוטה נישט זיין, קאן ווערן א שידוך אויך, פארוואס נישט? א בתולה איז דא... צעקייעט עס נאר.

— דאכט זיך אין פלוג, הא? נישקשה! — זאגט ר' אברהם און רייבט דעם שטערן.

— וויל איך, — דערקלערט עס גאנץ קלאר דער פארשוין, — וויל איך, פארשטייט איר מיך, גאר פשוט טאן א מצווה. פארזארגן א יתום. מסתמא איז דאך אזוי באשערט. — נו, האט איר עס צעקייעט?

— נישט שלעכט, — ענטפערט ר' אברהם, — נאר...

— וואס נאר?! — טוט זיך דער פארשוין א כאפ. — נישט שלעכט, זאגט איר; ניין — גאנץ גוט! אט דאס איז דאך די מעשה מיט א יידן, האט קיין פאריבל נישט! וואס נאר? נאר — וועל איך זאגן. מע מוז דעם שותף מיינעם ווייזן פריער דאס בחורל, לאז ער אים נאר געפעלן! אט וואס! ווילט איר האבן א חלק אין דער מצווה, האיעט זשע נישט און לאזט, זייט מוחל, דעם קליינעם מיט מיר גיין צו מיין שותף. באלד טאקע, נישטא קיין צייט!

— טאו! — מאכט ר' אברהם אויפהייבנדיק זיך פונעם בענקל. — אט גיי איך מיט מיינעם איבערשמועסן.

אין דעם פּנים פון ר' אברהמען און פון הערשעלען איז געווען צו דערקענען, אז ביידע קווענקלען זיך עפּעס אין הארצן, כאָטש ר' אברהם האָט די זאך אנידערגעשטעלט גלאַטיק, און הערשעלע האָט, קוקנדיק אים אין די אויגן, צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ אויף יאָ.

דער פאַרשוין האָט עם פונדערווייטנס זייער גוט באמערקט, נאָך ער האָט געמאכט א מינע, ווי פאר אים איז אַלצײנס, און אויפהייבנדיק זיך פונעם אָרט רופט ער זיך אָן מיט א קנײטשעלע:

— נישטאָ קיין צייט! וויל ער, זאָל ער באלד מיט מיר גיין... ווי איר ווילט אייך.

— נאָך א רגעלע, איין רגעלע! — בעט ר' אברהם און טרייבט אונטער הערשעלען, וואָס האָט, צוקומענדיק צו משהלען, זיך געבאָבערעט עפּעס מיט אים דאָרט אין דעם שטענדער, — גיי שוין, גיי, הערשעלע! דער ייד האָט נישט קיין צייט. גיי און קום גיך צוריק מיט אן ענטפער. איך וועל דאָ וואַרטן.

— איך וועל מיך נישט זאַמען, — זאָגט הערשעלע און גייט ארויס אינאיינעם מיט דעם פאַרשוין.

דאָס פינפטע קאַפּיטל

ר' אברהם האָט באלד נאָך הערשעלעס אוועקגיין זיך גענומען זאָגן זוהר מיט א ברען אויף א ניגון, די אויגן האָבן אים געפלאַקערט, דאָס פּנים האָט זיך אים פאַרפאַרבט — ער האָט געזופט זוהר מיט אפּעטיט און מע האָט באשיימפּערלעך געזען, ווי עס קומט אים צו דערפון חיות, א סך מער ווי אן אנדערן פון א גלעזל קאַפע מיט פּוטערגעבעקסלעך צום פרישטיק. ר' אברהמס פרישטיק איז אלע טאָג באשטאַנען פון אַ טרוקן שטיקל משניות, עטלעכע געשמאַקע אגדתות, מיט א זופּ זוהר פאַרביסן — און איז דערמיט זאַט געווען ביז וואַרעמעס. א היפּשע צייט איז ער אזוי פאַרטיפט געווען אין דעם זאָגן, געפלויגן הויך, עפּעס אין אנדערע וועלטן. דערנאָך האָט זיך אים עפּעס געענדערט דאָס קול, אַלץ נידעריקער, נידעריקער, ווי עס איז פונעם זיבעטן הימל אראָפּ אויף דער ערד. ער האָט געטאָן א זיפץ, געגלעט די באָרד, דעם שטערן, געקוקט, זיצנדיק אויף זיין אָרט, אין דעם אָפענעם פענצטער גלייך אים אקעגן זיך פאַרטראַכט.

אינדרויסן האָבן זיך געטראָגן שוועלבעלער, געשוועבט אין דער לופטן פלינק-געשווינד, ארויף און אראָפּ, צופליענדיק איינס נאָכן אנדערן

מיט א סווישטש — „ציק־משיק" צו די נעסטן איבער די פענצטער און אונטערן געזימס פונעם קלייזל.

„גם צפור מצאה בית", אויך דאָס פייגעלע געפינט איר הייזל — קומט ר' אברהמען אויפן געדאַנק דער געוויסער פסוק אין תהילים — „ודרור קן לה", און דאָס שוועלבעלע זיין נעסט, „אשר שתה את אפרוחיה", וואָס פריטוליעט די יונגע פייגעלעך, „את מזבחותיך ה' צבאות", ביי דיין מקום־קדוש, הארצעדיקער פאָטער, גאָטעניו!...

ער גיט א בליק אויף משהלען, דערמאָנט זיך אויך אין הערשעלען און טראַכט ביי זיך: יידישע קינדערלעך! — פון אָרעמע עלטערן פייגעלעך, פריטוליעטע, נעבעך, אין קלייזלעך...

— וואָס באַטייט עס? — ווענדט ער זיך פונדערוויטנס מיט א פראַגע צו משהלען, וואָס איז געזעסן שטיל אין ווינקעלע, אָנגעשפּאַרנדיק דאָס קעפּעלע אויף דער גמרא. — וואָס באַטייט עס, וואָס ער איז נאָך נישטאָ?

— ווער איך? — ענטפערט משהלע גאַנץ קורץ, עפעס אויף אַן אומעטיק קול.

— אָ־וואַ, א מעשה, א מעשה! — ברומלט ר' אברהם. — מיר איז גאָר ארויס פונעם זינען צו פרעגן, אויף וועלכער אכסניא שטייט אָט דער דאַזיקער, ווי הייסט ער עפּעס? שניאור־וואָלף, דאַכט זיך, האַ?

— דאַכט זיך אזוי, — ענטפערט משהלע געציילטע ווערטער עפּעס דורך די ציין.

— האַ, פון וואָס פאר א שטאָט, האָט ער געזאָגט, איז ער — אָט דער שניאור־וואָלף? איך געדענק נישט, אַסור, וואָס ער האָט געזאָגט...
ר' אברהמס דאָזיקע ווערטער זענען געבליבן אָן אַן ענטפער.

ער האָט זיך גענומען אריינקוקן אין א ספר, נאָך דער געדאַנק פאַר־וואָס זאָמט זיך אזוי הערשעלע, האָט אים געפּיקט אין קאָפּ, אזוי, אַז ער איז נישט אימשטאַנד געווען צו פאַרשטיין קיין וואָרט — געקוקט טאַקע נאָר ווי א האָן אין בני־אָדם. עס האָט אים אָנגעהויבן אין דעם פאַרשווין עפּעס קשה צו ווערן, זיך עפּעס נישט צו שיקן. באַלד ביים ער־שטן שלום־עליכם איז אים אפילו דער שניאור־וואָלף עפּעס נישט געווען צום הארצן — עפּעס ווארפן זיך זיינע אויגן, קוקן יענעם נישט גלייך אין פנים אריין, נאָך ר' אברהמס גוטסקייט און פרומקייט האָבן עס נישט דערלאָזט גלאַט אזוי פון א יידן עפּעס שלעכטס צו טראַכטן. מילא וואָס... גאָרנישט... א יידיש קינד. — אצינד אָבער, אז ער איז דאָ גע־ווען אומרואיק, האָט דאָס הארץ זיינס אָנגעהויבן פריי זיך ארויסצוזאָגן

אקעגן דעם פּאַרשוין, און ער איז שטאַרק נישט צופרידן געווען מיט זיך אַליין, מיט דעם גאַנצן עסק, עפּעס אַזוי אין כאַפּעניש! ס'טייטש, ער ווייסט דאָך אפילו נישט רעכט גוט פונוואַנען דער פּאַרשוין איז!... עס האָט אים עפּעס אונטערגעטראָגן פונעם בענקל, נישט געקאָנט מער איינזיצן אויף זיין אָרט. ער איז צוגעגאַנגען צו דעם אָפענעם פענצטער און געקוקט, אַרויסגעקוקט אינדרויסן.

פאַר זיינע אויגן איז פאָרגעקומען א רירנדיקע סצענע. אין א שוועלבעלעס א נעסט, אונטערן געזימס, האָט זיך פאַרקליבן עפּעס א גזלן — א וואָראָבייטשיקל און זיך צעלייגט דאָרט מיט אויסגעשפּרייטע פליגעלעך, ווי ביים טאַטן אין וויינהויז. אונטער דעם שוועלבלשן עולם ווערט א בהלה, א צונויפפליעניש פון אלע זייטן. דאָס פּאָרל באַנזלטע שוועלבעלעך פליען, פלאַטערן דערשראָקן אהין-אהער, סווישטשען געוואַלד, מאַכן זיך האַריץ און פּרוּוון זיך גאָענט צוקומען צו זייער נעסט. דער וואָראָבייטשיקל אָבער שטעקט אַרויס, שטאַרק אָנגעלאָדן, דאָס קעפּל, עפנט א מויל און פּיק, פּיק...

עס טוט ר' אברהמען עפּעס א צופּ ביי דעם האַרצן, ער טרעט אָפּ פונעם פענצטער, א מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, ווי אָפּצוטרייבן פון זיך עפּעס אַזוינס, וואָס באַאומרואיקט אים שטאַרק, און נעמט זיך גיין הין-און-צוריק איבער דעם קלייזל. דאָס קעפּל פונעם וואָראָבייטשיקל אָבער שוועבט אים פאַר די אויגן, ער קוקט פאַרטראַכט אין משהלעס זייט, שטעלט זיך אָפּ פאַרבייגייענדיק נעבן זיין שטענדער און נאָך עטלעכע מינוט שווייגן טוט ער אים א זאָג:

— טאַטער, משהלע, וואָלסטו א שפּרונג געטאָן זען, ווו איז ער ערגעץ דאָרט, דער שקאָץ, האַ? שוין באַלד דריי אזייגער. לויף אהין אין די אכסניות. ווען נישט אין דער, איז אין יענער, אין אַיינער ערגעץ וועסטו אים דאָך טרעפן.

— אַליין האָב איך שוין אויך דאָס איינענע געטראַכט, — ענטפערט משהלע, צומאַכנדיק די גמרא, און לאָזט זיך באַלד טאַקע גיין.

משהלען איז אין דעם טאָג געווען שטאַרק אָנגעזאָלצן אויפן האַרצן דערפון, וואָס פלוצעם האָט זיך דאָ געמאַכט אזוי, אז ער זאָל זיך באַדאַרפן שיידן מיט הערשעלען, מיט וועלכן ער האָט געלעבט ווי ברידער, געלערנט און פאַרבראַכט טעג און נעכט אין איינעם, און פריידן מיט אים איינגעם. נאָך אזא ליבן חבר געקניפּט און געבונדן, איבערצובלייבן פלוצעם אַליין — דאָס איז אים געווען שווערער פונעם טויט. ס'איז אינעווייניק אין אים פאָרגעקומען א שפּאַרעניש, א שאַרפער פּילפּול צווישן די

געפילן. דאָס געפיל פון ליבשאַפט צו הערשעלען האָט געשריגן: א רחמ=
נות, ער ליידט דאָ, נעבעך, קומט דאָ אזוי אָפּ, לאָז ער אהין פאָרן! טאָ=
מער וועט ער אויף דער שטעלע דאָרט זיך אויסגלייכן די ביינער. אקעגן
זשע יענץ געפיל פון ליבשאַפט צו זיך אליין האָט געטענהט: אויף מיר
גישקשה, איז אויך א רחמנות! דאָ מיט אים אינייגעם איז מיר בעסער,
היימלעכער, אָנגענעמער דאָס לעבן... און נאָך עפּעס א מין געפיל —
א „וצדקתך" האָט זיך אריינגעלייגט אין א פשרה מיט גנבהשע תנועה=
לער: אויף ביידן א רחמנות! אים איז טאקע א יושר שוין א ביסל אויפ=
געריכט צו ווערן, נאָר גאָט דער גוטער, אויב ער וויל, וועט אים דאָך
דאָ אויפן אָרט אויך קאָנען עפּעס צושיקן.

הערשעלעס זאָמען זיך אָבער האָט אינגאנצן אן עק געמאכט פונעם
דאָזיקן פּילפּול. אצינד איז משהלען נאָר דאָס געלעגן אין זינען: ווו איז
הערשעלע? ר' אברהמס נישט=רואיק זיין עפּעס האָט אים נאָך מער צע=
דרייט. ער איז געווען באטריבט און נישט געוווּסט וואָס איבערצוטראכטן.

אויף עטלעכע אכסניות איז משהלע געווען און אומזיסט: אזא פאר=
שוין, וועלכן ער האָט געזוכט, האָט מען דאָרט נישט געזען, נישט גע=
הערט. האלטנדיק אין גיין אויף די איבעריקע אכסניות, איז אים ווי א קויל
אין הארצן אריין פלוצעם א געדאנק — הא, צום טייך! הערשעלע האָט
זייער ליב צו באָדן זיך, צו שווימען, איבערצומאכן אין וואסער אלע
קונצן, אפשר האָט ער ביים וועג גייענדיק זיך אראָפּגעכאפּט באָדן און...
ווייטער, מיט וואָס אזעלעכס שמעקט, האָט משהלע קיין הארץ נישט גע=
האט דייטלעך צו טראכטן, ער איז נאָר געוואָרן בלייך און גאָר אָן א נשמה
געלאָפן אהין, צו יענע ערטער, ווו געווייגטלעך מע באָדט זיך. נאָר אומ=
זיסט זיין מי, הערשעלע איז נישטאָ! נישט ווילנדיק האָט זיך אים גע=
דאכט, שוין גאנץ קלאָר, מיט איטלעכס פּיצעלע באזונדער: הערשעלע
איז ביים אונטערטוקן זיך איינגעזונקען געוואָרן אין דער זומפּיקער בלאָ=
טע. ראקעס האָבן זיך אין זיין לייב שוין איינגעגעסן, נאָגן אים דעם מארך
פון די ביינער. דער טייך נעמט דאָך אלע זומער צו א זיבן מענטשן. ווער
ווייסט, וואָס פון משהלען וואָלט פאר ביטערע יסורים און אנגסטן גע=
וואָרן, ווען עס זאָל אים באלד, ווי א בליץ, נישט א זעץ טאָן אן אנדער
געדאנק — ס'איז דאָך עפּעס אויף דער וועלט דאָ א קאבצאנסקער אכ=
סניא! מעגלעך, טאקע מעגלעך, אז הערשעלע איז אריין אהין זיך צו זען
מיט פרישע קאבצאנסקער פארשוינען, אָפּצונעמען א גרוס, אָדער א בריוו
פון דער היים. משהלע האָט אין דעם געדאנק זיך אָנגעכאפּט מיטביידע
הענט, זיך שטארק געוווּנדערט, פארוואָס איז דאָס אים נאָך פריער נישט

איינגעפאלן, און געשטארקט פון דער האָפענונג האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דער קאבצאנסקער אכסניא.

די אכסניא פון דרויסן איז באלאגערט געווען פון באלעגאָלעס, וואָס זענען געשטאנען, געזעסן אויף פריזבעס מיט ביימשן אין די הענט, שטארק בייז, האָבן זיך געקראצט אין די פאות, געשפיגן און גלאט אזוי זיך אין דער וועלט אריין געפלוכט, געשאָלטן; אויך פון מעקלערס, וואָס האָבן זיך געדונגען מיט פארשוינען, אויף זייער לשון — מומעס, פעטערס, אָנוויזנדיק זיי פונדערווייטנס ביידלעך, און צוגעזאָגט איטלעכן א טייער פאָרעכטיק, גיך, געשווינד, געדוימיק, ווי די שררות.

ביי משהלעס צוקומען זענען אים, ווי די היישעריקן, באפאלן מעקלערס, אים געצויגן, געריסן:

— אהער, יונגערמאן! וווהין פאָרן? אָט שטייט א ביידל, גרייט, באלד טאקע פאָרן!

משהלע האָט זיך קוים א לעבעדיקער פון זייערע הענט אויסגעדרייט און זיך אריינגעכאפט אין שטוב אריין. דאָרט איז ער דורכגעגאנגען צווישן אלע פארשוינען, געזוכט מיט די אויגן אין איטלעכס ווינקעלע — און הערשעלע איז נישטאָ! עס ווערט אים גישט גוט, ביטער און פינצטער אויפן הארצן. נאָר ס'איז נאָך דאָ א שטיקל האָפענונג. ער פרוווט זיך דורך דער הינטער־טיר ארויס אין הויף אריין. שטופנדיק זיך צווישן די ביידלעך און וועגעלעך, צווישן מענטשן, פערד, להבדיל, אויסגעמישט אינגיינעם און כאפנדיק הינטערוויילעכץ א שמיץ אין פנים פון פערדישע ווידלען, דערזעט ער אין דער זייט דאָרט א באקאנט פנים — און עס גיט אים א קלאַפּ אין הארצן פאר פרייד אויף אזא מציאה. אונדזער שניאור־וואָלף שטייט עס דאָרט מיט עמעצן נעבן א געשפאנט וועגעלע, האלטנדיק די נאָז אראָפּגעלאָזן און זעט אויס עפעס ווי און אָפּגעשמיסענער. משהלע טוט זיך א לאָז צו אים האסטיק מיט א פרעג, נאָר אין איין אָטעם:

— ווו איז הערשעלע?... הערשעלע ווו איז?

— א־א! — טוט זיך שניאור־וואָלף א כאפ ווי פונעם שלאָף, שארף אָנקוקנדיק משהלען, און נאָך עטלעכע מינוט טראכטן רופט ער זיך אָן, שוין לעבעדיקער א ביסל:

— אָט באלד, באלד! ווארט נאָך א ביסל, לאָמיר נאָר אָפּפּאַרטיקן זיך דאָ מיט דעם יידן.

שניאור־וואָלף רופט אוועק דעם יידן אין דער זייט, ביידע שמועסן דאָרט א היפשע צייט גאנץ שטיל צווישן זיך, מער אויף דעם ווונק. דער

זיך זעצט זיך דערנאָך אריין אין א וועגעלע, שניאור־וואָלף געזעגנט זיך מיט אים: — פאָרט געזונט!

און צוקומענדיק באלד צו משהלען, מאכט ער נאָך פריינדלעך מיט א זים שמייכעלע:

— נו, אציגד קאָן איך דיר ענטפערן. וואָס האָסטו מיך עפּעס געפרעגט, וואָס?

— ווו איז הערשעלע?

— א־א, דיין חבר מיינסטו! — מאכט דער שניאור־וואָלף, ווי ער שטויסט זיך ערשט אָן. — אזוי זשע רעד. דיין הערשעלע איז דאָרט, דאָרט ביי דעם שותף מיינעם. איך שטיי אויף אכסניא דאָ, און ער, דער שותף, פארשטייסטו מיך, שטייט ביי זיינעם א מחותן עפּעס. אָט גיי איך אליין באלד אהין. קום, אויב דו ווילסט, מיט מיר מאקע.

עס פארשטייט זיך, אז משהלע איז זייער גערן געווען צו גיין, און האָט געזאָגט:

— אָך, א שיינעם דאנק!

שניאור־וואָלף האָט געפירט משהלען עפּעס געדרייט דורך שמאָלע געסלעך און הינטערגעסלעך. נאָך א שטרעקע וועג גאנג הייבט משהלע אָן ביסלעכווייז זיך אָפּצושטעלן, קוקנדיק עפּעס אומרואיק, גלייך ווי גע־רעדט: ביזוואנען וועט ער מיך פירן?!

„נא־נא, א פארקליבן זיך עס א ביסל! עפּעס אין אן עק וועלט!“ ברומט שניאור־וואָלף אונטער דער נאָז פאר זיך, ווי אויך שטארק נישט צופרידן. און א קוק געבנדיק דערנאָך משהלען אין פּנים אריין, מאכט ער מיט א זים מינעלע:

— אָט באלד, באלד!

— יאָ! — רופט זיך משהלע אָן אָנגעברוגזט. — אָט באלד זענען מיר שוין אויף יענער זייט שטאָט. אָט איז שוין טאקע דער בית־עולם!

— וואָס בין איך שולדיק? — נעמט איין שניאור־וואָלף משהלען מיט גוטע ריידעלעך. — נישקשה, וואָס קאָן עס דיך אריין, נארעלע, אז דו וועסט דערווייל דורכגיין זיך א ביסל שפּאצירן? אָט קוק א גרין ביי־מעלע, א שמעקנדיק גרעזעלע, פייגעלעך סווישטשען — משיריק־כּירוק־משיק!

משהלע טוט א שמייכל און נעמט אָן א פריילעך פּנים.

— אָט אזוי, האָב איך דיך טאקע ליב! — רופט זיך אָן שניאור־וואָלף, אונטערהנפּהגענדיק זיך. — וואָס האָסטו עס אזוי קיין צייט נישט?

אלץ לערנען, לערנען! נאָכאַמאָל אָמר אביי, ווידעראַמאָל אָמר אביי, מ'ט באַדאַרף די וועלט אויך אָנקוקן.

שמועסנדיק אויף אַזאַ שטייגער, איז שניאור־וואָלף מיט משהלען דערווייל געגאַנגען אַלץ ווייטער, ווייטער ביז העט אויף יענער זייט בית־עולם. דאָרט האָט זיך געשלעפּט פּאַמעלעך עפּעס אַ פּורל, אַ יידליק איז דערויף געזעסן, געהאַלטן אין די הענט שלאַף די לייצן, געלאָט גאָר פון יוצא־וועגן, פאַרלאָזנדיק זיך אויף דעם פערדלס יושר: לאָז עס זיך, עס, גיין, ווי זיין גוטער ווילן איז. שניאור־וואָלף האָט זיך איבערגעוווּנקען מיט דעם יידל און איידער משהלע האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, טוט ער אים אַ כאַפּ, וואַרפט אים אַריין אין וואָגן און שפּרינגט אין דער הייסער רגע אויך טאַקע אַריין אַהין. דאָס יידל טוט אַ שמיץ דאָס פערדל און אַוועק, אַוועק...

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

ר׳ אברהם גייט דערווייל אין איינע צרות הין־און־צוריק איבער דעם קלייזל שטאַרק אומרואיק, רייבט מיט דער האַנט דעם שטערן און רעדט אַלץ צו זיך אַליין פאַרוואונדערט: רבונו־של־עולם, וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס! ווו זענען עס די קינדער?! יענער איז נישטאָ, דער — זוימט זיך עפּעס אויך צו לאַנג, אַ שיינער אַוועקגאַנג אַ ביסל! מילא דער יאַק דער, גאָרנישט! אָבער יענער, ווו איז יענער?! ס׳איז עפּעס נישט גלאַטיק. ער בלייבט שטיין נעבן פענצטער און נעמט זיך אַרום די אויגן קוקנדיק אינדרויסן, נאָר אומזיסט דאָס קוקן, מע הערט נישט, מע זעט נישט. ער טוט זיך געשווינד אָן, נעמט אין דער האַנט דעם שטעקן און גייט אַרויס מיט דער דעה אַליין עפּעס צו טאָן, געוואָר צו ווערן, וואָס איז די מעשה.

אויף דער גאַס קומט אים אַקעגן איינער, זייגער אַ גוטער באַקאַנטער. אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, לייטיש געקליידעט, עפּעס האַלב־דייטש, האַלב־יידיש, מיט אַ שוואַרץ בערדעלע און מיט אַ קלוג, זיס פּנים. דער יונגערמאַן קוקט אָן פאַרוואונדערט ר׳ אברהמען, ווי ער יאָגט אָן אַ נשמה, און שטעלט אים אָפּ מיט אַ פרעג:

— וואָס יאָגט איר עפּעס אַזוי? וווהין איז, ר׳ אברהם? אָן עסק עפּעס, וואָס?

— עפּעס אַ שטיקל עגמת־נפש, — ענטפערט ר׳ אברהם, כאַפּנדיק דעם אָטעם. — גוט, כ׳לעבן, וואָס איר זייט מיר געקומען אַקעגן. איך

האָב מיך דערמאָנט, ס'איז דאָ מיט אייך צו רעדן וועגן עפּעס אַן ענין. נאָר נישט אצינד, נישט אצינד, ר' רפאל.

— אוודאי וועגן א שידוך! — טוט מיט א שמייכעלע א זאָג רפאל.

— האָט איר געהערט בעסער נייעס, ר' אברהם? אייער גדליה ווינטמאַכער האָט אָנגעזעצט.

— אָ־וואַ, אָ־וואַ! — מאַכט פאַרוואונדערט ר' אברהם. — עפּעס אזוי פּלוצעם, אומגעריכט! און ווי שטייט מעלתו מיט אים?

— נישקשה! — זאָגט רפאל, א דריי געבנדיק מיט דער נאָז. — איך האָב מיך לאַנג דערויף געריכט. זיינע וועקסלען מיר פאַר דער סחורה האָב איך באַלד טאַקע סקאָנטירט, ווייניקער מיט עטלעכע פּראָצענט — אָן סכנות! מיינע לאָדזשער פאַבריקאַנטן, נישקשה, וועלן דערפאַר אויף מיר נישט ברוגז זיין אצינד. וואָס זשע פּאַרט, ר' אברהם, איז די מעשה, וואָס איר זעגט עפּעס צעטראָגן אזוי? ווייסט איר וואָס? קומט, כ'לעבן, אצינד צו מיר, וועלן מיר רעדן ביי א גלעזל פּונש. עפּעס בין איך היינט זייער גוט אויפגעלייגט.

— הא?... גוט! — מאַכט ר' אברהם, א כאַפּ געבנדיק זיך, ווי ער איז אויף עפּעס געפאַלן נאָך א פּאָר מינוט טראַכטן. — גוט, איך וועל אייך אונטערפירן ביז צו אייער שטיבל אויפן הויף און אליין וועל איך דאָרט אריינגיין אויף דער קאַבצאַנסקער אכסניא עפּעס וועגן א זאַך. קוים ענדיקט זיך גוט, בין איך די רגע ביי אייך. קומט!

ר' אברהם לאָזט זיך גיין ווייטער גיך, רפאל גייט אים קוים נאָך און קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס די איילעניש ר' אברהמס זאָל באַטייטן אזוינס.

— געדענקט זשע, ר' אברהם! — רופט זיך אָן רפאל ביים צעשיידן זיך אויפן הויף פון דער אכסניא. — וויבאַלד איר וועט זיך אָפּפאַרטיקן דאָ, זאָלט איר אריינקומען גלייך צו מיר.

— א, גאָט־העלף, רייזעניו! — זאָגט ר' אברהם אויף א ניגון, אריינקומענדיק ברייטלעך צו רייזען, אין איר באַזונדער אַלקערל, בשעת זי האָט ערשט אוועקגעלייגט דאָס פלייש זאַלצן איבער א ווייקשעפל און זיך גענומען צו די פיש, צו א געזונטן קאַרפּ מיט א גרויסן העכט אויף שבת.

— אָ, א גאַסט, כ'לעבן! — מאַכט רייזע, אָפּרייסנדיק זיך פון דער אַרבעט און א פּאָר געבנדיק מיט דער נאָז איבער דעם אַרבל. — א לאַנגע צייט, העון א ביסל, האָט מען אייך נישט געזען, ר' אברהם! הא, רעכט עפּעס אזוי? נו, זעצט זיך, זייט מוחל!

צווישן רייזען און ר׳ אברהמען איז געווען פון גאנץ לאנג א גוטע באקאנטשאפט. איר מאן, עליו־השלום, האט ביים לעבן געדאוונט אין דעם קלייזל, ווו ר׳ אברהם, און זיך מיט אים זייער גוט פארהאלטן. רייזע האט נאך ביז אצינד אונטער ימים־נוראים געדאוונט אין דער ווייבערשער שול דארט, אויף איר שטאט, און מיט די יארצייטן נאך דעם מאן, נאך איר טאטן און מאמען זיך שטענדיק פארלאזט אויף ר׳ אברהמען, וואס ער פלעגט עס אקוראט אפהיטן. ער פלעגט שוין געדענקען די טעג, אין זינען האבן די ליכט, די פרקים משניות, אויך באשטעלן א מנין יידן אויף דעם הייליקן ארט און דערנאך מיט איר זיך אפרעכענען. אויסער דעם פלעגט ר׳ אברהם אפט קומען צו איר אין הויז, אמאל נאך א נדבה אויף עפעס א מצווה־זאך, אמאל צו זען זיך מיט א באקאנטן אורח, וואס איז פאר־פארן צו איר אויף אכסניא און אמאל גלאט אזוי געוואר ווערן, וואס הערט זיך. רייזע האט אים אויפגענומען שטענדיק מיט כבוד, איז זייער גערן געווען זיך ארייגצולאזן מיט אים אין א שמועס וועגן יידישקייט, וועגן דעם שטייגער לעבן פריער אין יענע צייטן, און קרעכצן: היינט איז נישט דאס, וואס אמאל!

— יא, גערעכט, כ׳לעבן, נישט געזען זיך טאקע א היפשע צייט. עס האט זיך עפעס נישט געמאכט. היינט בין איך געקומען... — דרייט זיך ר׳ אברהם עפעס און זעצט זיך אנידער אויף א בענקל.

— א בער אין וואלד האט געמוזט פגרן! — שפאסט אויף איר שרייענדיק קול רייזע.

— היינט בין איך געקומען, — הייבט ר׳ אברהם אן דעם שמועס, — אט וואס — זאגט ער, — רייזעניו, האט איר נישט געזען היינט ביי אייך דאס קאבצאנסקער בחורל? איר ווייסט דאך וועמען איך מיין, יענעם בחורל, אונדזער בעל־תפילהס, עליו־השלום. אינדערפרי איז ער אויף א שעה אוועקגעגאנגען און נאך נישטא!

— אוי, א דונער האט מיך נישט דערשלאגן! — טוט רייזע א גע־שריי און פארווארפט מיט דעם קאפ.

— וואס איז, הא?! — טוט זיך ר׳ אברהם א כאפ דערשראקן, אויפ־שפרינגענדיק פונעם בענקל.

— אן עק פון זיין לעבן, פארוויסט זיינע יונגע יארן! — טרויערט רייזע ווי צו קינות. — דאס הארץ, א ווייטעק איז מיר, האט מיר טאקע געזאגט, אז ס׳איז עפעס נישט גלאט. אצינד איז שוין קלאר ווי דער טאג — ער איז געקוילעט נעבעך. אי, געקוילעט זאלן זיי ווערן אן א מעסער!

— גאָט איז מיט אייך, רייזע! ווער? וואָס? — בעט ר׳ אברהם און איז טויט מיט אלע אברים.

— נאט אייך א ווארעניק, העז א ביסל! — צעלאָזט זיך רייזע אויף איר קול. — פלוצעם גאָר זיצט ער דאָ צווישן צוויי אומבאקאנטע יידן, דער רוח ווייסט זייער טאטן, ווער זיי זענען, און עסט א ווארעניק! וואָס זענען זיי מיט אים פאר א שמעלקעס, זיי זאָלן אים דעם ביסן פונעם מויל אוועקגעבן! נישט עפעס אזעלכע מילדע. מיט מיר, נישקשה, האָבן זיי זיך גוט געדונגען פאר דעם וואַרמעס, האָבן גאָר אין א טאָרבעלע פארנומען די איבערגעבליבענע שטיקלעך ברויט פונעם טיש. — מיר איז עס באלד עפעס נישט געפעלן.

— נו, נו! — טרייבט אונטער ר׳ אברהם.

— נו, — מאכט רייזע, איבערגייענדיק פון דער דיגער אויף דער גראָבער סטרונע, — מילא איז מיר נישט געפעלן. וואָס זשע איז? דאָס ערשטע מאָל, העז א ביסל, מאכט זיך מיר אזוינס, וואָס מיר איז נישט געפעלן? — פונדעסטוועגן האָט עס מיך פאָרט עפעס געמאָנטעט, אריינצושטעקן, ווי מע זאָגט, די נאָז, טאָמער וועל איך עפעס אָנשמעקן. עפעס ווי שטייט דאָרט, ר׳ אברהם, א יידענע האָט ליב...

— גיכער, סערצע, איך בעט אייך, — צאפלט ר׳ אברהם הערן ווייטער, דעם שפיץ.

— וואָס דען? א יידענע איז א יידענע, — לאָזט רייזע נאָך אויף א טאָן נידעריקער אראָפ די געמבע. — בין איך טשיקאווע געוועז שמעקן ביים דערלאַנגען יענע פארשווינגען צום טיש, כאפן פארבייגייענדיק א לעק פון זייער שמועס. עפעס איז מיר דאָס שושקען זיך זייערס און דאָס מיגעלע, וועלכע זיי האָבן דערביי געמאכט, איבערווינקענדיק זיך מיט גנבהשע אויגן, גאָר טאקע נישט געפעלן. א פאָר ווערטער, וואָס איך האָב געכאפט, זענען מיר שטארק אין נאָז אריין, און דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט: כ א פ ע ר ס! נישט אנדערש זיי זענען אויסן דאָס יתומל אין געוואגט אריינשטעקן מיט אן אָנשטעל. אָט וואָס דער ווארעניק באטייט... איך האָב געזוכט דאָס בהורל, גראָד איז ער מיר אין דער הייסער רגע צו די אויגן נישט געקומען. דערווייל בין איך דאָך א יידענע, „מה אָנו, מה חיינו", מישטיינס-געזאָגט, א קאצן-מוח, און איין אויער אריין — פונעם אנדערן ארויס. א קאטאָוועס, העז א ביסל, שטענדיק האָט מען דאָס לויפעניש. אציגד ווייזט זיך עס גאנץ קלאָר ארויס, — כאפט זיך רייזע אויפן בייקולכען. — געכאפט האָבן זיי אים אווראי, פאר-

כאפט זאָלן זיי ווערן. א ביטער רחמנות, ווי איז מיר! אזא וויל קינד!

— אוי, א דונער איז מיר, ר׳ אברהם! וואָס איז מיט אייך? לאָזט זיך נישט אָפּ!

א קאַלטער שווייס האָט באשלאָגן ר׳ אברהמען, טרערן, ווי באָבן, זענען אים געשטאַנען אין די אויגן, אלע גלידער האָבן אים געציטערט און ער האָט קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס.

— איך בין שולדיק, — אייקעט ער, אָנכאַפּנדיק זיך ביים קאָפּ. — אי-אי-אי, וואָס האָב איך געטאָן! ביים ערשטן באַגעגעניש מיט א מענטשן, נישט רעכט צו וויסן ווער ער איז, פונוואַנען ער איז, נעם איך און גיב איבער אין זיינע הענט אריין דאָס עלנטע יתומל, געבער, אי-אי!

— וואָס זייט איר שולדיק? — נעמט רייזע איין ר׳ אברהמען מיט גוטע רייד. — מסתמא איז דאָך זיין פינצטער מזל אזוי. אזוי מסתמא איז אויף אים אָנגעהתמעט געוואָרן. ווי זאָגט מען עס? עס פאַלט נישט די שפּין, ביז עס ליגט נישט עפּעס דרין.

— הרגענען בין איך ווערט זאָל מען מיך, אַלטן נאַר, — הערט נישט אויף ר׳ אברהם צו אָכצן, צו קרעכצן, — אויף מיר האָט עס לייזער-יאנקל, עליו-השלום, איבערגעלאָזט זיין קינד און געשטאָרבן מיט דער האָפענונג, אז איך וועל עס דאָ אויף אים האָבן די השגחה ווי א טאַטע.

— יאָ, א שיינע השגחה! א גוטער טאַטע!...

— נו, וואָס זאָל מען טאָן? העז א ביסל. זעצט זיך, ר׳ אברהם!

— בעט רייזע מיט טרערן אין די אויגן, אונטעררוקנדיק אים דאָס בענקל.

— ווו איז מיין קינד? וועט דער טאַטע דאָרט שרייען, נישט איינליגנדיק רואיק אין קבר, אזוי האָט איר עס געהאַלטן וואָרט... און וואָס וועל איך ענטפערן דער מאַמען, דער וויסטער אלמנה? אז זי וועט קומען וויינען איבער מיין קאָפּ... — רעדט, זאָרגט ר׳ אברהם מיט א געבראָכן האַרץ, טוט זיך א וואָרף אויפן בענקל, פאַרדעקט מיטביידע הענט דאָס פּנים און בלייבט זיצן שטיל, שטום ווי די וואַנט.

— העז א ביסל! — הייבט אָן רייזע מיט א מוסר, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ נאָך עטלעכע מינוט שטיל שווייגן און פון די אויגן קאַפּען איר טרערן. — ווי טאָר מען, העז א ביסל, זיך אזוי נעמען צום האַרצן! און נאָך א מאַנסביל, א ייד, א למדן, ווייסט, וואָס שטייט געשריבן דאָרט אין הייליקע ספרים! הייגט וואָס זאָל מען שוין זאָגן אויף א יידענע? מה נאמר, מה נדבר, עט, כ׳לעבן, ווי איך בין א יידישע טאָכטער! — האַ! וואָס איז עס דאָרטן פאַר א וואָרף? — טוט זי זיך פּלוצעם א כאַפּ, דערהערנדיק א שטאַרקן קלאַפּ אויף יענער זייט אַלקער, ווי עפּעס איז

אומגעפאלן, — טפו, זאָל עס ווערן, גאָר עס ברעכט, עס וואַרפט! נישט אויסצוהאלטן, וואָס דאָ טוט זיך א טאָג איבער!...

רייזע לויפט געשווינד ארויס פונעם אלקערל און שלאָגט זיך אָן נישט ווייט דערפון, אין א טונקל ווינקעלע, אין עמעצן עפּעס, וואָס האָט, באַברענדיק זיך דאָרט אויף דער ערד מיט זאכן, אומגעוואָרפן א בענקל מיט קווערטלעך און קופּערוואַרג.

— וואָס זאָגסטו, איך בעט דיך, צו זיין טאטן? — לאָזט זיך הערן רייזעס קול דאָרט, הויך אויף א בייזער. — ווהין ער האָט זיך עס, הען א ביסל, פארקליבן מיט די קלימעקעס! גאָר נישט געפונען, כ'לעבן, קיין אנדער אָרט! ווער איז?

קיין צייט נישט צו האָבן ווארטן אויף אן ענטפער, בייגט זיך רייזע איין מיט איר כבוד אליין, צו זען, ווער איז, באַברעט זיך דאָ. זי קוקט דעם פארשוין אין פנים אריין און לאָזט ארויס א געשריי נישט מיט איר קול:

— ר' אברהם! גיכער, ר' אברהם!

ר' אברהם כאפט זיך אויף ווי פונעם שלאָף און פליט מיט אימפעט ארויס פונעם אלקערל.

—ער איז דאָ! — שרייט רייזע גיך אין איין אָטעם, טייטנדיק מיט אלע פינף פינגער. — אָט איז ער, אָט, ער!...

— הערשעלע! — מאכט ר' אברהם אויף א דומפּ־ציטערדיק קול, ארויסשפּרינגענדיק פון די כלים פאר גרויס וואונדער.

הערשעלע איז געשטאנען אראָפּגעלאָזט די נאָז, ווי איינער וואָס האָט זיך פארזינדיקט און פילט, אז אָט כאפּט ער א פּסק.

— גומל באַהאַרפסטו בענטשן, שיין בחורל, וואָס דו ביסט טרוקן ארויס, — רופט רייזע זיך אָן.

— וואָס בין איך שולדיק? אומגערן האָב איך עס דאָך אומגע־וואָרפן, — פארענטפערט זיך הערשעלע.

— ניין, נישט דאָס, — פאלט אריין אין די רייד ר' אברהם, — דו ביסט טרוקן ארויס, מיינט רייזע, פון די יידנס הענט. — וואָס קוקסטו עפּעס אויף מיר אזוי פארוואונדערט, הערשעלע?

— איך פארשטיי נישט, וואָס איר זאָגט! — ענטפערט הערשעלע, מאכנדיק מיט די אקסלען און נעמט זיך צונויפקלייבן דאָס אראָפּגעפא־לענע קופּערנע געפעס.

— איר הערט? — ווענדעט זיך ר׳ אברהם אין דער זייט צו רייזען. — ער פארשטייט נישט, וואָס מע רעדט! אומזיסט־אומנישט, האָב איך מורא, חושד געווען יידן. גאָט זאָל אונדז נישט שטראָפן.

— עט, וואָס דאכט זיך אייך! — זאָגט רייזע מיט א שמייכעלע.

— וואָס דען זשע באטייט דער ווארעניק? האָט זיך יענע פּאָר ווערטער, וואָס איך האָב געכאפּט, מיר נאָר געחלומט?... א־נו, גיט אים נאָר, זייט מוחל, א פרעג, ווו איז ער עס ביז אצינד פארפאלן געוואָרן?

— זאָג נאָר, שקאָץ! — מאכט ר׳ אברהם. — ווו ביסטו עס פארפאלן געוואָרן ביז אצינד?

— וואָס האָסטו עס זיך צו באָרבען דאָ מיט זאכן? מיט וועמעס זאכן? — פרעגט רייזע צוויי קשיות מיטאמאָל און בייגט זיך אָן א קוק טאָן צו א פעקעלע מיט זאכן.

הערשעלע שטייט צעדולט, האלט אראָפּגעלאָזן די אויגן און ענטפערט נישט קיין וואָרט.

— איר זעט עפּעס שיינס! — צעלאָזט זיך אויף איר קול רייזע, האלטנדיק אין דער האנט א קליידל, וועלעכס זי האָט געפונען צווישן די זאכן.

— וואָס זאָגסטו, איך בעט דיך, צו זיין טאטן? א־נו, שיין בחורל, וואָס באטייט דאָס קליידל, א מיידלש קליידל?

— וואָס, וואָס! — מאכט פארוווּנדערט ר׳ אברהם

הערשעלע ווערט אָנגעצונדן, רויט ווי פייער, און קאָן נישט ארויסברענגען קיין וואָרט, אזוי פארקלעמט האָט אים דאָס הארץ.

— דערווייל, ר׳ אברהם, שטייט איר דאָ אויף די פיס, — רופט זיך רייזע אָן. — אָט גייט בעסער מיט אים אריין אין אלקערל, וועט איר מאכן א ברכה. דאָס בחורל וועט אויך עפּעס עסן. ער איז דאָך אוודאי הונגעריק, העט א ביסל! ער וועט עסן און מיר וועלן דערווייל פון אים געוואָר ווערן אלצדינג.

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

די מעשה מיט הערשעלען איז אזוי:

שניאור־וואָלף האָט געפירט הערשעלען פונעם קלייזל גלייך אויף דער קאבצאנסקער אכסניא, ווו ער איז גראָד געשטאַנען. געגוג קאָכט זיך דאָך אויף דער דאָזיקער אכסניא אלע טאָג פון זייער פיל פארשוינען, וואָס קומען און פאָרן אוועק — איז דאָס קאָבעניש דאָרט דאָ־

נערשטיק נאָך גרעסער. דאָנערשטיק הייבן געוויינטלעך יידן אָן שוין קיין צייט נישט צו האָבן, און די, וואָס האַלטן אין פאָרן, איילן זיך אויף שבת, אוים מורא, דער שטן זאָל, חלילה, נישט מקטרג זיין. עס זאָל אין דער מיט וועג נישט ברעכן אן אקס, דער וואָגן זאָל זיך נישט איבערקערן מיט אַלע פארשווינדלעך, נישט איינגעזונקען ווערן איבער די רעדער אין א בלאָטע, אָדער לא יעלה ולא יבוא, די פערד זאָלן נישט צושטיין און מע זאָל, באהיט גאָט, פארשפעטיקן: איינער — דעם ראָסלפלייש, דער אנדערער — דעם מרחץ, אָדער, די בייזע שעה זאָל נישט זיין — און מע זאָל גאָר ארייינפאָרן מיט דעם דישעל אין דער שיסל לאָקשן. אין דער גרויסער בהלה דאָרט פון מענטשן, דענסטמאָל ווען איטלעכער איז פארטראָגן מיט זיך, נישט אין זינען צו האָבן יענעם — איז ביים עק טיש, אין א ווינקל, געזעסן עפעס א יידל מיט א רויטער באָרד און שטארק געשוויצט איבער א שיסל מיט וואַרעניקעס, פון וועלכער עס האָט געזעצט א פארע ווי א רויך. ער האָט געגעסן מיט כוונה, גוט געקייעט, נישט געאיילט, ווי א גרויסער מייסטער אין דער אכילה. קוקנדיק בשעת מעשה אויף אים האָט מען באקומען אן אייזערנעם אפעטיט, כאָטש ער איז שוין פון א צייט פארפאלן געוואָרן און עס האָבן דערצו נישט געהאָלפן קיין דאָקטוירים. וואָס רופאים, וואָס דאָקטוירים! איין מיטל צום אפעטיט איז א בריה א פרעסער — קוקן אויף אים, ווי ער רייבט מיט א לשם=יחוד...

שניאור=וואָלף איז צוגעקומען אליין צו דעם יידל און מיט אים שטילערהייט עפעס געשמועסט. דאָס יידל האָט זיך פארטראכט, אנידערגעלייגט אויף א ווײלע דעם לעפל, קייענדיק זייער פאמעלעך, קוים קוים צו מאכן מיט די ליפן, און מע האָט אין זיין שווייגנדיק פנימל, אין זיין שמייכעלע, דערקענט, אז עס טוט אים עפעס שטארק הנאה.

הערשעלע איז זיך דערווייל געשטאנען אין דעם אנדערן עק שטוב און געווארט, וואָס וועט דאָ זיין. שפעטער א ביסל האָט שניאור=וואָלף מיט א ווינק אים צוגערופן צו זיך און פאָרגעשטעלט פאר דעם יידל, וואָס האָט אים געבעטן זיצן נעבן זיך, מאכנדיק גאָר פריינדלעך:

— מיר ביסטו אויפן אָנבליק געפעלן. איך פארהאָף, אז דעם שוואָגער מיינעם, וואָס זוכט א גוט בחורל פאר זיין יינגל, וועסטו אויך געפעלן. טאָר מיין שוואָגער שטייט אכסניא ווייטלעך פונדאנען. ער איז א גאנץ איידל, אָפגעהיט מענטשל און באדארף האָבן צו זיין געזונט א גערטנדל, א ביסל פרישע לופט. נאָך דעם עסן פאָרן מיר אהין, דיך טאַקע

אויך מיטגעמעז, לאָז ער דיך נאָר אָנקוקן, נישקשה. דאָס איבעריקע — איז שוין אונדזער זאַך. עס וועט זיין רעכט!... דערווייל קום עסן!

— עסט געזונט! — ענטפערט הערשעלע, ווי דער שטייגער איז, אז מע בעט עסן.

— ניין! — זאָגט דאָס יידל — מאַכע אין רעכטן אמת קום עסן.

— זאָגט, זייט מוחל, — ווענדט ער זיך צו שניאור־וואָלפן, — זאָגט דער באַלעבאָסטע, זי זאָל אייך ביידן געבן עסן.

— א שיינעם דאַנק! איך בין נישט הונגעריק ,— באַדאַנקט הערשעלע אויס דרך־ארץ נאָר, הגם עס וואָלט גאָר נישט געשאַדט מאַכע אין מויל אריין צו נעמען עפּעס.

— נעם זשע כאָטש וואָס־ס'איז — בעט דאָס יידל און שטופּט מיט געוואַלד הערשעלען אין דער האַנט אריין א גרויסן, א שוואַרצן, אינעווייניק מיט קעז אָנגעפּילטן וואַרעניק.

— באַלעבאָסטע, באַלעבאָסטע! — רופט צו שניאור־וואָלף רייזען, וואָס איז דורכגעלאָפן פאַרביי מיט דעם פּאַלאָניק אין דער האַנט, מיט געשריי און געפּילדער.

„וואָס זאָגסטו, איך בעט דיך, צו זיין טאָטן?!“ — לאָזט זי, צוקומענדיק, אויס אירן עפּעס א שמועס מיט א פאַרשוין דאָרט צווישן דעם עולם.

— נישטאָ עפּעס צו עסן, באַלעבאָסטע? — פרעגט שניאור־וואָלף.

— וואָס צו עסן, עפּעס? — חזרט רייזע איבער יענעמס ווערטער, מאַכנדיק א שלשלת. — וואָס הייסט עפּעס? וואַרמעס וועט שפּעטער א ביסל זיין.

—איך בין אָבער טויט־הונגעריק, א געוואַלד!

— העז א ביסל! זאָל איך מיך צערייסן, פון מיר מאַכן עסן! וועל איך דערווייל מאַכן אייך א רעטעך, — ענטפערט אָפּ רייזע, וואַרפנדיק א בליק אויף דיביידע יידן, אויך אויף הערשעלען, וואָס האָט, זיצנדיק בקאָמפּאַניע, מיט דרך־ארץ געגעסן א וואַרעניק. זי האָט עפּעס פאַרדרייט מיט דער נאָז און איז אוועקגעגאַנגען אין איר רו אריין.

אז שניאור־וואָלף האָט, כפי־המדובר, דערהאַלטן פון רייזען דעם אויפשאָב אויפן וואַרמעס — א רעטעך, צו וועלכן ער האָט זיך גענומען מיט גרויס חשק, שטאַרק פאַרטיפנדיק זיך אין טעלער, האָט די פּאָליטיקע הערשעלעס מתחייב געווען זיך צו דערווייטערן דערווייל ערגעץ אין דער זייט, ווייל ס'איז קיין דרך־ארץ נישט יענעם קוקן אין די אויגן אריין, בשעת ער עסט .

די טיר פונעם שטוב האָט א רגע זיך נישט צוגעמאכט — דער אריין, יענער ארויס. באפנדיק, אזוי ווי ער שטייט זיך דאָ אזוי, א שטופ פון הינטן, קוקט ער זיך אום און דערזעט צווישן פרישע ארייַנקומענדיקע פארשווינען — וועמען מיינט איר? — ביילען! עס האָט אים א קלאַפּ געטאָן אין הארצן, עפּעס ווי א ווארעמער שטראָם איז אים איבער דעם גאנצן לייב דורכגעלאָפן און ס'איז אים געוואָרן אזוי גוט, אזוי געשמאַק, גלייך ווי ער וואָלט דערזען א שוועסטער, די מאמען, אלע זיינע ליבע. נאָך וועלכע ער האָט אזוי שטארק געבענקט. עס האָט אים מיטאמאָל א שיין געטאָן פאר די אויגן זיין שטעטל, זיין היים, און זיך אין דער דאָזיקער מינוט געפילט נישט עלנט. פאר גרויס פרייד איז ער געוואָרן צעמישט, אזוי, אז ער האָט געררוקט ביילען די האנט ביים צולויפן צו איר, גאָר פארגעסן, אז זי איז א מיידל, אן אשה, און עס קומט איר נישט קיין שלום־עליכם.

ביילע האָט מיט א שטיל געלעכטערל אָפּגעשטויסן באמעלעכן פון זיך זיין האנט, אָנצוהערעניש געבנדיק אים דערמיט זיין גראָבן טעות.

הערשעלע איז געוואָרן רויט ווי א צוויק, האָט זיך ארומגעקוקט פארשעמט אין אלע זייטן, אויב מענטשן האָבן נישט באמערקט זיין ווילדן טעות, און עפּעס געברומבלט גלאט אזוי, גאָר אָן ווערטער.

— איך האָב געבראכט דיר א מתנה, פון דער היים. נא דיר אָט דאָס־אָ! — רופט זיך אָן ביילע, געבנדיק הערשעלען א פּעקעלע. — דאָס שיקט דיין מאמע דיר און לאָזט דיך גריסן.

אין דעם פּעקעלע איז געלעגן א פּאָר אלטע אונטערגעארבעטע זאָקן, אן אלט אויסגעלאָטעט העמד, איינגעוויקלט אין א קאפּאָטקעלע, איבער־געניית אויף דער לינקער זייט פונעם טאטנס אלטער וואָכעדיקער קאפּאָטע מיט א פּאלבאָן.

הערשעלע האָט זיך געשמאָלצן אין דעם העמד, אין די זאָקן, זיי האָבן געהאט ביי אים דעם זיבעטן חן, עפּעס אים דערציילט, גערעדט ווערטער. איטלעכע לאטע איז געווען א מגילה, א גאנצע געשיכטע, וואו עס האָט זיי געלייגט, וויאזוי און מיט וואָס פאר א הארץ מע האָט זיי געלייגט. ער האָט באטראכט דאָס קאפּאָטקעלע — און טרערן זענען אים געשטאנען אין די אויגן. עס האָט אים געשוועבט פאר זיינע אויגן דעם טאטנס בלייך פּנים, געקלונגען אין די אויערן זיין שטיל־שוואך לשון, זיין זיפצן ביים געזעגענען זיך מיט אים: „פּריער — שפּעטער, הערשע־לע, מע מוז זיך שיידן!" — באטראכטנדיק דאָס קאפּאָטקעלע האָט זיך אים געהערט עפּעס ווי א גרוס פון יענער וועלט. א וויי־געשריגן פונעם

טאטן: „אך, האָב איך עס מיר געפּלאָגט דאָס גאַנצע לעבן — און אָט האָסטו דיר אַצינד דעם גאַנצן סך־הכּל: מיין נשמה האָט גענומען גאָט, מיין לייב — די ערד, און די אַלטע קאַפּאָטקע, מיין גאַנץ פאַרמעגן, גיעם די, זונעניו, און טראָג געזונט!“...

ביילע האָט דערציילט הערשעלען, אַז אירע אָרעמע עלטערן האָבן זי געשיקט אַהער, קיין גלופּסק, זיך צו שטעלן ערגעץ אויף אַן אָרט, און אַזוי ווי זי איז דאָ ווילד־פרעמד, האָט זי אים געפרעגט, טאָמער ווייסט ער, וווּ איז ערגעץ די „זאָרג־באַנק“ — דאָס אָרט וווּ די דינסטן, מעק־לערינס קומען זיך צונויף, אַזוי האָט זי געהערט זאָגן, און אויב זיין גו־טער ווילן איז, זאָל ער אַליין טאַקע מוחל זיין זי אַהין אָפּצופירן.

פאַר גרויס פרייד דורכצוגיין זיך דאָ מיט ביילען און וואָס דערוויל וועט ער טאַקע קאָנען אויספרעגן זי אויף איטלעכן באַזונדער אינדער־היים, איז אים גאָר אַרויס פונעם זינען שניאור־וואָלף מיט זיין שותּף, מיט דער גאַנצער שטעלע.

שניאור־וואָלף און דאָס יידל, וואָס זאָלן זיי דאָ דענקען? דאָס בחורל — וואָס דען זאָל ער טאָן? — דרייט זיך אַרום אין שטוב צווישן דעם עולם, זיי האָבן אַ פּאָר מאָל אויך אַכטונג געגעבן. נישקשה, ער וועט וואַרטן, ער באַדאַרף דאָך זייער טובה!

און בשעת שניאור־וואָלף איז דאָ געווען אַזוי פאַרטאָן אין דעם רע־טער און דאָס יידל האָט זיך געגרונטעוועט אין דער שיסל מיט וואַרע־ניקעס, אין דער גוטער האָפענונג, אַז באַלד וועט די באַלעבאָסטע צוטראָגן נאָך עפּעס — זענען אונדזערע ביידע קאַבצאַנסקער יונגע פאַרשוינען, ווי אַ פּאָר טויבן אַרויסגעפלויגן פון דער אכסניא — זיך געשפּאַצירט איבער גלופּסק.

ביידע האָבן זיך געפילט עפּעס גוט, ביידן האָט עפּעס הנאה געטאָן. די דערמאָנונגען פון דער היים האָבן זיי אונטערגעגעבן פייער, געעפנט אַ מויל צו רעדן. דאָס שעמען זיך זייערס אַמאָל אין קאַבצאַנסק איז דאָ, אין דער פרעמד, פאַרשוווּנדן, ווי אַ רויך. הערשעלע האָט זיך זאַט נישט געקאָנט אָנרעדן, אויסגעפרעגט אויף איטלעכס פיצעלע אינדערהיים, אין דעם גאַנצן שטעטל, אויסמישנדיק אַלצדינג איבייִנעם, נישט פאַרגעסן אפילו שעפּסל דעם מלמדס ציג, זימל דעם שענקערס ניי אייִדעמל, נח־אליהו דעם וואַסערפירערס לאָשעקל און אַנשל דעם האָרבאַטנס קעלבל. מילא די אַלע באַשעפעניש זענען דאָך פאָרט לעבעדיקע נפשות און האָבן מיט הערשעלעס נשמה עפּעס וואָס־ס'איז כאָטש אַ שטיקל שייכות; אָבער וואָס פאָרט האָט זיך מיט אים אָנגעהערט חיים דעם געשטופּלטנס שטרויע־

נער דאך, לייבציע־טעמצעס פליטה וכדומה אזעלכע טויטע, נישט קיין לעבעדיקע זאכן, מיט וועלכע ער האָט זיך שטארק אינטערעסירט און ס'איז אים צוגעקומען א שטיק געזונט, אז ביילע האָט אים פון דעם אלצדינג דערציילט? מע באדארף אָבער עלנט זיין אין דער פרעמד און אויך גוט זיך צוקוקן, צוהערן צו זיך, בכדי צו פילן דעם טעם דערפון און ענטפערן אויף דער האָזיקער קשיא. — ס'איז, כ'לעבן, רעכט! אין דעם מענטשנס נשמה שפיגלט זיך אָפּ א גאנצע וועלט. דער ים געפילן אין הארצן נעמט זיך פון טויזנטער קוואלן אינעווייניקסטע אין אים און אויסנווייניקסטע הויץ אים...

די זאָרג־באנק, ווו אונדזערע יונגע פארשוינען זענען געגאנגען, האָט זיך איינגאנצן, ווי זי איז, אנטפּלעקט פאר זייערע אויגן, געוויזן וואָס זי אזוינס באטייט און מיטאמאָל ביי זיי צוגענומען דעם חשק צו רעדן. עס האָט זיך א ווייז געטאָן אן אויסמישעניש פון אלערליי צורות און געשטאלטן: פאָנפעוואטע, צונעפלאטשטע און געשוואָלענע נעז, ווארגעס, לעפצן, באפרישטשעטע, שוויסיק־גלאנצנדיקע שטערנס און שיינע חנעוודיקע פנימער, געעלטערטע, געקנייטשט פאר דער צייט; א קאשע פון אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע און פון משונה־ווילדע מאָדניצעס, מישטייגנס געזאָגט: שמאטעס, לאטעס, צעהאקטע עפעס, נאקעט לייב, הוילע, פון צעפּגלענע שיך ארויסקוקנדיקע פינגער, איינגעם מיט אָפּגעבלאקעוועטע, אָפּגעפּאָרענע, כלומרשט נאָך דער מאָדע געניייטע קליידלעך, ווילדע קרינאָלינעס, מגושמדיקע שטיוועלעטלעך אויף הויכע, אויסגעקרימטע קנאפּעלעך; א דור־הפלגה פון פארמישטע לשונות און געמבעס, גראָבע, דינע קווישעדיקע, הייזעריקע, כאָרכלענדיקע און זינגענדיקע קולות. —

דאָס איז די גאנצע אָרעמינקע קאָמאנדע פון מיידלעך, ווייבלעך, יונגטן מיט ברעקלעך קינדער און שלימזלדיקע, אָפּגעקומענע באלעבאָטעס, געטריבן פון דער ביטערער נויט אהער אויף דעם יאריד צו פארהאנדלען זיך פאר קעכינס, דינסטן, ניאנקעס און אמען אין נגידישע, באלעבאטישע הייזער.

עס איז א גערעדעריי, א געפּלוידעריי: געשליפענע צינגלעך קלאַפּן, מיילער אויף שרויפן מאָלן, ווערטלען זיך, שפּעטן, בארעדן, אָפּגעקומענע באלעבאָסטעס אָכצן, קרעכצן, ווישן די נעז און רייבן די אויגן. מעקלערינס אין שאלן, אין יופּעס אויף איין ארבל, דרייען זיך ארום ווי די מלאכי־חבלות. איינע כאַפּט, ווי פון דער שטייג עופות, ארויס א ווייבל, א מיידל און פירט זי ערגעץ אוועק. די צווייטע קומט צו לויפן בייז ווי א רוח עפּעס מיט עמעצן שטארק נישט צופרידן. און די דריטע טענהט,

רעדט צוקער=זיס מיט באלעבאָסטעס טאקע ואויפן אָרט, אָפּלויבנדיק אין נאָג אריין איר סחורה: די איז א בריה אויף הלה=באקן, די האָט גילדענע הענט צו שייערן מעש, קופּערווארג גאָר אנטיק, און יענע איז איין קעכ=נע אין דער וועלט, אירע מאכלים מעג דער מלכות עסן; נאָך קיינמאָל — אז קיין צער — אין דעם ברויט נישט געווען ביי לייטן, אליין ביי זיך געווען א באלעבאָסטע —א קאטאָוועס נחומצע דעם בטלנס א ווייב!

אונדזערע פארשוינען זענען געבליבן פארגאפט און א היפשע צייט געשטאנען שטום מיט א פארקלעמט הארץ, ווי די שעפּעלעך, אויף דעם ראָזיקן מארק.

הערשעלע האָט זיך דערגאַנגען אפילו א כאפּ געטאָן, ס'איז קיין דרך= ארץ נישט, וואָס ער איז אוועקגעגאנגען און געלאָזט שניאור=וואָלפן אויף זיך ווארטן אזוי לאנג; נאָר דאָס הארץ אָבער האָט אים נישט געלאָזט זיך אָפּרייסן פון ביילען, צו וועלכער עס האָט אים עפּעס געצויגן, געזוכט ביי זיך דערויף א תירוץ כלומרשט — זי איז דאָך פון זיין שטאָט, א נאָענטע שכנה, דאָ גאָר גאָר פרעמד, איז דאָך זיין שולדיקייט, באלד אין דער ערשטער שעה זי נישט אוועקצוווארפן. אים איז ארויף א גע=דאנק, מעגלעך שניאור=וואָלף וועט דערווייל מיט פארדראָס אוועקפאָרן, פארלירט ער דאָך א שטעלע, — נאָר — הערט א וואונדער! — דאָס האָט אים גאָר עפּעס נישט אזוי געארט, פארקערט, יאָ, לאָז זיך טאקע זיין אזוי. עס האָט זיך אים עפּעס שטארק נישט געגלוסט, אז גראָד אין דער צייט, ווען ביילע איז געקומען, זאָל ער באדארפן אוועקפאָרן. עס האָט אים זיך טאקע נישט געגלוסט און פאָרט זיך נישט געוואָלט מודה זיין, וואָס ביי אים דאָרט טיף אין הארצן גייט פיר. ער האָט געזוכט ביי זיך אנדערע טעמים, זיך געדרייט מיט הסברות, און איז לסוף, ווי דער שטייגער פון מענטשן איז אמאָל אין געוויסע זאכן, געפאלן אויף א שווינדל, ארייננצו= לייגן שמד=שטיק אין דער יראה אריין — אָט דאָס אינגאנצן איז פון גאָט! ממה=נפשך, איז באשערט, וועט ער, נישקשה, די שטעלע נישט פארזאָמען; אלא נישט, האָט דאָך עס טאקע גאָט אזוי געמאכט, עס זאָל אים גלוסטן דאָ שהיות צו מאכן... און יענער זאָל דערווייל אוועקפאָרן.—

אבי גאָט איז שוין דאָ אינמיטן, האָט הערשעלע זיך נישט געאיילט און איז מיט א גרינג הארץ געבליבן נעבן ביילען ווארטן, ביז ער וועט נישט זען, וואָס מיט איר וועט זיך דאָ מאכן.

די צייט איז זיך דערווייל געגאנגען און ס'איז געוואָרן שפּעטלעך.

איינע, עפּעס א מעקליערין אפּנים, האָט פונדערווייטנס אליץ באַ= טראכט ביילען, זי איז איר, אפּנים, זייער געפעלן, ווי עס האָט זיך טאקע

ארויסגעוויזן שפּעטער אין די גוטע, זיסע ריידעלעך, מיט וועלכע זי האָט זיך צוקומענדיק געווענדט צו ביילען, אז זי האָט פאַר איר זייער א גוט אָרט, ווו מע קאָן זיך אויסגלייכן די ביינער, עסן, טרינקען וויט ביז אי-בער דעם האַלדז, אבי גאָר זי וועט קיין שלימזלניצע נישט זיין.

ביילע איז באַלד טאַקע מיט דער יידענע געגאַנגען, געבעטן פאַר דעם אוועקגיין הערשעלען, ער זאָל אזוי גוט זיין געוואָר ווערן אויף דער אכסניא צו אירע זאַכן, וועלכע זי האָט דערווייל אין א ווינקעלע דאָרט איבערגעלאָזט.

הערשעלע, עס פאַרשטייט זיך, איז נישט פויל געווען צו טאָן איר ווילן, און בשעת ער האָט אין א ווינקל דאָרט, נעבן אַלקערל, זיך גע-באַברעט איבער די זאַכן, אומוואַרפנדיק דערביי דאָס בענקל מיט דעם קופּערוואַרג, איז רייזע ארויס מיט א געפּילדער און האָט אים דערטאַפּט.

דאָס אַכטע קאַפּיטל

רפאל האָט דערווייל צוגעגרייט ביי זיך א סדר מיט פּונש און מיט פאַרבייסן, אַלצדינג ווי געהעריק, גאָר געוואָרט, די טיר זאָל זיך עפענען און זאָגן: ברוך-הבא, ר' אברהם! ער האָט געמעגט טאַקע היינט אָפּריכטן דעם סדר, ווי גאָט האָט מיט גרויס נסים אים אויסגעלייזט פון גדליה ווינטמאכער, פון וועלכן עס האָט זיך אויסגעלאָזט א טייך, ווו היפּשע מענטשן זענען, ווי די מצריים אמאָל, אריין איבער די אויערן, דערטרונ-קען געוואָרן מיט זייער פאַרמעגן — און ער איז האָפּערלעך פון אים טרוקן ארויס.

רפאל האָט געשטאַמט פון א שטעטל ערגעץ אין פּוילן. ערשט אקעגן א פינף-זעקס יאָר, אז ער האָט זיך באזעצט אין גלופּסק און געהאַט דאָ אין קאָמיסיע סחורות פון די גרויסע לאָדזשער פאַבריקאַנטן.

גלופּסק איז פון לאַנג אָן באַקאַנט פאַר א גוטן האַנדל-פּונקט, אויף וועלכן א סך פאַבריקאַנטן פון דער וועלט האָבן אן אויג, אָפּצוזעצן דאָ זייערע מיני סחורות. נישט דעריבער ווייל גלופּסק האָט א פּאָרט, אָדער א בערזשע מיט בארימטע קאַנטאָרן, ניין! אויף איר פּיאַטאַנגילעוקע גייען נישט קיין אָקרענטן. זומער אין די גרויסע היצן איז אין איר, חוץ פאַר די שטאָט-חזירים, נישט קיין אָרט ווו זיך צו באָדן. און ווי געווינט-לעך קלעקט נישט דאָס ביסל וואַסער אויף צו לעשן די שריפות. איינמאָל האָט זיך שוין אפילו געטראָפן, אז אויפשטייענדיק אין א שיינעם פרי-

מאָרגן האָט דער גלופּסקער עולם פונעם גאַנצן מייך קיין סימן אפילו נישט געפונען — ער האָט אָנגעזעצט און יבש... בייגאַכט, אַז א זייגער־זונט, עוקר געווען, ווי אין דער ערד אריין! עס האָט דענסטמאָל געקלונגען דערמיט די וועלט, פאַר חידושים זיך געפּויקט אין די גאַזעטן: נישטאָ קיין פּיאַטאַגאַנילעווקע! פּיאַטאַגאַנילעווקע איז אַנטלאָפן!... אין אַ קורצער צייט נאָך דעם אַנטרינען, האָט זי, ווי דער שטייגער איז פון אַלע אַנדערע אָנזעצערס, ווידער זיך געוויזן און אויפגעאַסניי באַקומען ביי די באַלעבאַטים קרעדיט — שמעקנדיקע פרישע פּאַמוניצעס מיט אַלעם גוטן...

פון קיין בערזע ווייסט גלופּסק אויך גישט וואָס צו זאָגן, יידן פאַרזאַמלען זיך קופּענווייז אויף דער גאַס, אויף די גאַנגעקעס דאָרט, און אַנשטאָט קאַנטאָרן איז מען זייער גוט יוצא מיט בעלי־הלוואות, וואָכערניקעס, וואָס מאַכן עס נישט ערגער פון א טייל באַנקירן אין אַנדערע שטעט און רעכענען פּראָצענט נאָך פּראָסט אָן חכמות אויף די סדרות פון דער הייליקער תורה... וואָס זשע דען? גלופּסק האָט א גרויסן ווערט דערמיט אַליין נאָר, וואָס זי איז אָנגעזעצט מיט א ים יידן, אָן עין־הרע א כפרה אַלע ימען, אַלע פּאָרטן און אַלע בערזשעס פאַר א יידיש קעפּל! דאָס יידישע קעפּל איז עפּעס א דראָט־אַרבעט, פליט הויך אין דער לופטן, עס דרייט, קערט וועלטן.

— ווי יידן, דאָרט איז מערקור המלאך, דער ממונה איבער דעם האַנדל... פאַררוקט א ייד דאָס היטל, ווערט געבוירן א פּלאַן; גיט ער א קנייטש דעם שטערן, שפּרינגט אַרויס א פרישצאַפּלדיק עסקל, און לאָז ער א קראַץ טאָן זיך אין דער פּאה, וואַקסט ווי פון דער ערד אַרויס א טראַנספּאָרט סחורה. און ביי די גלופּסקער, נישקשה, איז אַרויף ביז דעם האַלבן קאָפּ פאַררוקט דאָס היטל, זיי קנייטשן גוט דעם שטערן און קראַצן, קראַצן געשמאַק די פּאה. מע באַדאַרף נאָר קיין נאַר נישט זיין, היטן זיך די ביינער, קאָן מען אין גלופּסק מאַכן געשעפטן. און, איבעריקנס, אַז מע כאַפּט אַמאָל פון עמעצן א „קוממיות", מילא וואָס איז דאָ אַזוינס? אויף דעם ים גייט דען אַמאָל נישט אונטער א שיף מיט סחורה און ווערט דערטרונקען? דער גאַנצער חילוק איז נאָר, וואָס דאָרט איז דערטרונקען — דערטרונקען מיט אַן עק! און דאָ ווערט געוויינטלעך נאָך „קוממיות" נאָך געצאָלט קבורה־געלט געוויסע „מאַכערס" אַזעלכע, פאַר זייער מי, דעם געשעדיקטן „קדוש" צו טאָן זיין רעכט.

אַז רפאל האָט געקאָנט א יאָר זעקס זיך האַלטן מיט זיין קאָמיסיע אין גלופּסק און נישט געשעדיקט געוואָרן, איז דערפון זייער גוט געדרונגען, אַז קיין נאַר איז ער זיכער נישט געווען.

אין דער שטאָט איז רפאל באקאנט געווען פאר א גוטן, פיינעם, ערלעכן יונגנמאן, הגם ער האָט געכאפּט א שטיקל אָנבליק פון דעם נייעם שניט מענטשן, נאָר זיין האנדל אין דער וועלט מיט סוחרים האָט דעם קליינעם חסרון פארריבן און מע האָט זיך נישט ווּסנדיק געמאכט. עט, וואָס מאכט עס אויס! ביי א סוחר קוקט מען איבערהויפּט נישט אויף פיל ערגערע זאכן אויך. א סוחר, נישקשה, מעג... און אזוי ווי רפאל איז געווען אן אלמן, האָבן זייער פיל, פונעם פרומען עולם אפילו, געשארפט אויף אים די ציין, צו דערטאפּן אים פאר אן איידעם.

ער איז געווען איינער פון יענע יונגעלייט, מיט א יאָר פערציק צוריק, אונטער יידן, וואָס זענען פונעם תנ"ך און דער גמרא געוואָרן „באהאלטענע משכילים". — יענע, עליהם־השלום, זענען נישט אָפּגעזונדערט געוואָרן פונעם איבעריקן עולם, נישט אין דעם יידישקייט, נישט אין דער הלבשה; געלערנט, געדאוונט דריי מאָל אין טאָג, זיך געוואשן, געבענטשט גלייך ווי אלע; געגאנגען געקליידעט, געטראָגן אן ארבע־כנפות, נישט געזעסן אָן א היטל — אלצדינג גלייך ווי אנדערע, אויסער נאָר, וואָס זיי האָבן זיך מתיר געווען איבערצוהיפּערן געוויסע שטיקלעך פּיוט, א ביסל אונטערקירצן די קאפּאָטע, בכדי זיך נישט צו פארדריפּען, צו לאָזן וואקסן א ביסל די האָר, אונטערצושניידן א קאפּעלע די פאות און האלטן ריין, אויסגעקעמט דאָס בערדל, וואָס דערפאר פלעגט מען אויף זיי צווישן דעם עולם עפּעס מורמלען. — דאָס זענען פון יענער צייט די נייע „למדוואָניקעס" אין דער בילדונג. פון דרויסן אָנקוקנדיק זיי, איז דאכט זיך גאָרנישט, דאָס מויל צוגעמאכט, נישט געפלאפּלט; אָבער, הייליקער גאָט, וואָס אינעווייניק ביי זיי האָט זיך געטאָן אין הארצן! אין הארצן האָט געגליט דאָס יידיש־פּינטעלע, עס האָט געברענט דאָס הייליקע פייערל פון ליבשאפט צו דער גאנצער וועלט מענטשן. פאר זייערע אויגן האָט געשוועבט עפּעס אַן אָנהייב פון א נייער, א גוטער, א שיינער וועלט. עס האָט זיך געגלייבט, געהאָפט, אָט־אָט קריכט זי פונעם איי ארויס למזל אין א ליכטיקער צייט — און עס וועט זיך לעבן אין א גן־עדן, זייער גוט. צווישן זיך האָבן זיי שטילערהייט געלעבט ווי ברידער, ווי חסידים פון איין רבין, נאָר אָנשטאָט משקה האָבן זיי געשלונגען די ווערטער פון די הייליקע נביאים, פון מליצה־ספרים, זיך געקוויקט, זיך ארומגעטראָגן מיט יענעמס עפּעס א שירל און אליין אויך געמאכט מליצות אזוי, אָדער אין א שלום־לאוהבי בריוול — אליץ: אהא! הוי! א, ווי־געשריגן! האָט עמעצער, א יונגערמאן, חשק באקומען זיך צו נעמען אויף דעם נייעם דרך, עפּעס צו לערנען, איז דאָס ביי זיי זייער אָנגעלייגט געווען,

גלייך ווי ער טוט זיי דערמיט א גרויסע טובה, און האָבן אים געהאָלפן מיט וואָס נאָר מעגלעך. — אָט אזוי האָבן געלעבט אמאָל יענע יונגע־אַלטע נארן, עליהם־השלום, נאָך נישט געכאפּט אין דער בילדונג דעם רעכטן סטרי, נאָך נישט געוווסט וואָס היינטיקע אַלטע־קלוגע קינדער, אז דער סוד פון השכלה איז דווקא אן אָפן מויל, א ברענענדיקס, פּער און שוועבל, און א הארץ — קאַלט ווי אייז; אז די בעסטע תוחה איז סחורה און די בעסטע מליצה — א קערבל...

ביי דער פאמיליע האָט רפאל געהייסן לובלינסקי, נאָר יידן האָבן אים געווײנטלעך גערופן פשוט ביים נאָמען, אין די אויגן — ר׳ רפאל, א סימן, ווי שטארק באליבט ער איז געווען ביים עולם. ביי רייזען איז ער געווען נאָר דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל. באלד נאָך זיין קומען קיין גלופסק האָט ער ביי איר אויפן הויף געדונגען א דירה מיט קעסט. און רייזע האָט אים שטארק אָפּגעהיט, זיך געפלייסט שטענדיק, אז דער וואָרעמעס פאר אים זאָל זיין צו דער צייט און באטעמט.

די באקאנטשאפט ר׳ אברהמס מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן דורך א שידוך־רעדן אים, געוואקסן וואָס ווייטער אלץ מער, ביז זי האָט זיך אויסגעלאָזט צום סוף מיט א הייסער פריינדשאפט צווישןביידע צדדים. אין איטלעכן פון זיי איז געלעגן עפּעס אזוינס, וואָס דאָס האָט געצויגן איין הארץ צו דעם אנדערן. ביידע האָבן גרוים פארגעניגן געהאט צו פאר־ברענגען אמאָל א שעה צייט ביי א גלעזל טיי, אָדער פונש, אין א וואַ־רעמען שמועס צווישן זיך, גאָר אָן שום זייטיקע אינטערעסן.

אז דער סדר איז שוין געווען פארטיק, רפאל איז אין כאלאט מיט שטעקשיכלעך געזעסן אָנגעלענט אויף א בענקל ארײנקוקנדיק אין א ספר, איז ר׳ אברהם אריינגעקומען אין שטוב מיט א ברייטן „גאָט־העלף!“.

— א, ברוך־הבא! — טוט רפאל זיך א כאפּ פונעם בענקל, גייט ר׳ אברהמען אקעגן און קוקט אים גלייך אין פּנים אריין. — עפּעס שיינט איר דאָך גאָר, ר׳ אברהם, גאָר נישט דער אייגענער וואָס פריער א ביסל! אָט אזוי האָב איך אייך טאקע ליב.

— זעט איר, הא — רופט זיך אָן ר׳ אברהם, — ווי גאָט קאָן מאכן אין איין מינוט פון שלעכט גוט. איך בין נישט אליין, האָב געבראכט נאָך עמעצן.

— ווו זשע איז ער? — פרעגט רפאל. — בעט אים אריין, אייער גאסט, וועלן מיר האָבן טאקע א מזומן.

ר׳ אברהם האָט באלד ארײנגעפירט הערשעלען, וואָס איז ביים ארײנ־קומען געבליבן דערווייל אין פאָר־חדר, און אים פאָרגעשטעלט פאר רפאלן.

מיינעם א גוטן באקאנטנס, עליו-השלום, א בחורל פון דער פרעמד, לערנט ביי מיר אין קלייזל. איבער אים האָב איך עם היינט גע-האט אזא הארצוויטיעק, נו, געלויבט השם-יתברך, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט גוט. פון מיר קומט היינט א טרונק.

— גוט יום-טוב! — זאָגט מיט א שמייכעלע רפאל. — ביי אונדז בייזן איז דאָך היינט עפּעס אזא פרייליכער טאָג! קומט זשע, איך בעט אייך, צום טיש און לאָמיר זיך ווילטאָן.

בײַם טיש האָט רפאל אונטערגעטריבן הערשעלען, ער זאָל עסן, טרינ-קען, זיך נישט שעמען, צולייגנדיק אים אלץ, דאָס, יענץ, אויפן טעלער. דאָס קערמעשל האָט אויסגעזען עפּעס טאקע ווי א שמחה. דער קליינער עולם איז געווען צופרידן, שטארק הנאה געהאט בײַם פונש.

זיצנדיק איינצווייען מיט רפאלן ביים אָפענעם פענצטער, האָט ר׳ אברהם איבערגעגעבן די גאנצע מעשה מיט הערשעלען. רפאל האָט זיך פונדערוויטנס צוגעקוקט צו הערשעלען, וואָס איז געזעסן בײַם עק טיש איבער א גלאָז טיי, און זיך עפּעס פארטראכט. אין זיין פּנים איז געווען צו דערקענען, אז הערשעלע איז אים שטארק געפעלן און דאָס בימערע עלגט זיינס האָט אים גערירט ביים הארצן.

— דאָס איינציקע, וואָס איך בין אימשטאנד דערוויל צו טאָן פאר אייער בחורל, — זאָגט רפאל שטיל צו ר׳ אברהמען, — איז דאָס נאָר, וואָס איך קאָן אים געבן ביי מיר אן אָרט אויף נאכטלעגער. לאָז ער כאָטש זיך נישט וואלגערן אין קלויז אויף דער הארטער באנק דאָרט. און וויי-טער וועלן מיר זען.

— אָך, איר וועט האָבן א גרויסע מצווה! — מאכט ר׳ אברהם, אויפהייבנדיק זיך פונעם בענקל און ווענדט זיך באלד טאקע צו הערשע-לען מיט דער בשורה: — דו הערסט? פון היינט אָן וועסטו האָבן נאכט-לעגער דאָ, ביי ר׳ רפאלן. דאנק זיי פאר זייער גוט הארץ און קום.

דעם עולמס ווערטל „וועו פרייט זיך אן אָרעמאַן? — אז ער גע-פינט, וואָס ער פארלירט" — דאָס איז זייער גלייך טאקע צוגעפּאסט גע-ווען צו ר׳ אברהמען. ער איז זייער שטארק אויפגערוימט געווען דעם גאנצן וועג, גייענדיק פון רפאלן. ער האָט זיך געפרייט, קוקנדיק אויף הערשעלען, וואָס איז אים געגאנגען ביי דער זייט, און געטריבן מיט אים אלץ קאטאָוועס. ס׳איז אים צייטנווייז אפילו דורכגעלאָפן, ווי א וואָלקן, נישט קיין אָנגענעמער געדאנק, פארוואָס ער האָט אומזיסט חושד גע-ווען א יידן, געבעד — נאָר דאָס איז געווען א פיצל זומער-וואָלקנדל, וואָס פליט אויף א ווײַלע פארביי דער ליכטיקער זון און פארשווינדט באלד, ווי א רויך.

הערשעלע ווידער איז געווען עפּעס צעדרייט, געגאַנגען פאַמעלעך און פאַרטראַכט. אים האָט נישט געלאָזט רוען ביילע — איז איר געראָטן צו באַקומען אן אָרט, אָדער בלאָנקעט זי זיך ערגעץ אַזוי אַרום? — און אויך דאָס קלימעקל אירס אויף דער אכסניא.

— קום גיכער א ביסל! — האָט ר׳ אברהם אונטערגעטריבן הערשעלען. — וואָס גייסטו עפּעס אַזוי פאַמעלעך? משהלע, נעבעך, מוז זיצן אַליין דערווייל דאָרט און באַאומרואיקט זיך אַוודאי שטאַרק וועגן דיר. א רחמנות, כ׳לעבן. גיכער, גיכער א ביסל!

— ר׳ אברהם! — רופט זיך אָן הערשעלע מיט א געבעט. — לאָזט מיך, איך בעט אייך, א לויף טאָן צוריק אויף דער אכסניא. אין איילעניש האָב איך פאַרגעסן בעטן רייזען אכטונג צו געבן דאָרט גוט אויף די זאַכן. ס׳איז דאָך אן אָרעמס... אן אָרעם מיידלס א קלימעקל.

— טאַ! — מאַכט ר׳ אברהם, אָנקוקנדיק א ווײַלע הערשעלען, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. — האָיע זשע, למען השם, נישט און קום געשווינד צוריק. איך וועל אַליין גיין מיט דער בשורה.

ווי א באָמבע איז ר׳ אברהם אַריינגעפלויגן אין פּאַליש, אָנגעלאָדן מיט דער פרייליכער בשורה, קוים איינהאַלטנדיק זיך, נישט אויסצושיסן זי דאָרט. ביי דער טיר פונעם קלייזל אָבער שלאָגט ער זיך אָן מיט א ייִדענע, וואָס טוט אים א פרעג אויף א טרויעריק קול:

— ווו איז משהלע?

— אָ, משהלעם מאַמע! — מאַכט ר׳ אברהם:

— דאָס צווייטע מאָל בין איך שוין דאָ, — זאָגט משהלעם מאַמע אויף א ציטערדיקער שטימע. — איר מוזט אפשר וויסן, ווו איז ער, מיין זון! א גאַנצן טאָג איז זיין פוס אינדערהיים נישט געווען און קיין לעפל וואַסער אין מויל נאָך נישט געהאַט. ווו די וועלט האָט אן עק האָב איך אים שוין אויסגעזוכט. אוי, געוואַלד, נשמהגיו! זאָגט מיר, ווו, ווו איז ער, מיין משהלע?!

— וואָס הייסט!... ס׳טיימש!... מאַכט ר׳ אברהם פאַרוווּנדערט און ווערט בלייך, ווי די וואַנט.

פון דער דעמבענער קרעטשמע, אַקעגן זיבן־אַכט ווערסטלעך פון גלופּסק, ציט זיך ביי ביידע זייטן פונעם ברייטן זאַמדיקן שליאַך, צו דער שטאָט צו, א גרויסער שיינער וואַלד פון הויכע סאָסנעס און דעמ-

בענעביימער. דער שליאך איז ערטערווייז גריבערדיק מיט זומפיקע קא־לוזשעס, אין וועלכע עס האלטן זיך אויף זשאבעס, קוואקען, רייסן זיך אויף די העלדזער, קינדלען זיך דאָרט און גיבן איבער בירושה זייערע בלאָ־טעס מיט אלע זייערע משוגענע העוויות פון איין דור צום אנדערן דור. דעריבער פאַרצווייגן זיך וויטלעך אין דעם וואלד זייט־וועגעלעך, אויף וועלכע באלעגאָלישע בוידן און גויים מיט פירלעך האָלץ נעמען זיך פו־נעם שליאך ארויף און פאָרן, איטלעכער אויף זיין דרך מיט זיין גירסא. א באלעגאָלע באדארף זיין א גרויסער בקי דאָרט, א חריף, א למדן־מופלג צו דרייען זיך הין־און־הער, זיסט, קערט זיך איבער דער וואָגן אין זייגע פון די קאנאוועקעלעך — און מע ברעכט רוק־און־לענד.

אויף א שמאָל שטעגעלע צווישן יונגע פרישע ביימלעך, ביים ברעג וואלד, גייט זיך פארנאכט שמואליק דער טאנדעטניק, צעבראסטעט, אויפ־געשפילעט די קאַפּאָטע מיט א קליין פעסעלע אונטער דעם אָרעם. מיט דעם דאָזיקן פעסעלע גייט ער עס אזוי אָלע דאָנערשטיק כמעט צו דער דעמבענער קרעטשמע, וווּ ער פילט עס אָן מיט גוטן בראָנפן אויף א וואָלוועלן מקח און טראָגט עס גאנץ פרי אין שטאָט אריין פאר זיינע געוויסע באלעבאטים אויף שבת, פון וואָס עס בלייבט אים א ביסל פאר זיך אויף קידוש, אויך עטלעכע גראָשן דערצו פאַרדינסט. דער איבע־ריקער עולם, וואָס וויל וואָלוועלן בראָנפן פאר זיין געבראויך נאָר, נישט דערמיט צו פארדינען, לאָזט זיך אהינצו נאָך דער משקה געוויינטלעך פרייטיק פרי, און דענסטמאָל איז דער וועג אהין אָפּגעשיט אָפּט מיט קינד־און־קייט, יונג און אלט, באלאָדן מיט פלעשלעך און אלערליי כלים. אזוי איז שוין דאָרט איינגעפירט פון אלטע צייטן — און א יידישער מנהג ברעכט א דין, אפילו דעם דין פון דער ארענדע, און בפרט א גלופּסקער ארענדע, וואָס אמאָל אָן ראטע...

די זון איז געשטאנען ביים עק הימל, גרויס, רויט ווי א פייער, און געזעגנענדיק זיך מיט דער וועלט פאר דעם אוועקגיין אין איר רו אריין, האָט זי געוואָרפן א בליק — אירע מילדע גילדענע שטראלן — אויף גראָז, אויף ביימער, אויף בערגלעך און טאָלן. דער אָפּגלאנץ פון איר ליכטיק פנים אויף זיי האָט זיך אויסגעדראכט עפּעס גאָר ווי א שיינענ־דיק־פרייטרלעך שמייכעלע צווישן דעם מרה־שחורהדיקן שאָטן, וואָס האָט זיך אויף זיי אלע אָנגערוקט. ס'איז געווען צום הארצן עפּעס אומעטיק־פרייליך, זיס־ביטערלעך צו גלייכער צייט. די שיינע נאטור זומער פאר־נאכט איז א כלה צום באדעקנס אונטער דעם שלייער — דענסטמאָל האָט זי ערשט דעם זיבעטן חן, ציט זי דעם חתן ביי דער נשמה, עס צעשפּילט

זיך אים דער כוח=המדמה, ער טראַכט און פאַרטראַכט זיך אויף איר פנים, וואָס שיינט ארוים, שמייכלענדיק צו אים, פונעם פאַרבאָרגעניש אונטער דעם דעק=טוך און רעדט, צענעמט אים עפּעס אזוי, אָן ווערטער.

שמואליק — אָט דער טאַנדעטניק, וואָס אין שטאָט ארומיאָגנדיק זיך ליגט אים די נשמה איינגאַנצן מיט אלע געדאַנקען אין דער פּרנסה, קיין זאַך גייט אים נישט אָן, נאָר אַלץ ברויט, דאָס זונדיקע שטיקל ברויט — אצינד, דאָ אויפן גרינעם גראָז, אויף דער פרייער לופט איז ער עפּעס, ווי ניי=געבוירן. עס דערוועקן זיך אין אים איידעלע געטלעכע געפילן, די אויגן קוקן, האָבן הנאה פון גאָטס שיין וועלטעלע, די נאָז שמעקט זיסע טייערע ריחות פון טויזנטערליי קרייטעכצער; די אויערן האָרכן די וווּנדער=שיינע קאַפּעליע פון שפּילפייגעלעך, וואָס רופן זיך איינס מיט דעם אנדערן איבער אויף זייער לשון ערגעץ צווישן בלעטער פון ביימער, וואָס צעגיסן זיך אין שטייגער אויפן העלדזעלע, פלאַטערנדיק מיט די פליגעלעך, זאָגן שירה און שפּרינגען „קדוש" אויף דינע צווייגעלעך. שמואליקס נשמה כאַפּט זיך אויף, ווי פונעם שלאָף, דאָס פּנים איז אים עפּעס חי איבערגעביטן, ער קוקט און טראַכט: „אוי, מחיה!" טראַכט און פילט: „אוי, ציט עס עפּעס, ציט דאָס האַרץ! עס גלוסט זיך, ווילט זיך עפּעס, אליין נישט צו וויסן וואָס!"...

גייענדיק אזוי אויפן שטעגעלע, גיט אים זיך א ווייז אקעגן אין וואלד א גרינער, פרייער פּלאַץ, געהילט אין א טונקעלן מאַנטל פון שאָטן מיט ליכטיקע העל=גילדענע שטרייפעלעך. ער טוט זיך דאָרט א וואָרף און ציט זיך אויס, אויף דעם סאַמעט=ווייכן גראָז.

שמואליק ליגט מיט פאַרטראַכטע אויגן, זיינע גלידער, פילט ער, ווערן שווער, עפּעס ציט אים די ערד שטאַרק צו זיך, ווי זי ציט אים ארוים די אלע ווייטעקן — און אקעגן זשע אויף דער נשמה ווערט אים גרינג, מחיה גוט. א ווייך, א רירנדיק גרעזעלע גלעט אים די נאָז, די באַקן, נאָך איינס קיצלט אים אונטערן קאָלנער הינטנאַרום אין האַלדז, און נישט ווייט, פון צווישן גראָז, טיקעט אים א גרילכנדל אין די אויערן אריין. עס דערציילט א מעשה, עס זינגט א לידל, פאַרוויגט און פאַרשלעפערט אים, ווי א קינד.

שמואליק ליגט האַלב=געדרימלט, האַלב=וואַך און עס פּלאָנטערט זיך אים עפּעס אין קאָפּ. עס טראַכט זיך אים פון א לעבן, אָן קאָפּ=דאַרעניש, ווי גוט ס'איז צו האָבן קאַשע מיט יויך — אן אייגן שטיבעלע, א קליינס, מיט א גערטנדל, דערצו אויך א בהמהלע, לאָז זיך זיין כאָטש א ציג. ס'איז דאָך א גליק, בעסערס דערפון איז שוין אן איבעריקע זאַך!

עס טראַכט זיך אים פֿונעם ליבן גאָט: „אוי, גאָטעניו, הצליחה־נאַ! העלף, טאַטע־פֿאָטער, ווייז טאַקע, ווייז, אַז דו קאָנסט באַגליקן מענטשן... ווי איך בין אַ ייִד, גאָטעניו, הושיעה־נאַ!" און אין קאָפּ ביי אים פּיקט זיך אַ גאַנצער פּלאַן פֿון זיינע נדבֿות דענסטמאָל, פֿונעם מענטלעך, וועלכן ער וועט מיט זיין גוטסקייט און פֿרומקייט גאָט אָנטאָן... עס קומט אים אַפֿיר באַלד טאַקע אויפֿן געדאַנק משהלע. — ער איז דאָך אַ צאַצקעלע, לערנט וויל ווי די וועלט, קאָן דאָך גאָט געבן, אים זאָל אויסכאַפּן אַ רייכער מחותן און אים אָפּגילטן... מיט דער צייט קאָן משהלע נאָך ווערן רבֿ ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט און דענסטמאָל... דענסטמאָל, אַז וויל וועט זיין אויך אים, דעם טאַטן! ער וועט אויף דער עלטער זיך אָפּלעבן זיינע יאָרן אין גרוים נחת, אין כּבֿוד. אַ קלייניקייט עפּעס — דעם רבֿס פֿאָטער!...

די דאָזיקע זיסע חלומות וואָכנדיק זענען איבערגעריסן געוואָרן אינ־דערמיט דורך אַ קלאַפּ פֿון רעדער ערגעץ דאָרט אויף אַ זייטנוועגעלע אין דעם וואַלד.

שמואליק עפֿנט די אויגן, טראַכט ביי זיך: נאָ, גענוג, שוין צייט אַהיים! ער זעצט זיך פּאַמעלעכן אויף, טוט אַ גענעץ, אויסקנאַקנדיק די ביינער, און נעמט זיך צום פּעקעלע, וואָס איז ביי דער זייט. דערווייל פֿאָרט פֿון הינטן אָן נאָענט אַ פֿורל, נאָך אַ מינוטעלע — טוט אַ הילך אויף דעם גאַנצן וואַלד אַ ביטער געשריי:

— „אַ, טאַטע!"...

שמואליק קוקט זיך געשווינד צו און בלייבט פֿאַרגאַפֿט.

— משהלע! וואָס? ווהין?!... דאָס איז דאָס אייניציקע, וואָס שמו־ליק ברענגט קוים אַרויס פֿונעם מויל פֿאַר גרויס וווּנדער און שרעק. דאָס האַרץ האָט אים באַלד געזאָגט, ס'איז אַ צרה. זיין משהלע איז אין אַ גרוים אומגליק!...

— גיכער, טאַטע, אוי, ראַטעווע! — שרייט אויף אַ וויינענדיק קול משהלע, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ שעפּעלע צווישן צוויי וועלף מיט פֿייערדיקע אויגן.

צולויפֿן צום וואָגן און אָנצוכאַפּן זיך אין אים מיט ביידע הענט האָט ביי שמואליקן נישט געדויערט קיין איין רגע. די וועלף אָבער האָבן דער־צאָרנט געקריצט מיט די ציין, אים אַ שליידער געטאָן פֿון זיך, אַזוי אַז ער האָט צוויי מאָל זיך איבערגעקערט אויף דער ערד, און ביז וואַנען ער איז געקומען צו די געדאַנקען, זענען זיי שוין געווען אויף אַ היפּשער שטרעקע ווייט.

שמואליק האָט זיך צוגויפגענומען מיט אַלע קרעפטן און זיך געלאָזט האַסטיק נאָך דעם וואָגן. ער יאָגט, לויפט, און יענע שמייסן, שמייסן דאָס פערדל. דער וואָגן איז אַלץ ווייטער, אָט־אָט ווערט ער פאַרשווונדן. שמואליק קייכט, דאָס האַרץ פאַרלויפט אים מיט בלוט, קוים וואָס ער אָטעמט, די אויגן שפּאַרן אים פונעם קאָפּ אַרויס פאַר גרויס אַנגסטן; ער אָבער יאָגט מיט אימפּעט, נישט צו פילן, הוץ דער גרויסער סכנה, קיין שום זאַך, — דער וואָגן הייבט אָן צו פאַרשווינדן, נאָך אַ ווײַלע — ער איז שוין נישטאָ!...

געוואַלד! — שרייט שמואליק, רייסנדיק אויף זיך, לויפנדיק, די האָר, ער פאַלט פון די פיס און ציט זיך אויס אויף דער ערד.

ויהי, און די דאָזיקע מעשה איז געשען בימי „הכּפּרה־הינדלער“, אָדער, ווי אין די קינות פון יענער צייט שטייט, בימי „פונעם געיעג און פונעם שפּיל אין קאַץ און מויז“. דאָס טייטש: דענסטמאָל אין יענער צייט, ווען מע האָט אָפּגעלאָזט יידישע קינדער צו שטיפן אַ ביסל צווישן זיך און באַווייזן זייערע גבורות אין דעם געיעג, אָן פייל־און־בויגנס, נאָר פּשוט „פאַנגען“, ווי די קאַץ גייט אויפן געיעג, כאַפּט מייז — גאָר הפקר אַ וועלט! כּפּרה־הינדל, אָדער מייזעלע האָט, לויט דער שפּיל, געהייסן יענער, וואָס איז אַרויס פון דער היים אָן אַ געשריפטס מיט אַן אָדלער, פּאַספּאָרט, הייסט עס. אַזעלכע האָט די קאַץ געמעגט כאַפּן, זאָגן „זה חליפתי, זה תמורתי, זה כּפּרתי!“ און באַלד אים אין געוואַנט אַריינשטעקן.

און עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע יידעלעך, וואָס האָבן זיך געקליגט איינער דעם אַנדערן אָפּצונאַרן, ווייטלעך צו פאַרנאַרן און מיט אַלע המצאות צו מאַכן אים די שפּיל...

שניאור־וואָלף האָט געשפּילט די ראָליע זײַנע און פאַרנאַרט הערשעלען ממזריש, אין זיין טאַטן אַריין! נאָר אַז הערשעלע האָט, גאָר אומגעריכט, פון זייַנע לאַפּעס זיך אַרויסגעגליטשט און דערווייל איז גראָד משהלע אונטערגעשפּרונגען, איז ער, משהלע, אַנשטאָט דעם חבר זייַנעם אַריין אין די לאַפּעס — און באַץ, געוואָרן „געפאַנגען!“

„ברידער! — קלאָגט דערויף די קינות פון יענער צייט — אַלע אייערע הונדערט טויזנטער, וואָס זענען געקוילעט געוואָרן פון טיטוס הרשע, בשעת דעם גרויסן חורבן; וואָס זענען אומגעקומען, פאַרברענט געוואָרן אויפן פייער אין שפּאַניען, נאָך און נאָך אַזעלכע דערהרגעטע, אומגעקומענע, — די אַלע אינײַנעם פאַרביטערן אונדז נישט אַזוי דאָס לעבן, ווי יענע יידישע נעז, וואָס יידן אַליין האָבן איינע די אַנדערע זיך אָפּגעריסן. דאָרט איז נאָך דאָ אַ טרייסט: גבורים! זיי זענען געשטאָרבן

פאר דעם פאָטערלאנד... קדושים! זיי זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם. אָבער געוואלד, וואָס קאָן אזויגס שטעקן אין יידישע גען, פון יידן אליין מאקע אָפגעריסענע? — אויף פעטש פון אנדערע וויינען מיר און זאָגן: נישקשה! גוטע און שלאפע ליידן אָפט אין דער וועלט, מעגלעך אפשר, יענע שטארקע וועלן נאָך אמאָל חרטה האָבן. נאָר אז געפאטשטע פאטשן זיך אליין, אז צעדראפעטע דראפען איינער דעם אנדערן, וויינען מיר און זאָגן — אוי, וויי! — גאָרנישט וואָס צו זאָגן... דערמאָנען מיר זיך אין יענע, נעבעך, פון אייך אליין געפייניקטע „געפאנגענע“, רייסט דאָס הארץ. עס וויינט און שרייט: איכה, אוי, ווי משוגה דערשלאָגן, ווי ווילד געפאלן איז דאָס פאָלק ישראל!...“

דאָס פערטע בוך

דאָס ערשטע קאַפּיטל

דער בעסטער חלק לאנגע יידישע נעזער איז, ווי דער וועלט איז באַקאַנט, די גלופּסקער מעקלער אָנגעקומען. דאָס האָבן זיי א מתּנה פון זיין ליבן נאָמען א מיגדסט געשעפטל פון אונטער דער ערד אָנצושמעקן — דאָס איינציקע געצייג זייערס זיך דערמיט צו דערנערן. פונדאנגען זעט מען באשיימפּערלעך ארויס, וואָס פאר א גוטן גאָט מיר האָבן, ווי געטריי ער גיט זיך אָפּ מיט זיין וועלטל און לייטזעליקט אלע זיינע מיני באַשעפעניש, מביצי כינים, פונעם קלענסטן ווערעמל ביז א יידישן מעקלער, מיט די נייטיקע כלי זיין, איטלעכן צו זיין פּרנסה. און רב אָשר, דער געהויבנסטער מעקלער, פול אין אלע קלייטן און קאנטאָרן, א דאר יידל, א ריִרנדיקס, א צאַפּלדיקס, תמיד מיט א פאררוסן היטל ווייט ארויף איבער דעם שטערן, מיט א שטעקעלע, דרייענדיק עס ארויף און אראָפּ, אין אלע זייטן — ער איז געלייטזעליקט גאָר מיט א הויפּט־פייגע נאָז, פּרימא. די נשמה זייגע, דאכט זיך, האָט זיך ארויסגעקליבן ביי אים פונעם מוח, פארנעמענדיק מיט זיך אויך דעם שכל, די חכמה זייגע, און איז אריין אין שכנות צו אים אין דער נאָז. באלד ביי רפאלס קומען קיין גלופּסק האָט ער, די נאָז, הייסט עס, דערשמעקט דאָס קאָמיסיע־גע־שעפט רפאלס פון די לאָדזשער פאבריקאנטן, און זיך גענומען געשמאַק צו דרייען מיט אים וועלטן. אז רפאל אָבער האָט זיך נישט געלאָזט דרייען, ביז ער וועט נישט אויסלערנען פריער גוט דעם פלאץ מיט די אלע סוחרים דאָרט, איז עס ר' אשרן געווען א גרויס וווּנדער און ער האָט זיך אָנגערופן, שטארק פארדרייענדיק די נאָז:

— ס'טייטש, וואָס הייסט! א ייד' — און לאָזט זיך נישט מאכן גע־שעפטן!... נישט אנדערש, האָט מיר קיין פאריבל נישט, אז מעלתו צ־ע־ע... האָט אין האנדל נישט קיין געפיל.

— ווו קומט געפיל צו האנדל?! צום האנדל ברויכט מען שכל. מע באַדאַרף פארשטיין.

— עט, נאַרישקייטן! — מאַכט ר׳ אשר, דרייענדיק די נאָז און אויפשטעלנדיק דאָס שטעקל. — איך מיין, פאַרשטייט איר מיך, דעם ברען. צום האנדל באַדאַרף מען דעם ברען. ברענען באַדאַרף מען, ברענען... שכל איז — בע. קוקט אָן, זייט זשע מוחל, אונדזערע גרויסע גלופּסקער סוחרים, וואָס, האַ? נאָט אייך א גראָשן פאַרן שכל! מע האַנדלט, מענטשן האַנדלען. וואָס דען? דערויף איז מען דאָך מענטשן, סוחרים... און פאַרדינען איז א גאָט־זאַך, א מזל. מזל מחכים, מזל מעשיר, אי רייך אי קלוג, אלצדינג איז מען מיט מזל.

— האַנדל, וואָס איז געבויט אויף מזל, אויף לויטער ריזיקע, איז א קאָרטנשפּיל. אזוי, אזוי, רב אשר, א קאָרטנש...

— ווייס איך, וואָס איר זאָגט מיר עפּעס א קאָרטנשפּיל, — פאַלט אריין ר׳ אשר רפאלן אין די רייד, דרייענדיק דאָס שטעקל און אויפשטעלנדיק די נאָז. — קאָרטן זענען קאָרטן און האַנדל איז האַנדל. עפּעס שפּיל איך דאָ, און לייג פאַר מעלתו א שפּילעכן? עסק רעד איך, עסק, אזא וויכטיקע זאַך!

— לאָזט זיך נאָר דינגען, ר׳ אשר! — קוממט רפאל אלץ טאַקע מיט זיינס, רואיק, געלאַסן. — האַנדל, ווייל ס׳איז א גרויסע, וויכטיקע זאַך; עס בינדט אויף מענטשן די הענט צו ארבעטן, שיינע, גוטע, נוצלעכע מלאכות אלערליי, און עס פאַרברייט אומעטום, פאַרצוקערט זייער ארבעט, עס פירט צוגויף נאָענט ווייטע לענדער, עס בילדעט, איידלט אויס, עס שפּייזט און באַלעבט א וועלט מענטשן — אָט דעריבער טאַקע, ווייל ס׳איז אזוי וויכטיק, מוז עס, ווי אלע אנדערע וויכטיקע זאַכן, געפירט ווערן געזעצט מיט א באַרעכענונג, מיט פאַרשטאַנד...

— טע־טע־טע, וווהין מעלתו איז פאַרפלויגן! — מאַכט ר׳ אָשר אויף עפּעס א משונה ניגון, דרייענדיק מיט דעם אויפגעשטעלטן גראָבן פינגער און פאָכענדיק דערביי מיט דער נאָז, וואָס קרימט זיך אים א שרעק — הקירות ווייס איך נישט. חקירות — פּקירות — ניין! זעט איר, א גוט קעפּל, אויף שרויפן א קעפּל, א פליענדיקס, הו־האַ, הו־הא — דאָס צום האַנדל, יאָ, יאָ!

— א גוט קעפּל אליין צו דרייען, צו פליען איז פאַר דעם האַנדל קאַרג. עס ווערט געפאָדערט דערצו א גרויסער קאַפּיטאַל פון פאַרשידענע ידיעות, — רעדט זיך רפאל זיינס טאַקע, פּיקנדיק ר׳ אָשרן מיט אויסלעכס וואָרט, — מע מוז לערנען, ר׳ אָשר, לערנען און וויסן א סך זאַכן, נייטיק אין לעבן אריין. פון די חריפותדיקע, פליענדיקע יידישע קעפּלעך, אָן אזא קאַפּיטאַל, נעמט זיך ביי אונדז דער שווינדל, פון שווינדל נעמען

זיך די „קוממיות=זאָגער“, פון די „קוממיות=זאָגער“, — דלות, קבצנות, און פון די אלע איגיינעם — עסעניש, בייסעניש, מסירות, פיינטשאַפט פון אייגענע, אויך פון פרעמדע. כל=זמן דער האנדל וועט נישט געשטעלט זיין אויף פארשטאנד, אויף אמת...

— אי, אי, זענט איר נאָך, ע=ע, גאָר א... א יונגערמאן, מחילה!
— שלאָגט ר׳ אָשר איבער רפאלן די רייד, אָנקוקנדיק אים ווי א משוגענעם, שאָקלט מיטן קאָפּ און שמייכלט אים גלייך אין פּנים אריין. — וואָס, וואָס? איך בעט אייך.

— אָט דאָס וואָס איר הערט. נאָכאמאָל טאקע, ר׳ אשר, זאָג איך אייך: אויף פארשטאנד, אויף אמת און יושר, דער האנדל זאָל נישט אריבערכאַפּן די מאָס. עס זאָל נישט זיין מער פאבריקן, קלייטן, וויפל עס ווערט געברויכט אין דער וועלט סחורה; עס זאָל נישט זיין סחורה געמלאָכהטע, געפעלשטע, מער וויפל די נאטור קאָן עכטע, גוטע אזעלכע ארויסגעבן. עס זאָל באלוינען אָרנטלעך איטלעכנס מי, איטלעכן אָפּגעבן זיינס. עס זאָל זיין איבערהויפּט א ריכטיקער, אָפענער חשבון — כל=זמן, זאָג איך, אזוינס איז נישטאָ, איז נישטאָ צו האָפן, אז אלדאָס בייז: עלנט, אָרעמקייט, שנאה און קנאה...

— נישטאָ וואָס צו רעדן. א גוטן! — געזעגנט זיך ר׳ אשר, נישט אויסצוהערן רפאלס שמועס ביז אין סוף אריין. ער פארדרייסט דאָס היטל, א מאך געבנדיק מיט די אקסלען, א קראַץ אין דער פּאה, א דריי מיט דער נאָז און ווערט אנטרונען.

— א גוטן טאָג, א גוט יאָר! — זאָגט רפאל, אז ר׳ אשר איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר. — וואָס זאָל מען טאָן? הא, מע וועט זיך מוזן באגיין אָן ר׳ אשרס הילף אויך.

רפאל איז אין זיין זאך געווען געלערנט, פראקטיש, דערצו אָרנטלעך ווי ווייט מעגלעך. ער האָט זיך קודם=כל גענומען גוט באטראכטן גלופּסק און זי איז אים פאָרגעקומען זייער ציקאווע מיט דעם סטרוי פון אירע הייזער, מיט אירע גאסן, געסלעך און הינטערגעסלעך; ציקאווע מיט אירע יידן, מיט אירע קרעמער און סוחרים, ציקאווע מיט איר שטענדיקן רעש, יאָגעניש, לויפעניש און מיט אלע אירע געגנ. דער יצר=הרע פון מסחר איז דאָרט גרויס. יידן האנדלען איינע מיט די אנדערע, ציען די פרנסה איינע פון די אנדערע. צען מאָל מעג א סוחר פאלן, זאָגן „קוממיות“, שטייט ער, נישקשה, אויף און האנדלט ווייטער. הייגט, אזוי הייסט עס, הייגט איך דיר „קוממיות“ און מאָרגן — דו מיר. הייגט האלט דער די בייטש און טראסקעט, און מאָרגן טראסקעט יענער. אָט אזוי דרייט זיך

דאָרט דאָס רעדל, דער ארויף, יענער אראָפּ, און דערנאָך יענער ארויף און דער אראָפּ. דער יצר־הרע וואַרעמט אונטער, יידן פּלאַמען, דרייען זיך, דרייען און האַנדלען.

רפאל האָט אין גלופּסק געפונען א פּלאַץ אויף אָפּצוזעצן זיין סחו־רה. נאָר וויל אין האַנדל מוז מען געבן אויף קרעדיט, אַנדערש איז נישט מעגלעך אָפּצוזעצן, און מורא האָבן אָבער באַדאַרף מען דאָ פּאַר אַנ־זעצן, דעריבער איז ער אין האַנדל געגאַנגען האַרט ביי דער ערד, זיך נישט געכאַפּט, געיאָגט; ער האָט גוט איבערגעזיפּט, געגעבן אויף באָרג נאָר גרויסע בטוחים. דעם כלל האָט רפאל געהאַט: בעסער ווייניק פאַר־דינען, נאָר זיכער, ווי א סך מיט ריזיקע; גלייכער צו גיין פּאַמעלעך האַרט ביי דער ערד, ווי צו פליען און דערנאָך אַראָפּפאַלן, ברעכן האַלדז־און־געניק. ר׳ אָשר דער מעקלער אָבער האָט נישט געהאַלטן מיט רפאלן, און פלעגט ברענגען ראיות פונעם שטייגער פירונג אין דער וועלט, פון מדרש און דעם עולמס ווערטלעך, וואָס פּונקט קאַפּויער, נישט אזוי ווי ער.

— א טעות, ווי איך בין א ייד! — האָט געטענהט ר׳ אָשר, אז ער האָט פאַרגעלייגט געשעפטן און רפאל האָט נישט געוואָלט הערן. — מעלתו לעבט אין טעות. אלצדינג געווענדט זיך אין מזל. זינט איך לעב — נער הייתי גם זקנתי, מיט א גרויסער באָרד — האָב איך נאָך נישט געזען א סוחר זאָל טראַסקען אין דער וועלט מיט זיין חכמה. די ברכה איז אַנדערש נישטאָ — זאָגן אונדזערע הייליקע חכמים — נאָר אין א בליגדער זאַך, ווי א בלינדער אתרוג למשל. און זייערע ווערטער זענען טאַקע תורת אמת. ווער עס האַנדלט מיט בטחון, בלינד אָן חכמות, נישט צופיל איבערקלערן: — וועט־מיך, העט־מיך, זאָלט־מיך — דעם שיקט הקדוש־ברוך־הוא ברכה און הצלחה אין זיינע געשעפטן. אדרבא, זייט זיך מטריח און זעט, ווי די וועלט פירט זיך. יידן, ברוך־השם, האַנדלען, קויפן, פאַרקויפן, נעמען, גיבן, און גלייבן — זכות־אָבות שטייט זיי ביי און זיי לעבן. אויך יענע קרעמער, וועלכע איך לייג דאָ מעלתו פאָר, וואָס ווילן נעמען סחורה אויף קרעדיט, אויך זיי לעבן, ברוך־השם, מיט ווייב און קינדער, מיט אויסגעגעבענע טעכטער און איידעמס אויף קעסט. וועןן, חלילה־וחס, א סך אזוינע ווי מעלתו זאָל געווען זיין צווישן יידן, וואָלט די וועלט באַדאַרפט חרוב ווערן. עס וואָלט נישט געגלייבט איינער דעם אַנדערן — אויס קרעדיט, אויס האַנדל, אויס פּרנסה, און עס וואָלט אויסגעקומען — לייג זיך שונאי־ציון, צי זיך אויס און שטאַרב. און וואָס נאָך? מענטשן וואָלטן נישט געאַקערט, נישט געזייט אויס

מורא, טאָמער וועט די ערד זיי אָנזעצן, נישט ארויסגעבן תבואה, אפילו דאָס וואָס זיי האָבן אין איר ארייננעלייגט. און א פסוק איז דאָך דאָ, וואָס זאָגט בפירוש: הזורעים בדמעה, די וואָס זייען מיט טרערן, ברנה יקצורו, וועלן מיט געזאנג שניידן! אמת, קרעדיט איז געזייט מיט טרערן, אָבער דער, וואָס מאכט זיך הארץ, גלייבט און גיט, וועט אים גאָט ברוך־הוא באצאָלן... טאקע, דעם עולמס ווערטל: ווער עס שטעלט נישט איין — נעמט נישט אוים. דער שפּיץ איז: א סוחר באדארף נישט האָבן קיין חכמה, נאָר מזל, דעם אייבערשטנס הילף. דער וואָס איז נישט קיין בר־מזל, מעג ער זיך אפילו זיין א חכם ווי שלמה המלך, וועט ער גאָרנישט מאכן, טאקע ווי מע זאָגט: אין עצה ואין תבונה, עס העלפן נישט קיין שום חכמות אקעגן שלעכטע קאָרטן.

אָט מיט אזעלכע מיני מימראס און נאָך אזוינע פּזמונות פלעגט ר' אָשר אלץ איינרעדן רפאלן, ער זאָל מאכן דורך אים געשעפטלעך מיט קרעמערס, נישט צופיל איבערטראכטן, איבערקלערן, שטארק פארזיכערנדיק זיינע ווערטער מיט שבועות און טויטע קללות: ער זאָל נישט אויסלעבן זיינע יאָרן, ער זאָל איינגעמען א מיתה־משונה, ער זאָל נישט האָבן קיין חלק עולם־הבא, ער זאָל נישט הערן שופר־של־משיח, און נישט זוכה זיין צו פירן די טאָכטער זיינע אונטער דער חופּה, — אויב ער מיינט נישט איינגאנצן טאקע נאָר לטובת העסק. גאנץ פּשוט, ער מיינט נישט אזוי דאָס מעקלעריי, ווי דאָס געשעפט אליין — דאָס געשעפט זאָל וואקסן. און זעענדיק אָבער, אז ס'איז ארויסגעוואָרפענע רייד, רפאל האלט זיך טאקע ביי זיינס — „ניין, ניין!" — פלעגט ער שוין פּרוּוון מיט בייזן. דהיינו, אָנדרודלען די נאָז און מאכן אויף אים א מורא מיט פוילע תנועות, אזוי אשטייגער:

— וואָס מיינט אזוינס זיך מעלתו? מעלתו מיינט, אז ער איז איינער, נישטאָ מער חוץ אים, הא! נו, וויסן זאָלט איר, אז ס'איז דאָ, געלויבט איז גאָט, א מאָסקווע און א לייפּציג אויף דער וועלט! און באמת טאקע גרויסע נגידים זענען זיי, די גלופּסקער סוחרים. צוואָס טויג זיי נעמען סחורה ביי מעלתו, וואָס קומט זיי אָן מיט אזויפיל מי, מיט בויכווייטעק און אויף טייערע פּרייזן, אז דאָרט, אין יענע שטעט, ביי דעם פּאָניע און דעם דייטש, גייט מען זיי אקעגן, מע רייסט ביי די פּאָלעס, בעטנדיק זיי: אהער, יידעלעך, אהער! נאט אייך סחורה, א בחיר, און בזיל־הזול. אפשר איז שוועלער במזומנים, קאָן מען הייבן א הקפה — נעמט, אָך, אויף קרעדיט. און יידן גייען טאקע און נעמען. און אז עס מאכט זיך אמאָל א קרעצל, א שטיקל עכוב הייסט עס, מע קאָן נישט ענטפערן צום

טערמין, צאָלן, הייסט עס... איז, חלילה, נישט אזא גרויסע סכנה. דער דייטש און פּאָניע זענען גוטע מענטשן, זיי שווייגן. יאָ, מעלתו באַדאַרף דאָך ווּיסן, אז פאַרשלאָגן דאָ שלאָג איך אים פאַר נישט יענע סוחרים, וואָס האָבן שוין לאַנג אָפּגעטאָן זייער זאַך, פאַרשטייט איר מיך, דאָרט... נאָר אזוינע, וואָס עדיין לא היו במאָסקווע, מעלתו פאַרשטייט, וואָס דער טייטש איז פון אזוינע ווערטער? דאָס הייסט: זיי זענען נאָך נישט געווען, פאַרשטייט איר מיך, אין מאָסקווע, פאַר זיי איז נאָך א מעגלעכקייט קומען אהינצו הייבן א הקפה און מיט דער צייט זאָל ביי זיי בלייבן א מנה־יפה, אויב אזוי... איר פאַרשטייט, אויב אזוי, זענען זיי דאָך נישקשהדיק, אצינד, דאָ אויפן אָרט „ראיעלע" סוחרים... א קלוגן באַדאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט אריינלייגן, ער פאַרשטייט אויפן ווונק.

אויך אזעלכע שאַרפע ווערטער האָבן נישט געהאָלפן.

דאָס צווייטע קאַפּיטל

רפאל האָט געגעבן סחורה די קרעמער, ווי דער איינפיר איז, אויף א צייט פון עטלעכע חדשים אויף וועקסלען נאָר פון גרויסע בטוחים, וואָס זייערע וועקסלען איז באַלד טאַקע אין דער הייסער רגע געווען גרינג אָפּצוסקאָנטירן. אי וואָס, עס איז דערביי צו פאַרלירן היפּש פּראָצענט, דאָס האָט אים נישט געאַרט, אבי דאָס געלט איז שלום בקעשענע און ער קאָן רואיק שלאָפן. און אזעלכע סקאָנטעס האָט ער געהאַט מיט לייבציע דעם רויטן — א ייד א נגיד און א פּראָצענטניק אין גלופּסק.

ווי דער וועלט איז באַקאַנט, איז לייבציע דער רויטער, מיט א בלייך פּנים, א לאַנגער נאָז און א קורץ בערדל, דאָס שייגדל אין גלופּסק, מיט וועלכן זי נעמט זיך איבער פאַר א וועלט מענטשן.

—נאָט, הייסט עס, קוקט אָן דאָס נפש מיינס, די שיינע צורה, די אַרבעט מיינע!

לייבציע איז איינער פון יענע לייט דאָרט, וואָס קוואָקן אויס אויף פּיינע־בריות, וואָס גיט פון זיך ארויס פאַר דעם פאָלק ישראל די אלערליי גבאים, פּירער, קאָבלעפּל, מאַכערס, טוערס, טענצערס, עצה־געבערס, נאָך און נאָך אזעלכע פּיינע פאַרשווינען, צו פאַרזאָרגן אונדז אָרעמע יידישע קינדער, גאָר אומגעבעטן, מיט משונה ווילדע טובות. געוויינטלעך זענען זיי דימענטענע מענטשן,

וואָס נעמען ביי יענעם די נשמה ארויס מיט גוטן. זיי זענען, דאכט זיך, גאָר אָן א גאַל, און האָבן אין דער נאָז פליי. יידיש געלט, וואָס געפינט זיך ביי זיי, איז זיי טייער, נישט אויסצוגעבן דערפון אויף קיין שום באדערפענישן, נאָר אויף זייערע אייגענע אליין. אויף כבוד זענען זיי מוחל, אָבער נאָר אויף יענעמס. זיי זענען גרויסע בעלי=צדקות, אָבער נאָר איבער א פרעמדער קעשענע, זיפצן, קרעכצן אויף כלל=ישראל — אך, אויף וואָס די וועלט שטייט, נאָר קאָסטן זאָל עס נישט קיין גראָשן. יידישקייט, מהיכא=תיתי, איז זייער טייער, נאָר אַ מינדסט אייגן אינטערעסל איז נאָך טייערער.

לייבציע דער רויטער שניידט זיך אויף א פיינע=בריה און לעבצט שטאַרק אריינצוטרעטן מיט א פוס צווישן די בערן. קיין למדן איז לייבציע נישט געווען. נאָר יעט, וואָס מאכט עס אויס! א מאכער אין שטאָט ווערט מען, נישט אזוי צוליב תורה, ווי צוליב סחורה, אדרבא, תורה איז געוויינטלעך גאָר א חיסרון — טאקע דעריבער ווייל דו קענסט לערנען, קאָנסטו נישט אויסגעקליבן ווערן ביי אונדז אין חברה.

באפאלן מיט קינדער איז לייבציע דער רויטער נישט געווען. ער האָט געהאַט נאָר צוויי טעכטער, איינע, די עלטערע, כאַנציע, א בילדשיינע, און איינע א מיאוסע, נאָך גאָר אַ קינד. יענטל, לייבציעס ווייב, אַ בייכיקע יידענע, איז ביי זיך אין שטוב דער גאַנצער קאָפּ — קלינגט שטענדיק מיט א בינטל שליסעלעך, א שיין קניפּל, זי פירט זייער א גוט לעבן: עסט, אָן עין=הרע, שלאָפט, טוט זיך וויל, איז פעט, באַלייבט, און פונדעסטוועגן כאַפּט זיך איר עפּעטערס פונעם מויל ארויס אַ זיפץ, אַ קרעכץ. זי קלאָגט זיך אין א שמועס מיט באקאנטע ווייבער, קלאַפּנדיק זיך אלץ אין הארצן, אָנווייזנדיק, אַז אָט דאָ, דאָ האָט זי א וווּנד, שאָקלט מיט דעם קאָפּ, פארגלאָצט די אייגעלעך, אלץ טענות צום רבונו=של=עולם.

— אוי, אַ זון, א קדיש!

זי האָט שוין איבערגעטאָן אלע מיטל וואָס אין דער וועלט, איבערגעהאַט עסקים מיט רופאים, דאָקטוירים און מיט וועמען איר ווילט. ווילט איר אלטע גויעס — איז אלטע גויעס; ווילט איר בעלי=שמות, טאָטערס, להבדיל — איז בעלי=שמות, טאָטערס, להבדיל, און וואָס?

— גאָרנישט!...

די ווייבער מאכן א רחמנות=פנימל, שאָקלען איר אויך צו מיט דעם קאָפּ, נעמען פונעם כיבוד, וואָס יענטל שטעלט פאר זיי, קייען עס פאמעלעך מיט חן, טרייסטן זי, נעבעך, און אין די אייגעלעך שטעלן זיך זיי טרערן.

— אַז איך אַליין, — אַזוי איז דער שטייגער יענטלס געווען זיך צו קלאָגן: — אַז איך אַליין, ווי איז מיר, ווינד איז מיר, בין אַזוי געשטראָפט, אַזוי אומגליקלעך, גענבער, לאָמיך זשע כאָטש נחת האָבן פון די טעכטער. זוכה זיין ביי דעם וואָס לעבט אייביק, טאַטע-פאָטער, רחום צדיק, אײנגיכן די עלטערע טאָכטער אונטער דער חופּה פירן און דערלעבן פון איר יינגלעך-אייניקלעך....

— אָמן. הלוואי, רבונו-של-עולם, — פלעגן איר אָפּענטפערן די ווייבער, פאַרוואַרפנדיק די אייגעלעך, און מאַכן דערביי אַזעלכע משונה פאַרקרימטע צורות, גלייך ווי זיי וואָלטן איבערגליקלעך געווען, ממש ווי ניי-געבוירן ווערן, ווען השם-יתברך זאָל זיך דערבאַרעמען אויף יענטלען, נעבעך, און זי בענטשן מיט אייניקלעך-יינגלעך. אַז ניט, וועלן זיי עס נישט אויסהאַלטן, חס-ושלום!...

דעריבער, קוים איז כאַנציע פון די קינדערשע שיכלעך אַרויס, נאָך זייער יונג, האָט שוין יענטלען זיך שטאַרק פאַרגלוסט אַ חתן פאַר איר, — עפּעס אַזאַ מין פאַרגלוסטן זיך, מער ווי דער שטייגער איז פון אַלע ווייבער, מאַמעס, וואָס גלאַט דער ענין החתונה אַליין, צונויפפירן זיווגים, קינדער חתונה צו מאַכן, איז עפּעס טאַקע גאָר אַ ברענענדיקער יצר-הרע ביי זיי... יענטל האָט געבריגט, געאַרבעט אויף אַלע כלים, געדולט דעם מאַן אַ קאָפּ טאָג ווי נאַכט:

— גוואַלד, אַ חתן, אַ שידוך פאַר דער טאָכטער!

נאָר לייבציע אָבער האָט זיך נישט אַזוי שטאַרק געהיצט, ער איז געווען אין שידוכים אַ גרויסער איבערקלייבער. אים האָט זיך געגלוסט אַן איידעם מיט אַלע מעלות: אַ ייִדן קינד, אַ גוטס, אַ פרומס, מיט אַ ווייל קעפּל, פון אַ געהויבענער משפּחה, איינגעטונקט אין יחוס, אַז גאָט און לייט זאָלן אים מקנא זיין. לייבציע האָט, ווי אַ סוחר, געזוכט אין אַ שידוך אַ געשעפט איינצוהאַנדלען פאַר זיך, אויך פאַר זיין טאָכטער אַ סחורה, עס זאָל גוט זיין פאַר ביידן. עס האָט אים געפּאַסט צום עסק, זיך משדך צו זיין מיט בערן, איינקויפן זיך אין דער גילדענער פּאָן, הוילע צימעס. ער האָט געזוכט, געזוכט און דערטאַפּט לסוף דעם אנטיק — דערטאַפּט אַ בענציע, אַ בלייך בחורל, אַ דאַרס, מיט אַן אויסגעווייקט פּנימל, ערשט בר-מצוה און שוין קאַנדידאַט אויף מערידן — הכלל, אַ תכשיט, ווי גע-ווונטשן.

כאַנציע ווערט, למשל, אַ כלה און צו פופצן יאָר אַן אשת-איש, אַ פּלוניתטע. זי זיצט מיט „אירן" ביים טאַטן אויף קעסט.

דאָס „מאַנדעלע" איז אַן איידעמל מיט אַלע פּיטשעווקעס: ער גייט זיך פרימאָרגנס טאָג-טעגלעך אין קלייזל דאַווגען, באַלאָדן מיט אַ טלית-

און תפילין־זאק, גרויס ווי ער. קומט אן אָפּגעדאַוונטער צוריק, קושט די מזוזה, זאָגט אין דער וועלט אריין: „גוט־מאָרגן!“ מער קיין וואָרט. וואַשט זיך, זאָגט „שאו־ידיכם“, „המוציא“ — און עסט. אָפּגעגעסן — גייט ער זיך באַלד טאַקע ווידער אין קלויז, לערנען, און קומט מיטאָג־צייט נאָכ־אַמאָל עסן. אָפּגעגעסן, ווייטער אין קלויז, קומט אויף דער נאַכט צוריק, קושט די מזוזה, זאָגט אין דער וועלט אריין: „א גוטן־אָוונט!“ איז מקיים אכילת קעסט, עסט אָפּ, בענטשט, לייענט קריאת־שמע און גיכער אין בעט אריין — שלאָפן. עפּעס שמעקט עס טוכלע, גיט זיך נאָך מיט באַלעבעסל, גאָר א דערקוויקעניש.

לייבציע האָט הנאה, יענטל איז זיך גאָר מחיה, און כאַנציע איז זיך דערווייל ווי פריער טאַקע כאַנציע — גאָרנישט... נאָר מיט א צוגעדעקטן קאָפּ. א שטיקל פאַרענדערונג אין איר פון נאָך דער חתונה איז יאָ דאָ — עפּעס שעמט זי זיך, דערזעט זי אים, אירן הייסט עס, לאָזט זי אראָפּ די אויגן. פאַר פרעמדע איז נאָך ווי־ס'איז, נאָר פאַר באַקאַנטע ווערט זי פייער־רויט און זוכט ווי אנטרונען צו ווערן. עפּעס איז איר פריק־ע, וואָס? — דאָס איז שוין איר סוד. די באַקאַנטע פלעגן צווישן זיך איבער־ווינקען זיך מיט א שמייכעלע. גלייך ווי געריעדט: מיר פאַרשטייען. די מאַמע פלעגט זי געווייגטלעד, ביים אנטרונען ווערן, באַגלייטן מיט א מילדן בליק, דערביי אויך שמייכלען, שמעלצנדיק זיך, און צושאָקלען מיט דעם קאָפּ.

רפאלן פלעגן מיטברענגען די געשעפטן זיינע קומען עפּטרם צו לייבציען אין הויז. ביים ערשטן מאָל זען פונדערווייטנס רפאלן דורך דער אָפענער טיר אין טאַטנס חדר, איז ער כאַנציען פאָרגעקומען עפּעס משונה ניי — דאכט זיך א מענטש, א נאָז מיט אויגן, גאָר עפּעס אן אנדער מין! אן אנדער רעדן, אן אנדער באַנעמונג, אן אנדער קליידונג, אַלצדינג אנדערש ווי ביי יענע, וואָס זענען איר אין די אויגן געקומען דאָ אין גלופסק ביז אהער. זי האָט הינטערווייַלעכץ געוואָרפן אייגעלעך אויף אים, נישט מיטן מיין, חלילה, הנאה צו האָבן, עס האָט זיך איר געגלוסט; גיין, נאָר גלאט אזוי זיך א קוקעלע — עס האָט זיך עפּעס געקוקט... די אויגן האָבן זיך געקוקט און אין קאָפּ ביי איר איז נאָך נישט געווען פאַרטיק קיין פּיצל מיינונג איבער אים. מעגלעך, אין א קורצער צייט ארום וואָלט זי אים אינגאַנצן פאַרגעסן, ווען נישט דער טאַטע אליין, וואָס פלעגט זייער אָפט מאכן א רייד וועגן אים אין שטוב, לויבנדיק אים אין טאָג אריין, אזוי אַשטייגער:

— אָ, דרך־ארץ, זאָג איך אייך, פאַר דעם דאָזיקן יונגנמאַן, אָט=אָ! ער איז אַ דורכגעטריבעגער, קלאָר אין עסק מיט אַלע אָפּשניצלעך, דרייעלעך דרינען. איך בין זיכער, אַז מיט דער צייט וועט ער וואַקסן, וואַקסן העט=העט! און נעמען אַ כּלה גאָר מיט די גרויסע אַלפים. געדענקט מיין וואָרט... אַ שאָד נאָר, אוי, אוי, — זיפצט לייבציע, קלאַפּנדיק מיט אַ פינגער זיך אין שטערן, — וואָס ער איז אַביסל דאָס... ווי הייסט עס ביי זיי, ביי די היינטיקע דאָרט — „אויפגעקלערן“ צו אַלדי שוואַרצע יאָר; נאָר באַ... נישקשה... דאָך אַ חילוק. נישט ווי יענע אָרעמע בעלי=עבֿירות. אויך מיר מענטשן, מישטיינס געזאָגט — קבצנים!... ער אָבער, די כּפּרה מעגן יענע פאַר אים ווערן, ער איז אַ סוחר, ווייסט, ווי צו פאַרדינען אַ קערבל, אָט וואָס! אַ מענטש איז ער, אַ מענטש, וואָס אַ מענטש הייסט, מיט אַ קאָפּ צום האַנדל!... איר פאַרשטייט? אַזעלכן קומט אַ כּלה, אַ כּלה מיט אַ שיינעם, אַ שיינעם נדן!

די דאָזיקע שבחים זענען פונעם טאַטנס מויל אין דער טאָכטערס אויערן אַריין, גאָר נישט צו דענקען, וואָס ער אַליין האָט זיך דערמיט אָנגעמאַכט — אַ גאַנצע איבערקערעניש אין שטוב ביי זיך, נישט פאַר יידישע קינדער געדאַכט. פון לייבציעס דאָזיקע שבחים הייבט ביי כאַנציען אָן צו אַרבעטן דער מוח. דאָרט אין קאָפּ ביי איר, וווּ ביזאַהער איז געווען רואיק, שטאָק=טונקל, הייבט אָן פּלוצעם צו טאָגן — עס האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף דער יונגער שכל, מיט אים האָבן זיך אויך גערירט געדאַנקען און זיך גענומען צום עסק: אַלצדינג צו באַטראַכטן, צו פרעגן, וואָס באַטייט דאָס, וואָס יענץ, צו באַטראַכטן מענטשן מיט זייערע גינגג און אָפּגעבן זיך אַ רעכענונג, וואָס ס'איז שיין, גוט, און וואָס נײַן. עס ווערט אַפּירגענומען רפאל, כאַנציעס געדאַנקען אַרבעטן, דרייען זיך אַרום אים, באַקוקן זיין פּנים, זיין געשטאַלט, אַלצדינג ווי ער שטייט און גייט. עס שטעלט זיך פאַר צוגלייך אויך בענציע, אַזוי ווי ער איז, מישטיינס=געזאָגט, מיט דעם פּענעצל, מיט די צגאָטעלעך, מיט די אַלע תּנועהלעך זייגע, און זי פאַרקרימט זיך עפּעס אַ שרעק. זי קערט זיך אין די געדאַנקען אירע אום ווידער צו רפאלן, טראַכטנדיק ביי זיך: יאָ, ער איז שיין! יאָ, טאַטע, דו האָסט טאַקע רעכט — ער איז בעסער, קליגער, מיין פאַרגלייך! פונעם קאָפּ רופט זיך עס אָפּ אין האַרצן — עס טוען זיך אַ נעם געפילן, עפּעס צופּט עס, צופּט, מאָנטעט ביי דער נשמה. דאָס האַרץ גיט אָנצוהערעניש — און כאַנציען פאַרווילט זיך אים נאָך אַ מאָל זען, אוי, כאָטש נאָר אַ ווײַלע אַ קוק טאָן אויף אים. נאָר אָנשטאָט „אים“ קומט, ווי געוויינטלעך אַלע טאָג, „אירער“ מישטיינס=געזאָגט, מיט זיין קושן די מזוזה און מיט דעם שיינעם „גוט=מאָרגן“ זיינעם. זי לאָזט אַראָפּ

בײ זײן אַרײנקומען די אויגן, נאָר דרינען ליגט נישט מער קײן שעמען זיך, דאָס וואָס פריער, נײן! דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש — עס קומט איר אויס עפּעס פּע, עס שלאָגט צום האַרצן... און באַלד טאַקע ווערט זי מיט זיך נישט צופרידן, האַלט עס פון איר זײט פאַר א גרויס אומרעכט — ס'טײטש, אַקעגן א מאַן! ווי קומט עס אַזוינס צו א ייִדישער טאָכטער! זי טוט זיך אָן א כוח די זינד צו פאַרגלעטן, דווקא טאָן אויף אים א בליק, ווײזן א פרײנדלעכע מינע. קוים אָבער פועלט זי עס בײ זיך, אָט אין דער רגע טאַקע קומט איר, מעשה־שטן, אויפן געדאַנק, עפּעס גאָר ווי אויף צו־להכעיס — „ער", רפאל! כאַנציע איז עפּעס מיט זיך אַלײן צעדרײט, נישט רעכט צו פאַרשטײן, וואָס איז איר אַזוינס געשען? זי זוכט זיך אויס אַרבעט, בכדי דעם קאָפּ זיך צו פאַרשלאָגן, מישט זיך אין דעם באַלעבאַטישקײט, כאַפּט זיך צו אַזעלכע מלאכות, וואָס זי האָט נאָך קײנמאָל נישט געטאָן. די מאַמע קוועלט גאָר אָן קוקנדיק, שמעלצט זיך פאַר גרויס פרייד און גיט איר אונטער חשק:

— אַזוי, טאָכטער, אַזוי, לערן זיך, נשמה מײנע, זײן א באַלעבאָסטע, מיט „דײנעם" ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר!

כאַנציע שטײט זיך אײנמאָל אַלײן אין שטוב פרימאָרגנס, קײנער חוץ איר איז נישטאָ. זי טראָגט א דינס, א שנײ־ווײס באַטיסטן קאַפּטעלע, צוגעפּאַלן צום לײב, מיט א געשטיקט קרענגדל, פּעסט געשפּיליעט אַרום א קלאָר, ווי פון עלפנבײן אויסגעטאָקט, העלדזעלע, דאָס יונגע פנימל מלא־חן, בלוט און מילך, א מײלעכן נאָר צום מאָלן, שוואַרצלעכע, ברענענדיקע פײכטלעכע אויגן לויכטן אַרויס פון געדיכטע ברעמען, ווי א פּאָר בריליאַנטן. אויפן קאָפּ א זײדן טיכל, אַרויפגערוקט א ביסל, אַזוי אַז עס קוקן אַרויס בגנבה האָר.

זי איז באַשעפטיקט מיט איבערווישן גלעזער, שעלעכלעך, אויס וועלכע מע האָט געטרונקען טײ, און ווי זי נעמט זיך אויסשטעלן זײ אויף זײער אָרט אין בופעט, קומט אַרײן אין שטוב רפאל. זי קערט אויס דאָס פנים, טוט א קוק און ווערט צעמישט, רוקט געשווינד אַראָפּ דאָס טיכל כמעט ביז די אויגן, שטײט ווי א נעכטיקע און שווײגט.

רפאלן גיט עס עפּעס א נעם. ער זעט פאַר זיך א שײנהײט, נאָך גאָר א קינד — און שוין מיט א צוגעדעקטן קאָפּ! ער שטײט א ווײלע אויך אַן ווערטער און איז פאַרגאַפט. באַלד געפינט ער זיך, ווינטשט זיך מיט איר גאַנץ אײדל, מיט דרך־ארץ, אויף דעם נײעם שניט, און פרעגט זיך אויפן פאָטער. נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען איר ענטפער, אַז דער פאָטער איז נישטאָ אינדערהײם, טוט ער זי ווײטער א פרעג, אויב ער וועט באַלד קומען. זי טראַכט ענטפערן: „נײן", נאָר, נישט ווילנדיק, כאַפּט זיך איר

פונעם מויל ארויס „יאָ“, און בעט אים זיצן. וואונדערט זיך דערנאָך אליין דערויף, וואָס זי האָט דאָ געטאָן, למאי האָט זי אים פארהאלטן, געבעטן זיצן, נאָך פארפאלן.

אויך די אייגענע מעשה מאַקע מיט רפאלן. איידער זיך רעכט צו באַדענקען, זיצט ער שוין אראָפּגעלאָזט די נאָז, ווי דער גוטער יאָר וואָלט אים גענומען, און אנידערגעזעצט אויפן בענקל. אין קאָפּ פּיקט זיך אים אין איין פּיקעניש: קום, בחור, הייב זיך אויף און קום, זיי נישט קיין לעקעש! און דאָס הארץ אָבער דערלאָזט אים נישט אוועקצוגיין, אליין: זיץ, זיץ, נישקשה! די האנט דערווייל גייט פון זיך אליין אין בוזעם-קעשע-נע, נעמט און דרייט א פּאפּיראָס.

כאַנציע איז גערן כאַטש מיט וואָס-ס'איז צו דינען און טראָגט אונ-טער א פּעקל שוועבעלער. רפאל דאַנקט, זוכט אוים עפּעס א געשפּרעך. תחילת גייט עס עפּעס שווערלעך, קורץ, איבערגעהאקט, עס קלעפּט זיך נישט. ער אליין מיט שאלות: איין מאָל א פרעג, ווייטער א פרעג, גלאט אזוי זיך פון דער העלער הויט, און זי אליין: „יאָ“, „ניין“. א שאָקל מיטן קאָפּ. נאָר וואָס ווייטער — ווייטער שפּינט זיך דאָס געשפּרעך שוין גרינגער, לענגער. עס קומט צו רייד פונעם גלופּסקער עולם יידן: יידלעך אזוינע, פּראָסטע, אָן חכמות, נישט קיין געמלאכהטע. און יידלעך מיט חכמות, געמלאכהטע, אזוינע און אזוינע... כאַנציע אינטערעסירט זיך צו וויסן, אויב ער איז נאָך פון יענע „אויפגעוויירענע“, „אריסטאָקראַטן“, ווי זיי הייסן, און אז זי האָט געזען, ווי ביים הערמאָנען נאָך זייער נאָמען האָט רפאל זיך פארקרימט אזוי, וואָס האָט געהייסן ערגער נאָך ווי געשאָלטן זיי אין טאַטן אריין, איז זי עפּעס לעבעדיקער געוואָרן.

— דער טאַטע מיינער, — זאָגט זי, — האָט זיי אויך נישט ליב, אָנקוקן קאָן ער די דאָזיקע לייט נישט.

— א-א, דער טאַטע! — מאַכט רפאל, פארדרייענדיק די נאָז, ווי אירע ווערטער האָבן אים שטארק נישט געשמעקט. — דעם טאַטנס נישט קאָנען אָנקוקן איז עפּעס גאָר אנדערש.

כאַנציע שטעלט אויף די אויגן אויף אים פארוואונדערט, גלייך ווי זי פאָדערט, ער זאָל איר דערקלערן, וואָס באַטייטן זיינע ווערטער.

רפאל אָבער האָט איינגעזען, אז אצינד איז נישט די געלעגענע צייט ארייננצולאָזן זיך דאָ מיט איר אין א טיפן שמועס, וואָס איז פאר איר תרגום. ער מאַכט זיך דעריבער תם, כלומרשט פארשטייט ער זיך נישט אויפן וווּנק, וואָס זי קוקט דאָ אזוינס אויף אים, און מאַכט א שמועס גאָר איבער עפּעס אנדערש.

אינמיטן דרינען, ווי זיי שמועסן דאָ זיך ביידע, טוט זיך אָן עפּן די טיר — און ווייזט זיך אַ גרויסער טלית־ און־תפילין־זאַק, פון אַ בן־פּקועה־פעלעכן, ארומגעליאַמעוועט מיט בלויע קרייקעס, אויף וועלכן ס'איז אויס־געניייט עפּעס וויסע צייכנס פון אַ פאַבריקע און ציפערס פונעם יאָר. נאָך דעם טלית־ און־תפילין־זאַק ווייזט זיך אַ הענטל, עס טוט אַ שמיר די מזוזה. נאָך דעם שמיר הערט זיך אַ קוש, נאָך דעם קוש ווייזן זיך פּיסלער — און אין שטוב רוקט זיך אַריין מיט אַ משונה־ווילדן „גוט־מאָרגן" אַ קליין יונגערמאַנטשיקל, אַ בלייכס אין אַ לאַנגער לאַסטינגענער קאַפּאָטע מיט אַ ים־שוימען־שטעקעלע אין דער האַנט.

בענציע וואַרפט אַ בליק אויף כאַנציען, אויף רפאלן, ווערט רויט, ווי אַן אינדיק, און לויפט דורך געשווינד די שטוב מיט די פּיסעלער, שטאַרק אויפגעבראַכט, צו זיך אין אַלקערל אַריין.

אין דעם בייזן בליק זיינעם איז נישט געלעגן דאָס, וואָס מע רופט „פּעפּערזיכטיק", חלילה! ווי קומט עס צו אים? פרעגט אים בחרם אַזיינס גאָר צו טראַכטן. חלומען וואָלט זיך אים אפילו נישט געקאָנט אַזעלעכס... נאָר וואָס דען? אים האָט אונטערגעטראָגן בלאָט אַזוי, גאָר אָן חכמות, דאָס שמועסן אירס מיט אַ מאַנסביל. איר זיצן מיט אַ מאַנסביל אָן אַ שומר, דאָס אַליין איז אַן עבירה: גויע, מע טאָר נישט! ס'איז דאָ בפירוש אַ דין... פונקט אַזוי וואָלט אים אויך געאַרט אַ פליישיק טעפּל ביים פייער לעבן אַ מילעכדיקס. ס'איז נישט רעכט, נאָך איידער עס קאָן גאָר ווערן אַ שאלה...

כאַנציע איז ביי בענציעס אַריינקומען געבליבן זיצן ווי אָפּגעבריט פאַר בושה, אַ גאַנצער קנויל פון פאַרמישטע געפילן האָבן זיך איינגעוויי־ניק אין איר געפּלאָנטעט. בלאָט „מאַן" פאַר זיך אַליין, ווייל אין דעם נאָמען ליגט אַזוינס, וואָס מע טאָר נישט זאָגן, איז עפּעס פריקרע, אַ בושה פאַר לייטן, און בפרט נאָך אַזעלכער ווי בענציע. ס'איז איר אַ חרפה, אַ בושה דאָס אַריינקומען זיינס, זיין געשטאַלט, אַלץ מיטאַנאַנדער, מישטיינס־געזאָגט. עס אַרט זי, וואָס דענקט וועגן אים רפאל, וואָס פאַר אַ מיינונג האָט ער איבער איר שלימזל? באַלד אָבער איז זי בייז אויף זיך אַליין, סטייטש, וואָס געהער זי זיך אָן מיט דעם, מיט אַ ווילד־פרעמדן מענטשן? לאָז ער זיך דענקען וואָס ער וויל, אַלציינס. נאָכמער, זי פילט זיך גאָר באַליידיקט פאַר דעם מאַן, איז אין כעס, פאַרוואָס זאָל יענער דענקען פון אים שלעכט. ער איז דאָך פאָרט אירער. עס פאַרדריסט זי, צוזוואָס האָט זי דעם פאַרשווין דאָ פאַרהאַלטן. וואָס וויל זי, וואָס פאַרלאַנגט זי? און טאָקע צוגלייך דערמיט פילט זי, ווי עס ציט איר עפּעס דאָס האַרץ, עס

ציט, ציט א שרעק! ס'איז אינעווייניק אין איר א קאָכעניש, א פלאָנטעניש, זי מיניעט זיך, די פארב שטייט איר אין פּנים — און זי איז וווּנדער־שיין, שענער נאָך ווי פריער.

רפאל פארשטייט איר לאגע, פילט זיין שולדיקייט, אז איצט וואָלט גלייך געווען זי לאָזן צו רו. ער רייסט זיך, רייסט זיך אוועקצוגיין, נאָר אומזיסט, ער קאָן פון איר די אויגן נישט אָפּרייסן —ביידע זיצן ווי אויף שפּילקעס און שווייגן.

אַ שנייצן די נאָז, ברייט, אויף א קול ווי פון א שופר, לאָזט זיך הערן אויף יענער זייט טיר, אָנזאָגנדיק די בשורה, אז אָט גייט לייבציע. דער־זעענדיק רפאלן ביים אריינקומען אין שטוב, איז לייבציען ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ער האָט זייער גוט געוווּסט, אז רפאל קומט אנדערש נישט, סיידן ס'איז דאָ אן עסק, און דאָס ווילט זיך אים דאָך טאַקע זייער שטאַרק, הלוואי עפּטער עסקים מיט רפאלן, וועט ער דאָך פארדינען.

— אָ, א גאסט! מע באדארף מאכן שהחינו, אווא, אזא צייט, אזא לאַנגע צייט נישט געווען ביי מיר אין שטוב! הא, וואָס איז די מעשה, וואָס? נישט שיין, ר' רפאל, נישט שיין, — מאַכט לייבציע, קלאַפּנדיק מיט א פינגער די נאָז. — אדרבא זאָגט, טוט מען עס אזוי א פריינד, וואָס האָט אייך אמת ליב, הא? בנאמנות! איך האָב זיך שוין שטאַרק מצער געווען, אַלץ איבערגעטראכט, אפשר האָב איך מיך מיט עפּעס פארזינ־דיקט, נאָר השם־יתברך איז מיין עדות, אויך מיין ווייב און מיין טאָכטער דאָ, וואָס איר זעט, אז איך בין ריין פון שולד. אדרבא, פארקערט... עולם ומלואה האלט איך פון אייך. איאָ, כאנציע, וואָס זאָג איך תמיד, הא, אויף ר' רפאלן? — מילא נו, פארפאלן. וואָס געווען, איז געווען, אצינד פריי איך מיך באמת, וואָס איך זע אייך, זאָל מיר גאָט אזוי העלפן בכל אשר אפנה. נו זאָגט זשע מיר קודם־כל, ווי גייט עס אין געזונט, אין די געשעפטן, הא?

— געלויבט דער אייבערשטער, גוט! — זאָגט רפאל. — געשעפטן זענען דאָ זייער פיל און אָט בין איך טאַקע אצינד געקומען וועגן געשעפט.

—אַי־אַי, אויב אזוי, קומט זשע אריין צו מיר אין חדר, — זאָגט לייבציע מיט א שיינענדיק פּנים פאר גרוים הנאה. — קומט, זייט מוחל, און מיין טאָכטער וועט זיך מטריח זיין צוליב דעם גאסט אריינטראָגן אינדרז אהינצו א ביסל משקה מיט פארבייסן, איא, כאַנציע? אָדער אפשר איז דער מאן דיינער שוין געקומען פון בית־מדרש און דיר גלוסט זיך א ביסל פארברענגען מיט אים, הא, וואָס שעמסטו זיך, כאַנציע? — חכמהט זיך לייבציע פאר גרוים שמחה, גאָכקוקנדיק מיט איין אויג כאַנציען, וואָס

איז אוועקגעגאנגען שטאַרק פאַרשעמט, מיט דעם אנדערן ווינקענדיק צו רפאלן, און איז מיט אים צו זיך אין חדר אריין.

דאָס דריטע קאַפּיטל

יענע צייט, מיט אַ יאָר פערציק, פופציק צוריק, האָט אין דער לאַגער, פינצטערער נאַכט פונעם יידישן לעבן ביי אונדז אין לאַנד אָנגעהויבן צו שיינען אויף טאָג. אַ פריש ווינטעלע האָט אַ בלאָז געטאָן פון מערב־זייט, צעטריבן די געדיכטע וואָלקנס איבער דער ענגער יידישער גאַס און די בילדונג האָט, ווי דער מאָרגנשטערן, אַריינגעשיקט אויך אַהין פון אירע שטראַלן. אַ קלענער טייל יידן זענען מיט דעם באַגין אויפגעשטאַנען לערנען, צווישן זיי אַזעלכע, וואָס די אויגן נאָך פאַרשלאָפן, נישט רעכט ביי די געדאַנקען, האָבן, ווי די פאַרדולטע זיך געיאָגט, געוואָרפן אין אַלע זייטן, און פאַר גרוים איילעניש דערווייל געבראָכן, אומגעוואָרפן, אָנגעמאַכט שאָדן. דער איבעריקער עולם האָט זיך נישט גערירט פונעם אָרט, זיך געבייזערט און געמורמלט, וואָס מע שטערט אים דעם שלאָף...

ס'איז אַ קריגעריי, אַ געווערטלעריי צווישן ביידע צדדים: די רופן יענע „פעפערס", פוילע — פאַרלעגערטע — צוגעלעגערטע סחורה, און טערלאָזנדיק זיי אונטער דער נאָז פאָנפעס און יענע ניסן, קייכן, שרייען: שקצים, הולטאַיעס! די יאָגן אַלץ ווייטער, ווייטער, אַרויס אין דער פרייער וועלט אַריין, מיינענדיק, עס שטייט זיי פאָר דאָרט גליקן, און יענע אויף די געלעגערס גיבן אויף זיי אַ מאַך מיט דער האַנט: נאַראָנים! איר וועט כאַפּן אַ קלאַפּ, וועט שפּעטער, נישקשה, קומען, ווי די אָפּגעשמיסענע, צוריק מיט אַראָפּגעלאָזטע נעזן! ביידע צדדים אַמפּערן זיך, איינער דעם אַנדערן טוט אין דער גאַל אַריין, ס'איז אַ צערייסעניש, אַ צעפּאַלעניש, קידער־ווידער!...

מער פון אַלע האָבן עס געפילט די יונגע פאָר־פאָלקן, פאַר זיי איז די בילדונג־שמילדונג געווען א סם — עס האָט אָנגעמאכט א דרייעניש, זיי אוים געקויקלט. באַלעבעסלעך וואַרפן אוועק זייערע פלוניתטעס, לויפן בגנבה ערגעץ אַוועק — לערנען. יונגגטן וואַרפן אָן אום־חן, שפּייען קלעק אויף זייערע מאַנעלעך — צוציקעס, וואַרפן אַראָפּ די שלייערס און ווערן פריצהם. איידעמלעך פון בעגציעס סאָרט קריכן אוים ווי די מייז, אַ מגפה אויף זיי, נישט דאָ געדאַכט.

מע זאָל זוכן אויף בעלנות אין די מעטריקע־ביכער פון יענער צייט, וואָלט זיך גאַנץ זיכער דערוויזן, אַז אַזוי פיל גטן ווי דענסטמאָל איז צווישן יידן קיינמאָל נאָך נישט געווען.

רפאל האָט מיט זיין אַריינגאַנג צו לייביציען אין שטוב פאַרטראָג: די קרענק פון יענער צייט — כאַנציע נעמט זיך און באַקומט היץ!... עס דרייט איר דער קאָפּ, עס בייט זיך איר דער געשמאַק, דאָס וואָס פר ער איז געווען ליב, איז אַצינד פּע, וואָס אַמאָל גוט, הייגט שלעכט — די אַלע גוטע סימנים פון יענער פאַרשלעפּטער קרענק, נישט הייגט גערדאַכט! בענציע איז איר פריקרע, איבל ווערט איר א קוק טאָן אויף אים. רפאלן גע־פעלט כאַנציע אַלץ וואָס ווייטער מער. ער זוכט אויס צייט צו זען זיך מיט איר, ווען זי איז אַליין. ער גיט איר איין שכל, פאַרברענגט מיט איר די צייט אין אַ קלוג געשפּרעך. זי כאַפּט אויף זיין איטלעכס וואָרט, עס כאַפּן זיך ביי איר אויף נייע געדאַנקען, פרישע געפילן, עס קאָכט ויך, קאָכט, זי ווערט צעקאָכט און צו אים צוגעקאָכט. רפאל האָט אָנגעצונדן אין כאַנציעס האַרץ אַ העליש פייער און אַליין אויך געברענט צו איר — נאָר דאָס פייער איז דערווייל ביי ביידע געווען פאַרבאָרגן, איטלעכער באַזונדער פון זיי האָט עס געשטיקט אין זיך, געברענט שטילערהייט.

רפאל, אַ מענטש מיט יושר, מיט פאַרשטאַנד, געניט אין דער וועלט, האָט אַלצדינג איינגעווענדט פון זיין זייט, דאָס פייער פון אָנהייב צו לעשן. ער האָט זייער גוט באַרעכנט, ווי ווייט אומזעגלעך עס איז, אויף דעם גלייכן רעכטן וועג דעם וונטש פונעם האַרץ זיינעם צו דערגרייכן. כאַנציע האָט דאָך א מאַן, אמת טאקע, ער איז א בהמה, אָבער פאָרט א מאַן. אַ מאַן אַ בהמה איז גאָרנישט אַזאַ זעלטענע זאַך. אָנמאַכן צווישן זיי אַ ביין־שלעכט לעבן, צערייסן אַ פּאָר־פאָלק — אַזוינס איז אים נישט געלעגן אין זיין כאַראַקטער. הייגט איז דאָך, נאָר אָן דעם, עפּעס צווישן אים און אירע עלטערן א גאַנץ טיפער אָפּגרונט. זיי זענען באַגאָטישע, פאַרשימלטע, פון דער אַלטער וועלט, און ער איז אייגער פונעם נייעם שנים, מער אָדער ווייניקער — אלציינס. שוין דאָס אַליין, וואָס א בענציע קאָן זיין זייער איידעם, באַווייזט גענוג, ווי ווייט אַזעלכע זענען פון א רפאלן, אַזוי ווייט, ווי הימל פון ערד. דעריבער, אָנגענומען אפילו דער פאַל, אַז כאַנציע בלייבט אַן אלמנה אָדער א גרושה, וועלן דען די עלטערן אירע וועלן זי אויסגעבן פאַר אים? און אַז זיי וועלן זאָגן: ניין, וועט דאָך זיין טאקע ניין. וואָרעם די הויפּט־ראָליע ביי יידן אין א שידוך שפּילן דאָך נאָר די עלטערן. וואָס ווייסן קינדער — זאָגט מען — און וואָס האָבן זיי א דעה צו זאָגן אין אַזעלכע זאַכן...

רפאל האָט עס אַלצדינג גוט באַרעכנט און זיך אַליין געפרעגט אין הארצן, וואָס ער וויל און צו וואָס אזוינס קאָן פירן? נאָר ווען דער האנדל איז ביי רפאלן געגאַנגען נאָך אַ פּינקטלעכער אויסרעכענונג אַלצדינג פריער, איז ביי אַזעלכע זאַכן, ווי געפילן אינעווייניק אין דער נשמה, די אַלע באַרעכענונגען נישט אָנגעגאַנגען. דאָס הארץ ווייסט נישט און האָט נישט געוואָלט ווי‏סן פון קיין חשבונות, עס האָט זיך געטאָן זיינס, אַלץ ווייטער־ווייטער געצויגן און געצויגן, ביז רפאל איז מיט דער צייט פארגאַנגען העט־ווייט, אַזוי אַז צוריק איז גאָר קיין מעגלעכקייט נישט געווען.

און כאַנציע? אוי, אז אָך־און־ווי איז כאַנציען, געבער, געווען פון אַלע זייטן. אַ ווייטעק אַ גרויסער איז איר, ווי אַ יידישער טאָכטער, פונעם יצר־הרע, וואָס צעקאָכט איר די געבליטן מיט זינדיקע געדאַנקען פון ליבע, וואָס גיט איר צו פילן אַזוינס, וואָס אַי־אַי־אַי, הס־וחלילה עס פאַרן מויל צו ברענגען! און אַ ווייטעק אַ גרויסער איז איר אויך פון בענציען רעם שלימזל אירן. לעבן מיט אַזעלכן איז אוממעגלעך. זי האָט דאָך אים פיינט, קאָן אים נישט אָנקוקן. אזא לעבן, מישטיינס־געזאָגט, פון אַ פאַר־פאַלק נישט צום האַרצן, איז דאָך אַ זינד גאָר אַקעגן זיך, אַקעגן גאָט און לייט. פטור ווערן פון איר שלימזל איז גאָר נישט געמאָלט, זי איז דאָך ביי טאַטע־מאַמע אין די הענט, זיי האָבן איבער איר צו זאָגן — און ביי זיי אין די אויגן איז דאָך דאָס בענציעלע אירס מלא־חן, שיין ווי די וועלט. וואָס איז שייך, זי האָט פיינט, אַז זיי, טאַטע־מאַמע, האָבן עס ליב!... הכלל, אַזוי צי אַזוי איז כאַנציע זינדיק, ס'איז איר ביטער פון ביידע זייטן.

נישט געפּרוווט זאָלט איר ווערן, ווייבלעך, נישט פאַר אייך, יידישע טעכטער, געדאַכט אַזעלכע יסורים ווי כאַנציעס, געבער!

לייבציע האָט זיך געשפּיגלט אין זיין איידעמל, זיך באַרימט, געצאַצקעט מיט אים פאַר לייט, אָפּגעלויבט אין טאָג אַריין זיינע גוטע מעלות און שטאַרק הנאה געהאַט ביי אַ געלעגנהייט אַמאָל דערציילן רעם יחוס זיינעם, אַז ער וואַקסט פונעם רעכטן ציטעם פונעם פאָטערס צד, פון דער מוטערס צד — גרויסע רבנים, לויטער בערן, און די אַלע, אַ קאַטאָוועס עפּעס, זענען זיינע מחותנים! רב צעמפּל, דאָס שיינדל, דאָס „גלות־ליבשל“, פּששש... איז אַ מחותן, און רב, רב... דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל — אויך אַ מחותן, בכן... זאָלן גלופּסקער וויסן, ווער אַזוינס איז לייבציע דער רויטער!

אויך יענטל, דאָס ווייב זיינס, האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט בענציעלען, איר זים איידעמל, פאַר די באַקאַנטע ווייבער אירע, אַלץ געלויבט און געדאַנקט זיין ליבן נאָמען פאַר דער דאָזיקער מתנה זיינער,

נאָר אויסלאָזן לסוף פּלעגט זי געוויינטלעך מיט אַ זיפץ, בליפּענדיק: ס'טייטש, כאַנציע איז נאָך נישט מעוברת! און וואָס קאָן דערפון זיין דער תּכלית? זי כאַפּט זיך אָן ביים האַרצן, קלאַפּנדיק דערויף מיטן פינגער, אַז דאָ, אָ־דאָ האָט זי אַ וואונד, אַ מכּה אַ גרויסע, שונא־ציון.

די ווייבער, בארעמהאַרציקע, באַריידעוודיקע, ווי דער שטייגער איז, רעדן איר אויס דאָס האַרץ, איטלעכע מיט אירע טרייסט־ווערטער. איינע זאָגט:

— יענטל, נשמה מיינע, שאַ, געגונג געוויינט! דער זכות פון די הייליקע מחותּנים דיינע וועט דיר ביישטיין דאָרט, פאַר דעם כּסא־הכּבוד, און איבעראיאָר, אם־ירצה־השם, וועט כאַנציע דיינע געלעגן ווערן מיט אַ יינגל.

די צווייטע דערציילט איר אַ מעשה עפּעס מיט אַ ווייבל ערגעץ, וואָס האָט אַ היפּשע צייט נישט געקינדלט, איז געקומען איינער אַ בריה צו אַזוינע זאַכן, איך ווייס נישט, וואָס ער האָט געטאָן פאַר אַ מיטל — און דאָס ווייבל, הלוואי אויף כאַנציען דיינער געזאָגט געוואָרן, איז באַלד טאַקע פאַרגאַנגען אין טראָגן. נאָך אַ יידענע דרינגט איר אויס פונעם שכל, אַז אַ קליין יינגל, עס מעג זיך כאַטש זיין אַ באַלעבעסל, קאָן גאָר נישט קינדלען, — סיי אַ מענטש, סיי אַ בהמה, להבדיל, אַלציינס.

— אַז בענציע דיינער וועט אונטערוואַקסן, עלטער ווערן, וועט ער, אם־ירצה־השם, אָפּגעבן דיר זיינס מיט פּראָצענט, האָב קיין מורא נישט. נישקשה!

ווען לייבציען איז אַמאָל געראָטן מאַכן דורך רפאלן אַ גוט דיסקאָנט־געשעפטל, אַראָפּכאַפּן פון אויבן אַ היפּש פאַרדינסטל, און צוליב דעם אים פאַרבעטן איניינעם מיט גוטע ברידער צו זיך אין אָוונט אויף אַ גלעזל טיי, פּלעגט ער, לייבציע הייסט עס, בשעת חדווה דערנסטמאָל אונטערוואַרעמען דאָס איידעמל, דאָס צאַצקעלע זיינס, עס זאָל אַרויסווייזן ביים טיש זיין תּורה, און אַלץ ווינקען, צווינקען רפאלן, ער זאָל מיט קאָפּ זיך צו־הערן.

— אַ נו בענציע, לאָז זיך הערן! עפּעס אַ וואָרט, אַ גוט שטיקל אַזוינס, ווי דו קענסט, אַזוי מיט אַ מויל!

און בענציע צעפלאַקערט זיך, צעשאָקלט זיך מיט די הענט און פיס, שיט מיט שטיקלעך גמרא און מישט אויס קאַשע מיט מאָן.

— נו? — מאַכט לייבציע, וואָס איז פּלאַטשיקלעך אין לערנען, שטשירעט אויס צו רפאלן איין אייגעלע, שמייכלענדיק דערביי זיס מיט אַ שיינענדיק פּנים — איאָ, האַ, סחורה?

רפאל ענטפערט מיט אַ קנייטשעלע, עפּעס אָן ווערטער, איבערקוקנדיק זיך מיט באַנציען, וואָס מיניעט זיך פאַר שאַנדע, טראַכטנדיק ביי זיך: אוי האָסטו מיר געגעבן אַ גוט שטיקל סחורה, טאַטע!

דערמיט אַליין, וואָס לייבציע האָט זיך באַרימט מיט בענציען, אָט דערמיט טאַקע האָט ער אים באַגראָבן. אַפּנים, אַזוי איז לייבציעס פינצטער מזל געווען אָנגעשריבן דאָרט אויף אים אין הימל, אַז ער אַליין, מחילה, מיט זיין באַנעמונג, מיט די רייד זיינע זאָל, גאָר אַליין נישט צו וויסן, דער טאָכטער איינגעבן שכל פּיינט צו באַקומען דעם מאַן און פאַרליבן זיך אין רפאלן. ער זאָל עס געווען, חלילה, וויסן, וואָלט ער, שונאי־ציון, זיך גיכער אַ מעשה אָנגעטאָן, זיך באַגראָבן טיף אין דער ערד ניין איילן.

איינמאָל, פּורים צו דער סעודה, אויף וועלכער ס'איז געווען פאַרבעטן רפאל מיט נאָך אַנדערע געסט, און מע האָט זיך ווויל געטאָן, האָט לייבציע מיט דער פּאָרסע געוואָלט אַרויסווייזן דעם איידעמלס תורה, לאָז דער עולם הערן, ווי שיין ער דרשנט, וואָס פאַר אַ תכשיט ער איז.

— שאַ, — פּאַטשט לייבציע מיט אַ האַנט אין טיש. — מיינער וועט אונדז דרשנען עפּעס פון דער מגילה. שאַ, אָט וועט איר עפּעס הערן... היידאַ, בענציע!

און דאָס בענציעלע, וואָס האָט לכבוד פּורים איבערגעכאַפּט די מאָס, געהאַט אַן איבעריק ביסל משקה אין קאָפּ, הייבט אָן זאָגן שטאַרק פאַרפּלאַמט אַזוי:

— אין פּלוג איז דאָך אינגאַנצן דער ענין דאָרט נישט רעכט. צוואָס שטייט ביי מרדכין: מרדכי היהודי? וואָס לאָזט דערמיט דער פּסוק מיך הערן? פּשיטא, ווייסן מיר דען אַליין נישט, אַז מרדכי איז מסתמא אַ ייד? מרדכי איז מרדכי, אַ ייד! וואָס דען, מרדכי זאָל הייסן אַ גוי, בתמיה, ווי געשיקט זיך עס?... גאָר אַוועקגעלייגט שוין אַפילו די דאָזיקע קשיא, נאָך און נאָך קשיות, וואָס איז דאָ צו פרעגן, אויף וועלכע עס שטעלן זיך דאָ אַלע מפרשים, בלייבט דאָך טאַקע פאָרט די אַלטע קלאָץ־קשיא: פאַרוואָס ביי אחשורושן שטייט ויאמר און ביי אסתר המלכה — ותאמר? עפּעס מוז דאָך דרינען עפּעס שטעקן. היינט איז דער קוועטש פון עשרת אלפים ככר כסף, צען טויזנט זילבערנע ככר, און עשרת בני המן, אויך האַרבּלעך, — וואָס קוועטשט זיך אַזוי דער פּסוק צו זאָגן ביי ביידן, אי ביי די זילבערנע ככר אי ביי די בני המן, דווקא צען, און וואָס וואָלט אונדז געאַרט, אַז עס זאָל נישט געווען זיין צען?

— אַ־וואַ! — מאַכט לייבציע גאָר אָנקוועלנדיק. — האָט איר געהערט אַ נעם טאָן אַ ביסל אַזוי אַ פּסוק, אַהער אַ דריי, אַהין, אַז עס ווערט,

מחילה, אַ לעמעשקע!... אַ יאָ, סחורה? היידאַ, בענציע, זאָג, זאָג ווייטער, ווייטער!

— נישמער, ס'איז רעכט. די ווערטער פון דער הייליקער תורה זענען צוקער־זיס, — צעלאָזט זיך בענציע ווייטער אויף זיין זיס קולכען: — דער תירוץ איז נאָך דעם פּראָסטן פּשט אַזוי: ווי מיר ווייסן, האָט פון שדי דער אַרויסגעוואָרפענער „ייד" זיך אַ לאַנגע צייט אַרומגעוואָגלט, ביז יהושע האָט אים אָנגענומען, אַריינגעגאַנגען אין ארץ־ישראל און איינגענומען די פעלקער. דאָ איז נאָך גלות־מצרים דער ייד געקומען צו רו און געווען, הייסט עס, בכוח, ווי מיר האָבן דאָ געזען. שפּעטער אין גלות פּרס האָט דער ייד מרדכי היהודי (כלומר, אַזוי מיינט ער, מרדכי היהודי מיט א יוד, מרדכי נישט מרדכע) און דעם ייד ביי אחשורושן, וואָס אריין צו אים דורך אסתר המלכה, ויאמר — און ער האָט געזאָגט, געזאָגט... פאַר־שטייט איר מיך, ער האָט עס גובר געווען יענעם יוד (עשרת) פון די אלפים, אייך יענעם יוד (עשרת) פון די בני המן! דען זייט ווייסן, אז עס זענען דאָ צוויי מיני יידן! אַ ייד אין דער קדושה און אין דער טומאה אַ מין...

— יונגערמאַן! — פאַלט אַריין בענציען אין די רייד רפאל, וואָס האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן. — וואָס ווילט איר האָבן פון פּסוק, נעבעך? ויאמר איז לשון זכר, ותאמר — לשון נקבה.

— לשון נקבה קען איך נישט! — צעשרייט זיך בענציע אין איין כעס, פלאַם־פייער. — אַ שמועס בלשון זכר ונקבה, דאָס קענען נאָר די פראַנצויזן, ימח־שמוניקעס: ויאמר — ער האָט געזאָגט, ותאמר — זי האָט געזאָגט. מיט דעם פּוץ, מיט דער מאָדע...

דאָס איז פון בענציעס זייט געווען אַ שטיין גלייך צו רפאלן און צו כאַנציען אין גאָרטן אַריין, אַן אָנצוהערעניש, וואָס זיי זיצן און רעדן אָפּט צווישן זיך אָן א שומר. זיין שפּראַך האָט זיי געטראָפן ביידן, ווי אַ פייל אין האַרצן.

זינט דענסטמאָל איז בענציע ביים ווייב אַ נפטר — אוים בענציע. און רפאל פאַרגעסט דאָס גאַנצע אָרט ביי איר אין האַרצן.

געוויסע צייטן אַזעלכע איז געווען, וואָס כאַנציע פלעגט קאָנען בלייבן איינע אַליין אין שטוב. רפאל האָט שוין די צייטן געוווסט און איז געקומען פאַרברענגען אַ ביסל די צייט אין איר געזעלשאַפט מיט גרויס פאַרגעניגן. און תמיד איז ביי אים אין קאָפּ געווען גרייט עפּעס אַן עסקל, עס זאָל פאַרשטעלן די אויגן, דינען פאַר אַן אויסרייד אין אַ נויט־פאַל פאַר לייבציען און זיין הויז־געזונד.

איינמאָל איז ער אין אַזאַ צייט געקומען און געטראָפן כאַנציען פאַר־אומערט, מיט פאַרוויינטע אויגן. דאָס האָט איר נאָך צוגעגעבן חן, ווי דער

שיינער, בליענדער רויז די טוי־טראָפּן זומער פרימאָרגן. ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און זי געפרעגט, וואָס דאָס וויינען אירם באַטייט, עפּעס מיט אַזאַ ווייבער ציטערדיקער שטימע, מיט וועלכער אַ געטרייער פאָטער ווענדט זיך צו זיין ליבהאַרציק, געקרענקט קינד.

כאַנציע באַהאַלט דאָס פּנים און צעוויינט זיך נאָך מער. רפאל מיינט, אַז עקט זיך אים דאָס לעבן פאַר גרויס רחמנות, נעמט זי אָן ביי דער האַנט, פעסט, און איין געבעט:

— דערצייל, דערצייל!...

אַ קאַלט־וואַרעמער שטראָם לויפט כאַנציען דורך איבערן לייב און די האַנט אירע ציטערט, ליגנדיק אין רפאלס האַנט. רפאל באַקומט נאָך מער מוט, בעט, חלשט, אַזוי און אַזוי... ביז כאַנציע טוט אים צוליב — און עס דערוויזט זיך צום סוף אַט וואָס. צווישן דער מאַמען מיט דער טאָכטער איז הייגט געווען חושך איבער בענציען.

קומענדיק, ווי געוויינטלעך, אינדערפרי, מיט דעם גרויסן טלית־זאַק פון שול שטאַרק הונגעריק, איז בענציע אַוועקגעזעסן ביי זיך אין חדרל אַ היפּשע צייט אומגעגעסן, מיט סמאהע אויף די ליפּן, עמעצער זאָל עס זיך אָן אים דערמאָנען. ער האָט זיך געקראַצט אין דער פּאה, געקנאַקט די פינגער, געצמאָקעט, געמאַכט מיט די ליפּן, אַרויסגעגעבן פון זיך זיפצלעך, די שיינע הוסטעלעך, געאיקעט, געוויקעט, ביז די שוויגער האָט זיך אַרומ־געקוקט.

— אוי, אַ ווייטעק אַ גרויסער, נאָך האָט ער, נעבעך, אין מויל נישט געהאַט! ס'איז דאָך אַ צער־בעל־חיים... — טוט זיך אַ כאַפּ יענטל, ברעכנדיק מיט די הענט, לויפט געשווינד און טראָגט צו דעם איידעמל אויף אַ טאַץ אָנבייסן — אַ פּאָר אייערבייגל, אַ פּוטערגעבעקסל מיט אַ גלעזל ציקאָריע, מאַכנדיק צו אים האַלב בייז און האַלב מיט גוטן:

— נאַ, עס!... פאַרוואָס זאָל מען עס שווייגן, נישט זאָגן אַ ווייב: עסן! מיינס איז נישט לייטיש, ווי איז מיר!... אַ נס, וואָס איך האָב מיך אַרומגעקוקט, אַז נישט, וואָס וואָלט געווען?... ביסט גוט הונגעריק?

— מילא, ווי איך וואָס... עט, גאָרנישט... — ענטפערט אָפּ אונטער דער נאָז בענציע, קנייטשנדיק זיך מיט אַ זיס־זויער שמייכעלע, און נעמט זיך עסן קעסט, פּאַקן מיטן פולן מויל.

ריידעלע יאַק ריידעלע, נאָך צום קעסט־עסן איז בענציע געווען, אָן עין־הרע, אַ מייסטער, איין בריה אין דער וועלט.

אַז אונדזער נפש איז באַלד נאָך דעם עסן אַוועק צוריק אין זיין רה אין דעם קלייזל זיינעם, האָט יענטל זיך גענומען צו דער טאָכטער, אוים־געשטראָפּן זי פאַר אַזאַ באַציונג מיטן מאַן, אַזוי:

— דו מוזט וויסן, טאַטער, איך האָב אַ גאַז. אַ האָב איך אַ גאַז! אַ שמעק איך!... די אויגן זענען מיר, ברוך־השם, נאָך נישט אַרויס. איך זע, נישקשה, זע דיין אויפפירונג אַקעגן דעם מאַן. אַ שיין ווייבעלע, מ'שטיינס־געזאָגט! דו האָסט דאָך באַדאַרפט ווערן גרעבער ווי לענגער, אָנגעקוועלן פון אַזאַ מאַן — אַ ברכה, אַ בענטשונג פון זיין ליבן נאָמען.

— נו, לאָז זיך פרייען די מאַמע, וואָס האָט אַזעלכן געהאַט! — ענטפערט אָפּ כאַנציע קורץ און שאַרף.

— אַ לשון אַ ביסל! — מאַכט יענטל אויפגעבראַכט. — אָט האָסטו דיר דעם דאַנק! טאַטע־מאַמע שלאָגן זיך, שונאי־ציון, קאָפּ אָן וואַנט, אַקערן מיט דער נאָז די ערד און זוכן אויס אַזאַ בריליאַנט... ס'איז דאָך אַ כבוד אַזאַ שפּיגעלע אין שטוב צו האָבן. דער טאַטע האָט דאָך איים ליב, עפּעס אַזוי ליב, אַזוי ליב...

— לאָז אים ווייל באַקומען! — ווינטשעוועט צו כאַנציע מיט אַ ביטער שמייכעלע.

— אוי, אוי, בין איך עס אומגליקלעך! — צעבליפּעט זיך יענטל און קלאַפּט זיך אין האַרצן. — אוי, אַ מכה האָב איך עס, אַ מכה אָט דאָ, דאָ! אַז רבונו־של־עולם האָט מיך אַזוי געשטראָפט, נישט געבענטשט מיט אַ זון, לאָז כאָטש זיין, האָב איך געמיינט, פון דער טאָכטער זוכה זיין צו דערלעבן פון איר דעם נחת... ניין! אַז זי וויל גאָר נישט וויסן. מיינט — התונה־שמאַסענע, ס'איז אַ שפּילעכן, אַזוי זיך אַ פּידעלע, אַ פּייקעלע, האָצענוי, נישט מער... געגוג זיך קינדעריש געמאַכט, דו הערסט? דו ביסט, זאָג איך דיר, אַ ווייבל! דו פאַרשטייסט, וואָס ווייבל?

— א ווייבל איז א מענטש ווי אלע מענטשן, — ענטפערט כאַנציע רואיק, איינהאַלטנדיק אין זיך דעם כעס.

— נעם זיך נאָר אַזוי נישט איבער, כאַנציע — צעפלאַקערט זיך יענטל אויף דער טאָכטער, גאָכקרימענדיק אירע ווערטער: — אַ מענטש, זאָגט זי, אַ מענטש!... גאָרנישט ביסטו, אַן אשה... נישטאָ פאַר דיר אויף דער וועלט נאָר די דריי ווייבערשע מצוות... אָט וואָס איז אַן אשה! איר ווייבערשער שכל, איר ווילן איז גאָרנישט. א פרומע, א כשרע יידענע באַדאַרף וועלן טאָן דעם מאַנס רצון. דרינען ליגט דער גאַנצער שכל... אָט אַזוי האָט מען אונדז צו דער התונה געלערנט. אַצינד פאַרשטייסטו שוין, כאַנציע?

— ניין! — שיסט כאַנציע אויס, רויט ווערנדיק ווי פייער. — ווי קום איך צו פאַרשטיין אַזוינס, וואָס אַ פרומע כשרע יידענע ווייסט?...

— הייסט עס, אַפּגים, וואָס איך האָב גערעדט איז — געבולן! — צעשרייט זיך יענטל גאָר אַ שרעק, מאַכנדיק מיט דער האַנט אַקעגן באַנ־ציען. — וואַרט נאָר, וואַרט! דו וועסט ביי מיר פאַרשטיין, נישקשה, וויסן וואָס מאַן, וואָס אַזוינס מאַן באַטייט, איך וועל דיר...

די מאַמע לויפט אַרויס שטאַרק צעקאָכט און די טאָכטער באַוואַשט זיך פאַר גרוים, ווייטעק מיט טרערן.

רפאל טרייסט כאַנציען מיט גוטע, זיסע רייד, קוועטשט איר, קוועטשט די האַנט און פאַר גרויס ליבשאַפט כאַפּט זיך אים פונעם מויל אַרויס: „האַרצעניו, נשמהניו!“ זי לאָזט זיך טרייסטן און קוקט אויף אים מיט פייכטע איגן, און פון די פאַרגליווערטע טרערן, ווי די פערל, שיינט אַרויס אַ ליבלעכער, מחיהדיקער בליק — ס'איז אַ זון מיט אַ רעגן.

די צייט דערווייל גייט און מיט איר וואַקסט, שפּראָצט די ליבשאַפט אַלץ גרעסער, גרעסער. רפאל שאַרפט כאַנציעס פאַרשטאַנד, גיט איר איין־שכל צו וויסן פון אַ ניי לעבן, מיט די אַלע מיטל, וואָס דערצו — מיט קלוגע רייד און גוטע ביכלעך אַזעלכע, וואָס זענען מסוגל צו דער נשמה. כאַנציע זאַפּט אין זיך איין איטלעכס וואָרט, עס שלייפט זיך איר מוח, עס לייטערט זיך איר נשמה, קלערער ווערן אירע געפילן, און רפאל ווערט ביי זיך שטאַרקער, האָפט, האָפט, עס וועט, אם־ירצה־השם, מיט דער צייט זיין גוט... דאָס וואָס פריער האָט אים אויסגעזען זייער שווער, דאַכט זיך א כ אַציִנד זייער גרינג. אַלצדינג איז זייער גוט געמאָלט דאָ אויף דער וועלט. פריער אָדער שפּעטער, כאַנציע פון איר שלימזל מוז פּטור ווערן. זיך קאָן ער דרינען נישט באַשולדיקן, וואָרעם אַזוינס האָט זיך געמאַכט גאָר אָן אים, אַזוי טאַקע האָט עס געמוזט זיין — כאַנציע און בענציע זענען נישט קיין פּאָר, דער שידוך איז געווען קרום גאָר פונעם אָנהייב אָן. ווייטער זשע אירע באַגאַטישע פרומע עלטערן? זיי וועלן מיט אַזעלכע ווי ער זיך משדך זיין נישט וועלן? עט, גאַרישקייטן! אַ קערבל פאַרדעקט אַלע זינד.

קיין זאַך קאָן נישט באַשטיין אַקעגן דער פּרנסה. ווו פּרנסה, הערן אויף חילוקים, פרומע תנועות אין דעם גלויבן. עס יידלען זיך, עס מאַכן פוילע תנועות פון גאָטס וועגן נאָר יענע, וואָס מיינען דורכדעם עפּעס צו גילטן, דורך דעם צו כאַפּן אַ גראָשן. יענע, געבער, קבצנים, וואָס מוזן דערויס זיך מאַכן, מישטיינס־געזאָגט, די פּרנסה, ווען נישט, וואָלט זיי אויסגעקומען זייער שמאָל, כאָטש לייג זיך אין דער מיט גאַם און שטאַרב; יענע בטלנים, געבער, וואָס צו עפּעס אַנדערש טויגן זיי נישט פונדאַנען אהין; יענע, יענע, מענטשלעך, וואָס אָן דעם — ווער וואָלט זיי געוווּסט, ווער וואָלט זיי געהערט? אָט דרינען שטעקט די גאַנצע קאָמעדיע פון משוגענער פרומקייט און גוטסקייט, פון איבערגעזאַלצענער ליבשאַפט צום

באַלק, פֿון פֿוילע קרעכצעלער, זיפֿצעלער אויף צרות אין דער וועלט, פֿון משונה־ווילדע רחמנות צו אָרעמינקע, כּלומרשט, און דערמיט צוגלייך טאַקע — פֿיינטשאַפֿט, קריג, אינטריגעס, רכילות, בלבולים און אונטער־הידעניש מענטשן אַקעגן מענטשן.

צו דערהאַלטן דעם שלום אין דער וועלט, צופֿרידנקייט צווישן אונדז, זינדיקע מענטשן, מיט אַזוי פֿיל באַדערפֿעניש צום לעבן, איז כּמעט דאָס איינציקע מיטל — פּרנסה!...

דאָס פֿערטע קאַפּיטל

אַז יידן האָבן פֿאַרשפּילט זייער וועלט און זענען בעוונותינו הרבים געוואָרן קרעמערס, באַנקירן, פּראַצענטניקעס, וואָכערניקעס, מעקלערס, טאַנדעטניקעס און כּל־המינים געשעפֿט־מאַכערס — זינט דענסטמאָל איז דער יצר־הרע פֿון ליבע אויס מחותן ביי זיי, די דעה אין שידוכים איז איבערגעגאַנגען פֿון אים צום יצר־הרע פֿון האַנדל; אַ שידוך הייַנט איז אויך אַ געשעפֿט. שיינקייט, פֿרומקייט מאַכט נישט אויס. די כּלה מעג זיך זיין אַ מיאוסע — אַבי געלט. געפֿינט זיך אַמאָל אַ ייד, וואָס קוקט אויף שיינקייט, באַווייזט עס גאַנץ זיכער, אַז ער איז נישט קיין עכטער סוחר, טאַקע וואָס אַ סוחר הייסט; אַחוץ געשעפֿט, געלט־זאַכן, ליגט אים נאָך אויך אין זינען נאַרישקייטן — גערדאַנקען, וואָס האָבן נישט קיין שום ווערט. וויבאַלד דער יצר־הרע פֿון ליבע דערזעט פֿאַר זיך ביי יענעם אָפֿן דאָס האַרץ, כאַפּט ער זיך אַריין אינעווייניק אַהין און ברענט דאָרט, אַרבעט מעשים קונציק־ווייל, ווי ער קאָן.

די אייגענע מעשה איז געשען אויך מיט רפֿאלן. ווייל ער איז געווען אַ סוחר און צוגלייך טאַקע אויך אַ מענטש מיט האַרץ, האָט דאָס יצר־הרעלע, אָט דער ברען, דערשפּירט, זיך פֿאַרקליבן אַהין צו אים, צו מאַכן דאָרט די שפּיל. ער האָט אים פֿאַרגעשטעלט מיט זיינע פּאָקוסן אַ וווּנדער־שיינע וועלט מיט די אַלע גוטע, געשמאַקע זאַכן, וואָס גלוסט זיך שטאַרק זיי צו געניסן. עס קיצלט אים, מאַכט אים אַ חשק, מאָלט אים אויס דאָס בילד־שיינע געשטאַלט כאַנציעס פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, אינגאַנצן אַ קלאָר־ווייסע אויסגעגאָסענע סטאַטוע, אויסגעטאַקט איטלעכס גליד באַזונדער — און זאָגט צו אים: בחור, קוק, ווי שיין, קוק און שמעלץ זיך פֿאַר ליבשאַפֿט! און רפֿאלן צעשפּילן זיך די געבלוטן, ער טראַכט, טראַכט פֿון כאַנציען און גיט זיך דאָס וואָרט, אויסטיליקן מיט דער צייט די דערגער, שטעכעל־קעס, וואָס אַרום דער דאָזיקער רויז, כּדי זי צו באַקומען, עס מעג זיך אַפֿילו דונערן און בליצן.

גלייכער פון אַלע זאַכן איז פאַר רפאלן געווען — זיך נעמען צו ליבציען, צוציען אים צו זיך אַזוי, אַז ער זאָל ווערן צוגעזאָפּט, גלייבן אין אים מיט לייב און לעבן. און דערצו איז דאָך דאָ אַ מיטל.

רפאל האָט זייער גוט אַרויסגעזען, אַז דאָס איינציקע שליסעלע צו ליבציעס האַרץ — איז געלט, גוטע, שיינע פּאַרדינסטלעך, און דאָס שליסעלע איז דאָך ביי אים אין דער האַנט. פריער פלעגט ער מאַכן סקאַנטעס געשעפטן צווישן אַנדערע אויך אַמאָל מיט ליבציען, און ווי ליבציע האָט שטאַרק געלעכצט נאָך אַזעלכע געשעפטן, אַלץ געזוכט אַוועקצורייסן רפאלן פון די אַלע אַנדערע קאָנטאָרן, פונדעסטוועגן פלעגט ער ביי איטלעכס מאָל זיך שטאַרק דינגען פאַר אַ פּראָצענט. נישט דינגען זיך איז אים געווען שווער. עס שאַדט נישט צו פּרווון, אַ גראָשן איז אויך געלט. אַצינד אָבער, צוליב כאַנציען, האָט רפאל אָנגעהויבן צוצולאָזן ווי ווייט מעגלעך ליבציען גרויסע געשעפטן, נישט זיין אין דעם האַנדל שוין אַזאַ איבערקלייבער ווי אַמאָל. געבן אויף אַ וועקסל סחורה עמעצן נישט אַזוי פון די גרויסע בטוחים איז אויך רעכט. פאַרלירן ביים אָפּסקאָנטירן דאָס וועקסל אַ גרויסן פּראָצענט — מאַכט אים שוין אויך נישט אַזוי אויס, אַבי נאָך און נאָך אַ געשעפטל, ליבציע זאָל דערווייל האָבן עסקים, אַראָפּכאַפּן פון אויבן. ליבציע ווידער, וואָס האָט שטאַרק געלעכצט נאָך פּראָצענט, האָט אויך נישט אַזוי שטאַרק איבערגעזיפּט די סוחרים פון די וועקסלען, די קאָפּעקע פּראָצענט איז אַזוי ליב דעם פּראָצענטניק, אַז צוליב איר שטעלט ער אַמאָל איין דעם קרן אַליין. בקיצור, רפאל מאַכט מער געשעפטן, ליבציע האָט מער פּראָצענט, און ר׳ אָשר דער מעקלער אַרבעט געשמאַק אין עסק. עס דרייט זיך אים דאָס קעפּעלע און עס פאַררייסט זיך אים שטאַרק דאָס היטעלע.

— וואָס איז אַזוינס דאָס יאָגעניש, ר׳ אָשר? — פרעגן אים באַקאַנטע אין גאַס, זעענדיק ווי ער לויפט הענדעם־פּענדעם און די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע וואַרפן זיך אים אין אַלע זייטן. — שאַ, שטייט אַ ביסל און דערציילט אונדז, וואָס הערט זיך היינט עפּעס ביים אין דער פּאָליטיקע, און וואָס טוט זיך אַזוינס אין אייער פראַנקרייך?

דאָס לשון „אייער פראַנקרייך" איז נישט דער טייטש, אַז ר׳ אָשר איז אַ פראַנצויז, אָדער ער האָט אין פראַנקרייך אַ נחלה, בירושה פון זיינע עלטערן. חלילה! אַלע ווייסן, אַז ער איז געבוירן אין גלופּסק און איז, נעבעך, אַ קבצן, אַז זיינע עלטערן די קבצנים האָבן אים גאָרנישט איבערגעלאָזט ירושה, נישט דאָ אין גלופּסק און נישט דאָרט אין פראַנקרייך. נאָר וואָס דען? גאָר פּשוט. ר׳ אָשר, אַז ער פלעגט זיצן צווישן דעם עולם און רעדן פון פּאָליטיקע, איז דער שטייגער זיינער געווען צו זאָגן: „מיין

פראַנקרייך", אוים גרוים ליבשאַפט צום דאָזיקן לאַנד. ר' אָשר, באַדאַרף מען ווּיסן, איז געווען אַ לעבעדיקע, גייענדיקע גאַזעטע פאַר די גלופּסקער יידן. ער פלעגט זיי אָנדערציילן נייס, שרעקלעכע, ווונדערלעכע זאַכן און מלחמות, אויך ישועות אויף יידן און שלעכטע בימערע גזירות. מויל און אויערן פלעגט מען עפענען פאַר גרוים פאַרגעניגן, הערנדיק זיין זים גלאַט לשון. העריבער, אז מע האָט אים אָצינד געזען לויפנדיק אזוי האסטיק, האָט מען געמיינט, עפּעס גאָר שרעקלעכס איז אַוודאי געשען אין דער וועלט און ר' אָשר איז פול מיט נייס.

— נישטאָ קיין צייט, קיין צייט! — ענטפערט אָפּ ר' אָשר, האַלטנדיק אין איין לויפעניש, נישט אָנצוקוקן די באַקאַנטע אפילו, וואָס בלייבן שטיין פאַרגאַפט.

— ר' אָשר! די קאַפּאָטע אייערע פאַרדריפּעט זיך מיאוס, און איר לויפט, עס זאָל עס אייך אָנהייבן ארן! אן עבירה, כ'לעבן, אזא נייע שיינע קאַפּאָטע! — מאַכן צו אים נאָך אַנדערע באַקאַנטע, וואָס קומען אים אַקעגן, ארויסשטעלנדיק די אויגן, שטאַרק פאַרוווּנדערט.

— נישקשה, נישקשה! — זאָגט ר' אָשר אין איין אָטעם, שאָקלענדיק צו זיי מיט דעם קאָפּ, בשעת לויפנדיק טאַקע.

— ר' אָשר, געוואַלד!... — וואָס איז?... האַ, ווידער אַ צרה, אַ גזירה אויף יידן? — פרעגן אים מיט אַ געשריי, מיט אַ געבעט איבערגעשראָקענע יידן, נעבעך, אויסשטרעקנדיק צו אים די הענט.

— גאָרנישט, גאָרנישט! — לאָזט זיך ר' אָשר הערן צו זיי מיט אַ וואָרט פונדערווייטנס, לויפנדיק זיין וועג.

— אַ, ר' אָשר! — מאַכט שמואל דער קרעמער, ביים אַריינפליען ר' אָשרס צו אים אין קלייט אָן אַ נשמה, עפּעס קאַלט, מיט אַ האַלבן מויל, אריינקוקנדיק בשעת מעשה אין דעם קאַסע־בוך, כלומרשט איז ר' אָשרס קומען נישט אַזוי שטאַרק אָנגעלייגט ביים אים, הגם ער האָט אויף אים טאַקע אַרויסגעקוקט און איז אין האַרצן זייער צופרידן געווען, וואָס ער איז געקומען. — וואָרט אויס, ר' אָשר, ביז איך וועל מיך אָפּפּאַרטיקן.

— נישטאָ קיין צייט, קיין צייט, ר' שמואל! זייער אַ שווערע אַרבעט האָב איך אויף מיר, טאַקע גאָר אַ שווערע, שווער שטיקל אַרבעט. איר מיינט, אַז ס'איז אַזוי גרינג צו קויפן ביי אונדז סחורה, ווער עס וויל, קומט זיך און נעמט סחורה, הייבט אַ הקפה? ניין, ר' שמואל, נישט אַזוי איז די מעשה! אָט דער רפאל, — מאַכט ר' אָשר, קלאַפּנדיק זיך מיט אַ פינגער אין שטערן, — דער רפאל, זאָג איך אייך, איז אַ מענטש מיט קאָפּ, האָט אַ גוטן מוח. וויפל טענצלעך, מיינט איר, האָב איך אַרום אים געטאַנצט און וועל נאָך באַדאַרפן טאַנצן, טאַנצן ביז...

— איר מעגט אייך טאַנצן געזונטערהייט, וויפל איר ווילט, נאָר פֿון
מיינעטוועגן, דאַכט זיך מיר, האָט איר נישט אַזוי צו טאַנצן פאַר אייער
פאַלן, און די ארבעט איז אויך נישט אזא שווערע, ווי איר זאָגט, —
רופט זיך אָן ר׳ שמואל דער קרעמער. כלומרשט פילט ער זיך באַליידיקט,
מיינענדיק צו פאַרגרעסערן זיין אייגן ווערט, אַז ער איז, ברוך־השם, פֿון
די גרויסע בטוחים, און אגב טאַקע, צו פאַרקלענערן ר׳ אָשרס אַרבעט,
כּדי ער זאָל נישט פאָדערן היפש פאַר מעקלעריי. — איך האָב פאַר מיר
אַ מאָסקווע, געלויבט דער אייבערשטער. מאָסקווע איז פאַר מיר בעסער,
געזונטער אין אַלע פעל... פאַרשטייט איר מיך? נישמער וואָס פאָלטאַווע
האָט זיך דאָ אָנגערוקט, שטייט שוין פאַר דער נאָז, אָט־אָט איז דער
יריד דאָרט, און סחורה ברויכט מען טאַקע באַלד אין דער הייסער מינוט,
פאַרשטייט איר מיך, דעריבער...

— דעריבער... איז נישטאָ מער וואָס צו רעדן, און זייט מיר געזונט,
ר׳ שמואל! — טוט אַ זאָג ר׳ אָשר, וואָס פאַרשטייט גנבה־לשון און איז
אַ ממזר, דורכגעטריבן, ווי שמואל דער קרעמער, פאַרקרימט די נאָז,
גלייך ווי ער זאָגט זיך אָפּ פונעם גאַנצן עסק, און לאָזט זיך גיין אַרויס
פֿון דער קלייט.

— איר זענט, דאַכט זיך, נישט קיין כהן, ר׳ אָשר, און דאָך אַ בעל־
כעס, — פאַרכאַפּט זיך שמואל דער קרעמער מיט גוטע רייד, אָננעמענדיק
ר׳ אָשרן ביי די פּאָלעס און שמייכלט צו אים מיט אַ שיינענדיק, זיס
פּנים, — אַי, האָט איר דאָך מיך, איך בעט איבער אייער כבוד, נישט
פאַרשטאַנען! שטייט נאָר, שטייט, ר׳ אָשר! דער פּשט פון דעם, וואָס
איך האָב געזאָגט, „דעריבער“, הערט נאָר, איך בעט אייך, איז אָט־וואָס:
אַזוי ווי פּאָלטאַווע איז שוין פאַר דער נאָז, איר פאַרשטייט? און סחורה
ברויכט מען באַלד, דעריבער... דעריבער, זייט זיך מטריח און גייט טאַקע
געשווינד, ר׳ אָשר, און מאַכט דעם עסק אין א גוטער מזלדיקער שעה...
אַצינד געגוג געשעפט, דרייעניש, טאַנצעניש־שפּרינגעניש אין דער זייט.
זאָגט מיר בעסער, ר׳ אשר, ווען, דענקט איר, זאָלן מיר טאַנצן ביי אייער
טאָכטער אויף דער התונה? אפשר ווילט איר נעמען פאַר איר אַ מלבוש,
איז דאָ ביי מיר הייגט פיינע סחורה אַנטיק, עף־עף! נעמט אויף קאָנצע,
עט, וואָס מאַכט עס אויס, מיר וועלן זיך שפּעטער אָפּרעכענען, נישקשה! —

הכלל, די עסקים וואַקסן, אויף דער סחורה זענען דאָ אַ סך בעלנים —
און ר׳ אָשר גייט אַרויס לייטיש אין אַ נייער קאַפּאָטע מיט אַ שיינעם
היפּשן שלומפּער, לויפט ווי אַ הירש „אָנגעגורט די לענדן“, איז שטאַרק
פאַרטאָן אין עסק — הו־האַ־הו! עס שוויצט אים דער שטערן, די נאָז
שמעקט, נישטערט, און דאָס פּנים שיינט — מראה כהן. עס

טוט אים הנאה נישט אַזוי דאָס פאַרדינסט פון מעקלעריי, ווי דאָס מעקלעריי אַליין — מע האַנדלט!... אַצינד איז ר' אָשר שטאַרק צופרידן פון רפאלן, ער לויבט אים אין די אויגן און אונטער די אויגן, זאָגט: רפאל האָט געכאַפּט דעם שניט, זיך אויסגעאַרבעט אין גלופּסק, אַצינד האָט ער שוין „אַ געפיל אין דעם האַנדל“, און ס'איז דאָ אַ האָפענונג, אַז מיט דער צייט וועט פון אים ווערן אַ לייט, אַ רעכט=שיינער סוחר.

רפאלס מיטל האָט געווירקט. לייבציע ווערט צו אים צוגעקאָכט, לאָזט אים פון זיך נישט אָפּ. דאָס — קומט, זייט מוחל, צו מיר אויף וואַרמעס, טיי, קרעפּלעך. און דאָס — קומט גלאַט אַזוי זיך אַ ביסל אַריין! וואָס קאָן עס אייך אַרן? געמיינט האָט ער דערמיט גאַנץ פשוט: האָבן אויף אים אַן אויג, ער זאָל חוץ אים מיט קיינעם קיין געשעפטן נישט מאַכן. רפאל איז ביי אים אי גוט אי פרום, אַ גאַנץ ערלעך קינד. אַז אַנדערע פלעגן זיך אַמאָל קווענקלען, ווי עס אַרט זיי עפּעס זיין הלבשה, זיין באַנעמונג, וואָס נישט אַזוי עכט יידישלעך, ווי ביי דעם גלופּסקער עולם, פלעגט לייבציע זיי זאָגן:

— אי, אי, איר טיפּשים איינע! ס'איז דאָ, זאָגט מען נאָך פון דעם יעהופּעצער, זכרונו=לברכה, פיל דרכים לעבודת הבורא, איטלעכער דינט דעם בורא אויף זיין דרך. רפאלס שטייגער אויפפירונג איז אויך אַ דרך צו דינען דעם אייבערשטן...

אַז לייבציע איז דאָ מיט רפאלן אַזאַ נאָענטער מחותן, ממילא ווערט זיין לייבציעכע מיט אים אַ נאָענטע מחותנתטע, נעמט אים אויף מיט אַ שיינעם „ברוך=הבא“, מיט כבוד — אַ טאַץ מיט איינגעמאַכטס. יעגטל איז דאָך אַ כשרע יידענע, טוט זי איר לייבציעס רצון. רפאל, עס פאַרשטייט זיך, טוט אַוודאי לייבציעס רצון — ער קומט טאָג=טעגלעך צו לייבציען אין הויז, נישט לאָזנדיק זיך לאַנג בעטן. און ווי אַ היימישער האָט ער שוין די געלעגנהייט אָפט צו פאַרברענגען די צייט מיט כאַנציען. וואָס מאַכט עס וועמען אין שטוב אויס? עט, קינדער, היימישע אייגענע מענטשן... שפּעטער אַ ביסל האָט רפאל באַקומען, דורך לייבציען טאַקע, די מעגלעכקייט לערנען כאַנציען שרייבן — דאָס הייסט, לייענען און פאַרשטיין שפּראַכן, און ער איז געווען איבערגליקלעך: די מעשה דערפון איז אַזוי געווען:

אַז רפאל איז איינמאָל געקומען צו לייבציען אין הויז, קוים וואָס ער איז אַריבער די שוועל, לויפט לייבציע אים אַקעגן גאָר אין איין אָטעם, שטעקט אים אַריין אין האַנט אַ בריוו, געשריבן גוייש, און זאָגט:

— נאַט לייענט!... לייענט און גיט מיר צו פאַרשטיין, ווייס איך, וואָס דאָרטן שטייט אַזוינס.

פון לייבציעס מינע און דעם לשון זיינעם בשעת מעשה, ווי ער האָט אַריינגעשטעקט אין האַנט דעם בריוו, האָט עפּעס אויסגעזען, גלייך ווי זיין נישט קענען גוייש איז טאַקע א שיינע מעלה פאר אזא שיינעם יידן, א טאַטנס אַ קינד, ווי ער; עפּעס ווי גערעדט: „נא! אַזוינס, מישטיינס-געזאָגט, געהער זיך שוין אָן מיט דיר"... רפאלן האָט עס אַ ביסל געאַרט, און נאָכן איבערלייענען דעם בריוו זאָגט ער צו לייבציען, פאַרדרייענדיק די נאָז:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס, אַ שטייגער, וואָלט איר געטאָ', אַז איך זאָל נישט געווען קומען היינט צו אייך?

— ווען נישט איר, וואָלט איך געקראָגן עפּעס אַן אַנדערן אויף איבערצולייענען דעם בריוו.

— אוי, נישט גוט אָנצוקומען צו פרעמדע, און זיין אָפּהענגיק פון יענעם, — רופט זיך אָן רפאל, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. און באַלד טאַקע פאַלט אים איין אַ קלוגער געדאַנק, פון וועלכן עס ווערט אים ליכטיק אין די אויגן — אמת טאַקע, ר' לייבציע, איך וויים זייער גוט, אַז פרומע כשרע יידן שייען זיך לערנען זייטיקע חכמות, חקירה-זאַכן, וואָס דערונטער איז געמיינט אויך שפּראַכן; נאָר אין מיין געגנט דאָרט זענען פאַראַן זייער פיל יידן לומדים, וואָס זיי אַליין און די יינגלעך, בחורים זייערע, אין די חדרים לערנען נאָר גמרא, ווייטער גאָרנישט, און די טעכטער פונדעסטוועגן לאָזט מען לערנען גוייש, שרייבן און לייענען, עס זאָל דאָס אָנהייבן עמעצן צו אַרן. עס זענען דאָ פיל אַזעלכע יידן, וואָס זיצן שטענדיק, קוועטשן די באַנק אין קלויז און די ווייבער זוכן די פרנסה אין מאַרק. מיידלעך, ווייבלעך אויסגעפּוצטע זיצן אין די קלייטן, רופן קונים, פאַרקויפן סחורה. מאַכט זיך אַ פריץ אַמאָל מיט זיי נאַריש, אַזוי און אַזוי: בייקאַ, סורקאַ שיינע-פיינע מיידעלע — איז אָן סכנות. מישטיינס-געזאָגט, אויך מיר א מענטש, פון וועמען מע האָט זיך דאָ צו באַליידיקן!... א גלעט אַפילו פון אַזעלכן, אַ קניפּ אין בעקעלע, מאַכט אויך נישט אויס, זאָל זיך אייך דאַכטן, די קאַץ האָט אַ גלעט געטאָן... מילא זעט איר דאָך, אַז טעכטער מעגן. וואָרעם אַן אשה איז על פי דין פטור פון מצוות. איר שטייט פריי צו לערנען זיך גוייש. אַריינקוקן אין זייערע ביכלעך, וויפל דאָס האַרץ גלוסט, אבי נישט לערנען קיין תורה, אונדזער הייליקע יידישע תורה, חלילה! דען ווער עס לערנט זיין טאָכטער תורה, אַזוי זאָגט די גמרא, איז גלייך ווי ער לערנט זי זיין אַ חצופה... היינט פרעג איך אייך, ר' לייבציע, פאַרוואָס זאָלט איר נישט לאָזן אייער טאָכטער לערנען זיך שרייבן און די אַלע זאַכעניש? זי וואָלט דאָך אייך געטויגט, געדינט אין די נויטן אויף צו שרייבן און לייענען בריוו.

— יאָ, אמת, אין פּלוג איז טאַקע אַזוי, — רעדט לייבציע האַלבע וווערטער עפּעס אונטער דער נאָז, קנייטשנדיק דעם שטערן און אָנגע־מענדיק זיך ביים בערדל, — גלייך אַפילו זאָגט איר, נאָר...

— און וואָס זשע, האַ, איז די מניעה?

— ע־ע, פאַרשטייט איר מיד: וואָלט מיין טאָכטער אַצינד געווען אַ מיידל, למשל, העט איך באַשטאַנען, ווי זאָגט איר? גיי דיר, טאָכטער, צום „שרייבער“ לערנען די ווייבערשע חכמות מיט אַלע אַנדערע מיידלעך דאָרט. און באמת טאַקע, האַ? אַצינד אָבער, פאַרשטייט איר מיר, אַז זי איז פאַרשלייערט, איז אַ ביסל דאָס... פריקרע. האָט איר געהערט — אַ ווייבל, אַן אשת־איש צווישן קליינע מיידלעך! ס'איז עפּעס... ווי זאָל איך זאָגן? ווי... דער שמש, אשטייגער, אַ ייד מיט אַ באָרד, מיט אַ בויך, מחילה, לאָזט זיך אויפרופן שמחת־תורה עם כל הנערים, יינגלעך, ווייבע־חברה.

— אויב אַזוי, טאָ לאָז זשע דער לערער קומען צו אייך אַהיים. ווייסט איר גאָר וואָס? ווילט איר, ר׳ לייבציע, וועל איך זיין דער לערער.

— אַי, וואָס הייסט! איר, ר׳ רפאל, אַ סוחר, אַ מענטש, ווילט זיין אַ מלמד, ווילט אַזאַ פּרנסה, מישטיינס־געזאָגט, ווי מלמדות!

— אומזיסט, ר׳ לייבציע! איך וועל לערנען אייער טאָכטער אומ־זיסט, אומזיסט...

און האַרצן ביי זיך האָט לייבציע באַלד טאַקע איינגעוויליקט דעם פּלאַן, נאָר אויס דרך־ארץ כלומרשט האָט ער זיך געקרימט, געקווענקלט און געזאָגט רפאלן, אַז ער וועט זיך מיישב זיין מיטן ווייב. ביידערנאַכט האָט ער איבערגעשמועסט דעם עסק מיט יענטלען, איז ביי זיי געבליבן יאָ, מחמת פיל טעמים: רפאל איז האַך אַ היימישער, זייערער אַ גוטער באַ־קאַנטער, וואָס זשע קאָן עס אַרן, אַז בשעת ער זיצט און רעדט, וועט ער זי דערווייל טאַקע אויסלערנען שרייבן, לייענען. דאָס קאָן כלל נישט שאַטן, אדרבא, עס וועט איר שטאַרק נוצן, זי וועט זיך אויסלערנען לייענען תחינות, שרייבן אַמאָל אַ בריוול אַליין מיט איר אייגענער האַנט, נישט באַדאַרפן אָפּנוצן זכות־אָבות, אָנקומען דערמיט צו אַ פרעמדן. פאַר זיי צום גע־שעפט וועט עס אויך טויגן, און וואָס נאָך? קאָסטן וועט עס זיי נישט אַ דרייער. מהיכא־תיתי, זייער ווויל!

און רפאל האָט אין אַ גוטער שעה אָנגעהויבן לערנען כאַנציען, קנעלן מיט איר אויף זיין שטייגער, און מע מוז זאָגן דעם אמת, אַז געאַרבעט האָט ער אין זיין זאַך געשמאַק, זייער געטריי. כאַנציע האָט געשלונגען

דעם רבינס תורה און קרעמער האָבן דערווייל געכאַפּט רפאלס סחורה. ר׳ אָשר דער מעקלער אַרבעט, איז שטאַרק געהויבן, און לייבציע פאַרדינט, כאַפּט אַראָפּ פון אויבן — הכלל, ס׳איז ליהודים!

דאָס פינפטע קאַפּיטל

עס איז העט-שפּעט אין דער נאַכט, גלופּסק שלאָפט. — און צוויי יידישע קינדער קאָנען קיין אויג נישט צומאַכן, וואַרפן זיך, נעבעך, פון איין זייט אויף דער אַנדערער, און די געלעגערס אונטער זיי אַרבעטן: סקריפּען, קרעכצן, גיבן אָפּ קאָנצערט, ווי דער שטייגער איז פון יידישע געלעגערס, וואָס צעוויגן זיך, צעשאָקלען זיך, צעפּילדערן זיך, זאָגן שירה ביינאַכט פון אַ מינדסטן ריר. פון אַ מנין געלעגערס אין אַ יידיש הויז די שירה ביינאַכט צו הערן — איז אַוודאי אַז גוט און ווויל! נאָר נישקשה, מיט דער האָזיקער קאַפּעליע דאָ פון אונדזערע צוויי פאַרשוויגענע, איז וועלכער עס האָט טריי געאַרבעט אַ הינקעדיקער, אַ גערירטער, אַ הויקערדיקער, אויסגעדינטער טאַפּטשאַן מיט עפּעס אַ מין רוק-בעט, — האָט מען געקאָנט אויך זייער גוט יוצא זיין.

אויף דעם טאַפּטשאַן, אין פאָדער-חדר, האָט געשפּילט אונדזער הערשעלע, און אויף דעם רוק-בעט, אין אַלקערן — אונדזער רפאל. ביידן האָט זיך עפּעס נישט געגומען קיין שלאָף, איטלעכער פון זיי האָט געהאַט צו זינגען און צו זאָגן מיט זיינס.

יאָ, רפאל האָט געהאַלטן וואָרט און אַריינגענומען צו זיך הערשעלען אויף נאַכלעגער, לויט ער האָט אים פאַרשפּראָכן. ביים ערשטן אַריינטרעטן הערשעלעס צו רפאלן אין דער דירה, אויף אונטערצונעכטיקן דאָרט, איז אים געוואָרן גוט עפּעס אויפן האַרצן, ווי איינעם, וועלכן השם-יתברך דערהייבט פּלוצעם דאָס מזל. דאָס קליינע, נידעריקע שטיבל, ווו ס׳איז אַ מעגלעכקייט צו בלייבן אַ ווײַלע פאַר זיך אַליין, אומגעשטערט פון אַן עולם מענטשן אין קלייזל — האָט אים אויסגעזען שררות. ער האָט געקוקט אויף אַלצדינג דאָרט עפּעס מיט אַ מין דרך-ארץ, געקוקט, געטאַפּט, קוים צורירן זיך מיט אַ פינגער, און געשמייכלט פאַר גרויס פאַרגעניגן. עס האָט אַזויפיל געהייסן ווי: „הע! אנו, וואָס, גוט הערשעלע? איאָ, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבן!“

דאָס פאַרוויסטע באַנק-בעטל, אינגאַנצן ווי ס׳איז — מיט די שלאַפּע פּיס, אויסגעריבן, צעטרענט, ערטערווייז מיט אויסגעקראַכענע קישקעס קליאַטשע, מיט אַלטע פאַרשמאָלצעוועטע לאַטעס, — האָט ביי אים אין די

אויגן געהאַט דעם זיבעטן חן. ווי די מעשה איז, אַז אָפּגעקומענס, אַן אַפּ=
געבאַרעטס, — פּאָרט אַ מיוחס מיט אַ געשפּיקעוועטן בויך, אַ זכר פון
אַמאָלדיקע גוטע יאָרן...

ביים אַרויפקריכן דערויף דאָס ערשטע מאָל האָט עס זיך שטאַרק
געטאָן אַ בייזער — אַ סקריפּ מיט גרויס פאַריבל. הערשעלע איז, איינ=
האַלטנדיק דעם אָטעם, פאַרבייסנדיק די ליפּן, געבליבן ווי אויף משקולות,
נישט אַהער, נישט אַהין, אויס פּאָרכט נישט אָנצומאַכן דאָ אַ שפּיל,
אַ גאַנצע חתונה און רפאלן דאָרט פונעם שלאָף נישט אַרויסצוברענגען.
נאָר באַלד אָבער האָט ער זיך איינגעשטעלט, האָט עס מחילה געבעטן,
פּאַמעלעכן=פּאַמעלעכן זיך גערוקט, אויסגעצויגן פריער איין פוס, דערנאָך
דעם אַנדערן — און נישקשה, מיט חסד. שפּעטער אַ ביסל מיט אַ צייט
האָט אַ קליין בייזערל אים שוין נישט אַזוי אויסגעמאַכט, וואָס ווייטער,
ווייטער איז ער מיט אַ גרעסערן שוין אַפילו געוווינט געוואָרן. עס האָט
געמעגט שרייען, רייסן זיך צעזעצטערהייט, ער האָט זיך דערויס גאָרנישט
געמאַכט און געשלאָפן געזונטערהייט, אָפּשלאָפנדיק געשמאַק, ווי אַ דער=
הרגעטער, אָן עין=הרע, די גאַנצע נאַכט.

איז דאָך טאַקע די קשיא: מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות, פאַר=
וואָס שלאָפט זיך הערשעלען נישט די נאַכט ווי אין אַלע אַנדערע נעכט
פון אַ גאַנץ יאָר?

אפשר איז הערשעלע הונגעריק געווען, דער ליידיקער בויך האָט אים
געמאָנט מזונות און אים נישט געלאָזט צו רו?

ניין! ערשטנס, איז אַ יידנס אַ מאָגן גאָר נישט אַזוי אַרייַנגעטאָן
אין דער אכילה, אַז וויבאַלד עס דערגייט אים עפּעס נישט, זאָל ער האָבן
טענות; צווייטנס, איז דער מאָגן ביי יידן גאָר נישט אַזאַ פאַרנעם, מע
זאָל זיך פון זיינע טענות עפּעס מאַכן. אַזוי פיל דינים, אַלטע און נייע,
אַלץ מכוח דעם מאָגן, דעם זינדיקן מאָגן, ווי אים צו לערנען דרך=ארץ
אין דעם עסן: דאָס לאָז זיך דיר נישט גלוסטן, אסור חזיר, מע טאָר
נישט! דאָס מעגסטו אַפילו, אָבער נאָר אַ לעק, אַבי זיך פליישיק מאַכן,
ס'איז פאַר דיר אַ צו טייערער ביסן! דאָס לאָז זיך עס דענסטמאָל און
דענסטמאָל אין דיין גבול נישט געפינען, אָנקוקן זאָלסטו עס נישט טאָרן
אפילו, און דאָס, אדרבא, איז א מוז, מוזט אריינלייגן אין דיר א כזית, כאָטש
ביטער, פריקרע! — אָט אַזוינס און אַזוינס האָבן גאָר מיר, קינדער ישראל,
מיר אַליין, און אין דעם זכות טאַקע זשיפּען מיר ביז אַצינד אין דער וועלט...
היינט דריטנס, האָט הערשעלעס מאָגן דענסטמאָל כלל נישט געהאַט וואָס
זיך צו באַקלאָגן. זינט ער האָט אָנגעהויבן „אונטערצונעכטיקן" ביי רפאלן,
איז ער מיט אַ ליידיקן בויך קיינמאָל נישט געגאַנגען שלאָפן. אַלע נעכט

פון אַ גאַנץ יאָר איז פאַר אים דאָרט געווען אַ גלעזל טיי מיט אַ שטיקל ברויט, און הלילה הזה, די דאָזיקע נאַכט איז נאָך גראָד געווען אַ קעפל פון אַ הערינג, אַ ביינדל מיט אַ שטיקל פלייש אויך, איבערגעבליבן רפאלן פונעם מיטאָג, וואָס ער האָט געגעסן אָן אַפּעטיט, און הערשעלע האָט זיך דערצו אַפילו נישט צוגערירט.

אפשר זשע האָט זיך הערשעלען נישט געשיקט אין דער גמרא דאָרט, און דער מוח זיינער האָט שטאַרק געאַרבעט, ווי איינצובייסן אַ האַרב תוספותל, צוטרעפן אַ „באַווערעניש", וואָס באַוואָרנט רש"י אַזוינס מיטן „כלומר", צו פאַלן אויף אַ סברה שכלדיק מיט אַ קניישל; געפינען „דעם רעכטן קוועטש", און דעריבער איז ער אַרויס פונעם שלאָף?

נאָכאַמאָל טאַקע ניין! שוין לאַנג טאַקע, אַז הערשעלע לערנט נישט אַזוי מיט קאָפּ. אַז משהלע זיין חבר איז געווען נעבן אים, פלעגט ער אים אונטערטרייבן, אונטערגעבן חשק צום לערנען מיט אַלע כלים נישט אין זינען צו האָבן קיין זאַך; זינט אָבער ער איז נישטאָ, ליגט הערשעלען־ער קאָפּ שטענדיק אין טראַכטעניש, און דאָס לערנען, מישטיינס־געזאָגט, איז ביי אים אָן טעם, ווי געקייט קליאַטשע. היינט דווקא איז אים געווען אָנגעקומען די גוטע שעה, ער האָט אַ לערן געטאָן לומדיש, גאָר אַ חריפות, און אַלצדינג אין דער גמרא איז אים אויסגעקומען לסוף משונה־ווילד גלאַט: אי רש"י איז, חלילה, נישט משוגע, אי תוספות־קשיא בלייבט אַ קשיא — ביידע זענען גערעכט!

מילא בלייבט דאָך טאַקע הערשעלעם נישט שלאָפן, אַציגד אַ גרויבע קשיא. וואָס זשע פאָרט איז אים היינט מיט אים אַזוינס די מעשה? אָ־וואַ, אַ מעשה, אַ מעשה! אים לאָזט נישט שלאָפן — ביילע!

אַי, רבונו־של־עולם, ביילע! געוואַלד, טאַטעניו, ווו איז ביילע? — אָט די דאָזיקע עטלעכע ווערטער פיקן הערשעלען אין קאָפּ, צעטראָגן אים דעם מוח, אַרום זיי דרייען זיך אַלע זיינע געדאַנקען און כאַפּן זיך אים אַמאָל אַרויס מיט אַ ביטערן קרעכץ טיף פון האַרצן.

שוין אַ גאַנץ היפשע צייט איז דרינען, זינט הערשעלע האָט זיך צע־שיידט מיט ביילען דאָרט ביי דער „זאָרג־באַנק", אין דער האָפענונג, אַז אָט־אָט שטעלט זי זיך אויפן אָרט, פאַר אַ דינסטמיידל, וווהין די מעק־לערין האָט זי געפירט, אָט באַלד זעען זיי זיך ווידער און נעמען ווייטער אפיר דעם אָפּגעריסענעם שמועס וועגן איטלעכס פּיצעלע באַזונדער אינ־ערהיים.

אונדזער עלנטער פאַרוואָגלטער הערשעלע האָט זיך זאַט אָנגערעדן נישט געקאָנט ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט אַ שכנס אַ מיידל, כמעט אַן אייגענע, אַ היימישע פון קינדווייז אויף. זי אינגאַנצן האָט געשמעקט

עפּעס פריש מיט היים, מיט קאַבצאַנסק. פון אירע אויגן האָבן אַרויסגעלויכטן, געלאָזט זיך אים זען פיל ליבע זאַכן אין די פריערדיקע יאָרן. אַלצדינג, האַק-און-פּאַק, האָט זיך אים געפילט אין איר בליק, געדאַכט אין איר שטימע. ער האָט אויפגעכאַפּט איר איטלעכס וואָרט, אליין אויך גערעדט פאַר צען און ס'איז אים נאָך איבערגעבליבן גענוג רייד אויף שפּעטער.

הערשעלע קוקט דאָ אַזוי אַרוים אויף איר די אויגן, און נאַט אייך אַזאַ זייטעק, אַזאַ אויסכאַפּעניש — נישטאָ ביילע! ווי אין וואַסער אַריין ביילע!

די ערשטע צייט האָט הערשעלע זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג: אָט-אָט איינגיכן וועט זי זיך מסתמא ווייזן. וואָס דען? אפשר איז זי דאָרט שטאַרק פאַרנומען אויפן נייעם אָרט. לאָז זי נאָר אַ ביסל זיך אַרומקוקן, קומט זי זיכער באַלד צו רייזען. זי האָט דאָך איבערגעלאָזט רייזען אויף דער אכסניא אירע זאַכן. אַז אַקעגן אַ חודש צייט אָבער איז אַוועק און זי איז אַלץ נישטאָ, האָט אים שוין אָנגעהויבן טאַקע גוט צו אַרן. אַצינד האָט אים אָנגעהויבן באַשיימפּערלעך צו אינטערעסירן ביילע, נישט ווייל זי איז אַ היימישע, ערשט פון דאָס זייניקע דאָרט אינדערהיים, נאָר זי טאַקע — זי, ביילע אַליין, ווייל אויף איר, נעבעך, איז אַ ביטער רחמנות. ווער ווייסט, וואָס מיט איר, נעבעך, איז אַזוינס געשען? דאָס געפיל פון רחמנות איז ביי אים געוואַקסן פון אַן אַנדער געפיל, אַ פאַרבאָרגנס, עפּעס נאָר אָן אַ נאָמען — אַ מין ציעניש אַזוינס, אַ מאָנטעניש נאָך פון קינדווייז אָן, טיף אינעווייניק אין דער נשמה. דאָס מין ציעניש ווידער האָט אָנגעהויבן שטאַרקער זיך לאָזן פילן, באַקומען שוין עפּעס אַ נאָמען דורכדעם טאַקע, וואָס דאָס רחמנות איז אַלץ מער און מער געוואַקסן. די ביידע דאָזיקע געפילן האָבן געשפּראָצט, געוואַקסן און זיך דערנענט איינער פונעם אַנדערן. דערצו איז אויך געווען נאָך אַ צוגאָב, נאָר אַ וויכטיקע זאַך — עס האָט זיך דערזען הערשעלען גאַנץ קלאָר דאָס גרויסע אומגליק, אין וועלכן ער איז געשטאַנען. שניאור-וואָלף וואָלט אים זיכער אין געוואַנט אַריינגעשטעקט, געמאַכט פאַר אַ זעלנער, ווען עס זאָל זיך נישט געווען פלוצעם אונטערדרוקן ביילע. איין גאָט אַליין טאַקע האָט זי אונטערגעשיקט פונקט אין דער רעכטער צייט אים פון די יידישע הענט מציל צו זיין — און וויפל דאַנק ער איז איר שולדיק פאַר אַזאַ גרויסע טובה! ער באַדאַרף דאָך, ווי מע זאָגט, די פיס איר וואַשן און דאָס וואַסער טרינקען. וואָס אָבער לאָזט זיך אויס? זי האָט אים געראַטעוועט, און ער זי — באַגראָבן.

דורך דעם אַוועקגאַנג זייערס שטיל פון דער אכסניא אַהין, צו דער „זאָרג-באַנק“ איז ער פונעם אומגליק אַרוים, און זי — אַריין. אוי, דער

מלאך־הגואל איז פאַרשוווּנדן, גאָט ווייסט וווּהין, ס׳איז אַ רחמנות, עס ווייסט, רייסט דאָס האַרץ!...

דאָס אַלצדינג אינאיינעם האָט אויף הערשעלען שטאַרק געווירקט, אַרויסגערופן אין אים אַזעלכע געדאַנקען, אַזעלכע הייסע קלאָרע געפילן, וואָס זענען פאַר אים געווען פריער נאָך טונקל, כמעט אַ סוד. ביילעס געשטאַלט איז אַרויסגעטרעטן פאַר אים אַליין העלער, העלער, געשוועבט פאַר זיינע אויגן, אים געבריט, געגאָגט, געצויגן ביי דער נשמה. עס האָט אים גלאַט אַזוי, נישט ווילנדיק גאָר, זיך געטראַכט, ער האָט שטילערהייט אַמאָל געוויינט, געוואָרן עפּעס גוט, ווייך ווי אַ טייג, זיך געלאָזט פון זיינע געדאַנקען טראָגן, ווי אַ געוויקלט קינד — און זיך פאַרטראָגן, פאַרפלויגן אַ שרעק וווּהין. ביילע איז אים פונעם זינען נישט אַרויס, און ער האָט זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן, וויאַזוי ווערט מען וועגן איר עפּעס געוואָר. — גיין זוכן זי, פרעגן? ווי געשיקט זיך עס, אַ בחור פרעגט זיך אויף אַ מיידל! און נאָך ווער? ער, הערשעלע, אַז ביים דערמאָנען נאָר איר נאָמען קומט אים די פאַרב אין פּנים. אים דאַכט זיך אַ שרעק, לייט קאָנען זייער גרינג, חלילה, זיך אָנשטויסן, וואָס אים ליגט „אַזוינס“ אין זינען, וואָס פאַר אַ שיין בחורל, אוי, ער איז!

און דענסטמאָל איז ער דאָך אויסגעשטעלט, פאַרפאַלן פון ביידע וועלטן אויף אייביק!

אַ קאַטאָוועס עפּעס „אַזאַ מעשה“, אַזוינס גאָר צו טראַכטן!... ווו האָט מען עפּעס ביי יידן געהערט? גענוג איז דאָך דער גיהנום אַן אָפּקומעניש פאַר אַזוינע זינד, — נאָר פיל ערגער נאָך אין יידישע מיילער אַריינצופאַלן. די איינציקע טרייסט זיינע איז נאָך געווען, טאָמער איז ביילע צוריק אַהיימגעפאָרן. אי די זאַכן, זי האָט דאָך דאָ איבערגעלאָזט אויף דער אכסניא איר קלימעקל מיט זאַכן? — מילא האָט זי פאַרגעסן, אַ קשיא אויף אַ מעשה, וואָס עס קאָן זיך מאַכן! זי האָט זיך געיאָגט, געאיילט, האָט זי פאַרגעסן. גראָד איז היינט געווען דער טאָג אַ וואַרעמער, אַ שיינער, די זון האָט געשיינט, אַ פרייד, אַ פאַרגעניגן, איז ער געניגט געווען זיך צו באַרואיקן מיט דעם דאָזיקן געדאַנק. פאַר גרויס שמחה האָט ער זיך צעשאָקלט איבער דער גמרא, זיך אַ נעם געטאָן לערנען, זינגענדיק געשמאַק מיט אַ ברען און שכלדיק גלאַט געמאַכט אַלע האַרבע שטיקלעך דאָרט מיטן קנאַק!

וואָס זשע טוט דער שטן, דער צו־להכעיסניק? — דער שטן שטייט זיך און לאַכט אויס הערשעלען, טראַכטנדיק ביי זיך: פריי זיך, פריי זיך, שיינער בחור, אָט באַלד וועסטו ביי מיר זינגען אויף אַן אַנדער קול.

און ווי הערשעלע לערנט זיך דאָ אַזוי לעבעדיק, מיט אַ גרינג האַרץ, קומט אים מעשה=שטן אַנמיטן=דרינען אָן אַ בריוו פון דער היים, אויף וועלכן ער האָט שוין טאַקע אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט, און ער נעמט זיך אים לייענען מיט גרויס חשק.

„עיקר שכחתי — אַזוי לאָזט אים די מאַמע איר בריוול צום זון — האָב, סאָנצעלאָמעס, מיך פאַררעדט, פאַר גרויסע צרות מיך פאַרגעסן דערווייל. מכוח בן=ציון צביהס מיידל, דורך וועלכער איך האָב דיר געשיקט אַ פאָר אונטערגענייטע זאָקן, אַ קאַפּאָטקעלע מיט אַן אויסגעלאַטעט העמד, טראָג געזונט, פאַרניץ געזונט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. ציפּע=סאָסיע, זאָל געזונט זיין, האָט פון אירע פיס די זאָקן אַראָפּגענומען און זיי דיר געשיקט. השם=יתברך זאָל רחמנות האָבן, איר צושיקן דעם באַשערטן. שוין צייט, צייט, זי איז, נעבעך, אויסגעטריקנט, געל אוי גרין, ווייסט איז איר און פינצטער מיר צוזעענדיק אירע און מיינע ביטערע צרות. די אויגן מיינע דינען מיר נישט, פאַר קיין יידישע קינדער געדאַכט, פונעם פעדערן=פליקן די גאַנצע נעכט, אוי=ווי איז מיר, ווייסטע אַלמנה! דאָס פאַרדינסט, מישטיינס=געזאָגט, איז אַ גאָרנישט, קלעקט נישט אויף וואַסער אויף קאַשע, אַז אָך און ווי צו אַזאַ פּרנסה, אַזאַ לעבן, קוים=קוים וואָס מע דערהאַלט די נשמה...

„געבענטשט זאָל זיין אסתר=לאה, די אַלטע מילכיקערין אונדזערע אַמאָל, וואָס זי גיט מיר צו=צייטן אַ קריגל זויערמילך, אויך מילך אַ ביסל אויף באָרג. יאַ, די קו אירע האָט די ערשטע סליחות זיך געקעלבט, אין אַ מזלדיקער שעה. גאָט, ברוך=הוא, האָט זי באַגליקט מיט אַ קעלבל גאָר אַן אַנטיק, איינס טאַקע אין דער גאַנצער וועלט. אַזוינס ווערט געבוירן איין מאָל אין הונדערט יאָר. קאָנסט דיר זיך פאָרשטעלן, אַז מרדכי קצב, עפּעס נישט אַזאַ שטאַרקער גוטן, פאַר אַ גראָשן וואָלט ער זיך, שונאי=ציון, ביידע אויגן געלאָזט אויסשטעכן, ער האָט געכאַפּט און צען זילבערנע גילדן אָפּגעצאָלט פאַר דעם קעלבל במזומנים און דער דרויב האָט געהערט איר, אסתר=לאהן. און די וועלט זאָגט, אַז ער האָט פאַרדינט עפּעס אַן עשירות — אַוודאי אַ זעקס גילדן, און אפשר זיבן, אָדער טאַקע אַכט!...

„מילא, וואָס האָב איך דיר דאָ געוואָלט זאָגן, פאַר צרות מיך, סאָנצעלאָמעס, פאַרגעסן וואָס — יאָ, מכוח דעם מיידל. אַ=האַ! קאַרג אייגענע צרות, איז נאָך דאָ, ווי זאָגט מען עפּעס, אַ צוגאָב פרעמדע אויך. בן=ציון צביהס מיין איך, ער איז, נעבעך, אַלט, קראַנק, אַ צעבראָכענער שאַרבן. האָט נישט קיין פּרנסה. אַזאַ קבצנות ווי אין קאַבצאַנסק הײַנט געדענקען אַלע קאַבצאַנסקער קבצנים נישט. אַז די נשמה האַלט זיך, איז ריינע נסים,

גאָר זכות־אָבות טאַקע, אָד־אָד־אָד! און דאָ האָט זײַן ליבער נאָמען, באַהיט זאָל מען װערן, געשטראָפט מיט אַ נײַ מין שטראָף — פון זײַן טאָכטער, אָט דאָס מײדל, דורך װעלכן איך האָב דיר געשיקט זאַכן און אַ קאַפּאָטקעלע, איבערגעניצעװעט פונעם טאַטנס, עליו־השלום, קאַפּאָטע, — פון דעם מײדל, אַ װוּנדער, כ'לעבן, איז ביז הײַנטיקן טאָג קײן אײַנגעטונקטע פען נישטאָ. ער האַלט עס, נעבעך נישט אױס. אמת, זי אַלײן קאָן נישט שרײַבן, אַזױנס איז נישט פאַר קײן „ײדענע"; אָבער דאָס איז דאָך מעגלעך אױסצופירן דורך מאַנסבילן, און איך װאָס טו? איך בין מטריח ר' פּײבוש דעם מלמד, געזונט זאָל ער זײַן, זאָג אים װאָס — און ער שרײַבט, שרײַבט, צוגעבנדיק פון זיך פעפער, ציבעלע, מאַכנדיק פון מײנס אַ װאָרט אַ מושקאַטקױל, עפּעס אַזױ באַטעמט גאָר אַ דערקװיקעניש. (פעפער, ציבעלע וכו', די מליצה זאָגט נישט די מאַמע — װי קומט צו אַ װײַבערשן מוח אַזױנס? דאָס זאָג איך, פּײבוש)... איז דען נישטאָ קײן שרײַבערס, קײן מלמדים בײַ אײַך דאָרט אין גלופּסק, אין אַזאַ ײדישער שטאָט, װוּ שבת־גױם, װאָס הײצן אין קלײזל די רובעס, װײסן װען מע בענטשט ראש־חודש, זאָגן װען איז דער מולד און רעדן ײדיש? — זונעניו! איך בין אױף דיר גוזר מיט דער מצװה פון „כבוד אב ואם", טאָמער זעסטו זי, דאָס מײדל, אָדער װײסט עפּעס פון איר, — שרײַב למען־השם, װעסט זיך קױפן דאָס אײביקע לעבן. דער טאַטע איר'ער, בן־ציון, װײסט נישט װאָס איבערצוטראַכטן, ער איז, נעבעך, אין אײנע צרות, און צביה װײנט, זאָרגט, אפשר, חלילה, איז זי געשטאָרבן".

אַ כזית כרײַן װען הערשעלע זאָל געװען מיטאַמאָל אױפעסן, װאָלט אים נישט געװען אַזױ פאַרגאַנגען אין נאָז, אין די אױגן, װי פון דער מאַמעס דאָזיקע װערטער. אַז ער האָט זיך געהאַלטן אױף די פיס און נישט געפאַלן, האָט ער עס געהאַט צו פאַרדאַנקען נאָר דעם שטענדער, בײַ װעלכן ער איז אין קלײזל דאָרט אין אַ װינקל געשטאַנען אָנגעשפאַרט איבער דער אָפענער גמרא „ביצה". ער האָט אַ האַרץ פול מיט יסורים און קאָן עס נישט אױסגיסן, פאַרקערט — ער שטיקט נאָך די װײטעקן אין זיך, די קלױזניקעס זאָלן עס, חלילה, נישט באַמערקן. און אַז ער האָט דערלעבט נאַכט און איז געקומען נעכטיקן, האָט שױן רפאלס בעטל אױן אַלקערל געסקריפּעט, געזאָגט שירה — ער האָט באַלד טאַקע זיך געטאָן אַ װאָרף אױפן געלעגער, זיך גענומען טראַכטן, זיפצן, קרעכצן געשמאַק װעגן בײלען — און דער טאַפּטשאַן האָט צוגעשפּילט, אונטערגעהאַלטן דאָס רוק־בעט, טשאַקנדיק אױף זײַן שטײגער.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

וואָס זשע פאָרט איז עפּעס אַזוינס היינט? פאָרט פאַרוואָס שלאָפט זיך נישט רפאלן די דאָזיקע נאַכט? ס'איז שוין אַזוי שפּעט, און דאָס רוק-בעט אונטער אים קרעכצט, סקריפּעט, וויל נישט אויפהערן. עפּעס לאָזט עס מיך דאָך הערן!

אוי — גאָרנישט קיין פרייליכס!

אַ טאָג פון אַרבעט און לויפעניש אין מאַרק איז היינט געווען ביי רפאלן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט אַ היפּש ביסל סוחרים און זיי געבאָרגט סחורה כפי זיי האָבן פאַרלאַנגט. אָוונטס איז ער געקומען אַהיים צו זיך שטאַרק מיד, צעבראָכן. איידער ער האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט, זיך נאָך נישט געגומען צו די חשבונות, באַטראַכטן זיך, וואָס ער האָט מאָרגנדיקן טאָג צו טאָן, קומט אַריין דער טרעגער פון דער פּאָסט צו אים מיט אַ בריוו. לייענענדיק דאָס בריוועלע, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מע שרייבט אים בסוד סודות, אַז מיט דער פאַבריקע, פון וועלכער ער לעבט, ציט די פרנסה, שטייט עס אַציינד שמאָל, ס'איז דאָ שטילע מכות, ווייטעקן. אויב עס האַלט, חלילה, אַזוי נאָך אַ ביסל, באַקומט זי, זאָל די שעה נישט זיין, דעם שלאַק. סחורה איז קיין מעגלעכקייט נישט דערווייל אים צו שיקן. געלט, וויפל עס געפינט זיך נאָך ביי אים, זאָל ער באַלד שיקן. למען-השם, ס'איז אין לעבן אַריין נייטיק.

רפאל ליגט דאָ אַציינד אויפן געלעגער אין געהאַקטע ווונדן, דער קאָפּ שפּאַלט זיך אים טראַכטנדיק, און דאָס האַרץ אויך ווערט אים שיר נישט צעזעצט. ער באַטראַכט דאָ זיין לאַגע פון אַלע זייטן, אַרום און אַרום, אַזוי:

די פאַבריקע, באַהיט גאָט, שטעלט זיך, — שלעכט! אַן עק פון זיינע געשעפטן, ער איז אויסגעשטעלט. די סוחרים, וואָס האָבן דאָ גענומען סחורה אויף קרעדיט, וועלן, מסתמא, ווי דער שטייגער איז, באַם די פאַבריקע שטעלט זיך, זיך אויך שטעלן, נישט צאָלן אויף די וועקסלען צום אויסגעשטעלטן טערמין. נאַראָנים וועלן זיי זיין, וואָס דען, זיך נישט צו באַנוצן מיט יענעמס אומגליק, מיט אַזאַ קראַך? מיטל דערצו זענען דאָ גענוג. ס'איז דאָ, אַ שטייגער, אויך אַזאַ מאַניפּאַרגע — אויפצוקויפן פאַר אַ שפּאָט-געלט דער פאַבריקעס, אויף זיך אַרויס-געגעבענע פּאַפּירן, און מיט זיי טאַקע איר דעקן. זה תמורתי, הייסט עס, נאַ, ווער די כפרה!...

„קוממיות" זאָגן — דאָס איז אַ געוויינטלעכע סוחרישע זאַך, פון לבן הארמי און ביז היינטיקער צייט, מע באַדאַרף נאָר זיין גענייט, וויסן דעם גופּח מיט די זיסע תנועהלעך, ווי עס בריהש צו זאָגן...

און אַ צוגאָב נאָך צו די צרות האָט ער געמאַכט היינט געשעפֿטן איבערכאַפּנדיק די מאָס. דער רוח ווייסט וואָס ער האָט אַזוינס געטאָן. גענומען כמעט די גאַנצע סחורה און אַוועקגעגעבן זי צו אַלדי שוואַרצע יאָר. אַצינד איז ער געפּלעפּט — נישט קיין סחורה, נישט קיין געלט! און וואָס זאָל ער ענטפֿערן די באַלעבאַטים זייגע, די פֿאַבריקאַנטן, וואָס פֿאָדערן אַצינד פֿון אים געלט אין דער גויט? זאָל ער גיין אָפּזיצן ביי אַנדערע די וועקסלען פֿון די נייע סוחרים זייגע, בשעת ער ווייסט די גרויסע סכּנה, אַז עס שטייט דאָ פֿאַר אַזאַ קראַך? אַזוינס צו טאָן איז אים ביטער ווי דער טויט, דאָס הייסט דאָך אַזוי פֿיל ווי אַ גנב, גיין יעגעב איבער די קעשענעס.

טראַכטנדיק אַזוי, קומט ער אַרויף אויף לייבציען — און ער טוט זיך אַ וואָרף, צאַפּלט מיט אַלע אברים. ס'טייטש, דער גרעסטער טייל וועקסלען איז דאָך דורך אים אַריינגעפֿאַלן צו לייבציען! און נאָך וועמעס וועקסלען? עפּעס נישט פֿון די גאַנץ גרויסע בטוחים, נאָר פֿאַר אַזוינע, וואָס זענען נאָך צו דערלייזן כל־זמן דאָס רעדל דרייט זיך, סחורה אין דער פֿאַבריקע איז דאָ איבערגענוג, זיי צאָלן ווי־ס'איז צום טערמין אין אָנהייב, בכדי צו נעמען נאָך מער אין קרעדיט ווייטער, און ערשט דערנאָכמאָל צו האָבן ביי זיך די ברירה... און פֿאַרוואָס האָט ער אַזוי געטראַסקעט אומבאַרעכנט? בכדי צושאַרן פֿאַרדינסטלעך, אַ גרויסן פּראָצענט לייבציען. איז דאָס אַלצדינג האָט ער געטאָן צוליב כאַנציען, צוליב זיין טייערער, טיף אין האַרץ איינגעבאַקענער כאַנציען! אַצינד לאָזט זיך דאָך אויס, אוי־ווי, איינגאַנצן אַ בוידעם. אַליין, ער, גייט אַראָפּ פֿונעם מאַרק, פֿאַרלירט די פּונקציע. די סוחרים וועלן זיך געפֿינען אַ מיטל ווי נישט צו צאָלן, לייבציען וועט פֿאַרלירן דורך אים אַ קאַסע געלט, וועט ווערן אים אַ רם־שונא און נישט לאָזן אים די שוועל פֿון זיין הויז אַריבערטרעטן. שלעכט, ביטער, אַי־אַי! פֿאַרשפּילט זיין קאָמיסיע, און פֿאַרשפּילט, אוי־ווי, כאַנציען!

אין האַרצן גיט אַ שטאָך, רפֿאל גיט זיך אַ וואָרף, און דאָס בעט — ריפּ־סקריפּ!

דאָס געוויסן קומט אויך איינדערמיט אַריין מיט זיינס: שווינדלער! וואָס ביסטו געפֿלויגן, צעטרעגצלט פּרעמדס, געשאַסטעט מיט יענעמס אַלץ צוליב די חפציות דיינע — צו דערלאַנגען יעניץ, וואָס די אויגן זעען, וואָס דאָס האַרץ גלוסט, וואָס דעם זינדיקן נפש פֿאַרווילט זיך און וואָס עס מאַכט פֿאַרגעניגן?... פֿלוידערזאַק! אויף צו דרשענען האָסטו געהאַט אַ מויל, אַלץ: אמת, יושר, באַרעכנונג, מענטשלעכקייט, פֿאַרשטאַנד — שיינע קיילעכדיקע ווערטער; אַלץ שטראָפֿן, מוסר זאָגן, וועלן פֿאַרבעסערן די וועלט, נישט צופֿרידן זיין מיט דעם וואָס אַצינד: ר' אָשר דער הויפּ־

מעקלער איז אַ הויפּט־ליגנער; גרשון דער קרעמער — אַ שווינדלער; זעליג דער סוחר — אַ דריי־קאָפּ; ר׳ נחמן דער גבאי — אַ מזיק, דער אַזוי, יענער אַזוי, איינער נישט קיין רעכטער. און דו?... לייד זשע אַצינד, שווינדלער, און מאַך נישט קיין חן!

דאָס געוויסן עסט ווי אַ וואָרעם, פּיקט: פּיק־פּיק. רפאל וואַרפט זיך, און דאָס בעטל — ריפּ־סקריפּ!...

דער טאַפּטשאַן פונעם אַנדערן חדר לאָזט זיך אויך הערן, מאַכט רפאלן לעכער אין קאָפּ. אים דאַכט זיך, אַז דאָס סקריפּעט מיט פאַרדראָס. בייזערט זיך, האָט צו אים טענות פאַר הערשעלען: פאַרוואָס האָט ער די גאַנצע צייט זיך אָן אים גאָר פאַרגעסן. רפאלן איז הערשעלע כאַלד בײַם ערשטן אַריינקומען זיינס צו אים אין הויז זייער געפעלן. ער האָט געזען פאַר זיך אַ שטיל, פאַרטראַכט ייִנגעלע, אַן עלנטס, אַן אָרעמס, נעבעך — און אויף אים גרויס רחמנות געהאַט. דאָס ייִנגעלע פלעגט קומען אַלע נאַכט פּינקטלעך געכטיקן, שאַ, רואיק, שטיל, נישט אָנצורירן אַ פליג אויף דער וואַנט. שאַ, געהאַלטן מויל, נאָר די אויגן זיינע האָבן גערעדט, דער אומעטיק־פאַרטראַכטער אָנבליק זיינער האָט זיך געקלאָגט, ווי ער ליידט און קומט עס, נעבעך, אָפּ אין דער וועלט. זיין בלייך פּנים, זיין הלבשה, מישטיינס־געזאָגט, און דאָס גאַנצע אויסזען זיינס האָבן אויסגעריסן, שוגאַי־ציון, אַ שטיק האַרץ. מע האָט געזען פונעם קוקן זיינעם פונדער־ווייטנס אויף רפאלן, ווי שטאַרק ליב ער האָט אים, ווי ער קלעפּט אין אים מיט אַלע זיינע אברים, מיט לייב־און־לעבן, ווי צו אַ טאַטן. רפאל האָט געפילט עפּעס אַ שולדיקייט אַקעגן דעם אָרעם קינד, נעבעך, פאַר אים עפּעס צו טאָן, און פאַרגענומען ביי זיך מיט אים זיך אָפּצוגעבן, מאַכן אים פאַר אַ שטיקל מענטשן. נאָר די געשעפטן זיינע און כאַנציע האָבן אים פאַרדרייט דעם קאָפּ אַזוי, אַז פאַר דעם אָרעמינקן, נעבעך, איז אים נישט געבליבן קיין פּיצל צייט, און פלעגט, ביים דערמאָנען זיך אַמאָל אין אים, אַלץ אָפּלייגן אויף שפּעטער, ביז ער האָט אינגאַנצן אָן אים פאַרגעסן. אַצינד הערט ער, ווי דער טאַפּטשאַן דאָרט סקריפּעט, דערמאָנט ער זיך אָן הערשעלען, און דאָס האַרץ פאַרלויפט אים מיט בלוט — אוי, גאָר אַהיים מיר פונעם זינען!... אוי, אַ רחמנות!... דאָס עלנטע בלודנע שעפעלע איז געקומען צו מיר אין שטוב בעטן הילף, און איך האָב מיך אויף אים אַפילו נישט אַרומגעקוקט!

אָט אַזוי דענקט רפאל, און דאָס געוויסן פּייניקט אים: אַ, דו שיינער מענטש! אַ גוטער, אַ ווילער, אַ בעל־רחמים נאָר מיט דעם מויל און כאָן נישט אויף האָר. אַזוי זענט איר אַלע, פיינע לייט, בעלי־טובות, פאַר־זאָרגער! וויבאַלד עפּעס אַ געשעפטל, ווערט אייך פאַרשטאָפּט דאָס האַרץ;

וויבאַלד עפּעס נוגע אייערע חפציות, גייט אייך שוין קיינער נישט אָן, וויבאַלד אייער נפש, מעג יענער כאָטש די כפּרה ווערן. קאָמעדיאַנטן זייט איר, פּאָקוסניקעס, אָנשטעלן=מאַכער — רשעים מיט שטיינערנע הערצער, קופּערנע שטערנס און גלעזערנע אויגן!...

דער טאַפּטשאַן בייזערט זיך, קרעכצט, דאָס געוויסן פּיקט: פּיק=פּיק. רפאל וואַרפט זיך, און דאָס בעטל — ריפּ=סקריפּ! — —

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

— אוי, גלופּסק, טפו זאָל זי ווערן! — האָט רפאל זיך צעבייזערט, אויפכאַפּנדיק זיך ווי אַ פאַרדולטער, שטאַרק דערשראָקן, נאָכדעם אַז ער האָט אַ ביסל איינגעדרעמלט און באַלד טאַקע מיט כעס אויסגעשפּיגן. צו די אויערן איז אים פון דער גאַס גאַנץ דייטלעך שוין געקומען אַ שפּיל פון אַ פידעלע, אַ רייסן=זיך פון אַ פלייט און אַ געקלאַפּעריי פון אַ פּויק אויף וואָס די וועלט שטייט. — נו, אַ גלופּסק! אַ מהומה אויף איר! טאָג ווי נאַכט איז הו=האַ! קלינג=קלאַנג — שרפות! האָץ=האָץ — חתונות! כאַפּ=לאַפּ — גנבים! נישטאָ איין מינוט מנוחה. טפו, קיין גוטער זאָל זי נישט קענען!...

דעם אמת מוז מען זאָגן, היינטיקס מאָל איז רפאל אַקעגן גלופּסק אומגערעכט געווען. ביז אהער האָבן די שרפות אירע, די חתונות און גנבות אים נישט געאַרט. זי האָט געמעגט ברענען צען מאָל אַ נאַכט. דער געוואַלד=גלאָק האָט זיך געמעגט קלינגען, די קעסלפּויק קלאַפּן, באַנגבעטנע געוואַלדעווען צעזעצטערהייט, און ער האָט זיך געטאָן זייגם — געשלאָפן זייער פיין; גאַנץ פשוט, ווייל ער איז דערמיט שוין געוווינט געוואָרן, און דול, קראַנק, חלילה, האָט עס אים נישט געמאַכט. נישט מער וואָס? אים איז נישט גוט געווען גראָד אויפן הארצן, פון אַ מינדסטער זאַך עפּעס נישט אַזוי, איז ער געוואָרן אויפגעבראַכט. האָט ער עס אַצינד צו גלופּסק געבער, אויסגעלאָזט. רפאל איז באַלד אַראָפּ פונעם געלעגער, געעפנט אַ פענצטער און זיך געשטעלט אַרויסקוקן אויף דער גאַס.

אַ פריש מאָרגן=ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן רפאלן גלייך אין פּנים אַריין, אים געגלעט, געקושט די באַקן, די אויגן, זיך געשפּילט מיט די האָר און אָפּגעפרישט אים דעם קאָפּ. אינדרויסן איז טונקל=העל, דער הימל אין מזרח=זייט איז רויטלעך פאַרפאַרבט, ווייטער אַ ביסל שימערט אויף אים עפּעס אַ בלאַסער פלעק, אַ סימן פון דער לבנה. ס'איז אַן אויס=מישעניש פון טאָג און נאַכט, אַ בלאָזעניש ביי זייער באַגעגענען זיך. מע

שפירט, אַז די זון איז שוין נישט ווייט, אָט־אָט טוט זי זיך אַ וויז, אָט־אָט איז זי דאָ מיט איר כבוד אליין! דאָס זאָגן די שוועלבעלעך, וואָס זענען, קוים געעפנט די אייגעלעך, ארויס פון די נעסטן און שוועבן, דרייען זיך מיט אַ שירה אין דער לופט; און דאָס זאָגן אויך די קלעזמער דאָ, אויף דער גאַס, וואָס פירן אַקעגן טאָג אָפּ אַהיים, געוויינטלעך, מחותנים נאָך דער חופּה־וועטשערע, מיט דעם אומעטיקן, גאַנץ גלופּסק באַקאַנטן ניגונדל.

עס גייט זיך פאַמעלעכן א דאר־בלייך יידל, פון יענע מיני יידעלעך, וואָס וויגנען אָנגעשטאָפּט צען אין איין שטיבל, מישטיינס־געזאָגט, דאַרט ערגעץ אין א הינטערגעסל — אָרעמינקע, אָפּגעריסענע, דערשלאָגענע און ערנידעריקטע, אויף וועלכע עס ליגט אַ באַרג מרה־שחורה, און ציטערן פריי דעם קאָפּ אויפצוהייבן. אַצינד גייט עס זיך, אָט דאָס יידל, האָפּערדיק, ברייטלעך, בעגראַנדע, אָנגעטאָן שבתדיק, אין שיך און זעקלעך, דאָס קעפּל פאַרריסן, די הענטלעך פאַרלייגט אַהינטער אונטערן מאַנטל, פאַר־געמענדיק צו ביידע זייטן די פּאָלעס, און לאָזט זיך אָנטאָן כבוד. קלעזמער־אַרבעטן געשמאַק אויף די כלים, יינגעלעך אין שפּענצערס, הינטן מיט אַרויסגעשטעקטע העמדלעך, לויפן פאָרויס; אַ יידענע אין אַ יופּע אויף איין אַרבל, פאַרשטעקט דעם פאַרטוך, די עקן פונעם קאָפּנטיכל צעלאָזט, האָצקעט זיך ביחידות, פאַר זיך אליין, די פרייע האנט אין דער הויך מיט עפּעס אַ מין נאָזטיכל, און דרייט זיך, פּלאָנטעט זיך פאַר די פיס, לעבעדיק, פריילעך! עפּעס אַ קאַטאָוועס — דאָס פירט מען אָפּ אַהיים מיט אַ מאַרש דורך אלע הויפּט־גאַסן א קבצן מיטן ווייב, צוויי פיינע מחותנים — לאָז גלופּסק נישט שלאָפן, לאָז זי נישט קראַנק זיין אויפשטיין; נישקשה, און וויסן!...

רפאל פאַרקרימט די נאָז מיט אַ זויערער מינע, ער איז, אַפּנים, מיט דעם טאַרעראַם נישט צופרידן, פון זיינעטוועגן וואָלט גאָר קיין אומגליק, חס־ושלום, נישט געווען, אז יענע מחותנים וואָלטן געגאַנגען מיט די פיסלעך שטיל אַהיים אָן אַ קאַפּעליע, נישקשה!...

ער דרייט אַוועק פון זיי דעם קאָפּ, קוקט אין גאַס, און די יפה־פיה, גלופּסק, אַנטפּלעקט זיך פאַר אים גאַנץ אָפן אין איר געשטאַלט, מחילה, ווי זי זעט אויס אינדערפרי. די רינשטאָקלעך און די „שמעקנדיקע פאַר־פומעס“, וואָס מע האָט פון די הייזער אַרויסגעגאָסן נעכטן ביינאַכט, גיבן די „שמוכט“; די הייזער, פעסט צוגעמאַכט פונדרויסן מיט די לאָדן, האָבן אַ פּנים גאָר עפּעס ווי גרויסע מיסטקאַסטנס; פאַר די טירן געפינט זיך פון כל־טוב: בייגער, ברעקלעך און אַלע מיני זאַכעגישן פון באַלעבאַטישקייט. חזירים, נגידים צווישן די בהמות, וואָס זייער פרנסה געפינט זיך פאַר זיי גענוג, איבערגענוג אומעטום, זיי עסן דאָ פונעם גרייטן שטאַרק

פאַרטיפט אין דער אכילה און כראַמקען פאַר גרויס תענוג. הינט, קבצנים, אָן שטעלן, אָן פרנסה, פגרנדיק, געבעד, פאַר הונגער, דאַרע כאָרטעס, קאַליעקעס, דראַבעס פון כל המינים, נישטערן אין איטלעכס ווינקעלע, שנאָרן, זוכן דאָס שטיקעלע ברויט. קומט אַ הינטל, שמעקט אַריין די נאָז דאָרט, ווו אַ חזיר אַרבעט אין עסק, געבנדיק אים בשעת מעשה אָנצוהעצעניש מיט א בים אין אויער, פאַרהריסט עס יענעם שטאַרק און טוט אַ כריוקע, עפנט דער א מויל און בילט מיט עזות אים אקעגן, לויפן זיך צונויף אַ פעקל בילערס און עס ווערט אַ געשלעג איבער אַ ביינדל, אַ רייסעניש, אַ בייסעניש — אַן אַרויסכאַפעניש פונעם מויל איינעם ביים אַנדערן. אויך זאַראַנעס, גנבים, כל־בוניקעס, שפּאַצירן זיך דאָרט אַרום, שטאַרק אויסן עפּעס צו דערטאַפּן. איינע פון זיי שטעלט זיך אַ חזיר אויפן רוקן, שטרעקט אויס דאָס העלדזעלע, קוקט ממזריש אין דער זייט מיט איין אייגעלע, ווי יענער פאַרעט זיך אין אַ בערגל מיסט, און קוים האָט ער עפּעס געפונען, שפרינגט זי פון אַראָפּ, כאַפּט די מציאה און פליט דערמיט געשווינד אַוועק. קי „פעדערן" זיך אויפשטיין פון זייערע געלעגערס אויפן גאַס בלחוד השור, לעקן זיך הינטן אַרום אַליין מיט דער צונג, אָדער קראַצן זיך, רייבן זיך, ווי דער שטייגער איז, ביי אַ וואַנט, און לאָזן זיך, ווי גוטע באַלעבאָסטעס, גיין, שמעקן, זוכן מציאות אין מאַרק, וואָס דער אייבערשטער שיקט צו: אַ שטרויעלע, אַ הייעלע איז אויך סחורה פאַר זיי.

דער גלופּסקער מאַרק אינדערפרי מיט זיינע מיני באַשעפעניש, פירפיסיקע בהמות, מיט אַלע זייערע גענג, זייער כאַפּעניש און יאָגעניש אין דער פרנסה — האָט רפאלן זיך פאָרגעשטעלט גאָר עפּעס טאַקע ווי דער יאַריד פון די צוויי־פיסיקע זינדיקע נפשות, מיט דעם גאַנצן האַנדל, מיט דעם שווינדל, האָקוס־פּאָקוס, שאַכער־מאַכער. ער שטייט צעטראָגן פאַרטיפט אין די געדאַנקען, און משונה־ווילדע ברואים, פירפיסיקע און צוויי־פיסיקע, פאַרבייטנדיק זיך איינע מיט די אַנדערע מיט זייערע פנימער, דרייען זיך פאַר אים משוגענערווייז, אויסגעמישט אַלע אינאיינעם.

אַ קלאַפּ אין דעם פאָדער־חדר ברענגט אַרויס רפאלן פון זיינע געדאַנקען, ער האָרכט זיך צו מיט איין אויער, און אין קאָפּ פּיקט אים הערשעלע:

— אָ, הערשעלע! — טראַכט זיך אים פאַר גרויס רחמנות. — ס'איז אַוודאי פונעם שלאָף... ער האָט, ווי איך, די גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. וואָס זאָל עס זיין? אפשר איז ער עפּעס נישט געזונט, אָדער אפשר זאָגט אים דאָס האַרץ, אַז דאָס אָנהאַלטעניש זיינס, מישטיינס־געזאָגט, אויף מיר איז אַן אויסגעבלאָזן איי. ווער ווייסט, ווו איך וועל מגולגל ווערן, און ער פאַרלירט אָט דאָס נאַכטלעגער דאָ... אומגליקלעך

קינד, אז אין אזא ווינסט באַנק־בעטל באַשטייט דיין גליק! גיי גאָכדעם זאָג: וואָס גוט, וואָס שלעכט... אַלע מענטשן זענען פון איין טייג געקנאָטן, און האָר ווי פאַרשידן זיי זענען אין זייערע באַדערפענישן צום לעבן! יענעם איז דער גרעסטער פּאַלאַץ ענג, דעם אַנדערן — גענוג אַ שטיקל אָרט, ווו אַנידערצולייגן דעם קאָפּ... איין בוים מיט איינע בלעטלעך, ריזענען פריש, האַלטן זיך פעסט, יענע — געל, דאַר־קוואַר, פאַלן, וואָגלען, געבער, פונעם ווינט זיך עלנט אַרום... אָ, עלנט יתומל, אָ, פאַרוואָגלט קינד!

און ווי רפאל טראַכט דאָ, אַזוי הערט זיך ווידער אַ קלאַפּ, שוין אַ גרעסערער, אַ שטאַרקערער, עפּעס ווי ביים עפענען זיך אַ פענצטער מיט אימפּעט, דערביי לאָזט זיך הערן הערשעלעס אַ געשריי גאָר אין איין אָטעם:

— זי!... ס'איז זי, זי!...

אַז רפאל איז בישט־טויט, בישט־לעבעדיק אַריין אין פאָדער־הויף, איז הערשעלע שוין דאָרט נישט געווען. ער איז דורך דעם פענצטער אַרויס ראַפּטום אויף דער גאַס. רפאל זעט אים פונדערווייטנס, יאָגנדיק זיך פלינק נאָך די מחותנים און פאַרשווונדן ווערנדיק באַלד מיט זיי אין אַ געסל.

דאָס אַכטע קאַפּיטל

די מעקלערין, וואָס איז אוועק מיט ביילען פון דער זאָרגבאַנק, האָט זי פאַרפירט פון דאָרט גלייך צו זיך עפּעס אין אַ ווינסט שטיבל, ערגעץ אין אַ פאַרלעגן געסל, אונטער אַזאַ אויסרייד:

— דו, מיידעלע, בלייב זיך דערווייל אָט דאָ ביי מיר, און איך וועל מיר אַ גיי טאָן אויף איין פוס אַ שמעק געבן צו דער באַלעבאָסטע, ביי וועלכער ס'איז דאָ פאַר דיר אַן אָרט. בלייב, קינדעניו, און רו זיך טאַקע דערווייל אויס. אין פנים דערקענט מען דיך, אַז דו ביסט, נעבעך, מיד פונעם וועג, געקומען, דאַכט זיך, האָסטו געזאָגט, פון קאַבצאַנסק?

— פון קאַבצאַנסק, — ענטפערט ביילע. — היינט ערשט געקומען.

— אַוודאי אַ ווילד־פרעמדע דאָ, קיין קרוב, קיין גואל, האַ?

— יאָ, עלנט ווי אַ שטיין.

— זעסטו, ווי האָדל די מעקלערין טרעפט! ווער ס'איז שיין, איז איך קלוג. האָב איך דיר געזאָגט, האַ! נו, גלייב־זשע מיר אַציגד, אַז דער אייבערשטער וועט העלפן. עס וועט, אם־ירצה־השם, ווי דער מאָרגנשטערן שיינען דיר דאָס מזל, וועסט לעבן אין פיל גליק און נחת, אָמן, רבונו־של־

עולם! קאַבצאַנסקער מיידלעך גילטן זייער שטאַרק דאָ. אַבי נאָר קיין נאַראָנים נישט, ווערט אויס זיי לייט... הא, וואָס האָב איך געוואָלט? דאָס געדעכטעניש איז מיר אויף דער עלטער, נישט פאַר דיר געדאַכט, אַ ביסל געשוואַכט. וואָס ביי מיר אין איין אויער אַריין, גייט פונעם אַנדערן אַרויס — יאָ, זיך דערמאָנט!... דערמאָן מיך, האָב איך געוואָלט זאָגן, ווי האָסטו געזאָגט, הייסטו?

—ביילע! יאָ, ביילע, ביילע! שיין, אָן עין־הרע, ביסטו, ביילע, גאָר קיין מעשה נישט. קיין נאָר ביסטו מחויב אויך נישט צו זיין, — מאַכט האָדל, באַטראַכטנדיק ביילען פון אויבן ביז אַראָפּ מיט אַ שייגענדיק פּנימל, און אַ קניפּ געבנדיק זי אין בעקעלע: — סחורה!... איך מעג שווערן, ביילעניו, דו ביסט הונגעריק. זעט נאָר, אוי, אַ ווייטעק איז מיר, ווי בלייך זי איז! יאָ, הונגעריק? זאָג זשע, נשמה מיינע, זאָג, זאָג!

ביילע האָט טאַקע דעם גאַנצן טאָג פונעם פרימאָרגן, ווען זי איז געלאָ־מען קיין גלופּסק, ביז איצט נאָך אין מויל גאָר נישט געהאַט, נאָר זי האָט זיך געשעמט זאָגן „יאָ" און געשוויגן.

— שווייגן הייסט געענטפערט. אָ, האָדל, נישקשה, ווייסט! ווייסט יענעמס פּאַרטבאָרגענע געדאַנקען, איך קען, נישקשה, די מיידעלעך. יידישע טעכטער זענען שעמעוודיקע, באַזונדערס אָט די קליינשטעטלדיקע, דאָס שעמען זיך זייערס איז אָבער טאַקע נאָר אַן עקשנות, פּע, כ'לעבן, אַ מיאוסע זאַך אָט דאָס עקשנות! ווייל מען ווייסן אַ טעם פון לעבן, וואָס הייסט אַזוינס גע־לעבט, איז די ערשטע זאַך — אין דר'ערד אַריין דאָס עקשנות! געדענקט, טאָכטער, מיינע ווערטער, וועסט מיך אַמאָל פאַר זיי בענטשן... אָט וועל איך אַ אַציגער אַ שפּרונג טאָן דיר עפּעס קויפן. ביז וואַרעמס ביי אונדז איז נאָך לאַנג צו וואַרטן. דער מאַן מיינער דרייט זיך אַ גאַנצן טאָג אַרום אין מאַרק, זוכן פּרנסה, די ייִנגלעך זיצן פון פרי ביז נאַכט אין חדר. צוויי מיידלעך מיינע דינען, איינע ביי אַ הויבענפּוצעריין, די אַנדערע ביי אַ ניי־טאָרין. הלוואי זייער מזל אויף דיר געזאָגט געוואָרן! שיינע, גוטע, אויס־געקאָכט מיט איטלעכן, נישטאָ ביי זיי קיין פּיצל עקשנות. לייט קוועלן פון זיי נאָר אָן — געראָטן טאַקע אין דער מאַמען זייערע מוידהוויז... עסן מיר וואַרעמס, הייסט עס, ערשט ביינאַכט. אָט וועל איך אַ שפּרונג טאָן! —

אַזוי לאָזט אויס האָדל דעם שמועס און ווערט באַלד אַנטרונען.

„אַ צדקת, כ'לעבן, די האָדל! — טראַכט ביי זיך ביילע. — זי אַליין, ווי אין שטוב דאָ זעט אויס, איז, נעבעך, אָרעם, און זאָרגט זיך אַזוי פאַר מיר ווי אַ מאַמע, עפּעס גאָר אַ דימענט, אַ גוטע, גאָר אָן אַ גאַל, נאָט ברוך־הוא מעג איר פאַר איר גוטסקייט באַצאָלן!"

און אַז ביילע טראַכט דאָ אַזוי, באַטראַכט די שטוב, אַלצדינג דאָרט, דאַנקט און לויבט זיין ליבן נאָמען פאַר די גרויסע חסדים זיינע מיט דעם עלנטן, וואָס האָט זיך דערבאַרעמט און צוגעשיקט איר אַזאַ, אַזאַ גוטע כשרע נשמה, — קומט אָן האָדל און לייגט אַנידער פאַר ביילען אויפן טיש אַ גאַנץ פּעקל שפּייז מיט זיסע ריידעלעך.

— עס, ביילעניו! אָט האָסטו דיר אַ קנעבעלע, אַ רעטעכל, אַ גרין אוגערקעלע. עס, נשמהניו, זאָלסט מיר געזונט זיין! איך וויל פונעם גאַנצן האַרצן, וויל איך, אַז דו זאָלסט עסן און אַ שיין פּנים האָבן. אַ מיידעלע באַדאַרף זיך צולאָזן ווילטאָג, הנאה האָבן אין דעם לעבן. איך מוידוויין האָב איך מיך נישט אָפּגעזאָגט פון קיין זאַך, וואָס דאָס האַרץ גלוסט. אוי, האָב איך עס געלעבט, געלעבט!... זיי זשע, ביילעניו, אַ לעבעדיק מיידל און נישט געזאָרגט! לאָז זיך גאָט זאָרגן! עס, ביילעניו!

— צוואָס, כ׳לעבן, זאָלט איר זיך מטריח זיין? — מאַכט ביילע און קווענקלט זיך צוצורירן צום שפּייז, וואָס פאַר איר. — בין גאָר נישט אַזוי הונגעריק, בין איך. און פאַרוואָס זאָלט איר זיך אויף מיר אַזוי אויס־ברענגען?

— רעד נישט, איך בעט דיך, קיין נאַרישקייטן, אַ מיידעלע באַדאַרף עסן, זאָג איך דיר, נעמען אויף זיך לייב און אַ שיין פּנים האָבן, אַנדערש קאָן מען זיך נישט ווייזן פאַר לייט. און איבעריקנס, ברענגסטו מיר גאָר נישט אויס, עסט נישט מיינס, ווי דיר דאַכט זיך. דו עסט פריער גאָטס און דערנאָך דיינס. אַז גאָט וועט העלפן, דו דרייסט זיך אַריין אַהין אויף דעם אָרט, ווו איך וויל דיר פאַרזאָרגן, וועסטו מיר, נישקשה, אָפּצאָלן מיט דאַנק. לאָז זשע זיך נישט בעטן, נאַרעלע, און עס. גענוג געטענהט, נישטאָ מער קיין צייט. אציגד באַדאַרף איך גיין, וועגן דיר טאַקע, אין אַ גוטער שעה.

האָדל איז באַלד טאַקע אוועקגעגאַנגען. און ביילע האָט זיך גענומען אונטערלעגן דאָס האַרץ מיט אַפּעטיט, זייער צופרידן, וואָס דאָס מזל האָט איר געדינט צו באַגעגענען זיך באַלד ביי איר אָנקומען אַהער מיט אַזאַ דימענטיקער יידענע, ביי וועלכער זי איז פאַררעכנט ווי אַן אייגן קינד. געשטערט די פרייד האָט איר דאָס נאָר, וואָס די מאַמע אינדערהיים דאָרט ווייסט עס נישט און טראַכט אַוודאי איבער וועגן איר, דער גוטער יאָר ווייסט וואָס אַזוינס. עס גיט איר אַ צופּ ביים האַרצן, דערמאָנענדיק זיך אָן די אַלע ליבע אינדערהיים, און טראַכט ביי זיך מיט אַ זיפץ: אוי, וואָס טוען זיי, נעבעך, וואָס מאַכן זיי דאָרט?

זי טראַכט און שטעלט זיך פאַר דאָס שווערע ביטערע לעבן אינ־דערהיים. די מאַמע איז געעלטערט, געבויגן, נעבעך, פאַר דער צייט; זי

ייט אין אַקער פון פרי ביז נאַכט און פירט אַ לעבן, מישטיינס=געזאָגט, אין דחקות, אין נויט, קיין גוטע שעה האָט זי נאָך, געבעך, נישט געהאַט... דער טאַטע האָרעוועט, רייסט קריעה אויף דעם שטיקל טרוקן ברויט. נאָך גוט, אז ס'איז כאָטשדאָ א פיסגער קאָליש, אָדער א טעפל קאַרטאָפל פון דער גאַנצער מי. אַמאָל קומט ער אַהיים ליידיק מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ — און ס'איז דאָס אויך נישטאָ. די לעצטע צייט איז ער, געבעך, אויסגעדאַרט, ווי איינגעשרומפן געוואָרן, קראַנק, צעבראָכן. קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין אים... די קינדערלעך, אוי, אַז אָך=און=וויי! פאַרוויסט, געבעך, איז זייער לעבן, פאַרפינצטערט זייערע יונגע יאָרן! זיי עסן קיינמאָל זיך זאַט נישט אָן, האָבן נישט אויף זיך קיין לויט פלייש, נאָר הויט און ביין... אוי, וואָס טוען זיי, געבעך, וואָס מאַכן זיי דאָרט?

עס שטעלט איר זיך אויף פאַר דאָס אוועקפאָרן אירס פון דער היים, אָך, ווי וויי=און=ווינד דער מאַמען איז געווען צו שיידן זיך מיט איר קינד! די מאַמע פלאַטערט, ציטערט, איז טויט מיט אלע אברים, ס'איז איר שווער איינצוהאלטן זיך — און אלע ווייטעקן, וואָס איר האָט פון גאַנץ לאַנג ביז אַצינד זיך אָנגעקליבן אויפן האַרץ, גיסט זי עס אויס אין הייסע בלוטיקע טרערן. דער אלטער צעבראָכענער טאַטע מאַכט זיך כלומרשט א האַרץ, געזעגנט זיך מיט איר שטיל, קורץ — און אינעווייניק קאָכט זיך אים איבער דאָס ביסל בלוט, ער איז בלייך, צעטראָגן אַ שרעק. איר שיידן זיך איז ביים גאַנצן הויזגעזינד געווען א ריס פונעם האַרצן. דאָס שטעלט זיך איצט ביילען פאָר, פילט, ווי דאָס האַרץ גייט איר אויס נאָך די אלע ליבע אירע, און טראַכט: אוי, וואָס טוען זיי, געבעך, וואָס מאַכן זיי דאָרט?

אָרעמע לייט, אַפּנים, האָבן אויך אַ נשמה. עלטערן צו קינדער, קינדער צו עלטערן און דאָס הויזגעזינד צווישן זיך פילן אויך ליבשאַפט איינע צו די אַנדערע, אפשר אַמאָל נאָך מער ווי ביי יענע פאַרמעגלעכע.

עס רוקט זיך אויף ביילען אַ וואָלקן מרה=שחורה, אָט=אָט, פילט זי, ברעכט איר דאָס האַרץ און עס טוט זיך אַ גאָס אַ מבול טרערן. נאָר פון אַ ווינקעלע דאָרט אין איר נשמה שיינט אַרויס, ווי אַ ליכטיקער שטראַל, די האָפענונג, שלאָגט זיך דורך צווישן די געדיכטע וואָלקנס מרה=שחורה, און דוימט איר איין גוטע זאַכן — פרייד, נחת אויף שפּעטער, אם=ירצה=השם, אַז גאָט וועט איר העלפן זיך שטעלן דאָ אויף דעם גוטן אָרט, דורך דער כשרער נשמה, האָדל די מעקלערין, אַוועקקריגן אַ צייט און צונויפשלאָגן עטלעכע גראָשן, וועט זי עס איינגאַנצן אַהיים אָפּשיקן, אָדער זי אַליין וועט נאָר אַהיים צוריקפאָרן, ברענגען איטלעכן אַ מתנה, וועט העלפן

דער מאמען אין דער באלעבאטישקייט, און לעבן אין פיל גוטס איגייגעם מיט די עלטערן, זאלן געזונט זיין.

מיט אזעלכע טרייסטן פארוויגט ביילען די האפענונג, עס קלעפן זיך איר די אויגן, זי שפארט זיך צו אויף א הארט באנק=בעטל, דרעמלט, און עס דאכט זיך איר אין חלום — בעטגעוואנט! צוויי איבערבעטן, קישנס גרויסע און קליינע א גאנצער טורעם. אויך א שיינע גארדעראבע — זי האט, הייסט עס, למזל חתונה! ווער התן, ווו חתן? פרעגט זי בחרם, נאר ס'איז א קושעניש, א טופעניש, א שטופעניש פון אלע זייטן, איין קיל: מזל=טוב דיר, ביילע, מזל=טוב, מזל=טוב!...

די זון האט זיך געזעצט, אין שטוב איז טונקל, און ביילע שלאפט געשמאק. אויפן פריפעטשעקל ברענט א פייערל, נאסע שפענדלעך א פאר קנאקן, רויכערן, בלאזן זיך, דערנאך א פלאקער, בלאזן זיך, טוען דערנאך א פלאקער, בלאזן אוים א תקיעה=גדולה, — פוף=פוף, ארויסשטעקנדיק די לאנגע פייערדיקע צינגלעך, און כאפן ארום א קאכנדיק טעפל, וואס שעפטשעט, פלוידערט עפעס אויף זיין מין לשון. האדל שעפט אפ פון אויבן מיט א הילצערנעם לעפל און פירט א שטילן געשפרעך מיט איר מאן, וואס שטייט אנגעבויגן איר ביי דער זייט, ארויפלייגנדיק איטלעכס מאל א פינגער זיך אויף די ליפן.

— שא, ברען ווי א פייער, שעפעליאווע פיסקעלע! אט איז ער שוין געקומען. די שיינע צורה מיט דעם געפייפטן לשון זייגעם: שישא=שושי! — בייזערט זיך האדל אויף דעם מאן שטילערהייט, שטארק אויפגעבראכט, נאכקרימענדיק זיך אים, ווי ער רעדט שעפעליאווע. — קראנק ביסטו, האסט נישט קיין כוח צו רעדן שטילער א ביסל, גישט פייפן און אויפוועקן זי פונעם שלאף, דו הערסט, שמענדריק?

— א שאלה א בישל, צי איך הער, וואס דען? צו=וואש? זאג זשע מיר, איז דאש סיהות מאכן, ניסט טאקע סוין פירן זי אהינצוצו, סוין, אן סום סיהוש? — רוימט מענדיע, שטארק אנבייגנדיק זיך, האדלען אין אויער, שטיל ווי נאר מעגלעך.

צו זיין אומגליק אבער זענען די זזשענדיקע אותיות, ווי א „שין“ א שטייגער, אים ארויס פונעם מויל מיט א פייף. עס האט אים נאך געפעלט טאקע א פאר פעדערשטע ציין אויך, וואס אן זיי מוזן אזוינע אותיות ארויסקומען געפייפט. און, מעשה=שטן, זענען אים אריינגעפאלן אין מויל דווקא אזוינע זזשענדיקע אותיות, ווי א „שין“ א שטייגער, ווי דעם עולמס א ווערטל טאקע: אז גאט וויל שטראפן אן עם=הארץ, שיקט ער אים צו א פסוק אין מויל. דאס הייסט, א גראבער יונג שיט אין שמועס מיט פסוקים, וואס קומען אוים לעמעשקע.

— אַי, אין דר'ערד אַריין, ווי ער האָט זיך עס אַ ביסל צעפּייפּט, צעשושקעט! — שילט האָדל אויף אַ שושקענדיקן קול שטיל, מיט דעם גאַנצן כּוח פאַרבייסנדיק די ליפּן, און די אויגן פאַרלויפן איר מיט בלוט. — פאַרוואָס, פרעגסטו, נישט פירן זי אַהין, הייגט באַלד טאַקע? בהמה! נאָך קענסטו זי נישט, די כּל=בוניצע, וואָס פאַר אַ גראָשן וועט זיך ביידע אויגן אַרויסגעמען! לאָזן איר טאַקע די אויגן אַרויסקריכן, ביז זי וועט מיך זען מיט מיין סחורה ביי זיך! הייגטיקס מאָל לאָז איך מיך, נישקשה, שוין נישט מער שפּייען אין דער קאַשע. שאַ, שלאָג מיך נישט איבער. וואָס, גולם, האָסטו אויסגעשטעלט דיינע קעלבערנע אויגן אויף מיר אַזוי? האָרך בעסער, שמענדריק, און שווייג.

— סווייג, סווייג, ווייש נישט מער ווי סווייג. וואָס זשע איז בראש אַזוי דאָס סטיקעניש? — שושקעט מענדיע דעם ווייב אין אויער אַריין. און פאַר צופּיל אָפּהיטעניש פאַרפּלאָנטערט זיך אים די צונג, פאַרבייסט אַ שין אויף אַ סמך, אַ סמך אויף אַ שין, און עס קומט אויס נאָך ערגער געפּייפט.

— טפו! — שפּייט האָדל אויס, אַ מאַך געבנדיק אויף דעם מאַן מיט דעם לעפל. — אַ פייפן אַ ביסל! אָ — אַ פאַרפּייפעניש זאָל אויף דיר קומען, רבונו=של=עולם! זאָלסט פייפן, פייפן... נו, שמענדריק, דו האָרכסט? דאָס מיידל דאָרט שלאָפט. שאַ! זי זאָל זיך נישט אויפכאַפּן און הערן... נאָך אַ טעם האָב איך, וואָס איך אייל מיך נישט: לאָז זי אַ צוויי, דריי טעג בלייבן ביי אונדז דאָ, אונטערפילגעווען זיך אַ ביסעלע, נעמען אויף זיך לייב, נישקשה, אַ גענדזל אַז מע שטאָפּט, גיט עס דיר שמאַלץ. אָט האָסטו צוויי טעמים, צוויי מכות דיר! און דער דריטער טעם טרעפט איבער אַלע אַנדערע — אַ דריטע מכה דיר אַ גרויסע דערפאַר, וואָס דו האָסט אַ קאַצן=קעפּל און פאַרגעסן, וואָס נחמן=טרייטל שרייבט אין דעם בריוול. נחמן=טרייטל בעט שייגע סחורה, אַז ער וועט איגגיכן קומען — זאָל ביי מיר דאָ זיין גרייט פאַרטיק, עס זאָל נישט פעלן נישט מער ווי אָנצוקוקן זיך און שרייבן תנאים, כּדי ער זאָל דאָ נישט לאַנג פאַרזוימען און באַלד טאַקע קאָנען מיט דער כּלה, מישטיינס=געזאָגט, אָוועקפאָרן אהינצו, וואָהין ער פאָרט אַלע יאָר מיט דער סחורה זיינער און פאַרדינט אַ שטיק געלד. דו ווייסט דאָך, אַז נחמן=טרייטל באַצאָלט תמיד שדכנות=געלט מיט דער פולער האַנט. איבער אַלע אכסניות האָב איך הייגט זיך געדרייט, געזוכט טאָמער איז ער געקומען. מאָרגן זאָלסטו גיין זוכן אים, שמעקן ווי אַ הונט, אַצינד פאַרשטייסטו שוין, בהמה?

— וואָש זשע איז אַזויגס גישט צו פאַרשטיין? זאָגט מען עש פריער בפירוש און סא=שא, — לאָזט אויס מענדיע מיט אַ לאַנגן פייף.

— אַצינד, שמענדריק, מעגסטו שוין אַ מיתה=משונה איינגעמען, די כּפּרה ווערן פאַר כל ישראל... אויפגעוועקט! — מאַכט האָדל, פאַרקרימענדיק זיך אויף דעם מאַן שטאַרק בייז, און לויפט צו באַלד טאַקע צו ביילען, איינגאַנצן ווי איבערגעביטן געוואָרן, מיט אַ פריילעך=שיינענדיק פּנימל און אַ זיס שמייכעלע אויף די ליפּעלעך.

— אַ גוטער אויפשטאַנד אויף דיר, ביילעניו! האָסט, אָן עין=הרע, זיך גוט אויסגעשלאָפן? נו, גענוג געשלאָפן. צייט עסן. מענדיע! — טוט האָדל אַ זאָג צום מאַן, עפּעס אַזוי פריינדלעך, גוט, גאָר מחיה, — גיי, מענדע=לעב, רוף אַריין די קינדערלעך. זיי אַ באַלעבאָס, מענדיעניו, מאַך דעם הערינג, שנייד אָן ברויט, און איך וועל מיר דערוויל אויף אַ קליין רגעלע אַ גיי טאָן צום טעפּל, עס זאָל נישט צוגעברענט ווערן, דו קענסט גאָר מיר, חס=ושלום, געבן גט אָן כּתובה...

האָדל האָט בײם טיש ביילען אונטערגעטריבן, אַליין: „לאָז זיך נישט בעטן, עס, לאָז דיר וויל באַקומען!" מאַכן איר גרויסע האָפענונגען, אַז אָט באַלד וועט זי מיט דעם אייבערשטנס הילף אויפגעריכט ווערן, זיך אין אַ שמאַלץ=גרוב אַרייַנכאַפּן, אויף אַ גוט אָרט, נישקשה.

אויף דעם סמך האָט ביילע בײם טיש זיך וויל געטאָן און זיך גע=לייגט שלאָפן מיט אַ גרינג געמיט.

דאָס פינפטע בוך

דאָס ערשטע קאַפיטל

„תמשילהו, דו מאכסט אים, דעם שייגעם מענטשן, דאָס אנטיקל פון גאָטס וועלטל, געוועלטיקן במעשי ידיך, איבער די ווערק פון דיינע הענט“. — אזוי זאָגט דער פסוק און רעכנט אויס א צעטל פון אלע באַשעפענישן, וואָס ליגן דעם מענטשן אונטער די פיס: שאָף און רינדער אלערליי, אויך חיות אין די וועלדער, פייגל אין דער לופט און פיש אין דעם ים. נאָר צו כאפּן פיש און פייגל אין נעץ, צו הערשן איבער בהמות איז נאָר נישט אזא חידוש, — פאַרט בהמות, נפשות, מישטיינס־געזאָגט, אָן א פיצל פארשטאנד. מער חידוש איז, ווי דאָס שיין מענטשל קליגט זיך צו כאפּן אויף דער וועגטקע אויך זיין גלייכן מאקע, ברידער און שוועסטער, זיין פלייש און בלוט.

אָט די האָזיקע קונץ, די משוגה־ווילדע בריהשקייט זיינע קומט ארויף אויפן געדאנק, ווען מע גייט אויף דער יורדיקע, א הינטערגעסל אזעלעכס אין גלופּסק, און מע קוקט אָן לוי בחורס הייזל דאָרט.

לוי בחורס דאָזיקע הייזל איז איינס פון יענע הייזער, וואָס זענען א פלעק אויפן פאָלק ישראל און פארשווארצן אים פאר דער וועלט דאָס פנים. נאָר שיינע כשרע יידן גייען פארביי, זיי שווייגן און שפייען אויס — גאָרגישט! יאָ, זיי שווייגן, אָבער דער שטן שרייט דערויף קולות און איז שטארק מקטרג. עס שרייען אויך טויזנטער אומגליקלעכע נפשות, געבעד, וואָס פאלן אריין אין די הענט פון רשעים — הענדלער מיט לעבעדיקע סחורה, און זייערע ביטערע קולות, זייער געוויין מיט בלוטיקע טרערן דערגרייכן ביז דעם זיבעטן הימל. זיי, די כשרע יידן, קוקן אוועק, שפייען, פונעם שפייען אָבער ווערט אָט די פארשימלטע בלאָטע אין דעם יידישן לעבן. פרעמדע, פון אנדערע פעלקער, כאפּן זיך

ביי די נעז און שרייען! אי־אי־אי — און עיפּוש ביי אייך, יידישע קינ־דער.

ס'איז שוין האלבער טאָג, די לאָדן פון לוי בחורס הייזל זענען נאָך צוגעמאכט. אין א באזונדער חדרל דאָרט מיט א פענצטער ארויס אין א גערטנדל, הינטער דעם הייזל, זיצן א פּאָר באטאָגטע ווייבער ביי א גלעזל קאָפע מיט פוטערגעבעקסלעך. איינע — א באלייבטע, א ביי־כיקע, א דיקע, קורץ געוואקסענע יידענע, אָנגעגאָסן פון אויבן ביז אראָפּ, איין שטיק פלייש אָן א סימן האלדז, דאָס פּנים איז אונטן־צו מגושם ברייט, מיט א צווייגאָרנדיקן גוידער און פעטע אראָפּהענגענדיקע פּאָר באקן, ווי די פּאמפּעשקעס, מיט געלע פליאמעס, צווישן וועלכע עס שלענגלען זיך רויטלעך־דינע אָדערלעך, און אויבן־צו איז עס צוגעשפּיצט מיט א קליין שמאָל שטערנדל, אונטער וועלכן עס זיצן פארטיפט גרויע, פּייכטע אייגעלעך מיט א גלאנץ. דאָס גאנצע געשטאלט אירס איבער־הויפּט זעט אויס, ווי א היטל צוקער. אונטן, מחילה, ברייט און אלץ שמעלער־שמעלער ביז צום קעפּל. דער מלאך האָט ביי איר געבוירן ווערן זיך, אפּנים, געפלייסט, ווי א בריה א משרת אין באקאליי־קלייט, איינגעפּאקט איר נשמהלע און ארויסגעלאָזט אויף דער וועלט אזא סחו־רה אין א שקארמיץ. אין דער וועלט האָט די סחורה, אין איר צייט, שטאַרק געגאָלטן, אציגו", אין די עלטערע יאָרן, איז זי לוי בחורס און איז באקאנט אונטער דעם נאָמען: „די מומע שיינציע“. — אקעגן זשע די אנדערע יידענע איז א מאָגערע, א הויכע, מיט איינגעפאלענע באקן, דינע פארבליוועטע ליפּעלעך, א דין־שפּיצעכדיק נעזל און" בלויע שטעכנדיקע אייגעלעך, אין וועלכע עס צינדט זיך אמאָל אָן א פייערל. אין דער יוגנט האָט זי געמוזט זיין שיין, נאָר אצינד איז זי אָפּגעבליאקעוועט, געקנייטשט, און זעט אויס איינגאנצן, ווי אן אָפּגעשלאָגענע הושענה — דאָס איז האָדל די מעקלערין מיט איר כבוד אליין.

די מומע שיינציע פּאקט געשמאק אויף ביידע באקן און בעט אלץ האָדלען, זי זאָל אויך געשמאק עסן.

— זאָלסט מיר געזונט זיין, האָדל, עפּעס עסטו מיר גאָר, ווי א קינד: פּאמעלעכן, צו שטיקלעך, קוים־קוים, וואָס דו קייסט. אָט נעם, נשמהניו, איך בעט דיך, א שטיק טאקע, אזוי — אזוי מיטאמאָל, און עס! די פוטערגעבעקסלעך זענען מיר היינטיקס מאָל זייער געראָטן, טאקע באנציעס קבלה, ארייננעלייגט אין זיי גענוג אייער און פוטער, צימערינג, אינגבער אויך נישט פארגעסן. אָט האָסטו דיר א פּאר־ברוינטס, נעם, איך בעט דיך, און" עס, עס!

— געזונט זאָלסטו מיר זיין, שיינציעניו, לעבן מיינס, — מאכט האָדל מיט חן, צוגויפשנירנדיק די ליפּעלעך אין א לאנג שמאָל פּיסקעלע און טוט, ווי א פייגעלע, א זופּ פונעם גלעזל קאָפע: — וואָס רעדן טו איך? איך עס מיר, נישקשה. זייער געראָטענע ביי דיר פּוטערגעבעקסעלעך! דער מלכות מעג זיי עסן. אזא מזל, רבונו-של-עולם, זאָל איך האָבן, וואָס פאר א גוטע באַלעבאָסטע, שיינציעניו, דו ביסט!

אָט אזוי זיצט זיך דאָס פּאָרל, טוט זיך וויל און פירט דערביי א געשפּרעך איבער פיל זאכן, דערמאָנענדיק זיך אָן דער יוגנט, אָן אמאָליקע צייטן.ביידע האָבן מוידוויין געהאט איין ברויט, דערצוינגן געוואָרן אויף איין אָרט, און ביידע האָבן דערנאָך שוין, אין די יאָרן, גענומען פּלוצעם און צוגעדעקט דעם קאָפּ — חתונה, הייסט עס, געהאט... שיינציען איז דאָס מזל געגאנגען און זי איז מיט דער צייט געוואָרן א באַלעבאָסטע מיט א געשעפט אליין פאר זיך. זי האָט באקומען אין שטאָט א נאָמען, צו איר אין הויז קומען לייטישע מענטשן אזוינע און אזוינע, און לעבט זיך אָפּ איר וועלט אין עושר און אין כבוד. שיינציע היט אָפּ יידישקייט, איז שטארק געוואָרנט אין די דריי ווייבערשע מצוות. שבת און יום-טוב גייט זי אין שול כאפּן א ברוך-הוא-וברוך-שמו, זעט, ווי ווייבער שפּרינגען קדושה — שפּרינגט זי אויך! הערט, ווי ווייבער וויינען, קלאָגן ביי די תחינות — וויינט זי, קלאָגט זי אויך. אויפן קאָפּ טראָגט זי א טיכל, אראָפּגערוקט כמעט ביז די אויגן — עס זאָל קיין איין האָר נישט ארויסקוקן, חלילה. דאָס טיכל אויפן קאָפּ איז ביי איר א גרויסער יחוס, זי נעמט זיך דערמיט שטארק איבער, עס האָט דאָך איר צוגעהעקט די חרפּה און באוויזט דער וועלט, אז זי האָט גענומען א מאן מיט חופּה און קידושין. אַלטע ווייבער, מיני גבאיטעס אזוינע, קומען אָפּט צו איר נאָך א נדבה און זי גיט זיי עטלעכע גראָשן, אמאָל אויך אן אלט קליידל, זאָקן א פּאָר אויסגעטרעטענע. זי איז זיי אויך מכבד מיט לעקער-און-בראָנפן א ביסל; זיי טונקען, טונקען, מאכן א ברכה, פארקרימענדיק זיך, און ווינטשעווען איר אַלדאָס גוטס אויף דער וועלט און א שטול אין גן-עדן אויף יענער וועלט. שיינציע איז געבענטשט מיט פרנסה, מיט פיל גליק; עס גייט איר מער נישט אָפּ ווי קינדער — קינדער האָט זי נישט, און דאָס פארומערט איר דאָס לעבן.

— „ניי פרעג גאָט א קשיא — איז דער שטייגער אירער זיך צו קלאָגן, טאפּנדיק זיך בשעת מעשה אַלץ ביים קאָפּ: — וואָס העלפט עס? שוין א צוגעדעקטער קאָפּ, ברוך-השם, און פאָרט נאָרנישט, אַלץ טאקע וואָס פריער... מסתמא איז רעכט, מסתמא באדארף אזוי זיין בעוונותינו הרבים...“

ווערטער א ביסל! טאקע גאָר ווי א צדקנית...

האָדלען זשע אקעגן גייט עם שלים־שלימזל. קינדער האָט זי דווקא יאָ — און דאָס איז באמת טאקע א גרויס וואונדער! נאָר א קבצנטע, נישט פאר קיין יידן געדאכט, איז זי, נעבעך, א גרויסע. זי פארשטייט אן עסק אזוי ווי שיינציע, ואפשר נאָך צען מאָל בעסער, האָט שוין געפרוווט איבערדינגען, ווי מע זאָגט, אלע עבודה־זרות, זיך שטרעקן אין אלע עקן, נאָר אומזיסט די מי. איר איז נישט באשערט געווען זיין א באלעבאָסטע מיט א געשעפט אליין פאר זיך, און געמוזט ווערן א מעקלערין, זיך דרייען ארום שיינציען — און דאָס האָט זי געשטאָכן ווי א מעסער, א דם־שונא איז זי שיינציען ביי זיך אין האַרצן. ביי א שמועס מיט איר איז זי צוקער־זיס, מיט א צונויפגעשנירט פיסקעלע און מיט שיינענדיקע אייגעלעך, דאכט זיך, די נשמה גייט איר אויס פאר גרויס פרייד, וואָס יענער איז אזוי גוט, שטייט אויף אזא שטופע! נאָר אינמיטן, געשפרעך טוט זי שיינציען א פיק, רוקט איר אריין א שפילקע, א שטעכווערטל גלאט אזוי זיך, אין א מין כלומרשט.

— אוי, שיינציעניו־קרוין, נשמה מיינע, מיט דיר צו זיצן איז מיין לעבן. איך קוועל גאָר אָן, אָנקוקנדיק דיך. אָן עין־הרע — היינט א גראָפיניע, און אמאָל?... געדענקסטו דאָרטן, דאָרטן?... ווער וואָלט עס זיך געריכט דענסטמאָל?... און נחת, כ'לעבן, האָב איך פון דיר. דער אייבערשטער זאָל מיך נאָר וועלן מזכה זיין צו דערלעבן ביי דיר קינדער... קרעכץ נישט, שיינציעניו, זיי זיך נישט מצער, איך ווייס, ווייס, ווי שלעכט ס'איז, ווי ביטער אָן קינדער. וואָס דען האָט געטויגט דאָס גאנצע התונה האָבן?

— דער זינדיקער מענטש טוט, וואָס ער קאָן, און ווייטער... ווייס איך? גיי פרעג קשיות דעם רבונו־של־עולם. וועמען ער גיט געלט, וועמען — קינדער. אָן געלט צו זיין איז אויך וויסט און ביטער, — טוט די מומע שיינציע האָדלען מיטן צינגעלע א פיק.

— די איינציקע טרייסט איז מיר מיינע קינדער, טייערער פון גינגאָלד... נישקשה, שיינציעניו, זיי זיך נאָר נישט מצער... האָב מיך גענוג ביי דיר פארזעסן, לאָמיך שוין כאָטש גיין.

— וואָס איז אזוינס דאָס איילעניש אויף דיר, האָדל? א קאטאָוועס עפעס, זי האָט זיך פארבענקט אהיים נאָך „אירן“, שוין אפשר א שעה, אז זי האָט איר אלטן נישט געזען.

— זאָלסט טאקע וויסן, אזא מזל אלע מיינע ליבע — דיר אויך, שיינציעניו, וואָס פאר א מענטש מיינער איז! א בריליאנט! ווו נעמט מען נאָר צו אים דאָס שטיקעלע גליק!... פאר דעם מיידל, נישקשה,

וועסטו מיר דאנקען. סחורה! איאַ, שיינציעניו? דו האָסט מיך אַפילו א ביסל געקריוודעט, נאָר — טע... האָסט געכאַפּט אַ מציאה! דיין מזל איז, וואָס נחמן־טרייטל האָט זיך פאַרפּאַקט ערגעץ אין וועג און איז נישט געקומען אַהער, ווי ער האָט געשריבן... שאַ, לאָמיר דיר כאַטש דערציילן! ווייסטו, וואָס איך האָב געהערט? ער האָט היינטיקס יאָר, צווישן אַנדרע געערדט, פיר מאָל זיך משדך געווען, און בשלום אַריבער די גרענעץ מיט דער סחורה און זי פאַרצוקערט דאָרט, געמאַכט זייער גוטע געשעפטן. דאָס מזל שפּילט אים, אָט דעם טרייטלען, עס גייט אים פון טיר און טויער! עס וועט פון אים, געדענק מיינע רייד, מיט דער צייט אויסוואַקסן אַ גרויסער מיט געלט אָנגעשטאָפּטער רב טרייטל!...
ווו איז זי ערגעץ, דאָס מיידל?

— זי איז דאָרט ביי זיך אין קעמערל. איך האָב איר געהייסן זיך אָפּוואַשן, אָפּזייפן און אַראָפּוואַרפן פון זיך אירע שמאַטעס. אָט אַזוי האָט מען עס פון זיי, — זאָגט די מומע שיינציע מיט אַ זיפץ: — מע וואַשט זיי, מע ריניקט זיי, מע שוכט און קליידט זיי, און אַז עס כאַפּט די זעט — ווערט עס פּריצות, קיינמאָל נישט צופרידן, גלייך ווי מע וואָלט זיי דאָ געקוילעט, אוי, צייטן, היינטיקע צייטן!...

— נו, וואָס זאָל מען טאָן? ווער עס האָט די קי, האָט די מי, — טרייסט האָדל די מומע שיינציען מיט אַ זיס־גנביש שמייכעלע. — אוודאי איז אַמאָל אין אַנדערע צייטן בעסער געווען. געדענקסטו כאַטש, שיינציעניו? נו, צייט מיר אַהיים. לאָמיר כאַטש נעמען אַ פּאָר פּוטערגע־בעקסלעך פאַר די קינדער, לאָזן זיי אויך וויסן...

— וואַרט נאָר, האָדל, פאַר די קינדער וועל איך דיר געבן אויך לעקער. אי, איז ביי מיר היינט אַרויסגעקומען אַ לעקער, טאַקע נאָר אויף חידושים אַ לעקער!... הא, אַז עס האַלט שוין דערביי — טאָמער וואָלסטו גענומען אַ ביסל בראָנפן און אייננטונקען אויך אַ שטיקל לעקער, און אַז דו וועסט מיך גוט בעטן, האָדל, וועל איך אויך נעמען אַ קעלי־שעקל און מאַכן מיט דיר לחיים.

— טאַ... אַז דו ווילסט, — מאַכט האָדל מיט אַ קנייטשעלע און אין די אייגעלעך האָט זיך איר אָנגעצונדן אַ פייערל.

ביים געזעגענען זיך זענען ביידע הברטעס געווען שטאַרק אויפגע־רוימט, לעבעדיק־פריילעך, זייער באַרעדעוודיק. האָדל האָט, גלייך ווי ביים אָזעקגיין פון אַ געווינערין נאָך אַ לעקער און בראָנפן, אָנגעוווּנטשן דער מומע שיינציען אַ פולן קאָפּ, זי זאָל מגדל זיין דאָס מיידל און דערלעבן פון איר פיל נחת. הלוואי זאָלן זיי געזונט זיין און גיין איינער צום אַנ־דערן ווייטער אויף אַזעלכע שמחות, אם־ירצה־השם.

אין הויז איז האָדלען צו די אויגן געקומען ביילע, אָפּגעוואַשן, אויסגעצוואָגן, שיין־ריין אָנגעטאָן, שיינט, לייכט, עפּעס באַקומען גאָר אן אנדער פּנים.

— אזא יאָר, אזא מזל דער מאמען דיינער! — מאכט האָדל מיט א משוגהדיק קול, אָנקוקנדיק ביילען. — דו לייכטסט דאָך עפּעס, ווי דער ליכטיקער מאָרגנשטערן. זיי נאָר נישט קיין נארעלע, טאָכטער, פאָלג די מומע שיינציען, וועט אז גוט און אז וויל דיר זיין!...

דאָס צווייטע קאַפּיטל

ביים ערשטן אריינטרעט ביילעס אויפן נייעם אָרט האָט זי זיך געפילט, עפּעס איז זי גאָר אויף א נייער וועלט. אלצדינג וואָס דאָרט — איז איר אויסגעקומען עפּעס משונה: די מענטשן, דאָס גאנצע פירונג דאָרט משונה, און זי אליין אויך משונה. זי קוקט זיך אָן אין שפּיגל, וואָס ביי איר אין קעמערל אויף דער וואנט, און דערקענט זיך נישט — דאכט זיך, נישט זי, און פאָרט טאקע זי. עפּעס האָט זי באקומען א נייע הויט. זי טאפּט זיך ביי די שיין־פּארקעמטע, מיט מאנדל־אייל געשמירטע האָר, וואונדערט זיך אויף איר ארויסגעשטעלט העלדזעלע, ריין־אָפּגעזייפטע הענטעלעך, אויף איר שיין צוגעפּוצט קליידעלע, געניייט נאָך דער לעצטער מאָדע — און שמאָכט. עס טוט איר הנאה. וואָס זאָל זי דאָ איבערטראכטן? אזוי, מסתמא, באדארף זיין, מסתמא איז אין גלופּסק שוין אזא איינפיר, אויסצופּוצן דינסטמיידלעך ווי א טאָק. מע באדארף דאָך וויסן, אז אינגאנצן איז דאָך ביילע גאָר א קינד — א יאָר פופצן זעכצן, און געבוירן איז זי ווו? אין קאבצאנסק, פונוואנען זי האָט ביז איצט קיין פּום נישט ארויסגעשטעלט, פאר זיך נישט אָנגעקוקט די ליכטיקע וועלט! געהערט האָט זי נאָר, אז ס'איז דאָ ערגעץ העט־העט אויף יענער זייט ראָגאטקע א גרויסע שטאָט גלופּסק, די בעסטע אויף דער גאנצער ערד, וואָרעם זי איז דאָך באזעצט מיט לויטער יידן, אָן עין־הרע, אקעגן א הונדערט קאבצאנסקן אינייגעם — און דאָרט איז עס אביסל א לעבן, אי־אי־אי! דאָס, וואָס די גלופּסקער זענען דימענטיקע מענטשן, כשרע, שיינע, פיינע לייט, איז ביי איר געווען גאנץ זיכער, דערויף האָט זי דאָך דעם בעסטן באווייז: פריער האָדל די מעקלערין, אצינד די מומע שיינציען. מסתמא האָט זי דאָך נישט אומזיסט זוכה געווען ביי דער וועלט צו הייסן „מומע“, זי האָט מסתמא פארדינט פאר אירע מעשים־טובים. אזוי, וואָס א וועלט־מומע, איז ווי געוויינטלעך א יידענע א צנועה.

היינט אויך די אלע אנדערע פאַרשווינען דאָ, אויך אזעלכע גוטע, לעבעדיקע, צוגעלאָזטע. קיין עין־הרע, טראַכט זי ביי זיך, עפּעס אזויפיל טעבטער! אהא, איך פאַרשטיי — קעסט־קינדער. אצינד איז שוין רעכט. דאָ זיצן דאָ אויף קעסט יונגטן מיט די מאַנען. א געבענטשטע פון גאָט איז די מומע שיינציע טאקע! ביילע האָט אלצדינג געטייטשט נאָך איר פאַרשטאנד, נאָך דעם שטייגער לעבן אירן אין קאבצאנסק, און אנדערש האָט זי טאקע נישט געקאָנט טייטשן. אנדערש האָט זיך איר קאָפּ גאָר נישט געלייגט. אז זי איז אויף מאָרגן פרי צוגעגאנגען צו שיינציען מיט א פרעג: „באלעבאָסטע, זאָגט מיר, וואָס האָב איך צו טאָן?“ און די מומע האָט מיט א שמייכעלע, עפּעס גאָר טאקע ווי אן אשה צנועה, געענטפערט: „אייל זיך, טאָכטער, נישט אזוי, עס וועט נאָך קומען דיין צייט אויך“, — האָט זי עס אָנגענומען פּשוט, מסתמא איז דער שטייגער דאָ אזוי, ליב צו האָבן דינסטן, ארבעטן מיט זיי פאמעלעכן, מיט רחמנות.

און ס'איז ביי איר געבליבן אָפּגעפּסקעט, אז א יידישע שטאָט איז טאקע דאָס גלופּסקעלע, די יידעלער דאָ — צדיקים, זייער פיינע לייט, זייער גוטע איינפירונגען!...

באנג געטאָן האָט ביילען איין זאך נאָר, פארוואָס איז די מאמע דאָ נישטאָ און זעט נישט מיט אירע אייגענע אויגן, ווי דעם קינד, אָן עין־הרע, איז עס גוט. נעבאַך זאָל זי נחת האָבן פאר דעם צער, וואָס זי האָט געהאַט! און אזוי ווי ביילע איז דערווייל געזעסן ליידיג, מיט פאַרלייגטע הענט, אליין פאר זיך אין קעמערל, בענקענדיק נאָך די איריקע, האָבן זיך איר צעשפּילט די געפילן, און זי נעמט זיך אויסשטעלן אין אירע געדאנקען א בריוו אהיים. נישט אזוי גרינג אָבער טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. יידן מיט בערד אפילו, וואָס זענען, דאכט זיך, אי משונה קלוג, אי געניט, ווילדע בריות אויף אויסצוזעצן יענעם פעלער, אוועקצורעדן איבער אלצדינג, וואָס אין דער וועלט, — אפילו זיי פילן, נעבעך, ביי א בריוו שרייבן אמאָל דעם טויט; זיי טינטלען, טינטלען מיט דער פען, קוועטשן זיך, רייבן דעם שטערן, און עס גייט נישט, כאָטש צערייס זיך, עס קלעפּט זיך נישט איין וואָרט צום אנדערן, עס זענען גאָר טאקע ריינע בהמות — היינט א פּשוטא שוין ביילע, א קליין קאבצאנסקער מיידל, נישט אזא בריה, נישט אזא חכמה, ווי זיי!... נאָר דאָך, מעגלעך אפשר טאקע, ווייל זי איז נישט אזא חכמה, ווי יענע, האָבן עטלעכע ווערטער ביי איר אין מוח זיך יאָ געריימט: ס'איז אויסגעקומען עפּעס אויף דעם שניט פון די באקאנטע „פירגריסלער“, משל־לעמעשקע פארווירצט מיט קאבצאנסקער דייטש — יענץ מין דייטש, וואָס יידישע

קינדער שנייהן אין א געשריפּטס, מלמדים אין דעם חומש און ווייבער אין די תחינות, ווייל אנדערש פּאַרט זיך עפּעס נישט, און עס לייגט זיך מאקע נישט די צונג, ווי אשטייגער, נעם זאָג א הונט: „גיי, זיי מוחל, ארויס!" און נישט אויף יוניש: „פּאשאָל וואָן!" אָדער גיי העד מיט א קו, מיט א קעלבל יידיש... דער עיקר אין דעם בריוול, וואָס ביי ביילען אין קאָפּ, איז געווען לויב צו השם-יתברך, אָנגעהויבן האָט זיך עס אזוי:

„געלויבט און געדאנקט דער לעבעדיקער פאָטער אין הימל, דאָס ער איז מיט דעם עלנטן, באשירעמט דעם פארוואָגלטן, דערהויבט דעם גע-פאלענעם. עס האָט זיך אנטפּלעקט באשיימפּערלעך זיין גנאָד, די גרויסע נסים מיט מיר, מיך צו פירן דאָ אויף דעם רעכטן וועג, און ארייגעבן מיך אצינדערט אין א גוט אָרט" או"וו.

פּאַרטיק מיט דעם אויסשטעלן דאָס בריוול אין קאָפּ, הייבט זיך אָן ביי איר א נייע דולעניש: ווי קומט די קאץ איבערן וואסער, וויאזוי, הייסט עס, גיט מען שווארץ אויף ווייס ארויס? שרייבן אליין קען זי נישט; בעטן עמעצן פון די קעסט-קינדער דאָ, פּאסט איר עפּעס נישט. וואָס זשע דען? זי טראכט, טראכט און עס פאלט איר איין — הער-שעלע!...

„יאָ, הערשעלע!... ער וועט מיר אָנשרייבן... וואָס איז עס אזוינס, וואָס מיר גלוסט זיך אליץ אים זען, און זע איך אים, פּיקט עס, פּיקט אַט-אָ-דאָ, דאָ אין הארצן? א ברודער איז ער מיר? ניין! א חתן? ניין! וואָס דען! עס קיצלט עפּעס צו לאכן... א שיין געלעכטער, הא, אפשר איז דאָס טראכטן אזעלעכס אן עבירה? נאָר ווי איז מיר, אז עס טראכט זיך אליין!... אפשר באדארף איך נישט וועלן... נישט וועלן אים זען? אוי, ווינד איז מיר, עס ווילט זיך דאָך אָבער יאָ, און אצינד דווקא גראָד נאָך מער!... רבונו-של-עולם, איך בין זיך מודה! רבונו-של-עולם, זינדיקן ביי זיך אין הארצן אלע מיידלעך אזוי, אָדער איך נאָר, אז אָך און ווי צו מיר, איך אליין?..."

אזוי טראכט ביי זיךביילע און אין די אויגן שטעלן זיך איר טרערן.

שיינציע און לוי, איר מאַן, זענען געווען א גלייך פּאָר-פּאָלק, טאקע א זיווג מן-השמים, ביידע האָבן געארבעט אין דער פּרנסה, ארויסוויינדיק זייער בריהשאפט, איטלעכער נאָך זיין גאנג. און ווען שיינציע האָט ביי

דער וועלט פארדינט דעם נאָמען „מומע", האָט אויך לוי פון זיין זייט כּשר פאַרדינט ביי איר דעם נאָמען „בחור". אזא מבין אויף „סחורה" ווי ער, אזא מייסטער אין זיין זאך איז צווישן זיין חברה קיינער נישט געווען. ביי א שווערער זאך אמאָל פלעגט מען זיך ווענדן צו אים. ער פלעגט דער חברה פּסקענען שאלות און פארענטפערן אלע הארבע קשו-יות. מע באהארף וויסן, אז די אלע חברה-לייט, וואָס האנדלען מיט „לע-בעדיקע סחורה", זענען דורכגעטריבענע ממזרים, יאָלדן מיט ביינער. זיי דרייען און פארדרייען קעפּ, בלענדזשען און פארפירן הונדערטער נפ-שות מיט אלערליי המצאות. ס'איז דאָ צווישן זיי אלע מיני פּאָקוסניקעס, קאָמעדיאנטן, וואָס מאכן די שפּיל, פארשטעלן זיך, כדי יענע צו פאר-פירן, פאר חתנים, פאר מענטשן מיט געשעפטן, פאר אגענטן, פאר גלאט אזוי זיך גוטע, שיינע, כשרע יידן, וכדומה נאָך אזעלכע אָנשטעלן, ווי עס פּאסט צום ענין. היינט, אז אזוינע לייט האָבן תרבות פאר לוי'ן, האלטן פון אים ווי פון א רבין, איז מסתמא, לוי א בחור טאקע וואָס א בחור הייסט.

לוי בחור איז אינדערהיים נישט געווען בשעת ביילעס אריינטרעטן צו אים אין הויז: ער איז געפאָרן ערגעץ אין אן אָרט, וווהין חברה האָט אים ארויסגערופן, ער זאָל זיי עפּענען די אויגן אין א הארב שטיקל אר-בעט. די מומע שיינציע, וואָס האָט שטארק געהאלטן פונעם מאן, נישט געטאָן קיין שום זאך אָן אים, האָט געהאלטן דערווייל ביילען, ווי נאָר מעגלעך, אָפּגעזונדערט פון דעם איבעריקן עולם אין א קעמערל פאר זיך, געגעבן איר כלומרשט, פון יוצא וועגן, עפּעס ארבעט, ווי, אשטייגער, אויסלאטן העמדער, איינניייען קנעפּלעך, אונטערארבעטן זאָקן, און אלץ זאָגן איר, אז דער באלעבאָס וועט קומען, אם-ירצה-השם, דענסטמאָל וועט זי, נישקשה, האָבן גענוג ארבעט. די מומע שיינציע איז זיך בא-גאנגען מיט איר זייער גוט, זי אונטערגעפּילגעוועט, געמיינט דערמיט גאנץ פּשוט, דאָס שטיקל סחורה זאָל א פּנים האָבן, לוי זאָל ביים אָנ-קוקן עס צופרידן זיין און וויסן, אז דאָס ווייב זיינס איז א מענטש, מע מעג זיך אויף איר פארלאָזן.

אז לוי איז אין א קורצער צייט ארום געקומען אהיים און האָט געזען ביילען, איז ער פארצאפּלט געוואָרן פון פרייד, אזוי איז זי אים געפעלן:

— הערסטו, מיין ווייב, — רופט ער זיך אָן צו שיינציען, — דאָס מיידל איז א שיין שטיקל סחורה! אצינד איז זי נאָך רוי, אביסל טערפּ-קע, נאָר מיט דער צייט וועט אויס איר ווערן א כלי. עס קאָן זייער גע-מאָלט זיין, אז זי זאָל אמאָל נאָך אָנשפּארן אין די ווייטע מקומות.

אהינצו, אשטייגער, צום פעטער ישמעאל. מע וועט קאָנען פאר איר הייבן א גרויסע אפּותיקי. ביז דענסטמאָל אָבער, ביז עס וועט זיך געפינען אויף איר דער אמתער מבין, מוז מען זי לערנען מענטשלעכקייט, אלע שיינע מאנירן, ווי צו געפעלן.

די רביצין ביילעס איז די ערשטע צייט געווען איינע פון די „קעסט־קינדער", זייער א געשייטע, אדורכגעטריבענע, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט איר דעם אלף־בית. ביילע אָבער האָט געהאט א פארשטאָפּטן קאָפּ און נישט פארשטאנען קיין וואָרט. דערצו איז זי נאָך געווען א שעמעוודיקע און א שטיק עקשנטע אויך. נאָר דאָס איז זיך געווען דערוויל, ווי אויף קאטאָוועס. שפּעטער א ביסל האָט לוי גענומען דאָס טייטל און אָנגעהויבן אויף זיין שטייגער צו לערנען ביילען, ער מיט זיין כבוד אליין. און דעם שבח מוז מען לוי בחור נאָכזאָגן, אז ער פלעגט זיך מיט דער דערציונג פון זיינע „לערן־מיידלעך", ווי זיי האָבן ביי אים געהייסן, באשעפטיקן זייער געטריי: ער האָט געקנעלט מיט זיי, טאקע ווי א גוטער מלמד, און אָנגעווענדט אלע מיטלען ארויסצוטרייבן פון זיי דאָס קליינשטעטלדיקע ווילדקייט, דאָס נארישע שמייליקע עקשנות, פריער מיט גוטן, מיט מוסר זאָגן, און אז עס האָט נישט געהאָלפן קיין רייד, פלעגט ער שוין געברויכן די הענט, א שטעקן און א רימען אויך. נאָר עפּעס נישט אזוי — זענען געפלויגן פּעטש, קלעפּ, וויפל ס'איז נאָר אריין. אמאָל איז מען אויך געזעסן ביי אים פארשפּארט אין א קעלער, אָן עסן, אָן טרינקען, ביזוואנען מען איז בעסער געוואָרן.

איינמאָל האָט לוי אריינגעפירט אין קעמערל צו ביילען איינעם פון זיינע לייט, כדי צו הערן זיינע מבינות אויף איר און אויף וויפל ער וועט אָפּשאצן איר ווערט. ביים אריינקומען מיט אים האָט לוי געזאָגט מיט א זיס שמייכעלע: „טאָכטער, אָט האָב איך דיר געבראכט א חתן — אָבער א חתן גאָר אנטיק! דער חתן איז דווקא נישט געווען קיין שעמעוודיקער און באלד טאקע אָנגעהויבן טרייבן מיט איר קאטאָוועסלעך, עפּעס ווי צוגעזאָגטן געוואָרן צו איר. זעענדיק, אז ביילע האלט אראָפּגעלאָזט דאָס פּנים און שווייגט, נעמט ער זי ביים נאקעטן העלדזל, גלעט זי, טאָרעט זי, כאָטש איין קוקעלע זאָל זי אויף אים טאָן, זאָגן אים כאָטש איין וואָרט. ביילע שטופּט אים אָפּ פון זיך, רויט ווערנדיק ווי פייער. דאָס גיט אים אָבער נאָך אונטער מער קוראזש, ער כאַפּט זי ארום און וויל איר טאָן א קוש; ביילע לאָזט אים אראָפּ צוויי פייערדיקע פּעטש, רייסט זיך אויס אים פון די אָרעמס און אנטלויפט — און דער חתן בלייבט געפּלעפט. ביילע האָט דערמיט זיך שטארק פארשולדיקט און גאָר

אין דעם אייגענעם טאָג האָט איר לוי גוט מקיים־פּסק געווען מיט א ריי־מען, זאָגנדיק איר דערביי מוסר אזוי:

— אָט האָסטו דיר דיין ערלעך אויסקומעניש פון מיר, דו חצופה איינע!... נאַ, נאַ דיר איצטער פאר דיינע גענג, אז דו זאָלסט געדענקען אויף ווייטער!... עס זאָל דיר ליגן אין טעם, און קליגער ווערן ווייטער. נאַ, נאַ!... א מיידעלע באדארף זיין א שטילינקע, א גוטינקע, ליב האָבן מענטשן, צו איטלעכן זיין צוגעלאָזט מיט א פריינדלעך פּנים, באַדארף ארויסשלאָגן זיך פונעם קאָפּ שמייליקייט, זאבאַבאָנישע — ווילדע זאכן... א מיידעלע באדארף וויסן דרך־ארץ — דרך־ארץ איז פריער פון אלע זאכן!

אצינד ווייסט שוין ביילע דאָס אָרט, וו זי געפינט זיך, ווער אזוינע איז האָדל די מעקלערין און די מומע שיינציע. אצינד האָט זיך איר „אנטפּלעקט באשיימפערלעך די גנאָד און די גרויסע נסים", דאָס גוטסקייט און פרומקייט פון די ראַזיקע שיינע נפשות, און זי שטעלט אצינד אוים ביי זיך אין די געדאנקען א ברייוול אהיים, פול מיט קינות, מיט קלאָג, שוין נישט אויף קאבצאנסקער דייטש, פּירגריסל־לשון, נאָר אויף ריין יידיש — אויף דעם לשון פון איר צעבראָכן הארץ און שווער בימער געמיט.

נישט צו דערקענען איז ביילען אין דער שיינער הלבשה אירער און אלץ־מיטאנאנדער. אירע שווארצע געדיכטע האָר זענען אונטערגעשוירן ביז דעם לעפל פון די אויערן, דאָס ווייס געשטיקטע קליידל אויסגעשניטן וויים ביז דער ברוסט, אויף דעם נאקעטן האלדז א שמאָל רויט בענדעלע און די ארבל קוים וואָס זיי דערגרייכן ביז צו די עלנבויגנס, דאכט זיך, א פּריצה, נישט צו פארזינדיקן, וואָס גייט איר אָפּ? נאָר נישט פאר אייך געדאכט, יידישע טעכטער, איר ביטער הארץ! מע זעט עס איר ארויס אין די בלייכע באקן, און די בלויע רינגען ארום געשוואָלענע ברעגענדיקע אויגן און אין דער גאנצער מינע אירער. זי איז געעלטערט ווי אויף א צען יאָר. איינגאנצן ווי איבערגעביטן געוואָרן. און ווי זי זיצט דאָ אמאָל אזוי ביי זיך אין חדרל, שטארק פארומערט, רוקט זיך שווערבנדיק אריין, שטיל ווי א קעצעלע, די מומע שיינציע. ביילע ווערט פארציטערט און לאָזט אראָפּ די אויגן.

— איך האָב מיך שוין טאקע נאָך דיר פארבענקט, — מאכט די מומע שיינציע, צושארנדיק זיך צו ביילען מיט גוטע, זיסע ריידעלעך. — לוי מיינער האָט זיך געקליבן צו דיר אצינד, זאָג איך: ניין, לאָז מיך! זאָלסטו טאקע וויסן, ווי ליב דו ביסט מיר. וואָס דען? נעם

כאָטש, זאָג איך דיר, און קוק זיך אָנעט אין שפּיגל, ווי שיין, אָן עין־הרע, דו ביסט. א העלדזעלע א ביסל, אזא מזל זאָל איך האָבן. הענטעלעך מחיה, ווי א יידישע טאָכטער איך בין! אזוי זיס, אזוי חנעוודיק... פּוקען מעגן זיי זיך אלע דאָ. אָט אזוי, טאָכטער, אזוי בין איך אמאָל אויך שיין געווען אין דיינע יאָרן. מע האָט זיך אויף מיר געהאָנגען. אוי, האָב איך געברענט א וועלט! וואָס דען, נארעלע? כ'האָב אציגד נאָך הנאה, ווי א יידישע טאָכטער איך בין, ביים דערמאָנען זיך יענע גוטע, פריילעכע יאָרן... אוודאי הייסט עס אציגד — איך בין אלט, נאָר ווי דו קוקסט מיך אָנעט אָט־אָ, — מאכט די מומע שיינציע מיט א שמייכעלע, אויס־שטרעקנדיק זיך ווי גרויס זי איז, דאָס קעפּעלע פארוואָרפן אהינטער, דאָס בייכעלע אויסגעפּוצט פאָרנט־צו, און געמענדיק זיך מיטביידע הענט ביי די זייטן, — אָט ווי דו קוקסט מיך אָנעט — אָ, איז נאָך שיינציע גאָר נישקשהדיק!... זיי, זאָג איך דיר, נארעלע, קיין שוטה נישט, פאָלג! — וואָס שווייגסטו?

— וואָס זאָל איך רעדן? — ענטפערט ביילע, קיין קוק נישט צו טאָן אויף דער מומע שיינציע. — איך ווייס נישט, וואָס איר ווילט פון מיר האָבן.

— א זאָג א ביסל, וואָס וויל מען פון איר האָבן! -- דיין טובה, טאָכטער, וויל מען האָבן. מע וויל, דער חתן זאָל דיר געפעלן. יענער פּגרט נאָך איר, נאָך אירס א וואָרט, א קוק. דער רוח נעמט אים שיר נישט צו, אזוי פארליאפּעט איז ער אין איר. נא דיר, זאָגט ער, נא, נשמהניו, דיר מתנות! נא דיר א בראסלעטל, אוירינגלעך קארעלענע, א פינגערל, א קייטעלע א גאָלדנס, ווייס איך וואָס האָרטן נאָך אזוינס, און זי... עפּעס נאָר טאקע א שטיין. גיי טו אזעלכע טובות! אי, פע א חרפה, א בושה, ווי א יידישע טאָכטער איך בין!

— ווען באדארף עס אָנגיין מיין תכלית צו פארזאָרגן? איך האָב טאטע־מאמע ביז הונדערט און צוואנציק יאָר.

— מע האָט שוין געהערט, געהערט אזעלכע זאכן!... נארישקייטן! א נאר בין איך, וואָס איך טענה דאָ מיט איר אזוי לאנג. צום לעצטן מאָל פרעג איך דיר: יאָ?

— ניין.

— עהע, ווידער די אָנשטעלן! — צעשרייט זיך די מומע שיינציע, ארויסגייענדיק פון די כלים, שאָקלענדיק מיטן קעפּעלע, און דינע רויטע אָדערלעך טרעטן איר ארויס אויף די פּעטע, מיט שמאלץ אָפּגעגאָסענע, באקן. — אויך מיר א מענטש ביילציע! אומזיסט ווערסטו עס פרעסן מיין

זאלן און ברויט, גיין אין מיינע קליידער? זי מיינט, זי איז אויך עפּעס; מיינט, אַז ביידע צדדים האָבן זיך שוין אויסגעגליכט, אַלצדינג איז פּאַרטיק. עס פעלט נישט מער איר הסכּם, זי זאָל זאָגן — יאָ. האָב נישט קיין טעות, ביילציע! ווער הערט דיך? דו ביסט נישט מער, חוצפּה איינע, ווי א גולם, א שטיק פלייש ביסטו, א נבלה!... די זאַך, זאָלסטו וויסן, הענגט נאָך דערווייל אין דער לופטן, נאָך נישט אויסגעגליכט זיך מיט דעם מקח... אַצינד פאַרשטייסטו שוין. ביילציע, הערסט וואָס מע רעדט צו דיר?

— אוי, דערבאַרעמדיקער גאָט! — צעוויינט זיך ביילע און ברעכט די הענט. — ראַטעווע מיך, רבונו־של־עולם, ראַטעווע מיך פון יידישע הענט!

— האַלט מויל, חוצפּה! וואַרט נאָר, וואַרט, פּיסקעוואַטע, אָט וועט שוין קומען לוי און דיר ווייזן, ווער עלטער איז. וועסט שוין, גישקשה, ליגן ווידער דאָרט אין קעלער, דאַרן־קווארן, רויען ווי א הונט. מייז, ווערעם וועלן עסן דיין לייב, הער רוח, בישקשה, וועט דיך שוין כאַפּן! — צעלאָזט זיך די מומע שיינציע אויף איר צינגל און רוקט זיך ארויס אין בעס.

ביילע נעמט זיך אָן מיט ביידע הענט ביי די האָר פונעם קאָפּ און טוט זיך א וואָרף מיט א געוויין אויף דער קאַנאַפּע.

דאָס דריטע קאַפּיטל

צווישן די „קעסט־קינדער" לוי בחורס זענען געווען אויך אַזוינע, דימענטיקע, גוטע פון דער נאַטור, אויף וועלכע מע האָט געמעגט טאַקע אַכצן און קרעכצן: אוי, נעבעך, בריליאַנטן אין דער בלאָטע! ווי נידעריק, געפאַלן די וועלט האָט זיי געמאַכט, האָט דאָך אין זיי זיך געקלאַפּט א מענטשלעך האַרץ מיט געפילן פון רחמנות.

די בעסטע פון זיי איז געווען די טערקיניע. די דאָזיקע טערקיניע מיטן נאָמען גיטל איז געווען א מלמדס א טאָכטער פון דלפּוניוווקע, א קבצניש שטעטל, פול אָנגעזעצט מיט לויטער קבצנים־דלפנים, נאָר כשרע אָן חכמות, אמת פרומע, נישט איבערגעשפּיצטע יידן. באַדאַרף דער רוח אָנטראָגן אַהין אין שטעטל עפּעס א שלימזל, א יונג מיט בייבער, וואָס לאָזט ארויס א קלאַנג אָט וואָס: ווער פון די דלפּוניווקער מיידלעך, נעבעך, פאַרלאַנגט אויפגעריכט צו ווערן, זען פאַר איר א וועלט,

א גליקלעך לעבן פון איר האנטארבעט, זאָל זיך לאָזן נאָך אים קיין סטאמבול, דאָרט ווו ער וווינט. — עפּעס א קליניקייט סטאמבול, אז יידן דערהערן סטאמבול, עס שמעקט דאָך שוין א ביסל מיט ארץ־יש־ראל! עפּעס מאָלט זיך אויס אין קאָפּ משונה: טערק — ירושלמי, שטריימל — טורבאן, אויסגעמישט אינייגעם. מסתמא גיבן זיך א שאָט צו דעם פארשווין פון אלע זייטן יידעלעך, איטלעכער מיט א געבעט:

— טאטעניו, הארצעדיקער, נעמט, נעמט מיין טאָכטער!

דער הארצעדיקער טאטעניו דערבארעמט זיך, קלויבט זיך אויס עטלעכע שיינע מיידלעך, צווישן זיי גיטלען, די שענסטע פון אלע, און פירט למזל די דאָזיקע גליקלעכע מיט זיך אוועק. דער שפּיץ איז, נאָך פיל דרייעניש — פאַרעניש, קומט אָן גיטל אין שטוב צו לוי בחור און ווערט דאָרט א „טערקיניע", נישט אָנקוקנדיק אפילו א טערק אין די אויגן.

גראָד האָט צו יענער צייט, ווען די מעשה מיט ביילען, זיך באַ־דאַרפט טרעפן א געשיכטע מיט איינער, די עלטסטע דאָרט, וואָס האָט ביי אלע געהייסן די „אָפּיצערקע". א געשיכטע א שרעקלעכע, א טרויע־ריקע, וואָס האָט אָנגערירט אלע חברטעס אירע ביי דער לעבער. עס האָט זייער גוט באוויזן, ווי טיף אין דער ערד זיי, נעבעך, ליגן, אז אָך און ווי צו זייער קאָפּ, צו זייער לעבן! און זינט יענער געשיכטע האָט די טערקיניע נאָך מער זיך צוגעלאָזט צו ביילען, זי געהאלדזט, געליבט, געוויינט אויף איר קוקנדיק, עפּעס נאָך טאקע ווי א געטרייע עלטערע שוועסטער האלדזט, קושט דאָס קליינע שוועסטערל אירס א יתומה.

געשטאמט האָט די „אָפּיצערקע" פון עפּעס א שטעטל, ווייט ערגעץ אין פוילן. די עלטערן אירע, אָפּגעקומענע באלעבאטים, זענען געווען פון שיינעם שטאנד, פון די פאַרנעמסטע אין שטעטל. געלעבט האָבן זיי אָרעם, מיט באַרעכענונג, זיך נישט צוגעלאָזט קיין וווילטאָג, דאָך האָט זיי דאָס אָרעמקייט נישט דערנידעריקט, נישט פארגרעבט, נישט בייז געמאכט, ווי אנדערע אָרעמע לייט. אין דעם הויזגעזינד האָט געהערשט פרידן, ליבשאפט, א ברכה פון גאָט, איינער דעם אנדערן איז גרייט גע־ווען דעם לעצטן ביסן פונעם מויל אוועקצוגעבן, וואָס גאָט גיט, אבי אינייגעם. דערינען האָבן געמעגט פיל רייכע לייט זיי מקנא זיין, אזעלכע וואָס באָדן זיך אין מילך און פוטער און זענען צווישן זיך קידער־ווידער.

די געליבטסטע ביים גאנצן הויזגעזינד איז געווען איידל, די עלטס־טע טאָכטער. אלע האָבן זי געשעצט, אירס א וואָרט איז געווען ביי איט־לעכן טייער. און איידל האָט עס טאקע מיט רעכט פאַרדינט, ס'איז געווען

יועמען ליב צו האָבן. שיין איז זי געווען, עפּעס טאקע גאָר א בילד. דער רבונו־של־עולם, דער גרויסער מייסטער, א מאָלער איינער אין דער וועלט, האָט גענומען די פייגסטע מאטעריאלן, וועלכע ער פארמאָגט: דאָס ווייסקייט פון ליליען אויף באקן, דאָס רויטקייט פון קאָראלן אויף ליפּן, דאָס בלויע פונעם הימל אויף אויגן, דאָס שווארצקייט פון ראָבן צו די האָר, צוגעגעבן דערצו דעם זיבעטן חן, ליבלעכקייט, גוטסקייט און צירלעכקייט, אויסגעמישט דאָס אלצדינג אינאיינעם, געטאָן א מאך — און עס איז ארויס פארטיק א בילד־שיינע איידל!... איר פיגור, א הויך געוויקסיקע מיט געקרייזלטע לאנגע סאמעטענע לאָקן, ווי א הויך צווייג־האפטיק יונגביימל. גוט איז זי געווען אָן א גאל, א בריה גאָר אן אנטיק. פון איר בריהשקייט האָט געזונגען אין שטוב איטלעכס ווינקעלע. מע האָט עס ארויסגעזען אין די שיינע פריש שמעקנדיקע בלומענטעפּלעך, אין די געשטיקטע זילבער־קלאָרע אויף די פענצטער פאָרהענגלעך, אויך אין דעם מעש און קופּערוואַרג, וואָס האָט געשיינט, געפינקלט, פארנומען די אויגן. זי האָט געגייט, געשטיקט, געוואשן, געטאָן אלצדינג אין דער באלעבאטישקייט און פארהיט, די מאמע זאָל קיין שווערן בויג זיך נישט געבן. אויסער דעם האָט זי נאָך מיט איר נייען און שטיקן פאר אנדערע צוביסלעך פארדינט אויך.

ויהי היום איז ווי פונעם הימל אראָפּגעפאלן אין שטעטל א יונגער־מאן, א פיינער, אָנשטענדיק לייטיש געקליידט, מיט דעם נאָמען שמערל. געהייסן האָט עס, אז ער איז פון גאנץ ווייט און האָט מיט פריצים דאָ ארום געשעפטן. יידן פונעם שטעטל, ליידיקגייער, וואָס גייען ארום גאנ־צע טעג, שלינג־און־שלאנג, האָבן נישט מער וואָס צו טאָן נאָר רעדן, שמעקן, טאפּן און אָפּגעבן זיך מיט יעגעמס געשעפטן, — האָבן אין דעם דאָזיקן פארשוין באקומען, ברוך־השם, א נייעם עסק אויף צו רעדן, ארויסצווייזן חכמות און בויך־סברות. יעדן טאָג האָט מען ארויסגע־לאָזט וועגן אים אנדערע מיני פּאָטשטן: שמערל איז א חשוב אין די הויכע פענצטער, שמערל פארמאָגט קורחס אוצרות, שמערל איז א מא־כער ביי די גרעסטע פריצים, שמערל איז אזוינער, שמערל איז אזוינער און אזוינער, שמערל איז נישט קיין באווייבטער און אויב אזוי, הע־הע, באדארף מען דאָך נישט שווייגן... שיינע יידן רוקן זיך צו און אים אָפּשטעקן א „שלום־עליכם“! מקבלים שטעלן אויף הענט צו בעטן ביי אים א נדבה; שדכנים לויפן ווי די פארסמטע אויסצוזוכן פאר אים א שידוך. שמערל אָבער איז א בחור, וואָס קוקט נישט אויף געלט, נאָר אויף שיינקייט, דער עיקר איז ביי אים דאָס קרן — און איידל געפעלט אים בעסער פון

אלע בתולות, וואָס קומען נישט צו איר מינדסטן נאָגל. זענען די שדכנים נישט פויל, נעמען די פּאָלעס פון דער קאפּאָטע אין דער האנט, די פּיס אויף די פּלייצעס און לויפן משוגענערהייז צו איידלס עלטערן, שיטן זיי אָפּ מיט גיין מאָס רייד, לויבן אין טאָג אריין און זאָגן: אין כשמערל! נישטאָ קיין בעסערער פּאר זייער טאָכטער ווי שמערל, ווי רב שמערל, אזוינער און אזוינער, א מושלם מיט אלע מעלות. סטייטש שמערל, עפּעס א קאטאָוועס רב שמערל, עפּעס זאָגט זיך עס אזוי גרינג שמער... רב שמערל, אז מע זאָל אפילו אויסגיין עק וועלט, זוכן מיט ליכט, וועט מען, אָסור חזיר, נישט געפינען זיין גלייכן! טאקע די גאנצע מעשה פון אָנהייב ביז צום סוף; פון רב שמערלס טאָן קומען אהער, איז נאָר ריינע נסים. עס ווייזט באשיימפּערלעך, אז ס'איז טאקע גאָר א זיווג מן השמים, פּערציק טעג איידער איידל איז געבוירן געוואָרן, האָט מען דאָס שוין, פאַרשטייט איר, אויבן אין הימל אויסגערופן, וואָס דען? זאָגן זשע דעם רבונו=של=עולם דעות און שטעלן זיך אין זיווג אים אקעגן, הייסט עס ווי געמישט זיך נישט אין זיין זאך, אריינשטעקן די צונג אהין, אין דעם סדר=העולם, גאָר אומגעבעטן, פע, מיאוס, וואָס פּאסט נישט פאַר א יידן! וחוץ לזה, יאָ פאסט, נישט פאסט, קענען דאָ טענות און קשיות טאקע אויך גאָר נישט העלפן, געסמאיע אייך פארפול! פאַרשטייט איר, וואָס דאָס הייסט אזוינס?... לכן מוז מען זיך איילן, כאפּן די מציאה מיט ביידע הענט, כדי אן אנדערער זאָל זיך נישט פּעדערן און זי, די מציאה, חס=ושלום, נישט אויסכאפּן. — —

הער טאטע איז ביי זיך אין הארצן גרייט — אָך, מהיכא=תיתי, פאַרוואָס נישט? נאָר מיטן מויל מאכט ער: אי!... כלומרשט וויל ער נאָך האָבן א ישוב. דאָס הייסט, גלאט אזוי א קווענקלעניש פון דרך=ארץ וועגן: די מאמע ווידער, א יידענע ווי אלע יידענעס, וואָס האָבן עפּעס א ברענענדיקן יצר=הרע צו התונה מאכן קינדער, כאפּט זיך באלד אָן אין דעם שידוך מיט לייב און לעבן, באלד טאקע אין דער הייסער מינוט — און איידל איז למזל א כלה געוואָרן. דער חתן האָט טאקע, אמת, נישט פאַרלאנגט קיין נדן, דאָך האָבן די מחותנים זיך מתחייב געווען צו געבן דער טאָכטער נדן כפי זייער מעגלעכקייט און מאכן איר שבתדיקע און יום=טובדיקע מלבושים גאנץ נגידישלעך. גלאט אזוי פּטרן דאָס עלטסטע, געליבטסטע קינד איז זיי נישט אָנגעשטאנען, לאָז דער מאן איר נישט האָבן אויסצוווארפן: איך האָב דיך פון א שטאָל ארויסגענומען, פונעם טאטנס הויז דעם אביון, נאקעט און באָרוועס ביסטו געווען, איך האָב דיך ערשט באקליידט און געמאכט אויס דיר א מענטש

ליידן גלייך. — לעולם תוקח, — האָט דער חתן געטראַכט, מאַכנדיק מיט א שמייכעלע, צוליב געטאָן און גענומען. באלד נאָך די תנאים האָט דער חתן געאיילט אָפּצושטעלן חופּה ווי צום גיכסטן. זיינע געשעפטן, האָט ער דערקלערט, פאָדערן עס אציגנד, ער זאָל געשווינד פאָרן אהיים. און ווי שווער די עלטערן איז געווען דאָס שיידן זיך מיט זייער טיף אין האַרץ איינגעבאַקענער טאָכטער, דאָס שענסטע צירונג פונעם הויז ארויסצולאָזן, האָבן זיי עס דאָך פאר ליב אָנגענומען און זיך געטרייסט דערמיט, וואָס די טאָכטער זייערע איז, ברוך־השם, פאַרזאָרגט, אָנגעטראָפן אויף אזעלכן, וואָס פאַרשטייט זי צו שעצן. זיי האָבן זיך אָנגעטאָן א כוח, מסלק צו זיין דעם נדן, האָבן איינגעפּאַקט איר די גאַרדעראָבע און זי ארויסבאַגלייט מיט טרערן אין די אויגן, מיט ברכות און ווינטשעניש אָן א צאָל.

דאָס יונגע פּאָר־פאָלק איז אוועקגעפאָרן און האָט אונטערוועגס זיך אָפּגעשטעלט אין גלופּסק, נישט ווייל דער וועג איז געגאַנגען אויף גלופּסק, נאָר ווייל די געשעפטן האָבן, לויט ווי שמערל האָט געזאָגט, עס אזוי געפאָדערט אראָפּצוקומען זיך פונעם גלייכן וועג און אריינפאָרן אהין אויף א קורצער צייט. און אזוי ווי ס'איז ביים פּאָר־פאָלק געווען דער האָניק־זיסער חודש נאָך דער חתונה, האָט שמערל, ווי א געטרייער ליבער מאַן, זיך געפלייסט צוצוטיילן דעם ווייב פאַרגעניגן און אויסגעזוכט אַן אכסניא דווקא נישט אין דער מיט שטאָט, וווּ עס קאָכט, רוישט שטענדיק, נאָר ערגעץ דאָרט א ביסל אין דער זייט, וווּ ס'איז רואיק־שטיל, וווּ מע זעט א גרעזעלע, א ביימעלע און מע הערט אמאָל אויך א קול פון א שפּילפייגעלע. ער האָט זיך נישט געקאַרגט און גענומען דאָרט דריי שיינע צימערן, ווי אים שטייט אָן. דער בעל־אכסניא, א ייד מיט א בייכל, מיט א געלער באָרד, א לעבעדיקס, א רירנדיקס, האָט באַגעגנט שמערלען מיט א שיינעם ברייטן „ברוך־הבא“. עפּעס ווי א גוטער אלטער באקאנטער זיינער פון גאנץ לאנג, הגם דאָס איז נאָך נישט אזא שטאַרקער באַווייז, ווייל איטלעכער, וועמען ס'איז א וועג־מענטש, ווייסט, אז די בעלי־אכסניות זענען צום גרעסטן טייל מיט שיינענדיקע צורות, מיט זיס־שמייכלענדיקע ליפּעלעך, ווייך־גוט ווי די וועלט, קוועלן, פרייען זיך ביים ערשטן באַגעגעניש מיט ניי אָנגעקומענע אורחים, גלייך ווי עס וואָלטן צו זיי געקומען צוגאַסט לייבלעכע נאָענטע קרובים; נאָר ווי די מעשה איז, שמערל איז געווען א זייער אָנגעלייגטער גאַסט. דער בעל־אכסניא האָט, ארויפלייגנדיק די האַנט אויפן האַרצן און א שאָקל געבנדיק דאָס קעפּל מיט דער געלער באָרד, פאַרזיכערט ביי זיין יידישקייט, אז זיי מעגן זיין רואיק, אלצדינג, בישקשה, וועט זיין אין אָרדענונג.

און אַז ער האָט געכאַפּט הינטערוויילעכץ אַ קוק אויף דעם שיינעם ווייבל דאָ און ממזריש זיך דערוווסט אין דעם שמועס, אַז דאָס איז שמערלס ווייב, ערשט נאָך דער חתונה, האָט ער ביידן אָפּגעגעבן גאַנץ יידישלעך אַ מזל־טוב מיט גנבישע בליצלדיקע אייגעלעך, מאָנענדיק דערביי לעקער, ווי דער שטייגער, מיט אַ שמייכעלע, און וועלכן עס ליגט עפּעס אַזוינס, וואָס אַ רוח יענעם אין טאַטנס טאַטן!...

דאָס ערשטע באַגעגעניש איידלס אויף דער אכסניא איז געווען אַ הויכע דאַרע יידענע, וואָס איז אַריינגעפלויגן ווי אַ באָמבע צו איר אין צימער, באַלד טאַקע ביים אָנקומען, מיט אַ גדולה, אַ פרייד, וואַרפנדיק אייגלעך אויף איידלען, אויף שמערלען, גלייך ווי זי וואָלט געזען דאָ פאַר זיך אַ שוועסטער אירע מיט אַ ברודער, אויף וועלכע זי האָט אַזאַ לאַנגע צייט אַרויסגעקוקט. זי האָט, לאָזנדיק זיך צו שמערלען, געעפנט אַ מויל צום רעדן, נאָר שמערל האָט זיך אַ בייזער געטאָן, איז זי געבליבן ווי דערוואָרגן. ער האָט זי אָפּגעשיקט צו אַלדי שוואַרצע יאָר, און אַזוי געשווינד ווי זי איז אַריינגעלאָפן, אַזוי געשווינד איז זי אַרויסגעלאָפן.

— אָט דאָס האָסטו דיר, נשמה מיינע, גלופּסק מיט אירע משוגה ווילדע, וועלט־באַרימטע קבצנים! אָט דאָס איז עס די עכטע גלופּסקער סחורה, וואָס נישטאָ ערגעץ אַנדערש איר גלייכן! אָט מיט אַזאַ ברייטקייט רייסט זיך צו יענעם אין הויז אַריין אַ גלופּסקער קבצן נאָך אַ נדבה. טרעפט ער נישט דעם באַלעבאָס אין איין צימער, נעמט ער אים זוכן ווייטער, ווייטער אין צווייטן, דריטן און גלייך טאַקע אין דער ספּאַלניע; טאָמער דרעמלט יענער, קייכט ער, הוסט ער, און וועקט אים אויף. עט, נישקשה. ווער מיר, וואָס מיר צווישן יידן צערעמאָניש אַזוינע זאַכן? ביי דיר, נשמה מיינע, איז דאָס נייס, איך קען שוין גוט די גלופּסקער קבצנים מיט זייערע גענג. אָט נעם, נשמה מיינע, און שפּיי אויס זיבן מאָל!
— אַזוי האָט געזאָגט מיט אַ זיס שמייכעלע שמערל צום ווייב, וואָס איז געבליבן שטיין אַ רגע פאַרגאַפט.

איידל האָט נאָך דעם טאַרעראַם איינגערהיים און אויף דעם וועג זיך גוט אויסגעשלאָפן, גוט אויסגערוט אויף דער אכסניא, קיינער האָט זי נישט געשטערט, אַנדערע אורחים האָט מען דאָרט גראָד דעגסטמאָל נישט געזען, ס'איז שאַ, שטיל, אַלצדינג אין דער צייט ווי געהעריק — און איידל איז צופרידן.

אויף דער אכסניא פלעגט אָפט צו שמערלען אַריינקומען עפּעס אַ יידל, אַ דירעוודיקס, אַ געשטופּלטס, דאָס רעכטע אויג זייגס מיט אַ בעלמע, אַ ווייס פינטעלע, שטאָק־בלינד, נאָר אָפן, נישט צוגעמאַכט;

דאָס בלינדע אייגל איז אָבער קיינמאָל נישט שטיל געשטאַנען, עס האָט אין אַלצדינג נאָכגעטאָן דעם זעענדיקן, גלייך ווי עס וואָלט אים געדינט פאַר אן עדות. האָט זיך דאָס געזונטע אויג געוואָרפן, געקוקט בייז, האָט זיך דאָס בלינדע אויג מיט דעם ווייסן פינטעלע אויך געוואָרפן, אָנגע־מענדיק א בייזע מינע. האָט יענץ ממזריש געוווּנקען, לויכטנדיק, פריי־לעך, איז דאָס בלינדע מיט דעם פינטעלע אויך נישט פויל געווען ארויס־צוּווייזן, ווינקענדיק ממזריש, שטיקלעך, גלייך ווי געזעדט: אָדם, א מענטש, קאַטשקע רוק זיך! — און דאָס האָט דעם פּנים צוגעגעבן א ווילדן אויס־דרוק, עפּעס אזוי חלשותדיק, אז עס וואָלט פיל גלייכער געווען אי פאַר דעם יידל, אי פאַר דער וועלט, ווען דאָס בלינדע אייגל זאָל אים געווען אויסרינען, פאַרכאַפּט ווערן אינגאַנצן...

לייזן האָט איידל נישט געקאָנט דאָס יידל, ער איז איר געווען פריק־רע ביי איטלעכס מאָל קומען זיינס אין שטוב. נאָך דעם מאַן איר צו־ליב, וואָס האָט מיט אים געשעפטן און פאַרברענגט מיט אים געגוג צייט, מערסטנטייל נישט אינדערהיים, האָט זי זיך געגייט אים שוין אויפצונע־מען יעדעס מאָל.

שמערלס פאַרפאַלן ווערן שעהן־לאַנג אין שטאָט, שמערלס צערו־דערטקייט, זיין פאַרטראָגנקייט שטענדיק, האָט זייער גוט באַוויזן אייד־לען, אז איר מאַן איז, אפנים, א גרויסער סוחר מיט שיינע געשעפטן, ברוך־השם, און ווי ליב עס וואָלט איר געווען, דער מאַן זאָל לעבן איר זיצן, גיין מיט איר שפּאַצירן, האָט זי עס דאָך מוחל געווען, שטאַרק הנאה האָבנדיק ביי זיך אין הארצן דערפון, וואָס דער אייבערשטער האָט זי געבענטשט מיט א מאַן א בריה, ביי וועלכן, ס'איז א האָפענונג, עס וועט איר זיין זייער גוט, אם־ירצה־השם.

איינמאָל קומט שמערל אהיים צו לויפן גאָר אין איין אָטעם, שטאַרק פאַרטראָגן און דאָס יידל מיטן בלינדן אייגל ראַפּטעם נאָך אים. שמערל נעמט אוועק דאָס ווייב אין א ווינקל און שושקעט איר דאָרט אין אויער אריין עפּעס קורצע איבערגעהאַקטע דיבורים, גיך־געשווינד מיט א גע־בעט:

— איידעלע, נשמהניו!... א געשעפט! עס טרעפט זיך א געשעפט... א גוט געשעפט... האָב אָבער ווייניק אצינד געלט... עס דערגייט נישט... עטלעכע הונדערטער... וואָס טוט מען?... דער ייד אָט־אָ וויל לייען... אָבער געוואָנדט איז א ביסל אין דיר... ער, פאַרשטייסטו מיך, דעם ווייבס פאַרלאַנגט ער אונטערשריפט... דיין אונטערשריפט אויף דעם וועקסל... אוי, העלף, נשמה!... גיכער... נישטאָ קיין צייט... א רענדל א מינוט... נאָ, קעצעלע, נאָ!...

און באַלד טאַקע, אין דער הייסער רגע, ליגט שוין פאַר איידלען אַ וועקסעלע, וועלכן זי שרייבט אונטער, נישט צו רעדן אַ קרום וואָרט. אדרבא פאַרקערט, עס טוט איר נאָך הנאה אויף דעם כבוד, וואָס מע האָט איר דאָ אָפּגעגעבן, און וואָס זי קאָן דעם מאַן ברענגען אַ נוצן. עס הייסט אַזוי־פיל ווי: עפּעס זענען מיר אויך, ברוך־השם, שטיקלעך מענטשן, אונ־דזער התימה, הא, האָט אויך עפּעס אַ ווערט, מיר מאַכן אויך געשעפטן!...

דאָס יידל נעמט דעם וועקסל, גוט צוקוקנדיק זיך צו דער אונטער־שריפט מיט דעם זעענדיקן אויג, יענץ בלינדע מיט דעם פינטעלע טוט זיך אַ וואָרף און קוקט זיך בלומרשט אויך צו. דאָס זעענדיקע שיינט, טוט ממזריש אַ ווונק, און דאָס בלינדע אויך. אָפּגעקוקט, לייגט ער דער־נאָך דאָס וועקסעלע גאַנץ געלאַסן צוגויף, באַהאַלט עס גוט אין טאַש ביי זיך, רוקט זיך באַלד טאַקע פון דער שטוב אַרויס, און שמערל נאָך אים.

יענער טאָג איז געווען אַ גוטער, אַ פריילעכער פאַר איידלען. אי־בערקלערנדיק אַלצדינג, וואָס מיט איר איז געשען אין דער לעצטער צייט, די גרויסע פאַרענדערונג פּלוצעם אין איר לעבן, האָט זי אויפגע־הויבן די הענט מיט אַ דאַנק צו זיין ליבן נאָמען פאַר אַזאַ טייערן מאַן, אַזאַ גליק, אַזאַ מתנה, וואָס איז איר געקומען גאָר אומגעריכט. פאַר גרויס שמחה נעמט זי אַ ביינעלע פּאַפּיר מיט אַ פען און זעצט זיך שרייבן אַ בריוו צו די עלטערן אהיים. זי איז באַלד אָבער זיך מיישב און לייגט אָפּ דאָס שרייבן אויף שפּעטער אַ ביסל, ווען זי וועט שוין קומען אויפן אָרט מיט איר מאַן בשלום און זיך אַרומקוקן, ווען אַלצדינג דאָרט מיט אירע אויגן, דאָס גוטס, דאָס גרויסע גליק, וואָס זי האָט געטראָפן, דענסטמאָל וועט זי אין אַ לאַנגן בריוו צו אירע ליבע באַשרייבן גאַנץ קלאָר, פּינקטלעך איטלעכס פּיצעלע באַזונדער, זיי דערפרייען מיט גוטע בשורות און דערצו טאַקע מיט שיינע מתנות — דעם טאַטן, דער מא־מען און דעם איבעריקן הויזגעזונד. יאָ, דאָס וועט מעגלעך זיין צו טאָן, אם־ירצה־השם, אין אַ קורצער צייט אַרום, וואָרעם כפי עס זעט אויס פונעם היינטיקן געשעפט, וואָס איז אָפּגעמאַכט געוואָרן און געבראַכט אין אָרדענונג מיט דעם אייבערשטנס הילף, דאַכט זיך איר, אַז דער מאַן האָט שוין דאָ נישט מער וואָס צו טאָן. און עק, אַ סוף, באַלד פאָרן זיי פונדאַנען אַוועק און זי וועט אינגיכן טאַקע קומען אין איר רו אַריין. איבעריקנס, טראַכט זי ביי זיך, וועט זי איבעררעדן היינט וועגן דעם מיט איר שמערלען און אַגב טאַקע אויספרעגן אים וועגן דעם געשעפט

היינט, — פאַרוואָס נישט? עפּעס איז זי דאָך דערצו אויך אַ שטיקל שייכות, זי האָט דאָך אונטערגעשריבן אַ וועקסל.

און ווי איידל זיצט זיך דאָ אַזוי אויפגעראַמט, אויסמאַלנדיק בײַ זיך אין די געדאַנקען איר גליקלעך לעבן שפּעטער, אם־ירצה־השם, רוקט זיך אַרײַן צו איר אין צימער דער באַלעבאָס פון דער אכסניא, שטיל, מיט אַ שײַנענדיק פּנימל, טוט זיך אַ בוק, אָנקוקנדיק זי אָן ווערטער און משונה פינקלענדיק מיט די אייגעלעך.

— איר זײַט דאָ אַליין, איינע אַליין? — מאַכט ער נאָך אַ רגע שטילשווײַגן מיט אַ זיס שמייכעלע, שטרעקט אויס די האַנט, רײַבנדיק די פינף שפּיצן פינגער איינע מיט די אַנדערע, עפּעס ווי געבנדיק איר אָנצוהערעניש.

— וואָס איז? — טוט איידל זיך אַ כאַפּ, שאַרף אָנקוקנדיק אים.

— גאָרנישט! — שמייכלט ער עפּעס אַזוי צוגעלאָזט צו איר. — איר פאַרשטייט נישט, וואָס איך וויל? איך וויל... וואָס? וואָס אַ בעל־אכסניא באַדאַרף וועלן ווי איך — געלט!

— אָט דאָס! — רופט זיך אָן איידל מיט אַ גרינג געמיט. — מײַן מאַן וועט קומען, וועט ער אײַך געבן.

— אָ־וואַ, אָ־וואַ! איך מוז באַלד, פאַרשטייט איר מיך, די רגע טאַקע אויף עטלעכע טעג ערגעץ פאָרן, געניייטיק איך מיך אין... און — זאָגט ער, געבנדיק אַ שטרעק אויס די האַנט און אַ רײַב מיט די שפּיץ פינגער — די קלינגערס מײַן איך. פאָרן באַלד מוז איך, וואָס טוט מען? גאַנץ מעגלעך, צוריקקומענדיק וועל איך אײַך שוין נישט טרעפן, איר וועט שוין זײַן אויפן אָרט, מע קוקט דאָך אויף אײַך דאָרט אוודאי שוין שטאַרק אַרויס... אָ־וואַ, אַ מעשה, אַ מעשה, כ'לעבן! ווייסט איר וואָס? נעמט כאָטש, זײַט מוחל, און שרײַבט מיר אונטער אָט דעם חשבון, לאָז כאָטש זײַן רײַן צערעכנט זיך פאַר מײַן פאָרן. נישקשה, גוט געלט, ניש־קשה!... זײַט מיר געזונט און לאָזט גריסן אײַער רב שמערלען! וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר, וואָס דאָס איז פאַר אַ רב שמערל, גאָלד און זילבער! איר וועט ערשט שפּעטער דערפילן, וואָס איז אַזוינס רב שמערל, אײַער רב שמערל!...

איידל שרײַבט אונטער, עס פאַרשטייט זיך, דעם חשבון, געזעגנט זיך זייער פײַן מיט דעם באַלעבאָס, שטאַרק צופרידן מיט אים, וואָס ער האָלט אַזוי פון איר מאַן, לויבנדיק אים אין טאָג אַרײַן. זי פאַרזיכערט

אים, אז דאָס געלט וועט דאָ געצאָלט ווערן, לויט רעכענונג, און זיך נאָך לאָזן זען, נישקשה, מיט א שיינער מתנה.

שפעטלעך ביינאכט איז שמערל אהיים געקומען זייער לוסטיק, דאָס פנים פארפלאמט. ער כאפט ארום דאָס ווייב, פלאָנטערנדיק מיט דער צונג עפעס האלבע ווערטער, ווי א שיכור: פארטיק, געלייגט דעם טאטן!... באשפריצט מיט משקה — און יעלה ויצמח, ברעד טעפ!... יעלה, עס וועט אויפגיין ווי אין א באקדייזשע, ויצמח, ווי אין א גאָרטן שפּראָץ... שפּראָץ... ראצן!

— פע! וואָס איז דאָס פאר א לשון? — רופט זיך אָן איידל שטארק פארוואונדערט, אויסרייסנדיק זיך פונעם מאנס הענט.

— אי־אי־אי, שמייליק!... קוקט נאָר אָן די חסידיתטע דאָ... ריר מיך נישט אָן... הא, נישט צופרידן? נו, איז אינה מקודשת, געסמאיע דיר פארפאָל!... יבנה המקדש!... פארשטייסט, וואָס יבנה איז טייטש אויף יוויניש? — טוט שמערל א זאָג אָנגעצונדן, אָנקוקנדיק דאָס ווייב בייז, און לאָזט אויס מיט א פייף.

— נו, גענוג, גענוג, גיי שוין, גיי בעסער שלאָפן, — נעמט איידל איין דעם מאן מיט גוטע רייד, אראָפשלינגענדיק זיינע מיאוסע ווערטער. זי נעמט אים אונטערן אָרעם, לייגט אים אריין אין בעט, אָנזאָגנדיק אים, ער זאָל שלאָפן.

א גאנצע נאכט איז דערנאָך איידל געלעגן ביי זיך אויף איר גע־לעגער, און נישט געקאָנט קיין אויג צומאכן. דעם מאנס אויפפירונג היינט האָט איר געשלאָגן צום הארצן — פע, עפעס אזוי גראָב, אזעלכע ווער־טער האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געהערט. עס קומט איר ארויף אויפן געדאנק אלדאָס בייז: ווייס איך, וווּ ער איז געוועזן? מיט וועמען דאָרט ער איז זיך צונויפגעקומען? א מאנסביל, א קשיא אויף א מאנסביל!... דער קאָפ שפאלט זיך איר טראכטנדיק און איבערטראכטנדיק, און פאר גרויס פארדרוס פארלויפן איר די אויגן מיט טרערן. ניין, ניין, — גיט זי זיך דאָס וואָרט, — ווייטער וועט עס אים ביי מיר אזוי שוין נישט זיין! פון היינט אָן וועל איך שוין קליגער ווערן. מע באדארף אים האלטן אין די הענט. אָן מיר קיין טריט! אָן מיר נישט אויף א האָר!... א ווייב באדארף אלצדינג וויסן — וויסן אלצדינג באדארף א ווייב!...

אָט אזוי האָט זיך איידל געגעבן דאָס וואָרט, זיך אויף ווייטער מיט דעם מאן אויפצופירן, צו נעמען אים אין די הענט אריין, זייער ביידנס טובה וועגן טאָקע צוליב. דאָס האָט זי א ביסל בארואיקט און זי איז לסוף איינגעשלאָפן.

דאָס פערטע קאַפּיטל

אויפגעשטאנען אויף מאָרגן איז איידל שפּעטלעך און איז נאָך גע־בליבן ליגן אויף איר געלעגער, מאכנדיק ביי זיך אין קאָפּ א פּלאן, ווי־אזוי נעמט מען עפּעס דעם מאן אין די הענט אריין, אז ער זאָל פאר איר דאָס נייגיעריקע באקומען. דאָס אייציקע מיטל, וואָס זי גע־פינט צו דעם, — איז ברוגז צו ווערן. ברוגז זיין איז ביי ווייבער אי־בערהויפּט דאָס בעסטע מיטל אקעגן די מאנען, בשעת עפּעס נאָר א מלחמה צווישן זיך. באזונדערס אין דער ערשטער צייט נאָך דער חתונה. דער שטארקסטער מאן אפילו קאָן זיך נישט האלטן פעסט אקעגן אן אָנגעברוגזט ווייב מער ווי עטלעכע טעג. דערנאָך מוז ער בחרפה ובבושה אנידערלייגן דאָס געווער און בעטן רחמים, ווערן א שטיל שעפּעלע — ביז צום צווייטן רוגז.

איידל גרייט זיך צו, אָנצוהויבן היינט טאקע די מלחמה, מיט אלע כלי־זיין. זי נעמט אָן, אויף א פּראָבע, א בייזע מינע, א ברוגזדיקע פאר־קרימטע צורה, זי פארדרייט די נאָז, שטעלט אויס א פאָר אויגן, איז פארטיק, אָ נ ג ע ל אָ ד ן און ווארט, קום ווייזט זיך דער מאן מיט א „גוט־מאָרגן“, וועט זי באלד א ו י ס ש י ס ן. אומזיסט אָבער איר ווארטן — ער, ווי אויף צו־להכעיס, ווייזט זיך נישט. דאָס טראָגט זי נאָך מער אונטער, עס קאָכט אין איר ווי אין א קעסל. זי ווייסט שוין נישט, וואָס צו טאָן. ליגן נאָך און ווארטן — איז קיין תכלית נישט, ווייל ווי לאנג קאָן מען אזוי ליגן? אין־ברירה, מוז מען, בלייבט ביי איר, אויפשטיין, נאָר אריין צו אים דאָרט אין צווייטן חדר — דאָס נישט, אויף קיין פאל נישט! זי דרייט זיך ארום ביי זיך אין צימער נאָך נישט רעכט אָנ־געטאָן, איז ברוגז, פלאם־פייער, טראכטנדיק: צו אים — ניין, ניין! און דערווייל הערט זי טאקע זיך צו מיט איין אויער צו יענעם צימער — דאָרט אָבער איז שטיל, ווערט זי דאָך, ווי דער שטייגער איז פון א אשה, טאקע משיקאווע און עפּנט פּאמעלעכן א ביסל די טיר — קיין שאָרך! האלט זי עס מער נישט אויס, טוט שוין מיטאמאָל אן עפן די גאנצע טיר, א קוק אריין — ער איז נישטאָ!... ס'איז א צעפּוקעניש, שווער צו האלטן א פארדרוס אין זיך נישט אויסצוגיסן עס, זי מאכט מיט א פארקלעמט הארץ: א, אן עק! דאָס לעצטע מאָל וועט עס אים ביי מיר זיין. ער גייט זיך אהין, ערגעץ צו ז י י נ ע דאָרט, פארברענגט זיך די צייט מיט ווייס איך וועמען, און ארן זאָל עס אים אָנהייבן א ווייב... א לשון א ביסל נעכטן ביינאכט אקעגן א ווייב! האו זאָל איך עס

שווייגן? גיין! — הא, — טוט זי זיך א כאפּ, — וואָס איז מיט מיר? ווי קומט צו מיר אזעלכע מיאוסע געהאנקען... אזוינס אויף אים גאָר צו טראכטן? עפּעס שפּילן זיך דאָ איז ער אהער געקומען? א מענטש מיט געשעפטן! ער איז געווען נעכטן דאָס... נאָ, מילא וואָס? עס טרעפט זיך אזוינס ביי סוחרים ביים ענדיקן א געשעפט. וואָס זשע איז מיר?... אוי, דאָס האַרץ, מיין האַרץ!... לאָמיר זיך נאָר אָנטאָן.

זי גייט אריין אין אלקערל, וואָס אין דעם צימער, און לויפט פון דאָרט באלד ארויס דערשראָקן, טויט, אָן א נשמה.

— וואָס איז, מאדאם? נישטאָ דאָך, ווי איז מיר, אויף אייך עפּעס קיין פּנים! — טוט דאָס דינסטמיידל פון דער אכסניא א פרעג, אריינ־קומענדיק מיט דער בארשט אין דער האַנט, אויפצוראמען אין צימער.

— זאכן!... וו דער קאסטן, די זאכן, מיינע זאכן? — שרייט איידל נישט מיט איר קול און עס ציטערן איר אלע גלידער.

— אהא, זאכן? — מאכט דאָס מיידל אויף א מין זינגענדיק לשון מיט א גאריש געלעכטערל, ציענדיק די ווערטער. — מער קיין צרות נישט!... שא, נישקשה, מאדאם! כי־כי־כי! נאָך גאַנץ פרי, כלחוך־השור, איידער די ציג אונדזערע מיט דער סטאדע איז אין פעלד אריין ארויס, האָט די זאכן אוועקגעפירט אייער מאַן, און מיר געזאָגט, שא, שא, כי־כי־כי, האָט ער מיר...

— נו, גיכער, זאָג שוין, זאָג! — טרייבט איידל אונטער דאָס מיידל.

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— וואָס געזאָגט? — מאכט דאָס מיידל לעקעשעוואטע, און צוויי שורות ווייסע ציין אנטפּלעקן זיך ביי איר אין מויל. — וואַרט נאָר, וואַרט, לאָמיך כאַטש זיך דערמאָנען! הא, וואָס, וואָס? יאָ, אזוי, טאקע אזוי האָט געזאָגט ער: אין א שעה ארום, געזאָגט, וועט ער קומען און אייך פארנעמען, געזאָגט, דאָרט אהין.

— וווּ אהין?

— וואָס הייסט, ווו אהין? — וווּנדערט זיך דאָס מיידל, ציענדיק מיט די אקסלען. — אהין איז אהין, מסתמא ווייסט איר, ווו איז אהין. וואָס דען, איך ווייס?

— ווי שפּעט איז אצינד? — פרעגט איידל שטארק צעטראָגן.

— ווי שפּעט ס'איז אצינד, ווילט איר וויסן? — ענטפערט דאָס מיידל, פארקרימענדיק דאָס פּנים מיט חן. — שוין לאַנג האלבער טאָג. צייט צו עסן, כי־כי־כי, שוין דאָס אנדערע מאָל. הונדערט אוודאי מאָל

געקומען בין צו אייך איך געוואָר ווערן, און איר געשמאק געשלאָפן, אָן עין־הרע, האָט איר, ווי נאָך א באָד. וואָס זענט איר עפּעס אזוי בלייך?... אוי, זאָל איך אפשר א שפּרונג טאָן ברענגען אָנבייסן אייך?

— ניין! גיי, לאָז מיך צורו! — ענטפערט איידל און פּטרט ארויס דאָס מיידל פונעם שטוב.

דעם גאנצן טאָג האָט איידל צוגעבראכט אין איינע צרות, ארומ־קוקנדיק זיך ערשט, וואָס איז פאָרגעקומען מיט איר. די גאנצע מעשה מיט שמערלען, אז זי הייבט דאָ אָן גוט צו באקלערן, צעגלידערן אין די געדאנקען, קומט איר אויס משונה ווילד, דער אָנהייב מעשה נאָך וויל־דער ווי דער סוף. ס'טייטש, סטייטש! פּלוצעם קומט, ווי פון הימל אראָפּ־געפאלן, עפּעס א שמערל. ווער שמערל, וואָס שמערל? פונוואנען שמערל? — ווייסט אים דער גוטער יאָר; גלאט אזוי א שמערל, א ייד, א מאנס־ביל איז ער, א יונגערמאן איז ער — און גענוג! ס'איז א חתונה, עס שפּילן קלעזמער, א שמחה, א פרייד, מע טאנצט, מע שפּרינגט. זי, ווי א כשרע יידישע טאָכטער, גייט אונטער דער חופּה, פארלאָזנדיק זיך אויף די עלטערן, מסתמא ווייסן זיי דאָך, וואָס זיי טוען, מיט וועמען זיי מאכן איר חתונה. וואָס דען? די עלטערן ווידער האָבן זיך פארלאָזט אויף די שדכנים, גאנץ ערלעכע יידן, וואָס קענען, הלילה, נישט זאָגן קיין ליגן... און די שדכנים האָבן געטאָן זייער זאך אויף דעם סמך, וואָס איז א קלאנג אין שטאָט, צווישן דעם עולם, און אז עס קלינגט, איז תורת לאָקשן, דעם עולמס א קלאנג איז א בת־קול — א מלאך, זאָגן זיי, האָט אויף דעם זיווג אויסגערופן דאָרט אין הימל. דער אמתער שדכן, אז ווי הייסט עס, איז גאָט און זיי, די שדכנים, נישט מער ווי זיינע שלוחים...

אָט אצינד ערשט עפענען זיך איר די אויגן און זי זעט די גראָבע מיאוסע פעלער, ווי שענדלעך דאָס איז, צו פארבינדן זיך מיט א מענטשן איידער מע קען אים פריער גוט, ווער ער איז און וואָס ער איז. אצינד ערשט גיט זי זיך א כאפּ: געוואלד, רבונו־של־עולם! ווי נאריש מיר יידן זענען! ווי שלעכט מיר טוען, וואָס לאָזן זיך איינרעדן, זיך פארבלענדן אין שידוכים פון יענע ליגנערס, וואָס באדינען זיך נישט ריכטיק מיט דעם ווערטל „זיווג־מן־השמים", ווייל עס טויג זיי צו דער פּרנסה. אויף אלצדינג ביי א שידוך, ווי קרום, נישט גלייך ער מעג זיך זיין, האָבן זיי תמיד דאָס דאָזיקע איינע ווערטל, די איינע תשובה אויף אלע טענות. אדרבא, ענטפערן זיי, אלע טענות אקעגן דעם, אשטייגער: עס געשיקט זיך נישט דאָס, געשיקט זיך נישט יענץ, ס'איז א ביסל קרום, א שטיקל מום — אדרבא, אָט דאָס גופא טאקע דינט ערשט פאר דעם בעסטן באווייז,

אז ס'איז פונעם אייבערשטן, אז כאָטש דאכט זיך אין פלוג, ס'איז א ביסל נישט אזוי, קומט דאָך אוים פאָרט טאקע אזוי... נאראָנים גלייבן, און עס פאלט זיי גאָר נישט איין צו פרעגן: וויאזוי ווייסן עס אָט יענע ליגנערס, וואָס אויבן איז אויסגערופן געוואָרן, וואָס גאָט וויל? האָט עס דען גאָט זיי דערציילט? און אויב יאָ אזוי, ווי די דאָזיקע ליגנערס זאָגן, אז זיי זענען שלוחים פון גאָט, וואָלטן דאָך אלע שידוכים, וואָס ווערן דורך זיי אויסגעפירט, באדארפט האָבן א האפט, א קיום אויף אייביק; היינט פארוואָס זעען מיר אזוי פיל אומגליקלעכע פאָר־פאָלקן, אזוי פיל געוויין און טרערן, שנאה און קריג, גרושות און עגונות צווישן אונדזערע יידן?...

אוי, — רייסט זיך איר ארוים א זיפץ טיף פונעם הארצן. — ס'איז א שווינדל! די גאנצע זאך מיט די זיווגים איז נישט מער ווי א נאריש־קייט, אָפּנארעריי און באטריגעריי. דאכט זיך, עס ליגט אויבנאויף, אזוי דייטלעך, אז מע ברויכט נישט קיין איבערגעשפיצטן שכל דאָס צו פאַר־שטיין, די מינדסטע יידענע אפילו קאָן עס אויך פארשטיין מיט איר מוח. זי זעט עס ארוים ביי זיך אליין אזוי באשיימפערלעך אצינד, נאָר, געוואלד, ווו איז אָבער געווען איר שכל פריער? ווו איז געווען דער שכל פון טאטע־מאמע, נישט גום צו באטראכטן זיך פריער? צוואָס איז אזוי דער ברען צו חתונות, גיכער־גיכער צונויפפאָרן קינדער? רבונו־של־עולם! מענטשן, אחוץ וואָס זיי זענען זכרים און נקבות, זענען זיי דאָך עפּעס דערצו אויך מענטשן מיט א נשמה, מיט א פרייען ווילן, מיט מענטש־לעכקייט, מיט געפילן — און עס באדארף דאָך ביי זיי אנדערש זיין ווי ביי בהמות... צוליב כאפעניש און אייַלעניש אָן בארעכענונג איז זי, ווי עס לאָזט זיך אוים, ארייַנגעפאלן גאָט ווייסט וועמען אין די הענט אריין און איז אצינד אין א גרוים אומגליק. זי איז נאקעט־בלויז, נאָר אין איין סיצן קליידל אויף איר לייב, אָן א גראָשן געלט און עלנט ווי א שטיין אין דער פרעמד. וואָס וועט זיין דער סוף אירער דאָ און דער סוף פון אירע עלטערן דאָרט, אז זיי וועלן באקומען די וויסטע בשורה וועגן זייער אומגליקלעכער טאָכטער? אזא אומגליק, אזא שאנד! ס'איז א בושה אין פנים און א ווייטעק אין הארץ!

דאכט זיך, געגוג ביטער, געגוג פינצטער, און פלוצעם — גיי טרעף א מענטשנס הארץ! — גיט איר א שיין א שטיקל האָפענונג: ניין! — מאכט זי, מיישבדיק זיך זיין צוריק. — אוממעגלעך! לאָמיר נישט זיין־דיקן מיט די רייד. חושד אים זיין אומזיסט. עס קאָן זיך אוסלאָזן גאָר־נישט... מע באדארף ווארטן, האָבן געדולד. לאָז דערווייל זיין שאַ! —

גוט וואָס דער באַלעבאָס פֿון דער ·אַכסניא איז גראָד אַצינד אַוועקגעפֿאָרן אויף א פּאָר טעג. לאָז ער נישט וויסן, לאָז דערווייל זיין שאַ!...

זי שטעלט זיך קוקן אין פענצטער, קוקט, און נעמט זיך ארויס די אויגן קוקנדיק — נישטאָ! אזוי איז איר פארגאנגען דער טאָג אין לייד, אין אנגסטן, נישט צו נעמען אין מויל אריין עפּעס עסן. ביינאכט איז זי אַנידערגעפאלן אויף איר געלעגער ווי א דערהרגעטע.

אויף מאָרגן פרי קומט אריין דאָס יידל מיט דעם בלינדן אייגל. איידל ווערט ווי פֿון טויט לעבעדיק, דערזעענדיק פֿאר זיך א באקאנטן מענטשן, הגם ער איז ביי איר פריער נישט געווען אזא חשוב, און זי טוט זיך א לאָז, גאָר נישט ווילנדיק, אים אקעגן מיט א ברייטן ברוך־הבא:

— אוי, א זייער אָנגעלייגטער גאַסט, כ'לעבן! ווען איך זאָל געוועז וויסן, ווו איר וווינט, וואָלט איך נעכטן נאָך געקומען צו אייך אהיים... איר האָט געהערט?... זאָגט, אפשר ווייסט איר עפּעס?... אפשר, הא, ווייסט איר ווו... ווו איז ער? — רעדט, פרעגט איידל אין איין אָטעם, ווארגנדיק זיך מיט טרערן, נישט אראָפּצונעמען פֿונעם יידל קיין אויג.

— איך האָב געהערט! — רופט זיך אָן דאָס יידל שטארק בייז, מאכנדיק דערביי מיט דעם גראָבן פינגער אהין און אהער. — ער זאָל אזוי וויסן פֿון זיין לעבן צו זאָגן, דער ממזר, דער גזלן, ווי איך ווייס פֿון זיין געביין! הערסטו, אָט דאָס בין איך טאקע געקומען... אפשר ווייסט איר?

— מיך פרעגט איר? — מאכט איידל, פארקרימענדיק זיך, און שפרינגט אָפּ ווי אַן אָפּגעבריטע פֿונעם יידל, אויף עטלעכע טריט צוריק.

— געגנוג געלט, געגנוג צייט קאָסט ער מיך, אָט דער כל־בוניק! — רעדט זיך דאָס יידל זיינס, אליין טאקע בייז. — א־א, פגרן זאָל ער דאָרט, ווו ער איז. קיין גוטס זאָל אים נישט זיין, ווייל ער וועט לעבן פֿאר מיין געלט. אי, איך זאָל וויסן, ווו ערגעץ ער איז — הע־הע־הע, חאָלט אים שוין, נישקשה, א רוח אין זיין טאטנס טאטן אריין!...

איידל באדעקט דאָס פּנים מיט ביידע הענט, כליפּעט, וויינט, צאפּ־לענדיק מיט די אקסלען, מיט אלע אברים. דאָס יידל באטראכט זי שוויי־גנדיק,מעסט זי אויס פֿונעם קאָפּ ביז די פיס מיט דעם געזונטן אויג, און יענץ מיט דעם ווייסן פינטעלע ארבעט אויך, ווארפנדיק זיך ארויף און אראָפּ.

— וויינט נישט, איך בעט אייך, א שאָד אייערע אויגן, ווי איך בין א ייד! — בעט זי דער ייד עפּעס אזוי געריירט, ווי עס רייסט אים

שטארק דאָס הארץ. — נו, גענוג, טוט מיר די טובה! האָט רחמנות אויף אייערע יונגע יאָרן און לאָז זיין גענוג געוויינט!... לאָמיר זיך נישט נארן, איר זייט דאָך א קלוגע, און לאָמיר באטראכטן די זאך געלאסן, אזוי ווי עס איז. אין אמתן האָט איר דאָך דאָ גאָרנישט פארלוירן. אדרבא, זאָלט איר מיר געזונט זיין, אדרבא, אין דער ערד אריין אזא.. איר מעגט נאָך אויפהייבן די הענט צו דעם, וואָס לעבט אייביק, און מאכן א ברכה „ברוך שפּטרני!“ נישקשה, כ׳לעבן.

— אוי, איך בין געקוילעט! — קלאָגט זיך איידל, ווישנדיק די אויגן, — בין געבליבן, אזוי ווי איר קוקט מיך אָן אָט=אָ. האָב נישט מער ווי דאָס איינציקע קליידל אויף מיר. איינגאנצן אָט=אָ מיין פארמעגן! וואָס קאָן איך אצינד טאָן, וווּ זאָל איך, עלנטע, אצינד גיין, מיך קערן=ווענדן!

— עט, כ׳לעבן... ווי איך בין א ייד! — טרייסט דאָס יידל זי מיט גוטע ווערטער. — גאָט איז מיט אייך, איר זייט דאָך דאָ עפּעס צווישן יידן. נישט אין א וואלד ערגעץ צווישן גזלנים, אָדער אין א העק ערגעץ, א מדבר, צווישן ווילדע חיות, חלילה! פארלירט נישט, איך בעט אייך, די האָפענונג!

— אָבער אצינד, אצינד איז דאָך שלעכט, פינצטער און ביטער, א שרעק! — ווענדט זיך איידל צום יידל, מיט וועלכן זי הייבט אָן איבערבעטן זיך אין הארצן פאר זיינע גוטע, אמת יידישע טרייסט=ווערטער, און נעמט זיך אויסגיסן פאר אים איר שווער געמיט. — אוי, ביטער! צום לעבן נישטאָ קיין גראָשן, און בין שולדיק אנדערע. ער איז אוועק און מיך איבערגעלאָזט דאָ פאר א משכון, א צוגאָב דערצו, וואָס איך בין געבליבן, ווי איז מיר, א וויסטע עגונה. אויף דער אכסניא קומט. מע האָט זיין אריינגעשיקט מאָנען. דעם לאנגן גרויסן חשבון אונטערגעשריבן — האָב איך... היינט קומט דאָך טאקע אייך אויך. איר האָט דאָך אויף מיר א וועקסל...

— נו, בכן? זאָל מען נעמען ביי אייך די נשמה? זאָלט איר זיך צערייסן, זיך נעמען שטארק צום הארצן און חס=וחלילה שטארבן, אָדער זיך, שונא=ציון, א מעשה אָנטאָן, מיר נישט, דיר נישט? גאנץ שכלדיק, כ׳לעבן!... אדרבא, ווייל עס קומט פון אייך אנדערע, דעריבער טאקע ליגט אויף אייך די שולד אָפּצוהיטן, ווי גאָט איז אייך ליב, אייער געזונט, טייער צו האלטן אייערע שיינע אויגן, אייער לייב און אלץ מיטאנאנדער, כדי איר זאָלט קאָנען, פארשטייט איר מיך, ארבעטן, פארדינען, אי פאר זיך, אי פאר יענעם, זיך ארומצאָלן ביסלעכווייז מיט אייערע בעלי=חובות. נישקשה, עס האָט זיך ביי יידן אזעלכע זאכן שוין געטראָפן.

איר זייט נישט די ערשטע, נישט די לעצטע... איך פון מיין זייט, איך בין גרייט צוזאָגן. אבי געזונט, זייט איר ביי מיר א גרויסער בטוח... נו, וואָס זשע, זאָלט איר מיר געזונט זיין, איז דאָ פאר אזא אומגליק? אי, די מורא, וואָס איר בלייבט אן עגונה — עט! גאָכאמאָל טאקע עט, נארישקייטן, כ׳לעבן! מיר וועלן, מיט דעם אייבערשטנס הילף, מסתמא געפינען דערויף אויך א תחבולה, נישקשה!...

איידל פילט זיך זייער גערירט פון אזעלכע קוויקנדיקע טרייסט־ווערטער און ווייסט נישט רעכט ווי צו דאנקען דעם יידל פאר זיין גוטסקייט, וואָס ער שטייט איר ביי אין דער נויט. זי בעט זיך איבער מיט אים שוין אינגאנצן ביי זיך און הארצן און דערלאנגט אויף אים שווייגנדיק א פריינדלעכן בליק, וואָס איז פיל בעסער ווי גערעדט.

— אָט ווייסט איר וואָס, — זאָגט דאָס יידל מיט א געבעט, אָנגעמענדיק זיך ביים הארצן, — דערווייל, איידער ווען, איידער וואָס, וואָלט איך אייך געבעטן, קומט, כ׳לעבן, צו מיר אויף קווארטיר. א שטוב איז ביי מיר א גרויסע, חדרים זענען דאָ גענוג פאר מיר מיט מיין ווייב, און פאר אנדערע אויך. וועט זיך געפונען פאר אייך אויך א צימער. הא, וואָס זאָגט איר?

איידל קווענקלט זיך עפּעס, אָן ווערטער.

זאָגן יאָ, איז עפּעס פריקרע. וואָס פאר א פּנים וועט עס האָבן פאר זיין ווייב? זאָג זשע ניין, איז נאָך ערגער, זי איז דאָך געבליבן ווי אויפן וואסער, נישט האָבנדיק וו אנידערצולייגן דעם קאָפּ... דאָס יידל אָבער האָט, ווי ארייננקוקנדיק גוט אין איר הארץ, אונטערגערוקט איר אזעלכע ווערטער, וואָס זאָלן זי נעמען.

— ביי מיין ווייב — זאָגט ער — וועט עס שטארק אָנגעלייגט זיין, ווי איך בין א ייד!... איך זאָל אזוי לעבן, ווי איר וועט איר דערמיט מאכן גרויס פארגעניגן. זי איז, לעבן זאָל זי מיר, זייער א גוט מענטש, א מכניס־אורחטע, נישטאָ איר גלייכן. איטלעכער איז איר ליב. א שם האָט זי, אויף אלע ווייבער געזאָגט געוואָרן!... פארדינען וועט איר, נישקשה. איך וועל שוין טראכטן, אז איר זאָלט פארדינען. מילא, וואָס איז דאָ צו רעדן? עט, גאָרנישט! מיר וועלן זיך, אם־ירצה־השם, נאָך אָפּרעכענען, אבי געזונט... אָט גיי איך באצאָלן פאר אייך אויף דער אכסניא.

— א יידישע נשמה קאָן מען טאקע נישט שאצן! — טראכט זיך איידל, נאָך דעם, ווי דאָס יידל איז ארויסגעגאנגען. — אויפן אָנבליק איז ער, דאכט זיך, עפּעס נישט אזוי, און וואָס אָבער פאר א גוט הארץ ער האָט! א ייד בלייבט טאקע א ייד... ווי מיאוס ער מעג זיך זיין פון דרויסן,

אזוי שיין, אזוי רײן איז ער אינעווייניק. יידישע קינדער זענען מאקע, ווי עס שטייט, רחמנים בני רחמנים... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאר די זינד, איך האָב עס פריער אין אים גאָר גישט ארויסגעזען און אים נישט געקאָנט ליידן.

בשעת איידל טראכט דאָ אזוי, באדויערט און האָט שטארק חרטה, וואָס זי האָט אין הארצן אומזיסט־אומנישט פיינט געהאט פריער אזא כשרע נשמה, קומט אריין דאָס יידל צוריק, נעמט ארויס איידלען פון דער אכסניא און פירט זי אָפּ צו זיך אהיים — צו זיין ווייב שיינציע.

עס פארשטייט זיך, אז זיין ווייב איז שיינציע, איז ער, דאָס יידל הייסט עס, מיט דעם בלינדן אייגל — איר מאן; ער, לוי בחור מיט זיין כבוד אליין!

אין דער דאָזיקער גאנצער מעשה מיט איידלען, איז שמערל, דער מאן כלומרשט, און לוי בחור געווען יד־אחת. דער בעל־אכסניא, אן אויסגערייבערט ליולקעלע, א געוועזענער משרת, א פאקטער, וואָס פאר־שטייט אן עסק, האָט אויך ביי זיי געטאנצט אין קאָן. די דאָזיקע פאר־שווינען האָבן דאָ געמאכט די שפּיל גאָר ווי אין טעאטער. איטלעכער האָט געשפּילט זיין ראָליע ווי א מייסטער. האָדל די מעקלערין, וואָס איר שטייגער ארבעט איז לויפן, שמעקן, ארײנשטעקן א צונג און אריינ־ווארפן זיך אינדערמיט, געבעטן צי נישט געבעטן — זי האָט, ווי א שאלאמן־שמשטע, זיך אויך געדרייט, הינטנארום, אין דער שפּיל. זי האָט עס אָנגעשמעקט שמערלען באלד ביי זיין אָנקומען מיט איידלען; דאָס איז זי, האָדל, ארײנגעפלויגן, ווי א באָמבע, אין דער הייסער רגע טאקע צו אים אויף דער אכסניא, און פאר גרויס פרייד, שטארק צעטומלט, האָט זיך איר געעפנט דאָס מויל, און שיר־שיר וואָס זי האָט נישט אָנ־גערופן שמערלען ביי זיין אמתן נאָמען נחמן־טרייטל. זי וואָלט געקאָנט אָנמאכן א גוטע חתונה, עפּעס, נישט אין דער צייט, איידלען די אויגן. נח... נח... דער אָנהייב פון נחמן, זיין אייגנטלעכער נאָמען, האָט זיך שוין איר געקייקלט אויס דעם האלדז. א גליק, וואָס שמערל האָט זיך געכאפּט באצייטנס, אויף איר א היק געטאָן און זי, מחילה, ארויסגע־טריבן.

דאָס פינפטע קאַפּיטל

דאָ, ביי לוי בחור אין הויז, שטעלט זיך פאר איידלען א נייע וועלט מיט נייע צרות, די פריערדיקע צרות זענען געווען א לעקעכל אקעגן די ווייטערדיקע, א הקדמה גאָר צו דער מעשה, וואָס הייבט זיך ערשט

דאָ מיט איר אָן. די מעשה אַליין איז זייער א שרעקלעכע, אָבער, אויוויי, א גאַנץ געוויינטלעכע! א מעשה, וואָס טרעפט זיך כמעט יעדן טאָג מיט נאָך פיל אַנדערע, אַזוי ווי איידל, אין זאַק אַריינגעגאַרטע, אומגליקלעכע יידישע טעכטער; א מעשה, וואָס האָט נאָך פון גאַנץ לאַנג, ווי א פאַרשלעפטע קרענק, זיך אַריינגעכאַפּט, נאָך עפּעס מעשה־שטן טאַקע, צווישן אונדז יידן, צווישן אַזאַ כשר פאָלק, אָפּגעהיט פון זינד, ווי דאָס פאָלק ישראל, און עס איז זי נישט פטור צו ווערן ביז אַצינד!... דער תמצית, דער אינהאַלט פון אַזאַ מעשה איז כמעט תמיד דער אייגענער און מע פאַרשפּאָרט וועגן דעם א סך צו רעדן. עס הייבט זיך אָן מיט גוטן, דערנאָך גייט עס מיט בייזן. עס האָט אין זיך אַלערליי טעמים — זויער און ביטער, קאַלט און וואַרעם, עפּעס איז זיך און יסורים, ווייטעקן פונעם לייב. ס'איז דאָ דרינען פון איין זייט: גריזאָטע אינעווייניקסטע, אין דער נשמה, פונעם פילן די שולדיקייט, אָפּצוהיטן זיין אייגענעם ווערט, דעם מענטשלעכן כבוד און אָרנטלעכקייט; פונעם פילן מורא פאַר זינד, בושה פאַר גאָט און פאַר לייט, וואָס זענען איינגעוואָרצלט אין דעם מענטשנס האַרץ. און פון דער אַנדערער זייט: אָנגעטאָנענע יסורים, געברענטע — געבראָטענע לייד — צוואַנג, פּיין, קלעפּ, הונגער און כל־המיני פּורעניות, אויסגעגנאַרטע וועקסלען, בעלי־חובות, שלעק, אָנשיקענישן, מיאוסע יצר־הרעס אַזעלכע, וואָס רייצן, צעקאָכן די געבליטן. עס ווערט אינעווייניק אין זיך פון די אַלע דאָזיקע זאַכן א שטורעם, א קאָכעניש, א ראַנגלעניש, א שווערע, שטאַרקע מלחמה, און דער זינדיקער מענטש, פלייש און בלוט, האַלט נישט אויס — און פאַלט!...

איידל, נעבעך, איז געפאַלן!...

א היפּשע צייט האָט זי ווי מיטן טויט זיך אַוועקגעראַנגלט מיט די אַלע גרויסע ביטערע יסורים, וואָס מע האָט איר אָנגעטאָן, אַלץ זיך געשטאַרקט, אייננרעדנדיק זיך נסים־ונפלאות, אפשר וועט איר געראָטן צו דערוויכן מיט אירע בלוטיקע טרערן די הערצער פון די פּייניקער אירע, זיי זאָלן זי אָפּלאָזן; אָדער אפשר גאָר וועט איר געשען א נס פון זייערע הענט שטילערהייט אַנטרונען צו ווערן — נאָך די צייט אָבער האָט איר באַוויזן, אַז דאָס אַלצדינג איז חלומות. גיכער איז צו רירן א שטיין, ווי יענע רשעימס פאַרשטאָקטע הערצער, און שטילערהייט אַרויסגעגנבענען זיך איז גאָר נישט קיין גוט מיטל, דאָס קאָן נאָך פאַרגרעסערן דאָס אומגליק און ברענגען פיל צרות זיך און אירע ליבע. „אַצינד — האָט זי זיך באַרעכנט — בין איך ווייניקסטנס אַליין אומגליקלעך, שא, שטיל, פאַרדעקט די חרפּה, ווער קאָן מיך, ווער ווייסט מיך? ס'איז נאָך פאָרט

א האָפענונג דאָ אויף שפּעטער, אויסקויפן זיך אַמאָל פון די שיינע לייט, ווערן פריי! גנבע איך מיך אָבער ארויס, אין פאַל ווען ס׳איז מעגלעך, ווען די שיינע לייט, נישקשה, מיך געפינען, ווו איך וועל זיין. זיי וועלן טרעפן צו מיר אהיים, איינגעבן אויף מיר די וועקסלען, עס וועט זיך ארויסשטעלן, אין וואָס פאר א הויז איך בין געווען. טאטע-מאמע וועלן זיך שעמען צו ווייזן פאר לייט, וועלן פאר גרויס צער, חלילה, שטארבן. די שוועסטערן, נעבעך, וועלן פארזיצן, נישט קאָנען קומען צו קיין שידוכים און פונעם גאנצן הויזגעזונד וועט ווערן א תל“. — פאר איידלען איז קיין אויסוועג נישט געווען, זי האָט געליטן, זיך געראנגלט ביז די לעצטע כוחות — און איז געפאלן! — —

יאָ, איידל, נעבעך, איז טאקע געפאלן, אָבער טיף געזונקען איז זי נישט. מע האָט ביי איר צוגענומען דאָס געזונט, אָבער די נשמה, א מתנה פון גאָט, — דאָס צונעמען ביי איר האָט מען נישט געקאָנט. עס האָט אין איר זיך געקלאפּט א מענטשלעך הארץ מיט געפילן פון גוטסקייט און רחמנות. זי האָט געפילט דאָס ביטערע הארץ פון פיל אנדערע אומגליקלעכע חברטעס דאָרט, איז זיי בייגעשטאנען אין די נויטן, געווען פאר זיי בשעת אַמאָל א כעס, א רוגזא, א גוטע מליצה, זיך ארויסגעשטעלט פאר זיי אקעגן לוין און דער מומע שיינציע, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי פלעגט אָפט דורכדעם האָבן יסורים, צוציען צו זיך שנאה און לייד.

די חברטעס האָט דאָס הארץ געצויגן צו איידלען. זי איז ביי זיי געווען דער קאָפּ. מאלווינקא, א יאָדערדיק מיידל, א קלוגס, א לעבעדיקס, א פריילעכס, מיט א ברייט-פּנים און א פארריסן נעזל, האָט איידלען געקרוינט מיטן נאָמען „אָפּיצערקע“ — און אזוי האָט זי געהייסן ביי איטלעכן. די „טערקיניע“ אפילו, וואָס פריער איז זי געווען די עלטסטע, האָט מוחל געווען אויף איר כבוד און איז צוגעקאָכט געוואָרן צו איידלען, האָט אין איר געקלעפּט נאָך פיל מער פון אלע אנדערע.

נאָר די מומע שיינציע אליין, זי האָט איידלען פיינט געהאט שטארק פונעם גאנצן הארצן. קיין אנדער נאָמען פאר איר האָט זי נישט געהאט ווי „די עגונה“, כדי צו שטעכן זי דערמיט. די מומע שיינציע האָט, ווי עס איז באקאנט, געוועלטיקט ביי זיך אין הויז נאָר א שרעק, געוואָלט, אז חוץ איר דאָרט זאָל קיינער נישט טאָרן אויפהייבן א קאָפּ, האָבן עפּעס א ווילן. דער שטייגער אירער איז געווען זיך אלץ צו קלאָגן אויף היינטיקע צייטן, אויף היינטיקע מענטשן. נישטאָ, — פלעגט זי קרעכצן, — נישטאָ אַמאָלדיקע יאָרן! אַמאָל איז א באלעבאָסטע געווען א באלעבאָס-

טע. עס האָט מיט איטלעכער פאר איר אין שטוב געמאָרדעוועט. און היינט? היינט ווילט זיך עס „זיי“ אויך האָבן אַ דעה... אויך מיר מענטשן!

איז איינע געווען זייער שיין, פלעגט עס די מומע שיינציען אין הארצן שטארק פארדריסן, און פלעגט זיך שטעלן מיט יענער פאר־הערן, דערציילן איר פון יענע גוטע יאָרן, ווי שיין זי איז געווען אמאָל, אז מע האָט זיך פשוט אויף איר געהאַנגען. פונדעסטוועגן האָט זי זיך נישט איבערגענומען און געהאַט פאר דער באלעבאָסטע דאָס גייניעריקע...

קיין אנדערע ווערטער זענען ביי דער מומע שיינציען נישט געווען פאר איינער, וואָס עפּעס גאָר נישט אזוי, ווי: אויך מיר אַ מענטש, דו חצופה איינע!... אַ גולם ביסטו, אַן אָנגעמאָלטער גולם, אַ שטיק פלייש, אַ שטיק סחורה, ווייטער גאָרנישט!...

אַ דם־שונא איז דעריבער די מומע שיינציע געווען איידלען אַי פאר איר שיינקייט, אַי פאר דער העזה אירער, צו מענטשלען זיך אליין און איינצוגעבן אירע חברטעס שכל, אז זיי זענען אויך מענטשן, מישטיינס־געזאָגט, פונקט פארקערט פון איר תורה. זי פלעגט ביי איטלעכער גע־לעגנהייט זיך באקלאָגן אויף איידלען, אז זי האָט פארגעסן דאָס פיל גוטס, וואָס מע האָט איר געטאָן, בשעת בלייבנדיק אָן עגונה, איינגעטונקט אין חובות, נאקעט, הונגעריק, ווען נישט לוי אירער, ווען נישט זי, די מומע הייסט עס, ווו וואָלט אהינגעקומען איר געביין?

ביי דער מומען שיינציען האָט, נאָך איר שטייגער דענקען, איר שטייגער דערציונג, זיך געקאָנט טאקע לייגן אין קאָפּ, אז זי איז גערעכט, און פלעגט אויסלאָזן געוויינטלעך דאָס צעטל חסדים אירע מיט אַ טענה; רבונו־של־עולם, וואָס איז היינט פאר אַ וועלט? וואָס זענען עס היינט פאר אַ מענטשן?...

איידלען האָט אין דער מיאוסער לאגע אירער צוגעגעבן קראפט אויסצוהאלטן די ביטערע פּיין, אָט דער דאָזיקער געדאנק, וואָס גאָט איז אַ יודע־לבבות, ווייסט דעם מענטשנס הארץ, דער עיקר איז אים אַ ריינע, אומבאפלעקטע נשמה, גרויסע צדקניותן, צנועות זענען, ווי עס שטייט געשריבן אין ספרים, אויך געווען געפאנגען אמאָל, אזוי ווי זי געפייניקט, געצוואונגען געווען, געבער, — און דער גוטער גאָט האָט זיי מוחל געווען די זינד צוליב דער ריינער נשמה זייערער. ער האָט געזען זייער פּיין און זיי געהאָלפן אויסצוקומען מיט דער צייט. איידל האָט אויך געהאָפט אויסגעלייזט צו ווערן פונעם געפעגעניש. האָט אלץ גע־האָפט, געהאָפט — און לסוף...

דער סוף אירער איז געווען ווי דער סוף פון אלע אומגליקלעכע, איר גלייכן — א קרענק, א פלאָג, וואָס האָט זיך איר צולעצט ארייגגע־כאפּט אין די ביינער. א היפּשע צייט איז זי אוועקגעלעגן אין שפּיטאָל, אין אן אָפּגעזונדערטן חדר־דאָרט, אָפּגעריסן פון דער וועלט, פארוואָרפן, פארגעסן, ווי א פארדארטע בלום, א צעבראָכענע כלי, א שארבן, וואָס נוצט נישט מער קיינעם, וואָס מע מיידט עס אויס און שייעט זיך עס אָנצוקוקן.

די מומע שיינציע איז אין דער גאנצער צייט אפילו קיין איינציק מאָל נישט געקומען געוואָר ווערן צו איר. זי האָט אויך פארבאָטן און שטארק אָפּגעהיט, אז די חברטעס אירע זאָלן אהין צו איר די נאָז נישט ווייזן. זעלטן נאָר פלעגט זיי נאָך פיל מי געראָטן איבערצושיקן איר א ביסל איינגעמאכטס, צום קוויקן זיך, דורך מאלווינקעז, וואָס פלעגט זיך איינשטעלן בגנבה ארייגצוכאפּן זיך צו איידלען מיט דער איבער־געפּעקלטער טרפה סחורה.

אז האָדל די מעקלערין איז איינמאָל אוועקגעזעסן א פּאָר שעה ביי שיינציען אין צימערל, שוין זאָט אָנרעדנדיק זיך מיט איר איבער דער היינטיקער פארדאָרבענער וועלט און די היינטיקע שלעכטע צייטן; שוין מקיים זייענדיק אויך איינטונקען א שטיקל לעקעד, פארזוכן דעם ביטערן טראָפּן און זיך שוין געקליבן אוועקצוגיין — האָט זי זיך פּלוצעם א כאפּ געטאָן, גלייך ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אָן עפּעס זייער א וויכטיקער זאך.

— אוי, שיינציעניו, גוט וואָס איך האָב מיך דערמאָנט! האָב מיר געקאָנט אוועקגיין — און דיר נישט קיין וואָרט. דו הערסט, שיינציעניו? נעכטן גיי איך מיר גראָד פארביי דעם שפּיטאָל, טראכט איך מיר, האָ! לאָמיך, כ׳לעבן, ארייגגיין צו דער יפהפיה דיינער, צו דער עגונה, ווי זי הייסט ביי דיר, א קוק טאָן, וואָס זי מאכט. אוי, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, נשמה מיינע? מאכן זאָלן אזוי, רבונו־של־עולם, אונדזערע שונאים, אלע וואָס ווינטשן אונדז בייז! ס׳איז זי נישט צו דערקענען, אזוי פארענדערט האָט זי זיך. ווו שיינקייט, ווו לייב — אינגאנצן, באהיט זאָל מען ווערן, הויט און ביין! איך זאָל דערלעבן זען אזוי פיל גוטס, ווי עס האָט מיר זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און געריסן דאָס הארץ קוקנדיק אויף איר, ווי זי ליגט שוואך, צעבראָכן אויפן בעטל דאָרט. זי האָט אָנגע־שטעלט אויף מיר א פּאָר געשוואָלענע, פארלאָפענע אויגן און געקוקט שווייגנדיק מיט א זיפץ. זי קוקט, קוקט און פון די אויגן קאַפּ־קאַפּ הייסע טרערן. איך טרייסט זי, שטארק זי, ווי דער שטייגער איז, מיט ווערטער,

כאָטש אין הארצן ביי מיר ווייס איך זייער גוט, אז ס'איז אומזיסט די רייד — זי איז א צעבראָכענער שארבן. פון גאָטס וועגן האָב איך געזאָגט, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, א ליגן, אז דו גריסט איר גאָר פריינדלעך און פרעגסט, וואָס זי מאכט. קוים האָט זי עס דערהערט, איז זי פארציטערט געוואָרן מיט אלע אברים. עס האָט זיך אין איר אָנגעצונדן דער גיהנום — די אויגן פלאם־פייער און פונעם מויל גיסט זיך פעך און שוועבל: בייזע שטילע קללות. הלוואי ווי דו האָסט נישט געהערט, אזוי זאָל! זיי דיר נישט שאדטן. לאָזן זיי אויסגיין צו שונאים קעפ, צו משוגענע הינט, הלוואי, רבונו־של־עולם!

— אָמן !— צעלאָזט זיך די מומע שיינציע אויף א קול, אויפשפרינגענדיק פונעם בענקל, גלייך ווי א שלאנג וואָלט זי א בים געטאָן.

— נו, אדרבא, זאָג, איך פרעג דיך, וואָס איז היינט פאר א וועלט?... אָט האָסטו דיר דעם דאנק פאר דער טובה, וואָס מיר האָבן איר געטאָן!... דער מאן מיינער איז איר בייגעשטאנען אין די גויטן בשעת זי איז געבליבן א וויסטע עגונה, נאקעט און בלויז, עלנט ווי א שטיין, כאָטש נעם און וואַרף זיך אין וואסער אריין. נישט גענוג, וואָס ער, מיינער, האָט זי נישט געמאָנט זיין אייגן געלט, א גאנצער קאפיטאל, וואָס קומט אים פון איר, האָט ער נאָך אויך אנדערע אויסגעצאָלט חובות פאר איר. א פארלוירענע, א פארפאלענע נעמען מיר זי צו זיך אין הויז אריין. נא דיר, נא, אלצדינג וואָס א מענטש באדארף!... זי עסט אונדזער זאַלץ און ברויט, טראָגט אונדזערע קליידער. פארשטייסט, וואָס איר פעלט? זי עסט, טרונקט, פוצט זיך, לעבט און טוט זיך אָן ווילטאָג, אלץ פון אונדזער גוטס. אוודאי האָט מען זיך וואָס צו באקלאָגן! אי וואָס, עס מאכט זיך אמאָל עפעס אזוינס, נישט־דאָ־געדאכט, נישט פאר אונדז געדאכט, מילא וואָס, ווער איז דערינען שולדיק?... וויאזוי זשע, פרעג איך דיך, זאָל מיר נישט צעזעצט ווערן דאָס הארץ הערנדיק, אז אזוינע, איך בעט דיך מחילה, און... אז...

— שיינציעניו, נשמהניו, איך בעט דיך, עס דיר נישט אָפּ אזוי דאָס הארץ, האָב רחמנות אויף דיין געזונט! אומזיסטע קללות פארשווינדן מיטן רויך אויף פוסטע פעלדער, אויף וויסטע וועלדער. איך שווער דיר, שיינציעניו, דו זאָלסט אזוי לעבן, אזוי געזונט זיין ווי איך האָב חרטה, ווי בייז איך בין אויף מיר אליין, וואָס איך האָב דיר גאָר דערציילט אזוינס. נו, באדארפסטו נאָך א בעסערן באווייז, ווי שטארק חרטה איך האָב? איך בעט דיך, הארץ־קרוין, טייערע נשמה מיינע, נעם צו דיר נישט אזוי שטארק צום הארצן, שא, כ'לעבן, בארואיק זיך א

211 — 15

ביסל! ווען נישט מיר צוליב, טו זשע עס, איך בעט דיך, צוליב דיר שטאַקע, צוליב דעם נפש דיינעם. א רחמנות, נעבעך אויף דיין געזונט!...

אזוי האָט געזאָגט האָדל, פארשנירנדיק די ליפּעלעך מיט א קול פון געבעט ווי ביי די תחינות, און זיך אויפגעהויבן פונעם זעסל, האַרפּנדיק הינטערוויילעכץ און אויג אויף א גרויסן, בייכיקן בוטל מיט ווישניק, וואָס שטייט פאררוקט אין א ווינקל.

— ווייסטו וואָס, שיינציעניו? — מאכט האָדל — איך טראכט, אז אצינד וואָלט דווקא דיר נישט געשאדט נעמען א קאפּעלע ווישניק צו בארואיקן זיך.

— וואָס מיינסטו, איך וועל דיך טאקע פאָלגן, — ענטפערט די מומע שיינציע, סאפּענדיק ווי א גאנדז, שיר נישט צעשמעלצנדיק זיך פאר פעטקייט. נאָר מיט דעם תנאי, אז דו, האָדל, זאָלסט מיר נישט אָפּזאָגן, אויך פארזוכן. זייער גוטער ווישניק.

— אָך, פון דיין געזונט וועגן וויפל איך וועל קאָנען! — לאָזט זיך האָדל איינרעדן און נעמט זיך העלפן שיינציען אויפצוהייבן דעם בוטל.

אוועקגעגאנגען איז האָדל, ווי מע זאָגט ,,בגילופין“, גאנץ פריילעך. דער מומע שיינציען האָבן זיך צעשפּילט די געבליטן, די אָדערלעך, הייסט עס, נישט חלילה, די ,,נערוון“. זי האָט זיך צוגעלייגט שלאָפן, פארגעסנדיק זיך אָן איידלען און נישט זעענדיק זי אפילו אין חלום.

איידל איז אין א צייט ארום ארויס פונעם שפּיטאָל שטארק פאראנדערט. שלאַף, צעבראָכן, געל ווי וואקס, אויסגעדארט, אויסגעטריקנט. די האָר אויסגעקראָכן. אין און אלט, אָפּגעבליאַקעוועט קליידל, און נישט האָבנדיק קיין אָרט, ווו דעם קאָפּ אנידערצולייגן, איז זי בלויז, הונגעריק, פארשמאכט צוגעקומען אָוונט=צייט צו לוי בחורם הויז. די מומע שיינציע האָט, דערזעענדיק זי פונדערווייטנס, פארשפּארט פאר איר די טיר — און זי, נעבעך, איז געבליבן געפּלעפט, נישט צו וויסן, ווו די ערשטע צייט כאַפּש זיך אהינצוטאָן, ווו די נאכט איבערצולעבן.

די נאכט יענע, איינע פון די שיינע זומער=נעכט, ווי עס האָט אין אָנהייב אויסגעזען, א שווארצהנעוודיקע מיט א הימל=בלויען שלייער און א שטערנטיכל, שיינענדיק ווי בריליאנטן, א ליבלעכע, א מילדע, א פריינדלעכע, אונטערטראָגנדיק יעדן אונטער דער נאָז שמעקנדיקע ריחות פון גריגוואַרג, אלערליי קרייטעכצער און לאָזנדיק הערן דעם עולם אַן אומזיסטיקן קאָנצערט פונעם סאָלאָוויי, דעם וועלט=בארימטן זינגער; דאכט זיך, שיין=פיין, א לעבן נאָר א מחיה — פּלוצעם איז זי, ווי אזוינע

וואָס קומט איר אָן דער שנעון, עפּעס איינגאַנצן איבערגעביטן געוואָרן! עס רוקט זיך אויף איר אָן אַ שוואַרץ-פינצטערער וואָלקן, זי באַקומט אַ פאַרכמורעט פּנים, אַ משונה-ווילדע געשטאַלט. אויס ליבלעכקייט, אויס מילדקייט — זי איז קאַלט — אייז! אויסגעלאָשן מיטאַמאָל ווערן ביי איר די ליכט, זי הייבט אָן שטאַרק קאַפּריזנע, בלאָזן פון זיך, נאָר אַ שרעק. עס בלאָזט, עס שטורעמט, עס קערט די וועלט. גרעסער-גרעסער ווערט דאָס פינצטערניש, עס הוילט, עס סווישטשעט און עס שפּרינגען, טאַנצן, דרייענדיק זיך, עפּעס נאָר רוחות. פאַרשטומט ווערט דער סאָלאָוויי, ליגט באַהאַלטן צווישן בלעטער פון צווייגן און דער עולם צעלויפט זיך געשווינד אין די הייזער, גאַנץ זיכער ביי זיך, אַז היינטיקע נאַכט האָט ערגעץ אין וואַלד זיך אויפגעהאָנגען אַ מכשף.

אויף דעם אַנדערן טאָג אינדערפרי האָט מען ביי לוי בחור אין גאָרטן געפונען איידלען הענגענדיק אויף אַ בוים...

וועמען איז עס אָפּגעגאַנגען אַזאַ נפש, מישטיינס-געזאָגט, ווי איידל, אַשטייגער, אַז זי האָט זיך געהאָנגען?

— כן יאבדו!...

איז דען אַזעלכע ווערט גאָר פון איר צו רעדן, זי אויף דעם מויל צו ברענגען? עס פאַרשטייט זיך, אַז ניין, אַ שיינע ריינע כפּרה!... אָנגעגאַנגען איז נאָר אירע חברטעס, אַזעלכע נפשות, אַזאַ סחורה ווי זי אַליין, מישטיינס-געזאָגט. דער טאָג פון איידלס טויט איז ביי זיי אַלע געווען אַ טרויער. איר לעבן פון אָנהייב אָן און דער ווייסטער סוף אירער האָט זיי גערירט ביי דער לעבער, שטאַרק אָנצוהערעניש געגעבן, ווי ווייט אומגליקלעך, ווי טיף דערנידעריקט זיי זענען — און זיי האָבן זיך שטאַרק פאַרטראַכט...

נישט מאַכנדיק קיין לאַנגע גרויסע צערעמאָניעס, האָט מען איידלען, אַזוי ווי זי איז, אַריינגעוואָרפן אין אַ מיסט-וועגעלע, געפירט צום בית-עולם און זי באַגראָבן ווי אַ הונט אונטער דעם פּלויט דאָרט.

אויף דעם פרישן קבר איז געשטאַנען די טערקיניע און מאַלווינקאַ, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, און ביטער געיאָמערט, געקלאָגט.

— ע-ער! — טוט מאַלווינקאַ אַ זאָג, ווישנדיק זיך די אויגן און אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט. — פאַרפאַלן! פאַרביים די ליפּן — און שאַ, שוועסטער!...

— אוי, עס קאָכט, זידט דאָס האַרץ, איבערפולט מיט ווייטעקן, און עס לויפן אויס, גיסן זיך אַליין הייסע ביטערע טרערן, — רופט זיך אָן די טערקיניע, אָנכאַפּנדיק זיך ביים האַרצן. — אַז אַד-און-ווײ צו אונדזער

לעבן, אַז אַך=און=ווי צו אונדזער טויט... אָט האָסטו דיר אונדז דאָ אונטער דעם פּלויט און דאָרט, זע נאָר, אוי=ווי, איבער דעם פּלויט!...

— איבער דעם פּלויט, זאָגסטו, — מאַכט זיך מאַלווינקע בלומרשט נישט פאַרשטייענדיק. — שפּינען=געוועב זע איך דאָרט מיט הוילע הייטלעך פון פליגן.

— אָט דאָס, שוועסטער, ביסטו, בין איך, זענען מיר אַלע, — מאַכט די טערקיניע, אָנשטעלנדיק אַ פּאָר רויטע פאַרשוואָלענע אויגן פון בלוטיקע טרערן. — יאָ, זייער גלייך טאַקע געזאָגט, שפּינען=געוועב, שפּינען! די שפּינען אונדזערע פאַרפּלאָנטען און נאָגן אונדז געפאַנגענע אין דער נעץ, נאָגן, נאָגן ביז צולעצט, גייען זיך ווייטער זייער וועג, זוכן פרישע נייע קרבנות — און מיר אויסגענאָגטע פליגן הענגען, פוילן!... אוי, אַ צעזעצעניש! צעוויינט זיך שטאַרק די טערקיניע, שלאָגנדיק זיך אין האַרצן. — לאָמיר כאָטש אַביסל זיך אויסרעדן דאָס האַרץ. הערט אַ מעשה! יענע וואָס פּייניקן, פאַרפירן, נאָגן, זיי זענען עס די פיינע לייט, און די געפּייניקטע, פאַרפירטע, אויסגענאָגטע זענען... דו ווייסט וואָס? אַ חרפּה, אַ שאַנד צו זאָגן. יענע פיינע לייט, געהייכט, געהויבן אין דער וועלט, דאָרט אויף יענער זייט פּלויט, האָבן דעם אויבנאָן אויך אויפן בית=עולם, דאָ אויף דער זייט פּלויט. זע נאָר, זע, וואָס פאַר אַ מצבות אויף זיי מיט קינות, קלאָג=לידער און לאַנגע שבחים און איידל, די גוטע, די טייערע איידל, וואָס מע האָט איר פאַרוויסט איר וועלט, פאַרגיפט איר לעבן — זי ליגט דאָ באַגראָבן, ווי אַ הונט, אונטערן פּלויט! טאַטע=מאַמע, דער לעבעדיקער גאָט ווייסט, ווו זיי זענען ערגעץ, קאָנען אפילו נישט האָבן די האָפענונג זיך אַמאָל אויסצווויינען אויף זייער טאָכטערס קבר... אוי מיין אומגליקלעכע איידל, צו וואָס מענטשן האָבן דיך געבראַכט, אוי, ווו ביסטו, — אל=מלא=רחמים, גוטער, דערבאַרעמדיקער גאָט?!...

— וואָס העלפט דאָס קלאָגן, וואָס העלפט דאָס וויינען, אַז ס'איז גאָרנישט צו מאַכן? שאַ, שוועסטער. שאַ, — בעט מאַלווינקאַ די טערקיניע, זי זאָל נישט וויינען, און זיך אַליין צעוויינט.

— איך בין אויך געווען אַ קינד, אַ געליבט, צימערדיק קינד, — צעגיסט זיך די טערקיניע אין אַ נייעם קוואַל טרערן. — די מאַמע האָט געזונג מי מיט מיר געהאַט פון מיין געבוירן אָן. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז בין איך פאַר אירע אויגן געוואַקסן און איטלעכער טאָג וואַקסן מיינס האָט איר אָפּגעקאָסט געזונט. נעכטוויז האָט זי איבער מיר נישט געשלאָפן, נישט דערגעסן, נישט דערטרונקען, ביז זי האָט דערלעבט נאָך אַ צייט יאָרן צו זען איר קינד אויסגעוואַקסן ווי אַ בליענדיקע רויז; פּלו=

צעם קומען מענטשן צום גרייטן, מענטשן אָן הארץ, און האָבן אומבריה=
מנותדיק די רויז אירע אויסגעריסן, צעטראָטן!... לאָמיר זשע כאָטש
אצינד זיך דאָ אויסוויינען; לאָז אין דעם ראָזיקן פרישן קבר אַהין צו איר
פאַלן מיינע בלוטיקע טרערן, זי זאָל וויסן, אז עס באַקלאָגט און באַוויינט
זי איר געטרייע, ווי זי אומגליקלעכע, שוועסטער...

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

די ראָזיקע טערקיניע האָט תחילת, אינעם אָנהייב פאַלן אירן, גע=
פילט, ווי די אלע אומגליקלעכע איר גלייכן, אז זי זינקט וואָס ווייטער,
ווייטער אלץ נידעריקער, נידעריקער אין טיפן שמוץ. נאָר די זינד, דאָס
איז דער געוויסער שרעקלעכער שלאַנג באָא גרויס און לאַנג ווי א באַלקן,
און דער זינדיקער — דאָס איז, נעבעך, דער קרבן, וואָס ווערט צעטומלט
פון זיין בליק. אַנשטאָט צו אנטלויפן, לאָזט ער זיך נאָך צו נעענטער
און גיט זיך אים איבער, דעם משחית, גלייך אין מויל אריין. עס זעט
אויס, נאָר טאקע ווי א כישוף ליגט אין די אויגן פון דעם שטן, אָט דעם
שרעקלעכן שלאַנג. ווי באלד א מענטש נעמט זיך אראָפּ פונעם גלייכן וועג,
קומענדיק אין זיין גבול, ציט דאָס אים, שלעפּט דאָס אים, ווי א שפּענדל
אין א שטאַרקן וואסער=ווירבל, ביז ער פארלירט דעם פארשטאנד און
פארקריכט אין שאול=תחתיה אריין. דער געפאלענער באַדאַרף האָבן גענוג
מוט אין זיך אליין און צוגלייך אויך הילף פון אנדערע זיך ארויסצורייסן
פון דעם ווילדן ווירבל און צוריקשטעלן זיך אויף זיין שטאַנד. יענע גליק=
לעכע, וואָס דער וועג זייערער אין דער וועלט איז גליקלעכער, האָבן נישט
געליטן קיין שיפס=ברוך, זעגלענדיק אין דעם שטורמישן ים פון לעבן, זיי
טאָרן זיך נישט איבערנעמען מיט זייערע צדקות איבער די אומגליקלעכע,
וואָס דער פינצטערער מזל זייערער האָט זיי פארשלעפּט און אריינגע=
וואָרפן אין א קאָכעדיקן טיפן אָפּגרונט; טאָרן נישט, אויב זיי האָבן נאָך
נאָט אין הארצן, טייטן מיט די פינגער אויף זייערע פארפירטע ברידער
און שוועסטער, באַליידיקן זיי, שענדן זיי, מיט א געשפּאָט פון רואיקע
אָפּגעפיינטע מענטשעלעך. שילט נישט פארירטע און שטויסט נישט אָפּ
פון אייך געפאלענע, נאָר זוכט אויס א מיטל און גיט א האַנט די זינדיקע
אויסצוהעלפן זיי פון דער זינד.

פארשטעלט די זינד, וועט קיין זינדיקער נישט זיין מער. זייט איר
נישט אימשטאנד צו העלפן און דער געפאלענער בלייבט א פארבלאָנ=

קענדיק שעפל אויף תמיד, צום וויניקסטן ליגט ארויף די הענט אייערע אויף דעם דאָזיקן קרבן און זייט זיך מתוודה אויף די זינד פאר אייך און פאר כל ישראל!...

אמת, געפילט האָט טאקע תחילת די טערקיניע, אז זי איז מיאוס אריינגעפאלן אין בעט און נישט גוט צו בלייבן דאָ. נאָר זי האָט זיך פארבלאָנטעט דערינען אזוי, אז זי האָט זיך קיין ריר נישט געקאָנט טאָן. די בעט־פארוואָרפער, נישקשה, האָבן זיך געקליגט צו איר, פארדרייענדיק זי, אז זי זאָל שוין אייביק פון זייערע הענט נישט ארויס. געוואָלט האָט זי אפילו אנטרונען צו ווערן. נאָר אויספירן איר ווילן דערצו האָט איר געפעלט כוח. גלייך ווי עס האָט זיך איבערגעריסן ביי איר אין מוח יענער טעלעגראפישער דראָט, דורך וועלכן דער ווילן שיקט באפעלן צו די גלידער פונעם גוף, אז זיי זאָלן טאָן זייער ארבעט. נאָר אין דער ערשטער מינוט פון איר פאלן איז נאָך ביי איר געווען א שטיקל האָפענונג, טאָן עפּעס צו ראטעווען זיך, אָפּלייגנדיק עס אויף שפּעטער. דערווייל איז אוועק א צייט. זי האָט אליין מער זיך פארפּוטעט. דער ווילן הייבט אָן שוואך ווערן, און זי וואָלט שוין טאקע באלד אינגאנצן פארלוירן דעם פארשטאנד, פארפאלן געוואָרן אויף אייביק, ווען עס זאָל נישט קומען איר צוהילף א מעשה גאָר אומגעריכט — די מיתה־משונה פון דער אָפּיצערקע האָט זי אָפּגעמינטערט און אויפגעטרייסלט איר פארחלשטע נשמה. דאָס קול פון איידלס בלוט האָט איר געשריען פון דער ערד: רבונו־של־עולם! וואָס האָט מען מיך אומזיסט געפייניקט און פארקירצט מיינע יונגע יאָרן; אוי, צו וואָס מענטשן האָבן מיך געבראכט מיט זייערע רשעות... שטיי אויף, מיין שוועסטער! טו זיך אָן א כוח און ווער אנטרונען פון די רשעימס הענט!

דאָס גלויבן אין גילגול, דאָס הייסט, אז דעם מענטשנס נשמה ווערט מגולגל נאָכן טויט אין איינע פון די באשעפענישן, איז דאָך אין פלוג נאריש, נישט צו פארשטיין מיטן שכל. נאָר אז מע זאָל עס גוט באטראכטן, קומט אויס, אז עס איז גאָר נישט אזוי נאריש. און א שטיק אמת ליגט אין דערינען. מיט וואָס דען אנדערש קאָן אונדז דערקלערט ווערן אָט יענע קול, אשטייגער, וואָס קלינגט תמיד דער טערקיניע אין די אויערן, וועקנדיק זי אָן אן אויפהער? און יענע געשטאלט, די געשטאלט פון איידלען, וואָס מאָלט זיך איר אין קאָפּ און שטייט פאר די אויגן תמיד סיי אין שלאָף, סיי אויפן וואָר? מיט וואָס קאָן אונדז אייך דערקלערט ווערן דער גייסט, וועלכער קלאפּט אין איר הארץ, מוסרט זי, לערנט זי גוט און פרום זיין און צווינגט זי אנטרונען צו ווערן, און

אַרויפשלאָגן זיך אויף אַ גלייכן וועג?... איידל, דאָס איז זי ביי איר אין האַרצן, אין קאָפּ און אין אַלע גלידער. דער גייסט פון איידל — דאָס אָטעמט זי ביי איר, האָס איז איר נשמה! אירע גוטע מדות שטייען איר פאר אַ ביישפּיל און באַלייכטן איר וועג; נאָר דורך איידלען באַקומט זי מוט און דער אָפּגעשלאָפטער ווילן ווערט פרישער און שטאַרקער. איידלס קול שרייט אין איר מיט כוח: שטיי אויף, שטיי אויף, מיין שוועסטער, שטאַרק זיך און ווער אַנטרונען פון די רשעימס הענט!

די טערקיניע נעמט אויף זיך צו טאָן ווי ווייט זי קאָן, אַרויסכאַפּן זיך פון דער נעץ.

און ווי זי טראַכט דאָ אַזוי, צו געפינען אַן אויסוועג, ערשט נאָך אַ נפש פאַלט אַריין, צאַפּלט זיך לעבן איר אין דער דאָזיקער נעץ — דאָס איז ביילע, אַ יונג קינד, נעבעך. דערזעענדיק זי, פאַלט איר אַרויס אַ שטיק האַרץ אויף דער אומגליקלעכער, און פון יענער צייט אָן האָט זי ליב באַקומען ביילען זייער שטאַרק. גיאַנטשעט זיך מיט איר, ווי אַן עלטערע טאָכטער מיט דעם קלענערן שוועסטערל, אַן אומגליקלעכע יתומהלע, ווי זי, און זוכט מיטלען זיך צו באַפרייען און אויך ביילען, נעבעך. אַזוינס איז אָבער נישט מעגלעך, סיידן אַז ביילע זאָל זיך געפינען דאָ מיט איר אינאיינעם ביי לוי בחור אין הויז. אָבער וואָס וועט זיין, אַז ביילע וועט ווי אַ לעבעדיקע סחורה פאַרהאַנדלט ווערן ערגעץ אין די ווייטע ערטער? וועט זי דאָך אייביק זי מער נישט זען. אָט דאָס האָט איר זייער פאַראומערט דאָס לעבן. און זי האָט אָנגעהויבן צוצוקוקן זיך צו לוין, וואָס טראַכט ער טאָן מיט איר ליבהאַרציקער ביילען.

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

„וווהין קאָן ער זיך אַזוי יאָגן הענדעם־פענדעם — און נאָך אַזוי פרי? ס'איז עפּעס נישט גלאַט!“.

אַזוי האָט געטראַכט רפאל, אַרויסקוקנדיק פונעם אָפענעם פענצטער ביי זיך אין פאָדער־חדר אויף דער גאַס און זעענדיק שטאַרק פאַרוואונדערט, ווי הערשעלע יאָגט זיך דאָרט האַסטיק, גאָר אין איין אָטעם. ער מאַכט נישט לאַנג שהיות, טוט זיך באַלד אָן און לאָזט זיך גיין, געוואָר צו ווערן, וואָס באַטייט עס עפּעס אַזוינס זיין יאָגעניש דאָרט.

פון אייביק אָן איז שוין אַזוי אין גלופּסק געשטעלט: לאָז נאָר איינער דאָרט זיך רירן, רירט זיך מיט אים, כסדר איינער נאָך דעם אנ=

דערן, א גאנצע עדה יידן. איין יידן פאר זיך אליין איז זעלטן צו באקו־מען. יידן גייען האַרט אויפן צענדלינג, מנינימווייז אינייִנעם. נישט ווייל דאָס איז אַ וואָלוועלע סחורה, ווי אונגערקעס אָדער רעטעכלעך, אַשטיי־גער, וואָס צען שטיק פאַר אַ גראָשן; נאָר פּשוט דעריבער, ווייל יידישע נשמות קלעפּן איינע אין דער אַנדערער, ווי העריגג צונויפגעשטיקט אין אַ פּעסל פּעסט, שווער זיך אָפּצורייסן. מיט עפּעס וואָס׳איז איינער, טראָגט עס אונטער באַלד דעם אַנדערן. קוים עפּעס עמעצער דאָס מויל צו רעדן, פּאַרכאַפּט זיך און שלאָגט אים איבער יענער. ווייל טאָן אַ טריט גרונם, פּלאָנטעט זיך אים פאַר די פיס גימפּל, און לאָז אין אַ ווינקעלע ערגעץ זיך באהאַלטן בערל, וואַקסט האַרט פון דער ערד אויס יענקל־שמערל...

אַז רפאל האָט זיך געלאָזט גאַנץ פרי גיין אויף דער גאַס, זענען אים שוין פאַרלאָפן דעם וועג פאַרשווינדלער, יאָגנדיק עפּעס גאָר אָן אַ נשמה, נאָך נישט רעכט אָנגעטאָן. איינער אין שטעקשיכלעך, אָן זאָקן, שטופּט־שטופּט לויפנדיק, די האַנט אין דעם מעשה־שטן, אַ ביסל פאַרדרייטן אַרבל פון דער קאַפּאָטע; דער צווייטער האָט אין איילעניש צו טאָן מיט די קנעפּלעך פון די פּלודערן, מחילה, וואָס ווילן, אויף צו להכעיס, נישט זיין צוגעשפּיליעט; דער דריטער, גיכט צו פאַרגינען זיך איין מינוט צייט אויף אָפּצושטעלן זיך, האַלט צווישן די פינגער די נאָז גרייט, ביי דער ערשטער געלעגנהייט זי אויסצושנייצן, און דער פערטער פאַרטשע־פּעט זיך, לויפנדיק, אין אים אקעגנלויפנדיקן יידן — און ביידע פאַלן, ציען זיך, נעבעך, אויס.

גלופּסק רירט זיך!...

— רב ייד, רב ייד! וואָס איז אַזוינס אויף אייך דאָס לויפעניש?

— שרייט פונדערווייטנס אַ ייד און לאָזט זיך מאַקע אויך לויפן.

— רב ייד, זייט זשע מוחל!... וואָס יאָגט איר, וווהין יאָגט איר? רב ייד, אָ, רב ייד! — שרייט צו דעם, צו יענעם אויך רפאל, וואָס ווערט שוין מאַקע גוט אומרואיק.

שריי „חי וקים“, נישטאָ קיין ענטפער. יידן האָבן נישט קיין צייט!... מע ווייזט אים נאָר אַלץ מיט די הענט, ווינקענדיק: אַהין, אַהין צום געסל, איינער נאָר, אַ געזעצטער מענטש, ענטפערט קורץ און שאַרף:

— יידן לויפן, לויף איך אויך!...

ביים אַריינגאַנג אין געסל שלאָגט זיך רפאל אָן אין עפּעס אַ קורצ־זיכטיקער, געקנייטשטער יידענע. זי ברעכט די הענט און טענהט אַליין צו

זיך, צושאָקלענדיק מיט דעם קאָפּ, אויף א וויינענדיק־זינגענדיק קול, ווי מע באוויינט א מויטן:

— ווי איז מיר, ווינד איז מיר!... א גרויסער ווייטעק, אוי, האָט אונדז געטראָפן... ווינד איז מיר, ווי איז מיר!

— הא, וואָס איז?! — פרעגט רפאל אויסער זיך פאַר שרעק. — וואָס געטראָפן? וועמען, זאָגט, וועמען געטראָפן?...

— איך ווייס? עפּעס לויפט מען... — טוט זיך א כאַפּ די ייִדענע, אויפשטעלנדיק א פּאָר אויגן, א מאַך געבנדיק מיט די אַקסלען, און גייט זיך ווייטער איר וועג.

דאָס געסל איז באַלעבט, יידן אין טלית־קטנים, אָן קאַפּאָטעס, אין יאַרמלקעס מיט פּעדערן, האַלב פאַרשלאָפן, נאָך ניט „פאַרטיקע", שטייען ביי זיך אין די טירן, די קעפּ מיט שפּיציקע בערדלעך פאַררייסן, איין האַנט איבער די אויגן, און קוקן, קוקן. פון די פענצטער אויף ביידע זייטן שמעקן אַרויס ווייבערשע קעפּלעך, אויסגעפריעטע פּנימלעך, ערשט פון אונטער די וואַרעמע איבערבעטן, און שרייען זיך איבער צווישן זיך, כאָרכלענדיק פון א צוגעלעגערטער ברוסט. אַן עולם יידן, אָן עין־הרע, דרייט זיך, די אַהין, יענע שוין צוריק. ס'איז א גערעדעריי, א האַנטמאַכעריי, א געווערטלעריי, א ווערטל־זאָגעריי, איטלעכער קומט מיט זיינס:

— שיכורים האָבן זיך געבוצקעט!... געפלויגן פּעטש... ווי שמחת תורה צו די הקפות.

— ווו געגעצט?... וו, זאָגט איר, האָט גענעצט... וואָס זשע שווייגט דער געוואַלד־גלאָק?

— א בייטל־שניידער האָט געלקחנט!... אוי, האָט ער געלייזט, אויף א סך קרעמער געזאָגט געוואָרן!...

— שיינע מחותנים, קבצנים!... געגוג אויסגעפירט אייך, קבצנים, איבער אַלע גאַסן, פאַר א האַרטן דרייער, „שבת"! — שרייען דאָרט, און דער מיט וועג, אָפּשטעלנדיק זיך, די קלעזמער.

— אוי, מאַכט מען אים, דעם שיינעם בחורל, דאָרט א לוויה, א גויטע, גישקשה!... די מלאכי־חבלה זענען שוין געקומען.

פון די אַלע זאָגענישן האָט רפאל אַרויסגענומען, אַז דאָ מוז זיין א צרה, ניט אַנדערש, אַז הערשעלע איז עפּעס אין אַן אומגליק — און ער האָט זיך א לאָז געגעבן מיט אימפּעט אַהין צו יענעם עק געסל, וווּ ס'איז געווען דאָס רעכטע געטומל, א געזעמל מענטשן. ער שטופּט זיך דורך צווישן דעם עולם, פּליט אַריין אין דער מיט רעדל ווי א באָמבע — און עס קומט אים צו די אויגן א מיאוסע מעשה!

הערשעלע, צעהרגעט, צעשלאָגן, מיט אַ בייל אויפֿן שטערן, האַלט זיך פּעסט מיט ביידע הענט אין אַ יידענע ביי די פּאָלעס, און אַ פּאָליציי־מאַן האַלט אים ביים קאָלנער, דערלאַנגענדיק אים הינטערוויילעכץ אין קאַרק. הערשעלע טענהט, בעט, שווערט זיך אויף אַ ביטער געוויין, און די יידענע — יענע, די מחותנתטע, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג זיך געהעצקעט דאָרט אויף דער גאַס — פֿלוכט אים, שילט מיט אַ פּיסק אויף שרויפֿן, וואַרפֿנדיק די הענט אין אַלע זייטן.

— וואָס הייסט עס, האַ?! — מאַכט שטאַרק צעקאָכט רפאל, אַ שטעל געבנדיק זיך הערשעלען גלייך אקעגן.

— אוי, רב רפאל! — טוט הערשעלע אַ געשריי נישט מיט זיין קול, און אַ נייער קוואַל טרערן לאָזט זיך אים פֿון די אויגן. — טוט אַ מצווה!... געוואַלד, לאָז זי זאָגן... זאָגן!

— וואָס הערט איר דעם גנב! — צעלאָזט זיך אויף אַ קוויטשיק קולכל די יידענע, ווענדנדיק זיך דאָ צו רפאלן, דאָ צום פּאָליציי־מאַן, דאָ צום עולם און מאָלט אויסגעמישט, האַלב יידיש, האַלב גוייש, ווי עס קומט אוים צום עסק: — כאַראַבי יעמו,[1] רבונו־של־עולם! איז קעשינאַ אַרויסגעשלעפּט ביי מיר האָט פֿון דער קעשענע ער!... ניכאַי, טאַטע־פּאָטער, יעמו מכה טאקיי באהאשקי ווי דאָס ביימעלע איז... יא בידנע קאָביטע, וויי איז מיר!... וואָס שווייגסטו, בהמה?! — טרייבט זי אונטער מיט אַ בייזער דעם מאַן, וואָס שטייט איר ביי דער זייט, אַ זעץ־געבנדיק אים מיט דעם עלנבויגן, ער זאָל רעדן. — טשויעטע, ניכאַי טען טשעלאָוויטשע קאַזשע. — דער, הונט! אַ רוה דיר אין טאַטן, הבר אים, דעם ערל, צי טי ני באַטשילי, בהמה, יאַק ווין, דער דאָזיקער שייגעץ...

— וואָס זאָגט איר, איך בעט אייך, צו זיין טאַטן? — מאַכט אויף איר שטייגער רעדן רייזע, אריינשטופּנדיק זיך אין דער מיט עולם מיט אַ קויש שפּייז, ערשט איינגעקויפֿט אויפֿן מאַרק. אַ שיין בחורל, כ׳לעבן!... הען אַ ביסל אַזעלכע עסקים, האַ!

— יאַק ווין,[2] אָט דער שייגעץ, כאַפּאַל דאָס ביימעלע, — לאָזט אוים אויף אַ משונה־שטאַרקן קוויטש די יידענע, ערותדיקן זיך מיט דעם מאַן, און בשעת מעשה געבנדיק אים הינטערוויילעכץ טאַקע אַ גוטן קניפּ.

— אוי, דערבאַרעמט אייך! — קייכט הערשעלע, ווייזנדיק רייזען מיט אַ געבעט אויף דער יידענע. — דאָס טראַכט זי אויף מיר אוים

[1] אַ קרענק אים... פֿון דער קעשענע... אַזוי פֿיל מכות אים... איך בין אַן אָרעמע פֿרוי... איר הערט, זאָל דער מענטש זאָגן... זאָג אים, דעם קריסט, צי האָסטו נישט געזען וועה...
[2] ווי ער... האָט געכאַפּט דאָס ביימעלע...

בכּיון... איך האָב זי דערקענט, אָנווייזן לאָז זי, דאָס וויל איך גאָר, אָנ־ זייען, וווהין פֿאַרפֿירט האָט זי יענע... יענע!

— איך זאָל עס אָנהייבן צו פֿאַרשטיין! — זאָגט רפֿאל, אַ מאַר־ געבנדיק מיט די אַקסלען פֿאַרוווּנדערט.

— אָט יענע, רייזעניו!... איר געדענקט, יענע, וואָס אמאָל... וואָס איבערגעלאָזט ביי אייך די זאכן! געדענקט איר?

— אוי, א דונער האָט מיך נישט געטראָפֿן! מאכט רייזע, פֿאַר־ זאַרפֿנדיק מיט דעם קאָפּ. — איך שטוים מיך שוין, אַהאַ! איך פֿאַרשטיי, פֿאַרשטיי. אַציגר איז שוין רעכט — דאָס איז דאָך האָרל, די גוטע האָרל!... פֿרעגט נישט, רב רפֿאל, ס'איז רעכט. איר ווערט שוין שפּעטער אַ ביסל יוסן. זעט אָקאָרשט, לאָז מען זי נאָר אָפּפֿירן אהינצו, אין דער פּאָליציי.

— אין דער פּאָליציי לאָז מען זי נעמען, אין פּאָליציי! — לאָזן זיך הערן קולות פֿונעם עולם.

— אַ יושר אַ ביסל פֿון יידן! טאַקע נאָך ווי סדום, — מאָלט זיך אין איין אָטעם די יידענע אויף אלע כּלים. — קאָלי יא ברעשע,[1] אָ, רבונו־ של־עולם, ניכאַי מעני יאַזיק סאָכנע! וואָס איז, אַ צוויג בין איך דען, נישט קיין יידישע טאָכטער, וואָס איך זאָל ליגן, בילן?... לאָז אָט זאָגן עדות — מענדיק, א קרענק דיר, שונאים, אין די ביינער, וואָס שווייגסטו? דבר אים, בהמה! — משויעטע פּאני! יא סעבי אידע, גיי איך מיר, יאק, ווי זאָגט מען עפּעס, יאק מחותנתטע יא ראָבילא דאָטשקע מאָיע וועסילא, וויג־ שויעטע מעני מזל־טוב. נאטי וואס לעקער... אידע יא, ראָבי סעבי האָץ־ האָץ פּאָ זשידיוווסקי. א צע צשעלאָוויק מי, מענדיע, אידע טאָזשע. מוזי־ קא איגראיע, מחיה. טים טשאסאם בים פּריגעם אָט צע פּיינער בחור...

— העז א ביסל וא מאָלן! — פּאלט רייזע אריין האָרלען אין די רייד.

— וואָס זאָגט איר, איך בעט אייך, צו איר טאטן? מע קאָן זי, נעבעך, גאָרנישט, ווער זי איז!

דער פּאָליציימאַן האָט געזען, אַז ער האָט דאָ אַן עסק מיט צוויי צוהדים, איז ער געבליבן שטיין, קוקנדיק אָן ווערטער צום דעם, צו יענעם און געוואַרט.

— זייט אים מטמא! — הערט זיך אַ קול פֿון צווישן דעם עולם.

---

[1] אויב איך זאָג ליגן... זאָל מיר די צונג דאַרן... איר הערט פּאַניע! איך גיי מיר... איך האָב געמאַכט חתונה מיין טאָכטער, ווינטשעוועט מיר מזל-טוב, באַט אייך לעקעך... גיי איך מיר, מאַך מיר האָץ-האָץ אויפֿן יידישן שטייגער, און אָט דער מאַן מיינער, מענדיע, גיט אויך, די מוזיק שפּילט... דערווייל האָט דער רוח אָנגעטראָגן אָט דעם פּויעם בחור...

חפאל האָט געטאָן, וואָס מע באַדאַרף... און באַלד טאַקע האָט מע די פּיינע מחותנים אײַנגענומען מיט הערשעלען אָפּגעפירט אין דער פּאָליציי.

צוויי מאָל איז שוין האָדלס עלטסטע טאָכטער, ציפּע, געווען אַ כלה. און ביידע חתנים, איינער נאָך דעם אַנדערן, האָבן אָפּגעשיקט די תנאים. ווייל זי, האָדל, הייסט עס, האָט, נעבעך, נישט געקאָנט סילוקן דעם נדן, וואָס זי האָט צוגעזאָגט. דער איצטיקער דריטער חתן האָט זיך אויך איינגעשפּאַרט, נישט אַנדערש מע זאָל אָפּגעבן דעם נדן, קליגנען און קלאַפּן עד פּרוטה אחרונה. ער האָט נישט געוואָלט באַשטיין אויף קיין שום באַוואָרעניש אין דער וועלט — נישט אויף אַ וועקסל, נישט אויך אַפילו אויף אַ „שטר־חצי־זכר“, אַז איבער הונדערט יאָר נאָך איר טויט זאָל ער נעמען ירושה די העלפט ווי אַ זכר. ניין, האָט ער געזאָגט, אַ ווייב מיט אַ חצי־זכר טויג נישט, נאָר דווקא אינגאַנצן דאָס, וואָס מע האָט צוגעזאָגט.

האָט, נעבעך, די צדקת האָדל, גרוים צער געהאַט. אַז אָך און וויי צו אירע יאָר, אָט קאָן דער דריטער חתן אויך אָפּלאָזן דעם שידוך, קאָן דאָך די טאָכטער אירע בלייבן זיצן אַ מויד ביז אין גרויען צאָפּ אַריין! פאַר גרויסע יסורים פּלעגט זי איר שווער ביטער געמיט אויסלאָזן צו דעם מאַן אירן, צו מענדיעס קאָפּ, נעבעך. אַז ער, נאָר ער טאַקע איז שולדיק, אַזאַ בהמה, אַזאַ שוטה, אַזאַ לעקעש! זי האָט זיך נישט געקאַרגט אָפּשטעקן אים אַמאָל אַ פּאַטש אויך — און ער, לאָז אים עס צו קיין גנאַי נישט זיין, פּלעגט אָננעמען אַלצדינג פאַר ליב, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ, שאַ, קימש... זי האָט נישט געלייגט קיין כבוד אַמאָל אויך אויף דעם רבונו־של־עולם, אַלץ אויפוואַרפנדיק, אַז ער פירט דאָס וועלטל זיינס, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, נישט מיט יושר: ער איז מיט דעם רייכן, מיט דעם זאַטן, מיט דעם שטאַרקן. דער רייכער האָט די וועלט און י ע נ ע וועלט, און דער שטאַרקער איז פון אויבן. געלט גייט צו געלט, און דעם אָרעמאַן גייט עם שלים־שלימזל...

אָט דענסטמאָל, אין אַ בייזער שעה, בשעת די מעשה מיט דעם חתן, האָט זיך האָדל שטאַרק פאַרעסן, זיך אָנגעטאָן אין גזלן, נאָר עפּעס טאַקע אַ חיה־רעה בשעת אירע קינדער דאַרבן, און זיך געלאָזט אויף גענעג מיט אַלע כלים, זוכן ווי ווייט מעגלעך איר „געפּענגעניש“.

און דאָס מזל האָט איר גראָד געשפּילט — זי האָט געפונען געפּענגעניש: צוויי מיידלעך מיטאַמאָל, ערשט וואָס אָנגעקומענע, שיינע, כשרע, נאָך די נשמה שולדיקע, האָט זי מיט אירע פאַלשע גענג פאַרשלייערט. אין איין חודש, פאַר צוויי פאַרשוינען פון דער גוטער חברה, וואָס האַנדלען מיט לעבעדיקער סחורה. די שיינע לייט זענען מיט דער דאָזיקער סחורה באַלד אַריבער די גרענעץ, און זי האָט געכאַפּט שדכנות־געלט טאַקע אַ גראַב

שטיקל. ס'איז דאָ נאָך אַ סוחר, אירער אַ גוטער ברודער, וועלכן זי רעדט אַ שידוך מיט ביילען, ער זאָל זי אָפּקויפן אויף אַוועקצופירן פון לוין. די זאַך הענגט נאָך לעת-עתה, נישט אינגאַנצן אָפּגעמאַכט, נאָר ס'איז אַ האָפענונג, אַז עס וועט, אם-ירצה-השם, גיין — און זי וועט, נישקשה, אָפּלעקן אַ פעט ביינדל.

האָדל האָט אויפגעהויבן די אויגן מיט אַ לויב און אַ דאַנק צו זיין ליבן נאָמען, ברוך-הוא-וברוך-שמו, פאַר די גרויסע ניסים און גנאָד זיינע, וואָס ער האָט באַשיימפערלעך געטאָן טאָן איר און איר טאָכטער. זי האָט געסילוקט דעם נדן, געמאַכט דער כלה, נישט צו פאַרזינדיקן, אַ שיינע גאַרדעראָבע, זיך אַ נייע יופּע און מענדיען אַ נייע קאַפּאָטע, און זוכה געווען פירן מיט דער קעסל-פּויק ציפּען אונטער דער חופּה. לוי בחור מיט דער מומע שיינציע האָבן גענומען אונטערפירעניש, און מע האָט געטאַנצט, געלעבט די גאַנצע נאַכט.

און גאַנץ פרי איז האָדל די מעקלערין אינגיינעם מיט דעם מאַן העצענדיק זיך געגאַנגען מיט אַ מאַרש איבער די גאַסן. ווען הערשעלע זאָל נישט געווען גראָד זי דערקענען און אָנכאַפּן מיט אַ געשריי ביי די פּאָלעס, וואָלט גלופּסק פאַרשלאָפן די גרויסע שמחה און זיך נישט צונויפגעלאָפן אָפּגעבן כבוד אַזאַ טייערע מחותנתטע — איינע פון אירע פיינע פאַרשוינען.

דאָס אַכטע קאַפּיטל

אַ טיפע פינצטערע גרוב, באַהיט זאָל מען ווערן, איז געווען לוי בחורס קעלער. יענע ווילדע עקשנטעם מיט זייערע מיאוסע קליינשטעטלדיקע גענג, ווי בושה, אַשטייגער, טרייבן פון זיך, נישט לאָזן יענעם זיין אַ צו גאָענטער שמעלקע — זיי אַז זיי פלעגן אַריין אַהין, האָט די נשמה זייערע זיך אויסגעלייטערט, זענען געוואָרן, נישקשה, בעסער, ווייכער, צוגעלאָזטער און אַרויס פון דאָרט פאַרטיקע מענטשן. אַ קעלער איז דאָס געווען גאָר אַ גיהנום, און דער מלאך-חבלה פול-און-פול מיט אויגן איז אַ הונט אַקעגן לוי בחור מיט זיין בלינד אייגל. אין אים זענען געלעגן טויזנט רוחות, און דאָס בלינדע אייגל, וואַרפנדיק זיך, האָט אָנגעמאַכט אַ פאָרכט עפּעס נאָר ווי אַ מת, אַרומדרייענדיק זיך אויפן עולם-התהו. אויף גאָטס וועלטל דרייען זיך פיל אַזעלכע אַרום אין מענטשלעכע געשטאַלטן, עסן-פרעסן צעזעצטערהייט, טרינקען, פּרוכפּערן זיך — דאַכט זיך מענטשן: און באמת זענען זיי גאָר טייוול. דאָס זענען דער נידעריקסטער

סאָרט, פון אונטער דער ערד בגנבה אַנטלאָפענע מיזיול, געקומען אַהער בלענדזען, מאַכן די שפּיל, אָנטאָן צרות מענטשן און ס'איז זייער נישט פּטור צו ווערן. נישט אויסצודרייכערן זיי נישט מיט קיין ווייעד, אויך נישט מיט קיין טינט, וואָס דער שטן אפילו מיט זיין גאנצער כנופיא האָבן דערפאַר אזוי שטאַרק מורא. די גיהנום־פּאָליציי יאָגט זיך נישט אזוי נאָך די דאָזיקע דעזערטירן, דער רוח וויל זיי נישט נעמען צוריק אין דער ערד אריין, צו אלדי שווארצע יאָר! אדרבא, זיי זאָגן ברוך שפּטרני — שפּו זאָלן זיי ווערן, אַט די שמוציקע מיאוס־פאַרדאָרבענע רוחות!...

דעריבער, דערהערנדיק נאָר פון דער מומע שיינציען לוים נאָמען, אַז ער וועט זי אַריינוואַרפן אין קעלער, איז ביילע פאַרציטערט געוואָרן און געבליבן טויט מיט אַלע אברים.

שווערע מינוטן האָט איבערגעלעבט ביילע, ליגנדיק אין איינע ישרעק אויף דער קאַנאַפּע ביי זיך אין חדר. איר ביטערע לאַגע דעמסטמאָל האָט אויסגעזען ווי די לאַגע פון אַ מת ערשט אין דעם פרישן קבר, וואָס אָט באַלד באַדאַרף זיך, כפי יענע דאָרט שרייבן, צו אים אַנטפּלעקן דער משונה־ווילדער מלאך־הדומה און דערלאַנגען אים אַ פּלעם מיט פייערדיקע אייזערנע ריטער. דאָס אָבער איז נישט מער מאַקע נאָר ווי אַ משל, און באמת איז ביילען געווען צו מוט נאָך פיל ערגער, גאָר קיין פאַרגלייך, ווייל אַ מת איז דאָך מחויב צו ליידן, וואָרעם דערויף איז ער דאָך געשטאָרבן, אַז ווערעם זאָלן אים עסן זיין לייב, און יענער מחבל איז דאָך דערויף געשטעלט געוואָרן, אַז ער זאָל קאַטעווען, נעמען אים אין די הענט אַריין. זי אָבער, ביילע, אַ לעבעדיק באַשעפעניש, איז דאָך נישט מחויב זיך צו לאָזן לעבעדיקערהייט פייניקן. זי פאַרשטייט גאָר נישט, וואָס מע וויל פון איר האָבן. וואָס פאַר א רעכט האָבן דאָ „ווערעם" עפּעס אויף איר לייב־און־לעבן — יענע מיגי ווערעם, וואָס האָבן ביז אַציינד פון איר לעבן כלל נישט געוווסט, נישט געפילט דעם צער פון דער מאַמעס טראָגן, איר בויכווייטעק ביים האָבן זי, איר האַרצווייטעק ביים דערציען זי, אירע יסורים, קאַפּדאַרעניש, גריזאָטע, אָפּקומעניש ביז דאָס קינד האָט געפּאָקט, געמאָזלט, אויסגעשטאַנען אַלע קינדערשע קרענק און זיך געשטעלט אויף די פיס. פאַרזיי איז זי דאָך גלייך ביים ערשטן מאָל, דערזעענדיק זי, געווען אַ גרויסע, אַ פאַרטיקע, אַ שיינע, אַ ליבלעכע, ווי פון דער הימל הויט פּלוצעם אַזוי אויסגעוואַקסן. אַ בוים פלאַנצט אַ מענטש ביי זיך אין גאָרטן, אַרבעט, שפּאָרט נישט קיין מי, גיט זיך דערמיט אָפּ אַ צייט מיט יאָרן, ביז ער דערלעבט זען אַ פאַרטיקע פרוכט, — קומט איינער צום גרייטן, דער רוח ווייסט פונוואַנען, און רייסט די פרוכט אָפּ!... ווי מע האָט עס אַ האַרץ צו רויבן ביי עלטערן אַ קינד, דאָס טייערסטע, דאָס בעסטע, וואָס

קאַסט אַזוי פיל מי און געזונט; צו פאַרביטערן זיסע געפילן, אויסצולעשן ליכטיקע האָפענונגען; צו פאַרדאַרבן אַ לעבן, צו פאַרוויסטן אַ ריינע אומשולדיקע נשמה! און ווער — יידן!...

אין איינע שרעק ליגט ביילע. פון אַ מינדסטן שאָרך ערגעץ טיאָכקעט איר דאָס האַרץ, זי ציטערט, פלאַטערט — אָט־אָט קומט דער מלאך־חבלה אירער, אָנצוטאָן איר גרויסע, שרעקלעכע יסורים.

עס הערן זיך טריט, עס עפנט זיך די טיר — און אַ קאַלטע, ציטערנדיקע האַנט לייגט זיך ביילען פון הינטן אויף די נאַקעטע אַקסלען. אַ פראָסט לויפט איר איבער דעם גאַנצן לייב, זי טוט זיך געשווינד אַ זעץ אויף, שטאַרק דערשראָקן, מיט אויגן, ווי אַ דולע.

— וואָס, קעצעניו, האָסטו עס זיך אַזוי דערשראָקן? — האַ, וואָס, נישט דערקענט?

ביילע קוקט שטאַרק צעטראָגן און זעט פאַר זיך דעם „חתן“.

יענער פאַרשווין, וואָס מע האָט אים אַלץ פאָרגעשטעלט ביילען ווי אַ חתן, איז געווען אַ גוט שטיקל סחורה. דאָס פנים זיינס מיט די רויטע בעקעלעך, די דיקע ליפן, די פליישיקע נאָז מיט גרויסע נאָזלעכער און הערצו דאָס קיילעכדיקע בייכל, האָבן געזאָגט, אַז ער איז אָן אָפּגעפּיינט מענטשל, האָט ליב זיך צוצולאָזן תענוג — ער איז איינער פון יענעם סאָרט פּיינע בריות, וואָס אַ כפרה ביי זיי די גאַנצע וועלט פאַר זייער נפשל. מענטשן געהערן זיך מיט זיי נאָר אויף אַזוי פיל אָן, אויף וויפל עס קומט אַרויס, אָדער עס קאָן אַרויסקומען פון זיי זיך אַ נוצן אָדער עפעס אַ פאַרגעניגן. יענער מעג הערבײַ שרעקלעך ליידן, אָפּגיין מיט שווייס, נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן, עס מעג אים קאָסטן כבוד, געזונט און לעבן. קוים איז די זאַך אָפּגעטאָן, וואַרפט מען יענעם אַוועק, ווי אַלטע אָפּגעדינטע שטיוול. יענעמס ליידן בשעת מעשה, ווען ער מאַכט זיי דאָס פאַרגעניגן, רירט זיי נישט אויף קיין האָר, פונקט ווי דאָס ליידן פון פריש־צאַפּלדיקע פיש אונטער דעם מעסער: אדרבא, לאָז זיך עס צאַפּלען, לאָז זיך עס שליידערן, וואַרפן, אָט דריגען ערשט איז טאַקע דאָס גאַנצע פאַרגעניגן. אַ שייגער נאָמען, געלערנטקייט, גרויז־גרויע האָר איז אַקעגן זיי קיין באַשיצונג נישט. דעם קליגסטן, אָנגעזעענסטן מענטשן מאַכן זיי וואָכעדיק, ער פאַרנעמט ביי זיי נישט קיין אָרט, גלייך ווי ער איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. נישטאָ ביי זיי קיין הייליקייט, קיין אַכטונג צו קיינעם, קיין געפיל, קיין באַרעמהאַרציקייט. אין יענעמס צרות און ווייטיקן זעען זיי האָס נאָר, וואָס קומט פאַר עפעס אַ ביסל משונה, וואָס קיצלט צום לאַכן. פּאַלט עמעצער, אשטייגער, ברעכנדיק האלדז־און־געניק, קייכן זיי פאַר געלעכטער, ווי שיין ער האָט זיך עס צעלייגט! ווייגט איינע עפעס אַ באַטריבטע,

א פאַרומערטע, האָבן זיי הנאה צוקוקן זיך, ווי עס פאַרפאַרבן זיך איר די בעקעלעך, מאַכנדיק דערביי: אָך, ווי שיין זי איז, די טרערן גיבן איר צו דעם זיבעטן חן! עס מאַכט זיי פאַרגעניגן, ווען איינער דראַפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט, קלעטערט, דרייט זיך אויף אַ שטריק פאַר דעם שטיקל זיגדיקן ברויט; ווען אַן אָרעמינקער, נעבעך, לויפט, אונטערשפּרינגענדיק מיט די באָרוועסע פיס, ווינטער אין אַ ברענענדיקן פראָסט; ווען צוויי אָרעמעלייט שלאָגן זיך ווי די הינט איבער אַ ביין, וואָס מע טוט זיי אַ וואָרף.

— דאָס זענען מיני באַשעפענישן, וועלכע דער רבונו־של־עולם, דער גרויסער מייסטער, האָט זיי אויף אַ ווײַלע אַוועקגעלייגט פון דער האַנט, נאָך נישט פאַרטיק געמאַכט זיי אינגאַנצן, האָט זיי געשווינד געכאַפּט דער שוואַרציאָר. אין איילעניש, אין כאַפּעניש, אַרײַנגעלייגט אינעווייניק אין זיי אַ שטיין אָנשטאָט אַ האַרץ, אַ נשמה פון אַ הונט אָנשטאָט אַ מענטשלעכע, און אַזוי אַרויסגעלאָזט זיי אויף צרות אין דער וועלט!

— קעצעניו! — מאַכט דאָס באַשעפעניש עפּעס ווי געמיוקעט, צושאַרנדיק זיך צו ביילען ווי אַ קעצעלע. — אָט אַזוי, אַז דו בלאָזט זיך, מאַכסט פּיסקעלעך, ביסטו עפּעס אַזוי שיין, געפעלסט מיר עפּעס אַזוי שטאַרק!

— גייט אייך, גייט! — מאַכט ביילע, אָפּרוקנדיק זיך ווייטער אַ ביסל.

— אָט גיי איך, גיי, — זאָגט דאָס נפש און שאַרט זיך געענטער צו.

— ניין, נישט אַזוי. ווייטער אַ ביסל. זייט זשע מוחל! — רופט זיך אָפּ ביילע און טוט זיך ווייטער אַ רוק.

— באַדאַרף מען דאָך פריער זיך געזעגענען, ווי דער שטייגער איז, אָט אַזוי, אַזוי, — זאָגט דער פאַרשוין אויסשטרעקנדיק די האַנט און וויל אַרומנעמען ביילען.

— ביי אונדז איז אָן הענט, — טוט זיך ביילע אַ כאַפּ און אַ רוק נאָך ווייטער.

— וווּ ביי אונדז? דאָרט, מיינסטו, אין קאַבצאַנסק? — דו ביסט דאָך נישט מער אין קאַבצאַנסק, געפינסט זיך דאָך היינט דאָ. דו פאַרשטייסט?

— וואָס האָט איר, איך בעט אייך, צו מיר, צו אַ פרעמד אָרעם מיידל? געוואַלד וועל איך שרייען, וווּ בין איך? אין אַ וואַלד אָדער צווישן ייִדן? — רעדט ביילע מיט האַרץ און וויינט מיט בלוטיקע טרערן.

— אַז דו וויינסט, ביסטו נאָך שענער, טאַקע גאָר עפּעס אַ רויז, אָפּגעפרישט פון טראָפּנס טוי, שאַ! וואָרעם איך וועל עס נישט אויסהאַלטן.

— דערבאַרעמט זיך, איך בעט אייך, דערבאַרעמט זיך אויף מיר, אויף מײַנע יונגע יאָרן!

— זים ווי צוקער! — מיוקעט דער פאַרשוין מיט אַ פריקרע שמייכעלע, אַריינלייגנדיק די האַנט אין דער בוזעם־קעשענע.

— דערבאַרעמט זיך, ווען גישט אויף מיר, כאָטש אויף מיין טאַטע און מאַמע! זיי זענען, גלויבט, אַלט, צעבראָכן, אַ גאַנץ רחמנות... אוי, איר זאָלט וויסן, ווי ליב זיי האָבן מיך, ווי שווער זיי איז געווען זיך צעשיידן מיט מיר!... די נויט נאָר האָט געטריבן, אוי, די נויט, די נויט...

— נאַ, מוציקל, נאַ־נאַ! — מאַכט דאָס נפש מיט אַ קאַלטער לעבער, אַרויסנעמענדיק פון דער בוזעם־קעשענע אַ גאָלדן בראַסלעטל און דרייט עס ביילען האַרט פאַר די אויגן.

— אַוועק, גזלן! — טוט ביילע אַ געשריי שטאַרק אָנגעצונדן און אַ שטופּ פון זיך דעם פאַרשוין מיט דעם גאַנצן כוח, אַזוי אַז ער איז נעפלויגן צו דער טיר און דאָס בראַסלעטל איז אים פון דער האַנט אַריימגעפאַלן.

און באַלד טאַקע ווי דער אַרויס, קומט לוי בחור אַריין. זיין בליק איז פייער, און דאָס בלינדע אייגל וואַרפט זיך ווילד אַ שרעק. ביילע ציטערט, איז בלאַס, ווי די וואַנט.

— אַזוי, האַ, מאַמזעלכן, ווערסטו עס פירן ביי מיר לענגער?!... גאָרנישט, האַ, הפקר, מיינסטו, הפקר אַ וועלט! — זאָגט לוי בחור מיט אַ שטיילער רציחה, אָננעמענדיק ביילען ביי ביידע אָרעמס און קלעמט שטאַרק, אַזוי אַז איר פאַרכאַפּט דער אָטעם און פאַר ווייטיק פאַרבייסט זי די ליפּן. — אַ־יאָ, פייגעלע מיינע, דו האָסט געשפּאַסט? ענטפער, האַרץ מיינס, יאָ?

— אוי, נישט גוט!... לאָזט מיך כאַפּן אַ ביסל דעם אָטעם, — זיפצט ביילע און מיגיעט זיך פאַר גרויסע אַנגסטן, ווי אַ יונג הינדעלע צאַפּלט ביים שפּאַרבער אונטער זיינע שאַרפע נעגל.

— הייסט עס, אַפנים, טאַקע אַזוי, געשפּאַסט! — מאַכט לוי מיט אַ משוגה־זים מינעלע, וואָס הייסט ערגער ווי געשאָלטן אין טאַטן אַריין!— ענטפער זשע, גיכער!

— וואָס ענטפער, וואָס? — שטאַמלט ביילע שטאַרק צעטראָגן, איינבייגנדיק דעם קאָפּ.

— יאָ, אָדער ניין, וויל איך וויסן, שאַרף גערעדט.

ביילע שטייט אין איינע צרות און קאָן נישט עפענען דאָס מויל. פּלוצעם קומט איר אויפן געדאַנק די אָפּיצערקע. די אָפּיצערקע, דאַכט זיך, שטייט איר אַצינד פאַר די אויגן אין יענער טרויעריקער לאַגע, ווי זי איז צוריקגעקומען פון ביקור־חולים: שוואַך, צעבראָכן, פאַרומערט, פאַרשמאַכט, און ווייזט איר אויפן בוים, אויף וועלכן זי האָט זיך געהאָנגען... „איידער

אויפן בוים שפּעטער, נאָך אַ געפּייניקט, וויסט לעבן, בעסער באַלד טאַקע אַ ריינער טויט", אַזוי טראַכט ביילע און זי זאָגט, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, באַהאַרצט גאַנץ שאַרף:

— ניין!...

— אַהאַ, ווילסטו, הייסט עס, איך זאָל איבערשמועסן אַ ביסל מיט דיר דאָרט אין קעלער! — זאָגט לוי, אַנטוּענדיק זיך אין גזלן, און דאָס בלינדע אייגעלע האָט זיך אים צעשפּילט. — יאָ, אָדער ניין? האָסט נאָך אַ ווײַלע צייט. איינס, צוויי, דריי...

ווי אַ משוגענער הונט, שטיל, מיט שוים אויף די ליפּן, וואַרפט זיך לוי אויף ביילען, און ווי ער כאַפּט זי אָן ביי די האָר, וויל זי שלעפּן, לויפט אַריין די מומע שיינציע מיט זייער צעטראָגן, גאָר אָן אַ נשמה, דאָס טיכל אויפן קאָפּ פאַררוקט, די האַנט אויפן האַרצן, קוים וואָס זי כאַפּט דעם אָטעם, מוט אַ נעם לוין ביים אַקסל און רוימט אים עפּעס איין אין אויער. ער בלייבט גלייך שטיין אַפּהענטיק, עפּעס גאָר ווי איינער וואָס מע פּאַטשט אים אוים.

— ביילעניו, האַרצעניו, וואָס איז דיר? ווי איז מיר, עפּעס איז דאָך אייף דיר קיין פּנים נישטאָ! — מאַכט די מומע שיינציע צו ביילען מיט גרויס רחמנות, ווי אַ געטרייע מוטער. — גיי, טאָכטער, אין גאָרטן אַריין, גיי כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט.

ביילע שטייט אַ ווײַלע נישט טויט — נישט לעבעדיק, ביז זי קומט צו זיך און גייט געשווינד אַרוים.

— אוי, אַ רוח אין איר טאַטן אַריינגעפלויגן, ברענען זאָל זי, האָדעלע די חצופה, מיט איר מענדריקן איינייגעם! — צעפּלאַקערט זיך די מומע שיינציע און שילט, נאָך דעם ווי ביילע איז אַרויסגעגאַנגען. — אַוואַהאַי זיצט זי דאָרט אַציגד און גאָט דער לעבעדיקער אין הימל ווייסט, וואָס פאַר א שפּיל זי, די חצופה, די פאַלשע קאַץ, קאָן מיט איר בייז צינגל אָנמאכן אונדז. אַפּדאַרן זאָל איר דאָס צינגל, רבונו־של־עולם! קענסט זי דען נישט, די כלבתא, ווער זי איז? זי, אַז עס קומט אוים ענג, געפינט תמיד אַ וועג אויסצודרייען זיך גלאַט און אַנדערע אַריינדרייען אויף איר אָרט... „ווו איז דאָס מיידל? דאָס מיידל ווו איז?" — פרעגט מען און מע וויל וויסן דאָרט, מענטשן שטעלן זיך פאַר איר אַרוים, ליגן אין די וועלט. שלעכט! דו פאַרשטייסט?

— ווער האָט עס דיר איבערגעגעבן דעם סוד, וואָס דאָרט טוט זיך? — פרעגט לוי דאָס ווייב, וווּנדערנדיק זיך.

— ווער מיר איבערגעגעבן? — מאַכט די מומע שיינציע. — איציק פאַקטאָר, וואָס רייבט זיך דאָרט ארום די אדונים און הערט זיך צו צו אלצ־

דינג דאָרט. דו ווונדערסט זיך אפשר, מיט וואָס איז היינט ערגער ווי פריער, פריער פלעגט מען....

— מילא, צוואָס טויג מיר מעשיות, וואָס פריער, — מאַכט לוי, אַריינפּאַלנדיק דעם ווייב אין די רייד. — היינט וואָס איז?

— היינט איז נישט דאָס וואָס אַמאָל, — זאָגט שיינציע מיט אַ זיפץ טיף פונעם האַרצן. — אַנדערע צייטן... אויך אַז אַנדער אדון אין שטאָט, אַ גייער, ערשט אָנגעקומען, ער קען אונדז נישט, מיר קענען אים נישט, מע זאָגט, ער איז אַ פייער, געמען איז ביי אים אַי־אַי! דו פאַרשטייסט?... גאָר נישט קיין גוטער משא־ומתן.

— להרה"ם! — מאַכט לוי, שאָקלענדיק מיט אַ פינגער אַקעגן דעם ווייב. — להרה"ם הייסט אַ פּויג... גאָרנישט, נישטאָ! טאָמער קומט מען, לאָז די שעה נישט זיין, פרעגן — איז איין וואָרט: נישטאָ! דו הערסט? נישטאָ, נישטאָ און נישטאָ.

— יאָ, אַז יענע וועלן זיין נאַראָנים, גלייבן אויפן וואָרט און נישט שטעלן זיך זי זוכן דאָ. אַ תירוץ אַ ביסל פאַר די בענטשליכט!

— באַרישע יידענע! — שפעט לוי אויס דעם ווייב, שאָקלענדיק אויף איר מיטן קאָפּ. — מע באַדאַרף באַצייטנס דעם חמץ אויסרוימען, דאָס הייסט, מע באַדאַרף זי אָפּפירן אַהין, צו אונדזער פּיוועלע, שאַ, שטיל, עס זאָל נישט קריִען קיין האָן. דו פאַרשטייסט?

און דעמסטמאָל טאַקע, ביינאַכט, האָט זיך געלאָזט הערן אַ געקלאַפּערײ פון רעדער ביי לוי בחוד אויפן הויף. דאָס איז אַוועקגעפאָרן די מומע שיינציע מיט ביילען, אונטער אַן אויסרייד, דורכצופאָרן זיך אַ ביסל, כדי זי, ביילע הייסט עס, זאָל עטעמען אַ ביסל פרישע לופט און לאָז זי, נעבעך, האָבן תענוג עטלעכע מינוט.

די מומע שיינציע איז דאָך, נאָך אַלע זאַכן, פאָרט די מומע שיינציע— אַ טייערע נשמה!...

דאָס זעקסטע בוך

דאָס ערשטע קאַפּיטל

די געשעפטן רפאלס האָבן אים געטריבן קיין לאָדזש, זען זיך מיט זיינע באַלעבאַטים, די פאַבריקאַנטן דאָרט, וואָס זענען געשטאַנען שמאָל; נאָר מחמת פיל וויכטיקע זאַכן, וואָס אים איז נייטיק געווען אָפּצואַרבעטן דאָ אויפן אָרט, און טאַקע אַ ביסל אויך צוליב דער מעשה מיט הערשעלען, האָט ער אָפּגעלייגט די נסיעה זיינע אויף אַ קורצער צייט. אַצינד ווייסט שוין רפאל, וואָס הערשעלעס אָנכאַפּן זיך אָן האָדל די מעקלערין האָט אזוינס באַטייט; אַצינד פאַרשטייט ער שוין זייער גוט, אז די ראָזיקע האָדל, אויף וועלכער מע טומלט אַזוי שטאַרק, האָט אָפּגעטאָן אַ מיאוסע מעשה מיט אַ יידישער טאָכטער, געבער, וואָס מע טאָר עס בשום־אופן נישט אַזוי לאָזן. ער האָט דעריבער אָנגעווענדט אַלע מיטלען, געאַרבעט מעשים, די זאַך זאָל זיך דערוויזן — ווו איז אַהינגעקומען אַן אָרעם מיידל, נעבעך, און הערשעלע, וואָס זיצט דערווייל איינגעם מיט האָדלען פאַר דעם בלבול, וואָס זי האָט אויף אים געמאַכט, זאָל ריין ווי גאָלד אַרויס פריי. נאָר מער פון אַלע זאַכן האָט אים פאַרהאַלטן דאָ כאַנציע. זינט אים איז געקומען צו די אויערן די שלעכטע לאַגע, אין וועלכער די לאָדזשער פאַבריק געפינט זיך, און אַרויסזעענדיק דעם קלאַפּ אין אַ היפּש ביסל געלט, וואָס לייבציען שטייט פאָר דורך אים צו כאַפּן, האָט ער אויסגע־מיידט לייבציעס הויז. דאָס האַרץ האָט אים נעצויגן צו כאַנציען, אַ פאַר־געניגן צו פאַרברענגען מיט איר אַ ביסל די צייט, אָבער קומען צו איר אין אים געווען שרעקלעך שווער. ס׳טייטש, מיט וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער קוקן לייבציען אין די אויגן, און דרייען, אָפּליגנערן אים מיט דער צונג! און ווי שלעכט אים איז דאָ, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן, הייבט עס אים נאָר אָן אינעווייניק צו מאָנטען אָט אַזוי:

„פֿאַרדאָרבענער מענטש! — רופֿט זיך אין אים אָן דאָס געוויסן. — זען זי ווילט זיך דיר! צוליב וואָס? צוליב זיך, פֿון דיין הנאה וועגן, צוליב דיין באַנערן. דו, אַבי געכאַפּט אַ קוק, נאָר אַ מאָל אַ קוק, הנאה געהאַט פֿון איר שיינקייט, פֿאָרסטו זיך אַוועק, און גאָט ווייסט ווען דו קומסט צוריק, נישט צו באַרעכענען זי, נעבעך, אַז דער מוח וועט זיך איר דאָ איבערקערן טראַכטנדיק, וואָס דיין פֿאַרשווונדן ווערן פּלוצלינג באַטייט, זי זאָל עס כאָטש אָנהייבן צו וויסן וואָס, פֿאַרוואָס?... זי איז זיך געווען אַ פּשוט ווייבל, פֿאַרשלייערט געווייינטלעך, ווי אַלע אַנדערע גלויפּסקער יידישע טעכטער, נישט צו פֿיל צו דענקען, צו פֿיל איבערצוקלייבן; פֿאַר איר איז רעכט געווען אַלצדינג, ווי די וועלט פֿירט זיך, אַזוי איז גוט, אַזוי באַדאַרף זיין. קומסטו, שיינער מענטש, צינדסט אין איר אָן אַ העליש פֿייער, גיסט איר איין שׂכל צו פֿאַרשטיין. דאָס פֿריערדיקע לעבן אירס מיט דעם גאַנג פֿון דער וועלט אַרום איר הערט איר שוין אויף צו געפֿעלן, איר וועלט אײַנגאַנצן ביסטו, דו, נאָר דו — און פּלוצעם פֿאָרסטו זיך אַוועק, נישט צו דערקלערן איר. פֿריער כאָטש פֿאַרשטעלט, פֿאַר וואָס דו פֿאָרסט, לאָז זי זיך נישט האַלטן פֿאַר אַ באַליידיקטע, אַן אַוועקגעוואָרפֿענע; לאָז זי כאָטש האָבן אַ האָפֿענונג, אַז דו וועסט צוריקקומען, און פֿאַר פֿאַרחרום און האַרצווייטיק נישט אויסגיין ווי אַ ליכט“.

ביי רפֿאלן איז דעריבער געבליבן נישט צו רירן זיך פֿונעם אָרט, ביז ער וועט טאָן זיין שולדיקייט, רעדן מיט כאַנציען און דערקלערן איר אָפֿן אַלצדינג.

עס האָט געקאָסט רפֿאלן גענוג געזונט, ביז ער האָט זיך אויסגעריסן צו כאַנציען. — קומענדיק שוין צו דער טיר, איז ער געבליבן אַ ווײַלע שטיין צעמישט. אַראָפּגעלאָזט די אויגן, גלייך ווי ער וואָלט דאָ געגאַנגען גנבענען. שווער, ווי דער טויט, איז אים געווען צו לייבציען אין הויז אַרייַנצוקומען. דאָס אייניציקע האָפֿענונג זיינס איז געווען, טאָמער גראָד, אויף זיין מזל, איז לייבציע אַציגד נישטאָ אין דער היים. דאָס האָט אים צוגעגעבן אַ ביסל מוט און ער איז אַריין אין שטוב מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ.

דער ערשטער, וואָס איז אים אַקעגן געקומען — איז געווען לייבציע!

— ברוך־הבא, אַ גאַסט! — זאָגט לייבציע, קלאַפּנדיק זיך די נאָז מיט אַ פֿינגער און צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — אַי־אַי־אַי, פֿאַרפֿאַלן צו ווערן אַזאַ לאַנגע צייט!... נישט שיין פֿון אייך, כ׳לעבן!... האָב מיך עס גאָרנישט געריכט, אסור... ס׳טייטש, ס׳טייטש, איר זאָלט אַזוינס טאָן, אַי־אַי־אַי!

רפֿאל ברומלט עפּעס אָן ווערטער, צו פֿאַרענטפֿערן זיך כלומרשט, און איז צעטראָגן. לייבציע איז אויך עפּעס גאָר צעטראָגן, גייט איבער

דער שטוב הין־און־צוריק, צופּט דאָס בערדל, רייבט זיך דעם שטערן און דאָס פּנים איז אים פאַרפּלאָמט. בענציע, אין אַ כאַלאַטל, אין אַ מין קלאַפּנ־מיצל עפּעס אויפן קאָפּ, שטייט עפּעס צעהרייט אין אַ ווינקל, מיט גרויסע טראָפּנס שווייס אויף דעם פּנים, כּלייך ווי די וואַנט און דאָס אויסזען זיינס אינגאַנצן איז גאָר ווי אַ מויז, וואָס מע שלעפּט אַרויס פון זויער־מילך. אין דער מיט שטוב ליגט אַ גרויסער, איינגעפּאַקטער, לעדערנער קלומעק, אָנגעפּוישט מיט אַ בויך, נאָך נישט געקרעמפּעוועט מיט דער שטריק, וואָס פּלאָנטעט זיך אַרום אים. אַ היפּשע ווײַלע איז שטיל, אַלע שווייגן, גלייך ווי עס וואָלט זיי אָפּגענומען דאָס לשון, נאָר מע זעט, אַז אין ליבציען קאָכט זיך דאָס בלוט.

— אַזוי, אַזוי גייט עס אין דער וועלט! — מאַכט נאָך אַ היפּשע צייט שווייגן ליבציע פאַרטראַכט, אָפּשטעלנדיק זיך אַקעגן רפאלן און אַנקוקנדיק אים שאַרף. — נאָך זייער שיין, כ׳לעבן, פון אייך, וואָס איר זייט כאָטש געקומען, איז דאָס רעכט, האַ? טוט מען עס אַזוי?... מילא נו!... ווי שטייען עס, האַ, די — די עסקים?

— בע! — בעקעט רפאל אונטער דער נאָז, אבי אויסצודרייען זיך ווי עס איז, טראַכטנדיק ביי זיך: — פע, ליבציע האָט שוין געמוזט אָנ־שמעקן, ער ווייסט שוין, אַפּנים, מיינע צרות.

— אַזוי, האַ, זאָגט איר: בע? — מאַכט ליבציע, פאַרדרייענדיק די נאָז, נישט אַראָפּצונעמען קיין אויג פון רפאלן, טראַכטנדיק ביי זיך: העה! ער ווייסט שוין אַלצדינג. זיין „בע“ הייסט, אַפּנים, ער האָט אָנ־געשמעקט, וואָס ביי מיר אין שטוב גייט אַצינד פאָר. נאָר... טאַ! — וואָס קוקט איר עפּעס אַזוי, רב רפאל, און שווייגט?

— עט!... איך קוק מיר אויפן קלומעקל, קוק איך מיר. ווער קלייבט זיך עס דאָ ביי אייך אין וועג אַריין, רב ליבציע?

— הייסט עס טאַ, איר פאַרשטייט!... אדרבא, אַזוי איז נאָך גלייכער, אַז איר פאַרשטייט, — ענטפערט ליבציע מיט אַ מינעלע פון אַ יידן אַ פּיקח, וואָס שטויסט זיך אויפן ווונק. און ווענדנדיק זיך באַלד טאַקע צום איידעמל, טוט ער אים אַ זאָג:

— מעגסט דערווייל גיין, בענציע, אין דיין קליידל אַריין דאָרט. די זאַך בלייבט לעת־עתה אַזוי, ווי מע האָט גערעדט.

— זאָל איך גיין אַזוי טאַקע אין כאַלאַטל, אָדער אַרויסנעמען פונעם קלומעק די לאַסטיקענע קאַפּאָטע מיינע? — טוט בענציע אַ פרעג.

— נישקשה אַזוי אויך. וואָס איז דען אַ כאַלאַטל? דאָס ערשטע מאָל דען איז דיר אַהין, אין קליידל, אין אַ כאַלאַטל!...

„אַ־וואַ, דאָס שטעקעלע, פאַרפּאַקט דאָס שטעקעלע!" — מאַכט צו זיך אַליין מיט אַ קוויטשעלע בענציע, לאָזנדיק זיך גיין מיט די פּיסעלעך צו דער טיר, טוט אַ קוש די מזוזה און רוקט זיך אַרויס פון דער שטוב שטיל ווי אַ קעצעלע.

— אָט אַצינד קאָנען מיר שמועסן גאַנץ אָפן, — זאָגט לייבציע, אָנגעמענדיק זיך ביים בעהדל, און שטשירעט אויס איין אייגל אויף רפאלן. — צוואָס לאָמיר זיך דאָ נאַרן, קיין סודות אין דער וועלט איז נישט... די מעשה דערפון איז אַזוי: ס'איז, פאַרשטייט איר מיך, אַ צעשטערט לעבן!... אדרבא זאָגט, איר קענט דאָך אים, מיין איידעם, נו, וואָס? אַ יונגערמאַן אַ פיינער, אַ טאַטנס אַ קינד, אַ צאַצע. איך פון מיין זייט האָב אים ליב, אין מיינע אויגן האָט ער דעם זיבעטן חן, בין פון אים צופרידן. איז דאָך, דאַכט זיך, גוט. נאָר וואָס העלפט עס אָבער, אַז זי, דאָס ווייבל, איז אַ נאַר!... איר פאַרשטייט וואָס? זי, אַ טריאַטער, כ'לעבן! זי איז נישט צופרי...

לייבציע דערדערט נישט דאָס וואָרט און וואַרט, קוועטשנדיק זיך, ווי אַ געווינערין, מיט אַזאַ מינע, אַז רפאל זאָל אים דאָס וואָרט פונעם מויל אַרויסנעמען.

— נישט צופרידן, — כאַפּט רפאל און רעדט אַרויס דאָס גאַנצע וואָרט, פילנדיק בשעת מעשה, ווי אַ שטיין איז אים פונעם האַרצן אַראָפּ, ווייל ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז לייבציעס צעטראָגנקייט נישט וועגן געלט־עסקים מיט אים, נאָר עס באַרייט גאָר עפּעס אַנדערש.

— אַ־אַ־אָט!... נישט צופרידן, נישט ליב, זאָגט זי, — זאָגט לייבציע אויסשפּייענדיק דריי מאָל. — פע! איך דערקען גאָר עפּעס נישט פון אַ צייט מיין טאָכטער, אַזוי געענדערט האָט זי זיך. זי רעדט עפּעס אַזוינס, וואָס פּאַסט גאָרנישט פאַר אונדז, פאַר אונדזער שטאַנד. האָט איר געהערט אַ זאָג אַ ביסל — פיינט אַ מאַן! און ווער, נאָך ווער? אַ געלעכטער, כ'לעבן, אַזאַ... אַזאַ... איינגאַנצן, איך בעט אייך מחילה, אַזאַ... עס איז נאָר עפּעס ווי אַ כישוף, איינעמס אַן אָפּגעטאָנענע זאַך. איר ווילט עס אפשר נישט ליידן, אייך איז אפשר נישט איינגענעמען אַזוינס צו הערן?... אדרבא, זאָגט, זייט מוחל, זאָגט, זאָגט!

„אָט פון וואַנען די כמאַרע רוקט זיך אויף מיר אָן!" — טראַכט ביי זיך רפאל און עס באַשלאָגט אים אַ קאַלטער שוויים. — לייבציע, אַפנים, האָט אָנגעשמעקט דאָ דאָס גאַנצע שפּיל... מיין אַרבעט, מיינט ער, איז עס, און פאַרדערט מיך דאָ אויף, אים עס צו דערקלערן. אַ מיאוסע מעשה!..."

— אַהאַ, איר שווייגט! — מאַכט לייבציע נאָכדעם, אַז ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. — אי־יאָ, איר האָט מיר נישט וואָס צו ענטפערן?... נו,

הערט זשע מיך אויס. מילא, זאָגסטו, הייסט עס, טעכטערל — פיינט! גו, שאַ, האָב זיך פיינט און ביי דיר בלייב עס. וועמעס עסק איז דאָס, צו וויסן דיינע חפציות? ליב־שמיב, פיינט־שמיינט — נאַרישקייטן!... זאַכעניש אַזוינע, נישט ווערט די רייד, וואָס צווישן מאַן און ווייב, ווער גיט עס ארויס? — שאַ!... איז דער כישוף אָבער, צו אלדי רוחות, עפּעס אזוי גרויס, אז גיין! איך קאָן מיט אים, זאָגט זי, אין איין שטוב נישט זיין. זיצן, זאָגט זי, מיט אַ מענטשן, וואָס מע האָט פיינט, איז אַן עבירה, ברענגט מיך נישט, זאָגט זי, צו קיין זינד. איך בין נישט קיין בהמה. אַ מענטש, זאָגט זי, בין איך, אַ מענטש מיט אַ ווילן, מיט אַ דעה!... איר הערט אַ ביסל, אַ זאָג פון, מחילה, אַזאַ, אַזאַ... בקיצור, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט — ביז ס'איז געקומען דערצו, מע זאָל נעמען דאָס באַלעבעסל, נעבעך, אים מיט הכל־בכל, האַק און פּאַק, אָפּשיקן צו די עלטערן זיינע אהיים. — אוי, האָב איך עס היינט א טאָג פון מיינע, פון דער טאָכטער און פון דער מאַמען, קאַלט און וואַרעם!... ווייסט איר וואָס? — לאָזט אוים לייבציע מיט אַ געבעט. — פאַר אייך, רב רפאל, האָט מען זיך נישט צו שעמען, איר זענט דאָך אַ היימישער מענטש, אונדזערער אַ גוטער פריינד, אָט, כ'לעבן, קומט, לאָמיר אַריינגיין צו כאַנציען, ס'איז אַציינד דאָרט ביי איר חושך. איר וועט זי, אַזוי טאַקע ווי איר קענט, אַ ביסל אויסשטראָפן, געבן איר צו פאַרשטיין, אַז זי איז אַ שוטה, אַ נאַריש ווייבל, ווייסט אַליין נישט, מישטיינס־געזאָגט, וואָס זי וויל. אייערע ווערטער, נישקשה, וועלן ווירקן. איר זייט ביי איר — דאָס זאָג איך אייך בסוד, צווישן אונדז — אַ גרויסער חשוב. היינט וועט איר דאָך מקיים זיין טאַקע אַ מצווה אויך — אַריינלייגן זיך אין שלום צווישן מאַן און ווייב, צונויפפירן אַ פּאָר־פאָלק... אָט, קומט, כ'לעבן, קומט.

לייבציע שלעפּט רפאלן ביי דער האַנט און גייט פאָרויס. רפאל — אַז אַך־און־ווי צו אים, וואָס זאָל ער, נעבעך טאָן? — לאָזט זיך פירן, נישט ווילנדיק, איבער א לאַנגן קאָרידאָר און שלעפּט זיך אים נאָך ווי א קו אַ קעלבל.

ביים עפענען די טיר אין כאַנציעס חדר לאָזט זיך פון דאָרט הערן יענטלס קול, וואָס שטייט און טענהט האַלב מיט גוטן, האַלב מיט בייזן מיט דער טאָכטער אירער, וואָס זיצט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט ביי אַ טישל אין אַ ווינקל. קוים איז לייבציע אַריין מיט רפאלן, ווערט מיטאַמאָל איבערגעהאַקט דער שמועס.

— נישקשה, יענטל! אייגענע מענטשן. רב רפאל האָט עפּעס צו שמועסן מיט כאַנציען א פּאָר ווערטער, — רופט זיך אָן לייבציע, ווינקענדיק צום ווייב, וואָס האָט אַזויפיל געהייסן: מעגסט ארויסגיין, זיי מוחל!

יענטל אָבער וויל זיך נישט אָנשטויסן אויפן ווונק און שטייט פֿאַרוווּנדערט, מאַכנדיק מיט די אַקסלען, קוקט אָן דעם מאַן מיט אַ קרום פּנים, וואָס האָט אַזוי פֿיל געהייסן: האָסט געמעגט, כ'לעבן, נישט אַריינקומען, דו לעקעש איינער!

— נו, זיצט, זייט זשע מוחל, זיצט, מיר בעטן, — זאָגט לייבציע, אונטערחוקנדיק רפאלן אַ בענקל פונקט אַקעגן כאַנציען.

שטאַרק צופרידן מיט דעם אויפטו זייַנעם, רוקט ער זיך צו באַלד צום ווייב, רוימט איר איין עפּעס אין אויער — און ביידע גייען ארויס.

לייבציעס פינצטער מזל איז באַשיימפּערלעך טאַקע שוין אַזוי געווען, דער טאַכטער צו העלפן אין אַלע אירע האַנדלונגען פונעם אָנהייב אָן ביז איצט, פונקט אַקעגן זיין ווּנטש. ס'איז מסתּמא פונעם הימל אַזוי אָנגעשריבן געווען, אַז ער אַליין מיט זיינע משונה געגנג זאָל אָנמאַכן אַ פֿאַרדרייעניש ביי זיך אין שטוב, עס זאָל דורך אים אַליין אַרויסקומען דאָס, פונקט פֿאַרקערט וואָס ער וויל.

שלימזלדיקער לייבציע! גיט עס ביי יידן נאָך שלימזלדיקע טאַטעס אַזוינע? — ס'איז כדאי צו וויסן...

רפאל און כאַנציע זיצן, אָנקוקנדיק זיך פֿאַרוווּנדערט אַקעגן עטלעכע מינוט, נישט צו רעדן אַ וואָרט. דערנאָך איז רפאל צום ערשטן אַרויס מיט אַ ביטער שמייכעלע:

— איר ווייסט, חנהלע, צו וואָס דער טאַטע האָט מיך אַהער געבראַכט? דער טאַטע וויל, איך זאָל „אייערן", איר פֿאַרשטייט, פֿאַרריכטן ביי אייך דאָס מזל און אייך טאַקע אַ ביסל אויסשטראָפן.

— הייסט עס, דעם טאַטנס אַ מענטש?! נו, שטראָפט זשע מיך, אַז איר האָט זיך אונטערגענומען, — מאַכט כאַנציע, אַ ביסל מיט פֿאַרדראָס.

— ניין, חנהלע, אויסשטראָפן באַדאַרף מען נישט אייך, נאָר מיך, — זאָגט רפאל מיט אַ זיפץ פונעם האַרצן.

— דאָס הייסט אָנצוהערעניש געבן, — מאַכט כאַנציע, רויט ווערנדיק ווי פייער, — אַז דריינען, וואָס צווישן מיר און מיינעם, איז אייער שולד, און זיפצט אצינד דערויף...

— אַי, פּלאָגט מיך נישט, איך בעט אייך, אַי, איר זאָלט וויסן מיין האַרץ!...

— נו, וואָס זשע וואָלט געווען, אַז איך זאָל וויסן? וואָלט איך געהאַט פֿאַרגעניגן פון אייער געשרייַשאַפט און איבערגעבעטן אייך פֿאַר מיינע רייד אַצינד.

רפאלן האָט זיך נישט געלייגט די צונג באַלד טאַקע אָפּצוענטפערן איר, ווייסנדיק ביי זיך, אַז ווען כאַנציע זאָל וויסן זיין האַרץ, צוליב וואָס

ער איז דאָ געקומען, וואָלט זי קיין גרויס פאַרגעניגן נישט געהאַט, און אים איבערגעבעטן אַוודאי נישט באַדאַרפט.

— אָדער אפשר מיינט איר, אַז איר פאַרדינט, מע זאָל אייך אויסשטראָפן דערפאַר, וואָס איר זייט אַזאַ לאַנגע צייט נישט געקומען צו אונדז אין שטוב אַריין, און איר פילט אייער שולד? — וואַרפט כאַנציע אַריין ווייטער אַ שטעכווערטל.

רפאל איז שטאַרק צעטראָגן. ער קוקט אויף כאַנציען מיט ליבשאַפט, מיט געבעט און שווייגט.

— שווייגן הייסט גערעדט, — זאָגט כאַנציע, זייער גערירט פון זיין בליק, אַזוי אַז טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן, און עס רייסט איר דאָס האַרץ, קוקנדיק אויף אים. — איך בעט אייך, ערגערט זיך נישט, נעמט מיר נישט פאַר אומגוט, וואָס איך האָב מיך אַ ביסל דאָ געהיצט. וואָס זאָל איך טאָן? ס'איז ביי מיר היינט שוין אַזאַ טאָג. אוי, אַ טאָג! אוי, שטיי איך עס אויס!...

— טייערע, גוטע חנהלע! — מאַכט רפאל, אויפשטייענדיק צעקאָכט פונעם בענקל, וויל אָננעמען ביי דער האַנט כאַנציען, אויסגיסן פאַר איר זיין שווער ביטער האַרץ, נישט צו באַמערקן, ווי יענטל גייט דערוויילאַריין גאַנץ שטיל און מאַכט זיך בלומרשט ווי זי זוכט עפּעס.

— מאַמע! — טוט זיך אַ כאַפּ כאַנציע, אַזוי אַז רפאל זאָל וויסן ווער דאָ איז. — וואָס זוכסטו עס, מאַמע, עפּעס אַזוי?

— גאָרנישט, גאָרנישט! אַ שפּיזל איז פונעם זאָק נישטאָ. דאָ זוך איך, איז נישטאָ. מע באַדאַרף גיין אַ קוק טאָן ביי מיר ערגעץ דאָרט, — ענטפערט יענטל, אַרומקוקנדיק זיך און גייט נישט ווילנדיק אַרויס.

יענטלס מיין איז גאָר געווען אַכטונג צו געבן צו דער טאָכטער, וואָס זיצט מיט אַ יונגנמאַן אָן אַ שומר. ווייבער פילן עפּעס ביי זיך אין האַרץ בעסער ווי די מענער. פריער, אַז כאַנציע האָט געוווינט מיט דעם מאַן, ווי דער שטייגער איז, האָט יענטל זיך נישט געמאַכט דערויס, אַז די טאָכטער פלעגט בלייבן מיט רפאלן ביי זיך אין חדר. אַצינד אָבער, אַז כאַנציען קאָן זיך פאַרגלוסטן זאָגן, אַז דער מאַן איז איר נישט צום האַרצן, העהע! — טראַכט זיך יענטל, — באַדאַרף מען זיך צו דיר אַ ביסל צוקוקן. דאָס האַרץ האָט איר עפּעס געזאָגט, נישט רעכט צו וויסן וואָס געזאָגט. דאָס שפּיזל איז געווען נאָר אַ אויסרייד. כאַנציע האָט פאַרשטאַנען דער מאַמעס מיין, און רפאל האָט אויך געוווסט, וואָס דאָס שפּיזל אירס באַטייט אַזוינס. ביידע האָבן געהאַט פיל, זייער פיל איינע די אַנדערע צו זאָגן און ביידע האָבן אייַנגעזען, אַז דערצו איז נישט דאָ דאָס אָרט און נישט די צייט אַצינד.

— אַי, חנהלע, האָב איך צו רעדן און צו רעדן! נאָר...

— אוי, רפאל, האָב איך עס צו דערציילן און צו דערציילן! נאָר... לאָמיר אָפּוואַרטן. איך וועל שוין אייך צו וויסן געבן.

— גיי איך, הייסט עס, — זאָגט רפאל מיט אַ ביטער שמייכעלע, — גיי איך דערווייל אַוועק דערמיט, אַז איך האָב אייך געזאָגט מוסר.

— און דאָס מוסר זאָגן האָט גישט געהאָלפן! — —

ביים אַרויסגיין שלאָגט זיך רפאל אָן ביי דער טיר מיט יענטלען, וואָס האָט זיך געיאָגט אָנצוזאָגן דער טאָכטער די גוטע בשורה, אַז דאָס שפּיזל, געלויבט דער אייבערשטער, האָט זיך געפונען!...

דאָס צווייטע קאַפּיטל

רב אָשר דער מעקלער איז די לעצטע צייט מיט רפאלן שטאַרק נישט צופרידן געווען. ווי איטלעכן איז באַקאַנט, בלאָזט רב אָשר דער מעקלער פון זיך נישט אַזוי שטאַרק, איז מוחל אויף כבוד און קאָן אַראָפּשלינגען יענעמס אַ גראָב וואָרט, נישט צו באַליידיקן זיך, חלילה. אים אַרט נישט, אַז יענער האַלט אים פאַר אַ ליגנער, ווו מע באַדאַרף — קאָן ער זיך מאַכן נישט הערנדיק, נישט זעענדיק, נישט ווייסנדיק און טוט זיך טאַקע זיינס. צו די אַלע דאָזיקע שיינע מעלות איז ער אויך נישט פויל אויף אַ גאַנג. הונדערט מאָל אַ טאָג ווערט אים נישט נמאס לויפן צו יענעם מיט עפּעס אַן עסק, אַפילו יענער וואַרפט זיך דערפון אָפּ מיט הענט און מיט פיס. איז פאַר אים פאַרשפּאַרט די טיר, שטופּט ער זיך אַריין דורכן פענצטער. אַזוי אַריין אָדער אַזוי אַריין — אַלציינס, אַבי אַריין! ביי דער וועלט הייסט עס: רב אָשר איז אַ בריה, אַ מענטש מיט אַן אייזערנעם כאַראַקטער — ער קריכט! הייבט ער אָן עפּעס אַ זאַך — אַרבעט ער, קריכט, שטופּט זיך, ביז ער דערגרייכט טאַקע דאָס, וואָס ער וויל.

פונדעסטוועגן האָט רב אָשרס קריכן מיט זיינע פּראָיעקטן צו רפאלן די לעצטע צייט אים פאָרט נישט געהאָלפן, זיינע ווערטער זענען צו רפאלן צוגעשטאַנען אַזוי‌פיל, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. איינמאָל האָט רפאל זיך אויף אים צעבייזערט, ווייזנדיק אים די טיר, מיט אַ געשריי, אַזוי אַז אַפילו אַזאַ ייִדן, נישט קיין בעל־גאווה, ווי רב אָשר איז, האָט עס שטאַרק אונטערגעטראָגן. ער איז, נעבעך, געשווינד אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס, בייז ווי אַ רוח, און פאַר אַנדערע דאָרט אויסגעגאָסן אויף רפאלן זיין צאָרן:

— האָט איר געהערט, ייִדישע קינדער, אַ ייִד זאָל נישט האָבן קיין בטחון — מע זאָל נישט לאָזן ספּעקולירן, מאַכן געשעפטן! אַ שיינער

משאַ־ומתן, כ׳לעבן, וואָלט געווען, אַז מע זאָל געווען וועלן נאָר גיין אויפֿן אייזערנעם בריק אין משא־ומתן!... ווי פֿון דער קעשענע האָט „ער“ מיט זיין איינגעשפּאַרטקייט מיר אַרויסגענומען אַ פֿאַרדינסט... איך זאָג אייך, ברידער, אָט פֿון די אויפֿגעווירענע, פֿון די חקרנים, איז נישט איינער קיין לייט. האָבט זיך, דעם סטרי פֿון אונדזערע סוחרים דאָ, געדרייט, געהאַנדלט גאַנץ נישקשהדיק — און לסוף האָט די קליפּע טאַקע זיך אַרויסגעוויזן — שטיי, מפֿרדרו!... נישטאָ ביי אַזוינע קיין גלויבן, קיינער פֿון יידישע קינדער איז נישט באַגלויבט: נישט גדליה דער שניט־קרעמער, נישט פֿייטל דער צעלניקער, נישט אפֿילו ר׳ אידל דער חלפֿן, און גאָט אליין אפֿילו אויך נישט!... איר פֿאַרשטייט? טאַקע „כל באיה לא ישובון“—איז איינער א ביסל געכאַפּט, זאָל אַ רוח טאַקע אין זיין טאַטן — קיין סוחר וועט שוין פֿון אים נישט זיין... אַ ייד האָט נישט ביי „אים“ קיין נאמנות, אַ ייהנם א וואָרט איז גאָרנישט, אויסציען שונאי־ישראל, זאָל ער זיך פֿאַר אים, וועט ער אים נישט געבן אויף באָרג, סיידן קלאַפּ און צייל. אַ ייהנם אַ טראַ־ טע, אַ וועקסל הייסט ביי אים אַ קוויטל אויף עולם־הבא — און ביי אַזעלכן איז נאָר עולם־הזה, פּשוט גראָב, מזומנים. עולם־הבא איז גאָרנישט. מלאכים נישטאָ, שדים און רוחות, להבדיל, — נאָר איינגערעדטע זאַכן. טאָמער מיינט איר, איך שפּאַס? — ביי מיין יידישקייט! טויזנט מאָל אוודאי האָב איך געשווירן ביי מיין חלק עולם־הבא, און ביי אים האָט עס אַזוי פֿיל אויסגעמאַכט עפּעס אַזוי ווי... מאָסקווע מעג גלייבן, לייפּציג גלייבט אויך אַ יידן, און אַז עס טרעפֿט זיך אַמאָל אַ „קוממיות“, נו, מה־ רעש? מאָסקווע קערט זיך נאָך נישט איבער, דער דייטש, נישקשה, גלייבט און באָרגט ווייטער. פּע, זאָג איך אייך, איז מיר דער חקרן, פּע, פּע, יידישע קינדער!...

יענער פֿינצטערער מאָרגן, וואָס רב אשר איז פֿאַר גרוים פֿאַרדראָס פֿון דער הויט געשפּרונגען, איז געווען א פּאָר טעג ארום נאָך רפֿאלס באַגעגעניש ביי לייבציען אין הויז. רפֿאל איז דענסטמאָל געזעסן ביי זיך צו הויז אין איינע צרות, באַטראַכטנדיק זיין לאַגע, און ס׳איז אים אָנגע־ זאַלצן אויפֿן האַרצן. די געשעפֿטן זיינע טרייבן אים אין וועג אַריין, און ער קאָן זיך אָבער נישט רירן פֿונעם אָרט. מיט כאַנציען מוז ער דאָך רעדן, אַרויסזאָגנדיק איר דעם גאַנצן אמת, די ווייטעקן זיינע, און וואַרטן אויף דער געלעגענער צייט דערצו, ביז זי וועט אים שרייבן, לויט ס׳איז אָפּגע־ רעדט געוואָרן צווישן זיי. און אַציונד, נאָך דעם וואָס דאָ טוט זיך אַזוינס צווישן איר מיט דעם מאַן, איז ער נאָך צען מאָל מער מחויב צו רעדן מיט איר. נאָר וואָס צו רעדן, און וואָס וועט אַרויסקומען פֿונעם רעדן? דאָס ווייסט ער אליין נישט רעכט גוט דערוויל, די לאַגע איז אַציונד פֿאַר־

דרייט, פֿאַרפּלאָנטערט נאָך מער ווי פֿריער. ער פֿילט אָבער, אַז אַזוי לאָזן די זאַך טאָר ער נישט און קאָן טאַקע נישט; הערשעלען, נעבעך, איבערלאָזן אַזוי אין דער מיט — טוט אים אויך זייער לייד. ביטער! ער איז אין דער קלעם, דער קאָפּ שפּאַלט זיך אים טראַכטנדיק, און פּלוצעם — ברוך־הבא, אַ גאַסט! רב אָשר איז דאָ מיט זיינע פּראָיעקטן. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז רב אָשר האָט געכאַפּט זיין ערלעך אויסקומעניש און איז אוועק ווי אַן אָפּגעקאָכטער, נעבעך. פּטור געוואָרן פֿון אַזאַ גאַסט, האָט רפֿאל זיך ווייטער פֿאַרטיפֿט אין די געדאַנקען, איז אוועקגעזעסן אַ היפּשע צייט פֿאַרשמאַכט, נישט צו באַמערקן ווי רב אברהם איז אַריין.

— אַ גאָט־העלף! — זאָגט רב אברהם, נאָכדעם ווי ער איז אַקעגן אַ פּאָר מינוט געשטאַנען ביי דער טיר, און רפֿאל האָט אויף אים זיך נישט אומגעקוקט.

— האַ, וואָס? ! — מאַכט רפֿאל שטאַרק פֿאַרדולט, נישט אומקוקנדיק זיך.

— גאָרנישט! אַ גאָט־העלף זאָג איך. נעמט נישט פֿאַר אומגוט, וואָס איך שטער אייך.

— אַ־אַ, רב אברהם!

— איך וואָלט אייך, אסור, נישט געשטערט, נאָר... איך האָב צוגעזאָגט. איך בין דאָ אַצינד מיט אַ בקשה.

— איר מיך, רב אברהם, שטערט! אָ, ניין, ניין, קיינמאָל נישט! זיצט, איך בעט אייך, און לאָמיר הערן אייער בקשה.

— רייזע איז גאָר אויס מענטש. קלאָגט זיך עפּעס אויף אייך, רב רפֿאל. עפּעס פֿון אַ צייט, זאָגט זי, אַז איר עסט נישט, טרינקט נישט. וואָס מע זאָל נישט געבן צום טיש, נעמט מען עס צו כמעט איינגאַנצן צוריק. זי ברעכט זיך, זאָגט זי, דעם קאָפּ טראַכטנדיק, וואָס זאָל עס זיין? זאָל אייך אפֿשר דאָס עסן נישט געפֿעלן? נאָר זי שפּאָרט נישט קיין מי. טוט, זאָגט זי, אַלצדינג וואָס מעגלעך, דאָס עסן זאָל האָבן דעם זיבעטן טעם. קאַרגט נישט קיין אייער, קיין שמאַלץ, זוכט אויס אַלע מיני געריכטן, וואָס נאָר דאָ: אַ ראָסל־פֿליישל, זאָגט זי, אַן עסיק־פֿליישל, אַ זראַזעלע, אַ צימעסל מיט אַ העלדזל אָנגעפֿילט אַמאָל מיט פֿאַרפֿעלעך, אַמאָל מיט קאַשע און גריוון צוגערעמפּט, פֿאַרברוינט, אַזוי אַז דער מלכות מעג עס עסן. אפֿשר, זאָגט זי, זייט איר, חס־ושלום, עפּעס נישט מיט אַלעמען? פֿאַרוואָס זשע שווייגט איר, זאָגט זי, און טוט עפּעס נישט? דערויף איז דאָך דאָ אויף דער וועלט ביי אונדז אַ לייב רופֿא. וואָס טוען אַנדערע? איז נישט אַ דאָקטער, אַ רופֿא, איז אַ שפּרעכער, אַזוינער און אַזוינער. עס פֿעלט איר אָפּ אַ שטיק געזונט, זאָגט זי, אָנקוקנדיק, וואָס פֿאַר אַ שלעכט

פנים די לעצטע צייט איר האָט. אָט דאָ ערשט נישט לאַנג האָט זי מיך שטאַרק געבעטן: גייט, זאָגט זי, צו אים אַריין, און דערגייט זיך ביי אים. איר זייט דאָך, כ'לעבן, זאָגט זי, עפּעס אַ מאַנסביל. וואָס דען? גייט מען און מע טוט אַ קוק, וואָס איז אַזוינס מיט אים. — נו, רב רפאל, טאַקע, באמת טאַקע, האַ? וואָס זשע פאַרט איז אַזוי די מעשה?

— עט... אַזוי... עס מאכט זיך אַמאָל מיט אַ מענטשן... מיט וועלכן מענטשן מאַכט זיך נישט אַמאָל אַ קרענקונג?

— איר נעמט אייך אפשר צום האַרצן די מעשה מיט דעם יתומל?

אַוודאי, אַוודאי איז דאָס אַ קרענקונג, מיך קרענקט עס אויך זייער, לייזער־יאַנקל, עליו־השלום, האָט אים איבערגעלאָזט אויף מיר. נאָר פונדעסט־וועגן, האַ... און אַז ס'איז שוין יאָ געקומען צו רייד, פרעג איך אייך טאַקע: ווי האַלט עס עפּעס אַציינד מכח אים, מכח דעם שקאָץ?

— אַלץ נאָך אין דעם אייגענעם שטאַנד וואָס פריער, הערשעלע שטייט אַלץ טאַקע אויף דאָס זייניקע: לאָז זי, די יידענע, זאָגן, ווו איז ערגעץ דאָס מיידל? און יענע ווידער האַלט זיך אירס: לאָז דער שייגעץ אַזוי וויסן יענעם איבער די קעשענעס קריכן, ווי זי ווייסט פון וואָס צו זאָגן! דערווייל איז שלעכט.

— איז דען נישטאָ דערצו עפּעס אַ מיטל, רח"ש, אַשטייגער, דאָס אַלטע, געוויסע מיטל? ווי געשיקט זיך עס?

— דאָס מיטל האָב איך שוין געפּרוווט טאָן. נאָר ווי עס זעט אויס, האָט עמעצער, אַ פאַרבאָרגענער, פון דער יידענעס צד, אויך געטאָן דאָס אייגענע מיטל... אַציינד איז די זאַך אַזוי: אָדער ביידע זאָלן זיצן, אָדער די גאַנצע מעשה פאַררייבן און ביידע זאָלן ארויס פריי.

— לאָזט זי אָפּ, כ'לעבן, אָט די יידענע, ווי הייסט זי דאָרט, צוואָס, איך בעט אייך, נצחונות? אָט לאָזן ביידע ארויס פריי, און מיט אַן עק!

— עס גייט דאָ נישט, רב אברהם, אין נצחונות, ווי נאָר דריגען — ס'איז דאָך אַ רחמנות אויף אַ נפש, אויף אַ יידישער טאָכטער, נעבעך. גאַנץ געוויס, אַז די דאָזיקע האָדל האָט זי, איר פאַרשטייט, ערגעץ פאַר־פירט.

— ווען אפילו אַזוי, פרעג איך אייך, נו־נו־נו?! וואָס איז דאָ אַזו די מורא, פאַרשטייט איך נישט, אַז ערגעץ אַוועקגעפירט? אויפעסן וועט מען דאָך זי נישט, חלילה, צווישן יידן פאַרפאַלן ווערן וועט זי נישט. וועט זיך אויסזוכן, נישקשה!

— אַי, רב אברהם, ווי זאָגט מען אייך עפּעס... ס'איז נישט קיין ריינע זאַך! האָדל, איר פאַרשטייט, האָדל שטייט נישט אין קיין גוטן רוף...

— וואָס, אַשטייגער, מיינט איר דערמיט, רב רפאל? עס מוז דאָך אַלץ האָבן עפּעס אַ גאַנג.

— עס האָט אַוודאי אַ גאַנג... דאָ שטעקט עפּעס אַזוינס, וואָס אַ שרעק!

— אַי־אַי, גאָט איז מיט אייך! וואָס קאָן דאָ, פאַרשטיי איך נישט, אַזוינס שטעקן? — לאָז זיין, כ׳לעבן, געגוג געזעסן, אַ רחמנות, כ׳לעבן, אויף דעם שקאַץ!

— און איר מיינט, רב אברהם, אַז דער שקאַץ אייערע וויל אַרויס אַזוי אָן אַן עק, איידער עס וועט זיך דערוויזן, ווו ער־געץ דאָס מיידל איז אַהינגעקומען? איר זאָלט זען, ווי ער ליגט זיך פאַר איר אַוועק. האָבט זיך, אַ שטילינקער, אַ שעמעוודיקער אויפן בליק, אָבער וואָס פאַר אַ באַ־האַרצטקייט, וואָס פאַר אַ שטאַרקייט ער האָט אין זיך, צו שטיין שטאָל און אייזן פאַר זיין גערעכטער זאַך. ער איז ביי מיר אַציגד דערפאַר שטאַרק געהויבן, גאָר לעילא ולעילא, איך האָב אים ליב באַקומען טיף פונעם האַרצן. ניין, רב אברהם, ער איז נישט קיין צעקראָכנס, קיין שלימזלניק, ווי אַ ישיבה־בחור, אַ קלויזניק. עס וועט פון אים זיין אַ מענטש... שאַ! מע קלאַפּט, דאַכט זיך אין דער טיר, — טוט זיך אַ כאַפּ רפאל אין דער מיט געשפּרעך, צוהערנדיק זיך. — אַריין, אַריין!

עס קומט אַריין אַ יונגע, בילד־שיינע, אויסגעפּוצטע דאַמע און בלייבנדיק שטיין ביי דער שוועל, וואַרפט זי אַ בליק דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם פון אונדזערע ביידע מאַנסבילן, נישט וויסנדיק צו וועמען זיך צו ווענדן. רב אברהם ווערט, אויפן יידישן שטייגער, ביים דערזען אַן אשה, עפּעס פאַרשעמט, און קערט אַוועק אין דער זייט דאָס פּנים. רפאל שטייט אויף און גייט מיט אַ פריינדלעכער מינע דעם גאַסט אַקעגן.

— איך באַהאַרף צו רב רפאלן, האָב מיט אים וואָס צו רעדן, — רופט זיך אָפּ די דאַמע, דורכנעמענדיק רפאלן מיט די אויגן.

— איך בין גרייט מיט פאַרגעניגן אייך אויסצוהערן, — ענטפערט רפאל מיט אַ פאַרבייג.

— דאָס, וואָס איך האָב צו זאָגן, איז נאָר אונטער פיר אויגן.

רפאל האָט פאַרבעטן די אומבאַקאַנטע אין אַ באַזונדער חדר. ווינקענ־דיק צו רב אברהמען, אַז ער זאָל בלייבן אויפן אָרט.

אַ היפּשע צייט איז רב אברהם אַוועקגעזעסן אייגער אַליין פאַר זיך, און געראַנקען משונהדיקע זענען אים מיט געוואַלד געקראָכן אין קאָפּ, גלייך ווי נישטאָ איבער דעם קאָפּ זיינעם קיין באַלעבאָס — הפקר אַ וועלט! עס האָט זיך דאָרט געדרייט אַ האָדל, זיך אַנטפּלעקט עפּעס גאָר חלשות! עס דרייט זיך אויך הערשעלע מיט דער קאַבצאַנסקער בתולה זיינער

דאָרט — און רב אברהם טוט זיך א כאַפּ, א פּאַטש געבנדיק מיט א פּאָר פינגער זיך אין שטערן און מאַכנדיק אַ=האַ! גלייך ווי ער וואָלט געטראָפן רש״ים א באַוואָרעניש מיטן כלומר. אַ=האַ! אַצינד פארשטיי איך, וואָס ער מיינט, וואָס רפאל מיינט, וואָס איז דער טייטש „ערגעץ פארפירט“... פע, פע! — מאַכט ער, אונטערהייבנדיק די יאַרמלקע, און פאָכט מיט איר איבערן קאָפּ, ווי אָפּצוטרייבן פון זיך פליגן=זלידניעס. די פליגן אָבער טוען זייערס — גערודאַנקען קריכן, פיקן דעם מוח, די אומבאַקאַנטע יפת=תואר פוץ אריין אויך אין דער מיט. עס מאָלט זיך אוים אין קאָפּ א שיינע געשטאַלט, א ליכטיקע צורה, שייַנענדיקע אויגן, עס צעגיסט זיך א ליבע ווארעמקייט — דעם יצר=טוב, אַי, ווערט נישט גוט!... רב אברהם ראַנגלט זיך מיט די געראַנקען, כאַפּט זיך צו באַשעפטיקן מיט ערנסטע זאַכן: אַ נעם טאָן אַ פּרק=משניות, צענעמען אַ האַרב שטיקל „ברטנורא“, זיך פאַרנעמען מיט אַ שיין שטיקל „זוהר“, נאָר אומזיסט די מי, געראַנקען באַפאַלן אים, ווי די הייזשעריקן, ס'איז זיי מיט קיין זאַך נישט צו נעמען. זעץ אין קאָפּ תורה, אַז אים קריכט גאָר עפּעס אַנדערע זאַכן! עס מאָלט זיך אים, דענקט זיך, דער רוח ווייסט וואָס אַזוינס... רב אברהם נעמט זיך גאַנץ יידישלעך זיפצן און דערביי מאַקע, ווי דער שטייגער איז, שרייבן מיט אַ פינגער אויפן טיש איין מאָל „פטום=הקטורת“, נאָכאַמאָל „פטום=הקטורת“, אַליין נישט צו וויסן, אַז ער שרייבט און וואָס ער שרייבט:

— אַך, רב אברהם, האָט מיר קיין פאַריבל נישט! — מאַכט רפאל, אַריינקומענדיק עפּעס שטאַרק צעטראָגן, און לאָזט זיך אין איילעניש צו דער קליידער=שאַפע איבערצוטאָן זיך.

— איך זע, איר איילט זיך זייער, מיר איז שוין אויך צייט צו גיין, — זאָגט רב אברהם, אויפהייבנדיק זיך פונעם בענקל, און לאָזט זיך גיין צו דער טיר.

— נישטאָ קיין מינוט צייט, איך מוז באַלד טאַקע לויפן. קומט, קומט אַריין צו מיר היינט. געדענקט זשע, נאָך היינט, רב אברהם!

„ס'איז עפּעס נישט גלאַטיק, — דענקט זיך אין רב אברהמס קאָפּ ביים ארויסגיין פון רפאלן. — ווער זאָל עס זיין די יפת=תואר?... א קרובה? וואָס זשע איז ער אַזוי צעטראָגן? הא, אפשר אַ ווייב?! אַי וואָס, עס הייסט דאָך — ער איז דאָן אלמן? אַ קשיא אויף אַ ליטוואַק!“... באַלד אָבער האָט רב אברהם חרטה, איז ברוגז אויף זיך דערפאַר, וואָס אים קאָן גאָר איינפאַלן, אויף רפאלן אַזוינס צו טראַכטן. ס'טייטש, ס'טייטש, רפאל, אַזאַ כשרער, ערלעכער מאַן מיט אַ גוט האַרץ! ער שאָקלט פאַר גרוים פאַרדראָס מיט דעם קאָפּ, נעמענדיק זיך ביי דער באָרד, און לאָזט זיך גיין געשווינד.

דאָס דריטע קאַפּיטל

די מומע שיינציע, וועלנדיק, ווי עס האָט געהייסן, אָנטאָן פּאַרגעניגן ביילען, איז זי מיט איר דורכגעפּאָרן זיך פּאַרנאַכט אויף אַ שפּאַציר, אָטעמען אַ ביסל פרישע לופט. אַרויס פון שטוב זענען זיי אינצווייען און געקומען צוריק איז אײנע — די מומע, זי אַליין. די טערקיניע איז געווען פּשוט אויס מענטש פאַר גרויס עגמת־נפש וועגן ביילען, נישט צו וויסן, וואָס אַזוינס איז מיט איר געשען און וו איז זי אַהינגעקומען? פאַר יסורים קאָן זי נישט איינזיצן אויף איין אָרט, גאָר אַרויס — אַריין פון שטוב אין גאָרטן, פון גאָרטן אין שטוב, אומעטום צוקוקנדיק זיך, נישטערן, אפשר וועט זי עפּעס אָנשמעקן.

זי זיצט זיך אַמאָל אַזוי, אַ פאַרנאַכט, שטאַרק פאַרומערט, צווישן געדיכטע צווייגן אין דעם גאָרטן, הינטער דער שטוב, און ווי איר אויפן האַרצן אַזוי איז דער הימל — פאַרומערט, באַלייגט מיט שוואַרצע פינצטערע וואָלקנס. אין דער לופט אַרום און אַרום שמעקט תשעה־באב! דאָס גרינוואַרג דאַר, אָפּגעבליאַקעוועט, ביימער רוישן, זאָגן קינות אויף די בלעטער, וואָס הייבן אָן געל צו ווערן, און אויף דעם אויסגעקראָכענעם שפּיץ קאָפּ זייערן, וואַרפנדיק זיך אין אַלע זייטן, וווהין דער ווינט טראָגט. אומעטיק, פאַרזאָרגט שטייען די פייגל איטלעכער אויף זיין ריטל, איטלעכער אויף זיין צווייגל, קראַצנדיק זיך מיטן שנעבעלע אונטער די פליגעלער, אויסשטעלנדיק אַן אייגעלע — אַ קוקעלע אַהין, אַ קוקעלע אַהער, אַ טרייסל מיט די פעדערלעך, א גענעץ — און פּוץ אריין אין די נעסטן — שלאָפן, נישט זאָגנדיק קיין שירה, ווי דער שטייגער זייערער איז, מגהה־צייט. אויך דעם האָן, דעם בעל־תאווהניק, פארגייט די לוסט נאַריש צו מאַכן זיך הייגט מיט די ווייבער זיינע, ס'איז גאָר נישט דער שטעל, גאָר נישט דער קריי, וואָס תמיד, עס קומט אויס עפּעס געפּייפט, ווי פון אַ פּסולן שופר. ער שטייט פאַרטראַכט, אויסשטרעקנדיק דאָס העלדזל, בלינצלט מיט די אייגעלעך, אויסדרייענדיק דאָס פּנימל א מאָל רעכטס, א מאָל לינקס, און איננאַנצן מישטיינס־געזאָגט, זעט ער אויס לעקעשעוואַטע. פּלוצעם טוט ער אַ שאַר מיט די פיסלעך, אַ רוק זיך אין דער זייט, אַ קראַץ מיט אַן אַראָפּגעלאָזט פליגל די ערד, פאַרנעמט די ווייבער זיינע און — אַ גוטע נאַכט! אַוועק מיט זיי אין זיין רו אַריין... אַ שטילער טרויער שוועבט אין דער לופט, אַ מרה־שחורה — אַרום און אַרום! ביטער און זויער איז אויפן האַרצן. עפּעס בענקט זיך, טרוימט זיך, עס ציט ערגעץ אַהין — אַהין.. און די נשמה וויינט אינעווייניק שטיל, צעגיסנדיק זיך אין ווערטער.

זיצט זיך אַזוי די טערקיניע צווישן די צווייגן פֿאַרומערט, פֿאַרטיפֿט אין אירע געדאַנקען. דערווייל פֿאַלט צו די נאַכט. וואָס ווייטער, ווייטער ווערט טונקעלער. די ביימער זעען אויס עפּעס אומגעלומפּערט, באַקימען א משונה פֿאַרענדערט פּנים, און דער כוח־המדמה, אָט דער פּאָקוסניק, פֿאַרבלענדט די אויגן מיט אויסגעטראַכטע פּאָקוסן. פּונווייטנס, אינעם טונקלקייט, דאַכט זיך דער טערקינע אויס — איידל הענגט אויף א בוים, הוידעט זיך און ווינקט איר: קום, שוועסטער, קום זיך הוידען מיט מ׳ר אויפֿן בוים! זי טוט זיך אַ כאַפּ דערשראָקן, און איידער נאָך זי רירט זיך פֿונעם אָרט, לאָזן זיך איר הערן טריט, און באַלד טאַקע קומט איר צו די אויגן די מומע שיינציע, שטייענדיק דאָרט אין גאָרטן מיט איציק פֿאַקטער — א מין באַשעפֿעניש אזעלכעס, וואָס איז געלייטזעליקט פֿון זיין ליבן נאָמען מיט אַ רוקן, זייער געשמיידיק זיך צו בייגן, צו בוקן; מיט אַ קופּערנעם שטערן; מיט אַ פּאָר גנבישע אייגעלעך און אַ פּאָר הענטעלעך, אַקוראַט ווי עס פּאַסט אים צו דער פּרנסה. דאָס דאָזיקע באַשעפֿעניש קניעט זיך, בייגט זיך, קריכט, דורכשטופּנדיק זיך דורך לעכער אין שפּאַלטן, שמעקט, טאַפּט, האָרכט זיך צו, וואָס טוט זיך דאָרט אין די הויכע פֿענצטער, כאַפּט אַ וואָרט און פֿאַרשלעפּט עס, ווי אַ קאַץ, פֿון איין אָרט צום אַנדערן, מאַכט שו־שו און טוט אַ בים שטילערהייט.

אָט מיט דעם מין באַשעפֿעניש פֿירט עס די מומע שיינציע איצט אַ געשפּרעך, און פֿונעם גאַנצן שמועס זייערן קומט דער טערקיניע צו די אויערן נאָר איין וואָרט פֿון צענטן — „זיצט... האָדל... ווו דאָס מיידל?... שלעבט... ארבעט, קאָמיסיאָנער רפאל... געלט... תשובה־געלט, תפילה־געלט... צדקה־געלט...“ — אַזוי רעדט איציק. די מומע שיינציע טענהט, פֿאַרגלאָצנדיק די אויגן צום הימל, שטופּט אַריין איציקן עפּעס אין דער האַנט און באַלד ווערן ביידע פֿאַרשוווּנדן.

דער טערקיניע איז עס אריין אין דער נאָז. זי שטויסט זיך, אַז דאָס איז נישט גלאַט, דאָ איז עפּעס אַ צרה. ווו איציק פֿאַקטער ווייזט זיך, דאָרט איז אַ קרעצל. אין פּלוצעם פֿאַלט איר איין אַ געדאַנק, נישט אַנדערש, אַז דער שמועס צווישן דער מומע מיט איציק פֿאַקטער האָט אַ שייכות צו דער מעשה מיט ביילען. וואָס מער זי האָט צעקייט די ווערטער, וואָס זענען איר געקומען צו די אויערן, איז איר געוואָרן קלערער, אַז דער שמועס איז געגאַנגען איבער ביילען. אַפּנים, ס׳איז דאָ עמעצער, אַ תקיף, וואָס שטעלט זיך פֿאַר איר אַרויס. דערווייל האָט מען עס, אַפּנים, אַ נעם געטאָן צום סמיק האָדלען. אַצינד איז שוין פֿאַרענטפֿערט געוואָרן, פֿאַרוואָס מע זעט זי נישט דאָ, ביי דער מומען, שוין עטלעכע טעג. די

מומע האָט באַצייטנס זיך געאײַלט צו באַהאַלטן די טרפֿה סחורה — אָט וואָס דער שפּאַציר איר מיט ביילען באַטײַט!

די טערקיניע גייט פּשוט אויס פֿאַר רחמנות אויף ביילען, און גיט זיך אַ וואָרט, נוקם זיך צו זײַן פֿאַר איר, גענבער, מיט וואָס נאָר זי וועט קאָנען.

זי גייט אַרויס פֿונעם גאָרטן, בלאָנקעט זיך אַרום אין הויף שרעקלעך אויפֿגעבראַכט. און ווי זי שטייט אַזוי בײַם טויער, דערזעט זי פֿאַרבײַ־פֿאָרנדיק אויף דער גאַס אַ פֿאַיעטאָן, און וועלכן, ווי זי דערקענט, איז די מומע מיט ביילען זיך דורכגעפֿאָרן נעכטן. די פֿיס אירע טוען זיך אַ לאָז ווי פֿון זיך אַליין, און זי שפּרינגט אַרײַן אין פֿאַיעטאָן.

— וווהין? — פֿרעגט דער פֿורמאַן.

— וווהין? — מאַכט די טערקיניע, באַטראַכטנדיק זיך. — אַהין... וווהין נעכטן פֿאַרנאַכט איר זײַט געפֿאָרן. איצט ווייסט איר שוין וווהין?

— אַ שאלה װאַ ביסל אויב איך ווייס! דער קאָפּ איז מיר נאָך אויפֿן אָרט, ברוך־השם. איך ווייס, ווייס, וווהין איך האָב נעכטן געפֿירט די מומען מיט נאָך אַ פֿאַרשווינדל. אפֿשר זײַט איר עס טאַקע די מומע אַליין. דער שאַל איז אָנגערוקט איבערן קאָפּ אַזוי, אַז עס זעט זיך נישט אַרויס דאָס פּנים.

דער פֿאַיעטאָן איז צוגעפֿאָרן צו אַ שטוב ערגעץ אין אַ פֿאַרלעגן אָרט כמעט אונטער דער שטאָט.

— טפּררו! — שטעלט אָפּ דער פֿורמאַן די פֿערד, רעדנדיק ווי צו זיך אַליין. — אַצינד, האַ, זעט איר, אַז איך ווייס. אַ חידוש אַ ביסל! מײַן גאַנץ לעבן אַ פֿורמאַן בין איך, געליבט דער אייבערשטער, זאָל איך נישט וויסן, ווו וווינט פֿייוול דער קליינער! אַ געלעכטער, כ׳לעבן. איך טאַפּ אָן, ווי אַ רבֿ, אַלע שווערע ערטער דאָ אין דער פֿינצטער. די פֿערד מײַנע, להבדיל, זענען אויך גרויסע למדנים דאָ... האָט זי עס מיך געפֿרעגט אַ שאלה: אויב איך ווייס, ווו זיצט פֿייוול דער קליינער!... אָט האָט איר אײַך דאָס הויז פֿייוול דעם קליינעמס, אָדער פֿייוול יקטן, ווי ער הייסט בײַ אונדז!

אַזוי האָט גערעדט פֿאַר זיך דער באַרײדעוודיקער פֿורמאַן, אַרײַנ־לייגנדיק אין קעשענע דאָס פֿורגעלט און אַוועקגעפֿאָרן צוריק.

דער טויער פֿון יקטנס הויז איז געווען צוגעשלאָסן. די טערקיניע האָט דערויף זיך נישט שטאַרק מצער געווען. ווען אַפֿילו ער זאָל זײַן אָפֿן, וואָלט זי אויך אין שטוב נישט אַרײַנגעגאַנגען. עס וואָלט געקאָנט פֿאַלן אויף איר אַ חשד און איר גאַנצער פּלאַן קאַליע ווערן. זי האָט געוווּסט,

ווער פּייוול הער קלייגער איז, אַז ער איז איינער פון לוי בחורים באַנדע, אַ ממזר, אַ פאַרדאָרבענער, ווי ער.

און איצט איז ביי איר געווען גאַנץ קלאָר, אַז ביי אים אין הויז האָט די מומע באַהאַלטן ביילען, ביז עס וועט איבערגיין די בייזע שעה. איר איז געגוג, וואָס זי ווייס, ווו ביילע געפינט זיך, איצט וועט זי זיך באַטראַכטן, וואָס זי האָט ווייטער צו טאָן.

די גאַנצע נאַכט האָט הער טעריקיניע זיך נישט צוגעמאַכט קיין אויג. זי האָט אַלץ געטראַכט, וואָס טוט מען, וואָס הייבט מען אָן?

לסוף קומט איר אויפן זינען — דער קאָמיסיאָנער רפאל, פון וועלכן איציק פאַקטער האָט גערעדט. דערביי שטעלט זי זיך אָפּ, טראַכטנדיק: אָט דאָס איז דער, וואָס אַרבעט אַזוי שטאַרק!

אויף מאָרגן האָט זי זיך דערפרעגט צו רפאלן, געקומען בשעת ער האָט געשמועסט מיט רב אברהמען, און אים דערציילט בסוד די גאַנצע מעשה.

דאָס פערטע קאַפּיטל

דער וואָס מיינט, אַז רב אָשר דער מעקלער איז פאַרן שלעכטן באַגעגעניש ברוגז געווען אויף רפאלן אַ לאַנגע צייט — האָט, זאָל מוחל זיין, אַ גרויסן טעות. רב אָשר איז דאָך נאָך אַלע זאַכן פאָרט אַ ייד, וועלכן עס מאַכט נישט אַזוי אויס דער נאַרישער כבוד, וואָס נעמט אָן פאַר ליב אַמאָל אויך אַ פּאַטש, נישט צו מאַכן זיך דערפון אַזאַ פּירוש, חלילה. וואָלט רפאל געווען אַ „פריץ", מעג מען זיכער זיין, אַז רב אָשרן וואָלט כלל נישט איינגעפאַלן פאַריבל צו האָבן, חלילה, אַפילו ווען ער, דער פריץ הייסט עס, וואָלט אים געגעבן אין קאַרק און אַראָפּגעשליידערט פון אַלע טרעפּ. ער, רב אשר הייסט עס, וואָלט זיך אויפגעשטאַנען, אויב נאָר ער וואָלט נישט געבראָכן האַלדז און גענעק, מיט דעם אייבערשטנס הילף, אָפּגעשאָקלט די פאָלעס, געמאַכט מיט אַ קרימעלע: עט! און צוריק אַרויף צום פריץ מיט אָפּשיי, מיט אַ בוק, פּרוּוון נאָך אַ מאָל טאַקע קריכן צו אים מיט אַ געשעפטל, אולי ירחם. און פאַרקערט, וואָלט רפאל, געווען אַ יידל, טאַקע אַ יידל, וואָס הייסט, מיט די ביינער, וואָלט רב אָשר גערעדט מיט אים, אָן מחזקות, ווי אַ ייד מיט אַ יידן, נישט מאַכנדיק קיין צערעמאָניעס, גוט אָפּגעשייגעצט אים, ווי ער פאַרדינט, אין דער הייסער רגע טאַקע, און אוועקגעגאַנגען גאַנץ רואיק מיט דער דעה, מאָרגן, אם⸗ירצה⸗השם, ווידער אַרייגגיין צו אים, איבערשמועסן דעם עסק אַזוי און

פאַרקערט. רפאל אָבער איז דאָך נישט דאָס, נישט יענץ, אָדער דאָס און נישט דאָס, יענץ און נישט יענץ. רעדן מיט אים אויף דעם שטייגער ווי מיט אַ יידן: — איך דיר אַ שטופּ, דו מיר אַ שטופּ; איך דיר אַ נעם ביים בערדל, געבנדיק דיר צו פֿאַרשטיין מיטן גראָבן פינגער, און דו מיר אַ נעם ביי מיין בערדל, געבנדיק מיר צו פֿאַרשטיין מיט דיין גראָבן פינגער — אַזוינס צו טאָן איז גאָר נישט מעגלעך. אמת טאַקע, ער איז מאחינו בני ישראל, אָבער אין דער הלבשה, אין דער באַנעמונג זיינער איז עפּעס נישט דאָס... נישט יידישלעך. מיט אים באַנעמען זיך אַזוי זיך, גוטברידערשאַפט, מעשה=ייד — חלילה=וחס! אלא וואָס דען זשע, האָבן פֿאַר אים דרך=ארץ, אַראָפּשלינגען זיינס אַ באַליידיקונג און שטיין פֿאַר אים ווי אַ קנעכט, אָדער ווי אַ ייד פֿאַר אַ פּריץ — איז ער דאָך אין גרונט גענומען פֿאָרט אַ ייד, ווען אַפילו נישט אינגאַנצן, איז ער ווייניקסטנס אַ שטיקל ייד.

דעריבער איז גאָר קיין ווונדער נישט, אַז אַזאַ שלעכט באַגעגעניש, וואָס רב אשר האָט געהאַט ביי רפאלן, נישט צו קאָנען אַראָפּשלינגען עס, נישט אָפּצוענטפֿערן צוריק, האָט אים שטאַרק צעמישט, און דאָס האַרץ איז שיר אים נישט צעפּוקעט געוואָרן פֿאַר כעס אינעווייניק אין זיך. אַפילו אַ מעקלער אַ מלאך וואָלט אויך געקאָנט, שונאי=ציון, צעפּוקעט ווערן, נישט אויסהאַלטנדיק אַזוינס. גלייך געטאָן האָט טאַקע רב אָשר, וואָס ער האָט זיך געשווינד אַרויסגערוקט פֿון שטוב מיט פֿאַרדראָס. ווי=באַלד אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער אויסגעלאָזט זיין כעס, זיין שווער ביטער געמיט צו רפאלן אונטער די אויגן. און איז געווען זייער גערעכט. להבדיל, אַ הונט אַפילו, וואָס כאַפּט זיך אַרויס פֿון דער קלעם, פֿון צווישן דער טיר, אויף דער גאַס, הייבט אויף דעם וויידל, אָפּשטעלנדיק זיך און בילט אויך פֿונדערווייטנס. נאָך זייער שיין פֿון רב אָשרן, וואָס כאָטש מיטן מויל גאַנץ עפֿנטלעך, אין אַזאַ פֿאַל איז אַ ייד אַמאָל נישט פֿויל אויף דער פּען, אַריינצושיקן שטילערהייט אַהין, אַהין — שוואַרץ אויף ווייס, אַ „שיר=המעלה“ אויך. קוים האָט רב אָשר אויסגעגאָסן דאָס האַרץ, אויסגערעדט זיך פֿאַר לייטן, איז אים אָפּגעגאַנגען דער כעס און ער איז אָפּגעקילט געוואָרן.

„עט, ווי איך בין אַ ייד! — טראַכט ביי זיך רב אָשר, איבערבעטנדיק זיך מיט רפאלן אין האַרצן. — און אַז ער האָט געזאָגט דאָס און דאָס, מכבד געווען מיך מיט אַ וואָרט, אַזוי און אַזוי... מילא, איז וואָס? גאָר נישט, כ'לעבן, הבל=הבלים! דער גאַנצער נאַרישער כבוד איז נישט ווערט קיין גראָשן, און וואָס געהער זיך אָן אַזאַ שטותעריי צום האַנדל?... אַ רעכטער סוחר יאָגט זיך נישט נאָך כבוד. אין תכלית, אין תכלית אריין

קוקט ער, אָט וואָס!... נאָך דעם גאַנצן פייערן זייַנעם אויף מיר, אַז איך בין אַזוינער און אַזוינער... לאָז איך פונדעסטוועגן נישט אָפּ דעם עכק. הייַנט אָדער מאָרגן וועט ער אים, מיט דעם אייבערשטנס הילף, אָנגיצונעז, גישקשה! ער מעג זיך בייזערן, שפּרינגען „בואי בשלום“ וויפל ער וויל... וואָס איז עס פאַר אַ לשון: איך וויל נישט! „ער“ — וויל נישט, און „איך“ ווי בין? איך, הייסט עס, בין גאָרנישט, מיין ווילן איז עט־שמעט?... נאָך אַ טאָג, נאָך עטלעכע טעג וועלן מיר זען, וועמענס ווילן איז שטאַרקער. גישקשה, עס הייבט מיך נישט אָן צו אַרן!... אַי־אַי־אַי! — טוט זיך פּלי־צעם רב אָשר אַ כאַפּ, קראַצנדיק זיך ביי דער פּאה מיט אַ זיפץ. — עס הייבט מיך נישט אָן צו אַרן, זאָג איך. אוי, אַרט מיך, זייער שטאַרק אַפּילו — הייַנט איז דאָך דאָנערשטיק, אַז אָך־און־ווי מיר!

דאָנערשטיק איז אַ שווער־ער טאָג פאַר אַ יידן. דאָנערשטיק בעט דאָס ווייב געלט אויף שבת. אַז אָרעמער ייד דאָנערשטיק איז דאָס וואָס אַ בייזע פליג, אַ זלידנע, סוף זומער: עס קריכט, זוכט, גישטערט, שטעקט אַריין דאָס נעזל אין איטלעכער זאַך, אייַנשטעלנדיק זיך פּשוט דאָס לעבן. נאָך אַלע שווערע מי רב אָשר דעם מעקלערס, נאָך זיין אַרומלויפן אין פאַר־טראָגנקייט הו־האַ טאָג ווי נאַכט, האָט ער געלעבט אין נויט, און אַלע דאָנערשטיק פלעגט אים, ווי אַלע יידן אביונים, די נשמה אויסגיין פאַר אַ גראָשן, ביז אים פלעגט געראָטן ביי איינעם אַ באַקאַנטן צו דערטאַפּן עטלעכע גילדן אַ גמילות־חסד. און אין דעם דאָנערשטיק גראָד איז אים געווען ערגער נאָך ווי תמיד, ווייל ס'איז שוין נישט געווען מער ביי וועמען צו לייען. פאַלט אים איין — רפאל! בעטן הייַנט אַ גמילות־חסד ביי רפאלן. און דאָס האָט פיל געהאָלפן, ער זאָל זיך איבערבעטן מיט רפאלן, מוחל זיין אים, וואָס ער האָט אים פּוגע בכבוד געווען. „אַ ייד טאָר נישט ברוגז זיין“ — טראַכט ביי זיך רב אָשר, אויסשטעלנדיק אין געדאַנק אַ קלוג שמועסל מיט רפאלן. אָנהייבן זאָל זיך עס גלאַט אַזוי זיך, אין דער וועלט אַריין, עס וועט זיך אַזוי קייקלען, קייקלען, ביז עס וועט צוקו־מען צו דער מטבע — אָט דאָס וואָס מיינט דער פּסוק!... ער גלעט זיך דאָס בערדל, משונה הנאה־האָבנדיק, גלייך ווי אַ געפילט העכטל ליגט פאַר אים אויפן טעלער און דער ריח פון שבתדיקע מאכלים פאַרגייט אים אין נאָז אַריין. און ווי ער שטעלט אַ פוס, גרייט צו גיין, דערזעט ער פונדערווייטנס פאָרנדיק רפאלן, און קענטיק אין פּנים, אַז ער איז שטאַרק פאַרטראָגן, פאָרט גיכער אָפּאַרבעטן אַ געשעפט. רב אָשרן האָט עס געגעבן אַ קלאַפּ אין הארצן, ער בלייבט פאַרטאַפּט, אויפעפענענדיק דאָס מויל און אויפשטעלנדיק די נאָז.

„דאָס איז נישט גלאַט אַזוי זיך אַ פּאָר, — טראַכט איבער ביי זיך רב אָשר, — אוי, פאַרשטיי איך! איך פאַרשטיי, נישקשה, וואָס איז אויף אים אַזוי דאָס איילעניש. שווער מיך אָפּצונאַרן, דאָס לויפט ער אָפּמאַכן דעם עסק אָן מיר. אוי,ווי זאָל איך עס אויסהאַלטן, נישט משוגע צו ווערן, אַז איך זע, ווי מיין מי גייט פאַרלוירן? איך לייג פאָר דעם עסק, טו, אַרבעט, קריך אויס דער הויט, רעד־רעד, ווער צעזעצט רעדנדיק, און ער... ער מיינט, איך בין אַ קינד, אַ מלופּום־קינד בין איך, מעג ער מיט מיר טאָן, וואָס ער וויל. ניין, ברודערל! איך האָב אַ נאָז און שמעק, פונדערווייטנס שמעק איך אָן“.

און רב אָשרס נאָז טוט זיך אַ קרים. דער צאָרן איז גרויס, נאָר היינט איז דאָך אָבער דאָנערשטיק. די ליידיקע קעשענע, די ביטערע נויט דערמאָנען רב אָשרן, אַז אַ ייד אַ קבצן טאָר נישט אין כעס זיין, מוז אָננעמען פאַר ליב אַ פּאַטש אויך. וויפל יענע זאָלן אים נישט קרייוודען, צופּן, רייסן, מוז ער די ווייטעקן טראָגן שטיל אין זיך, אַרונטערלייגן זיך אונטער יענע שיינע לייט, זיי נאָך בענטשן — מאַריך־ימים זאָלן זיי זיין, און לויבן אין טאָג אריין מיט אַ זיס פריילעך פּנימל כלומרשט.

און רב אָשר האַלט איין דעם כעס, גלייכט אויס די נאָז, נעמט אויף זיך אַרויף אַ זיסע ליכטיקע צורה און לאָזט זיך אין אַ פּאָר שעה אַרום גיין צו רפאלן, הייבן ביי אים אַ גמילות חסד לכבוד שבת. — נאָר ווי איז אים און דעם פינצטערן מזל זיינעם — נישטאָ רפאל אינדערהיים! ער פּוילט זיך נישט גיין נאָך אַ פּאָר מאָל, און אַלץ טאַקע — נישטאָ רפאל! איין גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, ווי שטאַרק אָנגעזאַלצן רב אָשרן איז געווען אויפן האַרצן. איז דער טאָג אים פאַרגאַנגען אין צרות, דערפאַר האָט ער אין אָוונט זיך אַ ביסל אונטערגעהעצקעט.

ס'איז געווען „ליהודים“ — אַ שמחה, אַ פרייד אויף יידנס קעפּ!

ראש־חודש אָב צום מולד האָט זיך געענדערט די „פּאָגאָדע“, פּונקט פאַרקערט ווי דער לוח שרייבט. דאָרט שטייט: שיינע, לויטערע טעג, מיטאַמאָל גאָר איז קעלט און רעגנס ווי אָסיענצייט. יידן קריכן, נעבעך, ביזן האַלדז ווייט אין די גלופּסקער בלאָטעס מיט די שיך און זאָקן, און יידישע טעכטער מיט די זיידענע קליידער און גילדענע בראַסלעטן. מילא אויף קליידער, וואָס ווערן פאַרשמירט, פאַרשלומפּערט, איז דער ווייטעק נאָך נישט אַזוי גרויס, וואָרעם דערויף זענען זיי דאָך לאַנג, אומגעלומפּערט, כדי טאַקע אַרויפנעמען אויף זיך די בלאָטע; ווי געטאָן האָט יידן דאָס האַרץ — אויף דער לבנה, נישטאָ די לבנה! יידן חלשן כאָטש אויף איין מינוט אָנקוקן איר ליכטיק פּנים, ס'טייטש, ס'איז שוין אוועק דער ערשטער קוואַרטל, זי איז שוין אויף דער צייט, אונטערגעוואַקסן, ווי מע באַדאַרף,

ראוי־לברכה, טאַקע נעם און זיי זי מקדש כרת־ישראל, גאַנץ יירושלער — און זי באַהאַלט זיך, עפּעס נאָר טאַקע, ווי זי שעמט זיך... פּלוצעם הייבן אָן האָנערשטיק פאַרנאַכט קרייען די העגער, עס טוט אַ בלאָז אַ ווינטל, עס צעגייען זיך די וואָלקנס, און א שיינע, קלאָרע לבנה, ווי אן אויסגעצוואָגענע, אויסגעפּוצטע כלה, טרעט ארויס האָפּערדיק, באַגלייט פון דער גרויסער משפּחה שטערן, פיינע מחותנים, איינגעטונקטע אין גאָלד, און בריליאַנטן, און גאַנץ גלופּסק מיט אירע קאַלוושעס באַקומען אַ שיינענדיק פּנים. עס פינקלט, עס לויכט אומעטום! יידעלעך לויפן אָנזאָגן די בשורה, אונטער־טרייבנדיק איינער דעם אַנדערן: גיכער, פייטל! אהער, אהער, זרח, גרונם, סענדער, פישל! בערל דער שוסטער הייבט זיך געשווינד אויף פונעם קלעצל, שמערל דער שניידער לייגט אַוועק די אַרבעט, פאַרשטעקנדיק א״ז לאַץ די נאָדל, לויפן ארויס און שטעלן זיך קוקן דער לבנה אין איר ליכ־טיקער צורה. דאָס גאַנצע געזעמל צעשאָקלט זיך, שרייענדיק אויף אַלערליי מיני קולות. עס לאָזן זיך הערן בייקולכלעך דינינקע פון קליינע יינגלעך, גרעבלעכערע פון בחורים, גראָבע, הייזעריקע, פאַרלעגערטע, באַסאָווע אויף דער געמבע פון אלטע, באַטאָנטע, גרייז־גרויע, פאָנפעוואַטע, לאַנגנעזיקע און ברייטבייכיקע באַלעבאַטים. די לבנה גייט זיך איר וועג און יידן שפּרינ־גען, העצקען זיך איר אַקעגן לעבעדיק, פריילעך.

אויך אונדזער רב אָשר העצקעט זיך אויף די שפּיץ־פינגער צווישן דעם געזעמל. דערזעענדיק דאָרט לעבן זיך רב אברהמען, טוט ער זיך צו אים אַ בוק עפּעס משונה, זאָגנדיק מיט אַ ניגון דריי מאָל:

— שלום־עליכם!

— שלום עליכם, עליכם שלום! — ענטפערט אָפּ רב אברהם, מפסיק זייענדיק אינמיטן ווו ער האַלט. און אין אַ מינוט אַרום בייטן זיך די יוצרות. רב אברהם קערט אוים דאָס פּנים, זאָגנדיק מיט אַ בוק דריי מאָל „שלום־עליכם“ רב אָשרן, און רב אָשר ענטפערט אים אָפּ „עליכם־שלום“ בשעת אונטערהעצקען זיך ביים „כשם שאני רוקד“ אַקעגן דער לבנה.

און ווי זיי העצקען זיך דאָביידע, בוקן זיך און זאָגן שלום־עליכם איינער צום אנדערן, פאָרט געשווינד פאַרביי זיי א פאַיעטאָן מיט דריי פאַרשוינען אינעווייניק. רב אָשר דערקענט באַלד דאָרט רפאלן און ווערט פאַרצאַפּלט מיט די ביינער. עס ענדערט זיך אים דאָס קול, גלייך ווי אַ ביין וואָלט זיך אים געשטעלט אין האַלדז, פון גראָב ווערט עס דין, און ער לאָזט אויס דאָס דאַוונען מיט א וויינענדיקן פישטש. די נשמה זיינע ווייגט אין אים, פאַר גרוים ווייטעק און פאַהדראָס, וואָס רפאל נאַרט אים, מאַכט שטילערהייט אָפּ געשעפטן אָן אים. ער שטשירעט אויס איין אויג אויף רב אברהמען, קוקט אים אָן שאַרף, טראַכטנדיק ביי זיך: מע באַדאַרף

דיך גוט אויסטאַפּן. איך וועל דיך, פעטער, נעמען אויפן צימבל. פון דיר וועל איך מיך דערגיין אַלצדינג!

ייִדן ענדיקן דאָס דאַווענען און שפּייען אויס, פונאַנדערגייענדיק זיך איטלעכער צו זיך אַהיים. רב אַברהם שפּייט אויך אויס און וויל גיין זיין וועג, נאָר רב אָשר נעמט אים אָן בייַ דער פּאָלע און זאָגט:

— וואָס איילט איר זיך אַזוי, רב אברהם? וואַרט אַ ביסל, זייט זשע מוחל, וועלן מיר גיין צוזאַמען. איר גייט דאָך אַהיים.

— ס'טוט מיר זייער לייד, וואָס הייַנטיקס מאָל האָבן מיר צו גיין נישט אויף איין וועג, — מאַכט רב אברהם. — איך גיי צו חפאלן, גיי איך איצט.

— אָך, זייער גוט! — זאָגט רב אָשר, א סמארע געבנדיק מיט דער נאָז פאַר גרויס הנאה. — אויב אַזוי, וועל איך אייך באַגלייטן, און גייענדיק וועל איך דערווייל שמועסן מיט אייך וועגן עפּעס אַן עניִן.

— מהיכא־תיתי, אז איר ווילט זיך מטריח זיין, אָך!

— מה נאמר ומה נדבר, וואָס זאָל איך זאָגן, וואָס זאָל איך רעדן? — הייבט אָן ר' אָשר גייענדיק זיין שמועס פול מיט שמד־שטיק. — אונדזער באַגעגענען זיך דאָ הייַנט רב אברהם, איז מן־השמים, טאקע נאָר פון גאָט. באַגעגענען אַזאַ מענטשן ווי איר באַלד נאָך קידוש־לבנה איז א גוטער סימן, ס'וועט, אם־ירצה־השם, זיין א מזלדיקער חודש, אָמן. הלוואי, רבונו־של־עולם! איך זאָג תמיד, אומעטום, אין מארק, אין די קאַנטאָרן, זאָג איך: נאָר ביי אייַגעם איז דאָך דאָ דער אמת, יושר, גערעכטיקייט און דאָס פּינטעלע ייִדישקייט. און ביי וועמען? — ביי ר' אברהמען! אוי, רב אברהם, רב אברהם, איז עס הייַנט א צייט, ר' אברהם! וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר... איר ווייסט אייך אייער בית־מדרש, איר זיצט על־התורה ועל־העבודה, לערנט, דאַווענט, אז ווויל איז אייך! אוי, ווען איר זאָלט וויסן אונדזערע סוחרים, די קרעמער, די מארק־מענטשן אונדזערע — זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר די רייד — אַלצדינג מעגן זיי. נישטאָ קיין וואָר וואָרט ביי זיי, יאָ איז נישט יאָ, ניין איז נישט ניין, א שבועה נישט קיין שבועה. „ויאמר" איז דער טייטש געבולן, „וידבר" — מאַניפאָרגע, הענטשקע־לשון, אַזוי אַלץ היגטנאַרום, הינטן־אַרום. איטלעכער, מיינט נאָר זיך, זיין טובה, די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר פאַר אים, פאַר אים אייַנעם. אין פלוג, אָנקוקנדיק זיי, זענען זיי, דאַכט זיך, מענטשן, פייַנע בריות, פירער גאָר... וואָס העלפט דאָס רעדן — הכל הבל, ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט! מיינט איר דאָך, אוודאַי קאָנט איר דאָך מיינען, אז ער... רפאל אייערער, למשל... —

שטאַמלט ר׳אשר נישט ענדיקנדיק זיינע ווערטער, שטעלט אוים די אויגן אויף ר׳אברהמען שווייגנדיק, צו זען, אויב ער פאַרשטייט זיך אויפן ווונק און אויב דער ווונק איז אים לרצון, און מע מעג ארויסזאָגן זיך פאַר אים שוין מאַקע גרעבלעך.

— וואָס ער? וואָס, אַשטייגער, רפאל מיינער, למשל? — פרעגט רב אברהם אויפגעבראַכט. — האַ, אפשר איז רפאל קיין אָרנטלעכער מאַן נישט?!

— יאָ-יאָ, רב אברהם! האָט איר דאָך, איך בעט איבער אייער כבוד, האָט איר מיך דאָך נישט פאַרשטאַנען. אדרבא, פאַרקערט! דער פשט פון מיינע ווערטער איז אזוי: קאָנט איר דאָך מיינען, אז רפאל, רב רפאל אייערער, איז אויך למשל ווי יענע לייט? חס-ושלום! האָט קיין טעות נישט! זאָג איך אייך, ער איז אַ צדיק תמים!... ביי „חקרנים” איז נאָך דאַ אויך יושר. אַ וואָרט איז ביי זיי אַ וואָרט. איך האָב אים ליב, באמת ליב. פון זיינעטוועגן בין איך גרייט כאָטש אין פייער, אין וואסער. איר מעגט עס אים מאַקע איבערגעבן. נישקשה, דאָס וועט נישט הייסן קיין רכילות... יאָ, אָבער, — שטעלט זיך אָפּ אין מיטן שמועס רב אָשר מיט אַ זיפץ, ווי ס׳איז אים שווער ארויסצוזאָגן, — אָבער ס׳איז אַ ווייטעק צו זאָגן, ער... רב רפאל אייערער, איז אַ ביסל נישט יוצא אָקעגן מיר...

— מיט וואָס, אַשטייגער? — שטאַמלט נישט, רב אָשר, רעדט ריינע ריבורים.

— טאָ, אז איר פאָדערט אזוי, מוז איך אייך זאָגן, רב אברהם, — מאַכט רב אָשר מיט אַ קנייטשעלע, ווי ער טוט עס נישט גערן. — וועמען זאָל איך זאָגן, ווען נישט אייך, רב אברהם?... איך בעט אייך, וואָס, אַ שטיי-גער, וואָלט מעלתו געזאָגט, ווען מעלתו, איר הייסט עס, וואָלט פאַרגע-לייגט איינעם גוטע עסקים, רעאַלע, געטאַן, געאַרבעט, אָנגעטערט זיך ווי אַ פויק און לסוף וואָלט יענער שטילערהייט אָפּגעמאַכט די עסקים שאַ-קימש? איר פאַרשטייט דאָך אַצינד אָקעגן וועמען איך רעד...

— איר האָט אַ טעות, רב אָשר! רפאל איז נישט דער מענטש צו טאָן אַזוינס. ניין, ניין!

— און אז יאָ, אויב אַזוי, ווי איך זאָג, וואָס וועט זיין?

— וועל איך געבן קנס, וויפיל איר אליין וועט הייסן.

— אויב אַזוי, זאָל מעלתו זיך מטריח זיין צו דערגיין, וויהין איז ער עס היינט אַזוי פאַרטראָגן, גאָר אין איין אָטעם ארומגעפאָרן דעם גאַנצן טאָג. נאָר, שאַ! זאָל עס בלייבן צווישן אונדז. פאַרזיכערט איר מיך דערוויף, רב אברהם, מיט אייער וואָרט, בהן שלכם, מיט אייער הן?

— כהן שלי! — נו, אַט זענען מיר שוין געקומען, רב אָשר. אַ גוטע נאַכט!

— וואָס דענקט איר, רב אברהם, אפשר זאָל איך אויך אַריינגיין, אַז איך בין שוין דאָ, האַ?

— אַז איר ווילט, מהיכא־תיתי. ווער לאָזט אייך נישט? קומט!

רב אָשר גייט אין אַנגסטן הינטער רב אברהמען און איז אים מכבד מיט עפענען די טיר.

— פאַרשלאָסן! — זאָגט ר' אברהם. — רפאל איז נישטאָ אינדערהיים.

— אָ־וואַ! — קרעכצט רב אָשר און שילט אין הארצן דאָס פינצ־טערע מזל זיינס — וואָס טוט מען אַצינד?

— גאָרנישט! — ענטפערט רב אברהם ווי אַ תם. — אַצינד גייט מען אַהיים שלאָפן. אויסרוען זיך נאָך אַזאַ טאָג אַרבעט. איך באַדאַרף נאָך אריין אין אַן אָרט, וועל איך מיך דורכגיין דורך דעם הויף אויף דער אַנדערער גאַס. אַ גוטע נאַכט!

— וואַרט, זייט מוחל, וואַרט אַ ביסל, רב אברהם, ע־ע־ע! — מאַכט רב אָשר ווי מיט אַ האַלבן מויל, קראַצנדיק זיך ביי דער פאה, — אָ־וואַ, שלעכט, ערב שבת... פאַרשטייט איר? איך קאָן נישט, אוי־וויי, קומען אַהיים... אפשר געפינט זיך, אפשר ביי אייך עפעס געלט? בים־בים־בים!

— מיין גאַנץ פאַרמעגן נאָר אַ קליינִיקייט. ווילט איר, קאָן איך עס אייך לייען, — זאָגט רב אברהם, אַריינלייגנדיק די האַנט צו זיך אין קעשענע.

די לבנה האָט צוגעזען פונעם הימל די דאָזיקע טרויעריקע סצענע, איז געווען אַן ערות, ווי יידן, מישטיינס־געזאָגט, זענען זיך מפרגם; ווי רב אָשר, דער הויף־מעקלער, וואָס איז שטענדיק פאַרטראָגן אין געשעפט, האָט מיט אַ ביטערן זיפץ אריינגעלייגט אין קעשענע דעם גמילות־חסד, וואָס ער האָט באַקומען ביי רב אברהמען אויף שבת. און נאָך אַזויפיל אַרבעט, נאָך אַזויפיל אַנלויפן זיך ווי אַ הונט אַ גאַנצן טאָג, איז ער מיט עטלעכע גראָשן, נישט זיינע, געקומען מיד, צעבראָכן אַהיים, צום ווייב און קינדער...

די לבנה האָט געזען דעם דאָזיקן יידן, זיין קאַפּדרייעניש, זיין נויט, דאָס ביטערע עלנט זיינס, און איז זיך געגאַנגען אומעטיק פאַרטראַכט:

און דער הונט דאַרט, אוי־וויי, דער הונט דאַרט בילט!...

דאָס פינפטע קאַפּיטל

ארויסגייענדיק אין גאַס, אויף יענער זייט הויף, האָט רב אברהם דערזען, ווי רפאל שטייט און רעדט דאָרט מיט דעם אייגענעם ווייבל, וואָס איז צו אים געקומען היינט בייטאָג. איר שיינענדיק פּנים ביים אָפּגלאַנץ פון דער לבנה נעמט זיך אויס אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט, ווי אַ ווייס געמאָלט בילד אויף אַ שוואַרצן גרונט, און באַקומט דאָרורך נאָך מער חן. ער קוקט זי אָן — און די בילד־שיינע „שולמית“, וואָס אין „שיר־השירים“, טרעט פאַר אים אין געדאַנק אַרויס מיט די אַלע פּסוקים, אַלע ליבּ־ווערטער וועגן איר דאָרט, וואָס היינטיקס מאָל איז עס אים נישט גלאַט אַזוי, אַ משל אָקעגן די כנסת־ישראל, נאָר טאַקע פּשוט אַ שיין ווייבל. רב אברהם טוט זיך אָן אַ נויט, לאָזט אַראָפּ די אויגן, דערהווייטערנדיק זיך, גלייך ווי נישט באמערקט. נאָר רפאל אָבער האָט אים יאָ באמערקט, גייט ער צו, גיט אים דעם שליסל און זאָגט:

— נאַט, גייט אַריין, זייט מוחל, צו מיר. איך וועל באַלד אָנקומען.

די לבנה קוקט דורכן פענצטער אין שטוב אַריין, און אַ ברייטער פאַס פון גילדענע פליטערלעך ציט זיך פון איר צו רב אברהמען, גלייך ווי ער עפנט די טיר. די גילדענע פליטערלעך קלעטערן טאַנצנדיק אַרויף אים אויף דער ברוסט, אויפן האַלדז, פון דאָרט אויף דער באָרד, אויפן קאָפּ. און מיני געדאַנקען, משונהדיקע, שטופּן זיך מיט געוואַלד אַריין צו אים אין האַרץ, פּאַרפּירנדיק ווי מיאוסע קונדסים. דער יצר־טוב, נעבעך, ראַנגלט זיך מיט די דאָזיקע קונדסים, טרייבט זיי, אָבער עס העלפט נישט — די „שולמית“ גייט נישט ארויס אים פונעם האַרצן.

— וואָס איז עפּעס אינדערפינצטער, רב אברהם? — זאָגט רפאל ביים אַריינקומען. — פאַרוואָס האָט איר נישט אָנגעצונדן קיין ליכט?

— ס'איז מיר גוט אָן ליכט אויך, אַזוי ביי דער שיין פון דער לבנה.

— איך זיץ אויך אַמאָל אַזוי ביי דער שיין פון דער לבנה מיט גרויס פאַרגעניגן, — זאָגט רפאל זעצנדיק זיך לעבן רב אברהמען. — אין דעם דאָזיקן פאַס ליכט, דאכט זיך מיר, זע איך אַ העלן לייטער פון דר'ערד ביזן הימל, און די געדאַנקען מיינע קלעטערן אויף אים, ווי די מלאכים, אַרויף און אַראָפּ. דאָס האַרץ פילט, ווי עס לאָזט זיך אים הערן פונדערווייטנס אַ גרוס ערגעץ פון אַ געבורטס־אָרט העט אַמאָל, אַמאָל נאָך גאָר פאַר־צייטנס. עס טרוימט זיך אים עפּעס נישט דייטלעך־קלאָרע זאכן, עפּעס ווי פאַרגעסענע, אַלטע, אַ וועלט מיט יאָרן. עפּעס בענקט עס, גלוסט עס, נישט צו וויסן וואָס און נאָך וואָס... איר פילט דאָך, רב אברהם, די טיפ־קייט פון דעם ענין, וואָס אומעטגלעך ארויסצוזאָגן אים מיט ריינע ווער־

טער. איך זאָג תמיד, אז איר זייט א פּאָעט און די חסידות אייערע איז געשליפענע פּאָעזיע. אמתע רייגע חסידות דערהייבט דעם מענטשנס גייסט, ווארעמט אים, גיט אים אונטער פייער, התלהבות הייסט עס, ווי גוטער אלטער וויין, און פארטראָגט די נשמה העט־העט אין די הויכע עולמות אריין, אין יענע הייליקע וועלטן, וו ס'איז דאָ טרייסט, רו און אייביקער פרידן... דאָס אלצדינג איז טאקע זייער גוט, פונדעסטוועגן א ליכט אָנ־צינדן באדארף מען פאָרט.

— טא, אויב איר ווילט! — מאכט רב אברהם, א כאַפּ טוענדיק זיך, ווי ער וואָלט אויפגעשטאַנען פונעם שלאָף.

— אַצינד זענען מיר דאָ, אויף דער וועלט, — זאָגט רפאל, אָנצינדנ־דיק א ליכט. — ס'איז דאָ נייעס, רב אברהם! דער יתום איז באַפרייט.

— ווער?... דער „שקאָץ“?!

— דער שקאָץ! אויך דאָס מיידל האָט זיך געפונען.

— געפונען!... וו איז זי געווען?

— אין אזא אָרט, וו צדיקים שטייען דאָרט נישט. עס האָט געקאָסט געגוג מי צו באַפרייען זי פון יידישע הענט. אַ נס וואָס ראָס פּריילין האָט זיך אונטערגעכאַפּט. זי האָט געראַטעוועט.

— זי! אָט די, וואָס איז היינט געקומען צו אייך? דאָס האַרץ אָבער האָט מיר געזאָגט, אַז איר קומען איז נישט אומזיסט. איך בין זיך מודה, אַז פון דער צייט, וואָס איך האָב זי געזען, איז זי מיר נישט אַרויס פונעם זין. זי האָט געטאָן אַ גרויסע מצווה, „יהי חלקי עמה“, אויף מיר געזאָגט געוואָרן אַ חלק עולם־הבא, וואָס זי האָט דערמיט פאַרדינט!

— אויב איר ווילט, רב אברהם, זיין אַ שותף, האָבן מיט איר אַ חלק אין עולם־הבא, מוזט איר דאָך כאָטש וויסן איר ביטערן חלק עולם הזה, ווי ביטער איר איז דאָ.

און רפאל נעמט זיך דערציילן רב אברהמען די מעשה מיט ביילען און מיט דער טערקיניע, דורך וועלכער ביילע האָט זיך אויפגעזוכט ביי פּיוול דעם קליינעם אין הויז, וו די מומע שיינציע האָט זי באַהאַלטן, אויסלאָזנדיק די טרויעריקע געשיכטע, שטאַרק אויפגעבראַכט מיט אַזוינע שטעכעדיקע ווערטער:

— אָט האָט איר אייך אייערע יידעלעך! שיינע מעשיות, עפּעס נאָר טאַקע ווי אין סדום.

רב אברהם זיצט צעקאָכט ווי אַ אָפּגעבריטער, פאָכענדיק מיט דער יאַרמעלקע איבערן קאָפּ און זייער משונה אָנקוקנדיק רפאלן.

— וואָס איז, רב אברהם, אייך געפעלט נישט, אפנים, וואָס איך זאָג, ווי אין סדום?

— אַוודאי, אַוודאי! זאָגט בעסער, ווי אין גלות. ס'איז אַ גרויסער חילוק. אין סדום זענען די מענטשן, ווי אין פּסוק שטייט, בטבע געווען שלעכטע און זינדיקע. אין גלות אָבער מאַכט מען פון גוטע מענטשן שלעכטע, פון פרומע — זינדיקע. גויט, זאָגן אונדזערע הייליקע חכמים, צווינגט דעם מענטשן צו האַנדלען אַי אַקעגן זיין פאַרשטאַנד, אַי אַקעגן גאָט. גויט, איז דאָ דעם עולמס אַ ווערטל, גויט ברעכט אייזן.

— מילא, ווי די מעשה איז, אַזוי צי אַזוי, די זינד בלייבט אַ זינד. דאָס יידישע פאָלק צייכנט זיך דערווייל מיאוס אויס.

— אָט דאָס איז טאַקע די צרה, וויבאַלד אויף דעם, אויף יענעם אַ חטא, איז שוין כל־ישׂראל!... דאָס פאָלק ישׂראל וואָס — האַ, האָט געטאָן?

— אָט דאָס טאַקע איז דער חטא זיינס, וואָס עס האָט נישט געטאָן, טראַכט נישט צו טאָן און נעמט נישט קיין מיטל אַקעגן די מיאוסע זאַכן, וואָס טוען זיך ביי אים.

— אַי־אַי, כ'לעבן! — זאָגט רב אַברהם, קרימענדיק זיך. — ווילט איר, הייסט עס, אַז רבנים, דיינים וכדומה אַזוינע כשרע, לייטישע מענטשן, זאָלן גיין צו אַ לוי בחור, אַ פּייוול דעם קליינעם אין די הייזלעך, שטראָפן, זיך מיאוס מאַכן דאָרט מיט אַ מומע שיינציע, אַ האָדל די מעקלערין, מיט נאָך חצופות, דראַבקעס אַזוינע, וואָס אַ חרפה גאָר צו ברענגען זיי אויפן מויל? נאָר כבוד שוין אפילו אין דער זייט, מע וועט זאָגן מוסר, וועט עס דען העלפן?

— ווי אַ טויטן באַנקעס, מוסר זאָגן איז ווי פאַררעדן די ציין, ווי אָפּשפּרעכן קדחת, אַזאַ האַפט האָט עס, — זאָגט רפאל צעהיצנדיק זיך און שטייט אויף פונעם אָרט. — אוי, די מוסר־זאָגער, די מוסר־זאָגער! אוי קען איך זיי, אונדזערע מוסר־זאָגער. קאָנען נישט צוזען יענעמס אַ זינד, ווי אַ האָר, און זעען נישט ביי זיך, ווי אַ באַלקן אַ דיקע. גענוג, איבער־גענוג מוסר־זאָגער ביי אונדז. גישט זיי באַדאַרפן מיר האָבן, נישט אין אָפּענע מיילער געניטיקן מיר זיך. די דאָזיקע סחורה, און כמעט נאָר די דאָזיקע, איז ביי אונדז דאָ זייער פיל, ברוך־השם. מענטשן טוערס ברויכן מיר צו האָבן, מענטשן אַרבעטער, פאַרשטענדיקע, פּראַקטישע, וואָס באַדאַרפן טאָן, די זינד נישט צוצולאָזן, וואָס באַדאַרפן אָננעמען מיטל, זיך שטעלן אַקעגן די הענדלער מיט לעבעדיקער סחורה, וואָס פאַרפירן יידישע טעכטער. דאָס זענען די שרצים, וואָס ווימלען אין דעם שמוץ, אין די אָנגעמאַכטע, פון פרעמדע און פון אייגענע, פאַרשימלטע בלאָטעס. דאָס זענען די ווערעם אין אונדזערע וווּנדן, אין אונדזער צעפּאַלן לייב, צעריסענע

גלידער און פוילע ביינער! פון יענע פאַררופענע ערטער שרייען אַרויס צו אייך, יידן, אומגליקלעכע נפשות — יידישע טעכטער, אייערע שוועסטער, געפאַנגענע, אין דער נעץ אריינגעגאַרטע! נפשות פאַרפירטע, קרבנות, נעבעך, וואָס זאָטע לאָזן זיך ברענגען פון הונגעריקע, געבאַלעוועטע — פון אָרעמע, נויטבאַדערפטיקע! טוט, טוט עפּעס פאַר אייערע אריינגעפאַלענע, אומגליקלעכע שוועסטער, יידן!

— גרינג צו זאָגן! וואָס קאָן א פאָלק א דערשלאָגנס, א דערנידע־ריקטס, נעבעך, טאָן? אין חבוש, קיין געפענטעטער, מוציא עצמו. קאָן זיך אליין נישט באפרייען מבית־אסורים, פון דער תפיסה, זאָגן אונדזערע חכמים.

— קיין כלל פונדעסטוועגן איז עס נישט, קיין דין אויך נישט. אין לעבן געשען פיל מאָל זאַכן, וואָס פונקט פאַרקערט. די נויט גיט איין דעם מענטשן שכל און קראַפט צו טאָן אַזוינס, ווי פון איר פטור צו ווערן. ווי־פל, אַשטייגער, געפענטעטע בינדן זיך אויף און ווערן פריי. ווער עס זיצט פאַרלייגט די הענט און וואַרט אויף הילף, דער איז נישט ווערט געהאָלפן צו ווערן. יושר, רחמנות — דאָס זענען פונקען, וואָס פליען פונעם האַרטן קרעמען, אַז מע שלאָגט אים, שלאָגט מיט דעם שטאָל. — קומט, רב אברהם, קומט צו די קינדער.

— ווו זענען זיי, די קינדער?! — פרעגט רב אברהם, גיך אויפהייבנ־דיק זיך פונעם אָרט.

— איך האָב זיי אריינגעפירט צו רייזען. זאָלן זיי עסן און זיך אויס־רוען דערווייל אַ ביסל.

דורך דער אָפענער טיר שטעקט עמעצער אַריין די הענט מיט אַ בריוו. רפאל נעמט, עפנט דעם בריוו און די פאַרב קומט אים אין פּנים אַריין — דאָס איז אַ בריוו פון כאַנציען, אין וועלכן זי גיט אים צו וויסן, אַז די מאַמע איז היינט אַוועקגעפאָרן צום טונעי־אַרעווקער, זאָל לעבן, וועגן מאַכן אַ שלום, אַ גוט לעבן צווישן בענציען מיטן ווייב, מיט איר, הייסט עס, און דער טאַטע איז געפאָרן זי ביז העלפט וועג צו באַגלייטן. לכן, איז איצט דאָ אַ גוטע געלעגנהייט צו רעדן וועגן זייערע זאַכן. זי וואַרט אויף אים, שרייבט זי, היינט אין אָוונט.

רפאל גייט צוזאַמען מיט אברהמען ביז דער טיר פון רייזעס הויז, דאָרט שיידט ער זיך מיט אים און גייט זיין וועג.

פאַרוויסט, פאַרזאָרגט איז ביילע געזעסן ביים טיש, ווי אייגע, וואָס איז געווען מסוכן קראַנק און איז ערשט אַראָפּ פונעם בעט. שטיל, אָפּגע־שוואַכט איז זי געזעסן אין אַ מין משונה קליידל מיט נאַקעטע אָרעמס און אַ פינצטער טרויעריק פּנים, אַזוי ווי עס וואָלט דערציילט די ווייטעקן

אירע, די יסורים, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען; דערציילט נישט מיט שטעכ־ווערטער, מיט פּאַחדראָס, נאָר מיט אַ בקשה, אַ בעטן זיך רחמים. זי האָט נישט אָפּגעזאָגט רייזען צו פאַרזוכען א ביסל יויך, ווי א קראַנק קינד טוט צוליב דער מוטער און נעמט איין אַ לעפעלע פונעם רעצעפּט, וואָס זי גיט אים. און הערשעלע, ער שטייט אקעגן איר, קוקט מיט ליבשאפט, נישט רעכט גוט נאָך צו פאַרשטיין דעם טעם פונעם שרעקלעכן ווייטעק, וואָס איז איר געשטאַנען אויסגעדריקט אויפן פּנים, אויף די בלאַסע ליפּן. און וואָס אייגנטלעך איז אַזויגס געלעגן אין די טרערן, וועלכע האָבן איר גע־טריפט פון די אויגן אין דעם לעפל געקעכטס, ביי איטלעכס מאָל צוטראָגנ־דיק עס צום מויל. דאָס האַרץ האָט אים געצויגן צו איר, געצויגן שטאַרק מיט אַלע כוחות, עס האָט זיך אים געוואָלט האלדזן זי, ליובען זי, אויסגיסן זיך אין טרערן מיט איר אינייגעם, און ווען מע וואָלט אים געזאָגט: טו זי אַ קוש און שטאַרב! וואָלט ער עס געטאָן גערן בשמחה־רבה. האָך איז ער אָבער געשטאַנען פונדערווייטנס, נישט צו רירן זיך פונעם אָרט, פאַר גרויס בושה. די בושה איז אַזוי שטאַרק ביי יידישע קינדער, אַז זי מאַכט זיי פאר גרויסע עקשנים, דער טויט מעג זיך זיין נישט ארויסצווייזן עפנט־לעך די ליבע... ער איז געשטאַנען און זיך געשעמט, געכאַפּט נאָר פונ־דערווייטנס בגנבה אויף איר א קוק. רב אברהם מיט רייזען זענען גע־שטאַנען באַזונדער אין אַ ווינקל, זי — קלאַפּנדיק זיך אַלץ אין האַרצן און ווישנדיק די נאָז, מיט א פּאָר איבער דעם ארבל, און ער — רייבנדיק זיך די אויגן, פאַרלאָפענע מיט טרערן. ביידע שאָקלען מיטן קאָפּ, אַמאָל אויף ביילען, אַמאָל אויף הערשעלען... רב אברהם גלעט די באָרד, רייבט דעם שטערן — און דאָס האַרץ וויינט אין אים, שרייט: אוי־וויי, רבונו־של־עולם, קוק און זע אונדזערע בזיונות, די בזיונות פון דיין פאָלק ישראל!

דאָס זיבעטע בוך

דאָס ערשטע קאַפּיטל

פרייטיק. אַ שיינער פרימאָרגן. ליכט, וואַרעמקייט און אַ שיינעדיקער הימל. דער רעגן, וואָס האָט געגאָסן ביי דער נאַכט מיט דונערן און בליצן, האָט אָפּגעפרישט די אַלע געוויקסן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן געלבלעך צו ווערן פון די גרויסע תמוזדיקע היצן, און איבעראַנייעס געוואָרן אָפּגעלעבט, גרין ווי פריער. אַקעגן טאָג כאַפּט זיך אויף אַ ווינטל, עס צעגייען זיך די וואָלקנס. עס ווייזט זיך די זון און די וועלט ווערט אָפּגעטונקט מיט ליכט.

באַשעפעניש אין וואַלד, אין פעלד וואַכן אויף און דערזען פאַר זיך אַ ליבע וועלט: די גראָזן פריש, דיביימער אָפּגעצוואָגן, טראָפּנס טוי פינקלען דערויף, ווי דימענטן — און זיי שעפן גרויס תענוג פון זיי. אַלע לעבעדיקע באַשעפעניש, פונעם קלענסטן ווערעמל ביז די פייגל, גייען אַרויס צו זייער אַרבעט, שמוצערן, צווישערן, שפּרינגען און פליען, קריכן און קלעטערן. און די גלופּסקער פאַרשוינען פעדערן זיך אויף און גייען — בחורים, מיידלעך, קינד און קייט — אַרויס פון דער שטאָט צו דער רויטער קרעטשמע, מיט אַלע מיני כלים אין די הענט, קויכן דאָרט וואָלוועלן בראָנפן לכבוד שבת, ווי דער שטייגער זייערער איז פון תמיד אָן.

און האַרט לעבן וואַלד, ביי דער זייט וועג, וואָס פירט פון גלופּסק צו דער רויטער קרעטשמע, איז ליהודים. מיכאַי דער שבת=גוי, וואָס הייצט ביי ייִדן די הרובעס און לעשט אויס די בענטשליכט שבת, וואָס האַנדלט אָפּ פסח דעם גאַנצן חמץ פון דער שטאָט, — ער הוליעט עם מיט גאַווורילען דעם שטאָט=פּאַסטעך פון ייִדישע בהמות און ביידע זענען לעבעדיק=פריילעך. פאַר גרויס שמחה זינגען זיי דאָס גוטע יונישע לידל מיט אַ ניגונדל פון אַ שיכור, טאַנצנדיק שטאַרק פאַרפלאַמט האָפּ=האָפּ צום טאַקט פון סטעמפּעניום צושפּילן אויפן פידעלע.

אָט דער דאָזיקער סטעמפּעניו איז עפּעס ניט ווי אַלע אַנדערע מענטשן מיט זיין פּנימל, מיט זיינע תּנועות און מיט דעם גאַנצן אויסזען זיינעם, מישטיינס־געזאָגט. ביי מענטשן האָט איטלעכער פאַר זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיין אייגן געשטאַלט, זיין אייגן פּנים, כאָטש פּרימעטעס אַראָפּצונעמען פון אים. אָבער סטעמפּעניו, איז שווער צו זאָגן, וואָס אייגנטלעכער פאַר אַ פּנים ער האָט, ווייל וואָס אַ רגע ווערט עס אַלץ אַנדערש, לויט דעם וואָס אים איז אויף דער לונג, אויף דער צונג, און לויט די אָנשטעלן זיינע בשעת מעשה אין דער מינוט. מאַלפּעס מיט זייער שטייגער נאָכקרימען זיך, האָבן זיך געמעגט באַגראָבן אַקעגן זיינע העוויהלער. ניט תּמיד אָבער האָבן אַלע טיילן פונעם פּנים איינגעם אויסגעדריקט איין זאַך, נאָר אַמאָל האָט איטלעכער פון זיי אויסגעדריקט עפּעס גאָר אַנדערש: בשעת איין זייט פּנים איז פאַרומערט, איז די אַנדערע פול פרייד, איין אויג וויינט, דאָס אַנדערע לאַכט. מעוברתע איז געווען אַ סכנה אָנצוקוקן אים דענסטמאָל, זיי זאָלן ניט מפּיל זיין פאַר שרעק. קיינמאָל האָט מען ניט געזען סטעמפּעניון אין שול ניט אינדערוואָכן, ניט שבת און יום־טוב. אויך האָט מען אים ניט געזען האַלטן יידישקייט. פונדעסטוועגן האָט דאָס קיינעם ניט געאַרט, גאָרניט מאַכנדיק זיך פון אים, גלייך ווי זיי וואָלטן אים אַרויסגעלאָזט פון דער ערבות, און זאָל ער זיך טאָן וואָס ער וויל, גענוג, זיי זענען שוין מער ניט ערב פאַר אים. סטעמפּעניו ווייסט שפּרוכן צו קרחת, צו צאָן־ווייטעק און צו גאָך און מכות. ליבע־פּלעשלעך אַזוינע האָט ער געהאַט, וואָס איין טראָפּן דערפון אַרויפגיסנדיק ביי אַ מאַנסביל אויפן קלייד, אָדער ביי אַ נקבה, איז גענוג געווען, ער זאָל זיי אָנצינדן אַ פייערדיקע ליבע אין האַרצן און אַ סך בעלנים פונעם עולם זענען געווען אויף די דאָזיקע פּלעשלעך זיינע, וואָס זענען באַקאַנט געווען אונטער זיין נאָמען.

א מין פידעלע האָט סטעמפּעניו געהאַט, אויף וועלכן ער פלעגט, מישטיינס־געזאָגט, שפּילן אין די וועלדער, אין די דערפער, אין שענקען און אין אַלע יענע ערטער, ווו שקצים מיט שיקסעס פלעגן טאַנצן אין זייער אַ חגא. ער פלעגט דאָרטן לוסטיק מאַכן דעם עולם אויך מיט פאָקוסן און אָנשטעלן: שלינגען שטיקער פייער און ציען פונעם מויל לאַנגע סטענגעס; צעברעכן אייער אין זיין היטל און אַרויסלאָזן דערפון פליענדיקע טויבן; נעמען עפּעס א מטבע ביי איינעם, א בלאָז געבנדיק אויף איר און זי פלעגט ניט ווערן, און פלעגט זיך דערנאָך געפינען אין קעשענע ביי יענעם; האָט ער געוואָלט — איז פון דער העלער הויט ביי עמעצן געהאָנגען אַ שלאָס אויפן מויל.

סטעמפּעניו איז נישט איינגעזעסן אויף איין אָרט, נאָר ארומגעוואַנ־דערעוועט שטענדיק פון איין אָרט צום אנדערן, ווו עפּעס א געזעמל, אהא, דאָרטן איז ער!

אַצינד שפּילט ער פּאַר מיכאַיען מיט גאַווריִלען. ער ריפּעט אויפן פידל. זיי שפּרינגען, טאַנצן, און ווער עס גייט, שטעלט זיך אָפּ, אַזוי אַז ס'האָט זיך פאַרקליבן אַרום זיי אַ גרויס רעדל פון גלופּסקער עולם, קינד און קייט, וואָס זעען צו די שמחה, וואונדערנדיק זיך, וואָס איז היינט אַזויגס פּאַר אַ יום־טוב, וואָס איז דאָ די שמחה אַזוי גרויס אויף זיי.

און אינמיטן דער דאָזיקער הוה, שפּרינגט פונעם עולם אַרויס אַ יידענע מיט אַ יאָמער, אַ געוויין, ברעכנדיק די הענט און שרייענדיק געוואלד אויף דער פריילעכער קאמפּאניע: אוי, רוצחים, מערדערס... — און פאַלט טאַקע באַלד אין חלשות.

ס'איז אַ מהומה, אַ געטומל, אַ שרעק און אויס שמחה. עס פידלט נישט סטעמפּעניו, מיכאַי מיט גאַווריִלען ניכטערן זיך אויס פאַר שרעק, און דאָס פּנים ווערט זיי בלאַס, ווי די וואַנט.

— ווער איז דאָ, ווער, וואָס? — פרעגט אייגער ביי דעם אַנדערן מיט גרויס וואונדער.

— דאָס איז בתיה, שמואל דעם מאַנדעטניקס ווייב.

בתיה, אָט דאָס איז די יידענע, וואָס איז נעכטן געקומען אין בית־מדרש געוויר ווערן, פאַר וואָס איז איר משהלע, וואָס לערנט דאָרטן, נישט געקומען אַהיים, נישט האָבנדיק אין מויל דעם גאַנצן טאָג. און ווו איז ער? אַז זי האָט אים דאָרטן נישט געפונען און רב אברהם האָט נישט געוואוסט צו זאָגן איר, ווו ער איז, איז זי פון דאָרט אוועק מיט א געבראָכן האַרץ.

די זון איז שוין פאַרגאַנגען, עס איז שוין פינצטערלעך, און בתיה זיצט ביי זיך אין שטיבל פאַרומערט, פאַרזאָרגט אויף איר טייער זונדל, איר גדולה, וואָס איז אַ בענטשונג פון גאָט. זי זיצט אין איינע צרות, פאַרגעסנדיק זיך אין אַלע אַנדערע הויזלעכע זאַכן. זי פאַרגעסט אירע קליינע טעכטערלעך, אַז זיי זענען הונגעריק, אַז ס'איז שוין צייט אָנצוציִנדן אַ ליכט, איינהייצן דעם אויוון און אָפּצוקאָכן דאָס טעפּל געקעכטס אויף ביידער־נאַכט. און די קליינע קינדערלעך זענען אויך פאַרטרויערט, זיצן, פאַר־שלאָגנדיק זיך ווי שעפּעלעך אַלע אינייינעם אין אַ ווינקל, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּעלעך, און אַרויסברענגענדיק פון זיך שטילע זיפצן. און ווע־ווייסט — ביזוואַנען וואָלט בתיה אַזוי געווען געזעסן, ווען נישט די קאַץ, וואָס אויפכאַפּנדיק זיך פונעם שלאָף אויפן אויוון, וואָלט נישט אַראָפּגע־שפּרונגען צו איר אויפן באַנק, איינהאָרבענדיק זיך און רייבנדיק זיך אין

איר פֿאַר ליבשאַפֿט. בתיה טוט זיך אַ כאַפּ, דערמאָנענדיק זיך אין דעם, אַז זי האָט אויף זיך אַ הויז, קינדערלעך. און אויך אין שמואליקן איר דערמאָנט זי זיך, אַז אַ גאַנצן טאָג, נעבעך, יאָגט ער זיך נאָך דער שווערער ביטערער פּרנסה זיינער, אויסגייענדיק אין אַלע גאַסן, אין הייזער און הויפֿן. און אויפֿדערנאַכט ערשט קומט ער, נעבעך, אַהיים מיד, הונגעריק, — דאַרף זי דאָך איצטער זען, וואָס צוגרייטן צו וועטשערע. ווי זי טראַכט דאָ אַזוי וועגן דעם מאַן, פֿאַלט איר איין, אפֿשר האָט ער עס גענומען משהלען און זיי זענען ביידע אַוועק. היינט איז דאָך דאָנערשטיק, ווען שמואל גייט, ווי דער שטייגער זיינער איז תּמיד, מיט דעם פּעסעלע צו דער רויטער קרעטשמע ברענגען פֿון דאָרט בראָנפֿן פֿאַר די באַלעבאַטים זיינע. א טאָג איז דאָך געווען היינט א ליכטיקער, א שיינענדיקער און אַ וואַרעם ווינטל האָט געווייעט אין גאָטס וועלטל, אויף די פֿעלדער פֿול תּבֿואות און גרינוואַרג נאָר אַ גן־עדן, ריחות פֿון שמעקנדיקע קרייטעכצער מחיה־נפֿשות — איז אפֿשר שמואל, וועלנדיק אָנטאָן אַ פֿאַרגעניגן משהלען, אַריין צו אים אין בית־מדרש און גענומען דורכצוגיין זיך מיט אים אַ ביסל אין פֿרייען פֿעלד. וואָס זאָג איך אפֿשר, געוויס האָט שמואל אַזוינס געטאָן, און געטאָן זייער גלייך. משהלע אונדזערער, אונדזער מתּנה פֿון גאָט, ווייסט דאָך נישט מער ווי דעם בית־מדרש, וווּ ער פֿאַרברענגט די גאַנצע טעג אין לערנען תּורה. ער איז, נעבעך, שוואַך, דאַר־קוואַר, איינגאַנצן נאָר הויט און ביין (מיר פֿאַר זיין קאָפּ). וואָס פֿאַר אַ תּענוגים, מישטיינס געזאָגט, האָט ער ביי אונדז אָרעמע טאַטע־מאַמע? תּענוגים זאָג איך, איז עס נישט אַ געלעכטער? ווי קומט צו אונדז תּענוגים? הלוואי, לעבעדיקער גאָט, טאַטע־פֿאָטער, מיר זאָלן אים קאָנען געבן צו יעדער צייט כאָטש דאָס נויטיקסטע צום לעבן! וויסט איז דער מאַמע זיינער! און ער אַליין, דאָס טייער קינד, פֿאָדערט ער דען פֿון אונדז וווילטאָג? אַ שטיקל דאַר ברויט, אַז ער איז הונגעריק, איז פֿאַר אים גענוג; אַ שוך אַז ס'צערייסט זיך אים אַמאָל, ס'קוקן אַרויס די פֿינגער, איז פֿאַר אים אויך רעכט, אָננעמענדיק עס פֿאַר גוט. אפֿילו גענוג לופֿט, ווי איז מיר, קאָנען מיר אים אויך נישט געבן: א דירה א ביסל, ענג, נידעריק, מע זיצט דאָ, מישטיינס געזאָגט, איינער ביים אַנדערן אויף די קעפּ. אַז איך הער אים אַמאָל ביידערנאַכט הוסטנדיק, גייט מיר די נשמה אויס. זייער גלייך האָט געטאָן שמואל, וואָס האָט אַוועקגענומען משהלען אַ ביסל פֿון דער גמרא, ער זאָל זיך דורכגיין מיט אים אַ ביסל אין פֿרייען פֿעלד. אַ גרויסע מצווה האָט ער אין אים געטאָן. זאָל משהלע שעפּן אַ ביסל פֿרישע לופֿט, אויסגלייכן זיך די ביינער און זאָל ער וויסן פֿון אַ גוטער מינוט אין זיין לעבן.

טראכטנדיק אזוי, האָט זיך בתיה באַלד באַרואיקט. זי שטייט אויף, צינדט אָן אַ ליכט און נעמט זיך צו דער אַרבעט, לעבעדיק, אויפגערוימט. דאָס האָט געווירקט אויף די קינדערלעך און זיי האָבן זיך געלאָזט אונטער־העלפן דער מאַמען מיט חשק. די שיילט קאַרטאָפליעס, די טראָגט צו אַ קריגל וואַסער, די טוט אַ שפּרונג און ברענגט דאַרע שפּענדעלעך, די צע־לייגט עס אויפן פּריפּעטשעק, און בתיה צינדט אונטער, צעבלאָזט דאָס און מאַכט אַ פייער און שטעלט צו דאָס טעפּל. די שפּענדלעך טרעשטשען, פונקען פליען, דער פלאַם כאַפּט אַרום דאָס טעפּל — און ס׳איז ליכטיק פריילעך די קינדער אויף די הערצלעך. די קאַץ זיצט זיך אויפן געזעסל, וואַרעמט זיך אַנטקעגן דעם פייער, לעקט די לאַפּקעס און האָט הנאה.

— אַ קאַץ וואַשט זיך, איז אַ סימן אויף געסט, — זאָגט דאָס על־טערע מיידל.

— דער טאַטע וועט באַלד קומען מיט משהלען. — מאַכט בתיה מיט אַ פריילעך שמייכעלע.

און אַ מיידעלע, דאָס ייִנגסטע פון די קינדער, שפּרינגט אַרויס מלא שמחה, פּאַטשט מיט די הענטלעך און זינגט זיך דאָס געוויסע לידל:

פּי—פּי—פּי,
ווו איז דער טאַטע?
נישטאָ אים הי!
ווען וועט ער קומען?
מאָרגן פרי!
וואָס וועט ער ברענגען?
אַ גלעזעלע ביר!
וווּ וועט ער שטעלן?
אונטער דער טיר!
מיט וואָס וועט ער צודעקן?
מיט אַ שטיקל פּאַפּיר!
ווער וועט דאָס טרינקען?
איך מיט דיר!

— אַלע מיר טרינקען, אַלע! — צעשרייען זיך אויף איר די קינדער, מאַכנדיק צו דער מאַמען: יאָ, מאַמע, אַלע?

— אַלע, קינדערלעך, אַלע, — נעמט זיי איין די מוטער מיט גוטע רייד. — באַלד וועט דער טאַטע קומען, ברענגען געלט. איך וועל קויפן מעל, מאַכן חלה אויף שבת, קויפן פיש, מאַכן קוגל און ס׳וועט זיין גוט.

האָץ, האָץ, האָץ,
לעבעדיק, פריילעך אַלע,
מאַמע באַקט די חלה!
האָץ, האָץ, האָץ,
דער טאַטע גיט געלט,
די מאַמע קוועלט,
— קינדער, צום טיש!
נאַט אייך יויך אַ שיסל,
פון אַ הון אַ פיסל,
פון אַ הערינג ס'קעפל,
און אַ קוגל פון עפל!
האָץ, האָץ, האָץ,
חנה, לאה, צפורה!
האָץ, האָץ, האָץ,
אסתר, שרה, דבורה!

דאָס לידל זינגט שפּרינגענדיק־טאַנצנדיק פאַר גרויס פרייד אַ שיין קלוג מיידעלע, אַ באָרוועסע, אין איין העמדל, און ביים אויסלאָזן איטלעכן גראַם כאַפּט זי די קאַץ ביי די אויערן, — ענטפערט זי איר אָפּ אויף איר קול מיט אַ מיאַוקע.

קיין זאַך קאָן נישט דערוויינן דאָס האַרץ, איינגעבנדיק אים הייליקע געפילן, אַזוי ווי די אָרעמקייט, ווען נאָר זי איז אַ באַהאַלטענע, אַ ריינע און נישט קיין שמוציקע, אָפּגעלאָזענע. אָרעמקייט מאַכט קלוג, אָרעמקייט איידלט דאָס האַרץ מיט גוטע געפילן, גוטע מידות. אָרעמקייט מאַכט הויזלעכע צופרידנקייט — צוגעלאָזטקייט פון עלטערן צו קינדער און פון קינדער צו די עלטערן. וויפל גרויסע תענוגים מע דאַרף אויסטראַכטן, כדי צופרידנשטעלן זאַטע רייכע קינדער, וואָס באָדן זיך אין ווילטאָג, און וויפל מיטל דאַרף מען עס טאָן, איינצובלאָזן איין פונק פון רחמנות און פון מענטשלעכע געדאַנקען אין זייער נשמה, וואָס איז פאַרזונקען אין דעם טיפן שמוץ פון גראָבע תאוות. די נשמה פון אָרעמע אָבער — זי קאָן רירן אַ מינדסטע קלייניקייט, און ווערט פול מיט זיסע געטלעכע געפילן. עפּעס נאָר אַ מינדסטע זאַך אַ גוטע אין דעם לעבן פון אָרעמע מענטשן — ווערן זיי מונטער און מלא שמחה. פון אַ נייע קאַפּאָטע, אַשטיינער, נייע שיך, איז אַ גרויס נחת; קרעפּלעך אָדער עפּעס אַזוי אַ גוטע געריכט, וואָס מע מאַכט אַמאָל, איז אַ גאַנצער יום־טוב. דאָס הויזלעכע לעבן ביי פיינע, אָרנטלעכע אָרעמע לייט איז פול מיט פּאָעזיע.

הרד=ארץ פֿאַר קבצנישע קינדער! פֿון זיי קומט אַרויס דער גרעסטע־טייל פּאָעטן!

דערווייל גייט אַוועק אַ היפּשע צייט און שמואליק מיט משהלען זענען נישטאָ. דאָס פֿייער אויפֿן פּריפּעטשעק גייט פּאַמעלעכן אויס, דאָס צוגעשטעלטע טעפּל קאַליש זידט, קאָכט אַלץ שטילער, שטילער. דאָס ליכט צאַנקט, אַלץ טונקעלער, פֿינצטערער ווערט אין שטוב און אויך בתיהן אויפֿן האַרצן. די מרה=שחורה כאַפּט זיך ווידער צו איר אַריין, פֿריער אין האַרצן — שאַ, נישט קיין וואָרט! נישט מצער צו זיין די קינדערלעך, נעבעך. און שפּעטער אַ ביסל, העה, לאָזט זי זיך שוין הערן מיט ווערטער! אַצינד איז בתיהן אַ ווייטעק אײַנצווייען: זי זאָרגט זיך אַי פֿאַרן מאַן, אַי פֿאַרן זון. דער שטייגער שמואליקס איז געווען צו קומען אַהיים, אַ גאַנצע וואָך — פֿאַרנאַכט, דאָנערשטיק נאָך אַ ביסל פֿריער, כּדי צו געבן באַצייטנס עפּעס געלט אויף שבת, און היינט, ס'איז שוין האַלבע נאַכט, הענער קרייען — און ער איז נישטאָ! ס'איז נישט קיין גלאַטע זאַך, עס מוז דאָ עפּעס זיין. וואָס זשע אַזוינס? אָט דאָ צעשפּילט זיך ביי בתיהן דער כח=המדמה, זי טראַכט איבער שרעקלעכע זאַכן, גאָר אַ מורא, אַזוי אַז די שטיל=פֿאַרבאָרגענע מרה=שחורה כאַפּט זיך אַרויס פֿונעם האַרצן, אויסגיסנדיק זיך אין טרערן, און ביטערע קרעכצן. די קינדער, קוקנדיק אויף דער מאַמע, ווי זי וויינט, זיפֿצט, זענען זיי טרויעריק אַוועק אין אַ ווינקל, צונויפֿשטיקנדיק זיך דאָרט איינעם, פֿאַרומערט, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּלעך. דאָס ליכט האַלט שוין אײַנגאַנצן ביים אויסגיין, אויסשעפּנדיק שוין דאָס לעצטע ביסל חלב אין לייכטער, קיין פֿונק פֿייער שוין נישטאָ אויפֿן פּריפּעטשעק, קאַלט ווי אייז שטייט דאָס טעפּל, קיינעם קומט אויפֿן זינען נישט אַרויף דאָס עסן. אַלע זענען פֿאַרומערט, אַפֿילו די קאַץ פֿאַרלייגט דעם וויידל, גייט אָנגעדרודלט און ציט זיך אויס אויף דעם אויוון ווו זי דרעמלט. די מולטער אַפֿילו, וואָס מע פֿאַרקנעט אין איר חלה אויף שבת, שטייט לייזיק אין אַ ווינקל און זעט אויס פֿאַרלאָזט, פֿאַרווּסט. און די גריל, וואָס הייבט אָן געוויינטלעך צו גרילן בײַנאַכט, בשעת אַלע אין שטוב לייגן זיך שלאָפֿן, שטייט היינט, אַרויסשטרעקנדיק דאָס קעפּל פֿון דער לאָך, קוקט ווי אַ גולם און נישט קיין פּיפּס. איין גרויסע פֿליג נאָר טיילט זיך אָפּ פֿונעם איבעריקן-עולם פֿליגן, וואָס שלאָפֿן, אָנהאַלטנדיק זיך מיט די פֿיסלעך אויפֿן סופֿיט, אויף די ווענט, און לאָזט זיך גיין ווי צו=חלום, באַאומרואיקן מענטשן מיט אירע נאַרישע אָנשטעלן: טוט זיך אַ דריי, אַ פֿלי, הין און הער פֿלינק=געשווינד ווי אַ רוח, אָנשלאָגנדיק זיך אַט אין אַ פֿענצטער, אָט אין עפּעס אַ כּלי, אָט גיט עס מיט איר אַ טראָג פֿאַרביי אַן אויער טאַנצנדיק, זזשענדיק דער רוח ווייסט זי וואָס.

און ווי די דראָזיקע פליג אַזוי האָבן זיך געטראָגן בתיהס געדאַנקען, אויפרירנדיק איר דעם מוח. עס ווערט איר ענג און שטוב און זי וויל אַרויס אין גאַס זוכן אירע ליבע און נאָכפרעגן זיך אויף דעם מאַן ביי יענע באַלעבאַטים, וואָס ער ברענגט זיי תמיד בראָנפן אין דעם טאָג. גאָר באַלד באַטראַכט זי זיך, ס'איז דאָך שוין לאַנג פאַרמאַכט אומעטום טיר און טויער און מע שלאָפט. זי גיט אויך אַ קוק אויף אירע בידנע קינדערלעך, ווי זיי ליגן צוגעטוליעט אייגס צום אַנדערן; ווי אירע ליבע, טייערינקע פייגעלעך — טראַכט זי — קומען עס, נעבעך, אָפּ און שווייגן. אַ לעבן, מישטיינס־געזאָגט, אין צרות — און עס דערלאָזט איר נישט דאָס האַרץ אַוועקוואַרפן זיי בייגאַכט אַליין אין שטוב. אינמיטן דריגען טראָגט דער רוח אָן פון ערגעץ עפּעס אַ הונט, ער שטעלט זיך אונטערן פענצטער, אַראָפּלאָזנדיק דעם וויידל, פאַררייסנדיק הויך דעם קאָפּ, און הייבט אָן רויען, מיט אַ יאָמער אַ שרעק. דאָס רויען פונעם הונט, וואָס לויט מע זאָגט, באַווייזט עס נישט אויף קיין גוטס, האָט בתיהן גאָר צעדרייט. פאַר שרעקעניש, פאַר צעטראָגעניש טוט זי אַ נעם די קאַטשערע, לויפט געשווינד אַרויס און פאַרטרייבט דעם הונט, אויסלאָזנדיק צו אים איר שווער ביטער געמיט מיט טויטע קללות. דער הונט אַנטלויפט, שטעלט זיך אָפּ פונדערווייטנס און הייבט אָן בילן שוין מיט זיין געוויינטלעכן קול, גלייך ווי ער טענהט זיך אויס מיט בתיהן, ווי בלעטס אייזל אַמאָל, פרעגנדיק זי: „וואָס האָב איך דיר אַזוינס געטאָן, וואָס דו האָסט מיך געשלאָגן מיט אַ שטעקן? אַי, נאַרישע יידענע! ווייסטו דען נישט, אַז אַ הונט רויעט איז גאָרנישט, שוטים נאָר שרעקן זיך דערפאַר“.

ריין, לויטער איז געווען דער הימל און אָנהייב אָוונט. עס האָט זיך געלאָזט זען אַ פערטל פון דער יונגער לבנה צווישן אַ גרויסן עולם ליכטיקע שטערן, שטייענדיק אויף דער וואַך. באַלד אָבער האָט דער רוח אָנגעטראָגן די שוואַרצע חברה וואָלקנס, זיי האָבן זיך ביסלעכווייז צעהוליעט, ווי דער שטייגער איז געאַרבעט מעשים, ביז ס'איז געוואָרן אַ קאָכעניש, אַ שטורעם און שטאָק־פינצטער. עס האָט געבליצט, געדונערט, און טרערן — גאַנצע טייכן וואַסער, האָט געגאָסן דער הימל. דער עולם אין שטאָט איז געשלאָפן, נישט אָנגעהויבן ווימן, וואָס טוט זיך אַזוינס אינדרויסן. געפילט האָט עס נאָר איין יידענע — בתיה מיט אירע קינדערלעך, וואָס די צרות זייערע האָבן נישט געלאָזט זיי שלאָפן.

אויף מאָרגן פרי איז בתיה אַוועק, נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעזאָגט צפורהן, דער עלטערער טאָכטער, אַכטונג צו געבן אין שטוב אויף די קינדער, און איז געגאַנגען אַהין צו דער „רויטער קרעטשמע“ געוווּיר ווערן דאָרט וועגן דעם מאַן. אַ ברכה פון גאָט איז אומעטום, אַ גרויס געדרעטעניש

אויף די פעלדער, עס שמעקט, עס זינגט, עס לעבט — און בתיה גייט פאַרזאָרגט, פאַרומערט, איר גייט נישט אין קאָפּ די שיינע וועלט אַרום איר.

אין דער „רויטער קרעטשמע“ האָט מען איר געזאָגט, אַז שמואליק אירער איז, ווי דער שטייגער זיינער תמיד, געווען געכטן דאָרט, גענומען דאָס פעסעלע בראָנפן זיינס און אַוועק דערמיט צוריק אין שטאָט. נאָר אין פנים ביי די שטוב=מענטשן איז גרינג געווען צו דערקענען, אַז שמואליקס פאַרפאַלן ווערן איז זיי אַ גרויסער ווונדער. מיטן מויל מאַכן זיי כלומרשט „עט, גאָרנישט“, כדי צו טרייסטן בתיהן, זי זאָל זיך אַזוי נישט ערגערן, נישט אַזוי וויינען, אָבער אין האַרצן דענקען זיי, אַז ס'איז עפּעס נישט גלאַט, דאָ מוז זיין עפּעס גאָר אַ מיאוסע מעשה. בתיה גייט פון דאָרט אַוועק ווי אָן אַ קאָפּ פאַר גרויס עגמת=נפש. זי גייט ביים ברעג וואַלד, נישטערנדיק מיט די אויגן און פאָרשטעלנדיק זיך שרעקלעכע זאַכן — גזלנים, חיות רעות וכדומה אַזוינע אַנשיקעניש, וואָס קאָנען זיך מיט מענטשן אין אַ וואַלד מאַכן — און פּלוצעם דערזעט זי פאַר זיך אַ רעדל מענטשן, סטעמפּעניו שפּילט אויף זיין פידעלע, מיכאַי און גאַוורילע טאַנצן, נעמענדיק זיך אינמיטן דרינען טאַקע צו אַ פעסעלע בראָנפן. וואָס ליגט צווישן זייערע זאַכן אונטער אַ בוים. בתיה שטופּט זיך צווישן דעם עולם, טוט אַ קוק — אוי=ווי, ס'איז דאָך דעם מאַנס פעסעלע! זי וואַרפט זיך אויף ביידע גוים מיט אַ געוויין, אַ געשריי ווי אויף רוצחים, נישט אַרויסרעדנדיק עס שאַרף, פאַר גרויס האַרצקלעמעניש, און פאַלט חלשות.

יענער שבת אין גלופּסק דענסטמאָל איז געווען שבת=פעטריבע ו'אַלעקסעי — דאָס הייסט, צוויי פאַרשווינען אַזעלכע, וואָס זענען דעם שבת דערהייכט געוואָרן. אַז מיכאַי און גאַוורילע, אויף וועלכע ס'איז געפאַלן אַ חשד, אַז זיי האָבן געהרגעט שמואליקן מיט דעם זון, זענען אַריין אין דער תפיסה, איז די יידישע שטאָט גלופּסק געבליבן אַן אלמנה. יידן זענען אויסגעשטעלט. וואָס וועט מען טאָן אָן אַ שבת=גוי? ווער וועט זיי פאַרלעשן די ליכט און טאָן ביי זיי אין שטוב געווויסע אַרבעט? ס'טייטש, איז עס דען מעגלעך, יידישע קינדער אָן גוים! האָט מען דערווייל אָנגשטאָט דעם שבת=גוי מיכאַי יוצא געווען מיט פעטריכען, מיט אַ גויע, וואָס מעלקט יידישע בהמות בשעת אַ יום=טוב. און אויפן אָרט פון גאַוורילען דעם אייבערפאַסטעד איז אַרויף זיין תלמיד אַלעקסי, אַ קליין שייגעצל. נאָר ביידע אָבער האָבן נישט געטויגט צו זייער אַרבעט. פעטריכע, וואָס איז אַ נקבה, נישט האָבנדיק דעם כוח פון אַ מאַנסביל אַריינגיסן אין זיך די אַלע גלעזעלער בראָנפן, וואָס מע באַקומט פאַר ליכט=אויסלעשן, איז באַלד נאָכן פערטן כוס שוין שיכור געוואָרן. איז זי, נעבעך, געפאַלן פון די פיס. האָבן

אַ סך נישט־אויסגעלאָשענע ליכט אין פֿיל הייזער געשמאָלצן, אָנגעמאַכט אַ רויך מיט אַ טשאַד, און יידן האָבן ווי געטאָן, נישט הײַנט געדאַכט, די קעפּ. און וואָס נאָך? יענעם שבת האָבן ייִדישע בהמות זיך געמאָלקן שפּעט, ערשט אַרום האַלבן טאָג. ווײַל פּעטריכע איז געלעגן טויט־שיכור, נישט צו קאָנען דערוועקן זי, אַזוי האָט זי געפּאָפּן. מיט אַלעקסין איז אויך געווען נישט קיין שיינע מעשה. ווײַבאַלד דאָס קליין גויעלע איז געוואָרן אַ פּריץ איבער בהמות, האָט ער מיט גדלות בײַ זיך געמיינט, אַז די בײַטש איז בײַ אים און דער האַנט, מעג ער שוין טראַסקען מיט איר, שלאָגן ווען ער וויל און וועמען ער וויל. באַראַך זיך טרעפֿן, אַז ער הייבט די האַנט מיט דער בײַטש אויף יינגלעך, וואָס שפּילן זיך רואיק אויף דער גאַס, ווערט אַ דראַקע, אַ ליאַרעם, אַ געשריי — די בהמות בלײַבן דערווײַל אָן אַ פּאַס־טער און צעלויפֿן זיך אין אַלע זײַטן.

דאָס צווייטע קאַפּיטל

אַ שרעקלעכע מינוט, וואָס שווער צו געפֿינען איר גלײַכן, איז געווען יענע מינוט, בשעת פֿאַרשווינדנדיק ווערן דאָס וועגעלע מיט די „כאַפּערס“, נאָך וועלכן שמואליק דער טאַנדעטניק האָט זיך האַסטיק נאָכגעיאָגט. אַזאַ צרה, ווי אַ טרייער פֿאָטער זעט זײַן ליב קינד בײַ גזלנים אין די הענט, נישט צו קאָנען עם ראַטעווען — דאָס לאָזט זיך מיט דעם מויל נישט איבערגעבן. עס נעמט דערנסטמאָל אָפּ דאָס לשון, נישטאָ קיין ווערטער, קיין יאָמערן, קיין קלאָגן — אַ געשריי האָט שמואליק געטאָן און געפֿאַלן, כאַך אויף דר'ערד!

וואָס זשע פֿאָרט איז דער סוף מיט אים געווען? אפֿשר איז ער פֿאַר גרויס האַרצווייטיק משוגע געוואָרן, אָדער אפֿשר גאָר געבליבן טויט אָן אַ נשמה?

חס־וחלילה! שגעון — דאָס איז פֿאַר נגידים. אָט די אָפּגעהיטע מענ־טשעלעך קאָנען נישט איבערטראָגן קיין יסורים. פֿון עפּעס אַ שרעק קערט זיך זיי איבער דער מוח, פֿון עפּעס אַ צער גייען זיי אַראָפּ פֿונעם זינען. נישט אַזוי אָבער זענען די קבצנים. קבצנים זענען פֿון אײַזן, קיין קויל נעמט זיי נישט — נישט קיין קעלט, נישט קיין הונגער, נישט קיין גויט און נישט קיין לייד, מכות, פּורעניות, וואָרעם דערויף זענען זיי דאָך געבוירן געוואָרן, פֿאַרשוואַרצט צו ווערן, צו לײַדן און אָפּצוקומען זייער גאַנץ לעבן. און דער רבונו־של־עולם גיט זיי יסורים מיט דער פֿולער מאָס און אַן אײַזערנעם כח אויסצושטיין די צרות, נישט משוגע צו ווערן און צו שטאַרבן פֿון זיי.

אמת טאַקע, גרויס צער האָט שמואליק איינגענומען פון זיין זון, וואָס גזלנים האָבן אים געכאַפּט, ביטער און פינצטער איז אים געווען, גאָר וויפל אַזעלכע געבראָכענע הערצער, ביטערע געמיטער, ווי ער, זענען געווען ביי ייִדן דענסטמאָל, אין יענע שלעכטע צייטן; וויפל טייכן טרערן, אוי, רבונו־של־עולם, האָבן זיך אין יענע צייטן אַריינגעגאָסן אין דיין לאָגל, טרערן פון אָרעמינקע עלטערן, ביי וועלכע מע האָט אַוועקגענומען זייערע קליינע קינדערלעך, נעבעך, בשעת שלאָפנדיק ביינאַכט אין די בעטעלעך און זעענדיק גוטע חלומות; טרערן פון מאַמעס, ביי וועלכע מע האָט צוגענומען זייערע בני־יחידים; טרערן פון וויסטע אלמנות, טרויעריקע אויף זייערע אַוועקגענומענע קינדער, יתומים, דאָס איינציקע טרייסט, דאָס איינציקע אָנהאַלטעניש זייערע אין לעבן! פיל נעסטן, אוי, זענען פאַרוויסט געוואָרן, יונגע פייגעלעך גערויבט געוואָרן, דאָס האַרץ פון עלטערן אויף שטיקער צעריסן געוואָרן — און פונדעסטוועגן, נישקשה, האָט מען אויסגעהאַלטן. געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, שהחינו, וואָס האָט געלאָזט אונדזערע דאָזיקע קבצנים לעבן, וקימנו והגיענו, און געלאָזט זיי דערלעבן ערגערע נייע צייטן, צוצוזען ווידער דאָס אַוועקנעמען ביי זיי די איבעריקע קינדער!...

שמואליק האָט אַ געשריי געטאָן, אָבער נישט משוגע געוואָרן; שמואליק איז געפאַלן, אָבער די נשמה איז אים נישט אויסגעגאַנגען. עס עפנט אונטער אים זיך אויף דער גיהנום, ומלאכי־חבלה רייסן אים דאָס האַרץ, ער אָבער איז ביי די געדאַנקען, ער ווייסט, אַז משהלע זיינער איז געפאַנגען, אַז ער מוז זיך יאָגן ראַטעווען אים. אַי וואָס, באַרעכענען זיך, צי וועלן אים דינען די פיס נאָכצויאָגן זיך — דאָס פאַלט אים גאָר נישט איין. אַ טאַנדעטניק, וואָס וואָגלט זיך אַרום פון מאָרגנס־פרי ביז אין דער נאַכט איבער אַלע גאַסן און הויפן, וואָס קריכט אַרויף־אַראָפּ הונדערטער טרעפּ אַ טאָג, וואָס הערט אַזעלכע די פיס? קבצנישע פיס, מישטיינס־געזאָגט, ווער באַרעכנט זיי, ווער פרעגט זיי, אויב זיי ווילן אָדער נישט ווילן גיין אַ גאַנג? און גאָר אַ חוץ דעם, וואָס שמואליק איז אַ טאַנדעטניק, איז ער דאָך דערצו עפּעס נאָך אַ ייִד אויך, און דאָס גיין ביי אַ ייִדן איז עפּעס אַנדערש, נישט ווי ביי לייטן — דער קאָפּ זיינער איז אים אין הימל, ווי דער לאָקאָמאָטיוו פליט ער פאָרויס, און די פיס שלעפּן זיך אים נאָך, ווי די וואַגאָנעס, אויף דר'ערד.

עס ברענט, קאָכט שמואליקס האַרץ ווי אַ קעסל, עס רוישן, קלאַפּן זיינע געדאַנקען, טוען אים אַ הייב אויף פון דער ערד, באַוועגן, טרייבן די פיס — און זיי לויפן געשווינד, געשווינד.

דער וועג, אויף וועלכן די „באַפּערס“ האָבן זיך געלאָזט פאָרן, איז געווען אַ שמאָלער, אין דער זייט פונעם ברייטן שליאַך. ער האָט זיך געצויגן ווי אַ סטענגע צווישן גראָז און תבואה, פאַרקריכנדיק אַמאָל אין אַ קאַלוזשע, אָדער פאַרפאַלנדיק ווערן אונטן ערגעץ אין אַ טאָל, און פון דאָרט ווידער זיך אַ וויז טאָן, אַרויפקלעטערנדיק אויבן אויף אַ באַרג.

שמואליק לויפט מיט אַלע כוחות, צוהערנדיק, צוקוקנדיק זיך דערביי ווייט אַרום. נאָר אומזיסט די מי — אומעטום אויפן וועג איז שאַ, שטיל! ער הערט נישט נאָר דעם שאָרך פון זיינע טריט, ער זעט נישט נאָר דעם אייגענעם שאָטן זיינעם, וואָס טאַנצט אים ביי דער זייט אַקעגן דער שיין פון דער יונגער לבנה, וואָס זעט אויס שווימענדיק, ווי אַ זילבערן שיפל הויך אין הימל. אַמאָל צעלייגט זיך דער שאָטן אויף דר׳ערד צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי ער אַליין איז, און אַמאָל קלעטערט דער שאָטן זיינער אַרויף אויף תבואות, אויף ביימער, קרימט זיך, ברעכט זיך ווי די קונצנמאַכער אין די צירקן.

אמת, צוויי מאָל האָט זיך אים געדאַכט, ווי עפּעס אַ קול ערגעץ פונדערווייטנס, נאָר באַלד טאַקע האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דאָס איז געווען טריט פון אַ האָז, וואָס דערשרעקנדיק זיך פאַר אַ שאָרך פון אַן אַראָפּגעפאַלן בלעטל, אָדער פון עפּעס אַ קריכנדיק ווערעמל, איז ער שפּרינגענדיק אים פאַרבייגעלאָפן הענגערעם־פענדעם, און פּוץ אין תבואה אַריין! און דאָס צווייטע מאָל האָט זיך דערוויזן, אַז דאָס איז אים געקומען צו די אויערן טאַקע זיין אייגן קול — אַ זיפץ, וואָס האָט זיך אים אַרויסגעריסן טיף פונעם האַרצן בשעת די האָפענונג צו דעריאָגן דאָס וועגעלע האָט אָנגעהויבן ביי אים שוואַך צו ווערן. איז דען מעגלעך, אַז אַ מענטש, ווי גרינג אַפילו ער זאָל זיין אויף די פיס, זאָל זיך פאַרהערן אין לויפן מיט אַ פערד, און נאָך ווען, אַז מע טרייבט עס מיט בייטשן? — אוי, נישט מעגלעך! — טראַכט ביי זיך שמואליק מיט אַ שווער געמיט, קלאַפּגריק זיך אין האַרצן און אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: פאַרפאַלן! פונדעסטוועגן לויפט ער ווייטער, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, גלייך מע וואָלט אים געשטופּט פון הינטן, געטריבן מיט געוואַלד.

עס דויערט אַ היפּשע צייט און שמואליק ווערט מיד. עס פּלאָנטען זיך אים די פיס, ער גייט און פאַלט, שטייט אויף און פאַלט ווייטער: שוואַכער, שוואַכער ווערט אין אים די קראַפט פונעם ברענענדיקן פייער, עס שטופּט שוין נישט אַזוי שטאַרק ווי פריער. עפּעס טאַקע נאָר ווי אַ לופטבאַלאָן, פון וועלכן עס גייט ביסלעכווייז אַרויס דער גאַז, וואָס ביים פאַלן הערט ער אָן די ערד אונטערשפּרינגענדיק, אונטערשפּרינגענדיק,

ביז עס גייט פון אים ארויס אינגאַנצן דער גאַז, און ער בלייבט ליגן אויפן אָרט — שמואליק פאַלט, אויסציענדיק זיך פאַרהולט אויף דר'ערד!

עס האַכט זיך אים עסק, זאַכן, און וועלכע דער קאָפּ זיינער ליגט אים תמיד. עס האַכט זיך אים — שמאַטעס. עס טוען זיך א ווייז פאַר אים א הויפּש ביסל שמאַטעס, כּל־המינים: שמאַטעס זיידענע, אייזעלע, פון מיוחסים, פיינע־בריות אין שטאָט, און שמאַטעס גראָבע, שמוציקע, פונעם פּראָסטן עולם; הויזן, פלודערן און תחתונים, טלית־קטנס און קאַמעזעל־קעס, קאַפּאָטעס און פראַקן, ספּאָדעקעס און קאַפּעליושן, איין שמאַטע נישט בעסער פון דער אַנדערער — אַלע גאַנץ נישקשה'דיקע שמאַטעס! ס'איז דאָ, אָן עין־הרע, סחורה, גענוג שמאַטעס, ברוך־השם, אויף דער וועלט... נאָר וואָס קומט אָבער ארויס דערפון, אז דער האַנדל מיט שמאַטעס איז שווער היינטיקע צייטן. נישט צוצוטרעטן צו יענעמס שמאַ־טעס, אַזוי טייער זענען זיי, און פאַר דיינע — וויל מען צען פאַר אַ גראָשן. דעם גאַנצן טאָג איז ער היינט זיך אָפּגעגאַנגען די פיס, שרייענדיק אין אַלע הויפן: „שמאַטעס! באַלעבאַטים, אַרויס מיט אייערע שמאַטעס!" ער איז הייזעריק געוואָרן שרייענדיק, און די שמאַטעס עפּעס נאָר ווי זיי לאַכן אים אויס. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף הויכע טרעפּ אַריינגיין אין א שטוב, האָבן זיך א לאָז געטאָן אויף אים הייזן פאַרריסענע, שטאַרק בלאָזנדיק פון זיך, אַזוי אז אים איז שטאַרק נישט גוט געוואָרן און ער האָט זיך אראָפּגעקייקלט פון אלע טרעפּ אויף דר'ערד, ברעכנדיק האַלדז־און־גענעק, נישט צו וויסן אויף וואָס ער איז פאַר א וועלט. —

קומענדיק שפּעטער א ווײַלע צו זיך און עפענענדיק די אויגן, דערזעט שמואליק א לבנה מיט שטערן, א וואַלד, א פעלד מיט תבואה. ער דערמאָנט זיך אין דער מיאוסער געשיכטע מיט דעם זון, שפּרינגט אויף פונעם אָרט און נעמט זיך לויפן מיט אימפּעט, ארויסנעמענדיק זיך די אויגן קוקנדיק — און נישטאָ דער וואָגן! ער רייסט אויף זיך די האָר, וויינט אָן טרערן, און לויפנדיק אַזוי באַרג־אַראָפּ. פּלוצעם — אָ, דערבאַרעמ־דיקער גאָט! — וואַקסט פאַר אים אויס דער וואָגן אין א קאַנאַווע, לעבן א בריקל איבער א טייכל, ווו ער האָט זיך איבערגעקערט, אראָפּפאָגנדיק זיך האסטיק פונעם באַרג און צעבראָכן אן אַקס, און די שיינע פאַרשוינען ארבעטן אויף אים.

שמואליק וואַרפט זיך אויף די פאַרשוינען ווי א פאַרווונדעטע חיה אויף די יעגערס, וואָס האָבן, נישט גוט דערשיסנדיק זי, געיַרויבט איר געליבט קינד — און עס הייבט זיך אָן א מלחמה, א בלוטיקע מלחמה. בשעת איינער פון די לייט כאַפּט זיך שפּאַנען דעם וואָגן, האָט שמואליק ווי א פּיאַווקע זיך איינגעגעסן מיט די ציין דעם צווייטן אין די פיס און מיט

די העגט געריסן משהלען צו זיך. די ליבשאַפט צום קינד, דאָס שרעקלעכע אומגליק און דאָס ברענען זיך גוקם צו זיין — די אלע דריי זאַכן אייגיינעם האָבן פון דעם שוואַכן שמואליקן געמאַכט א שמשון־הגבור. נאָר אַקעגן יידישע פלישתים אָבער העלפט שמשון־הגבורס גבורה אויך נישט. פיר הענט, חוץ פיס און ציין, האָבן אים געשלאָגן, וויפל ס'איז אין אים אריין. משהלין האָט באַזונדער געלייזט, געהאַט זיין ערלעך אויסקומעניש הערפאַר, וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט פאַרהאַלטן רואיק, בשעת יענע האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט זיין טאַטן.

— רב הערש־בער, — זאָגט איין כאַפּער צום אנדערן, — צוואָס טויג עס מיט דעם דאָזיקן יידלאַק זיך דאָ אזוי באַברען? ער איז אַן עקשן, האַלט זיך פעסט אין דעם וואָגן, וויל נישט אָפּלאָזן — נו, מהכא־תיתי! אדרבא, גוט... זאָל ער זיך טאַקע בלייבן דאָ אין וואָגן און עס זאָל אויסקומען ווי דער פסוק: „אותו ואת בנו“, דער טאַטע מיט דעם זון... נישט קיין נייעס. מע האָט שוין געזען, געהערט אין דער וועלט אזוינע זאַכן.

— יאָ, זייער גלייך טאַקע זאָגט איר, רב שניאור־וואָלף, — ענטפערט יענער. — אין צווייען איז שטאַרקער. זייט זיך גאָר מטריח און העלפט בינדן דעם דאָזיקן באַראָן.

און רב שניאור־וואָלף איז נישט פויל, אַרבעט געשמאַק, בינדט שמואליקן מיט אלע דינים ביים בינדן א קרבן, עס זאָל דאָס אים אָנהייבן אָרן, וואָס יענער, נעבעך, צאַפּלט, קרעבצט, שרייט גאָר א שרעק. דאָס פערד איז איינגעשפּאַנט, דער וואָגן גרייט. אָט טוט מען א שמיץ, א טרייב: הייהא, ניאָ, ניאָ! און דער טאַטע מיט דעם זון ווערן געפירט צו דער עקדה די כפרה צו ווערן ביידע אין איין טאָג.

א ביטער געשריי טראָגט זיך ווייט אין דער טיפער שטילקייט פון דער נאַכט, א געשריי פון געכאַפּטע, געפאַנגענע שפּאַלט די הימלען, גייט ארויף צו גאָט מיט א קלאָג: אוי־וויי, רבונו־של־עולם, אוי וויי געשריגן אויף דיין פאָלק ישראל!...

דער סאָלאָוויי אויף זיין צווייגל, דאָרט אין וועלדל, בלייבט ווי דערוואַרגן אינמיטן זינגען, אויך די פרעש אין דעם טייכל ווערן פאַרשטומט, באַהאַלטן זיך אין וואַסער, דערהערנדיק דעם יאָמער און געשריי פון די אומגליקלעכע, נעבעך. —

אך, ווי שרעקלעך, ווי שרעקלעך עס קלינגט א געוויין אין דער שטילער נאַכט!...

און א קול לאָזט זיך הערן: וויאָ, וויאָ, וויאָ!

די יונגע לבנה, איינגאַנצן א וואָך אלט נאָכן מולד, גייט, ווי אַ קינד פרי אין איר רו אריין, צומאַכנדיק אַן אויג. און דאָרט ווי זי פאַרגייט,

באַדעקט זיך דער הימל מיט שוואַרצע וואָלקנס. עס בליצט און עס דונערט.

און פּלוצעם פאַרטראָגט זיך אַ קלאַפּערײַ פון רעדער. עס דויערט נישט לאַנג, פאָרט אָן אַ קאַרעטע און מענטשן שפּרינגען אַראָפּ געוואָר צו ווערן, וואָס אַזוינס דאָס שרײַען באַרייט. זײ טוען אַ קוק — און בלײַבן פאַרגאַפט! באַלד ווערט אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער, אַ זידלערײַ. עס שטרעקן זיך אויס הענט, עס ווײַזן זיך קולאַקעס, שניאור־וואָלף און זײַן שותף פאַרשטײען, וואָס מע מײנט מיט די הענט, און פאַלן אויף אַ שכל באַצײַטנס, אײדער מע גיט קלעפּ, זיך געשווינד אָפּצוטראָגן.

די פינצטערע וואָלקנס זענען זײ בײגעשטאַנען — און זענען אין דער פינצטערניש נעלם געוואָרן.

דאָס דריטע קאַפּיטל

שײן איז די שטאָט ז...., די הויפּט־שטאָט פון וואָלין! נישט קײן פּאַלאַצן האָט זי, נישט קײן הויכע טורעמס, נישט קײן טײַערע פאַרצירטע געבײַען — און איז דאָך מלא־חן. אַרומגערינגלט מיט בערג איז זי, מיט וועלדער, מיט פליצנדיקע טײַכן און טאָלן; ס'איז אין איר דאָ אויך גערטנער, בולוואַרן, און אָט דאָס איז איר צירונג, איר שײנקײט. אַרײַנפאָרנדיק אין איר דורך דער גלופּסקער גאַס, אין אַ העלער זומער־נאַכט, ווען פון צווישן בײמער זעען זיך אַרויס נעטע הײַזער מיט צוגעמאַכטע לאָדן, און אומעטום הערשט אַ שטילע רו — קאָן מען זיך זאַט נישט אָנקוקן אין איר, אַזוי שײן איז זי, גאָר עפּעס טאַקע ווי אַ פאַרצויבערטע שלאָפנדיקע בת־מלכה אין די מעשה־ביכלעך. די נאַכט דעקט זי איבער מיט אַ טונקל־בלויען שאַל, געשפּרענקלט מיט גילדענע שטערן, און די לבנה, אַ מײַסטערין אין ליבעס, פאַרקוקט זיך אויף איר מיט אַ זיס־שײַנענדיקער צורה. בליענדיקע אַקאַציעס, שמעקנדיקע קרײַטעכצער טראָגן איר אונטער ריחות פון בשמים. אַ קרישטאָל־קלאָר וואַסערל, רינענדיק ערגעץ פון אַ סקאַלע, ברומט איר אונטער פינגערווײַטנס, דער סאָלאָווײ שפּילט צו אַ ליבעס־לידל — און זי שלאָפט און טרוימט.

און אין יענער נאַכט, ווען ס'איז זיך פאַרלאָפן די מעשה מיט שמואליקן, און אַז די דאָזיקע שײנע בת־מלכה, גוט אָפּשווענקענדיק זיך אין דעם שלאַקס־רעגן דענסטמאָל, האָט ווי נאָך אַ באָד געשמאַק געשלאָפן, איז אַרײַנגעפאָרן אין שטאָט געשווינד אַ קאַרעטע. די פערד לויפן פאַרשוויצט, די רעדער קלאַפּן אויף די שטײנער פון דער אויסגעפלאַסטערטער

גלויפּסקער גאַס אַזוי שטאַרק, אַזש פּונקען פליען. צוקומענדיק צו אַ טויער פון אַ הויף, שטעלט זיך די קאַרעטע אָפּ. דער שמייסער קריכט אַראָפּ פון דער קעלניע, צוויי פאַרשווינען, וואָס זענען געזעסן דאָרט צוזאַמען מיט אים, גייען אויך אַראָפּ גלייך נאָך אים. ביידע מיט געגאָלטע בערד, נעקליי-דעט דייטש. דער שמייסער, אַ געזונטער, אַ יונג מיט ביינער, גייט צו און קלאַפּט אין טויער מיט דעם גאַנצן כוח.

— ווער קלאַפּט עס ווי אַ גזלן אַזוי שטאַרק אַזש די ווענט ציטערן?

— הערט זיך פון הויף אַ מענטשנס קול, וואָס איז שרעקלעך אין כעס

— נישטאָ קיין רו, נישט ביי טאָג, נישט ביי נאַכט!

— האַלט מויל און ביל נישט, הונט איינער! — בייזערט זיך דער שמייסער אויף אַ קול, וואָס לעכערט דעם מוח. — געשווינד עפן דעם טויער! דו הערסט?

— אויף קראַנקע אפילו האָט מען נישט רחמנות... מע קלאַפּט און שרייט.. מע שרייט אין איין אָטעם... טאָמער ווייסטו וואָס? — מורמלט דער שווייצאַר אונטער דער נאָז, שפּייענדיק מיט פאַרדראָס, שטעקט אַריין דעם שליסל אין אַ שלאָס, דרייט, דרייט מיט מאַטערניש כלומרשט, שילטנדיק דערביי מיט טויטע קללות.

ווי נאָר דער שווייצאַר האָט געעפנט דעם טויער און דערזען די קאַרעטע און די מענטשן פאַר אים אינדרויסן, איז ער באַלד ווי איבער-געביטן געוואָרן, האָט געשווינד אַראָפּגענומען דאָס היטל מיט אַ זיס מינעלע און געשטאַנען מיט גרויס אָפּשיי, ווי אַ קנעכט פאַרן פריץ.

— גיי, — זאָגן אים די מענטשן, וואָס שטייען פאַרן טויער, — גיי וועק אויף דעם „אויפזעער“ פונעם „ביקור-חולים“, דער „אופּראַוולי-יושטשי“ פונעם אַקציז רופט אים. ער זיצט דאָ אין דער קאַרעטע.

— בכבוד גדול, מיינע הערן! — זאָגט דער שווייצאַר מיט אַ חניפהלע, מאַכנדיק זיך, ביים שטעלנדיק אַ פוס צו גיין, ווי ער רעדט כלומרשט צו זיך אַליין. — וואָס הייסט נישט פאָלגן אַזעלכע גוטע, גרויסע לייט ווי די הערן אַקציזניקעס? אומזיסט זענען זיי נישט מטריח קיינעם. וואָס פאַר אַ באַטרעף איז ביי זיי אַן עמער בראָנפן?

— אייך, ראָבלין, באַדאַרף איך דאַנקען פאַר דעם כבוד, וואָס דער שווייצאַר האָט מיר דאָ איצט אָפּגעגעבן, — זאָגט איינער, דער ייִנגסטער פון די צוויי מענטשן, צום אַנדערן, שפּאַסנדיק, נאָכדעם ווי דער שווייצאַר איז אַוועקגעגאַנגען. — אָט דער שוטה, ווייל ער האָט מיך געזען שטייענדיק מיט אייך, האָט געמיינט, איך בין אויך אַן אַקציזניק, ווי איר, און געקוקט אויף מיר מיט דרך-ארץ. ווען ער זאָל געוועזן ווייסן, אַז איך בין אַ פּראָסטער בשר-ודם, איינער פון די שילער, הע, הע, וואָלט ער מיט אַן אַנדער

לשון גערעדט מיט מיר. נאָר טאַקע אייער זכות, אקציזניקעס, שטייט אונדז ביי הייגטיקע צייטן, אונדז בידנע משכּילים, נעבעך. אייך איז קיין זאך נישט פאַרבאָטן, אלצדינג מעגט איר, מע איז אייך מוחל און מע גיט אייך אָפּ כּבוד. אז ווייל איז אייך אויף דער וועלט! עולם־הזה האָט איר, און מיר, אוי... ווען נישט איר, וואָלט געוואָרן פון אונדז אן עק, חס־ושלום!

— קלאָגט זיך נישט אזוי, ריווקין, — טרייסט אים ראָבלין אויך מיט שפּאַס. — דערפאר וועט איר, משכּילים, דאָך האָבן עולם־הבא און זוכה זיין צו דער סעודה פונעם לויתן.

— ווילט איר, ראבלין, מאכן מיר אָפּ אן עסק גיך און געשווינד, ווי מיר שטייען דאָ אויף איין פוס. מיר וועלן אייך געבן פון אונדזער חלק עולם־הבא: א גוטע פּאָרציע פונעם לויתן, פונעם שור־הבור און יין־המשומר, און איר זאָלט אונדז געבן פון אייער חלק עולם־הזה: פליייש, פיש, בראָנפן און נאָך עפּעס...

— אַ־אַ, וועגן דעם מוז מען פריער זיך אָנפרעגן אויף דער בירזשע, אויב אייערע אקציעס און וועקסלען אויף עולם־הבא וועלן האָבן אן אָפּגאַנג צווישן סוחרים. איך פון מיין זייט בין שטאַרק מסופק, אויב א ייד א סוחר, אפילו פון די גרויסע מאמינים, וועט געבן פאר זיי א צעבראָכענעם העלער. דאָס גלויבן — דאָס איז פון די זאכן, וואָס מיטן מויל און נישט מיט דער קעשענע. נישטאָ קיין גרעסערער אפיקורס, וואָס לייקנט אין „רוח־ניות", שטאַרק דערוויטערנדיק זיך דערפון, ווי די קעשענע פון נגידים. אָט, אשטייגער, וועל איך אייך ווייזן, אָנרופנדיק מיט די נעמען. נאָר... נישט דאָס אָרט דאָ, נישט די צייט, אָט גייט דער משגיח!

עס הייבט אָן גרויען דער ראנד הימל אויף מזרח־זייט. אייגער, נישט רעכט נאָך אָנגעטאָן, גייט אין איילעניש און שטעלט זיך אָפּ ביי דער קארעטע.

— העי אויפזעער! — לאָזט זיך הערן א ווייכע שטימע פונעם בייזל ארויס. — איז דאָ ביי אייך אין שפּיטאָל אן אָרט פאר צוויי קראַנקע?

— נישטאָ אצינד אפילו איין בעטל א ליידיקס. איר, מיין הער, ווייסט דאָך זייער גוט, אז דער „ביקור־חולים" איז קליין אין פארגלייך מיט דעם הייגן עולם יידן, וואָס פאַרגרעסערט זיך אַלץ ווייטער־ווייטער, זינט עס האָט זיך דאָ געעפנט צוויי נייע קוואלן פון תורה און פרנסה, די ראבינער־שול מיין איך און די אקציזנע הויפּט־קאנטאָר. א קאַטאָוועס אַ ביסל וויפל מענטשן פון אַלערליי סאָרטן קומען אָן אַהער! די שטאָט־פירער מאַכן אסיפות, אַלץ וועגן ביקור־חולים, מע רעדט, מע שרייט, מע איז זיך מיישב — און גאָרנישט.

— נו?!

דער דאָזיקער „נו“ האָט געהאַט אין זיך פיל טייטשן. עס האָט געקאָנט הייסן ווי אַ פרעג: נו, עס וועט שוין נעמען אַן עק דײַנע פּלוי־דערייען? געקאָנט אויך הייסן פאַרדראָס: נו, שווײַגט אײַנער! נאָך און נאָך טייטשן. דער אויפזעער, וואָס איז באמת געווען א פלוידערזאַק און געהאַט צו פאַרדאַנקען מיט זיין שטעלע דעם „אופּראַווליאַיושטשי“, האָט געפילט אין דעם דאָזיקן „נו“ אַלע טעמים, אַלע טייטשן מיטאַמאָל, דעריבער האָט ער זיך פאַרכאַפּט צו פאַרגלעטן דעם פעלער אזוי:

— דאָס אַלצדינג האָב איך נאָר געזאָגט גלאַט אַזוי זיך. עס שאַדט נישט, איר זאָלט וויסן, וואָס דאָ טוט זיך, פאַרשטייט איר מיך. וואָס אנבאַלאַנגט אָבער אייער בקשה — אָה! מאָרגן דערפיל איך זי מיט דעם גרעסטן כבוד. וואָס הייסט, אז איר בעט!...

— א שיינעם דאַנק אייך! די זאַך אָבער קאָן מען נישט אָפּלייגן אויף מאָרגן. זעט נאָר, די קראַנקע ליגן אָט דאָ אין וואָגן.

— הערט נאָר א מעשה, אָט דאָ אין וואָגן, און איך האָב נישט באַמערקט!... אָט אצינד זע איך שוין, זע איך. זיי ליגן דאָך כמעט אָן א סימן לעבן. א מעשה, א מעשה! .

— אָט דעריבער טאַקע בעט איך דאָך, אריינגעמען זיי אין ביקור־חולים באַלד אָן שהיות.

— היי, איוואַן! — רופט דער אויפזעער דעם שווייצאַר. — גיכער ברענג אהער די מענטשן מיט די אַלע זיבן זאַכן אויף צו נעמען טראָגן פונדאַנען די קראַנקע.

— ריוּוקין! — זאָגט דער אופּראַווליאַיושטשי, אראָפּגייענדיק פונעם וואָגן. נאַט אייך מיין קאַרטל צום דאָקטאָר פון ביקור־חולים, פאָרט, זייט מוחל, און ברענגט אים באַלד אהער אין מיין קאַרעטע. און איך וועל גיין אַהיים צופוס. נישקשה, נאָך אזא לאַנגע צייט זיצן איז גוט דורכצוגיין זיך א ביסל. און אייך, הער ראָכלין, בעט איך, — זאָגט ער פריינדלעך, אומקערנדיק זיך צו אים מיטן פנים. — איר זאָלט נישט אוועקגיין פונדאַנען, ביז מע וועט די קראַנקע אָפּגעבן זייער אָרט און טאָן זיי, וואָס מע באַדאַרף.

דערווייל הייבט אָן ברעכן אויף טאָג, עס פאַרפאַרבט זיך רויט דער הימל אין מזרח־זייט און שמואליק מיט משהלען, דער טאַטע מיט דעם זון, ליגן ביידע אויף איין בעטל דערווייליע אין פאָרהויז, ביז עס וועט גרייט ווערן פאַר זיי א באַזונדער אָרט. ביידע זענען צעהרגעט, צעביילט, ליגן פאַרדולט, בלייך ווי די וואַנט.

דאָס פערטע קאַפּיטל

יענער דור, אין שמואליקס צייט, איז געווען אַ דור פון משכּילים, חקרנים, הייסט עס, און פון אַקציזניקעס. די ייִדן דענסטמאָל האָבן שטאַרק קיין חשק נישט געהאַט אָנצונעמען די „השׂכּלה“, וואָס מע האָט עס „פון אויבן“ פאַרגעשריבן זיי פאַר אַ רפואה צו זייערע אַלע מכּות. זיי האָבן זיך געשטעלט און געזאָגט: „שקאָלעס ני זשעלאַיעם!“ — שקאָלעס, הייסט עס, ווילן מיר נישט. האָט די וועלט שטאַרק פאַריבל געהאַט דערויף, מורא־האָבנדיק, זי זאָל נישט חרוב ווערן, חס=ושלום, צוליב דעם נאַרישן פאָלק ישׂראל, וואָס וויל זיך נישט בילדן. און גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, וואָס עס וואָלט געווען דער סוף פון דער וועלט, פון גויים און ייִדן, להבדיל, אײַנײַנעם, ווען נישט דער מלאך פון פּרנסה זאָל זיך נישט געווען אונטערכאַפּן מיט הילף אין דער בייזער שעה, נישט היינט געדאַכט. אָט דער דאָזיקער מלאך פון פּרנסה, וואָס דרייט דאָס רעדל פונעם ייִדישן מזל מיט דער גאַנצער לעבנס=געשיכטע זינט גלות מצרים ביז הײַנטיקן טאָג; וואָס גיט מיט דער פולער האַנט כּבֿוד די נגידים און חכמה יענע, וואָס מיט ברייטע, פולע קעשענעס — ער האָט זיך געגריבלט אין אַלע יענע מיני־פּרנסות, וואָס זענען געווען בכּוח אַראָפּצופירן ייִדן פונעם וועג אין געווויסע צייטן, און נישט געפונען קיין בעסער מיטל צו פאַרדרייען זיי מיט השׂכּלה, ווי דער אַקציז פון בראָנפן. גוט איז ער דערמיט, וואָס די ממשלה זיינע וועט זיך פאַרשפּרייטן אומעטום, ווו ייִדן מעגן זיצן; וואָס ער וועט באַשעפּטיקן מיט פאַרשידענע מיני שטעלעס טויזנטער מענטשן פונעם געהויבענעם און געמיינעם עולם, און פון זיי ווידער וועלן האָבן שפּע שענקערס, בעלי=אכסניות, אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, קרעמער, סתּם באַלעבאַטים און אויך אַפילו מקובלים, כּלי=קודש, בטלנים, קבצנים. און וואָס נאָך — וואָס דער אַקציז פאַר זיך אַליין, בראָנפן הייסט עס, האָט גענוג כּוח צו געוועלטיקן איבער דעם מענטשנס נשמה. שטאַרקער פון משקה איז נישטאָ אין דער וועלט. משקה נעמט צו דאָס געלט, דעם שׂכל און דאָס האַרץ, מאַכט וואָס טריפה כּשר און וואָס כּשר — טריפה. און פאַר די אַלע מעלות, אַרויסגעזאָגטע און נישט אַרויסגעזאָגטע דאָ, וועט ייִדן נישט אַזוי אַרן די גענג פון די אַקציזניקעס, די גבאים פון דער משקה, וואָס כמעט אַלע וועלן נישט זײַן קיין צדיקים, און מע וועט זיי מוחל זײַן אויף אַלע עבֿירות, וואָס צו גאָט און וואָס צו לײַט, אויך אויף אַזעלכע עבֿירות, וואָס מע טאָר נישט זאָגן. און אַז מע וועט זיך מאַכן נישט=וויסנדיק, אַוועקקוקן פון די גרעסערע, וועלן זיך נעמען צו בילדונג די קלענערע. עס וועלן ווי גרינע גראָז זיך אָנהייבן ווייזן יונגעלײַט. פריש=צאַפּלדיקע משׂכּילים, אין שטעט, אין דער=

פער, וועלן לערנען, אַרײַנקוקן אין די ביכלעך, פריער בשתיקה: אויף בוידע־
מער, אין קעלערס, אין דער ווײַבערשער שול, אויך אין באָר, להבדיל,
און דערנאָך שוין גאַנץ אָפן אַרײַנגײן אין שולן, גימנאַזיעס, אוניווערסי־
טעטן, טראָגנדיק פאָרמעס מיט מעשענע קנעפּ. עס וועט זײַן ליהודים,
ייִדן — ליכטיק, און די וועלט, גוים הייסט עס, וועלן גאָר אָנקווועלן.

און אַזוי טאַקע איז געשען! אין יענע שלעכטע צײַטן, אַז ס'איז געווען
ביטער און „פינצטער", האָט זיך איבערגעדרייט מיטאַמאָל דאָס רעדל —
ייִדן האָבן גענומען די אַרענדע פון בראָנפן, האָבן זיך באַלד אַ ווייז געטאָן
אין דער ייִדישער גאַס אַקציזניקעס און אַ פרייש־מחיהדיק ווינטעלע האָט
געווייעט אין די געצעלטן יעקבס!

און אַקציזניקעס זענען געווען פאַרשידענע, פון אַלערליי סאָרטן
מענטשן. דער מיטעלער סאָרט פון זיי, סתם אַקציזניק, הייסט עס, און
דער גרעסטער טייל פון זיי פאַרדינט, מע זאָל באַקענען זיך מיט אים דאָ
בעסער און פריער פון אַלע אַנדערע.

דער דאָזיקער מין סתם־אַקציזניק איז געווײנטלעך אַ געבוירענער
ערגעץ אין אַ ייִדיש שטעטל. דער טאַטע זײַנער, אליקום־געצל, אַ ייִד
אַ קבצן, אַ לײַטישער אָנגעזעענער אָרעמאַן, האָט אים אַ נאָמען געגעבן
פייבוש, און אים מגדל געווען, ווי דער שטייגער איז, לתורה ולחופּה. תורה
האָט ער געלערנט קינדווייז אין חדר און בחורווייז אין אַ ישיבה, אַגב
טאַקע חתונה געהאַט און דערנאָך... אַוועק אָדער אַנטלאָפן פון זײַן שטעטל,
פון זײַן „געבירט" און פון זײַן פלוניתטע, דאָס מיינט מען זײַן ווײַב, אויף
אַ צײַט לאַנג, אָדער אויף לעולם־ועד. אַצינד טראָגט ער זיך דײַטש, מיט
דער מאָדע, מיט ווײַסע קראַגנדלעך וועבלענע, אָדער אפשר גאָר פּאַפּירענע,
וואָס צווײ אַ גראָשן. דאָס רעקעלע זײַנס, וואָס איז אים ממש אַ דערקוויקע־
ניש, פאַרקירצט ער אַזוי, אַז עס דערגרייכט קוים ביזן העלפט געזעס,
מחילה, אויף צו־להכעיס דער קאַפּאָטע, עליה־השלום, וואָס האָט זיך גע־
שלעפּט בײַ אים אַמאָל ביז די פּיאַטעס. דאָס אייגענע טאַקע איז בײַ אים
אויך מיט די פּאות. זאָל דער אייבערשטער שומר־ומציל זײַן, אַז פייבוש
בן אליקום־געצל זאָל איבערלאָזן דערפון כאָטש עפּעס אַ סימן! דערפאַר
אַ „משוב" פאַרלאָזט ער זיך דווקא אַ גרויסן. מיט דער באָרד און וואָנסעס
האָט ער גענוג אַרבעט, פריער פוצט ער די באָרד מיט אַ שערל און דער־
נאָך גאָלט ער זי גאָר אָפּ, צו אַלדי רוחות. די האָר שמירט ער, זיי זאָלן
גלאַנצן, אָנלייגנדיק גענוג פּאָמאַדע, און בײַ עפּעס אַ שמחהלע באַשפּריצט
ער די קליידער מיט פּערפומע, עס זאָל שמעקן. זייער וויכטיק איז בײַ אים
דאָס גיין אָן אַ היטל. באַלד ווי ער קומט ערגעץ אַרײַן, איז אײדער ער
טוט אוים די קאַלאָשן, נעמט פון זיך אַראָפּ דאָס מאַנטל, שטייט ער שוין

מיט אַ הוילן קאָפּ, און נישט דווקא אַריינקומענדיק אין אַ הויז, ווו מענטשן, נאָר אין אַ וועלכן געביי ס'איז, אַפילו אין אַ סאַראַי, אין אַ שטאַל וכדומה. הכלל, אַלע גוייִשע זאַכן, וואָס פייבוש האָט אָנגענומען, היט ער פיל מער אָפּ ווי דער גוי אַליין, ווייל וואָס ניי איז זייער חשוב. און נאָך מער דערפון, ווייל עס פילט זיך עפּעס אַ באַזונדער טעם אין דעם, וואָס מע טאָר נישט. אַ ציגאַר, אַשטייגער, יום־טוב רייכערט זיך זייער געשמאַק דעם פרומען יידן, ווייל עס קומט אים אויס עפּעס אַ חידוש — רייכערן, ווען מע מאַכט קידוש, מע עסט פיש, יויך און צימעס! און שבת אַ ציגאַר איז שטאַרק געשמאַק דעם נישט־פרומען, ווייל רייכערן שבת איז פאַרבאָטן. פייבוש שעמט זיך רעדן יידיש און שניידט אַ מין גוייִש, מישטיינס־געזאָגט, אומברחמנות, אַזוי, אַז ער מאַטערט אָפּ זיך אַליין, נעבעך, און יענעם ווערט נישט גוט הערנדיק. ווי פּערל שיטן זיך אים פון מויל, הויך און שאַרף, נאָר יענע מיאוסע זידל־ווערטער און אויך יענע מיני ווערטער, וואָס ווערן געברויכט אין די אַקציזנע קאַנצעלאַריעס, ווי אַשטייגער: אָטגאָשעניע, ראַספּאָראַזשעניע וכדומה. פייבוש איז שוין ביי אים פּע, ער לאָזט זיך רופן פּאַוונוטיע אַקימאָוויטש, און אַ שטיק געזונט קומט אים צו הערנדיק, אַז דער צלם־אלהים איז פון אים אַראָפּ. אַזאַ מין שבח גיט אים אונטער שטאַרק חשק נאָך מער פּאָמאַדע אַרויפלייגן אויפן קאָפּ, נאָך מער קוקן אין שפּיגל און לערנען זיך האַלטן די נאָז אַזוי, אַז זי זאָל נישט אויסגעבן אים פונוואַנען ער שטאַמט. אין דאָרף, אָדער אין שטעטל, ווו עס קומט אים אויס צו וווינען, רייבט ער זיך אַרום די דאָרטיקע באַאַמטע און פּריצימלעך, עסט מיט זיי ביים גרינעם קאָרטן־טישל און עסן ביי איין טיש מיט זיי. איז ביי זיי אַ חגא, אָדער אַ געבורטסטאָג, פּוצט ער זיך אויס יומטובדיק, קאַרגט נישט אויף זיך קיין פּאָמאַדע, קיין פּאַרפומע און קומט גוט־יום־טוב ביטן, מזל־טוב אָפּגעבן מיט אַ פּאַרבייג און מיט אַ מתנה. און אַז דאָס מזל שפּילט אים און ער איז זוכה צו זיין פאַרבעטן, ווי אַ גאַסט צום טיש, מישט ער מילכיקס מיט פליישיקס, קאָלבאַסן מיט קעז אינאיינעם, עסט, רייבט אויף וואָס די וועלט שטייט, אַלע זאָלן זען, אַז ער האַלט נישט פון זאַבאַבאָנעס, ווי יענע פאַנאַטיקער. פונעם פאַרפלאַמטן פּנים און די אויגן זיינע, וואָס וואַרפן זיך בשעת־מעשה אין אַלע זייטן, זעט אויס, ווי ער מיינט, אַז ער טוט זיי דערמיט אַ טובה, וואָס זיי וועלן עס אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן. און אַז זיי שפּאָטן, ווי געוויינטלעך, פון יידן, אָדער מאַקע פון אים אַליין, כלומרשט גוטברודערשאַפט, איז אַמאָל שווייגט ער, נישט ווייסן מאַכנדיק זיך, און אַמאָל לאַכט ער אויך פון שלום וועגן. באַלד ביים אויפשטיין אינדערפרי, נאָך האָט ער די הענט נישט געוואַשן, דאָס מויל נישט אויסגעשווענקט, כאַפּט ער זיך עסן, באָטש עס

ווילט זיך אים נישט, נאָר כדי מקיים צו זיין די עבירה פון עסן אָנשטאָט דאַוונען. פונדעסטוועגן איז ער גאָרנישט אַזאַ רשע אַקעגן גאָט, ווי עס דאַכט זיך. אין האַרצן ביי זיך איז ער אַ בעל־תשובה, בעט איבער דעם רבונו־של־עולם. אויף אַ טייל עבירות איז ער אים מודה, און אויף אַ טייל ברענגט ער אים אַ היתר פון פיל ערטער געוויסע, ווו עס שטייט, אַז מע מעג, אָדער ער ווייזט אים אויף, אַז אייגנטלעך זענען זיי געמאַכט געוואָרן נאָר כדי צו פאַרהיטן דורך זיי פון עבירות. עפּנטלעך עסט ער גוייִשע מאכלים, דאָך, אַז ס׳קומט אים אויס אַמאָל עסן יידישע מאכלים, עסט ער מיט אַפּעטיט, שמאַכנדיק דערביי פאַר זיך מחמת גרויס הנאה. דעסגלייכן איז ער נישט אַזוי שלעכט אויך צו לייט — ער איז זייער גוט צו יידישע טעכטער, פאַרהאַלט זיך קעגן זיי נישט אַזוי ערנסט, פונדערווייטנס אָפּהיטנדיק זיך מיט אַ וואָרט, ווי פרעמדע מענטשן צווישן זיך, נאָר פריינדלעך מיט ליבשאַפט ווי מיט אייגענע שוועסטער, איז מיט זיי אַ נאָענטער שמעלקע, וואָס אויף דער לונג דאָס איז אים אויף דער צונג, נישט מאַכנדיק, חלילה, אַן אונטערשייד צווישן אַ באַלעבאַטישע טאָכטער און אַ דינסט, אדרבא, די וואָס אַן אָרעמינקע — איז אַ מצווה זי מער מקרב צו זיין, זיין צו איר נאָך מער צוגעלאָזט. עס האָט זיך געמאַכט אַמאָל אַ מעשה מיט דער טאָכטער פונעם באַלעבאָס, ווו ער איז געשטאַנען סטאַנציע, אַן אויסגעגעבן ווייבל אין דער פרעמד ערגעץ אין אַ שטעטל, וואָס איז געקומען אהיים, זען זיך מיט דער משפּחה. א שמחה, א פרייד ביים קומען אירם אויף איטלעכן אין שטוב, אלע קושן זי, האַלדזן זי, און זי קושט, האַלדזט יעדן באַזונדער. און בשעת הדווהה איז פייבוש אויך דאָ אין דער מיט. ביידע, ער מיט איר, האַלדזן זיך, קושן זיך אויף דער זייט, אויף יענער זייט פּנים נאָר אין איין אָטעם. אַז ס׳איז אריבער די הייסע רגע, דער עולם האָט זיך אָפּגעקילט א ביסל, הייבט אָן דאָס ווייבל צוקוקן זיך צו די קרובים, אויספרעגנדיק איינעם נאָך דעם אנדערן, וואָס ער מאַכט, וואָס ער טוט? אין אַז ס׳קומט צו פייבושן און זי שטעלט אויס אויף אים אַ פּאָר אויגן פאַרוווּנדערט, טוט ער זיך אַ כאַפּ, מאַכנדיק אויך פאַרוווּנדערט: וואָס הייסט! ווער איך בין ווייסטו נישט? איך בין דאָך — דער היגער אַקציזניק!!...

און באמת טאַקע איז אַן אַקציזניק געווען אַ גרויסער פּאַרנעם אין זיין אָרט, ווייל פיל מענטשן האָבן באַדאַרפט צו אים אָנקומען. ווער שמועסט די שענקערס, וואָס רעכענען זיך אין שטאָט פאַר שיינע, אַנגעזעענע באַלעבאַטים און שפּילן אַ ראָליע כמעט ווי די וואָכערניקעס דאָרט, זיי זענען געלעגן ביים אַקציזניק אין דער האַנט און געהאַט פאַר אים דאָס ביינערעקע קדחת.

שניידער, ברחנים וכדומה חברה פ״ץ, די פאָלקס־פיטנים, וואָס מאַכן לידלעך אויף אַלע מיני שלעק, משלחתן אין זייער צייט, און מע זינגט זיי דערנאָך אומעטום צווישן דעם יידישן עולם — זיי האָבן עס געמאַכט אויף די אַקציזניקעס פון פייבושעס שניט נישט מער ווי דאָס דאָזיקע לידל:

„און אַקציזנע יונגע לייט
זענען פאַרשייט:
גאָלן די בערדעלעך,
און פאָרן אויף פערדעלעך,
גייען אין קאַלאָשן,
און עסן אומגעוואַשן.
זיי גייען אין די טראַקטירן,
טרינקען טיי,
און דעם ווייבל איז ווינד און ווײ״.

און דאָס איינציקע לידל אפילו איז אויך נישט געווען פאַרשפרייט צווישן דעם פאָלק און ס׳איז נישט אַנגענומען געוואָרן, גלייך ווי פיל שטיק־לעך פיוט אַזוינע, צו זינגען עס ביים עולם. און דאָס דינט פאַר אַ באַווייז, ווי שטאַרק די פרנסה ווירקט, אַז זי איז מכפר אויף אַלע זינד.

נידעריקער מיט אַ שטאַפּל פונעם מיטעלן סאָרט אַקציזניקעס זענען יענע, וואָס זענען אָנגעשטעלט געווען אין „גאַראַלניעס״, און אַמבאַרן, שפּייכלער, קעלערס פון בראָנפן און שומרים אַרומפאָרנדיק אויף פערד. צווישן די דאָזיקע לייט איז אַן אויסמישעניש פון אַלערליי מיני נפשות: געוועזענע קרעמערלעך, מאַרק־מענטשן, מעקלערס, משרתים און אכסניות. צום טייל גרויסע גראָבע יונגען, „געשלאָגן אויף דער עברי״, וואָס האָבן באַקומען שטעלעס נאָר צוליב דעם, וואָס זיי זענען אַרץ־פּיאַסקע־עזות־פּנימער מיט הערצער פאַרשטאָקטע, האַרטע ווי שטיין, און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט, מישטיינס־געזאָגט, קוים רעבענען ביז „תשבורת״, דירך איבערגעגעבענע זיי בסוד־סודות עפּעס אַזוינע מיני כללים, און מאַכן „כפל״ אויף די צונויפגעשטעלטע פינגער, ווי אויך אַרוים מיט אַ גוייש וואָרט, מישטיינס־געזאָגט, אַז מע האָט באַדאַרפט אַמאָל.

עס זענען דאָ אין דעם דאָזיקן פעקל אויך געוועזענע מלמדים, וואָס מיט זייער בייזקייט, מיט זייער פריי זיין אויף דער האַנט זע׳ען זיי ווי געיוונטשן צוגעפּאַסט צו זייערע איצטיקע שטעלעס. עס געפינען זיך דאָ אין צעטל אויך בטלנים, טויגעניכטסן, גאַרנישטן, סווישטשעס, וואָס האָבן קיין פינגער אין קאַלט וואַסער קיינמאָל נישט אַריינגעטאָן, טויגן נישט אַ קאַץ אַז עק צו פאַרבינדן, שטייען ווי די אָנגעמאָלטע ליימענע גולמס אויף זייערע שטעלעס, און פרעגט זיי בחרם, וואָס טוט זיך דאָ מיט זיי

אַזוינס — דאָס זענען אָרעמע קרובים פון די געהויבענע אַקציזניקעס, פון זייערע ווייבער, פון זייערע ליבהאָבערינס, אָדער פון גבירים, נגידים, מוסרים און תקיפים, וואָס מע האָט געמוזט צוליב טאָן און געבן זיי שטעלעס פון יוצא-וועגן.

אָט די דאָזיקע משה-מחויבניקעס זענען געבליבן דאָס, וואָס זיי זענען געווען, נישט אַראָפּגעמענדיק זיך פונעם רעכטן וועג, חס-ושלום, טאַקע די אייגענע ווי פריער: מיט די אייגענע קליידער, מיט די אייגענע נעמען, כאַצקל געהייסן און כאַצקל געבליבן, אויך מיט דעם אייגענעם לשון, גערעדט מאַמע-לשון, יידיש, הויך מיט אַ ניגון, מאַכנדיק מיט די הענט, נישט נאָר צווישן זיך, נאָר אויך מיט דעם אָדון זייערן. אַז דער אָדון פלעגט אַמאָל פלוצעם אָנפאָרן מיט דער פאָרסע און זיי אַ פרעג טאָן עפעס וואָס ס'איז, פלעגן זיי ענטפערן קורץ און שאַרף: מיר ווייסן גאָרנישט, רב... רב (אַזוינער און אַזוינער) האָט אונדז דאָ אַנידערגעשטעלט און מיר שטייען. פונדעסטוועגן אַ שטיקל אַפיקורסות האָט זיך צו זיי דאָך צוגעקלעפט — די באָרד און פאות אַשטייגער, פלעגן זיי אויסקעמען אינמיטן וואָך און אַמאָל טאַקע שבת אויך. די נאָז פלעגן זיי נישט שנייצן פראַנק און פריי, איטלעכן אין די אויגן, נאָר זיי האָבן זי, די נאָז הייסט עס, געלערנט דרך-ארץ, אָפּטאָן איר זאַך שטיל, אין דער זייט, און טאַקע אָפּווישן זיך מיט אַ טיכל, נישט דווקא מיט דער האַנט, אָדער מיט אַן עק קאַפּאָטע. דאָס דאַווענען פלעגן זיי אַמאָל אָפּמאַכן בקיצור, ווי מע זאָגט: סור-בור ומפליא לעשות. פאַר דעם אָדון זייערן פלעגן זיי אַראָפּנעמען דאָס היטל און שטיין פאַר אים מיט אַ הוילן קאָפּ. זיי פלעגן אַמאָל הערן נישט קיין שיינע ווערטער פון זייערע חברים, אַקציזניקעס, נישט אָנצובייזערן זיך אויף זיי, אַדרבא, אָפט פלעגן זיי נאָך דערחפון הנאה האָבן. יענע גראָבע יונגען, מיאוסע עם-הארצים צווישן די אַקציזניקעס, פלעגן רעדן ניבול-פה, טאָן אַן עבירה, נישט בכיוון, און אויף להכעיס, חלילה, נאָר פשוט דערפילן דערמיט זייערע תאוות. אויסגענומען די געוועזענע מלמדים — זיי האָבן געטאָן טאַקע אַן עבירה בכיוון, צוליב דער עבירה אַליין. דער הילוק צווישן זיי און סתם אַקציזניקעס פונעם מיטעלן סאָרט איז נישט מער אין דעם: יענער האָט געזינדיקט און הנאה געהאַט, און זיי האָבן געזינדיקט און קיין הנאה נישט געהאַט. יענער האָט געזינדיקט מיט שעטנז, אַשטייגער, אין אַ מלבוש, און זיי — אין אַ לאַטע פון וואָל אויף צעריסענע לייוונטענע פלודערן. יענער האָט געזינדיקט, מישנדיק פלייש מיט מילך, האָט ער געגעסן אַ הינדל מיט פוטער. אויך פאַרטרונקען מיט „נסך“, דעם טייערסטן וויין, און זיי — האָבן געגעסן אַ פיסנע קאָליש, געקאָכט אין אַ פליישיק טעפל, מיט אַ מילכיקן לעפל. און דער וויין, וועלכן זיי האָבן

אַמאָל זיך פֿאַרגונען טרינקען, נאָכדעם ווי זיי האָבן אים געמאַכט „נסך“ דורך דעם אָנרירן פֿון אַ גוי, איז געווען ראָזשינקעס־וויין. דאָס איז נאָך גאָרנישט, זיי פֿלעגן זיך נאָך אַמאָל גאָר גייטן צו טאָן אַן עבירה, כאָטש זי איז פּריקרע, אַקעגן זייער נאַטור, ווי אַשטייגער, עסן ראַקעס.

אַ העכערער גראַד פֿון דעם מיטלסטן סאָרט זענען געווען די געהויבענע אַקציזניקעס — „אופּראַוולי־אַיושטשעס“, אַשטייגער, וואָס איטלעכער אין זיין אָרט איז געווען אַ גרויסער פּריץ, געהאַט צו זאָגן איבער אַלצדינג, וואָס שייך צום אַקציז. אויך רעוויזאָרן, שרייבערס, בוכהאַלטערס, סעקרעטאַרן אין די קאַנצעלאַריעס און אין דער הויפּט־קאַנטאָר פֿונעם אָדון אױבער אַלע אַדונים, פּריץ איבער אַלע פּריצים, פֿונעם אַרענדאַר, הגביר הגדול והנורא — פֿון אים אַליין! מייגסטנס זענען די דאָזיקע געווען פֿאַרשטענדיקע, געבילדעטע, אָרנטלעכע לייטישע מענטשן.

אָט די דאָזיקע אַלע מיני אַקציזניקעס, פֿון קליין ביז גרויס, זיי זענען עס די טאַטעס פֿון דער „השכּלה“ אין דעם פֿריערדיקן דור.

און מיט די קינדער זייערע, די משׂכּילים הייסט עס, איז געווען אויך דאָס אייגענע ווי מיט די טאַטעס, די אַקציזניקעס. צווישן די משׂכּילים איז אויך געווען אַן ערב־רב, אַן אויסמישעניש פֿון אַלע מינים — משׂכּילים מיט פֿולע אָנגעשטאָפּטע קעשענעס און ליידיקע מוחות, פֿון סוחרים, „פּאָדריאַדטשיקעס“ וכדומה. אויך משׂכּילים פֿון מלמדים געוואָרענע לערער אין די שולן, וואָס פֿלעגן אויסלערנען מיט די שילער די ערשטע פּרשה בראשית און אַ שטיקל „חיי אָדם“ מיטן „דייטשמערישן איבערזעץ“, מישטיינס־געזאָגט. חלילה, זאָגן „ברא“ באַשאַפֿן, נאָר „שוף“. דאָס זענען געווען די אַפּיקורסים, די חקרנים, די „בעל־לשונס“ אין יענער צייט. אויך איז געווען משׂכּילים בטלנים, וואָס פֿלעגן זיך קרימען אויף פּיוטים, אויפֿווייזנדיק אין זיי פֿעלער. פֿאַרברענגען די גאַנצע צייט זייערע אויף איינבייסן אַ האַרבן פּסוק, אַ קריטיש שטיקל אגדתא, געבן מייגסטנס צו פֿאַרשטיין זייערס אַן אויפֿטו מיט משלים פֿון דעם שטייגער פֿירונג אין דער וועלט און פֿון דער פּאָליטיקע. די מגילה — דאָס איז פֿאַר זיי געווען אַן אָרט, אַריינצולייגן דאָרט טיפֿע כּוונות אין די ווערטער פֿון המן און אחשוורוש, געגריבלט זיך מיט אַ קוועטש אין איטלעכס וואָרט פֿון מרדכין און אסתּר המלכּה און עס דערקלערט שכלדיק על־פּי חכמת הפּאָליטיקע עף־עף! פֿון „כּפּרות שלאָגן“ האָבן זיי נישט אַזוי געהאַלטן, פֿלעגן איבערהיפּן געוויסע שטיקלעך „יוצרות“ און צובאָמקען יענע, וואָס האָבן פֿאַרלאַנגט „רעפֿאָרמעס“ אין דעם שולחן־ערוך.

פֿונדעסטוועגן באַדאַרף מען נישט אַזוי גרינג אַוועקמאַכן די משׂכּילים פֿונעם פֿריערדיקן דור, מע מוז געדענקען די צייט, ווען, און דאָס אָרט, ווו

זײ האָבן געלעבט. עס מעג זײ בײשטײן אויך דער זכות, וואָס װען נישט זײ, װאָלטן הײנטיקע חכמים, אין אונדזער צײט, זיך נישט גענומען אויף דער װעלט. אין איר, בײזע צינגער, אָנשטאָט צו זידלען, צונישט מאַכן יענע, וואָס אַמאָל, זידלט בעסער די, וואָס הײנט. װיפֿל, אַשטײגער, משכּילים עמי־הארצים, אויסגעלאַסענע, בטלנים, האָט איר אײך אי אַצינד אין אײערע צײטן. מילא אויף די אַמאָלדיקע איז נאָך דאָ אַ תּירוץ — מענטשן זענען דאָס אײגענע, וואָס אַ שטאַרק צונויפֿגעשטיקטע לופֿט, אַשטײגער, צו אײן זײט. ערגעץ עפּעס, װיבאַלד עס שפּירט זיך אַ מינדסטע עפֿענונג, טוט זי זיך אַ שטופּ מיט אימפּעט, פֿאַרפֿליענדיק פֿרײ העט װײט צו דער אַנדערער זײט. האָט פֿונעם בית־המדרש צו דער „השכּלה“ זיך געעפֿנט אַ ביסעלע די טיר, האָבן ײדישע קינדער אַ לאָז געטאָן זיך װי די דולע, פֿאַרקריכנדיק װײט. מיט וואָס אָבער קאָן מען פֿאַרענטפֿערן די הײנטיקע, וואָס די טיר צו דער השכּלה איז נישט געװען פֿאַרשלאָסן קײנמאָל פֿאַר זײ? די פֿריערדיקע זענען געװען פֿאַרפֿירט אומגערן, נישט װיסנדיק, און די הײנטיקע — טאַקע װיסנדיק. און נאָך אַלע זאַכן זענען דאָך נישט אַלע אין יענעם פֿריערדיקן דור געװען פֿאַרדאָרבן, חלילה. װי צװישן די אַקציזניקעס האָבן זיך געפֿינען אײנצלנע לײטישע מענטשן, אַזױ אויך צװישן די משכּילים. פֿיל גרױסע לומדים, חכמים, געלערנטע זענען פֿון זײ אין יענער צײט געװען, באַרימטע שריפֿטשטעלער, פּאָעטן, וואָס מאַכן כּבוד זײער דור ײדן, און די שפּעטערדיקע דורות.

און איר, חכמים פֿונעם נײעם דור, באַרירט נישט דעם כּבוד פֿון די חכמים פֿונעם אַלטן דור דערפֿאַר, וואָס זײ האָבן נישט געהאַט צו טאָן איבער אַ זאַך, װי בית־שמאַי מיט בית־הלל, אַשטײגער, איבער אַן אײ, וואָס איז ערשט נולד געװאָרן איצט. אין פֿאַרלויף פֿון פֿאַרשידענע צײטן װעלן נײע געדאַנקען און אַנדערע באַדערפֿענישן נולד װערן בײ אײערע קינדער, נאָך אײך. מעגלעך, אַז יענע קינדער אין זײער צײט װעלן אויך לאַכן פֿון די טאַטעס, פֿון זײערע חקירות און זײערע חלומות. איטלעכע צײט איז מיט אירע פֿײגעלעך. נײע פֿײגעלעך — נײע לידלעך!...

דאָס פֿינפֿטע קאַפּיטל

די מעשה מיט שמואליק דעם טאַנדעטניק, זי באַװײזט אויך זײער גוט, װי נאָך טויזנטער אַזעלכע באַװײזן, אַז אַ ײד באַדאַרף אָננעמען פֿאַר ליב איטלעכע מכּה, איטלעכן קלאַפּ, אי אַ פּאַטש אויך, אַפֿילו װען עס טוט אים שטאַרק װײ; ער באַדאַרף גלײבן, אַז דער פּאַטש איז, נישקשה, נישט

אומזיסט, נאָר פון זיין טובה וועגן, אויב נישט באַלד אין דער הייסער מינוט, איז שפּעטער. ווי עס זעט אויס, איז שוין, אַפּנים, דעם יידן אויבן אַזוי אָנגעשריבן ביים געבוירן ווערן, אַז ער זאָל נישט האָבן קיין לעק עולם־הזה אָן צער און יסורים. דעם יידנס מזל ליגט אין אַ האַרטער, כּפול־שמונהדרי־קער שאָלעכץ, ווי דאָס קערל פון אַ נוס, וואָס קומט אָן זייער שווער צו דערטאַפּן עס, ביז מע ברעכט נישט שיר אויס די ציין קנאַקנדיק.

שרעקלעכע ווייטעקן האָט שמואליק, נעבעך, געליטן יענע נאַכט, אי האַרצווייטעק, אי ווייטעקן פון די קלעפּ, וואָס ער האָט געכאַפּט, נאָר ווען נישט זיי, וואלט ער דאַך נישט זוכה געווען צו האָבן דעם כּבֿוד, אַז מיכאל ספּיר, דער עלטסטער איבער אַלע אַקציזניקעס אין וואָליגער גובערניע, זאָל זיך מטריח זיין אים אָפּגעבן, אַריינגעמען צו זיך אין דער קאַרעטע אים מיט זיין משהלען אין אָפּפירן זיי ביידע אין ביקור־חולים. און ס'איז באמת אַ כּבֿוד, אַ גרויסער כּבֿוד, וועלכן אָפּצושאַצן איז אימשטאַנד נאָר אַזעלכער, וואָס אים איז גוט באַוווסט דער שטייגער לעבן פון אונדזערע יידן אין היגן ווינקל, זייער פירונג און מיינונגען אין יענע צייטן.

אונדזערע זיידעס האָבן געגלייבט: דאָס גאַנצע לעבן אויף דער וועלט איז נאָר צוליב יענער וועלט. „דער מענטש ווערט געבוירן אויף מקיים צו זיין מצוות לשם־שמים און שטאַרבן דאָ כּדי צו לעבן דאָרט“. העריבער איז אַלצדינג, וואָס ער געברויכט דאָ אויף דער וועלט, נישט צוליב דער־האַלטן דעם גוף און פון זיין הנאה וועגן, נאָר צוליב דעם, כּדי מקיים צו זיין אַ מצווה. זיי האָבן געגעסן, אַשטייגער, אין אַ וואָכנדיקן טאָג, כּדי צו מאַכן „המוציא“ און בענטשן, אין שבת אויך כּדי מקיים צו זיין „שלש־סעודות“; האָבן פאַרזוכט זומער די פּירות, כּדי צו מאַכן ברכה מיט אַ „שהחינו“; וויין האָבן זיי געטרונקען פּסח מקיים צו זיין אַרבע כּוסות. זיי האָבן חתונה געהאַט נישט ווי אַלע אַנדערע לייט, נאָר אויפן יידישן שטייגער, כּדי מקיים צו זיין די ע ר ש ט ע מ צ ו ו ה. אין באָד זענען זיי געגאַנגען נישט זיך צוליב, נאָר לכבוד שבת, לכבוד יום־טוב. מיטן נעגל־וואַסער און די הענט וואַשן זענען זיי נישט אויסן געווען אַזוי דעם פּויע דאָס ריינקייט, ווי די ברכה, „על נטילת ידים“. דעם „אשר יצר“. און אַ תּשמיש שוין נישט קיין נייטיקע זאַך, וואָס גלאַט שוין פאַר דעם אוי־וכדומה נאָך אַזוינע תּענוגים — דערפון האָבן זיי כּלל וכלל נישט גע־האַלטן. זאַכן, לייוונטענע תּחתּונים, אַ טלית־קטן אין אַ קאַפּאָטע. איינע אַ וואָכנדיקע און איינע אַ שבתדיקע, — אָט דרינען איז באַשטאַנען זייער גאַנצע גאַרדעראָבע. יידן זענען נישט קליין געווען גיין צופוס, נייטיק האָבנדיק קיין קאַרעטעס מיט פערד. זענען אויסגעקומען אין שטוב אין שיינע טייערע מעבל, אָן פּאַרקעטן אין מירמלשטיינערנע זיילן, אָן שפּיי־

צאַרן מיט טרעסטן, מעשענע קנעפּלעך און אָן גלעקלעך ביי די טירן. די טיר איז געשטאַנען אָפן, ווער עס האָט באַדאַרפט, איז פריי אַריין. א״ז יענער פאַרגאַנגען העט אַהין צום באַלעבאָס, צו דער באַלעבאָסטע אי״ שלאָפצימער, איז אויך געווען נישקשה. אין יענער צייט זענען נישט גע״ ווען בנמצא קיין יידישע „משינאָווניקעס״, קיין ראַבינער, קיין סטראַפּטשעס און געשוווירענע אַדוואָקאַטן, קיין יידן מיט אויבערלעך, מיט אָרדנס און מיט טיטלען, חוץ פּרנסי־חדשים און קהלס־לייט: שמשים, כאַפּערס, קברנים, מלמדים, ראשי ישיבות, פּרושים, כלי־קודש, קבצנים, מקבלים און בטלנים. די צייט איז זיך געגאַנגען איר וועג, יידן זיצן זיך, ווו זיי מעגן. גאַנץ יידישלעך — די יאַרמעלקעס מיט די היטלען אויף די קעפּ, שוויצן געשמאַק, און גאָרנישט! וואָס הערן זיי אַ וועלט? איין ייד שטעלט אַרויס אַ פייג דעם אַנדערן, קליין און גרויס אַלץ איינס, כל ישראל אחים — אַלע גלייכע פּריצים!... דאָרט ביי זיך, אויף דער יידישער גאַס, זענען יידן טאַקע בני־מלכים, פּרינצן, האָנאָרעוואַטע, אָבער ביים אַרויס־ גיין אין דער וועלט, צווישן לייט, לייגן זיי אַוועק אין דער זייט זייער כבוד, זייער שטאָלץ, באַקומען, מישטיינס־געזאָגט, אַ פּנים פון קנעכט, קניען זיך, בוקן זיך, דערנידעריקן זיך פאַר אַ ליאַדע פּריצל צוליב דאָס שטיקל זינדיקע פּרנסה, שטייען פאַר אים אָן אַ היטל, אַלץ מיט אַ פאַרבייג, מיט אַ חניפהלע, אי מורא האָבנדיק, אי מבטל זייענדיק אים אין האַרצן צו גלייכער צייט.

און די אַקציזניקעס, אַט די נייע מיני פאַרשוינען דענסטמאָל, זיי זע־ נען עס געווען, קאָן מען זאָגן, די ערשטע אין דער יידישער גאַס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט פון אַנדערע מיט זייער שטייגער לעבן, מיט זייער הלבשה, מיט אַלע גענג און די פירונגען זייערע. זיי האָבן עס אָנגעהויבן ווערן „טשי־ נאָווניקעס״, באַאַמטע, העכערע און קלענערע, שטייענדיק איינע אונטער די אַנדערע און הערנדיק איינע די אַנדערע לויט די שטעלעס, וועלכע זיי האָבן פאַרנומען. דער עלטסטער, דער גרעסטער פון די אַקציזניקעס, האָט געפירט דאָס רעדל אין זיין גובערניע בגראַנדע, האַלטנדיק יעדן אין דער מורא. זיין הויז איז תמיד פול געווען מיט מענטשן — דער איז געקומען בעטן אַ שטעלע, און יענער בעט, מע זאָל אים פון דער שטעלע נישט אָפּ־ זאָגן. איין שענקער קלאָגט זיך, וואָס מע האָט אַוועקגענומען זיין בראָנפן, און דער אַנדערער בעט רחמים אַראָפּצונעמען פון אים דעם קנס, וואָס מע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. איטלעכער קומט מיט זיינס, אַלע שטייען אָן היטלען, וואַרטנדיק אין פאָרצימער די שעה, וואָס מע וועט רופן איינעם נאָכן אַנדערן צום אָדון הגדול אין קאַבינעט. און משרתים, באַדינטע, לויפן ווי די רוחות אַהין־אַהער. גייען פאַרביי דעם וואַרטנדיקן עולם, שוויי־

גנדיק מיט שטאָלץ, און אַז ווייל איז יענעם, וועלכער איז זוכה צו כאַפּן פון זיי אַ וואָרט, אַ בליק. אָט די דאָזיקע ניי-מאָדנע לייט זענען פאַררעכנט געווען ביי יידעלעך, שוואַכגדיקע, ציטערנדיקע, ווי אמתע פּריצים. סטייטש, זיי האָבן דאָך אויך עולם-הזה: זיצן אין שיינע דירות, פּאַלאַצן, מיט טייער מעבל, טראָגן אַפילו אינדערוואָכן שיינע בגדים, פאָרן אין קאָרעטעס, און דער שליסל פון פּרנסה איז ביי זיי אין די הענט. מיט אַזעלכע אַדונים, אַ קלייניקייט עפּעס, איז נישט שייך זיך אויפצופירן כמנהג ייד, פּשוט, אָן צערעמאָניעס, אָן דרך-ארץ, ווי אַחינו-בני-ישראל צווישן זיך. פאַר אַזעלכע *מעג* מען זיך דערנידעריקן, בוקן זיך, קושן די הענט, שטיין אָן אַ היטל און מאַכן זיך עפּר-ועפּר, נישקשה!

נאָך דעם גרויסן כבוד האָט מען אַזעלכע אַקציזניקעס אָפּגעגעבן צוליב דער פּרנסה. אין הארצן האָט מען פון זיי געטראַכט אַנדערש ווי גערעדט מיטן מויל, ווייל זיי האָבן זיך דאָך נישט געפירט יידישלעך. גאָר עפּעס אַנדערש איז דער הער מיכאל ספּיר, אַ מענטש אַ גוטער, אַ פרומער, די גאַנצע פירונג ביי זיך אין הויז איז יידישלעך — אים האָט מען טאַקע געאַכט, ליב געהאַט באמת פונעם האַרצן. ער איז געווען אַ געבילדעטער מענטש אי אַ ווויל-לערנער, האָט געקענט לשון-קודש, ליב געהאַט זיין פאָלק און זיך געלאָזט דערקענען מיט געלט צו אַ נויטבאַדערפטיקן, צו אַ יידישן מחבר. אַ מחבר אין יענער צייט ביי יידן איז געוויינטלעך געווען אַן אָרעמאַן, וואָס ער פלעגט שוואַרצן דאָס פּנים, ארומגייענדיק פאַרטיילן זיין ספר. אמת, היינט זענען אויך דאָ אַ טייל מחברים קבצנים, נאָך אפשר גרעסערע פון די פריערדיקע, נאָך די אָרעמקייט זעט זיך ביי זיי נישט אַזוי ארויס. זייערע ספרים פאַרטיילן זיי נישט אליין, נאָר דורך גרויסע שרייענדיקע, אומגעלומפּערטע מודעות אין די צייטונגען. און אויב יידן פאַרשעמען זיי, קויפן נישט, איז דאָך דאָס פאַרשעמען יענעם אונטער די אויגן נישט אַזאַ ביוש, ווי פאַרשעמען אים אין די אויגן. מיכאל ספּיר אָבער האָט זיך באַנומען פריינדלעך מיט אָרעמע מחברים. פלעגט גערן נעמען זייערע ספרים, זייער שיין זיי באַלוינען און אָפט נאָך פאַרבעטן זיי צום טיש. איבערהויפּט איז מיכאַל ספּיר געווען אַ פריינד פון די משכילים און לערער אין די יידישע שולן, וואָס זענען ביים עולם אין יענער צייט נישט באַליבט געווען. ער האָט גערעכנט זיך פאַר אַ שולד, אריינצוגעבן זיין איינציקן זון אין דער ראַבינער-שול, וואָס אין דער שטאָט ז..., כדי אַנדערע רייכע לייט זאָלן אים דרינען נאָכטאָן. און אָט דעם יונגנמאַן, ריווקין, איינער פון די בעסטע ראַבינער-שילער, פון אַ העכערער קלאַס, אים האָט ספּיר אַריינגענומען צו זיך אין הויז, ער זאָל לערנען מיט זיין זון. ריווקין האָט געטאָן זיין זאַך געטריי און ספּיר האָט אים דערפאַר

זייער ליב באַקומען, זוכנדיק תמיד א געלעגנהייט פֿאַרשאַפֿן אים וואָס
ס'איז א פֿאַרגעניגן. גראָד אין יענעם טאָג, ווען די מעשה מיט שמואליקן,
האָט מיכאל ספּיר באַדאַרפֿט צוליב עסק פֿאָרן נישט ווייט אין א דאָרף,
דער טאָג איז געווען זייער א שיינער, האָט ער מיטגענומען ריווקינען,
ער זאָל א ביסל זיך דורכפֿאָרן אויף דער פֿרייער לופֿט.
אמת טאַקע, אַ גרויסער כבוד איז פֿאַר שמואליק דעם טאַנדעטניק,
וואָס אזא מאַן ווי מיכאל ספּיר האָט אים באַפֿרייט פֿון די כאַפּערס הענט
און אָפּגעפֿירט אים מיט משהלען אין ביקור=חולים; פֿונדעסטוועגן איז
נאָך אָבער נישט אויסגעמאַכט, אויב שמואליק וואָלט פֿאַר דעם דאָזיקן
כבוד געגומען פֿון לכתחילה אויף זיך צו ליידן אזעלכע שווערע, ביטערע
יסורים. אפֿשר וואָלט ער גאָר געזאָגט: נישט קיין כאַפּערס און נישט קיין
באַפֿרייער, נישט קיין מכה און נישט קיין רפֿואה, נישט קיין ווונדן און
נישט קיין ביקור=חולים. איז דען טאַקע נישטאָ ביי אונדז אַזויגע קבצנים,
עזות=פּנימער, וואָס פֿאַרגעסנדיק דאָס גוטס, וועלכעס מע טוט זיי, טרעטן
זיי ארוים אקעגן אלע אונדזערע גבאים און יענע מיני בעלי=טובות מיט
א ליאַרעם, א געשריי: פֿיל גלייכער וואָלט געווען פֿאַר אונדז און פֿאַר כל=
ישראל, אז איר וואָלט גאָר נישט געבוירן געוואָרן!... מילא, בכן וואָלט כבוד
גאָר אליין נישט געגוג געווען פֿאַר שמואליקן, ווען מיט דעם כבוד צוגלייך
זאָל זיך נישט געווען אויסדרייען פֿאַר אים אויך אַ גוטע גוזלעכע זאַך.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

נישט אזוי גיך איז שמואליק אויסגעהיילט געוואָרן פֿון די ווייטעקן
זיינע. אז זיין משהלע איז ארוים פֿונעם ביקור=חולים געזונט, איז ער
נאָך געלעגן מסוכן קראַנק און אַ לאַנגע צייט נישט אַראָפּ פֿונעם בעט.
אין דער צייט ווען דער דאָקטאָר אין ביקור=חולים האָט זיך שטאַרק אָפּגע=
געבן מיט אים, בזכות מיכאל ספּיר, היילן דעם צעבראָכענעם גוף זיינעם,
האָט ריווקין, דער ראַבינער=שילער, זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט משהלען,
היילן אים זיין נפֿש, בילדן אים הייסט עס, אויסלערנען אים לייענען ביכ=
לעך און שרייבן. געטאָן האָט עס ריווקין נאָר פֿאַר רחמנות — ער האָט
געזען אז אָרעם בחורל, א קראַנקס, נעבעך, איז אים דאָס האַרץ פֿאַרלאָפֿן
מיט בלוט קוקנדיק אויף אים. אַלע טאָג פֿלעגט ער קומען אים מבקר=
חולה זיין און זיך נישט דערווייטערט פֿון אים נאָכדעם, אז ער איז רעכט
געזונט געוואָרן. און לסוף, געפֿינענדיק אין אים גוטע מעלות, אז ער האָט
א גוט קעפּל צום לערנען, האָט ער אים שטאַרק ליב באַקומען, געליבט

אים אין טאָג אריין. מיכאל ספיר האָט זייער הנאה געהאַט, וואָס דורך אים איז ארויס א ישועה א ווייל קינד, און זיך באַטראַכט העלפן אזא בחורל און אריינגעבן אים אין דער ראַבינער־שול, ער זאָל ווערן מיט דער צייט א גוצלעכער, א פּאַרטיקער מענטש. צוגעגרייטן אים האָט זיך אונטער־גענומען ריווקין און געלערנט מיט אים געשמאַק.

מיט דער נייער תורה האָט אָנגעהויבן אין משהלען צו יוירן און אויפ־גיין עפּעס משונה נייע געדאַנקען — אזא יוירן, וואָס ווערט אין טייג און אויך אין א פּאַרזייט קערנדל, אויפבורענדיק אַלע טיילעכלעך אין אים, און וואָס אָן דעם איז דאָס שפּראָצן און וואַקסן ריין אוממעגלעך. די תורה פון דער „השכלה" האָט, ווי זויערטייג, אָנגעמאַכט א האַלעבורדע אין משהלעס האַרץ, א גאַנצע איבערקערעניש אין זיינע געדאַנקען; זאַכן, גאַנץ קלאָרע פריער, הערן אויף קלאָר צו זיין אַצינד. וואָס גוט, וואָס שלעכט, וואָס שיין, וואָס מיאוס, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר נישט — איז איצט ביי אים די שאלה, אויב ס'איז אַזוי. פּאַרצייטיקע חכמים קומען נישט צו די היינטיקע, אַלטע גייען אראָפּ פונעם מאַרק — אָבער אזוינס דויערט ביי אים נישט לאַנג. דאָס לערנען קינדווייז אין חדר; דאָס זיצן און לערנען שפּעטער אין בית־המדרש אונטער דער השגחה פונעם ליבן רב אברהמען; דאָס בענקען נאָך טאַטע־מאַמע, פאַרשטעלנדיק זיך, ווי עס האָט זיך ביי זיי געלעבט, ווי ס'איז צוגעגאַנגען די שבתים און ימים־טובים — אַט דאָס איז אים ביי־געשטאַנען, בשעת דער יוירונג אין אים, אז עס זאָל גיין ריכטיק, און די נייע וועלט זיינע זאָל זיין געבויט אויף דעם פונדאַמענט פון דער וואָס אמאָל. דערצו נאָך האָט דאָס מזל אים אויך געדינט, צושיקנדיק אים א גוטן רבין, ווי ריווקין, און א גוטן חבר, ווי מיכאל ספירס זון — ביידע געזעצטע, מיט א גוטער אויפפירונג, וואָס האָבן דערמיט אויף משהלען גוט געווירקט. משהלע בילדעט זיך, וואַקסט, וואַקסט מיט דער צייט, ביז ער פּיקט זיך אויס ווי א הינדעלע, וואָס עפנט די אויגן און דערזעט פאַר זיך צום ערשטן מאָל די וועלט, גלייך ווי זי איז אויך ערשט באַשאַפן געוואָרן!

א היפּשע צייט איז שמואליק אויסגעלעגן אין ביקור־חולים; און אז ער איז אַרויס פון דאָרט איז ער נאָך אַלץ צו די קרעפטן נישט געקומען, און געשטיצט פון גוטע מענטשן איז ער פאַרבליבן אין ז..., ביז ער וועט אינגאַנצן געזונט ווערן און זיין אימשטאַנד צו ארבעטן.

שמואליק זעט זיין זון אַרומפירנדיק זיך מיט שילער און האָט הנאה, טראַכטנדיק ביי זיך: דאָס זענען אוודאי ישיבה־בחורים, מיט וועלכע ער לערנט צוזאַמען אין בית־המדרש, זיי האָבן זיכער אָנגעשמעקט אין אים, ווי גוט ער קען די גמרא און איטלעכער האַלט פאַר א כבוד צו זיין מיט

אים חבר. דאָס איז געווען שמואליקס איינציקע טרייסט אין זיין ביטערער לאַגע, פאַרשטעלנדיק זיך אַלץ, ווי דער שטייגער זיינער איז תמיד, דאָס גרויסע גליק, וואָס דערוואַרט אים שפּעטער, אם־ירצה־השם. עס דאַכט זיך אים, דער זון איז אַ רב ערגעץ ביי ייִדן, ער זיצט מיט ברייטקייט אויפן בענקל, רייניקים מיט דעם שמש אַרום אים, די טיר ביי אים אין שטוב מאַכט זיך נישט צו פונעם עולם מענטשן, וואָס גייען צו אים, דער מיט אַ דין־תורה, דער מיט אַ שאלה, דער אַזוי, יענער אַזוי, אַלע בענטשן זיך מיט אים און זאָגן: אַז וויל איז אייך, רב שמואל, וואָס איר האָט זוכה געווען ביי גאָט צו האָבן אַזאַ זון.

און ווי שמואליק טרייסט זיך דאָ אַזוי מיט גוטע האָפענונגען אויף שפּעטער, מיטאַמאָל קומען אים צו די אויגן עפּעס ביכלער, נישט קיין כשרע, וואָס משהלע האָט, נישט ווייסנדיק, זיי אין שטוב פאַרגעסן. דערזענדיק זיי, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן! געוואַלד, רבונו־של־עולם, משהלע זיינער, פאַר וועלכן ער האָט זיך אַזוי מקריב געווען, אויף וועלכן ער האָט דעם לעצטן גראָשן רבי־געלט אויסגעגעבן, צו לערנען אים תורה — סטייטש, ער, משהלע, זאָל אַזוי פאַרפירט ווערן, אַריינקוקן אין די טרפה־פסולן! דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז ער, ווי אַ הונט, אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, זוכנדיק דאָס שטיקל ברויט, שוואַרצנדיק זיך דאָס פּנים, און די גאַנצע האָפענונג זיינע איז געווען דער זון, ער וועט עס אים שפּעטער אָנטאָן כבוד, צוטיילן גליק און גרויס נחת — הייסט אַז דער זון זיינער איז אַראָפּ פונעם רעכטן וועג, איז דאָך אויס אַלע האָפענונגען, וואָס זשע טויג אים אַצינד גאָר דאָס לעבן, זיין הינטיש לעבן? חרוב געוואָרן איז זיין וועלט מיט אַלע גוטע זאַכן, וועלכע ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אויף שפּעטער; אונטערגעגאַנגען איז דער ליכטיקער שטערן פון טרייסט, וואָס האָט אים געשיינט, געפינקלט פונדערווייטנס — ווּיסט און פינצטער איז אים!

דעם עולמס וואָרט: „אָדם קרוב לעצמו", איטלעכער מיינט זיך, איז געזאָגט געוואָרן אויך אויף דער ליבשאַפט פון טאַטעס צו קינדער. ווי גרויס און שטאַרק ס'איז די מי פונעם פאָטער צום גוטן פאַר די קינדער, איז דרינען דאָ, מער אָדער ווייניק, זיין אייגענער אינטערעס — האָבן כבוד פון די קינדערס כבוד, זיין באַרימט דורך זייער רום, שטאָלץ און גרויס דורך זייער גרויסקייט. דעריבער, אַז שמואליק דער טאַנדעטניק האָט דערזען, אַז זיין זון איז אַוועק אין אַ שלעכטן וועג און צעשלאָגן זיינע האָפענונגען, האָט עס געהייסן ביי אים אַזוי פיל, ווי ער באַגזלט אים, נעמט ביי אים צו אַלצדינג, וואָס ער האָט געמיינט האָבן דורך אים

שפּעטער — נו, איז אױס רחמנות, און ער װערט אױף אים אין כעס, פלאַם=פײַער.

שמואליק איז שטאַרק אָנגעלאָדן און װאַרט, אַז משהלע װעט קומען, װעט ער אױסלאָזן צו אים דעם גאַנצן צאָרן.

משהלע איז געקומען — און מיט אים צוגלײַך ריװקין.

— אַהײם לאָמיר פאָרן, קײן גלופּסק! — טוט שמואליק אַ געשרײ אױף משהלען, רױט װערנדיק פאַר כעס, װי אַן אינדעק.

משהלע בלײַבט שטײן צעמישט, נישט צו פאַרשטײן, װאָס דאָס געשרײ באַדײַט.

— קײן גלופּסק! — שרײַט שמואליק, ציטערנדיק מיט אַלע אבֿרים.

משהלע רוקט זיך אָפּ אין דער זײַט אָן לשון פאַר גרױס װוּנדער, אַ שרעק, און ריװקין ענטפערט אָפּ אַנשטאָט אים:

— רב שמואל, קײן גלופּסק װעט אײַער זון נישט פאָרן!... דאָ, אין דעם אָרט פון תּורה, װעט ער בלײַבן און מע װעט אים געבן אַלע זײַנע באַדערפעניש.

— און מע װעט אים געבן אפּיקורסישע ביכלעך. — מאַכט שמואליק מיט גאַל, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, — אפּיקורסישע ביכלעך, הא, װעט מען אים געבן, אַראָפּפירן אים פונעם װעג!...

— מאַטע, װאָס רעדסטו?!...

— שטום! מיך נאַרן מײנסטו? אָ, נײן! איך האָב, נישקשה, געפונען די ביכלעך, דײַנע ביכלעך, האָב געזען, געזען...

— װאָס געזען? — פרעגט אים ריװקין.

— געזען, אַז דאָס זענען די אפּיקורסישע ביכלעך.

— איר האָט אַ טעות, רב שמואל! אַ גראַמאַטיק אַ ייִדישע אי אַ רוסישע און אַ געאָגראַפיע האָט איר געזען!

— צ װאָס? צװאָס טויגן אַזעלכע ביכלעך?

— ספּײטש, צװאָס?! ייִדיש, לשון=קודש, הײסט עס, מוז ער קענען, ער איז דאָך אַ ייִד, רוסיש מוז ער אױך, דאָס איז דאָך די לאַנדס=שפּראַך, װוּ ער זיצט, און קענען די װעלט=באַשרײַבונג מוז ער אױך, ער איז דאָך אױך עפּעס אַ מענטש. איר פאַרשטײט, רב שמואל, דאָס אַלצ=דינג איז אַ מוז!

— גאָט אײך אַ מוז! אַ נײַער „מוז“, װאָס שטײט נישט אין די צען געבאָט. מיר, אין גלופּסק, האָבן עס נישט געהערט. די גלופּסקער לעבן, ברוך=השם, אָן דעם געבאָט אױך. האָבן עס נישט געקענט אַמאָל, קענען עס נישט הײַנט און זענען פונדעסטװעגן כּשרע ייִדן, פײַנע מענטשן

און שיינע סוחרים לכל־הדעות, קומט איצט משהלע מיינער און מאַכט עס אויף זיך פאַר א הייליק געבאָט!

— יאָ, דאָס מוז ער אויך צוליב דעם, — זאָגט ריווקין מיט א שמייכעלע אויף די ליפּן, — אויך צוליב דעם מוז ער עס, כדי אריינצוטרעטן אין אונדזער בית־מדרש — אין דער ראַבינער־שול.

— אַזוי, אַז אָך־און־ווי צו אַזאַ בית־מדרש, אַז אָך־און־ווי צו זיינע רבנים, מיישטיינס געזאָגט, און אַז אָך־און־ווי צו מיין זון, וואָס פאַרלאָזט אונדזער בית־המדרש און גייט אריין אין זייערן, להבדיל!... וואַרף אוועק דיינע געדנג, מ ש ה, און קום צוריק קיין גלופּסק!

— אייער זון אָבער איז דאָך א שלאָפינקער, נעבעך, און באַדאַרף האָבן, א י ן ל ע ב ן א ר יי ן, א גוטע נאַרונג, — זאָגט ריווקין מיט א געבעט, צו דערוועקן אין טאַטנס האַרץ רחמנות אויף זיין קינד. — זעט, וויפל ער האָט געליטן, נעבעך, אין זיין לעבן: מאַנגל, יסורים און לייד, און ווי בלייך ער איז, וואָס פאַר אַ פּנים, נעבעך, ער האָט פון די מכות, וויטעקן, וואָס ערשט נישט לאַנג. און איר טאַקע אַליין, רב שמואל, זענט דאָך, נעבעך, אויך ג אָ ר א ו י ס מ ע נ ט ש, נישט געקומען גאָך צו די קרעפטן, נישטאָ קיין כוח צו האַנדלען, וואָס זשע פאָרט וועט איר טאָן אין א יי ע ר גלופּסק, מיט וואָס וועט איר דאָרט מפרנס זיין אייער ווייב און קינדער?

שמואליק טוט אַ קרעכץ און טרערן שטעלן זיך אים אין די אויגן. ריווקין באַנוצט זיך מיט דער גוטער מינוט, לייגט ארויף די האַנט שמואליקן אויפן אַקסל און זאָגט:

— באַרואיקט זיך, רב שמואל, און בלייבט דאָ, ביז איר וועט רעכט געזונט ווערן. הייבט אויף די הענט מיט א לויב צום הימל, דאַנקט דעם אייבערשטן, וואָס ער האָט אייך צוגעשיקט אין דער נויט אזא גוטן טייערן מענטשן, ווי מיכאל ספּיר, נישקשה, ער וועט אייך נישט פאַרלאָזן. איר פאַרשטייט?... איר וועט נאָך זוכה זיין צו לעבן, אם־ירצה־השם, אין פיל גוטס און נחת. אייער זון וועט ענדיקן די שול, באַקומען א גוטע, איינטרעגלעכע ראַבינער־שטעלע — און עס וועט מיט דעם אייבערשטנס הילף גוט זיין אייך ביידן.

הלוואי, מע זאָל נישט געפּרווט ווערן, וואָס שמואליק דער טאַנדעטניק איז אויסגעשטאַנען אין יענער מינוט צייט. דער יצר־טוב מיט דעם יצר־הרע האָבן ביידע זיך געראַנגלט אין אים, איטלעכער קומט מיט זיינס. דער פון דער רעכטער זייט שטעלט פאָר שמואליקן א ר ב, אַ דאַרן־מאָגערן מיט א געקנייטשט־בלייך פּנימל, וואָס פאַסט תעניתים, זיצט אין טלית־און תפילין און לעבט פון ר ו ח נ י ו ת, מאַכנדיק דער־

ביי צו שמואליקן: אָט דאָס איז א לייט, אז וויל איז אים! און יענער פון דער לינקער זייט שטעלט שמואליקן פאַר אַ ר אַ ב י נ ע ר, אַ דיקן־פּעטן מיט א בייכל, טרינקט און עסט פאַר צען, שפּילט אין קאָרטן און לאָזט זיך צו עולם־הזה, מאַכנדיק דערביי: אָט אזעלכן גייט עס גוט אויף דער וועלט! אייגער זאָגט: מיין רב איז שטאַרק געהויבן און זיין אָרט. דער אַנדערער זאָגט: מיין ראַבינער איז אַ תקיף און די הויכע פענצטער דאָרט. דער זאָגט: נעם דיין זון און גיי קיין גלופּסק. זיי א שמאַטניק, האַנדל מיט שמאַטעס און מייד אוים די משכילים. וואָס טויג זייער ערלעכקייט, זייערע חסדים, אז דעם רבונו־של־עולם איז נישט ליב זייער יידישקייט. און יענער זאָגט: פּע, גלופּסק לאָז די גלופּסקער, שמאַטעס — די שמאַטניקעס און דו בלייב דאָ. דאָ איז אַ האָפענונג, דו זאָלסט געהאָלפן ווערן. דער רעכטער זאָגט: אז וויל איז דעם רב מיינעם, אַי־אַי, וועט ער עס אויף יענער וועלט האָבן א חלק עולם־הבא! און דער לינקער זאָגט: אַ כפּרה דיין רב פאַר מיין ראַבינער, דיינעם וועט דער יונגער דור נישט וועלן קענען און מייגער וועט האָבן עולם־הזה אי עולם־הבא דאָ ביים לעבן.

— שמואליק שלאָגט זיך אין דער דעה און שטייט ווי אַ גולם, נישט אַהער, נישט אהין.

— האָב נישט מורא, טאַטע! — בעט זיך משהלע ביים פאָטער אויף אַ ציטערדיק קול, וואַרגנדיק זיך מיט טרערן. — זיי זיך נישט אַזוי מצער פאַר מיר, טאַטע, און לאָז מיך דאָ לערנען. פון אַלצדינג, וואָס מיט אונדז האָט דאָ פּאַסירט, זעט אוים, אז דער אייבערשטער וויל מסתמא אזוי.

משהלעס ווערטער טוען א קאַפּעלע א בייג שמואליקן צו יענעם פון דער לינקער זייט. ער טאַפּט זיך ביי דער פּאה און זאָגט שטאַמלענדיק:

— און וואָס וועט אָבער זיין מיט דיין יידישקייט?

— נישקשה, זי וועט זיין ביי מיר דאָס אייגענע וואָס אין גלופּסק.

— איר מיינט, רב שמואל, — רופט זיך אָן ריווקין, אונטערהעלפנדיק משהלען, — איר מיינט, אז דאָס יידישקייט איז געגעבן געוואָרן נאָר די גלופּסקער, און ווען נישט די גלופּסקער איז, חלילה, אוים יידישקייט, א טעות, כ'לעבן, רב שמואל!

— און די גלופּסקער, גלופּסקער יידן, זיי וואָס וועלן אויף דיר זאָגן?

— רעדט שמואליק ווי צו זיך אליין, נישט רעכט הערנדיק ריווקינס ווערטער, און א צורה פון א רב שטעלט זיך אים פאַר אין געדאַנק, א צורה א פינצטערע, א בייזע.

— אַז אַד־און־ווי דעם יידישקייט, אַז דערמיט, וואָס עס ששפּעט, האָט עס צו פאַרדאַנקען נאָר די גלופּסקער. — זאָגט ריווקין, שאָקלענדיק

טימן קאַפּ. — א שיין פּנים, כ׳לעבן, וואָלט עס געהאַט! אַט דאָס איז טאַקע די גאַנצע צרה, וואָס איר, און נאָך א סך אזעלכע ווי איר, ווילט אין אַלצדינג, וואָס איר טוט, נאָר יוצא זיין פאַר אייערע גלופּסקער. די זאַך אַליין, צי איז זי גוט, אָדער שלעכט, גייט אייך נישט אָן צו וויסן, אייך גייט נאָר דרינען, וואָס וועט דער גלופּסקער עולם דערויף זאָגן... אָט, כ׳לעבן, רב שמואל, פאַרגעסט זיך אין זיי און אויך אין אייערע שמאַטעס! דער הער ספּיר וועט אייך געבן אַ שטעלע, איר וועט זיין אַן אַקציזניק און משהלע אייערער — א ראַבינער.

דער רב ווערט פאַרשוואונדן, לאָפּנעט ווי אַ זייפנבלעזל, און אַ ראַבינער אין דער טענדעווערענדע ווייזט זיך אויף זיין אָרט — שמואליק באַטראַכט זיך, גיט נאָך, מאַכנדיק:

— טאַ!...

דאָס אַכטע בוך

דאָס ערשטע קאַפּיטל

דאָס דאָרף ג... איז איינס פון יענע שיינע ערטער אין וואָלינער-גובערניע, וואָס דער רבונו-של-עולם, דער מייסטער פון דער וועלט, האָט זיך געפּלייסט צוצוגעבן זיי באַזונדערס א געטלעכן חן, און געוואָלט אויסדרוקן מיט זיי, ווי מיט אותיות, רו, פאַרגעניגן, וואָס זענען אים געלעגן אין געדאַנק. אויב די קאַווקאַזער און שווייצער הויכע בערג דריקן אויס די ג ב ו ר ו ת - ה ב ו ר א, קוקן אויף דיר אַראָפּ מיט שטאָלץ, א שרעק, סכנות גאָר צו טרעטן אויף זיי, און אויב דער רוישנדיקער ים מיט זיינע אויפגעטורעמטע פאַליעס דערציילן רעשנדיק ג אָ ט ס שרעקלעכע וואונדער, — איז די בערגלעך דאָ ארום דעם דאָרף גריסן דיך גאָר פריינדלעך, פאַרבעטן דיך ליבלעך קומען צוגאַסט און אויסציען זיך אויף זיי ווייל דאָס האַרץ גלוסט. די שטילע גריגע טאָלן דאָרט גיבן דיר אונטער חשק — קום, פעטער, לייג זיך אויפן גראָז און לאָז דיר צו אַ ביסל פאַרגעניגן. אויך דאָס טייכל לויפט, דרייט זיך דיר פאַר די אויגן, דאָרט אויף דער לאַנקע, שפּילנדיק זיך אין באַהעלטעניש — אַט באַהאַלט עס זיך צווישן דעם טשערעט, ווערט פאַרשוווּנדן, און אָט שפּרינגט עס פון דאָרט אַרויס, ווייזנדיק זיך פאַר דיר מיט דעם גאַנצן פּוץ: מיט בריליאַנטן, גילדענע פּליטערלעך — מתנות, וואָס די זון, די ליבע מחותנתטע, גיט דעם, קושנדיק, שפּיגלענדיק זיך אין דעם. עס ווינקט דיר, קנייטשלענדיק זיך, אונטערמורמלענדיק שטיל —און דו צעגאַרטלסט זיך, און, ווי די מאַמע האָט דיך געהאַט, אַריין צו דעם, אָפּפרישן זיך מיט גרויס חשק! עס שטייט פאַר דיר דאָרט אַ וואַלד, ביימער-סאָסנעס, הויכע און הימל אַריין; די געדיכט-פאַרוואַקסענע קעפּ פאַרפּלאָנטען זיך אינאיינעם, אויסמאַכנדיק אַ געוועלבטן קופּאָל אויבן; די גלאַטע שטאַמען זייערע זענען ווי הויכע גלייכע זיילן, וויטלעך אָפּגעטראָטן איינער פון דעם אַנ-

דערן; דאָס גרינע גראָז ליגט, ווי אַ זיידענער מיט בלימעלעך געשפּרענקלע=
טער קאָוויאַר, זיי ביי די פּיס. אָנקוקנדיק עס דאַכט זיך דיר עפּעס נאָר
טאַקע אַ בית=המקדש. די שמעקנדיקע סמאָלע פון די ביימער — דאָס
איז קטורת, דאָס שפּילן פון די פייגעלעך אויף די צווייגן — דאָס איז דער
געזאַנג פון די לויים. עפּעס פילט זיך דיר אַ הייליקייט, אַ שטילע=זיסע
רו, אַ בענקען, אַ ציען צו אַ לעבן — אין האַרצן אַ הייסע תפילה צום דעם,
וואָס לעבט אייביק!...

און אין די דאָזיקע געטלעך שיינע געגנטן קומט דער מענטש און
שטעלט אַ „גאָראַלניע“, אַ בראָנפן=ברענעריי, לכבוד דעם גאָלדענעם קאַלב!
דאָס דאָזיקע הויז הייבט אויף מיט חוצפּה אַקעגן הימל די נאָז זיינע, דעם
קוימען הייסט עס, פון וועלכן עס זעצט אַרויס אַ רויך, וויט טראָגנדיק
זיך אין דער וועלט אַריין, פאַרשטעלנדיק די שיין פון דער זון און פאַר=
שוואַרצנדיק אַלצדינג, וואָס שטייט אים אין וועג. די נידעריקע פויערשע
הייזלעך זעען זיך אָן ווי גאָרנישט אַקעגן יענעם הויכן הויז, ווי די אָרע=
מינקע פויערן אַליין אַקעגן דעם פּריץ פונעם דאָרף.

יאָ, אַזוי איז עס טאַקע, שיינס און מיאוס, גוטס און שלעכטס געפי=
נען זיך איינע אַקעגן די אַנדערע זינט די וועלט שטייט, און וואָס דער
אַלמעכטיקער טוט אין זיין וועלטל, טוט נאָך דער שטן אים אַקעגן. מיט
וואַסער האָט דער רבונו=של=עולם באַשטראָפט פאַרצייטנס די זינדיקע
מענטשן, איז געקומען דער שטן צו זיי מיט זיין שטראָף — מיט וויין, מיט
בראָנפן. און די שטראָף איז נאָך פיל ערגער פון דער ערשטער. וואַסער —
דאָס איז געווען אַ צרה נאָר אויף אַ צייט, פאַר דעם דור=המבול, בראָנפן
אָבער, דאָס איז אַ צרה אַן אייביקע. נח, דער ערשטער „ערד=אַרבעטער“,
דער באַרימטער פויער אין זיין צייט, האָט געלעבט, ער מיט זיין הויזגע=
זינד, בשלום, ברידערלעך איינעם; ווייבאַלד ער האָט ליב באַקומען דעם
טרונק, געוואָרן שיכור, איז געשען מיאוסע זאַכן... און אָנשטאָט שלום,
פריינדלעכקייט, ברודערשאַפט, ווערט אַ דערווייטערונג, קריג, פיינטשאַפט
צווישן זיינע קינדער, און חם — חם ווערט אַן עבד כנעני, אַ קנעכט צו
זיינע ברידער!

פון יענער צייט אָן ציט עס זיך די קנעכטשאַפט און איז געוואָרן
אַ צרה, אַ קלאָג אויף דור=דורות!

דעם רעגנבויגן האָט דער אייבערשטער געמאַכט אין וואָלקן צום צייכן,
עס זאָל מער נישט זיין קיין מבול, די וועלט צו פאַרדאַרבן, און גאָראַלניעס,
שענקען שטעלט דער שטן, שיכור צו מאַכן אַ וועלט מענטשן. כל=זמן שיכרות
וועט זיין, וועט אָרעמקייט, גראָבקייט, אומוויסנהייט, געשלעג, אויסגעלאַסנ=

קיים נישט אויפהערן — און הם וועט זיין אַן עבד כנעני צו זיינע ברידער.

אַ לאַנגע אַלייע צווישן צוויי שורות הויכע ביימער פירט פונעם דאָרף ב... ביז צום פריצס הויף, ווו עס געפינען זיך שיינע געבייען, פרוכט-גערטנער מיט נאָך גוטע זאַכן צום פאַרגעניגן, און העט-ווייט אַרום ציען זיך פעלדער, לאָנקעס, וועלדער איבער בערג, איבער טאָלן, וואָס גיבן צו דעם הויף דעם זיבעטן חן. אָט דאָ וווינט עס דער פריץ יאַהן, לעבט זיך אָפּ גוטע יאָרן.

אין איינעם פון די שיינע זומער-טעג, פאַרנאַכט, איז אַ קאַרעטע מיט אַ פאָר טייערע פערד געפאָרן פונעם הויף דורך דער אַלייע און צוקומענדיק צום טראַקט ביים דאָרף האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. אין קאַרעטע זענען געזעסן צוויי פאַרשוינען, די פנימער האָבן זיי געלויכטן, ווי געוויינטלעך נאָך אַ גוטן געשמאַקן מיטאָג. פונדעסטוועגן איז געווען גרינג צו דערקענען אין דעם פנים פון איינעם, אַז ער איז אונטערגעוואָרפן דעם צווייטן, אַ גרעסערן פון אים.

— גוט וואָס איך האָב מיך דערמאָנט! — זאָגט דער גרעסערער פאַרשוין, אַרויסנעמענדיק פון דער בוזעם-קעשענע אַ פאַרחתמעט בריוול. — דאָס בריוול האָט מיר געגעבן דוגאַיס זון צום פאָטער, דעם „אויפזעער“ דאָ אין קעלער פון בראָנפן, און פאַר כעס אויפן פעלער, וואָס איך האָב באַמערקט דאָרט, איז מיר דאָס בריוול דערווייל אַרויס פונעם זינען.

— איך פאַרזיכער אייך, הער רעוויזאָר, — זאָגט דער אַנדערער פאַרשוין מיט אַזאַ מינע, ווי ער פאַרענטפערט זיך, — איך פאַרדעק נישט די פעלער פון די מענטשן, וואָס דינען אונטער מיר. נישט איין מאָל נאָך האָב איך דוגאַיען געוואָרנט. וואָס טוט מען אָבער מיט מענטשן, אַבי ווער אַזעלכע, וואָס באַקומען שטעלעס נאָר ווייל זיי האָבן אַ שטאַרקן צד, אויף וועלכן זיי רופן?

— איבערהויפט זע איך, אַז דוגאַי פאַרשטייט זיין זאַך, און גיט זיך מי צו טאָן זיין שולדיקייט, — זאָגט דער רעוויזאָר, פאַרקרימענדיק די נאָז, געבנדיק דערמיט אָנצוהערעניש, אַז די מסירה שמעקט אים נישט.

— גאַנץ ריכטיק, מיין הער. פון די אָנגעוואָרפענע מענטשן שטייט דוגאַי פיל העכער אי מיט זיין פאַרשטאַנד, אי מיט זיין אָרנטלעכקייט און מיט דעם גאַנצן באַנעמען זיך זיינעם. אַלע אַכטן אים דאָ דערפאַר. דער פריץ האָט מיר אויך געזאָגט היינט ביים מיטאָג: „שמול איז אַ בכבודיק ייִדל!“.

— און וואָס טוט מען מיט דעם דאָזיקן בריוול?

— גיט עס מיר, וועל איך עס אָפּטראָגן און באַלד צוריקקומען.

— אַ שײנעם דאַנק אײַך, העַר יאַרכי!

כדי צו פאַרקירצן דעם װעג איז יאַרכי דורך די גערטנער געגאַנגען צי דובאַים װױנונג.

אין יענעם טאָג איז געװען עפּעס אַ חגא, זענען די פּויערן, פון קלײן ביז גרױס, געשטאַנען גאַנצע רעדלעך אויף דער גאַס, צװישן זײ אַ ביסל באַזױפענע, אױפגערױמטע, אַלע אָן היטלען, און שטיל איבעררעדנדיק זיך צװישן זיך, געקוקט פונדערװײטנס אױף דער קאַרעטע מיט גרױס אָפּשײ. דער עלטסטער פון די קלײנע שקצימלעך װײזט מיט אַ פינגער אױף דער קאַרעטע, האַלטנדיק די האַנט אױפן מױל, װאָס באַטײט: שאַ, דרך־ארץ פאַר די אַדונים!

— אַז זײ זענען פּאַליצײסקע, טאָ װו זענען בײ זײ די מעשענע קנעפּ?

— װונדערט זיך אײן שײגעצל.

— עפּעס גאָר נישט דאָס מאַכן מיט די הענט, נישט דער קוק, דאָס הרײען מיט די אױגן, און נישט דאָס קול װי בײ פּאַליצײסקע, — זאָגט דער צװײטער, שושקענדיק זיך אױף אַ קװיטש, — אַ פּאַליצײסקער, אַז ער רעדט, גײט דאָס קול אים אַרױס װי פון בױך, די אױגן פאַרלױפן אים מיט בלוט. ער איז בײז אַ שרעק און קלאַפּט מיט די קולאַקעס. מיקיטאַ אונדזערער איז אײנמאָל געפאַלן אױף דר׳ערד, באַקומען די נכפּא פון יע־נעמס אַ היק. מיכאַים װײב האָט מפּיל געװען פאַר שרעק פון זײנס אַ גע־שרײ. און די דאָזיקע, אָט־אַ, רעדן עפּעס גאָר שטיל און קוקן װי אַלע מענטשן; װער זאָלן זײ זײן?

— לאַפּציזניקעס. שאַ!

— װאָס?

— שאַ, שאַט, שאַ!

די קלײנע װילן אײנשטילן אײנע די אַנדערע מיט א מין שושקעניש, נאָר טויב צו װערן.

„לאַפּציזניקעס און יענע אַדונים מיט די מעשענע קנעפּלעך, װער פון זײ איז גרעסער?“ — די דאָזיקע שאלה װערט פאַרגעבן צװישן די גרױסע, דערװאַקסענע פּױערן, און פיל פאַרטראַכטן זיך אױף איר, קנײטשנדיק דעם שטערן.

— קײן גרעסערער פונעם שר־המשקים, װאָס האָט צו זאָגן איבערן בראָנפן, איז גאָר נישטאָ! — פּסקעט אײנער אַן אַלטער, װאָס האָט נישט פײנט דעם בימערן טראָפּן.

— אָט די לאַפּציזניקעס עסן װאַרמעס אין הױף, — העלפּט אונטער נאָך אײנער דעם ערשטן. — זײ עסן, טרינקען בײ אונדזער פּריץ. עפּעס אַ שפּאַס!

— און זיי זענען יידן?

— יידן. דערקענסט זיי דען נישט אין דער נאָז?

— און עסן חזיר?

— עסן חזיר און האָבן הנאה, לעקן די פינגער.

— און שמול זאָגט, — מאַכט מיט געשפּעט איינער פון די דאָרפס-לצים, — שמול אונדזערער זאָגט: חזיר — פע!... טריפה!... אוי-ווי מיר, בתיה, גי מי (גיב מיר) קוגעלע!... קוגעלע — גוט! צימעס — אײַ-אײַ!... איינמאָל האָב איך צוגעלייגט אַ פינגער אים צום מויל, זאָגנדיק: נאַ, חזיר! אַז שמול מיינער צעשרייט זיך: אוי-וואַי, גלייך ווי איך וואָלט אים גע-קוילעט. ווישט די באָרד, די ליפּן, שרייענדיק אין איין אָטעם: אוי-וואַי, אוי-וואַי!

— שבת, פרייטיק-צונאַכט, קום איך צו שמולן אין שטוב, פאַרלעשן די ליכט, — דערציילט יורקע, דער שבת-גוי, — אויפן טיש ביי אים איז חלה, קעלעשקעלער, אַ פלעשל בראָנפן, שאַרפער, טאַקע וואָס בראָנפן הייסט, און דער ריח פון פיש פאַרגייט מיר אין דער נאָז. שמול זיצט זיך ביים טיש, דאָס פּנים שיינט אים, און ער טערעלייקעט, מורמלט אונ-טער, עפּעס קלאָגנדיק, וויינענדיק, עפּעס בעט ער, ווי אַ קינד, אַלץ טאַקע: אוי-אוי, טאַטעלע, מאַמעלע! איך ווייס נישט וואָס ער וויל? חלה איז דאָ — עס! בראָנפן דאָ — טרינק! צוואָס, האַ, וויינען? בתיה זיינע אָבער ווייסט, גייט זי און ברענגט אים צימעס. עסט ער אָפּ דעם צימעס און ווייטער טאַקע געטערעלייקעט, ווייטער טאַקע געוויינט. איך שטיי, וואונדער מיך און דאָס האַרץ רייסט מיר פאַר רחמנות אויף אים. לסוף טוט ער זיך אַ כאַפּ, גיט מיר אַ גלעזל בראָנפן מיט אַ שטיק חלה און איך גיי אַוועק פריילעך.

— אמת טאַקע, — רופן זיך אָן אַ טייל פויערן, — שמול איז אַ ייד, פונדעסטוועגן אַן ערלעכער מאַן איז ער טאַקע. וואָס אמת איז אמת. אַמאָל אין אַ נויט האָט מען פון אים אַ טובה אויך.

— גייט, הערט, וואָס דער דאָרף-שרייבער אונדזערער זאָגט אויף אים און אויף אַלע יודאָקעס פון זיין „גאמנה“, — מישט זיך אַריין מיט אַ וואָרט פּאַכאָם פּאַנפעוואַטע, אַ שטיקל קהלס-מאַן אין דאָרף. — דער שרייבער זאָגט, אַז זיי זענען פּיאַווקעס, זויגן אויס אונדזער בלוט, פרעסן אויף אונדזער מי, אַלצדינג וואָס אין דער קאָרט, זאָגט ער, זענען זיי.

— עט! — מאַכן אַלטע, געניטע פויערן. — פון אַזעלכע, ווי דער שרייבער, איז קיין ראיה נישט. זייער פעלער לייגן זיי ארויף אויף אַנדערע, מיינען, פאַרבלענדזען אונדז דערמיט די אויגן. כאַפּט זיי אַלע דער רוח!

— פאַר אַלע איז נישט געווען איין רוח, — לאָזט זיך הערן אַ שטי-

מע אין דעם עולם, — זיי זענען זייער פיל דאָ, אָט די שיינע לייט. אָט זאָלן זיי גיין צו אַלע, אַלע רוחות!

דער דאָזיקער שמול, אָדער דונאַיסקע ביים שפּיץ־נאָמען, איבער וועלכן עס רעדט זיך דאָ — דאָס איז אונדזער שמואליק דער טאַנדעטניק, וואָס געפינט זיך אויף אַ שטעלע ביי דער „גאָראַלגיע“ אין האָף שוין אַ פיר יאָר. און משהלע זיין זון לערנט אין דער ראַבינער־שול.

יאַרכי איז צוריקגעקומען און די קאַרעטע האָט זיך געריירט פונעם אָרט. די דאָרפסלייט באַגלייטן זיי מיט די אויגן, שטייען נאָך אַ היפּשע צייט און פילאָזאָפירן, ביז די זון האָט זיך גענעצט און די טשערעדע איז רעשדיק געקומען פונעם פעלד.

און אין דער אייגענער צייט, ווען די קאַרעטע איז אַרויס פון אייזייט דאָרף, איז פון דער אַנדערער זייט דאָרף אַריין אַ וואָגן און צוגעפאָרגלייך צו שמואליקס וווינונג. אַן אַלטער מאַן גייט אַראָפּ פונעם וואָגן מיט אַ קליין קלימעקל אין דער האַנט און גייט אַריין דורך אַ נידעריק טירל אין אַ פאַרצוימטן הויף. ווי נאָר שמואליק און בתיה האָבן אים באַמערקט, זענען זיי געלאָפן אים אַקעגן מיט אַ שמחה, אַ פרייד, ביידע אין איין קול:

— רב אברהם!

דאָס צווייטע קאַפּיטל

רב אברהם האָט זיך שטאַרק געעלטערט פאַר דער צייט פון די לעצטע פיר יאָר. די צוגעקומענע קנייטשן אים אויפן שטערן זענען אַזעלכע, וואָס צרות מאַכן זיי, און פיל פון זיי האָט אים משהלע געמאַכט. די מעשה מיט משהלען איז פונעם אָנהייב ביזן סוף געווען אַ לאַנגע קייט פון יסורים און הארצווייטעק פאַר רבי אברהמען. די טרערן פון משהלעס מוטער, ווען זי איז אַהייגעפאַלן אין בית־המדרש מיט אַ געוויין: געוואַלד, רבי אברהם, וווּ איז מיין זון?! און די מימרות, וואָס זענען איבער משהלען געפאַלן דערנאָך, האָבן ווי אַ מעסער געשטאָכן רב אברהמען אין דער זיבעטער ריפּ. ער האָט אַלץ באַשולדיקט זיך אַליין, אַז די גאַנצע צרה איז נאָר צוליב אים. ער האָט דאָך משהלען געשיקט אויפצוזוכן ערגעץ הערשעלען. משהלע איז אַוועק און נישט מער צוריקגעקומען. און אַז שפּעטער האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט דאָס נייעס, אַז שמואליק דער טאַנדעטניק איז דערהרגעט געוואָרן, און די רוצחים זיינען מיכאַי און גאַווריליע, זיצן אין טורמע, איז רב אברהם שיר נישט אַראָפּ פון זינען, אַזוי שטאַרק געערגערט האָט ער זיך.

— אוי־ווי! — האָט דאָס האַרץ אין אים ווײ־געשריגן. — מיכאַי און גאַווריִלע האָבן געהרגעט שמואליקן און איך משהלען! זיי האָבן געהרגעט דעם טאַטן, און איך — דעם זון. זיי האָבן געמאַכט בתיהן, דאָס ווייב פאַר אַן אַלמנה, און איך האָב געמאַכט בתיהן, די מוטער, פאַר אַ וויסטער, טרויעריקער מאַמען. איך אינײנעם מיט די רוצחים האָבן מיר פאַרוויסט דאָס הויז פון אָרעמינקע, נעבעך, וואָס זייער טײערער זון איז זיי געווען דער איינציקער טרייסט אין דער ביטערער נויט, און די לעצטע האָפענונג זייערע אויף שפּעטער. אַצינד איז נישטאָ נישט קיין פאָטער, נישט קיין זון — און בתיה מיט די קינדער זענען געבליבן עלנטע אָן אַ שום אָנהאַלטעניש. אַפילו גיין צו זיי מיט אַ טרייסט־וואָרט פאַרטראָגט מיר דאָס האַרץ נישט, וואָרעם ווי וועל איך קוקן זיי, די אומגליקלעכע, נעבעך, אין פּנים אַריין?

און אַז דערנאָך האָט זיך דערוויזן אויף קלאָר, אַז שמואליק מיטן זון זענען גאָר אַרײַנגעפאַלן אין יידישע הענט, אין די הענט פון שניאור־וואָלפן און זיין שותף, וואָס זענען „כאַפּערס“, און דורך גרויסע ניסים זענען זיי אַרויס פון זייערע הענט און ליגן ביידע קראַנק, צעשלאָגענע, פאַרווונדעטע אין זייער ביקור־חולים — האָט רב אברהם געדאַנקט, געלויבט דעם אייבערשטן מיט פרייד, וואָס משהלע מיטן פאָטער לעבן. נאָר מיט דער פרייד צוגלייך איז געוואַקסן זיין צער, אַרויסזעענדיק, אַז אין דעם אומגליק איז נישט שולדיק קיינער, נישט מיכאַי, נישט גאַווריִלע, נאָר ער איינער, דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַנאַרישט, גלייבן איינעם עפּעס, אַ ווילדפרעמדן, וואָס הייסט שניאור־וואָלף, נישט צו דערוויסן זיך פריער, ווער איז ער און פונוואַנען איז ער? טאַקע געלויבט דער אייבערשטער, וואָס ער האָט באַפרייט כשרע, ריינע נפשות פון די „כאַפּערס“ הענט, ווען נישט, וואָלטן דאָך שמואליק און משהלע געווען אַצינד זעלנער, זיך געלערנט האַלטן אַ ביקס, ווי צו שיסן אין דער מלחמה — און דער געדאַנק אַליין, אַז דורך זיין באַנאַרישן זיך האָט געקאָנט אַזוינס זיין, געקאָנט אומגליקלעך ווערן אַ גאַנצע פאַמיליע, איז גענוג געווען אָנצומאַכן אים גרויסע יסורים. דערצו נאָך האָט אים געקרענקט אי דאָס אויך, וואָס ביי יידן זענען דאָ אַזעלכע מיאוסע נפשות, גזלנים, כאַפּערס, און פאַר האַרצווייטיק אַרויפגעלייגט די שולד אויך אויף פיל אַנדערע פון אונדז יידן. רב אברהם איז בטבע דאָך אַ פאָעט, און ווי אַ פאָעט אַז אים צעשפּילן זיך די געבליטן, האָט ער אויסגעלאָזט זיין שווער ביטער האַרץ צו אַלעמען, געקלאָגט און געזאָגט:

„אוי, ווי טיף געפאַלן דו ביסט, מיין פאָלק, מיין אָרעם, אומגליקלעך פאָלק! אַלע אייערע הונדערט טויזנטער, וואָס זענען געקוילעט געוואָרן פון טיטוס הרשע בשעת דעם גרויסן חורבן; וואָס זענען אומגעקומען, פאַר־

ברענט געוואָרן אויפן פייער אין שפּאַניע, נאָך און נאָך אַזעלכע געשעה=
טעניש, אומגעקומענע — די אַלע אינגיינעם פאַרביטערן מיר נישט אַזוי
דאָס לעבן, ווי די געז, וועלכע יידן אַליין רייסן זיך איינע די אַנדערע אָפּ,
ווי די צרות און לייד, וועלכע איר אַליין טוט איינער דעם אַנדערן אָן. אויף
יענע דערהרגעטע, אומגעקומענע אין פייער, אין וואַסער, האָב איך נאָך
אַ טרייסט: גבורים! זיי זענען געשטאָרבן פאַר דעם פאָטערלאַנד.
קדושים! זיי זענען אומגעקומען אויף קידוש=השם. אָבער געוואַלד, וואָס
זאָל איך זאָגן אויף די, וואָס ווערן דערהרגעט דורך אייער בייזער צונג,
אויף די, וואָס ווערן די כפּרה דורך אייך אַליין? אויף פעטש פון פרעמדע
וויין איך און זאָג: נישקשה, גוטע און שלאַפע לייַדן אָפט אין דער וועלט.
מעגלעך, אפשר, יענע וועלן נאָך אַמאָל זיך באַטראַכטן און חרטה האָבן.
נאָר אַז געפּאַטשטע פּאַטשן, און צעדראַפּעטע דראַפּען, געפּאַנגענע פאַנגען,
געפּייניקטע פּייניקן איינער דעם אַנדערן, וויין איך און האָב — אוי=וויי!—
גאָרנישט וואָס צו זאָגן... אוי, ווי געפאַלן, טיף געפאַלן די ביסט, מיין
פאָלק ישראל!"

און וויפל קנייטשן האָט געמאַכט אויף רב אברהמס פּנים די מעשה
מיט הערשעלען און ביילען! רב אברהם האָט זיך שטאַרק מצער געווען
אויף די דאָזיקע אומשולדיקע קינדער, נעבעך, אויף דערויף, וואָס ביי
אונדז געפינען זיך הולטאַיעס אַזוינע, וואָס פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון
ישראל מיט זייערע מיאוסע מעשים. און אין אַזאַ צייט, ווען רב אברהם
האָט זיך גענייטיקט אין רפאלס גוזעלשאַפט, אַרויסצושלאָגן אַ ביסל
פון זיך דעם צער אין אַ שמועס מיט אים, באַדאַרף זיך גראָד אַזוי מאַכן,
אַז רפאל פאַרלאָזט אויף תמיד גלופּסק און באַזעצט זיך אין דער באַ=
רימטער האַנדלשטאָט לייפּציג. און דאָס באַזעצן זיך זיינס דאָרט איז אים
געקומען נאָר אומגעריכט דורך רב אשר דעם מעקלער.

אַז רב אשר האָט געזען, רפאל הייבט אָן איינצוהאַלטן זיך מאַכן
עסקים און עס העלפן נישט קיין טענות, קיין דרינגעניש איבערצורעדן
אים, האָט ער מטריח געווען די נאָז זיינע, אָנצושמעקן גוט דעם טעם דער=
פון, פאַרוואָס גייט רפאל האַרט ביי דר'ערד. געמיינט האָט ער דערמיט
נישט אַזוי די הנאה פונעם שמעקן, ווי נעבעך, די פּרנסה, ווייל די פאַר=
דינסטן זיינע, מער אָדער ווייניקער, האָט זיך געווענדט אין דעם, ווי
גרויס די עסקים רפאלס זענען געווען. אַז רפאל האָט דאָ היינט שטאַרק
פאַרקלענערט זיינע עסקים, איז רב אשרן שטאַרק ענג געוואָרן, און האָט גע=
ליטן מאַנגל. די נייע קאַפּאָטע, וואָס ער האָט זיך גענייט, בשעת רפאל
האָט דורך אים געמאַכט גרויסע געשעפטן, האָט זיך אויסגעריבן, נישט
געהאַט שוין קיין פּנים, ער אַליין האָט אויך פאַרלוירן דאָס פּנים, איז שוין

נישט אויפגענומען געוואָרן ביי די קרעמער בכבוד, אַזוי ווי פריער. איז ער אַמאָל אַריין ערגעץ אין אַ קלייט, האָט מען אים געזאָגט „ברוך הבא!“ מיט אַ האַלבן מויל, קוקנדיק אים אין פּנים, אפשר איז ער געקומען מיט אַ געשעפט; זעענדיק אָבער, אַז ס׳איז נישטאָ פון וואָס צו רעדן, איז שוין נישטאָ מיט וועמען צו רעדן, מע האָט פשוט מער קיין קוק אויף אים נישט געטאָן, גלייך ווי ער איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

אמת טאַקע, רב אָשר האָט דענסטמאָל געהאַט גענוג צייט זיך צו באַשעפטיקן מיט פּאָליטיקע, וואָס ער האָט ליב געהאַט ווי דאָס לעבן. מענטשן בטלנים, וואָס לעכצן נאָך נייעס, פלעגן זיך אַרומקלייבן אַרום אים אין מאַרק, אין בית־המדרש, און ער פלעגט זיי איבערגעבן, וואָס עס טוט זיך דאָרט אין די הויכע פענצטער, וואָס עס פאַרלויפט זיך אין די מדינות, דערקלערנדיק אַלצדינג מיט זיין גלאַט צינגעלע, אָבער פאַר אַזויגע דרשות פלעגט ער נישט באַקומען קיין גראָשן. און „פראַנקרייך זיינע“, וואָס זי איז אים טייער געווען מער פון אַלע מדינות און פלעגט זיך שטאַרק אָפּגעבן מיט איר, הייבן זי אויף דרוקעס, האָט אים קיין איין פּרוטה נישט אַריינגעטראָגן אויף זיינע באַדערפעניש. דעריבער איז רב אשר געצוואונגען געווען מטריח צו זיין די נאָז זיינע, צו שמעקן און צו געפינען דעם טעם, פאַרוואָס האָט רפאל אויפגעהערט מאַכן געשעפטן — און כפי דעם מעקלערישן שכל זיינעם האָט ער געשמעקט און טאַקע געפונען.

רב אשר האָט, אָנשטויסנדיק זיך מיט זיין קעפּל פון איין זאַך אויף דער אַנדערער, געמאַכט אַ געדראַנג אַזוי: רפאל איז דאָך אַ גרויסער בריה, פּסססס! אַ לוויתן צווישן אונדזערע סוחרים, קליינטשקע פישעלעך. וואָס איז פאַר אַזעלכן גלופּסק? א קליין טייכל! ער באַדאַרף האָבן א ים, אויסצושפּרייטן די פלעדערפלאָסן און שווימען דאָרט פריי. אַזאַ ים איז נאָר אָדער מאָסקווע, אָדער לייפּציג, צוויי באַרימטע פלעצער אין דער מסחר־וועלט. מילא מאָסקווע בין איך מוחל, ווייל ווינען דאָרט קומט אָן אַ ייִדן מיט גרינגע ווערעם, מיט אַזעלכע מיטלען, וואָס זענען נישט לכבוד פאַר אַזאַ מענטשן ווי רפאל. מוז איך, הייסט עס, זאָגן — לייפּציג. און אַזוי טאַקע איז מחייב דער שכל, גלופּסקער קרעמער באַציען דאָך טאַקע סחורה פון לייפּציג, קוקן שטאַרק אַרויס אויף לייפּציגער סחורה. פון דער לייפּציגער בויד אליה־לייזער דעם באַלעגאָלעס איז אויך געדרונגען, אַז ס׳איז אַזוי. וואָרעם זאָלט עס אַנדערש זיין, אַז נישט אַזוי, איז דאָך די קשיא, וואָס לאָזט מיך די בויד הערן, און אליה־לייזער, ער וואָס לאָזט מיך הערן? נאָר נישט איטלעכער סוחר אַבער קאָן אַהינצו פאָרן. ווייל ס׳איז זייער ווייט, עס ברויכט גרויסע וועג־הוצאות, דאָס לשון דאָרט איז משונה, דאָס לעבן ווילד משונה, און דער נאַרישער דייטש אינגאַנצן איז משונה. נו, בכן?...

בכן איז געדרונגען, אַז רפאל וועט זיך באַזעצן אין לייפּציג. דערמיט ווערט שוין פאַרענטפערט, וואָס מע האָט אים די טעג געזען עטלעכע מאָל באַרעדנדיק מיט אליה=לייזערן. איינמאָל האָט מען אים אַפילו געזען באַטראַכטנדיק די יאַזדע און צוקוקנדיק זיך צום קליינעם קופערנעם פערדל, וואָס טעלעבענדעט זיך הינטער דער בויד סאַמע אינדערמיט. יאָ, רפאל מיינט לייפּציג. די שאלה איז אָבער, פאַרוואָס? דאָס הייסט, וואָס מיינט ער דערמיט? אַ מענטש, ווי מיר ווייסן, נעמט דאָך נישט פּלוצעם פון דער העלער הויט און איז משנה=מקום, גלאַט אַזוי זיך, פריש, געזונט און משוגע, סיידן ער מיינט דערמיט עסק, אַ שטיקל פאַרדינסטל. טאָ וואָס זשע פאַרט איז רפאלס מיין? מוז מען זאָגן, אַז ער מיינט ווערן אין לייפּציג אַ קאָמיסיאָנער, צי אַן עקספּעדיטאָר פאַר אויסלענדישע סוחרים, דאָס הייסט, ער וועט זיצן אין לייפּציג און ליפערן סחורה פון די דאָרטיקע פאַבריקעם אַהער, צו אונדז אין לאַנד. אם=כן... אויב יאָ אַזוי — טראַכט ער אַ ווײַלע, טוט אַ שטעל אויף די נאָז, אַ רוק דאָס היטל, און אַ פייערל ווייזט זיך אים אין די אויגן פאַר פרייד, ווי געטראָפן אַ רעטעניש — האַ=האַ! אָט דאָס מיינט טאַקע דער פּסוק: „שמח זבולן בצאתך!“ — פריי זיך, מעקלער, מיט דיין אַרויסגאַנג. גיי, טו, רב אשר, לטובת די היגע קרעמער און אויך פון דיין טובה, פון דיין הנאה וועגן!

און רב אָשרן טוען זיך אַ הייב די פּיסלעך, עס צונעמען זיך אים פון דער קאַפּאָטע די פּאָלעס, ער לויפט, זאָגט אויס דעם סוד די קרעמער, פאָרשטעלנדיק זיי מיט זיין פּה=קדוש די גרויסע טובה, וואָס קאָן זיי דערפון אַרויסקומען, אם=ירצה=השם. אין דער צייט פונעם אַרומלויפן זײַנעם ווערט אויס פּאָליטיקע אין גלופּסק. די בטלנים לעכצן, נעבעך, נאָך נייעס, רופן אים: רב אשר! וואָס הערט זיך עפּעס חדשות? און ער — קיין וואָרט, ווינקט נאָר פונדערווייטנס מיט אַ פינגער און לויפט.

און בשעת רב אשר לויפט דאָ אַזוי אַרום, זיצט רפאל ביי זיך צוהויז אין געהאַקטע וונדן. נישט פאַר אייך געדאַכט זיינע יסורים, יידישע סוחרים! אָנזעצן איז דאָך ביי אונדז אַ גאַנץ געוויינטלעכע זאַך. אַז אַ סוחר זעצט אָן, אַפילו עטלעכע מאָל, איז וואָס? גאָרנישט! אָדער ער פאָרט זיך אַוועק אויף אַ קורצער צייט ערגעץ, אָדער ער פאַרשפּאַרט זיך אין דער היים ביי זיך טאַקע, טוט זיך וויל, מאַכט זיך אַ קימפּעט און וואַרט איבער, ביז הער רעש ווערט געשטילט. נישט אַזוי איז אָבער רפאל. קוים האָט ער באַמערקט אַ לאָך אין די עסקים זיינע, כאָטש זי איז נאָך געווען פאַרדעקט, איז אים געוואָרן אַ לאָך אין האַרצן. ער האָט זיך געגעסן פאַר כאַפּעניש, איילעניש, די לעצטע צייט, צו מאַכן געשעפטן נישט גוט באַרעכנענדיק זיך, אַזוי ווי פריער. בלייבן דאָ אין גלופּסק איז אים אוממעגלעך געווען, ווידער

זשע אַנטלויפֿן פֿונראַנען, מעשה־גנב, איז אויך שלעכט. ס'איז אים ביטער און פֿינצטער.

און אַז רפֿאל האָט זיך גענומען אַ טאָג, אַנידערזעצן זיך איינער אַליין בײַ זיך אין צימער לעבן די ביכער און מאַכן אַ קלאָרן חשבון, איז דווקא דאָס הויז פֿול געווען ווי אַ בירזשע מיט קרעמער און עס האָט זיך דעם גאַנצן טאָג נישט צוגעמאַכט די טיר, דער אַרויס, דער אַרײַן, אַלע ווילן מאַכן דורך אים געשעפֿטן מיט די דײַטשן, מיט די פֿאַבריקאַנטן אין לייפּציג, וווּהין ער פֿאָרט, הייסט עס, זיך דאָרט צו באַזעצן, פֿאָרלייגנדיק אים פֿאַר זײַן טרחה גוטע קאָנדיציעס. פֿריער האָט רפֿאל אָפּגעלייקנט די גאַנצע זאַך, אַז גאָר לא היה, אים איז אַפֿילו נישט אײַנגעפֿאַלן זיך באַזעצן אין לייפּציג. נאָר דאָס אָפּלייקענען זײַנס, האָבן די קרעמער געטײַטשט, דאָס איז פֿון רפֿאלס זײַט אַן איבער־הסברה, ער וויל זיך אויסדרייען, מיט זיי נישט האַנדלען, האָט עס זיי שטאַרק געאַרט, ווי ער וואָלט זיי אָפּגעגאָסן, מחילה, מיט אַ פֿאַמויגיצע. אויב אַזוי, האָבן די באַליידיקטע, נעבעך, זיך אײַנגעשפּאַרט, שטייען פֿאַר זייער כבוד, רעדן איבער אים אַזוי לאַנג, ביז זיי ווען אים איבעררעדן. אַז רפֿאל האָט געזען ווי ווײַט די זאַך גייט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו באַטראַכטן, האַ? אפֿשר איז עס באמת פֿאַר אים אַ גלײַכע זאַך? אפֿשר איז עס אַ ווינק פֿונעם אייבערשטן ווי אַרויסצוכאַפּן זיך פֿון דער קלעם און פּטור ווערן פֿון אַלע צרות. שאָקלט ער מיטן קאָפּ צו די קרעמער אויף יאָ, הייסט עס, און זאָגט, פֿריער שטאַמלענדיק, דערנאָך מאַכע רייגע ווערטער: איך טו אײַך צוליב, רבותי! נאָר אַ תּנאַי רעד איך מיט אײַך אויס, איר זאָלט אָפּצאָלן באַלד אויף די וועקסלען אייערע פֿאַר לאָדזשער סחורה, מיר זאָלן ענדיקן אונדזערע עסקים דאָ פֿאַר מײַן אַוועקפֿאָרן. די קרעמער איז דער דאָזיקער תּנאַי געווען ביטער־גאַל, זיי אָנגעמאַכט בויך־ווייטעק, נאָר פֿאַר גרויס חשק צו האַנדל מיט לייפּציג האָבן זיי כלומרשט אָנגענומען אַ שײַנענדיק פּנים. רב אשר דער מעקלער פֿון זײַן זײַט האָט זיי אונטערגעשטופּט, אונטערגעטריבן, נביאות־זאָגנדיק, אַז זיי שטייט פֿאָר גרויסע פֿאַרדינסטן. די קרעמער האָבן זיך געמאַכט האַרץ, געצאָלט די חובות אויף די וועקסלען — און רפֿאל איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון גלופּסק אין אליה־לייזערס בויד מיט דרײַ פֿערד — זיי, קלינגענדיק מיט קליינע גלעקלעך אויף די העלדזער פֿאָרנט, און דאָס קליינע קופּערנע פֿערדעלע, באָמבלענדיק זיך, קלאַפּנדיק אין דער בויד פֿון הינטן. אַזוי טשאַקענדיק איז רפֿאל געפֿאָרן, זיך אָנגעפֿאָרן און געקומען קיין לייפּציג, ווו ער האָט געעפֿנט זײַן עקספּעדיציאָנס־קאַנטאָר.

שווער איז געווען רב אַבֿרהמען שיידן זיך מיט אַזאַ געטרײַען פֿרײַנד ווי רפֿאל, און שווער איז עס אויך געווען הערשעלען. רפֿאל האָט דאָך

אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, זיך מיט אים אָפּגעגעבן, אים געהאָלפֿן, ווי ווייט מעגלעך. היינט נאָך רפֿאלס אַוועקפֿאָרן איז ער דאָך געבליבן, ווי אויפֿן וואַסער. ער בענקט, ער ליידט אַ שרעק און איז שטאַרק פֿונעם פּנים אַראָפּ. שעהן־לאַנג זיצט ער אין בית־המדרש אין אַ ווינקל, די גמרא ליגט אָפֿן פֿאַר אים אויפֿן שטענדער און ער לערנט נישט, נאָר זיצט שטיל פֿאַרטיפֿט אין די געדאַנקען. ער טראַכט און האָט אויף וואָס צו טראַכטן. ער טראַכט פֿון רפֿאלן, דעם ליבן טייערן רפֿאלן, וואָס גייט אים אַזוי אָפּ; אויך פֿון ביילען, זיין האַרץ, זיין נשמה, וואָס איז אַוועקגעפֿאָרן אַהיים, צוריק צו די עלטערן אירע. ער טראַכט אויך פֿונעם „ווינטשפּינגערל“ און דאָסגלייכן ווונדערלעכע זאַכן, פֿון וועלכע מע קאָן רייך ווערן. ער האָט זיך שטאַרק געבאָברעט אין יענע מיני ספֿרים, ווי דער ספֿר „מפֿעלות אלהים“ פֿון רב יואל בעל־שם, און דער ספֿר „תולדות אדם“ פֿון רב אליה בעל־שם, ווו מע לערנט אוים צו מאַכן על־פּי קבלה קונציקע זאַכן, ווי אַשטייגער, „צו זען די באַשערטע כלה אין חלום, אַ בתולה, אַן אלמנה אָדער אַ גרושה“; „צו זיין אַ רואה ואינה נראה“, דאָס הייסט, זען איטלעכן און פֿון קיינעם נישט געזען צו ווערן, „צו צאַפּן וויין פֿון דער וואַנט“, און דאָס גלייכן. יענע מיטלען, ווי צו זען די כלה, האָט הערשעלע געטאָן, ווי עס שטייט געשריבן, און עס האָט געהאָלפֿן — ער פֿלעגט טאַקע זען ביי־לען און גוט פֿאַרברענגען די צייט מיט איר אין חלום. נאָר וואָס אָנבאַלאַנגט צאַפּן וויין פֿון דער וואַנט, און די קונץ צו זיין אַ רואה ואינה נראה פֿלעגט תמיד, מעשה שטן, זיך טרעפֿן עפּעס אַ פֿעלער און ס'איז קאַליע געוואָרן אינדערמיט אַרבעט. הערשעלע, פֿונדעסטוועגן, פֿלעגט ביי זיך נישט אַראָפּ־פֿאַלן, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אָנהייבן די זאַך אויפֿדאָסניי, ווייל ער האָט געזען די ישועה זיינע, אויפֿגעריכט צו ווערן אין ניסים, אין ווונדער־קונציקע זאַכן. ער האָט אָבער געהאַט אַ טעות — די ישועה איז אים גאָר געקומען פֿון כאַנציען!

דאָס דריטע קאַפּיטל

נאָך מער פֿון איטלעכן איז רפֿאל אָפּגעגאַנגען כאַנציען. זיין אַוועק־פֿאָרן איז געווען ווי בוימל אויף דער פֿייערדיקער ליבשאַפֿט אירער. — אַ פֿייער האָט אין איר געגליט, איר געברענט די נשמה, אַ פֿייער אָן ווערטער. דאָס מויל רעדט נישט, די האַנט אָבער שרייבט. זי שרייבט אַ שטילס, אַ פֿאַרבאָרגנס אין האַרצן. כאַנציעס ליבע איז אַ שווייגנדיקע, אָפּטערם, שיקט בריוולעך אויף דער פּאָסט און נעמט דאָרט אָפּ בריוולעך

דורך הערשעלען, און אַלץ שאַ, שטיל. הערשעלע איז אַ שטענדיקער אורח אויף שבת און יום־טוב ביי לייבציע דעם רויטן. דאָס האָט געמאַכט רפאל פאַר זיין אַוועקפאָרן. מסתמא האָט ער געוווסט, וואָס ער טוט. כאַנציע האָט זיכער אויך געוווסט, אַ סימן, הערשעלע איז איר שטאַרק געפעלן פון דער ערשטער מינוט. אַצינד, נאָך רפאלס אַוועקפאָרן, איז הערשעלע איר געוואָרן באַליבט נאָך מער. דורך אים פלעגט זי שיקן אירע בריוו און פאַר אים איז אָפן געווען איר סוד.

יאָ, אַ ברענענדיק פייער איז די ליבשאַפט ביי כאַנציען און האַרצן, און לייבציע, דער פאָטער אירער, איז — נישט ווינדיק אַליין — אַ גוטער בלאָז־זאַק וואָס בלאָזט אונטער דער מאַכטערס ליבשאַפט, באַפלאַקערט זי מיט זיין אייגן מויל. ביי איטלעכן מאָל רעדנדיק פון רפאלן פלעגט ער אים לויבן און טאָג אַריין — רפאל איז אַ חכם־עתיק, אַ „בריה־נפלאה“, אַ קאָפּ־מענטש, קיינער דאָ פאַרשטייט נישט אַן עסק, ווי ער, אויסלאָזנדיק תמיד מיט אַ קרעכץ, אַז הייגט זענען נישט די עסקים, נישט די פאַרדינסטן ווי אַמאָל אין רפאלס צייט. דאָס איז וואָס צו לייט. אָבער וואָס צו גאָט און יידישקייט — איז לייבציע פון רפאלן נישט צופרידן געווען, פלעגט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אַלץ זאָגן: אָ־וואַ, אַ שאָד, וואָס אַזעלכער איז נישט פון „אונדזערע“, וואָס גלייבט נישט, האַלט נישט פון אונדזערע פרומע און גוטע — גלייבט אַפילו נישט אין נישט־גוטע, אין רוחות, אין שדים...

די האָזיקע מעשה־רע, וואָס דער פאָטער האָט געפונען אין רפאלן, האָט גראָד נישט געאַרט כאַנציען, דערפאַר אָבער די שבחים זיינע אויף אים זענען איר אַריין אין האַרץ, אויספילנדיק עס אינגאַנצן, נישט איבער־צולאָזן דאָרט אַ ברעקל פלאַץ, ווי אַ שפילקע־קעפּל, פאַר בענציען.

בענציע איז אונדרויסן —

און כאַנציע איז טאַקע אַלץ נאָך אַן עקרה!

יאָ, יענטל איז טאַקע געווען ביים „אַלטן“, זאָל לעבן, מיט אַ קוויטל וועגן דער טאָכטער, די עקרה, און ער האָט צוגעזאָגט אַ קינד כאַנציען, נאָר אַז כאַנציע איז אַ „ווידערשפּעניגדיקע“, וויל נישט וויסן פונעם מאַן, וואָס־זשע איז דער צדיק שולדיק, אַז די הבטחה זיינע איז נישט מקוים געוואָרן? און כאַנציע איז א ווידערשפּעניגדיקע — וואָס זשע זאָל בענציע טאָן?

בענציע, וואָס דאָס קעסט־עסן ביים שווער איז ביי אים דער עיקר, די הויפּט־זאַך, און דאָס ווייב נאָר אַ צוגאָב צו דעם, ער טוט זיך זיין זאַך — עסט־טרינקט אויף וואָס די וועלט שטייט, און וויטער גייט אים גאָר־

נישט אָן. אַקעגן־זישע כּאַנציע, איז פּיינטשאַפט און ליבשאַפט עסן איר לייב, זי פּאַלט איין, גייט אַראָפּ פונעם פּנים פון טאָג צו טאָג.

עס קלאָגט זיך יענטל פאַר אירע חברטעס אויף די צרות אירע פון דער מאַכטער, און די חברטעס טרייסטן זי — זיי מיט יענטלען, אַלע טאַקע אין איין קול. — יענטל זאָגט, קלאַפּנדיק זיך אין האַרצן: געל און גרין, ווי איז מיר, ווערט מיין מאַכטער, אַלץ טאַקע נישט מעוברת! וואָס פאַרט האָב איך דען שוין נישט איבערגעטאָן? — און די באַרעמהאַרציקע ווייבער לאָזן זיך הערן אויף קולית, אַלץ טאַקע מיט איר, אַרויסזאָגנדיק טרייסט־ווערטער מיט אַ שטאָך איניינעם. עס הערט זיך אַ קול: יענטל! קיין צער, כ'לעבן, יענטל! נו, אַז אַ גרין פּנים, מילא וואָס? נישקשה! אַ ווייבל נאָכן האָבן אַ קינד באַקומט אַ שיין־לויטער פּנים. — שרייט אַריבער אַלע נאָך אַ קול: צו קינדער טויג נאָר איין קאַנדראַטיכע די גויע! — לאָזט זיך הערן אויף אַ קווימש נאָך מער אַ שטאַרקער קול: בולאַן, דער מאַטער, איז פיל בעסער! ער האָט דערצו עפּעס אַזאַ שפּרוך, און עס העלפט— האָדל, ציפּע, פייגע־סאָסיע, לאָזט זיך דינגען! — שרייט אויס אַ הויכע דינגע שטימע. — נישטאָ קיין בעסער מיטל צו קינדער פון די וואַרעמבעדער אין אויסלאַנד! — שפּרינגט אַרויס איינע מיט אַ פּיסק, אַצינגל ווי אַ גלעקל, און באַסעוועט אונטער דער פריערדיקער, מאַכנדיק: שאַ! אָט האָט איר אייך אַ מעשה מיט אסתר־צביהן, אַ בילד־שיינע יונגט, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ אַלטן מאַן, פאַר רב ישראל דעם נגיד, האָט זי אויך אַ צייט לאַנג נישט געהאַט קיין קינד, איז זי געפאָרן אין די וואַרעמבעדער און איז טאַקע מעוברת געוואָרן. פון דענסטמאָל אָן פאָרט זי אַהין אַלע יאָר, קומט צוריק אַ בוים און האָט אַ קינד. פיר קינדער, ברוך־השם, האָט זי אַצינד. איז דיק, באַלייבט, שיין, ס'איז איר אין פּנים נישט אַריינצוקוקן, ווי אין דער ליכטיקער זון. נאָר וואָס איז מיר אסתר־צביה? זי איז נישט איינע אויף דער וועלט, נישט קיין בת־יחידה ביי גאָט. נאָך פיל אַנדערע ווייבער ווייס איך, וואָס פאָרן אין די וואַרעמבעדער, האָבן דאָרט די רפואה און פאַרגייען אין טראָגן. מע זאָגט, באשר אין דעם וואַסער דאָרט ליגט עפּעס אַזוינס, וואָס העלפט, באַזונדערס העלפט עס ווייבער־עקרות.

— ממש טאַקע ווי די שטעקלער יעקב אבינוס, פון וועלכע, ווי דער פּסוק זאָגט, די שאָף האָבן זיך דערהיצט און געווונען, — גיט פייגע־ברכה די חזנטע צו פאַרשטיין דעם טעם פון דער זאַך, אויף אַ גראָב קול, ווי דאָס קול פון אַ זכר.

ווייבאַלד אַזוי, איז געבליבן ביי יענטלס אַלע חברטעס, אַז כּאַנציע זאָל אויך פאָרן אין די וואַרעמבעדער, און טאַקע נישט לאַנג שהיות מאַכן.

גאָר וואָס קאָן עס אָבער העלפן צו כאַנציעס ביטער געמיט, אַז די ליבשאַפט מיט דער פיינטשאַפט, די ביידע מאַכן זי קראַנק? און אַזוי ווי זי טראָגט שווייגנדיק אין זיך די ליבע, אַזוי שווייגנדיק טראָגט זי אין זיך די שנאה. זי ווייסט, אַז אַלע טענות אירע אַקעגן בענציען ווערן נישט אָנגענומען, ס'איז זייער שווער פטור צו ווערן פון אַזאַ שלימזל. בענציע איז שטאַרק באַליבט ביים פאָטער אירן, ווייל דורך דער מחותנשאַפט מיט בענציעס געהויבענער משפּחה איז דער פאָטער געהויבן געוואָרן, איז אַריין צווישן די שטאָט־פירער, איז אַ גבאַי אין ביקור־חולים, אין שול, אין תלמוד־תורה און האַלט אָרעמעלייט אין דער מורא. פריער, אַז זי האָט די שנאה צום מאַן אַרויסגעזאָגט דעם פאָטער, האָט ער, שטאַרק אויפגעבראַכט אויף איר, זי געשטראָפט אַזוי: ווי קומט, טאָכטער, צו דיר אַזוינע ווערטער?... וואָס הייסט, דו האָסט פיינט? אַ יידישע טאָכטער ווייסט נישט, וואָס פיינט, וואָס ליב!... אַ ווייב באַדאַרף זי זיין, טאָן וואָס דער מאַן וויל... טאָן, זאָג איך דיר, דו פאַרשטייסט? טאָן, טאָן טאַקע, נישט אַריינגעמען זיך אין קאָפּ נאַרישקייטן — פיינט־שטיינגט, ליב־שטיב ווי גויים... האָרך זשע, טאָכטער, זיי נישט משוגע און זיי אַ ווייב כּכתוב, ווי אַלע יידענעס!...

כאַנציע האָט געהערט דעם פאָטערס שטראָף־רייד און פאַרשטאַנען, אַז קלאָגן זיך פאַר אים קאָן זי שוין נישט מער. האָט זי די צרות געטראָגן אין זיך, פאַרביסן די ליפּן און שאַ! די צרות אָבער האָבן מיט דער צייט זיך אָנגעקליבן אין האַרצן אַזוי, אַז די געהווין האָבן שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן, כמעט נישט געווען צו דערקענען זי, אַזוי פאַרענדערט האָט זי זיך. און דער לעבעדיקער גאָט ווייסט, וואָס דער סוף וואָלט געווען, ווען עס זאָל זיך נישט מאַכן גאָר אומגעריכט אַ מעשה — אַזעלכע, וואָס דענסטמאָל, אין דער השכּלה־צייט, איז עס געווען אַ גאַנץ געוויינטלעכע זאַך, און היינט וועלן פאַר גרויס וווּנדער אַלע פאַרוואָרפן מיט די קעפּ הערנדיק אַזוינס.

גאָר תחילת, ווען די „השכּלה“, די בילדונג הייסט עס, איז אַריינגעפאַלן אין דער „יידישער גאַס“, איז זי — ווי ס'איז שוין דאָ אויבן געשטאַנען — געגאַנגען ווי אַ מגפה, נישט היינט געדאַכט, אָנכאַפּנדיק אַ יידן פּלוצעם. עס זיצט זיך אַ ייד על־התורה ועל־העבודה, אָפּגעשיידט פון דער וועלט, ווייסט נישט מער ווי גאָט און ציצית, נעמט נישט אין מויל קיין זאַך, אפילו קיין טרונק וואַסער אָן אַ ברכה, — פּלוצעם, אוי־וויי! טוט אים אַ נעם די קליפּה, קערט אים איבער אויף דער „לינקער“ זייט און ער ווערט, הייסט עס, ג ע ב ו ל ב ע ט! אָדער איינער פון די ישיבה־בחורים, אַ בחור אַ געזונטער, מיט הענט, מיט פיס, וואַרפט פון זיך אַראָפּ

דעם יאָר פון אַרבעט, עסט מעג — ביי איטלעכן באַלעבאָס, הייסט עס. אַ טאָג אין דער וואָך, און קוועטשט די באַנק, — פלוצעם געפינט זיך מעשה־שטן, צווישן די בלעטלעך פון דער אָפענער גמרא זיינער השכלה־ביכלעך. אי־אי, ער איז גאָר א ווערעמדיקער בחור!... א אשה צנועה, אַשטייגער, איז זיך מקיים די דריי מצוות, אירע חנ"ה, גאָלט ווי געהעריק דעם קאָפּ, באַדעקט אים גוט מיט אַ קאָפּקע, לייגט קנייטלעך צו די ריינע נשמה־ליכט, וויינט־קלאָגט ביי די תחינות, פלוצעם כאַפּט זי דער רוח, מאַכט אין איר אַן איבערקערעניש — וואַרפט זי פון זיך אַראָפּ דעם שלייער, טראָגט אייגענע האָר ווי די הולטאיקעס. וואָס נאָך? זי לייגט ארונטער הינטן, מחילה, אונטערן קלייד א קישעלע, עס זאָל אויסקומען גרעבער, מיט דער מאָדע, און ברעכט די צונג, גיבעד, צו פלאַפּלען עפּעס אַ מין גוייש... און אַזוי ווי בשעת אַ מגפה היט מען זיך שטאַרק, אויסצומיידן עפּעס וואָס ס'איז אַ שעדלעכע זאַך, אַזוי האָט מען אויסגעווייכט יענע ליים, וואָס זענען געווען איינגעשמעקט פון דער השכלה.

ווען וואָלט עס גאָר אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק, אַז אויך בענציען זאָל אויך קומען די מגפה! טאַקע זייער ריכטיק זאָגן אונדזערע חכמים: „בשעת א מגפה, קליבט דער מלאך־המות נישט איבער" — און בענציע־צדיק, ווי איז אים, איז אויך געכאַפּט געוואָרן, ווי אַ פויגל אין דער נעץ. פארוויסט איז ער און פארוויסט איז דאָס לעבן זיינס!

בענציעס קוילער, דער מלאך־המות זיינער, איז געווען אין געשטאַלט פון א ליטוואַק, א מלמד! אויסגעזען האָט דער מלמד א גאַנץ פרומער ייד, אַ כשרע נשמה, מיט באָרד און פאות. ער איז געווען אַ למדן מופלג, געקענט תנ"ך ווי א וואסער, גערעדט האָט ער שטיל, געלאַסן, אויף א ביסל אַ הייזעריקלעכער שטימע, און פון אים האָבן זיך געשאָטן פערל. זיין מלבוש איז געווען ריין אָן א שפּרינקעלע, אָן א פלעק, ווי עס מאַכט זיך אמאָל ביי יידן, פון א שמיר מיט דער נאָז, אָדער מיט די פינגער נאָך אַ פעט עסן. אַלע האָבן פון אים געהאַלטן, מחיה־נפשות געווען זיינס א וואָרט. זיינע תלמידים זענען געווען בחורים, חתנים, וואָס זענען שוין אַליין פאַר זיך שטיקלעך מענטשן, און דאָס וואָס זיי לערנען, לערנען זיי עס נישט געצוווּנגען, נאָר מיט זייער אייגענעם ווילן. ביים לערנען מיט זיי תנ"ך פלעגט ער אויסמישן רש"י מיט ביאור, מדרש מיט פשט אינייגעם, צוגעבן נאָך דערצו אַמאָל שאַרפע טראָפּנס הקירה איבער ניסים, ווי שפּאַלטן דעם ים, אשטייגער, וכדומה, האַרבע קשיות איבער „ידיעה ובחירה", „שכר ועונש" — דאָס הייסט, אז גאָט ווייסט נאָך פריער דעם מענטשנס מעשים שפּעטער, טוט דאָך דער מענטש זיי נישט

מיט דעם פרייען ווילן, פאַרוואָס זשע זאָל ער דערפאַר באַלוינט אָדער גע־שטראָפט ווערן? — פון דעם דאָזיקן רעצעפט פלעגט ער די תלמידים אײַנגעבן א היפשע פּאָרציע, עס זאָל אָפּרייניקן די נשמה פון צוגעקלעפטע, אײַנגעגעסענע אין איר פוילע זאַכן. דאָס אײַננעמעניש האָט געווירקט, עס האָט אינעווייניק אין זיי געיוירן, געיוירן — און זיי זענען געוואָרן אויפגעיוירן...

און פאַר די זינד פון שנאת־חינם, וואָס בענציע פלעגט פיינט האָבן ליטוואַקעס, אָפּלאַכן פון זיי, זיצנדיק אין שטיבל מיטן פעקל חסידים, האָט דאָס פינצטערע מזל זיינס אָנגעשיקט אויף אים אָט דעם מלמד, דעם ליטוואַק. געלאַסן, מיט גלאַטע, זיסע ווערטלעך האָט דער מלמד זיך צוגעשאַרט צו בענציען און אים גאָר צעטומלט, באַצויבערט מיט זיין גלאַטן צינגל, ווי יענע פּאָקוסניקעס, וואָס ווייסן א שפּרוך צו פאַרצויבערן שלאַנגען. מיט צוקער־זיסע ריידעלעך האָט ער ביסלעכווייז אַרייננעלאָזט אין בענציעס האַרץ גיפטיקע טראָפּנס פון אַפּיקורסישע געדאַנקען. דאָס גיפט איז זיך צעגאַנגען אינעווייניק אין אים אַלץ ווייטער, ווייטער, ביז ס׳איז מיטאַמאָל געוואָרן אויס בענציע! דאָס קערל פון דעם מלמדס תורה האָט בענציע נישט פאַרזוכט, ער האָט נאָר געכאַפּט דאָס שאָלעכץ. די חברים זיינע האָבן אין אים באַמערקט עפּעס א פאַרענדערונג — ס׳איז עפּעס נישט דער ברען, נישט דער בענציע, וואָס פריער, עפּעס פאַרבייגט ער איבערפרי די מקווה, שטופּט זיך נישט ווי פריער צום יאָר־צייט־בראָנפן — פונדעסטוועגן האָבן זיי נישט געטראַכט אויף אים קיין בייז. אדרבא, מע האָט עס גאָר געטייטשט — עטע־טע־טע! דאָס איז, האָט מען געזאָגט, א ירידה, א פאלן, ווי ס׳איז באַקאַנט — ביי די גרויסע, איידער זיי טוען זיך א הייב צו דער הויכער מדרגה. זאָל ער פאָרן צום „אַלטן", וועט ער אים צורעכט מאַכן... נאָר וואָס העלפט עס אָבער, אַז די צונג איז דעם מענטשנס ערגסטער שונא — היט מען נישט די צונג, באַגראָבט זי דעם באַלעבאָס אירן!

איינמאָל זענען די חסידים געזעסן אין בית־מדרש אונטערן אויוון און דערציילט, ווי דער שטייגער איז, מעשיות פון בעל־שם, מופתים פון צדיקים, גוטע יידן, פּלוצעם שיסט אויס בענציע מיט א זאָג, אז ס׳איז לויטער ליגן — נישטאָ קיין מופתים! די חסידים זענען געבליבן פאַר־גאַפט, שטאַרק צעקאָכט, סטייטש, סטייטש! האָבן זיי געשריגן, ס׳איז דאָך אַ חילול־השם, ווי קאָן מען הערן אַזוינס און שווייגן? הייבן זיי זיך אויף, פּאַטשן אים גוט אויס און וואַרפן אים ארויס פונעם בית־מדרש. די מעשה איז זיך צעגאַנגען איבער דער גאַנצער שטאָט און לייבציע דער רויטער האָט זיך פאַר חרפּה שיר נישט באַגראָבן. אַז בענציע איז אַריינ־

געפֿאַלן אין ליטווישע מיילער, האָבן זיך שוין געפֿונען גוטע מענטשן אַזוינע, וואָס האָבן זיך נישט געפֿוילט צוצולייגן אים קנייטלעך, פֿאַר־ברייטן איבער אים שרעקלעך מיאוסע זאַכן, אַזוי אַז ער איז געוואָרן שטאַרקן פֿאַררופֿן. ס'איז אַזוי ווייט געגאַנגען, ביז בענציע איז געווען גע־צוווּנגען צו פֿאַרלאָזן גלופּסק —

און כּאַנציע איז געוואָרן א גרושה!

דאָס פֿערטע קאַפּיטל

און אַז ס'איז געקומען די צייט, ווען ווייבער מיט ספּאַזמעס פֿאָרן אין די וואַרעמבעדער, האָט כּאַנציע זיך צוגעגרייט, לויט די גלופּסקער דאָקטוירים האָבן איר געראַטן, פֿאָרן קיין ווין, זיך צו באַראַטן מיט די בראָפֿעסאָרס וועגן איר קרענק, און אין וועלכער באָד זי באַדאַרף פֿון דאָרט פֿאָרן. יענטל איז שטאַרק באַשעפֿטיקט געווען מיט איינגעמאַכטס פֿרעגלען, מיט באַקן אַ לעקעך, פּומערקיכלעך, פּלעדלעך, מלכות־ברויט־לעך פֿאַר דער טאָכטער אין וועג אַריין. זי רעדט אַליין, רעדט איבער כּאַנ־ציען, וואָרנט זי, למען־השם אָפּצוהיטן אויפֿן וועג זיך אַליין און די זאַכן אירע, געבנדיק איר עצות און ברכות אָן אַ צאָל. און לייבציע שווייגט, קרימענדיק די נאָז מיט אַ זויער פּנים, ווי ער איז נישט צופֿרידן פֿון אַלצ־דינג, וואָס דאָ טוט זיך פֿאַר אים.

און אַז לייבציע זיצט זיך איינמאָל איינער אַליין ביי זיך אין צימער שטאַרק אָנגעבלאָזן, קומט אַריין צו אים רב אברהם, און נאָך אַ קורץ שמועסל, גלאָט אַזוי זיך פֿון יוצא וועגן, ווי דער שטייגער איז, טוט ער אַ זאָג:

— איך קום היינט פֿאָרלייגן עפּעס פֿאַר מעלתו און פֿאַר אייער טאָכטער, דער גרושה.

— אַ שידוך פֿאַר איר, מיינט איר? — זאָגט לייבציע, אַ קרים געבנ־דיק די נאָז און אַ מאַך מיט די הענט, ווי ער שאָקלט זיך אָפּ, וויל נישט הערן.

— כּמוי אַזוי ווי אַ שידוך, — מאַכט רב אברהם מיט אַ גוט שמיי־כעלע, ווי אַ מענטש אָן חכמות.

— אַי־אַי! דאָס געהער זיך נישט אָן מיט מיר. נישט מיין זאַך, מיין זאַך, רב אברהם! — מאַכט לייבציע, אויפֿשפּרינגענדיק פֿונעם אָרט און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, מיט ביידע הענט. — אַ וועלט אַ נייע איז היינט... אַן אַנדער וועלט, אַנדערע מנהגים... היינט איז אוים כּבוד־אָב, וואָס איז

מיר א טאַטע? כבוד=בנים איז דאָ. וואָס די קינדער זאָגן — טו, שאַ!
[illegible]

— באַרואיקט אייך, רב לייבציע! אַ שטיקל אמת איז דאָ אין אייערע ווערטער, נאָר עס געהער זיך נישט אָן צו דעם, וואָס איך וויל. איך וויל אייך פאָרלייגן נאָך עפּעס אַנדערש. די מעשה דערפון איז אַזוי, — זאָגט רב אברהם, א פיר געבנדיק די האַנט איבערן פּנים און אָנקוקנדיק לייבציען שאַרף מיט אַ פּאָר אויגן, — אַזוי, אַזוי איז די מעשה, רב לייבציע. הערשעלען קענט איר דאָך, אָט דעם בחורל, דעם יתום, וואָס עסט ביי אייך שבת און יום=טוב, וואָס רפאל האָט אייך פאר אים געבעטן. בקיצור, קומט מיר אָן די טעג אַ בריוו פון רפאלן, ער בעט מיך, שיקן אים דעם יתום קיין לייפּציג, געלט אויף הוצאות האָט ער מיר אויך אַריינגעשיקט. ווייס איך איצט נישט וואָס צו טאָן. דער וועג אהין איז א ווייטער, ווער ווייסט, וואָס ס'קאָן זיך טרעפן? ווי זשע שיקט מען אזא שנעק, נאָך גאָר א פריץ, איינעם אליין? דער פאָטער זיינער, עליו=השלום, א כשרער ייד, אַ בעל=תפילה געווען אַמאָל אין בית=מדרש „פּועלי צדק” דאָ, האָט פארן טויט איבערגעגעבן מיר אָט דעם זון זיינעם, און איך האָב הייליק צוגעזאָגט, האָבן אויף אים השגחה. אצינד, אז ער וועט זיך לאָזן אין וועג אליין און אים וועט זיך, חס=ושלום, עפּעס מאַכן, וועל איך דאָך מיך פאַרשולדיקן פארן פאָטער זיינעם אויף אייביק. איך האָב געהערט זאָגנדיק, אַז אייער טאָכטער קלייבט זיך קיין אויסלאַנד, בין איך דאָ געקומען מיט מיין בקשה, זאָל אָט דאָס בחורל מיטפאָרן מיט איר, פאַרשטייט איר שוין? אויב אומעטום איז, ווי דער פּסוק זאָגט, אינצווייען בעסער ווי אַליין, א בשיטא שוין אין וועג!

— נאָך מיין מיינונג איז א יושר אייער בקשה נישט אָפּצוזאָגן, נאָר די מיינונג אָבער פון א טאַטן איז היינטיקע צייטן נישט אזוי וויכטיק. גייט, זייט מוחל, רב אברהם, צו מיין טאָכטער און פרווט זיך איר פאָרלייגן אייער בקשה.

גייט רב אברהם צו כאַנציען, און קוים ער רעדט אַרויס: איך האָב מקבל געווען אַ בריוו... פאַלט זי אים אַריין, פאַר איילעניש, צעטראָגעניש, אין דער מיט רייד מיט א זאָג:

— מקבל געווען.. איך אויך, רב אברהם!

רב אברהם קוקט זי אָן פארוואונדערט, און זי, פארטראָגן, פאַרפלאַמט, מיט אַ פריינדלעך שמייכעלע — אַלץ טאַקע אין איין אָטעם:

— איך ווייס, רב אברהם, ווייס... הערשעלע פאָרט מיט מיר.

— אײדער נאָך איך האָב געבעטן, ענטפֿערט איר שױן! איך האָב נאָך נישט געזאָגט, װײסט איר שױן װאָס! — מאַכט רב אברהם, אָנקוקנדיק שאַרף כאַנציען. — פֿונװאַנען װײסט איר עס?

— פֿונװאַנען איך... פֿונװאַנען? — שטאַמלט כאַנציע, רױט װערנדיק, װאָס זי האָט זיך אומבאַרעכנט אַרױסגעכאַפּט מיט אַ װאָרט, און געװאָלט פֿאַרריכטן דעם פֿעלער. — פֿון הערשעלען װײס איך... האָב מקבל געװען... אָנגענומען זײַן בקשה. צו װאָס דאָ איבעריקע רײד? הערשעלע פּאַרט מיט מיר!

רב אברהם ענטפֿערט נישט קײן װאָרט, שטײט אַ װײַלע אָנבײגנדיק דעם קאָפּ און קנײטשנדיק דעם שטערן, װי ער טראַכט עפּעס איבער אַ זאַך, װאָס ס'איז אים ערשט אײַנגעפֿאַלן, דערנאָך טוט ער זיך אַ כאַפּ און מאַכנדיק מיט אַ פֿינגער בײַ דער נאָז, זאָגט ער פֿרײנדלעך:

— שקאָץ!...

* * *

נאָך כאַנציעס ערשטן בריװ פֿון װין איז אַװעק עטלעכע װאָכן און פֿון איר איז נישט געװען קײן אײַנגעטונקענע פֿען. די עלטערן מיט דעם גאַנצן הױזגעזינד האָבן זיך שרעקלעך באַאומרואיקט. האָבן זײ געפֿרעגט רב אברהמען, אפֿשר האָט הערשעלע אים געשריבן עפּעס װאָס װעגן איר, זאָגט רב אברהם: נײן! קײן שום בריװל האָט ער נאָך פֿון הערשעלען נישט דערהאַלטן און האָט גרױס עגמת־נפֿש דערפֿון. בטלנים, לײדיקגײער, גײענדיקע גאַזעטן, װאָס פֿאַרזאָרגן די שטאָט מיט נײַעס, האָבן גענומען די זאַך אױף זײערע כלים, אַרײַנלײגנדיק דרינען שרעקלעכע פּירושים און אױספֿירנדיק דערפֿון אַ מוסר פֿאַר עלטערן איבערהױפּט, אַז זײ זאָלן נישט לאָזן זײערע טעכטער — גרושות, אַלמנות, אַלצײנס — אַרומשלעפּן זיך אין דער װעלט. בפֿרט נאָך מיט בחורים, אפֿילו מיט ײנגלעך.

און װי דאָ טוט זיך אַזױ, קומט־אָן פֿון כאַנציען אַ בריװ, אַרױסגעשיקט פֿון לײפּציג, און הײבט זיך אָן אָט מיט װאָס:

„מזל־טובֿ! איך האָב חתונה געהאַט מיט רפֿאלן!...“

— אַ־אַ, פֿאַרברענט זאָלן װערן אַלע װאַרעמבעדער! — טוט לײבציע אַ געשרײ, שטאַרק אױפֿגעבראַכט.

— אױ, איך װעל מיר אַ מעשה אָנטאָן, אַ חתונה אָן טאַטע־מאַמע! — װײנט יענטל.

— אַצינד איז שוין רעכט!... ס'זעט אויס, אַז לייפּציג, אַפּנים, איז ביי זיי געווען פריער אַן אָפּגערעדטע זאַך, און דער שקאָץ האָט געוווסט. — זאָגט רב אברהם מיט אַ צופרידן שמייכעלע.

דאָס פינפטע קאַפּיטל

אין משהלעס בריוו צו די עלטערן, וועלכן יארכי האָט איבערגעגעבן, שרייבט ער אַזוי:

„אַז אָנגעלייגטער גאַסט וועט איינגיכן צו אייך קומען, אַ טייערער מענטש, וועלכן איך בין שולדיק אַן אייביקן דאַנק פאַר דער גרויסער ליבשאַפט זיינער צו מיר און פאַר די מידות־טובות זיינע, פון וועלכע איך האָב, ווי ווייט מעגלעך, מיך אָפּגעלערנט אין דער יוגנט און האָב נאָך פיל אָפּצולערנען זיך אויך היינט — דאָס מיין איך אונדזער ליבן רב אברהמען, וואָס איז דאָ איצט אין מיין שטאָט. ער איז געקומען אויף דער התונה ביי זיינער אַן אייניקל, אַ מיידל דער טאָכטערס זיינער, וואָס איר מאַן איז אַ זעצער אין אַ היגער דרוק. איך האָב אים ביים ערשטן באַגעגעניש אָפּגעגעבן „שלום“ מיט אַ שמחה, אַ פרייד, און ער מיר צוריק — הערט אַ מעשה! — עפּעס מיט אַ האַלבן מויל, ווי ברוגז. דאָס האָט זיך דערנאָך דערקלערט אין אַ ברייטלעכן שמועס צווישן אונדז, וואָס האָט געדויערט אַקעגן אַ פאָר שעה. אויך די אייגענע מעשה, וואָס איז פאַרגאַנגען, טאַטע, צווישן אונדז, ביים אַריינטרעטן מיינעם אין דער ראַבינער־שול — אַ רוגז, אַ צאָרן גאָר אַ שרעק! אַ רוגז, אַ פייערן אויף יידישע שולן, מישטיינס־געזאָגט, איבערהויפּט, און אויף דער ראַבינער־שול בפרט, אַז זיי זענען פון לכתחילה געמאַכט געוואָרן נישט אין דעם יידישן גייסט, נישט דורך יידן אַליין, נאָר דורך פרעמדע; אַ רוגז אויף די אויפזעער, אויף די לערער און אויף די תלמידים, באַזונדערס אויף די ראַבינער־שילער, אַז די אויפפירונג זייערע איז נישט קיין שיינע און יידיש געמען זיי אין מויל נישט אַריין, ווילן עס נישט וויסן — אַ טייל גייען אַריין אין שול עמי־הארצים און גייען אַרויס עמי־הארצים, און די וואָס גייען אַריין מיט יידיש, פאַרגעסן עס באַלד און גייען אַרויס מיט גאָרנישט. אָט אַזעלכע הטאים האָט רב אברהם אויסגערעכנט, שאָקלענדיק אויף מיר מיטן קאָפּ, ווי אויף אַ פאַרפאַלענעם מענטשן, וואָס איז אַראָפּ פונעם רעכטן וועג. אויב ענדערן זיין מיינונג איבער אַנדערע מיינע חברים איז מיר נישט געראָטן, און האָב טאַקע נישט געקענט, ווייל אין פיל זאַכן איז ער טאַקע גערעכט, דערפאַר האָט מיר געגלאָטן אים צו באַווייזן מיט ראיות, אַז איך בין דער

אייגענער וואָס פריער, נישט, חלילה, פאַרפירט געוואָרן אויף אַ האָר. דער־
וויסנדיק זיך עס, האָט ער מיר אַ קוש געטאָן מיט גרויס ליבשאַפט, זאָגנ־
דיק, ווי דער שטייגער זיינער איז: שקאָץ!

„אַקעגן וואָס זאָג איך אייך דאָס אַלצדינג? אָט אַקעגן דעם, וואָס אין
אַ געשפּרעך צווישן אונדז זענען מיר אַרויף אויף זייער אַ וויכטיקער שאלה,
וואָס מיין שולדיקייט איז, אייך, מיינע טייערע עלטערן, זי צו מעלדן.

„ווייבאַלד מע מוז זאָגן, אַז די יידישע שולן, דערונטער אויך די ראַ־
בינער־שול, זענען געפאַלן ביי אונדזער פאָלק, ווייל זיי זענען נישט געמאַכט
און ווערן נישט געפירט אין יידישן גייסט און דורך יידן אַליין, איז ממילא
אַרויף די שאלה: צו וואָס פאַר אַ תכלית לערן איך דאָ און אַרבעט אַזוי?
— צו זיין אַ לערער ערגעץ אין אַ שול? אַך, גאָט מיינער! מיט וועמען
וועל איך לערנען, אַז ס'איז כמעט נישטאָ דאָרט קיין תלמידים. דער יידי־
שער לערער איז אונטערגעוואָרפן, אונטערטעניק דעם גויישן אויפזעער, וואָס
האַלט אים אין דער מורא און טוט, וואָס ער וויל, פונקט ווי דער גוי, דער
דירעקטאָר אין דער ראַבינער־שול, וואָס געוועלטיקט שטאַרק איבער אונ־
דזערע יידישע לערער, רעכענענדיק זיי פאַר גאָרנישט. דורכדעם פאַלן די
לערער אַראָפּ ביי די תלמידים, און מיט דעם פאַלן פון די לערער פאַלט
אַראָפּ אויך דער כבוד פון די יידישע לימודים. — און אַז נישט קיין לע־
רער, אפשר זשע וועל איך זיין אַ רב, אַ ראַבינער, הייסט עס? אוי, אַז אָד־
און־וויי צו אַזאַ רבנות, וואָס ס'איז נישט אַזוי ווי רבנות באַדאַרף צו זיין,
וואָס ס'איז אָנגעוואָרפן אויפן עולם מיט געוואַלד! אַזאַ רבנות, וואָס איז נאָר
אַ געניימטע זאַך, וועט מיט דער צייט אָנמאַכן צרות — פאַרטייען, קריג,
דיימעניש־בייסעניש אין יידישע שטעט און שטעטלעך. זייער פיל האָב איך
געטראַכט אין דעם דאָזיקן ענין, און ס'איז לסוף ביי מיר געבליבן, אַז
נאָכן ענדיקן די ראַבינער־שול זאָל איך אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט, צו
לערנען דאָקטאָריע. אַ טייל פון די בעסטע שילער, מיינע חברים, טראַכטן
אויך טאָן אַזוי ווי איך. רב אברהם איז מסכים דערצו, אַצינד לייג איך
פאַר דעם פּלאַן אייך, און בעט דערויף אויך אייער הסכם.

„באַלד הייבן זיך אָן די עקזאַמענס ביי אונדז אין שול, און איך לערן
אַצינד געשמאַק צו דעם עקזאַמען איינעם מיט מיין חבר ספּיר, דעם
הער מיכאל ספּירס זון. אַז גאָט וועט מיר העלפן אויסצוהאַלטן דעם עק־
זאַמען, וועט מיר איבערבלייבן נאָך אַ יאָר ביז דעם ענדיקן דאָ אין שול.

„דער יונגער ספּיר, דער חבר מיינער, האָט זיך פשוט פאַרליבט אין
רב אברהמען. רב אברהמס שטייגער אָנרופן זיינע ליבע — „שקאָץ"! איז
אַצינד ביי אונדז אַ ווערטל. דער הער ספּיר האָט פאַרבעטן רב אברהמען
צו זיך אויף שבת, ביים טיש זענען געווען נאָך אורחים, פון וועלכע מע

האָט געהערט אַ ייִדיש וואָרט און תּורה. רב אברהם קוועלט גאָר אָן פּונעם הער ספּיר, אין ווײַטן ס'איז דאָ תּורה און חכמה, ייִדישקייט און השׂכּלה אינײַנעם. הלוואַי, זאָגט ער, אַ סך אַזעלכע בײַ ייִדן! אין כאַראַקטער האָט רב אברהם זיך נישט געענדערט, דער אייגענער טאַקע וואָס פריער, מיט געפיל, מיט אַ וואַרעם האַרץ, נאָר דער קערפּער זײַנער איז אָפּגעשוואַכט פאַר גרויסע צרות, וואָס ער האָט געהאַט, נעבעך, די לעצטע יאָרן. ער באַדאַרף נײַטיק אין לעבן אַרײַן פאַרבעסערן דאָס געזונט. איך בעט אים, בעט, ער זאָל פאָרן צו אײַך אין דאָרף אויף אַ צוויי־דרײַ חדשים; די גוטע, ריינע לופט, דער ריח פונעם שמעקנדיקן גראָז, פונעם פעלד און דעם גרינעם וואַלד וועט אים צוגעבן געזונט און לעבן. איך ווייס וויל, ווי שטאַרק ליב איר האָט רב אברהמען, וועט ער דאָך בײַ אײַך זײַן זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. רב אברהם האָט אײַנגעוויליקט, און נאָך אין עטלעכע טעג אַרום וועט איר אים האָבן צוגאַסט!".

דער דאָזיקער בריוו משהלעס האָט זיך פאַרהאַלטן אין וועג און איז אָנגעקומען צו די עלטערן אין איין צײַט מיט רב אברהמען.

אַז רב אברהם האָט פאַרפירט אַ שמועס איבער משהלען, דערציילנדיק וועגן אים איטלעכס פּיצעלע באַזונדער, און געזאָגט, אַז משהלע וועט זײַן אַ דאָקטאָר, האָט אויף שמואליקס ליפּן אַ שיין געטאָן אַ זיס שמייכעלע פאַר גרויס הנאה.

אָט דאָס שמייכעלע איז ווערט אין די קראָניקעס עס אַרײַנצושטעלן. קראָניקעס־שרײַבער, הקרנים, וועלן פון דעם דאָזיקן שמייכעלע אויסדרינגען, ווי ווײַט דער כּוח פון השׂכּלה אין יענער צײַט איז געגאַנגען. סטייטש, פריער אַ ביסל האָבן מיר געזען, ווי אַ ייִד וויינט, קרעכצט, וואָס מע וואַרפט אַוועק דאָס לערנען תּורה; קיין בעסערס, קיין גרעסערס אין דער וועלט פון אַ רב, אַ מורה־הוראה, איז בײַ אים נישטאָ, און דער אייגענער ייִד טאַקע פאַרבײַגט דערנאָך אין אַ זײַט דעם רב, עס געפעלט אים אַ דאָקטאָר, קוועלט גאָר אָן פון אים מיט אַ זיס שמייכעלע — און צווישן דעם געוויין און דעם שמייכעלע, צווישן דעם רב און דעם דאָקטאָר איז נישט מער ווי אַ פיר יאָר צײַט!

און ווער איז דער דאָזיקער ייִד? שמואליק! דער, וואָס פון אַ טאַנדעטניק איז ער געוואָרן אַן אַקציזניק!!

דער סוף פון דער מעשה

בשעת די „פּאָגראָמען“, נישט היינט געדאַכט, אין די אַכציקער יאָרן, וואָס האָבן יידן אין פיל שטעט גרויסע צרות אָנגעטאָן, האָט קאַבצאַנסק, נעבעך, אויך שטאַרק געליטן. די באַלעבאַטים דאָרט זענען געוואָרן קבצנים, און די קבצנים, נייע אי אַלטע, איז אַ טייל זענען אַוועק, שלעפּן זיך ארום אין דער וועלט, און אַ טייל שטייען מיט די טאָרבעס גרייט אַוועקצושלעפּן זיך אַהין, וווהין די אויגן טראָגן.

פּאָגראָמען און שרפות — דאָס זענען צוויי מחבלים, אַן אָנשיקעניש אויף יידישע קינדער, וואָס פארוויסטן זיי מיט זייערע הייזער און דעם פאַרמעגן און מאַכן אַן אביונים, אלמנות מיט יתומים אומעטום, וו זיי ווייזן. דאָס זענען שרעקלעכע מחבלים, וואָס אַרויסברענגענדיק גאָר פאַרן אויסמויל זייער נאָמען שטעלן זיך דעם יידן פאָר פירכטלעכע סצענעס: אַן אויסגעזעצט פענצטער, טירן; אַ ברעכן כלים; אַ רייסן קישנס, אַ פליען פון פעדערן — בלוט, פייער און געוואַלדן!

קאַבצאַנסק איז וויסט, שטיל איז אין די גאַסן — און אויפן בית-עולם דאָרט איז אַ יאָמער, אַ קלאָג!

און די צייט איז נישט אלול-צייט, די צייט פון געבעט, פון געוויין ביי יידן, און די צייט פון אומער אין דער וויסט-ווערנדיקער נאַטור, גיין! ס'איז וועסנע-צייט, ליכטיקע טעג, גרינע פעלדער און אַ לויטערער הימל... עס שפּראָצט, עס וואַקסט, עס בליט און עס לעבט אין דער וועלט — ס'איז די צייט, ווען ס'איז פארבאָטן דאָס געיעג אויף חיות און עופות, און עס שטייט פריי, אוי-ווי, דאָס געיעג אויף יידן!

און די אומגליקלעכע קאַבצאַנסקער, וואָס נישטאָ פאַר זיי קיין טרייסטער צווישן לעבעדיקע מענטשן, שטרעקן זיך אויס אויף די קברים פון זייערע עלטערן, וויינען און בעטן רחמים פון טויטע. ווייבער רייסן קברים מיט אַ ביטער געוויין, וועקן די געשטאָרבענע, די אומגעקומענע קדושים, גיכער זאָלן זיי גיין בעטן דעם פאָטער אין הימל און זיין פאָרשפּרעכער, גוטע מליצים פאַר דעם כסא-הכבוד אויף די וויסטע בידנע קינדער ישראל! און יענע, וואָס קלייבן זיך אין וועג אריין איבער די ווייטע ימים, געזעגענען זיך מיט די קברים פון זייערע ליבע, וועלכע זיי וועלן שוין נישט מער זען. זיי וויינען און מאַכן וויינענדיק אנדערע מיט זיי אינייגעם, אלע זיפצן און פארגיסן טייכן טרערן.

רבונו-של-עולם! אויב דיין לאָגל, דער לאָגל טרערן ביי דיר, איז גאָר נישט פול פון דיינע יידנס טרערן, קאָן טען, חלילה, אַ טעות האָבן טייגען, אז ער, דער לאָגל, איז ווי יענץ פעסל אין גיהנום אָן א דעק, און אייביק וועט

עס גישט פול ווערן. איז דאָך די קשיא, צוואָס איז דיר דער לאָגל, צוואָס איז דאָס גיסן דרינען די טרערן, און צוואָס נוצט עס אײַנגאַנצן?

און בשעת קאַבצאַנסק ווײַנט דאָ אַזוי, פאָרט צו צום בית־עולם א קאַרעטע, און אקעגן א פערציקיעריקער פאַרשוין, רײַך געקליידעט, גייט אראָפּ. די אָרעמעלײַט, וואָס שטייען אין ענגשאַפט בײַם טויער, מאַכן אים א פרייען דורכגאַנג, אויסשטרעקנדיק צו אים די הענט, ער גיט איטלעכן אַ נדבה און גייט אַרײַן אינעם הייליקן אָרט. יידן דערזעען אים דאָרט, בלייבן זיי פאַרגאַפט, מיינענדיק, אפשר איז דאָס א גרויסער אדון, א חשוב אין הויף, און ווייסן גישט וואָס צו טאָן. פאַר גרויס צעטראָגנקייט האַלטן זיך א טייל בײַ די היטלען, רוקנדיק זיך פאַמעלעך אַהינטער, ווידער א טייל בוקן זיך, שטייענדיק אויפן אָרט, נאָר די היטלען רוקן זיך אהין־אהער אויפן קאָפּ, און דאָס געוויין הערט מיט אַמאָל אומעטום אויף. ווײַבער, זאָגערינס, קלאָגערינס ווערן אויך אַנטשוויגן אלע גלייך, שנייצן די נעז, קוקן מיט נאַסע, רויטע אויגן אויף דעם נײַעם פארשוין, איבערווינקענדיק זיך און שושקענדיק אײַנע די אַנדערע אין אויער אַרײַן.

דאָס פּנים בײַ די קאַבצאַנסקער אין יענער מינוט האָט אויסגעזען זייער משונה, ס'איז אין אים געלעגן אויסגעדריקט שרעק, דערנידעריקונג, געפאַלנקייט פאַר געהויבענע, שטאַרקע פּריצים. אַלע זענען געשטאַנען פארגליווערט, ווי אמאָל לוטס ווייב איז געוואָרן א שטיק זאַלץ.

שאַ, שטיל!...

— ווו איז דאָ דער שמש? — פרעגט דער פאַרשוין אויף יידיש.

די דאָזיקע ווערטער זענען פונעם פאַרשוינס מויל איטלעכן באַזונדער אין די אויערן אַרײַן, און אלע זענען לעבעדיק געוואָרן, דערהערנדיק, אַז דאָס איז אַ ייד. עס האָט זיך זיי אויסגעגלייכט דער געבויגענער רוקן, זיך פעסט אָנגערוקט אויפן קאָפּ דאָס היטל, און זענען געוואָרן בײַ זיך שטאַרקער.

— הע־הע, אז ער איז גאָר א ייד, וואָס זשע זענען מיר... — מאַכן יענע, וואָס האָבן פריער זיך אָפּגערוקט ווייטער, לאָזנדיק זיך אצינד נעענטער צום פאַרשוין, און קוקן אָן אים און זײַנע מלבושים.

— אַז ער איז מאחינו בני ישראל, זענען מיר דאָך... — מאַכן די, וואָס זענען געבליבן פריער שטיין אויף די ערטער, קומען צו און שטעקן אָפּ דעם פאַרשוין אַ „שלום־עליכם!“

— ער רעדט יידיש, רעדט ער! — שרייען אויס די ווייבער הויך אויף א קול, טייטנדיק מיט די פינגער אויף דעם פאַרשוין און אויסשטעלנדיק אויף אים די אויגן, מיט א פּנים האלב א לאכנדיקס, האלב א טרויעריקס, ווי בײַ א קינד נאָכן וויינען.

— ווייזט מיר, איך בעט אייך, — זאָגט דער פֿאַרשוין צום שמש, וואָס איז צו אים באַלד צוגעקומען, — וווּ איז דאָ ערגעץ דער קבר פֿון לייזער־יאַנקל?

— לייזער־יאַנקל, לייזער־יאַנקל?! — וווּנדערן זיך די קאַבצאַנסקער יונגעלייט. — ווער איז דער לייזער־יאַנקל?

— האַ, דער וואָס איז געווען ביים לעבן אַ בעל־תּפֿילה? — רופֿן זיך אָן אַלטע לייט, דערמאָנענדיק אים צום גוטן. — אַ כּשרער ייִד געווען לייזער־יאַנקל, געדאַווענט אַ גאָטס וווּנדער! ער האָט געזעצט ווערטער ווי פּערל, איטלעכס וואָרט זיינס איז זיך צעגאַנגען אין אַלע גלידער. פֿון זיין „ונתנה תוקף", וויינענדיק אויף „מי יחיה ומי ימות" שטיל, שטיל ווי אַ קינד, דערנאָך אַ ברום געבנדיק מיט אַ געשריי, אויסדרייענדיק „מי ינוח ומי ינוע־ע־ע", — איז מען צעגאַסן געוואָרן פֿאַר געוויין. אַ שטיין אַפֿילו האָט געקאָנט צעגיין. נישטאָ היינטיקע צייטן אַזאַ בעל־תּפֿילה ווי ער, נישטאָ, אַך־כאָ־כאָ!

לייזער־יאַנקלס קבר איז שוין לאַנג פֿאַרוואַקסן מיט גראָז, די מצבֿה דערויף איז כּמעט אינגאַנצן איינגעזונקען אין דער ערד, ס'איז אָנגעקומען שווער אים אויסצוזוכן. דער חזן האָט געמאַכט אויפֿן קבר אַ „מלא" און אַז ער האָט אויסגעשריגן „את נשמת אליעזר־יעקבֿ", האָט זיך דעם פֿאַר־שוין געשטעלט טרערן אין די אויגן, ער האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט און געוויינט.

פֿון דאָרט איז דער פֿאַרשוין צוגעקומען צו אַ קבר „האשה מלכה־טויבא". דער חזן האָט געמאַכט אַ „מלא" אויף איר אויך, נאָר דאָ האָט דאָס קול זיינס נישט אַזוי זיך געהערט איבער דעם שרעקלעכן געוויין פֿון פֿיל מענטשן אויף אַ פֿריש אָנגעשאָטן בערגל דערביי — דאָס איז אַ קבר פֿון אַ מוטער מיט צוויי טעכטער, וואָס זענען געגוואַלדעוועט און געהרגעט געוואָרן אין יענעם פֿינצטערן טאָג — און פֿון צווישן דעם געוויין האָט זיך געלאָזט הערן פֿונעם „אל מלא רחמים" הויך אין הימל אַריין „את נשמת הקדושה האשה ביילע בת בנציון ונשמות בנותיה הקדושות והטהורות...!" דאָס קול האָט זיך געטראָגן ווייט, איבערשרעקנדיק פֿייגל אין דער לופֿט, קראָען אויף די שפּיצן ביימער זענען נישט־טויט נישט־לעבעדיק געשווינד אַוועקגעפֿלויגן מיט רעש און געשריי.

דערהערנדיק דעם נאָמען ביילע, איז דער פֿאַרשוין פֿאַרציטערט גע־וואָרן מיט אַלע אבֿרים. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע צעדולט, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, דערנאָך האָט ער אַ בראָך געטאָן די הענט מיט אַ שווערן זיפֿץ פֿונעם האַרצן, איז גיך אַוועק, אַריין אין קאַרעטע און צוגעפֿאָרן צו דער אַכסניא זיינער.

אויף מאָרגן האָט דער פֿאַרשווין זיך געלאָזט גיין אין שטאָט איבער די גאַסן, איז אַרײַן אין די פּאַרוויסטע הײַזער, חורבות, אין די גערויבטע, אויסגעליידיקטע קלייטן און האָט אַלץ פֿאַרצייכנט בײַ זיך אין א ביכל. גרויסע ניסים איז דענסטמאָל געשען קאַבצאַנסק, וואָס איר האָט זיך נישט איבערגעקערט דער מוח קלערנדיק, ווער זאָל דאָס דער פֿאַרשווין זײַן, און וואָס האָט ער דאָ אַזוינס צו טאָן?

און איך, מענדעלע, בין גראָד דענסטמאָל געווען אין קאַבצאַנסק. אַז דער פֿאַרשווין איז נאָר־וואָס אַרײַן אין שול־הויף און מיך דערזען שטייענדיק דאָרט, ווי דער שטייגער מײַנער איז, מיט מײַן ביידל ספֿרים, האָט ער מיך באַלד דערקענט, איך האָב נאָך א ווײַלע אָנקוקנדיק אים אויך דערקענט און מיר האָבן אײנער דעם אַנדערן געגעבן שלום!

דעם דאָזיקן פֿאַרשווין האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען אין ט ו נ ע י א ד ע ו ו ק ע. דאָרט האָבן מיר זיך באַקענט, איך בין אים געפֿעלן, און מיר האָבן גערעדט איבער וויכטיקע זאַכן. אויך אין טונעיאַדעווקע האָט זײַן קומען אָנגעמאַכט א רעש. דאָס פֿאַרשלאָפֿענע טונעיאַדעווקע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, אויסשטעלנדיק אויף אים די אויגן פֿאַרגאַפֿט — וואָס איז אַזעלכער פֿון דער העלער הויט געקומען זיי צו חלום! עס האָט אויסגעזען, ווי מע קומט פּלוצעם אַרײַן מיט אַ ליכט אין א פֿינצטער אָרט, וו עופֿות דרעמלען, זיצנדיק אויף דער סידעלע, זיי בלינצלען מיט די אייגעלעך האַלב פֿאַרשלאָפֿן און פֿרעגן זיך פֿאַרוואונדערט, קרעכצנדיק דערבײַ, מיט אַ נאַרישער מינע: ווי גייט מען עס אַצינד משוגענערווײַז אַרום?!

דער טונעיאַדעווקער עולם איז מיר געלאָפֿן אַקעגן בײַ מײַן אַרײַנפֿאָרן אַהין, מאַכנדיק אַלע אין איין אָטעם: א מין פֿאַרשווין, רב מענדעלע, עפּעס א מין פֿאַרשווין איז פּלוצעם צו אונדז ווי פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן!... עפּעס קוקט ער זיך אומעטום צו אַלץ צו, הערט זיך צו, נישטערט, פֿאָרשט, קריכט אין אַלע לעכער: אין הקדש, אין תלמוד־תורה, אין די חדרים, אין שולן און שטיבלעך. וואָס קאָן עס זײַן? ס'איז אוודאי נישט אומזיסט. אפֿשר איז ער אַן אונטערגעשיקטער? האַ, זאָגט, רב מענדעלע! אין די קליטלעך האָט מען, עס פֿאַרשטייט זיך, מבער־חמץ געווען. א קשיא אויף א מעשה!... אויף די מלמדים ציטערט די הויט... ייִדן מיט יאַרמעלקעס דרייען זיך נישט אַזוי אַרום.

אַז איך האָב מיך אָפּגעפּאַרטיקט פֿון דער אַרבעט, צעפּאַקט דאָס פּעקל סחורה, אונטערגעפּאַקט א ביסל דאָס פֿערדל און אַליין אויך געוואָלט עפּעס פּאַקן, טו איך א בליק, אויפֿן שול־הויף פּאַקט זיך עפּעס אײנער, א מענטש אין די מיטעלע יאָרן, טראָגט זיך דײַטש נאָך דער

מאָדע, און נעמט זיך אויס פונדערווייטנס, מישטיינס־געזאָגט, עפּעס גאָר הויזק, ווי איינער וואָלט אין באָד, וווּ מענטשן גייען נאַקעט, אַריינקומען אין דעם אָנטאָן. צוואָס, איך בעט אייך, זיך פּוצן און פֿאַר וועמען זיך פּוצן, אַז ביים מונעיאַרעווקער עולם איז אויסגעטראָטענע פּיאַטעס, הוילע לאַפּעטקעס, בלויזע הערצער און אויסגעריבענע עלנבויגנס אויך זייער רעכט, נישט, חלילה, אַזאַ פֿאַרברעכן?... מיינער האָט זיך שוין אָנגעשטויסן, אַז יענער איז עס דער ניי־געקומענער פֿאַרשוין און האָב אויף אים געקוקט עפּעס נישט אַזוי פֿריינדלעך. צוקומענדיק צו מיין ביידל, שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט אָן ישווייגנדיק מיך, דאָס פּעדל, דאָס פּעקל סחורה, דערנאָך טוט ער מיך א פֿרעג:

— וואָס זענען דאָס ביי אייך, רב ייד, פֿאַר א ספֿרים?

— עט, ספֿרים!... — ברומל איך אונטער דער נאָז, בכדי פֿון אים זיך אויסצודרייען, טראַכטנדיק ביי זיך: פּאַקט זיך, רב קרוב, ווייטער א ביסל!

— פֿאַרט וואָס? — מאַכט ער מיט א בנעימותדיק שטימעלע, אַריינקוקנדיק מיר אין די אויגן עפּעס אַזוי גוט, אַזוי מילד, אַז ער האָט מיך דערמיט גענומען. איך הער מיך אויף צו בלאָזן און ענטפֿער אים שוין ווי א מענטש, מיט ווערטער:

— יידישע ספֿרים: סידורים, מחזורים, סליחות, תחינות, קינות, ווי געוויינטלעך.

— אָט דאָס אינגאַנצן? — טוט ער א זאָג און באַקומט פֿון מיר א תשובה:

— ס'איז דאָ נאָך, נאָר קנאַפּלעך. ס'לוינט זיך נישט צו פֿירן, השכלה־ספֿרים, לשון־קודשדיקע — שטייגער! היגע יידן ווילן אַזעלכע אין האַנט אפֿילו נישט נעמען.

— היגע יידן, — מאַכט ער מיט א זיפֿץ, — היגע יידן, געבער, באַדאַרפֿן ברויט, ברויט באַדאַרפֿן זיי, נישט קיין ספֿרים!

— וואָס? רוף איך מיך אָן, ווי מיט א בייזער, עס פֿאַרדריסט מיך — טאַקע א ביסל אויף אים, וואָס ער צעשטערכעט מיר אינגאַנצן מיין קלעמל. — ברויט, זאָגט איר, נישט קיין ספֿרים, באַדאַרפֿן אונדזערע יידן דאָ האָבן? פֿונדעסטוועגן קאָן איך אייך פֿאַרזיכערן, אַז ס'איז נאָך אַזאַ גוטע צייט אויף מיינע ספֿרים — אויף קינות, אויף תחינות, אויף סליחות און אויף תהילימס, ווי די היינטיקע צייט, קיינמאָל גאָר נישט געווען.

— חלילה! — פֿאַרענטפֿערט זיך דער פֿאַרשוין. — נישט אייערע דאָזיקע ספֿרים מיין איך, חלילה! יענע מיין איך, יענע וואָס אַלץ מיט שטראָף־ווערטער, מיט מוסר, מיט עצות, מיט אויפֿטועניש און א געפֿיל־

דער: פע, אָפּגעלאָזטקייט! פע, דאָס, פע, יענץ! אָט יענע, וואָס היגע יידן, ווי איר זאָגט, ווילן זיי אין די הענט נישט נעמען. גערעכט! ברויט, פּרנסה באַדאַרפן זיי. דרשות, רייִדערייִ איז קיין סילוק נישט פאר א ליידיקן מאָגן. אים מיט א פּזמון, מיט איבערגעשפּיצטע מימרות, מיט מוסר און מליצות קאָן מען נישט אָפּקומען. קלאָגן זיך אויף אַוועקגעשטעלטע מאַשינעס, פּאַרוואָס זיי פוילן, שימלען דאָרט ערגעץ אין אַ ווינקל, איז נאָר אַ געלעכטער. נעמט, הייבט זיי מיט אייערע הענט אויף, שטעלט זיי צו דער ארבעט ווי געהעריק, מיט ווירקלעכע מיטל, נישט מיט ווערטער, וועלן זיי, נישקשה, נישט שימלען, גאָר אַן אנדער פּנים באַקומען. נאָר אויף וויפל איך בין באַקאַנט מיט דעם היגן ווינקל, דאַכט זיך מיר, אז פּראַקטישע מענטשן זענען ביי אייך וויייניק. ביי אייך דרשנט מען זייער שיין, מע הכמעט זיך, מע אַמפּערט זיך, מע פּאַלט אויף הסברות, מע טרייבט אונטער מיטן מויל — און טאָן טוט מען ווייניק אָדער כמעט גאָרנישט.

די דאָזיקע ווערטער זיינע זענען מיר גוט אין קאָפּ אריין: איז דען אפשר ביי אונדז טאַקע נישט אזוי? די צייט איז זייער א שלעכטע, צרות, פּורעניות פרישע — אלע טאָג. דו קאַבצאַנסק, דו טונעיאדעווקע און נאָך יידישע שטעט אזוינע, ליגט איר אין צרות פאַרזונקען, ווי א בהמה ביזן האַלדז אין בלאָטע, און יענע בעלי־הבתים רעדן, וועקן.

די אזוי:

— שטיי אויף, קאַבצאַנסק! ריר זיך, ריר זיך, כאַפּ זיך אויף, טונעיאַדעווקע!

און נאָך אנדערע שטראָפן, שרייען:

— געוואַלד, קבצנים! געוואַלד, בטלנים! געוואַלד, דערשלאָגענע, דערבידעריקטע, אויסגעפּאַטשטע, קראַנקע, צעבראָכענע, שטאַרקט זיך און שטייט אויף! אַז נישט איר פאַר אייך, ווער זשע דען פאַר אייך? ק אַ ב צ אַ נ ס ק, זיי נישט ק אַ ב צ אַ נ ס ק! ט ו נ ע י א ד ע ו ו ק ע, זיי נישט ט ו נ ע י אַ ד ע ו ו ק ע!...

און אַלע אין קול:

— אַרויס, בהמה, פון דער בלאָטע! טו זיך אָן אַ כוח, בהמה, שטרעק אויס דעם עק, מאַך מיט די פיס, הייב זיך, צי זיך, א צ י א ה י ן, א צ י א ה ע ר און ראַטשקעווע זיך ארויס!...

א היפּשע ווײַלע בין איך געשטאַנען שטיל, וואונדערנדיק זיך, עפּעס גאָר אנדערע ווערטער, גאָר א נייער מין פאַרשוין, נישט ווי געוויינטלעך די „בריות“ וואָס ביי אונדז! האָט איר געהערט אין אייער לעבן א „בריה“ א דייטש זאָל מיט דעם געמיינעם יידישן עולם זיין איינס, נישט אוועקמאַכן, חלילה, זיינע ספרים און נישט האַלטן נאָר פון יענע, זיין גלייכן,

דאַכט זיך? עפּעס טאַקע אַ נייער שניט, ווי זאָל איך עס אָנרופֿן — דײַטש אונטערגעשלאָגן מיט חסיד. פּראַק־לייבסערדאַק איינייגעם... גאָר אַ שפּאָגל נייער מין, אויף וועלכן מע באַדאַרף מאַכן שהחיינו! — דאָך האָט מיך אין האַרצן אויף אים פֿאַרדראָסן, מיט וואָס פֿאַר רעכט באַשולדיקט ער עס אַנדערע, אַז נאָר זיי רעדן און טוען גאָרנישט — און ער וואָס טוט? ווער איז ער, פֿונוואַנען איז ער און ווי קומט ער אַהער אין אונהזער ווינקל? האָב איך מיך טאַקע באַטראַכט, וואָס האָב איך מיך פֿאַר אים צו שעמען, איך וועל מיר טאָן מיינס, ווי דער שטייגער איז פֿון אַ ייִדן ביים ערשטן שלום־עליכם, און באַלד טאַקע טו איך אים אַ פֿרעג:

— מה שמכם? וואָס פֿאַר אַ געשעפֿטן האָט עם מעלתו? און פֿונוואַנען איז עם אַ ייִד?

קיין ענטפֿער אויף מיינע דאָזיקע שאלות האָב איך נישט באַקומען, נאָר אַ שאָקל מיטן קאָפּ און אַ שמייכעלע — אַפּנים, איך בין דעם פּאַרשוין שטאַרק געפֿעלן. נאָך אַ ביסל אַ גרעסערער באַקאַנטשאַפֿט שפּעטער האָט ער מיך פֿאַרבעטן צו זיך אויף דער אכסניא, מיך מכבד געווען מיט אַ גלעזל פּונש, מיך פֿאַרהאַלטן אַ גוטע פֿאָר שעה, אויספֿרעגנדיק מיך, ווי אַ געניטן מענטשן, אויף כמה וכמה זאַכן, און מיר האָבן זיך אַדיינגעלאָזן ביידע אין אַ טיפֿן שמועס. ער האָט מיר איבערגעגעבן, צווישן זיך גערעדט, אַ טייל פֿון וויכטיקע זאַכן.

הייסן הייסט ער העניריך כהן. ער איז איינער פֿון די דעלעגאַטן, דעפּוטאַטן, משולחים, הייסט עס, וואָס אַ רייכע חברה אין אויסלאַנד שיקט צו באַטראַכטן די ייִדן, וועלכע האָבן געליטן פֿון די פּאָגראָמען. זייער זאַך איז צוקוקן זיך גוט צום ייִדישן לעבן אין די ערטער, וווּ זיי וווינען, צו זייערע פּרנסות, צו זייערע באַדערפֿעניש, און איינזען מיט וואָס פֿאַר אַ מיטל קאָן מען פֿאַרבעסערן זייער צושטאַנד, אַז זיי זאָלן, חס־ושלום, נישט אויסגיין. דערווייל קאָנען זיי כאָטש מיט וואָס ס'איז אונטערהעלפֿן אָרעמע אומגליקלעכע, צו דערהאַלטן זייער נשמה. די דאָזיקע משולחים פֿאָרן עס ארום צווישן אונדזערע ייִדן, מאַכן אסיפֿות און זענען זיך מיישב מיט פֿאַרשטענדיקע מענטשן. העניריך כהן, אַ געלערנטער, זייער אַ פֿיינער, אָנגעזעענער מענטש — ער פֿאָרט עם ארום אין דער גאַנצער גלופּסקער געגנט.

פֿון יענער ערשטער באַגעגעניש אין טונעיאַדעווקע ביז אונדזער באַגעגעניש אין קאַבצאַנסק דאָס צווייטע מאָל איז אַוועק אַ חודש צייט, און פֿאַר דער קורצער צייט האָט ער זיך פֿאַרענדערט אין פּנים, אַזוי אַז איך האָב אים נישט דערקענט, ערשט נאָכדעם ווי אָנקוקנדיק אים אַ ווײַלע.

— וואָס קוקט איר מיך אזוי אָן? — וווּנדערט ער זיך. — נישט דערקענט? זינט אונדזער צעשיידן זיך איז דאָך אוועק עפּעס אזויפיל טעג!

— נאָך אייער פארענדערן זיך אין פּנים קאָן מען מיינען, אז ס'איז שוין דרינען עטלעכע יאָר. עפּעס אלט זענט איר געוואָרן, מיין הער, פאר דעם ביסל טעג! — זאָג איך, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, ווי עס רייסט מיר דאָס האַרץ אויף אים.

— און נאָך דער צאָל צרות באַשטייט דאָס ביסל טעג ווי עטלעכע יאָר. אוי-אוי, רב מענדעלע, שרעקלעך איז דאָס עלנט פון יידישע קינדער, וואָס איך האָב מיך אָנגעזען אין דער קורצער צייט, זייער אומגליק איז גרויס, און די צרות זייערע — א טיפער אָפּגרונט! קומט נאָר, איך בעט אייך, צו מיר אין אָוונט, וועלן מיר טרינקען טיי און רעדן. איצנד מוז איך מיך זען דאָ מיט די שטאָט-פירער, באַהילפיק צו זיין, מיט וואָס איך קאָן, מיינע אָרעמע קאבצאַנסקער ברידער.

אריינקומענדיק צו אים אין אָוונט האָב איך אים געטראָפן זיצנדיק איינגעבויגן, פארטיפט אין שרייבן. אויפן טיש ליגן פאפירן און אָפענע ביכער. ווי נאָר ער האָט מיך באַמערקט, האָט ער מיך געלאָזט שיין בעטן צו זעצן זיך אים אקעגן.

— גוט, כ'לעבן, וואָס איר זענט געקומען, — זאָגט ער מיר פריינדלעך, אויסגלייכנדיק דעם רוקן. — אייער קומען גיט מיר א שעה רו פונעם שרייבן און דענקען אין די יידישע צרות. אָט די דאָזיקע אַרבעט, וואָס ליגט אויף מיר, נעמט ביי מיר צו דאָס געזונט, די לעצטע טעג. ווייל איצנד, אין די לעצטע טעג, און דאָ אין דעם אָרט, איז די ארבעט מיינע געוואָרן ביי מיר אַזעלכע, וואָס אָן האָפענונג אויף עפּעס גוטס, אויף אַ תכלית שפּעטער, ווי איך האָב געדענקט גאָר אין אָנהייב. די אַלע פריערדיקע געדאנקען זענען צעשלאָגן געוואָרן, ווי אן אונטערגייענדיקע שיף, פון אַלצדינג, וואָס מיר איז אויסגעקומען די לעצטע צייט זען מיט מיינע אויגן.

— פונדעסטוועגן באַדאַרף מען נישט פארלירן די האָפענונג, — נעם איך אים איין, ווי דער שטייגער איז, טרייסטן יענעם מיט גוטע ווערטער. — לאָמיר זאָגן אפילו, אז דאָס אלצדינג, וואָס איר האָט געטראַכט פריער אין אויסלאַנד וועגן אונדז, זענען נישט מער ווי חלומות, באַדאַרפט איר וויסן, אז ביי אונדז יידן דאָ האָבן חלומות אויך עפּעס א שטיקל ווערט, פּונקט ווי וועקסלען פון יענע געוויסע סוחרים, און מיר קומען מיט זיי און מיט נאָך חלומות אונדזערע צום רבונו-של-עולם, בשעת ער איז באַשעפטיקט מיט כהנים-דוכנען און האָט נישט אזוי צייט ארומצוקוקן זיך.

זאָגנדיק אים גיך, אָפּכאַפּנדיק אַ יהי רצון: חזקם ואמצם — אַז ער זאָל אַזוי גוט זיין די חלומות צו באַשטעטיקן. ואם צריכים רפואה — אפשר באַדאַרף מען זיי אביסל מ ל א כ ה ן, טו עס מיט דיין גוטן ווילן!...

— זייער גלייך געזאָגט! — מאַכט ער מיט אַ לייכט שמייכעלע און דערביי טאַקע גאַנץ ערנסט. — דאָס וואָס מע דענקט פון אייך, רוסישע יידן, אין אויסלאנד איז באמת טאַקע נאָר חלומות, און אַזוי טאַקע פּאַסט זייערע געדאנקען צו רופן. אונדזערע ברידער דאָרט מיינען, אָדער עס חלומט זיך זיי, אַז די פּאָגראָמען דאָ איז נאָר אַן אומטערגאַנג; אַז דורך גוטע פאָרשפּרעכער אויף אייך אין די הויכע פענצטער און דורך הילף מיט געלט, וואָס רייכע יידן דאָרט און דאָ וועלן געבן די נויטבאַדערפטיקע. וועט מעגלעך זיין, מער אָדער ווייניקער, פארבעסערן זייער שלעכטע לאַגע; אַז די רוסישע יידן זענען אַלע גרויסע גראָבע יונגען, מיאוסע שנאָרערס, ווילדע אומגעבילדעטע ברואים, וואָס ווייסן נישט קיין דרך=ארץ— בכן איז שטאַרק נייטיק זיי צו בילדן. און איינער דאָרט אַ גרויסער מיליאָנער, וואָס האָט קורחס אוצרות, וויל טאַקע אריינטראָגן עטלעכע צענדליק מיליאָן אין דער קאַסע פון דער מלוכה, אַז זי זאָל מאַכן דערפון שקאָלעס עקסטרע פאר יידישע קינדער — אָט אַזוי מיינען זיי דאָרט. נאָר דיווירקלעכקייט אָבער ווייזט, ווי גענאַרט זיי זענען! פון אַלצדינג, וואָס איך האָב הוקר=ודורש געווען און געזען דאָ מיט מיינע אויגן, איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז איך מיט זיי אינאיינעם דאָרט האָבן מיר וועגן דעם עניין געלעבט אין חלום. די פּאָגראָמען, אוי=ווי, איז נישט גלאַט אַזוי זיך אַן אומטערגאַנג. שתדלנות, פאָרשפּרעכעריי הייסט עס, לאַ=די וואָס קאָן נישט העלפן, וועט עס נאָך שאַדטן, ווייל עס שמעקט מיט „מה=יפית" און עס ליגט דרינען אַ דערנידערונג, אַ פּחיתת=הכבוד פאַרן פאָלק ישראל. די אָרעמקייט פארמערט זיך, פון טאָג צו טאָג קומען צו אָרעמעלייט גאָנצע מהנות. דאָס אָרט, וווּ זיי מעגן וווינען, איז פאר זיי ענג און „טויערן פון פּרנסה" זענען פאַרשלאָסן פאַר זיי. און אַז די נויט דריקט, נישטאָ מיט וואָס צו דערהאַלטן די נשמה, וואַרפן זיי אַוועק זייער היים, בלאָנקען זיך נעבעך ארום ווי די בלודנע שאָף אין דער וועלט, שלאָגן אָפּ די שוועלן ביי די גבירים, ביי בעלי=צדקות, בעטלען, קבצנען, וואָס זאָלן זיי טאָן און ווערן צו שאַנד ביי לייטן. צדקה אליין — וואָס פאר א מאַכט, וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט זי אַקעגן אַזאַ תהום אָרעמקייט, אַקעגן אַזעלכע מהנות אָרעמעלייט, וואָס קומען צו, דורך דער נויט, פריש=צאַפּלדיקע אַלע טאָג! די צדקה, וועלכע אונדזערע אויסלענדישע ברידער שיקן אהער, קאָן העלפן די געפאַלענע אָרעמעלייט נאָר אויף דערווייל, אי דאָס, שטאַרק

בצמצום. און אײַערע לײַט דאָ באַטײליקן זיך אין דער דאָזיקער צדקה כמעט נישט — אַ טײל קאָנען געבן און ווילן נישט, אַ טײל ווילן און קאָנען נישט, אומגליקלעך זענען די היגע ייִדן נישט ווײַל זײ זענען ווילדע, נישט געבילדעטע. אַדרבא, פּאַרקערט, זײ זענען אומגליקלעך, ווײַל, לויט שונאים זאָגן, זענען זײ געבילדעטער פון „זײער" גראָבן עולם. די ייִדן, אַזוי טענהן זײ, זענען צו פּיל פּאַרשטענדיק, צו פּיל געבילדעט, און אומעטום, אין אַלצדינג האָבן זײ אַ האַנט — אין האַנדל, אין באַנקגעשעפטן, אין פּאַבריקערײַ, אין אַלע צווײַגן פון וויסנשאַפט, פּרנסה און עקאָנאָמיע, איז דעריבער מוז מען זײ האַלטן ווײַט פונעם פּראָסטן עולם זײערן, וואָס איז אַ תם, ווייסט נישט און קאָן נישט מיט זײ קאָנקורירן.

— וואָס זשע זאָל מען טאָן? — טו איך אַ פּרעג.

— אױ, רבונו=של=עולם, העלף דו דײַן פּאָלק, דײַן אָרעם פּאָלק ישראל! — ענטפּערט ער מיט אַ זיפץ.

— די דאָזיקע תפילה אײַערע, דאָס איז פּיזעם, אַז ס'איז שוין פּאַרפאַלן. נאָך אַלע עד=היומס, — זאָג איך ווי פּאַריבל האָבנדיק אַ ביסל. — פּאַר אַזאַ מאַן, ווי איר, פּאַסט נישט ווערן אָפּהענטיק.

— אָט די צווײ גרויסע ביכער, וואָס איר זעט דאָ, — זאָגט ער, ווײַזנדיק מיר מיט אַ פינגער אויפן טיש, — אין אײנעם פּאַרשרײַב איך אַלצדינג, וואָס איך האָב געזען און געהערט אין די אַלע ייִדישע מקומות, וווּ איך בין געווען. און אין דעם צווייטן מאַך איך אַ סך=הכל פון אַלע מײַנע באַטראַכטונגען און לײג פּאָר פּלאַנען, ווי און מיט וואָס צו פּאַרבעסערן די לאַגע פון היגע ייִדן, איך זאָג אײַך אַרויס גאַנץ אָפן, פּיל איז דאָ דרינען אַזוינס, וואָס אַצינד קומט עס פּאָר מיר אַלײן נאַריש, און פּיל זאַכן דאָ שטײט מיר פּאָר צו באַאַרבעטן אויפסנײַ לויט דער אַנטוויקלונג פון יענער געוויסער, וויכטיקער זאַך, וואָס האָט אָנגעהויבן פונעם איצטיקן מיש=מאַש, פונעם תוהו=ובוהו פּאַר אונדז, צו שאַרײַען אין אונדזער ייִדיש וועלטל, און איז לעת=עתה נאָר ווי די רויטקײט בײַם ברעכן אויף טאָג פּאַרן זונען=אויפגאַנג אין מזרח=זײַט. די אַרבעט, וואָס ליגט אויף מיר, איז אַ גרויסע, זײער אַ שווערע, און ס'איז מיר אַצינד אוממעגלעך אָפּצוגעבן זיך מיט איר. די ייִדישע צרות האָבן בײַ מיר צוגענומען די לעצטע כוחות.

— אײַער צער אויף ייִדישע צרות, — רוף איך מיך אָן, — דאָס מאַכט אײַך גרויס כבוד. אײַערע חברים, די משולחים, זײ, ווי מע זאָגט, עסן זיך נישט אָפּ אַזוי דאָס האַרץ.

— מײַנע חברים, זאָגט איר? — מאַכט ער, אויפהײבנדיק זיך פונעם אָרט. — מײַנע חברים זענען פון „משהס גלויבן". איר

באַרשטייט? און איך בין אַ פֿאָלקס־קינד, אַ ייד ווי אַלע מיינע עלטערן, באָבעס און זיידעס. איך בין אַ פּעדעמל איינגעוועבט איניינעם מיט זיי און אין דעם גרויסן שטיק מאַטעריע, וואָס גייט אונטער דעם „ייד" פֿון אייביקע צייטן אין דער וועלט. מיינע חברים זענען געבירטיקע אויסלענדער, און איך — אַ געבירטיקער אַ קאַבצאַנסקער....

— איר אַ קאַבצאַנסקער, איר! — מאַך איך שטאַרק פֿאַרוואונדערט.

— צו פֿילן דעם פֿאָלקס צרות און זיינע ווייטעקן, — רעדט ער אַלץ ווייטער, — קאָן נאָר אַזעלכער, וואָס איז ביין פֿון זיין ביין, פֿלייש פֿון זיין פֿלייש, וואָס האָט געליטן איינע צרות, איינע ווייטעקן מיט אים. אין נויט, אין מאַנגל איז מיר אָפּגעלאָפֿן מיין יוגנט, איך האָב געליטן הונגער, קעלט, אויסגעוואַלגערט זיך אויף אַלע בענק אין די בתי־מדרשים, ביז איינער, אַ גוטער, אַ ווילטיקער מענטש, האָט פֿאַר רחמנות מיך גענומען צו זיך קיין אויסלאַנד. ער האָט זיך פֿאַר מיר געזאָרגט ווי אַ טאַטע, מיך אריינגעגעבן אין אַ גוטער, באַרימטער שול, פֿונוואַנען איך בין אַרויס אַ געלערנטער מענטש, וואָס טויג צו דער וועלט. איך האָב מיר היינט מיין פּרנסה בכבוד. יאָ־יאָ, אַזוי איז עס. איך בין אַ קאַבצאַנסקער און מיין נאָמען איז — הערשעלע!

אויף מאָרגן האָבן מיר זיך געזעגנט, אָנווינטשנדיק איינער דעם אַנדערן אַלדאָס גוטס.

ביים ווינטשעווען האָב איך, צו קיין גנאי זאָל עס מיר נישט זיין, מיך אַ ביסל אויסגעגליטשט. אין דעם ענין הווינטשעניש בין איך, צווישן אונדז גערעדט, אַ קנאַפּער בריה, ווי אַ גרויסער טייל יידן, בשעת זיי נעמען זיך אייף שמחות צום ווינטשעווען, מיינענדיק דאָס איז אַ חוב — בעקען זיי אַוועק אַ שעה צייט מיט שיינענדיקע פּנימלעך, עפּעס אָן לשון. זיי דעם בעל־שמחה: דער אויבערשטער זאָל געבן, אַז... אַז... דער בעל־שמחה זיי: הלוואַי, אַז... אַז... עס ווערט אַזש נישט גוט, צו חלשן, שלאָגט צום האַרצן, אוןביידע צדדים ווינטשן ביי זיך, איינער פֿונעם אַנדערן פּטור צו ווערן. געווייניטלעך האַלט איך מיך איין, פּטר אָפּ דעם חוב פֿון ווינטשעווען בקיצור, ברומלענדיק אונטער דער נאָז. דאָסמאָל אָבער האָט מיך דער גוט־יאָר געטראָגן, פֿאַר ליבשאַפֿט צו רב הערשן, אַרויס מיט אַ ווינטשעניש גאַנץ ברייטלעך. נאָר ווי איך האָב געעפֿנט דאָס מויל, אַזוי בין איך געבליבן ווי דערוואָרגן, געבעקעט, געאַזעט אַז... אַז... אַליין, מישטיינס־געזאָגט, נישט צו וויסן וואָס, און מיך געפֿונען אין דער קלעם, נישט אַהין, נישט אַהער. רב הערש, לאַנג לעבן זאָל ער, האָט מיך דעליקאַט אַרויס־געפֿירט פֿון דער קלעם, אָנרופֿנדיק זיך מיט חכמה:

— איך ווייס, איך ווייס, רב מענדעלע, איר ווינטשט מיר אַזוי פֿיל גוטס, וואָס אוממעגלעך אַרויסצוזאָגן עם מיטן מויל. הלוואי, דער רבונו-של-עולם זאָל דערפֿילן אַלע אײַערע גוטע געדאַנקען אויף מיר און אויף כל-ישראל טאַקע באַלד, במהרה בימינו.

— אָמן! — ענטפֿער איך מיט דעם גאַנצן כוח. — אָמן וכן יהי רצון!

דערקלערונגען צום „ווינטשפינגערל״

צום ערשטן בוך

צום קאַפּיטל איינס

בריות (בעריעס) — געראַטענע, פֿעיקע.

חכמות (כאָכמעס) — דאָ געמיינט: קלוגע אויפטוען.

אָפּקומען מיט שהי־פהי (שיע־פיע) — אָפּקומען מיט וואָס נישט־איז, מיט אַ קלייניקייט.

ענין (איניען).

חלילה (כאָלילע).

שונאים (סאָנים).

אַ מטופל (מעטופּל) **מיט קינדער** — אַזאַ וואָס האָט אַ סך קינדער.

עין־הרע (איינעאָרע) — בייז אויג.

טובה (טויווע) — דאָ געמיינט: דער נוצן.

אביונים (עוויונים) — אָרעמעלייט.

נשמה (נעשאָמע).

פּרנסה (פּאַרנאָסע) — דאָ געמיינט: באַשעפֿטיקונג.

עולם (אוילעם) — דאָ געמיינט: די מענטשן.

קונה (קוינע) — קויפֿער, קליענט.

וקבצנו יחד (וועקאַבציינו יאַכאַד) — געמיינט: זענען מיר אַלע אַלציינס אָרעמעלייט.

אחדות (אַכדעס) — איינִיקייט.

קבצנים (קאַבצאָנים) — אָרעמעלייט.

מידות־טובות (מידעס־טויוועס) — גוטע שטריכן, אייגנשאַפֿטן.

אין דעם זכות (זכוס) — אַדאַנק דעם.

יניקה (יעניקע) — דאַ געמיינט: דער קוואַל פון פאַרדינסט.

נס (נעס) — אַ וווּנדער, אַ גליק.

מיני (מינע) — סאָרטן.

מלמדים (מעלאַמדים) — די לערער פון די אַמאָליקע רעליגיעזע שולן, די כאַדאָרים.

באַהעלפערס (אָדער בעלפערס) — די געהילפן פון די מעלאַמדים, זיי פלעגן זיך פאַרנעמען נישט אַזוי מיט לערנען די קינדער, ווי מיט אַכטונג געבן אויף זיי, און באַדינען זיי.

בטלנים (באַטלאָנים) — ווערטלעך באַטייט עס: ליידיקגייער. דאָס זענען געווען יידן, אָן אַ באַשטימטער באַשעפטיקונג, גאַנצע טעג פלעגן זיי איבערזיצן אין בעסמעדרעש.

עסן קעסט — ס׳איז געווען איינגעפירט אַמאָל, אַז דאָס יונגע פאָרפאָלק פלעגט אַ געוויסע צייט (ס׳רעכנט זיך לויטן אָפמאַך פאַרן כאַסענע האָבן) זיין אויף פולער אויסהאַלטונג ביים פאָטער פון דער קאַלע. דאָס האָט זיך גערופן הערפּון, וואָס מע פלעגט ביכלאַל זייער יונג כאַסענע מאַכן קינדער, וועלכע האָבן נאָך נישט געהאַט קיין באַשטימטע באַשעפטיקונג. „אַראָפּ פון קעסט" הייסט — ס׳האָט זיך געענדיקט דער מערמין פון זיצן אויף אַלעם גרייטן ביים פאָטער.

יידן מיט כתבים (קסאָווים) — אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט באַשטעטיקונגען פון גרויסע לייט (פון ראַבאָנים אַשטייגער), אַז זיי זענען אָנשטענדיקע אָדער געלערנטע לייט, אַז ס׳קומט זיי צו געבן אונטערשטיצונג.

מיחושן (מייכעשן) — קראַנקהייטן.

בעלי-תפילות (באַל־טפילעס) — די וואָס פלעגן פאַרדאַווענען פאַרן אוילעם אין די יאָנטויוים.

שופר (שויפער) — אַזאַ טרומייט געמאַכט פון אַ שאָף־האָרן, פלעגט גענוצט ווערן ביי פאַרשידענע רעליגיעזע צערעמאָניעס, העכיקער ראָשאַשאָנע און יאָנקיפּער. אַ שויפער־בלאָזער — אַזאַ וואָס האָט געקאָנט בלאָזן אין דעם שויפער.

כל-המינים (קאָל־האַמינים) — אַלערליי סאָרטן.

זאָגערינס — פרויען, וואָס האָבן געקאָנט גוט פאַרלייענען די טפילעס און פלעגן זיי פאָרזאָגן פאַר אַנדערע, ווייניקער געלערנטע, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן ביכלאַל נישט געקאָנט לייענען.

שפרעכערינס — אַזעלכע יידענעס, וואָס פלעגן אָפּשפּרעכן אַ גוטן־אויג אָדער היילן פאַרשידענע קראַנקהייטן מיט שפּרוכן.

פחדיק (פייסעכדיק)

בחורים (באָכערים).

סחורה (סכוירע).

משונה (מעשונע) — אומגעווייכלעך, אויסטערליש.

לטובת־הכלל (לעטויוועס־האַקלאַל) — פאַר דעם נוצן פון דער געזעל־שאַפט, פאַרן פאָלק.

איז זיך מיחס (מעיאַכעס) — גרייסט זיך, שטאָלצירט.

בעל־גאווה (באַל־גאַווע) — אַזאַ וואָס האַלט זיך גרויס.

סימן (סימען).

מחבר (מעכאַבער) — פאַרפאַסער, אויטאָר.

געהאַט די זכיה (זכיע) — געהאַט דעם קאָוועד, געהאַט דאָס גליק.

בק״ק (לייענען: בעקאַק) — פאַרקירצונג פון די ווערטער בעקעהילע קעדויִשע — אין דער הייליקער קעהילע, דאָס הייסט אין דער יידישער געמיינדע, געזעלשאַפט.

מאַכן אַ פירוש (פיירעש) — מאַכן אַ ווען, האַלטן פאַר אַ וויכטיק מענטשעניש.

צרות (צאָרעס).

נפש (נעפעש) — באַשעפעניש.

זיין ניחא (ניכע) — זיין אָנגענעם, צום האַרצן.

טענות (טײַנעס) — דאָ געמיינט: פרעטענזיע.

פשוט (פאָשעט).

להבדיל (לעהאַוודל) — אַן אויסדרוק, וואָס מע פלעגט באַנוצן ביים צונויפשטעלן, ביים פאַרגלייכן צוויי פאַרשידענע באַגריפן — אַ הייליקן און אַ וואָכעדיקן.

קשיות (קאַשעס) — פראַגעס.

מילא (מיילע).

נקבה (נעקייווע) — פרוי.

זכר (זאָכער) — מאַנספאַרשוין.

פשיטא (פשיטע) — געווים און געוויס; שוין אָפגערעדט.

חן (כיין) — שיינקייט, רייץ.

בטחון (ביטאָכן) — די האָפענונג אויף גאָט, דאָס פאַרלאָזן זיך אַז גאָט וועט אַרויסהעלפן.

וואַרטן אויף דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — דאָ געמיינט: וואַרטן אויף קאָד־
וועד, וואַרטן אַז מע זאָל פֿאַרבעטן.

מציאה (מעציע) — דאָ געמיינט: אַ טייערע, אַ זעלטענע זאַך.

כּוח (קויעך).

רבונו־של־עולם (ריבוינע־שעל־אוילעם) — גאָט.

משפּחה (מישפּאָכע).

קרובֿים (קרויווים).

כּסדר (קעסיידער) — לויט דער ריי.

מתים (מייסים) — טויטע; פֿאַרשטאָרבענע.

זיווג (זיוועג) — די פּאָר.

למזל (לעמאַזל) — מיט גליק.

עולה־יפה (אוילע־יאָפֿע) **געווען** — געפֿעלן געוואָרן.

עליו־השלום (אָלאָוו האַשאָלעם) — פֿרידן צו אים — אַזוי פֿלעגט מען
זיך אויסדריקן ביים דערמאָנען אַ פֿאַרשטאָרבענעם.

טיפּשה (טיפּשע) — נאַרישע פֿרוי.

מוחל (מויכל) **זיין**.

מלאָכה (מעלאָכע).

כּפֿל־שמונהדיקע (קאָפּל־שמאָנעדיקע) — פֿילפֿאַכע, קאָמפּליצירטע.

תּחתּונים (טאַכטוינים) — הויזן.

הכּלל (האַקלאַל) — מיט איין וואָרט.

העזה (האָזע).

מלבוש (מאַלבעש) — קליידונג.

כּוסה (קויסע) — דאָ געמיינט: אַ טרונק בראָנפֿן.

חבֿרה פּועלי־צדק (כעווורע פּויאַלע־צעדעק) — די געזעלשאַפֿט פֿון באַל־
מעלאָכעס, פֿון גרויסן.

דווקא (דאַווקע).

שיכּור (שיקער). **שיכּורים** (שיקורים).

לוט (לאָט) — אַ ביבלישע געשטאַלט. אין דער לעגענדע גייט זיך איבער־
וועגן אים, אַז ער האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם טרונק.

משקה (מאַשקע) — געטראַנק; געמיינט: בראָנפֿן, וויין.

עדה (איידע) — אַ גרופּע, אַ געזעלשאַפֿט.

ימים נוראים (יאָמים־נויראָים) — ווערטלעך: די שרעקלעכע טעג. געמיינט: די יאָנטעווים ראָשעשאָנע און יאָנקיפּער, ווען עס ווערט, לויט די יידישע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען — באַשטימט דער גורל פון יעדן יידן אויפן קומענדיקן יאָר.

קלייזל — א קליין שולכל.

ספר (סייפער) — רעליגיעזער בוך.

עם־הארץ (אמאָרעץ) — אן אומגעלערנטער, א גראָבער יונג.

בשום אופן (בעשום אויפן).

גדלות (גאדלעס) — באַרימערײַ, גרויסהאַלטערײַ.

בריהשקייט (בעריעשקייט) — דאָ געמיינט: אויפטו, קונץ.

יחוס (ייכעס) — דאָ געמיינט: גרויסקייט.

בהמה (בעהיימע).

מלבושים (מאלבושים) — קליידונג.

פרוטה (פרוטע) — א קליינע מאַטבייע, אַשטייגער ווי א גראָשן.

שידוך (שידעך) — דאָ געמיינט: דער פאָרשלאָג כאַסענע צו האָבן; די קאַנדידאַטור.

בייקולכן (בייקעלעכן) — אן איבערשטע, דינע שטימע.

נדן (נאדן) — דער אָפּצאָל וואָס מע פלעגט געבן פאַר דער קאַלע אָדער כאָסן (מייסטנטייל פלעגט דעם אָפּצאָל אַרייַנטראָגן דער קאַלעס עלטערן).

קנס (קנאס)־מאָל — די ערשטע פייערונג פון שליסן א כאַסענע־אָפּמאַך.

שנאה (סינע).

הגם (האַגאַם) — כאָטש; נישט קוקנדיק וואָס...

רחמנות (ראכמאָנעס).

כשרע (קאָשערע) יידענע — דאָ געמיינט א פרומע.

רצון (ראָצן) — ווילן.

ברוך־השם (באָרעך־האַשעם) — געלויבט איז גאָט.

חרפה (כארפע) — שאַנד.

חלום (כאָלעם).

מזל־טוב (מאזל־טאָוו) — א גליק־ווינטשעניש.

כסא־הכבוד (קיסע־האקאָוועד) — גאָטס טראָן.

אם־ירצה השם (מירצעשעם) — אז גאָט וועט געבן.

נחת (נאכעס) — פאַרגעניגן, צופרידנקייט פון קינדער.

שיר־המעלות (שיר־האמיילעס) — אַזעלכע צעטלען מיט אויפגעשריבענע תפילעס אויף זיי, וועלכע מע פלעגט צעהענגען אין שטוב פון אַ קימפעטאָרין. דאָס האָט געדאַרפט פאַרהיטן דאָס געבוירענע קינד פון אַלדאָס בייז.

מת (מעס) — טויטער, פאַרשטאָרבענער.

עקשן (אַקשן) — איינגעשפּאַרטער.

צום קאַפּיטל צוויי

מאכן אַ פשרה (פשאָרע) — מאַכן אַ קאָמפּראָמיס, אַזאַ מין אויסגלייך אַז אַלע זאָלן זיין צופרידן.

יאַק נע פּסק (פּסאַק) **נעכאי בודע פּסקעץ** (פּסאַקעץ) — פאָלקסטימלעך־יידישער אויסדרוק, געמישט פון אוקראַיניש און העבראַיש. דאָ געמיינט: אויב נישט קיין פולשטענדיקער גוטער פּסאַק (אורטייל), זאָל זיין כאָטש טיילווייז גוט, דאָס הייסט אַז ביידע זאָלן צופרידן זיין.

צדדים (צדאָדים) — זייטן, קעגנערישע גרופּעס.

הכמה (כאַכאָמע) — אַ קלוגע פרוי.

מישב (מעיאַשעוו) **זיין** — באַקלערן, באַטראַכטן.

שכל (סייכל).

האָבן עסקים (אסאָקים) — האָבן צו טאָן, זיך פאַרען.

יסורים (יעסורים) — ליידן, ווייטיקן.

דלות (דאלעס) — אָרעמקייט, נויט.

מלאך־המות (מאלאך האמאָוועס) — הער טויט.

חנעוודיק (כיינעוודיק) — סימפּאַטיש.

מעלות (מיילעס) — גוטע אייגנשאַפטן, שטריכן.

מיוחס (מעיוכעס) — אַריסטאָקראַט, אַזאַ וואָס קומט אַרויס פון אָנגעזעענע לייט.

פועלן (פּויעלן) — אויספירן, דערגרייכן.

תמעוואטע (טאַמעוואטע).

געהלשט (געכאַלעשט).

לסוף (לעסאָף) — צום סוף.

אַ מבול (מאַבל) — דאָ געמיינט: אַ סך; ווי אַ שטראָם.

ברכה (בראָכע) — בענטשונג, ווינטש.

נגידיש (נעגידיש) — רייך.

מעשה (מייסע).

ווערן אַ מחותן (מעכוטן) — דאָ געמיינט: ווערן באַקאַנט.

מקרב (מעקאַרעוו) **זיין** — דאָ געמיינט: אַרויסווייזן גוטסקייט, פּראָטעזשירן.

שטן (סאָטן) — טייוול.

גיהנום (געהנעם).

בחות (קויכעס).

מעשיות (מייסעס).

גבאיטעס (גאַבעטעס) — דאָ געמיינט: יידענעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט ווויילטעטיקייט און אַנדערע פרומע זאַכן.

קרבן (קאָרבן).

מחויב (מעכויעוו) — פאַרפליכטעט; געצוווּנגען.

חיות (כיעס) — לעבן; געזונט.

מהיכא־תיתי (מאַכטייסע).

עסק (אייסעק) — געשעפט, זאַך.

די כפרה (קאַפּאָרע) **ווערן** — זיין אַן אויסלייזונג, אָפּקומען אומזיסט אומגישט פאַר עמעצנס זינד.

כתבים (קסאָווים) — שריפטן.

צום קאַפּיטל דריי

זכר (זייכער) — שפּור, סימן.

מדבר (מידבער) — וויסטעניש.

היות (כאַיעס).

אתה־בחרתנוקעס (אַטאָ־בעכאַרטאָניקעס) — ווערטלעכער טייטש: פון די וואָס דו (גאָט) האָסט אויסגעקליבן, ד. ה. — יידן, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז זיי זענען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק ביי גאָט.

לבנה (לעוואָנע).

בהמות (בעהיימעס).

בכדי (ביכדיי) — כדי (קעדיי).

דער היטער פון ישראל (ייסראָעל) — געמיינט: גאָט.

ארבעטן מעשים (מייסים) — געמיינט: א סאך אויפטאָן, שטארק זיך באמיען.

מלך־עליון (מעלעך־עליען) — אזא טפילע מיט ליבע־געזאנגען פאר גאָט.

שפרינגען קדוש (קאָדוש) — ביי יידן איז געווען איינגעפירט ביי א געוויסער טפילע אונטערצושפרינגען, אלס צייכן פון פארערונג און אנטציקונג.

הקפות שמחת־תורה (האקאָפעס סימכעס־טוירע) — דער מינהג צו טאנצן אין א קרייז ארום בעלעמער אין שול מיט די טוירעס אין די הענט אין יאָנטעוו סימכעס־טוירע.

המן־קלעפל (האָמען) — גראַגער.

לשם־שמים (לעשעם־שאָמאַים) — פאר גאָטס וועגן.

מחנות מלאכים (מאכנעס מאַלאָכים) — אָפּטיילונגען פון מאַלאָכים.

ברוך־הוא (באָרעך־הו) — געלויבט איז ער.

ירושלים (יערושאָלאַים). **ארץ־ישראל** (ערעץ־ייסראָעל).

חרוב (כאָרעוו) — צעשטערונג, פארוויסט.

אין גלות (גאָלעס) — געמיינט: אין קנעכטשאפט, אין פארטרייבונג.

שבת־גוי (שאבעס־גוי) — אן אָרעמער קריסט, וועלכן די פרומע יידן פלעגן דינגען צו טאָן אום שאבעס אזעלכע ארבעטן, וואס די יידן האָבן נישט געקאָנט טאָן, אַשטייגער — איינהייצן אהײל.

פארקויפן דעם חמץ (כאָמעץ) — דער מינהג צו פארקויפן (פארשטייט זיך אויף קלאָמערשט, פאַרמאָל) די איבערבלייבענישן פון מעל און אנדערע שפייז־ארטיקלען, וועלכע די יידן האָבן נישט געטאָרט עסן אום פייסעך.

פריץ (פאָרעץ) — גוטסבאזיצער.

פון יוצא (יויצע) **וועגן** — אבי אָפּקומען.

מצה (מאצע).

תקיפים (טאַקיפים) — אנגעזעענע לייט אין שטאָט, אזעלכע וואס אנטקעגן אנדערע האלטן זיי זיך שטארק, האָבן מאכט.

א נס (נעס) — דאָ געמיינט: א גליק.

חלה (כאלע).

חרש (כיירעש) — אויסקויף־געלט, כאבאר, לאפּוווקע.

יעקבס (יאנקעווס) **טאָפּ לינזן** — אַנדייטונג אויף דער ביבלישער דער־ציילונג, ווי אַזוי יאַנקעוו (דער שטאַמפאָטער פון די יידן) האָט אָפּ־גענאַרט זיין עלטערן ברודער אייסעוו און פאַר אַ טאָפּ לינזן אָפּגעקויפט ביי אים די בכורה, דאָס הייסט די רעכט פון אַן עלטערן זון.

חברה (כעווירע) — קאָמפּאַניע.

הנאה (האַנאָע).

אָן סכנות (סאַקאָנעס) — נישט געפערלעך.

איז אַ חשוב (כאָשעוו) — איז אָנגעזעען; האָט אַ ווערט.

קוסאי — ביים (פון רוסיש).

ייד שביידן (שעבעיידן) — אַ ייד פון יידן־לאַנד.

זיך האַלטן אין דער סברא (סוואָרע) — זיין אין דער מיינונג; גיין מיט דעם גאַנג.

וויסן דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — דאָ געמיינט: האָבן אַכטונג, אָפּשיי.

אומכבוד (אומקאָוועד) — אומפּאַסיקייט, אומאָנשטענדיקייט.

פּליד — געמיינט: קינדער (פון אוקראַיניש).

מאַכן אַ המלך (האַמעלעך) — דאָ געמיינט: אויסזינגען הויך און שטאַרק.

תרבות (טאַרבעס) — דאָ געמיינט: אַכטונג, דערעך־ערעץ.

מתנות (מאַטאָנעס).

תשעה־באב (טישעבאָוו) — אַ פאַסטטאָג ביי פרומע יידן צום אָנדענק פון צעשטערן דעם ביים־האַמיקדאָש אין די אַלטע ציימן (586 פאַר קר. און 70 נאָך קר.).

עוזר דלים הושיעה נא (אויזער דאַלים הוישיאָ נאָ) — אַ טפילע אַזאַ.

שמחה (סימכע) — דאָ געמיינט: אַ פאַמיליע־פייערונג.

סדר (סיידער) — געמיינט די צערעמאָניע אין די ערשטע צוויי טעג פּייסעך אין אָוונט.

מלכה (מאַלקע) קיניגין. **מלך** (מעלעך) — קיניג.

כוסות (קויסעס) — גלעזלעך צו טרינקען וויין.

זרוע (זרויע), **חרוסת** (כאַרויסעס), **כרפס** (קאַרפעס), **מרור** (מאָרער) — פאַרשידענע געריכטן, וואָס ווערן צוגעגרייט לויט די רעליגיעזע פאַרשריפטן צו דער סיידער־צערעמאָניע.

מחיה (מעכאַיע) — גוט, געשמאַק.

פיר קשיות (קאַשעס) — פיר פראַגעס, וואָס ווערן געשטעלט ביים סיי־דער.

הפקר (העפקער) אַ וועלט — געמיינט: מע מעג טאָן, וואָס מע וויל.

צולהכעיסניק (צולאָכעסניק) — דאָ געמיינט: שטענדיקער קעגנער.

חתן־בחורל (כאָסן־באָכערל) — געמיינט: שוין אַן עלטער ייִנגל.

לערנען דרך ארץ (דערעך־ערעץ) — דאָ געמיינט: לערנען גוטע אויפֿפירונג.

כל מקדש (קאָל־מעקאַדעש) — אַ רעליגיעז לויב־ליד, וואָס מע פלעגט זינגען פאַרן שאַבעס־מאָלצייט.

זמירות (זמירעס) — רעליגיעזע געזאַנגען בעשאַס דעם מאָלצייט.

מסירות (מעסירעס) — אָנקלאָגן.

פּאַרמיאָסן (פּאַרמיעסן).

כעס (קאַס).

בריהשאפט (בעריעשאַפט) — פלינקייט, פעיִקייט.

קהלשע (קאָעלשע) — געמיינט: אַלעמענס; וואָס האָט געהערט צו אַלע איינוווינער פון שטעטל.

חתן־כלה (כאָסן־קאַלע).

חופה (כופּע) — אַזאַ באַלדאַכין, אַ טעפּיך אויף פיר הענגלעך, אונטער וועלכן מ'פלעגט דורכפירן די כאַסענע־צערעמאָניע.

ווייסע־חברה (כעווורע) — שטיפערס, לאָבוזעס.

מכבד (מעכאַבעד) זיין מיט כהן (קויען) — אָפּגעבן דאָס ערשטע אָרט, די אָנפירערשאַפט.

בשמים (בסאָמים) — געווירצן.

גבורה (געוווּרע) — דאָ געמיינט: די שטאַרקייט.

מקיים פּסק זיין (מעקאַיעם פּסאַק) — באַשטראָפן, אָנשלאָגן.

ברוך־השם (באָרעך־האַשעם) — געלויבט איז גאָט.

חזירים (כאַזיירים).

רעשיק (ראַשיק) — טומלדיק.

שלשלת (שאַלשעלעס) — דאָ געמיינט: קרומע ליניע, זיגזאַג.

איז זיך מטריח (מאַטריעך) — מוז זיך באַמיִען.

צווישן מנחה (מינכע) און מעריב (מיירעוו) — צווישן אָוונטיקן דאַווענען; פאַרנאַכטלעך.

קונים (קוינים) — קונדן, קויפערס.

שמש (שאַמעס) — אויפזעער, באַדינער אין שול.

שקצים (שקאָצים) — דאָ געמיינט: לאָבוזעס, שטיפערס.

חנוכה (כאנוקע) — יידישער יאָנטעוו וויכטער־צייט צום אָנדענק פון מאקאבייער־אויפשטאַנד קעגן דער סירישער אונטערדריקונג (165 פאר קר.).

שבועות (שאווועס) — יידישער רעליגיעזער יאָנטעוו סאָף פרילינג.

תלמוד תורה (טאַלמוד־טוירע) — אזאַ ביידער פאר אָרעמע קינדער.

שדכן (שאדכן) — פארמיטלער ביים צונויפפירן א יונגל מיט א מיידל צום כאסענע־האָבן.

חתונות (כאסענעס).

בריתן (בריסן) — די צערעמאָניע ביים אָנגעבן א נאָמען א נייגעבוירן יינגל.

לוויות (לעוואיעס) — די צערעמאָניע ביים באַגראָבן א פארשטאָרבענעם.

עדות (איידעס).

גט (געט), **גטן** (געטן) — די צערעמאָניע ביים דורכפירן די צעשיידונג פון א פּאָרפאָלק.

מזוזות (מעזוזעס) — א שטיקל פארמעט מיט באַשטימטע ציטאַטן פון דער טוירע, וואָס פרומע יידן פלעגן אויפהענגען ביי דער טיר.

מלאכות (מעלאָכעס) — דאָ געמיינט: באַשעפטיקונגען.

שבח (שוואָך) — א גוט וואָרט, א גוטע כאראקטעריסטיק.

ארבעטן מיט אַלע כלים (קיילעם) — ארבעטן מיט אַלע קויכעס, זיך שטאַרק באַמיען.

וכדומה (אוכדוימע) — און דאָס גלייכן; און ענלעכע.

צום קאַפּיטל פיר

ויהי היום (וואַיהי האַיוים) — און ס'איז געווען א טאָג, דאָס הייסט — איינמאָל.

בכלל (ביכלאַל).

בימי ירחמאיל הרופאוזוגתו יאכנע הרופאת (בעיעמיי ראכמיל האָרויפע ווערזוגאָסוי יאכנע האָרויפאַס) — אין די צייטן פון ראכמיל דער רויפע און זיין ווייב יאכנע די רויפעטע.

מיט חסד (כעסעד) — נאָך נישט אזוי שלעכט; מיט גליק.

אַן חכמות (כאָכמעס) — אַן קונץ, פּאַשעטע.

א פּסוק אין תהילים (פּאָסעק אין טילעם) — א זאַץ, א סענטענץ אין טילעם — א זאַמלונג פון רעליגיעזע ליב־געזאַנגען.

אפּיקורסים (אפּיקורסים) — אומגלויביקע.

חטאים (כאטאָים) — זינד.

רב (ראָוו).

מכות (מאַקעס) — וווּנדן, געשווירן.

חסרון (כיסאָרן) — פעלער, קראַנקהייט.

ביקור־חולים (ביקער־כוילים) — קראַנקן־הויז.

כל־זמן (קאָל־זמאַן) — אַזוי לאַנג.

לקחנען (לאַקכענען) — איראָנישער אויסדרוק אויף גאַנווענען.

שאר־ירקות (שאַר־יעראָקעס) — פאַרשיידענע גרינסן; דאָ געמיינט: און די איבעריקע זאַכן.

רפואות (רעפוּעס) — הייל־מיטלען, רעצעפּטן.

אמתע מכה (עמעסע מאַקע).

יתום (יאָסעם).

קולות (קוילעס).

המצאה (האַמצאָע) — איינפאַל, פּלאַן.

קונדס־לשון (לאָשן) — קינדער־שפּראַך.

תקיעת־כף (טקיעס־קאַף) — פייערלעכע האַנטגעבונג ביים צוזאָגן עפּעס, ביים שליסן אַן אָפּמאַך.

טובה (טויווע) — דאָ געמיינט: נוצן, גוטס.

ציצה (ציצע) — וואָלענע פרענדזל, וואָס מע פלעגט צוקניפּן צו די פיר עקן פון טאַלעס־קאַטן, אַזאַ ליבצודעקל, וואָס מע פלעגט טראָגן אונטער דער איבערשטער קליידונג. דאָס איבערשלאָגן טקיעס־קאַף מיט א ציצע (וואָס איז גערעכנט געווען פאַר הייליק) האָט באַדייט די פאַרשטאַרקונג פונעם צוזאָג.

פּסולדיקע (פּאָסעלדיקע) — נישט גילטיקע לויט די פאַרשריפטן.

כשר (קאָשער) — דאָ: גילטיק לויט די פאַרשריפטן.

התראה (האַסראָע) — וואָרענונג.

אָמן (אָמיין) — אַזוי זאָל זיין — מיט דעם וואָרט פאַרענדיקן זיך דאָס ראָוו טפילעס.

חולה (כוילע) — קראַנקער, פּאַציענט.

מכבד (מעכאַבעד) **געווען** — רעגאַלירט, געגעבן.

זאָגן מוסר (מוסער) — זאָגן שטראָף־רייד; פאָרווערפן.

טובות (טויוועס) — געפעליקייטן. גוטסקייטן.

צום קאַפּיטל פינף

גן־עדן (גאַניידן).

סוחר (סויכער).

שמחה (סימכע) — פרייד.

פון יוצא (יויצע) **וועגן** — אָבי איבערצוקומען, אָבי וואָס.

א רבי (רעבע) — דאָ געמיינט: א לערער; א מוסטער פון וועמען זיך אָפּצילערנען.

מוסר־ספרים (מוסער־ספאָרים) — רעליגיעזע ווערק מיט א מאָראַליזירנדיקן, שטראָפנדיקן אינהאַלט.

חכמים (כאַכאָמים) — ווערטלעכער טייטש: קלוגע לייט. דאָ געמיינט: געלערנטע אויטאָרן.

הלוואי (האַלעוואַי).

חשק (כיישעק).

טעם (טאַם).

סוד (סאָד).

פּאָסטעמפּקעס — געגנג, פירונגען.

פּאַהקעלעך (פּייקעלעך).

ברכה (בראָכע) — דאָ געמיינט: איינע פון די קורצע טפילעס, וואָס פרומע יידן פלעגן זאָגן ביים פּאַרזוכן וועלכע ס'איז שפּייז.

מיט כוונה (קאַוואָנע) — דאָ געמיינט: מיט ערנסט; מיט אינערלעכער קאָנצענטרירטקייט.

אשריכם ישראל (אשרייכעם ייסראָעל) — טייטש אין טעקסט.

באַלעבעסל — א יונגערמאַן וואָס איז נאָך אויף קעסט.

כלי־קודש (קליי־קוידעש) — אַזאַ וואָס באַשעפטיקט זיך מיט באַדינען די רעליגיעזע באַדערפענישן: ראָוו, כאַזן, שאַמעס, שויכעט א.א.וו.

חכמה (כאָכמע) — קלוגשאַפט.

תורת (טוירעס)־לאָקשן — .אידאָנישער אויסדרוק וועגן א געזעץ, וואָס זיין אָפּשטאַם איז אייגנטלעך נישט פון דער טוירע.

טענהן (טיינען) — דאָ געמיינט: פאַרוואַרפן, אויסשטעלן אַקעגן.

הנהגות (האַנאָגעס) — פירונגען, זיטן.

חפצות (כעפצעס) — פאַרלאַנגען, שטרעבונג.

חילוק (כילעק) — אונטערשייד.

שטיין אויף משקולת (מישקוילעס) — זיך האַלטן נישט זיכער; נישט שטיין פעסט; זיך וואַקלען.

מופתים (מאָפּסים) — וווּנדער.

גילגולים — ביי יידן איז אַמאָל געווען א גלויבונג, אַז די נעשאָמע פון א געשטאָרבענעם קען אלס שטראָף אַריינגעשיקט ווערן אין העם בהמה פון א לעבעדיקן מענטשן, אָדער אפילו פון א כאַיע — דאָס האָט זיך גערופן א גילגל — פאַרוואַנדלונג.

עולם־התוהו (אוילעם־האַטויע) — די בלאָנדזשענישוועלט, דאָס הייסט די וועלט אין וועלכער עס בלאָנדזשען אַרום די נשמות פון די טויטע, וועמען מע האָט נישט אַריינגעלאָזט נישט אין גענעם נישט אין גאַן־עדן.

אליהו הנביא (עליאָהו האַנאָווי) — א געשטאַלט פון אמאָליקע יידישע לעגענדעס און פאָלקס־מייסעס, וועלכער דערשיינט שטענדיק ווי א גרויסער קונצנמאַכער, וווּנדער־אויפטוער און שטענדיק ברענגען הילף אַן אָרעמאַן.

משולחים (מעשולאָכים) — געשיקטע, באַפולמעכטיקטע.

עד־היום (אַד־האַיעם) — ביז היינט צו טאָג.

צום קאַפּיטל זעקס

בימי (בעיעמיי) — אין די צייטן.

עושר (אוישר) — א געוויר, רייכער.

זכרונו לברכה (זיכרוינע־לעווראָכע) — געבענטשט זאָל זיין דער אָנדענק זיינער — אַן אויסדרוק, וואָס מע פלעגט באַנוצן ביים דערמאָנען אַן אָנגעזעענעם פרומען מאַן, וואָס איז געשטאָרבן.

חסידים (כסידים) — אָנהענגער פון דער רעליגיעז־מיסטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ביי יידן זינט דעם סאָף פון 18־טן י. ה. איינצאָל פון כסידים — כאָסעד.

קדיש (קאַדעש) — דאָ געמיינט: זון.

בעל־שם (באַל־שעם) — אַזאַ וואָס פלעגט קלאָמערשט היילן פאַרשידענע קראַנקהייטן מיט געהיימע שפּרוכן.

מגילה (מעגילע) — דאָ געמיינט: די באַקאַנטע ביבלישע דערציילונג וועגן אַכאַשווירעש, האָמען, עסטער האַמאַלקע א.אַ.וו. די דאָזיקע מגילה פלעגט מען יעדן פּורים פאַרלייענען אין די שולן און אויך אין די שטיבער.

משלוח־מנות (שלאַכמאָנעס) — דאָ געמיינט: דער מינהג צו שיקן זיך איינס דאָס אַנדערע פאַרשידענע מאַטאָנעס אין טאָג פון פּורים.

אסתר־תענית (עסטער־טאָנעס) — אַ פאַסטטאָג ערעוו פּורים, אַ טאָג פאַר פּורים.

שלום־עליכם (שאָלעם אַלייכעם) — פריידן צו אייך — טראַדיציאָנעלער יידישער באַגריסונג ביים באַגעגענען זיך.

ירושלמים (יערושאַלמים) — איינוווינער פון דער שטאָט יערושאָלאַיִם.

ברוך־הבא (באָרעך־האַבאָ) — באַגריסונג ביים באַגעגענען אַן אָנגעקומע־טן גאַסט.

מערת המכפלה (מעאָראַס־האַמאַכפּיילע) — אַזאַ הייל ביי דער שטאָט כעווראָן אין ערעץ־ייסראָעל, וווּ עס זענען — לויט דער ביבלישער לעגענדע — באַגראָבן די יידישע פּאַטריאַרכן.

מוטער רחלס קבר (ראָכעלס קייווער) — דער קייווער פון דער פּאַטריאַרכן יאַנקעווס פרוי ראָכל (ביבלישע געשטאַלטן).

אורחים (אָרכים) — געסט.

אָפּריכטן די סעודה (סודע) — פּראַווען די מאָל־צייט־צערעמאָניע פון פּורים.

מסתמא (מיסטאָמע) —

מבין (מייוון) — זאַכקענער, ספּעציאַליסט.

מאריך ימים (מאַרעך יאָמים) זיין — לאַנג לעבן.

מעריב (מייריוו) — דאָס אָווענטיקע דאַוונען.

בילבולים — פאַלשע דערקלערונגען, אויסגעטראַכטע באַשולדיקונגען.

מסירות (מעסירעס)

בעלעמער — אַ פּאָדיום אין מיטן דער שול מיט פיר זיילן אַרום. אויפן בעלעמער פלעגט שטיין אַ טיש. דאָרטן פלעגט מען פאַרלייענען די תּוי־רע, האַלטן דראָשעס (רעדעס) א. אַ. וו.

מפלה (מאַפּאָלע) — דאָס פאַרשפּילן, דאָס פאַלן.

שושנת יעקב (שושאַנאַס יאַנקעוו) — אַ רעליגיעז ליד.

לחיים (לעכאַים) — צום לעבן — אַ טראַדיציאָנעל יידישע ווינטשוואָרט ביים אויסטרינקען. „מאַכן אַ לעבאַים" הייסט אויך אויסטרינקען.

כתב (קסאַוו) — דאָ געמיינט: אָפּמאַך.

בפירוש (בעפיירעש) — דייטלעך; שוואַרץ אויף ווייס; קלאָר.

אַ ברכה בורי מיני מזונות (בראָכע בוירע מינע מעזוינעס) — אַ קורצע טפילע וואָס פרומע יידן פלעגן מאַכן פאַרן עסן זיס געבעקס.

זיך משמח (מעסאַמייעך) **זיין** — זיך פרייען, הוליען.

מקוה (מיקווע) — אַ קליינער וואַסער־באַסיין אין אַ יידישער באָד. דאָרט פלעגט מען זיך אָפּטונקען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן לויט די רעליגיעזע פאַרשריפטן.

מקיים (מעקאַיעם) **זיין** — איינפירן, רעאַליזירן.

בקיצור (בעקיצער) — קורץ גערעדט; מיט איין וואָרט.

שושן־פורים (שושן פורים) — דער טאָג נאָך פורים.

דער אלטער — דאָ געמיינט: דער כסידישער רעבע, דער צאַדעק.

מקורבים (מעקוראָווים) — דעם רעבנס נאָענטסטע מענטשן.

כנופיא (קנופיע) — קאָמפּאַניע.

אָבות (אָוועס) — געמיינט: די יידישע פּאַטריאַרכן: אַווראָם, יצכאָק און יאַנקעוו, וועלכע דינען — לויטן מאַנאַך — די שטאַם־פאָטערס פון יידישן פאָלק.

מרדכי (מאָרדכע) — געשטאַלט פון דער פורים־מגילה. ער איז געווען אַ פעטער פון עסטער האַמאַלקע, אַדאַנק וועלכער די יידן האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון פאַרניכטונג.

בגדי־מלכות (בִיגדע־מאַלכעס) — קעניגלעכע קליידער.

אליהו הנביא (עליאָהו האַנאָווי) — דער פּראָפעט.

מתתיהו כהן גדול (מאַטיסיאָהו קויען גאָדל) — דער קויען מאַטיסיאָהו איז געווען כאַשמוינאַי דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן צוזאַמען מיט זיינע העלדישע זין דעם באַפרייאונג קאַמף קעגן די סיריש־גריכישע אונטערדריקער (165 פאַר קר.).

חושן ואפוד (כוישן וועאַייפעד) — די היטורעלע קליידונג פון אַ קויען לויטן מאַנאַך.

נעמען רשות (רעשוס) — נעמען א דערלויבעניש.

מצליח (מאַצליעד) **זיין** — באַגליקט זיין, האָבן גליק.

טאָן גרויסע שידוכים — כאַסענע מאַכן קינדער גוט, רייך.

שופר של משיח (שויפער שעל מאָשיעך) — לויט דער יידישער גלויבונג וועט דאָס אָנקומען פון מאָשיעכן, דעם אויסלייזער פון דער וועלט, אָנגעזאָגט ווערן דורך פאַרשידענע סימאָנים, צווישן אַנדערע אויך דורך בלאָזן אין א באַזונדער שויפער.

נוגע (נויגייע) — דאָ באַטייט: גייט אָן; ס'איז וויכטיק.

מוסר נפש (מויסער נעפעש) **זיין** — אָפּגעבן זיך איינגאַנצן; אָפּגעבן דאָס לעבן; זיך מאַקריעוו זיין.

קידוש־השם (קידעש־האַשעם) **דאָס הייליקן גאָט** — דאָס מאַקריעוו זיין זיך פאַר גאָט, פאַר א הייליקער זאַך.

צום קאַפּיטל זיבן

נפקא־מינה (נאַפקעמינע) — אונטערשיד.

תירוץ (טערעץ) — פאַרענטפערונג.

עזות־פנימער (אזעס־פּענימער) — איינצאָל: אזעס־פּאָנעם — פרעכער, אומפאַרשעמטער.

בויך־סברה (סוואָרע) — א מיינונג, געזאָגט סתּם אזוי זיך, אָן קיין שום באַגרינדונג.

גזרות (גזיירעס) — שלעכטע געזעצן פאַר יידן, באַגרענעצונגען.

מלחמה פון גוג־ומגוג (מילכאָמע פון גאָג־אומאָגאָג) — לויט א יידישער גלויבונג וועט דער סאָף פון דער איצטיקער וועלט און דאָס אָנקומען פון מאָשיעכן, דעם אויסלייזער, אָנגעזאָגט ווערן דורך אומגעווינלעכע געשעענישן, דורך שרעקלעכע מילכאָמעס, צווישן אַנדערע פון די לעגענדאַרע ריזן גאָג און מאָגאָג.

דעות (דייעס) — דאָ געמיינט: מיינונגען, טעאָריעס.

ספר „אבקת רוכל" (סייפער אוואקעס רויכל) — א רעליגיעז מיסטיש ווערק, וווּ עס ווערן פאָרויסגעזאָגט די געשעענישן ביים אָנקומען פון מאָשיעכן.

האות השביעי (האָאויס האַשוויאי) — טייטש אין טעקסט.

מופת (מויפעס) — וווּנדער, נעס.

הקדוש־ברוך הוא (האַקאָדעש־באָרעך־הו) — גאָט.

רשעים (רעשאָים) — דאָ געמיינט: די זינדיקע.

יפהפה (יעפייפע, אָדער יעפייפיע) — אַ שיינהייט.

ומחממין אותה ושוכבים אצלה (אומעכאמעמין אויסאָ וועשויכווים עצ־לאָ) — און זיי דערוואַרעמען זי און ליגן לעבן איר.

מעוברת (מעובערעס) — שוואַנגער.

והי מתבקעת (וועהי מיסבאַקאאס) — און זי עפנט איר טראַכט — זי געבוירט.

שטן (סאָטן) — טייוול.

די אומות (אומעס) — דאָ געמיינט: אַנדערע פֿעלקער, נישט־יידן.

אַנטיקרישטו — געמיינט: אַנטיקריסט — לויט דער קריסטלעכער לעגענדע וועט אויך פֿאַרן סאָף פֿון דער וועלט זיך באַווייזן אַ פֿאַלשער אויסלייזער — דער אַנטיקריסט.

מדינות (מעדינעס) — לענדער.

באותה שעה (בעאויסאָ שאָ) אין דער צייט.

יקום נחמיה בן חושיאל (יאָקום נעכעמיע בען־כושיעל) —

משיח בן יוסף (מאָשיעך בען יאָסעף) — לויט דער יידישער גלויבונג וועט נאָך פֿאַרן עמעסן און ענדגילטיקן אויסלייזער, מאָשיעך בען־דאָוויד, קומען אַ צווייטער מאָשיעך — בען־יאָסעף.

גבורים (גיבוירים) — העלדן — קריגסלייט.

שבט אפרים (שייוועט עפֿראָים) — איינער פֿון די יידישע שטאַמען, לויט דער טאַנאַך־לעגענדע.

האות השמיני יעמוד מיכאל (האָויס האַשמיני יאַמויד מיכאָעל) — דער אַכטער־צייכן ס'וועט אויפֿשטיין מיכאַעל.

תקיעות (טקיעס) — בלאָזטענער, סיגנאַלן.

מדבר (מידבער) — וויסטעניש.

אויפֿשטיין פֿון די קברים (קוואָרים) — לויט דער לעגענדע, וועלן נאָך דעם אָנקומען פֿון מאָשיעכן אַלע טויטע לעבעדיק ווערן.

עשרת־השבטים (אַסערעס־האַשוואָטים) — צען שטאַמען, געמיינט: די יידן פֿון מעלוכע ייסראָעל, וועלכע זענען דורך די אַשורים פֿאַרטריבן געוואָרן (720 פֿאַר קר.) פֿון לאַנד און ס'איז דערנאָך פֿון זיי נישט געבליבן קיין שפּור. אַמוואַרשיינלעכסטן זענען אַ טייל פֿון זיי אומגעקומען, די רעשט האָבן זיך אויסגעמישט מיט די אַרומיקע פֿעלקער. לויט אַ יידישער לעגענדע לעבן זיי אָבער גליקלעך און

האָבן זייער אייגענע מעלוכע ערגעץ אין יענער וועלט, הינטער די האָרע־כווישעך (פינצטערע בערג), אָפּגעצוימט מיט אַ שטיינער־פייער־שפּרי־צנדיקן טייך, וואָס מע קאָן אַהין נישט צוקומען. ערשט נאָכן קו־מען פון מאָשיעכן וועלן זיי זיך אַרויסווייזן.

בני־משה (בניי־מוישע) — אויך אַ לעגענדאַרישער שפּורלאָז פאַרשווו־נדענער ייִדישער שיוווּט, וואָס שטאַמט פון מוישע־ראַבייני.

לויתן (לעוויאָסן) — אַ ריזיקער פיש, אויף וועלכן ס'האַלט זיך אויפן די גאַנצע וועלט. נאָכן קומען פון מאָשיעכן וועט מען דעם לעוויאָסן אויפגעבן צום טיש אויפן מאָלציים פאַר אַלע צאַדיקים, און ס'וועט אַלעמען קלעקן. דאָס אייגענע וועט זיין מיט דעם ריזיקן גרויסן אָקס שאָר־האַבאָר.

יין־המשומר (יאַיען־האַמשומער) — אַלטער, אויסגעשטאַנענער ווייַן, וואָס מע וועט טרינקען אויף דער גרויסער סודע נאָך מאָשיעכס קומען.

רבה בר־בר־חנה (ראַבע באַר־באַר־כאָנע) — געשטאַלט פון טאַלמוד, ווו עס ווערן אין זיין נאָמען דערציילט פאַנטאַסטישע און גוזמעדיקע מייסעס, רייזע־געשיכטעס.

לעת־עתה (לעסאַטע) — דערווייל.

תכסיסי מלחמה (טאַכסיסע מילכאָמע) — קריגס־טאַקטיק.

בריות (בעריעס) — פלינקע, געניטע.

פשטלעך (פשעטלעך) — דאָ געמיינט: קאָמבינאַציעס.

שכלדיק (סייכלדיק).

קירה (קירע) — פאָלקס־טימלעך־איראָנישער באַצייכענונג פאַר עסטרייך. ס'נעמט זיך פון די ראַשעטיוועס — איניציאַלן פון די ווערטער קייסער יאָרום הוידוי, אַן אויסדרוק וואָס די עסטרייכישע ייִדן פלעגן זאָגן ביים דערמאָנען דעם קייסער.

פריט — געמיינט דעם טייך פרוט אין מאָלדאַוויע.

שרים (סאָרים) — הערשער, עלטסטע מאַלאָכים. לויט אַ ייִדישער גלויבונג האָט יעדע מעלוכע איר סאַר אין הימל.

רש״י (ראַשע) — (רעב שלוימע ייִצכאָקי) — אַ באַרימטער ייִדישער געלערנטער פון מיטלאַלטער (1040 — 1105), וועלכער האָט געשאַפן אַ קאָמענטאַר צו דער טוירע, וואָס הייסט טאַקע אויף זיין נאָמען (ראַשע).

מלכיות (מאַלכיעס) — מאַנאַרכן, הערשער.

שר של אדום (סאַר שעל עדעם) — דער הימלישער הערשער פון עדעם — געמיינט דייטשלאַנד.

צו-להכעיס (צולאָכעס)

למשל (לעמאָשל)

צום עסק (אייסעק) — דאָ געמיינט: אַרבעט.

על-פּי-יושר (אַל-פּי-יוישער) — לויט דער גערעכטיקייט.

מה-רעש (מאַ-ראַש) — וואָס איז דער געוואַלד?

פּשרה (פּשאָרע) — אויסגלייך, קאָמפּראָמיס.

אָסור (אָסער) — אַ באַשווערונג אַזאַ, וואָס באַטייט: אין קיין פאַל, אַבסאָלוט נישט.

משכון (מאַשקן) — אַ זאַך וואָס מע ליגט איין ביים נעמען געלט אָדער סחורע אויף באָרג.

פּה-אחד (פּע-עכאָד) — געמיינט: איינשטימיק.

אַ מוצלח (מוצלעך) — אַזאַ וואָס דאָס גליק שפּילט אים צו; עס גייט אים גליקלעך אַלץ.

שם-המפורש (שעם-האַמפוירעש) — דער עכטער נאָמען פון גאָט, דער מיט קאָן מען וווּנדער באַווייזן.

פּרנסות (פּאַרנאָסעס) — געמיינט דאָ: פאַרדינסט.

שונאי-ציון (סאָנע-ציען) — אַ באַשווערונג אַזאַ, באַטייט: אויף פיינט פון יידן געזאָגט געוואָרן.

נסים (ניסים) — וווּנדער.

צום קאַפּיטל אַכט

מן (מאַן) — אין כומעש דערציילט זיך, אַז ווען די יידן האָבן נאָכן אַרויסגיין פון מיצראַים געוואַנדערט איבער דער מידבער און נישט געהאַט וואָס צו עסן, האָט גאָט זיי אַראָפּגעוואָרפן פון הימל אַזאַ מין שפּייז — מאַן — מיט וועלכער זיי האָבן זיך דערנערט.

תענוג (טײַנעג) — גרויס פאַרגעניגן, גענוס.

שמות (שיימעס) — געהיימע, וווּנדער-מאַכנדיקע שפּריכן.

חדרים (כאַדאָרים) — דאָ געמיינט: צימערן, זאַלן.

בת-מלכה (באַס-מאַלקע) — פּרינצעסין.

מכשפים (מעכאַשפים) — קישעפמאַכערס.

שדים (שיידים), **רוחות** (רוכעס) — אַערליי טייוולאָנים.

אני־מאמין (אַני־מאַמין) — ווערטלעך טייטש: איך גליב. דאָ איז געמיינט: דער וויכטיקסטער פּרינציפּ פון גלויבן; דער קרעדאָ.

סידורים — זאַמלונגען פון טפילעס.

רוצח (ראָצייעך) — ווערטלעכער טייטש: מערדער. געמיינט: א בייזער, אַזא וואָס שלאָגט.

אלול (עלעל) — דער לעצטער כוידעש פון יידישן קאַלענדאַר־יאָר. אין דעם כוידעש און אויך אין יאָמטויווים ראָשעשאָנע און יאָנקיפּער, וועלכע קומען נאָך עלעל, איז געווען אָנגענומען צו בלאָזן שויפער ביי געווסע טפילעס.

בהמות (בעהיימעס).

שכן (שאָכן), **שכנים** (שכיינים), **שכנות** (שכיינעס), **שכנה** (שכיינע).

כשר (קאָשער)־**שטיין** — לויט א רעליגיעזן מינהג פלעגט מען געוויסע קיילים אויף א ספּעציעלן אופן אויסרייניקן אויף פּייסעך. מע פלעגט אין דער קיילע אריינלייגן אן אָנגעגליטן שטיין און אויפגיסן וואַסער. דאָס האָט געהייסן קאַשערן און אַזא שטיין האָט געהייסן קאַשער־שטיין.

חלה (כאַלע).

עצה (אייצע).

חידושים (כידושים) — דאָ געמיינט: צו וויזן ווי אינטערעסאַנט, ווי געראָטן.

שבועות (שעוועס) — אַ יידישער רעליגיעזער יאָנטעוו סאָף פרילינג.

שלימזלניצע (שלימאזלניצע).

חבר (כאַווער), **חברים** (כאַוויירים), **חברטעם** (כאַווערטעס).

גזלנים (גאַזלאָנים) — רויבערס.

מכשפהטעם (מאכשייפעטעס).

גמרה (געמאָרע)־**ייִנגל** — דאָס הייסט אַן עלטער יינגל, אַזא וואָס לערנט שוין געמאָרע, דאָס הייסט דעם טאַלמוד — דאָס איז אַ זאַמלונג פון יידישע רעליגיעזע געזעצן און פאַרשריפטן.

אברים (אייווורים) — גלידער.

אשה (אישע) — פרוי.

עבירה (אוויירע) — אַ זינד.

בגנבה (ביגנייווע) — שטילערהייט, קיינער זאָל נישט זען.

בטבע (בעטעווע) — אין דער נאַטור, אין כאַראַקטער.

הצלחה (האַצלאָכע) — גליק, וווילגיין.

בריות (בעריעס) — דאָ געמיינט: געניטע, ספּעציאַליסטן.

ברוך־השם (באָרעך־האַשעם) — געלויבט איז גאָט.

מדרגה (מאַדרייגע) — שטאַפּל, ניוואָ.

ים אוקינוס (יאַם אוקיאָנעס) — אָקעאַן.

אָפּחתמענען (אָפּכאַסמענען) — אונטערשרייבן.

טראַטעם — אַזעלכע געלט־פאַרפליכטונגען, ווי וועקסלען.

ירשענען (יאַרשענען) — איבערנעמען דאָס פאַרמעגן פון אַ געשטאָרבע־
נעם.

קאַרטינקע — בילדל, סצענקע (פון רוסיש).

טלית־קטן (טאַלעס־קאָטן) — אַזאַ קליין טאַלעסל, וואָס מענער פלעגן
שטענדיק טראָגן אונטער די אייבערשטע קליידער.

באַטעמט (באַטאַמט) — געשמאַק.

מלכות (מאַלכעס) — מאַכט.

מציאה (מעציע) — דאָ געמיינט: אַ טייערע זאַך, געקויפט צופעליק בי־
ליק, אין גלייכן געלט.

קולות (קוילעס).

עולם (אוילעם) — דאָ געמיינט: די פאַרזאַמלטע מענטשן.

פון יוצא (יויצע) **וועגן** — אַבי איבערצוקומען אַ פליכט.

צורה (צורע) — געזיכט, פּאָנעם.

יהושע (יעהושיאַ) — אַ ביבלישער געשטאַלט, דער פירער פון די יידן
נאָך מוישע ראַביינו. לויט אַ יידישער לעגענדע קאָן מען זען אין
דער לעוואָנע דאָס פּאָנעם פון יעהושיאַן.

חקרנים (כאַקראָנים) — פאָרשער, פילאָזאָפן.

אלף־בית (אַלעפבייס).

תיו (טאָוו).

חית (כעס).

בעלנים (באַלאָנים) — קאַנדידאַטן.

מקחים (מעקאָכים) — פּרייזן.

לין (לעץ) — דאָ געמיינט: אַ שפּאַסמאַכער, אַ וויצלינג.

דרשהט (דאַרשעט) — געמיינט דאָ: רעדט אַ סאַך.
מאַכן זיך צום תם (טאַם) — נישט ווי אום מיינט מען.
צדיק (צאַדעק) אין פּעלץ — בלימרשט אַן אומשולדיקער.
הלוואי (האַלעוואַי).
אגב (אַגעוו) — ביי דער געלעגנהייט.
מכבד (מעכאַבעד) — דאָ געמיינט: דערלאַנגט.
פּאות (פּייעס).
עדה (איידע) — אַ געזעמל; אַ גרופּע.
מחילה (מעכילע) — דאָ געמיינט: אַנטשולדיקט.
נישט מיט דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — דאָ: נישט אָנשטענדיק.
חן (כיין) — דאָ געמיינט: אָנשטעלן.
מאַכן שהיות (שיעס) — פּאַרציִען, פּאַרשלעפּן אַ זאַך אויף לאַנג.
מהומה (מעהומע) — אַ צעטומלעניש; פּאַניק.
בטלנדיק חלומות (באַטלענדיק כאַלוימעס) — אויסלאַזנדיק צו עמעצן דעם קאָפּ; שוועלטנדיק.

צום צווייטן בוך

צום קאַפּיטל איינס

ישׂשכר חמור גרם רובץ בין המשפתים (ייסאָסכער כאַמויר גערעם רווייץ ביין האַמישפּאָסאַיים) — טייטש אין טעקסט.
בר־מצווה (באַר־מיצווע)־יינגל — אַזאַ וואָס איז שוין אַלט געוואָרן 13 יאָר. לויט די יידישע מינהגים האָט זיך שוין אַזאַ יינגל גערעכנט פאַר אַ פאָלקאָמענער אין דעם זינען, וואָס ער האָט שוין געדאַרפט אויספירן אַלע רעליגיעזע געבאָטן און מיצוועס און ער איז שוין אַליין געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים פאַר גאָט.
בחור (באָכער).
רצועות (רעצוועס) — לעדערנע שמאָלע פּאַסן, רימענס ביי די טפילין.
לשם־יחוד (לעשעם־ייכוד) — דער אָנהייב פון אַ טפילע.
משועבד (מעשובעד) — פאַרקויפט, פאַרשקלאַפט.
עבודת־הבורא (אַווידאַס־האַבוירע) — גאָטס־דינסט.

וארשתיך לי לעולם באמונה וידעת את ה׳ (וועראשטיכאָ לי לעאוילאָם בעעמונע, וועיאָדאַטאָ עס אדוינאָי) — טייטש אין טעקסט.

פאַרקנסט — צוגעפעסטיקט, פאַרבונדן (אזוי ווי כאָסן־קאַלע).

מוסר (מוסער) — דאָ געמיינט: אַן אויסרייד, אַ פאַרוואורף.

תכלית (טאַכלעס) זיין — דאָ געמיינט: זאָרגן וועגן דער צוקונפט, וועגן אַ צוועק אין לעבן.

קריעה (קריע) רייסן — דאָ געמיינט: זיך מאַטערן, אויסגעריסן ווערן.

עול עבודה (אָל־אווידע) — די לאַסט פון דינען גאָט.

עול דרך־ארץ (אָל דערעד־ערעץ) — דאָ געמיינט: די לאַסט פון פירן זיך ווי ס׳איז אָנגענומען.

שבת נחמו (שאַבעס־נאַכמו) — דער שאַבעס פאַר טישעבאָוו.

כלי (קיילע) — דאָ געמיינט: דער אינסטרומענט, דאָ הייסט — דאָס קאָל.

שמונה עשרה (שמוינעסרע) — טייל פון דאַווענען.

משורר (מעשוירער) — זינגער.

אין ספירה (ספירע) — ווערטלעך באַטייט עס: די ציילונג. דאָ געמיינט: די צייט פון פּסח ביז שעוועס — דאָס הייסט פרילינג.

אתה זוכר (אַטאָ זוינער) — אָנהייב פון אַ טפילע.

שכינה (שכינע) — די הייליקע שיין וואָס רוט אויף גאָט; די געטלעכקייט.

כה אָמר ה׳ (קוי אָמאַר אַדוינאָי) — אזוי זאָגט גאָט.

זכרתי לך חסד נעוריך (זאָכאַרטי לעכאָ כעסעד נעאָרעכאָ) — טייטש אין טעקסט.

אהבת כלולותיך (אהאוואס קלוילויסעכאָ), לכתך אחרי במדבר (לעכטעכאָ אַכריי באַמידבער), בארץ לא זרועה (באָאָרעץ לוי זרואָ) — טייטש אין טעקסט, טיילווייז הודך מעגדעלען געענדערט.

כנסת ישראל (קנעסעס־ייסראָעל) —דאָס יידישע פאָלק.

הבן יקיר לי אפרים (האַביין יאקיר לי עפראָים), אים ילד שעשועים (אים יעלעד שאַאַשואים), כי מדי דברי בו (קי מידיי דיברי בוי), זכור אזכרנו עוד (זכויר עזקאָרענו אויד), על כן המו מעי לו (אַל קיין היימו מעאי לוי), רחם ארחמנו נאם ה׳ (ראכיים אראכמענו נעאום אדוינאָי) — דער טייטש, אויף אַ מעגדעלעשן שטייגער איבערגעגעבן — אין טעקסט.

ונתנה תוקף (אונסאַנע טויקעף) — איינע פון די טפילעס וואָס מע זאָגט אום ראָשאָשאָנע.

סליחות (סליכעס) — א סעריע תפילות, וואָס ייִדן פלעגן זאָגן אין דעם כווידעש עלעל (זע פריער) און צווישן ראָשאַשאָנע און יאָנקיפּער.

מרה־שחורה (מאָרעשכוירע) — אומעט, מעלאַנכאָליע.

בית־עולם (בעסוילעם).

ברוגז (ברויגעז).

אָפּפּטרן מיט שהי־פּהי (אָפּפּאַטערן מיט שיע־פּיע) — אָפּקומען מיט גאָרנישט, מיט אַבי וואָס.

בילבול (בילבול) — פאַלשע באַשולדיקונג.

אכילה (אַכילע) — פאַראַכטונגס־אויסדרוק אויף עסן, אַשטייגער ווי „פרעסן".

צום קאַפּיטל צוויי

בכדי (ביכדיי) — **כדי** (קעדיי).

קבר־אָבות (קייווער־אָוועס) — געמיינט דער מינהג צו באַזוכן פאַר ראָש־אַשאָנע די קוואָרים פון די פאַרשטאָרבענע עלטערן און אַנדערע נאָענטע, קעדיי צו בעטן זיי אײַנצושטעלן זיך ביי גאָט פאַר די לעבעדיקע, אויסבעטן א גוט יאָר. אָפּטמאָל פלעגט מען פאָרן אויף קייווער־אָוועס אין אַנדערע שטעט, אויב דאָרטן זענען די נאָענטע געשטאָרבן.

הוצאות (הויצאָעס) — דאָ געמיינט: רייזע־קאָסטן.

הרי־חושך (האָרע־כוישעך) — דאָ געמיינט: אין עק וועלט.

גדולה (גדולע) — פרייד, גליק.

כלי־שלמה (קיילע־שליימע) — דאָ געמיינט: גאָר א געראָטענער; זייער א פעיקער.

אכסניא (אַכסאַניע) — איינפאָר־הויז.

נעריצך (נאַאַריצאָך) — א טייל פון דאַווענען.

אָפּגיסן נעגל־וואַסער — דער מינהג גלייך ביים אויפשטיין פון שלאָף צו וואַשן די הענט אָדער בלויז באַגיסנדיק די שפּיץ־פינגער.

כל־נדרי (קאָל־ניִדרע) **בארעלעך** — ווילד־וואַקסנדיקע, קליינע באַרעלעך.

קנעלונג — דאָ געמיינט: א קאָמפּלעט, א גרופּע קינדער צו לערנען מיט זיי אין כיידער.

פאַלעש — אזא ביישטייבל ביי דער שול.

קהל (קאָעל) — דאָ געמיינט: די פאַרזאַמלטע, די געזעלשאַפט.

שקצים (שקאָצים) — דאָ געמיינט: קריסטלעכע יינגלעך.

חסדים (כסאָדים) — גוטס, גענאָד.

שמחת־תורהדיק (סימכעס־טוירעדיק) — דאָס הייסט פריילעך אזוי ווי סימכעס־טוירע.

חדווה (כעדווע) — פרייד.

פרעגט אים בחרם (בעכיירעם) — באַטייט: ער ווייסט אבסאָלוט נישט.

שלום־עליכם (שאָלעם־אלייכעם) — דאָ געמיינט: דאָס געבן די האַנט, וואָס ס'איז נישט אָנגענומען געווען דאָס צו טאָן ביים גריסן זיך מיט א פרוי.

לשון (לאָשן) — שפּראַך, רייד.

גנב (גאנעוו).

צום קאַפּיטל דריי

פסק (פסאַק) — דאָ געמיינט: אַ שטראָף.

מאכלים (מייכאָלים) — שפּייזן, געריכטן.

מיתה־משונה (מיסע־מעשונע)־קאָליר — אויסטערלישער, אומבאַשטימטער קאָליר.

נסיעה (נעסיע) — רייזע.

עופות (אויפעס).

אויף משקולת (מישקוילעס) שטיין — קוים־קוים זיך האַלטן; נישט האָבן קיין פעסטן אָנשפּאַר.

ערל (אָרל) — דאָ געמיינט: אַ פּויער, אַ קריסט.

תרגום (טאַרגעם) — דאָ געמיינט: אַ שווערע אומפאַרשטענדלעכע שפּראַך.

הסברות (האַסבּאָרעס) — איינפאַלן, קאָמבינאַציעס.

שבע־חכמות (שעווע־כאָכמעס) — געמיינט: אַלע וויסנשאַפטן.

משל (מאָשל) — דאָ געמיינט: מייסעלע.

מדרש (מעדרעש) — אַן אַלטע רעליגיעזע ווערק מיט לעגענדאַריש־פאַנטאַסטישע קאָמענטאַרן צו דעם טאַנאַך.

מנהגים (מינהאָגים).

מודה (מוידע) געווען.

צדקות (צדאָקעס) — געשאַנקען פאַר אָרעמעלייט און פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן.

צום קאפיטל פיר

זהי (וועהי) — און זי; בבואם (בעוויאָם) — ביי זייער אָנקומען.

מקבל־פנים (מעקאבל־פּאָנעם) זיין — באַגעגענען אַן אָנגעזעענעם גאַסט.

אין פלוג — אויבנאויף; אויפן ערשטן קוק.

קשה (קאָשע) געווען — אומפאַרשטענדלעך; שווער צו פאַרשטיין.

טעות (טאָעס).

גולם (גוילעם) — אומגעלומפּערטער, נישט־רעדעוודיקע באַשעפעניש.

קשיות (קאשעס) — פראַגעס.

נפשות (נעפאשעס) — באַשעפענישן.

אורח (אוירעד) — גאַסט.

באקומען אַ יצר־הרע (יעיצער־האָרע) — דאָ געמיינט: באַקומען אַ פאַרלאַנג; ס'האָט זיך פאַרגלוסט.

שרפה (סרייפע).

מלבושים (מאלבושים) — קליידונג.

נקבות (נעקייוועס) — פרויען.

שררהטעס (סראָרעטעס) — אריסטאָקראַטקעס; מאַגנאַטקעס.

ווידוי (ווידע) — די תפילה פאַרן שטאַרבן.

בקיצור (בעקיצער) — קורץ, אויף גיך.

ברירה (ברײַרע) — אויסוואַל פון מעגלעכקייטן.

כמעט (קימאַט).

גר (גער) — פרעמדער.

אשר־יצר (אשער־יאָצער)־פּאַפּירלעך — דאָ געמיינט: פּאַפּירלעך, וואָס האָבן קיין שום ווערט נישט.

מאכן פליטה (פלייטע) — אנטלויפן.

גנבים (גאנאָווים).

מנחה (מינכע)־צייט — פארנאַכט.

בעל־אכסניאטע (באַל־אכסאניעטע) — די באַלעבאָסטע פון אַן אײַנפאַרהויז.

הגם (האגאם) — כאָטש.

בטבע (בעטעווע) — פון דער נאַטור.

עסקים (אסאָקים) — געשעפטן.

יתום (יאָסעם).
מליצה (מעליצע) — דאָ געמיינט: פּאַראָדיקעריי.

צום קאַפּיטל פינף

אַן סכנה (סאַקאָנע) — נישט געפערלעך.
עולם־הזה (אוילעם־האזע) — דאָס קערפּערלעכע לעבן אויף דער וועלט; דאָס לאָזן זיך וווילגיין.
כלל (קלאַל) — געזעץ, נאָרמע.
מחזור (מאַכזער) — זאַמלונג פון תפילות אויף יאָנטעווים.
יוצא (יויצע)־זיין — אָבי איבערקומען; אויסקומען פאַר לײַט.
טריפה (טרייפע)־גליק — אומגעריכטער גליקלעכער צופאַל.
נגידיש (נעגידיש) — רײַך.
כלל (קלאַל) נישט — אינגאַנצן נישט.
דער עיקר (דעריקער) — די הויפּטזאַך.
רכילות (רעכילעס) — דאָס אָנרעדן שלעכטס אויף עמעצן; דאָס באַרעדן.
בשמים (בסאָמים) — געווירצן.
מקיים (מעקאַיעם)־געווען — אויסגעפירט; רעאַליזירט.
דינים — געזעצן.
כוונה (קאַוואָנע) — מיין; אינטענץ.
מיט שמד (שמאַד)־שטיק — הינטערגעטריבן, כיטרע; מיט הינטערגעדאַנקען.
יראת־שמים־פנימל (יירעס־שאָמאַיִם־פּענעמל) — געמיינט דאָ: קלאָמערשט פרום; מיט אַ געמאַכטער גאָטספאַרכטיקייט.
כלומרשט תם (טאַם) — קלאָמערשט נישט פאַרשטייענדיק.
האַנדלען מציאות (מעציעס) — קויפן פאַר ביליק זאַכן, וואָס געווײנטלעך קאָסטן זיי טײַערער.
שונאים (סאָנים).
מיישב (מעיאַשעוו)־געווען — זיך באַקלערט.
עולם־הבא (אוילעם־האַבאָ) — יענע וועלט; דאָס צווייטע לעבן אויפן הימל.
אדרבא (אדעראַבע).
שכירות (שכירעס) — לוין, געהאַלט.
דאַראַבען — אַנזאַמלען (פון אוקראַיניש).

קצב (קאַצעוו).

תּענות (טײַנעס) — פּרעטענזיעס.

פּיד־באָקעם — די הענט אויף די לענדן (פֿון אוקראַיִניש).

מבֿינה (מעווינע) — איינער וואָס פֿאַרשטייט גוט די זאַך; ספּעציאַליסטקע.

נחת (נאַכעס) — פֿאַרגעניגן, צופֿרידנקייט.

השם־יתבּרך (האַשעם־ייִסבאָרעך) — גאָט.

צער (צאַר) — ווייטיק, לײַדן.

מלך (מעלעך) — קיניג; מאַלקע — קיניגין.

בן־מלך (בען־מעלעך) — פּרינץ.

בעלנים (באַלאָנים)־זײַן — דאָ באַטײַט עס: זײַן גרייט; זיך מעלדן פֿאַר א קאַנדידאַט.

רחמנות (ראַכמאָנעס).

כּפּרות (קאַפּאָרעס) — דאָ געמיינט: דער מינהג צו שווענקען פֿאַר זאַכקע־פּור א הון אָדער א האָן פֿאַר יעדן מישפּאָכע־מיטגליד אַלס אן אויסלייזונג. העכסט פּלעגט מען זאָגן א ספּעציעלע טפֿילה, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער בני אָדאָם.

צום קאַפּיטל זעקס

אין זה כּי אם בית אלהים וזה שער השמים (איין זע קי אים בייס עלאָהים וועזע שאַר האַשאָמאַים) — טײַטש אין טעקסט.

גלות (גאָלעס) — דאָ געמיינט: דאָס פֿאַרוואָרפֿן ווערן פֿון הערהיים.

נע־ונד (נאַווענאַד)־זײַן — אַרומוואַנגלען, וואַנדערן פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן אין דער פֿרעמד.

האָבן אַ קיום (קיעם) — האָבן א דויער־האַפֿטן, שטענדיקן ווערט.

תּכלית (טאַכלעס) — דאָ באַטײַט עס: צוועק אין לעבן; קאַריערע; די צוקונפֿט.

בר־מצווה (באַר־מיצווע) — דאָ געמיינט: די פֿייערונג ביים אַלט ווערן דרײַצן יאָר.

תּוספֿות (טויסאָפֿעס) — ווערטלעכער טײַטש: צוגאָבן. דאָ איז געמיינט די זאַמלונג פֿון קאָמענטאַרן, אויסטײַטשונגען, וואָס זענען צוגעגעבן געוואָרן צום טאַלמוד דורך פֿאַרשידענע ייִדישע רעליגיעזע אויטאָריטעטן אין משך פֿון 12־טן און 13־טן י. ה.

חכמות (כאָכמעס) — דאָ געמיינט: קענטעניש; וויסנשאַפֿט.

מהר"ם־שיף (מאהאראַם־שיף) — מייער בען יאַנקעוו האקו־ען שיף (1605-1641). איינער פֿון די אָנגעזעענסטע רעליגיעזע אויטאָריטעטן. דער פֿאַרפֿאַסער פֿון אַ קאָמענטאַר צום טאַלמוד און צום שולכן־אָרעך. דער זאַמלונג פֿון רעליגיעזע פֿאַרשריפֿטן, אַ מין קאָדעקס פֿון יידישע געזעצן.

מהרש"א — איניציאַלן פֿון נאָמען פֿון באַרימטן רעליגיעזן געלערנטן רעב שמיל איידלש (1555-1631). מהרשאַ האָט מען אויך גערופֿן זיין ווערק — אַ קאָמענטאַר צום טאַלמוד.

יש לישב (וועיעש לעיאשעוו) — אַזאַ פֿאָרמולע פֿון אָפּווענדונג אין טאַל־מודישער דיסקוסיע — געמיינט: מע דאַרף נעמען אין אַכט; ס'איז דאָ נאָך אַ מיינונג.

אין עושר און כבוד (אוישער, קאָוועד) — רייך און געשעצט.

למדן (לאַמדן) — געלערנטער, קענער (אין רעליגיעזע פֿראַגן).

מי לנו גדול (מי לאָנו גאָדל) — ווער איז גלייך צו...

האָט די דעה (דייע) — האָט צו זאָגן, האָט אַ מאַכט.

דיין (דאַיען) — אויסער דעם ראָוו פֿלעגן אויך זיין אַנדערע געלערנטע יידן, וואָס קאָנען אַרויסטראָגן באַשלוסן אין רעליגיעזע פֿראַגן, דורכ־פֿירן אַ פּראָצעס לויט די יידישע דינים — זיי האָבן טאַקע געהייסן דאַיאָנים — ריכטער.

אומות העולם (אומעס האָאוילעם) — דאָ געמיינט: אַנדערע פֿעלקער; נישט־יידן.

בבא קמא (באָווע־קאַמע) — אַ טראַקטאַט, אַן אָפּטייל פֿון טאַלמוד.

שור שנגח את הפרה (שויר שענאָגאַך עס האַפּאָרע) — דער אָקס, וואָס האָט געשטויסן די קו — אזוי הייבט זיך אָן איינע פֿון די דיסקוסיעס אין טאַלמוד.

אַרישאַ, אַסיפֿאַ, אומציעותאַ — געלערנטע, אַנטוויקלטע אין דער דיס־קוסיע, וועלכע איז דערמאָנט אויבן.

תנא קמא (טאַנע קאַמע) — מיטן נאָמען טאַנע, מערצאָל טאַנאָים, ווערט באַצייכנט די געלערנטע, וואָס האָבן צונויפֿגעשטעלט די מישנע, 1־טע און 2־טע י. ה. פֿאַר קר. דער דערמאָנטער קאַמאַ איז געווען איי־נער פֿון די דאָזיקע צונויפֿשטעלער.

מגושים (מעגושים) — דאָ געמיינט: עפּעס קערפּערליכד.

בתולה (בסולע) — ווערטלעך: יונגפרוי. געמיינט דאָ: די באַצייכענונג פון א שטערן־קאָנסטעלאַציע.

מזלות (מאַזאָלעס) — שטערן־קאָנסטעלאַציע.

מעלות (מייַלעס) — גוטע אייגנשאַפטן.

תפיסה (טפיסע) — דאָ באַטייט עס: אויפנעמפעיקייט.

תורה (טוירע) — דאָ געמיינט: קענטעניש, וויסן.

בכיוון (באַקיוון) — אומיכטן.

אלא (עלע) — דאָ געמיינט: אויב, אז.

השגחה (האַשגאָכע) — אויפזיכט.

ביצה (בייצע) — **קידושין**, **כתובות** (קסוועס), **נדה** (נידע) — אַלץ טראַקטאַטן, אָפּטיילן פון טאַלמוד.

שידוך (שידעך) — דאָ געמיינט א מעגלעכקייט כאַסענע צו מאַכן; א קאַנדידאַטקע אויף א כאַלע.

צום קאַפיטל זיבן

שליח־ציבור (שליעך־ציבער) — באַפולמעכטיקטער פון דער געזעלשאַפט; א דעפוטאַט.

קהל (קאָעל) — דאָ געמיינט: אַלע יידן פון שטאָט.

כח־הרשאה (קויעך־האַרשאָע) — פולמאַכט.

שתדלן (שטאַדלען) — אַזא וואָס פאַרנעמט זיך מיט אויספועלן עפּעס אין אן אינסטיטוציע, ביי דער מאַכט; דער וואָס אינטערווענירט, פאַרטיידיקט.

שרים (סאָרים) — הערשער — געמיינט די מלאָכים פון הימל.

פצפציה (פעצאַפציע) — נאָמען פון א מאַלעך.

סטראַפּטשע — אַדוואָקאַט (אַלטרוסישער אויסדרוק).

פּאַקטוירים, פּאַקטאָרן — מעקלערס, פאַרמיטלערס.

בית־דין־של־מעלה (בעזדן־שעל־מיילע) — אייבערשטער, הימלישער געריכט.

מלך־עליון (מעלעך־עליען) — טייל פון דאַווענען.

גובר (גויווער)־זיין — בייקומען, זיגן.

פיוט (פיעט) — רעליגיעזע געדיכטן, וואָס מע זאָגט ראָשעשאָנע.

טליתים (טאַלייסים).

בעל־בכי (באַל־בעכי) — אַ וויינער.

כשרע (קאָשערע) — דאָ געמיינט: ערלעכע, פֿרומע.

רביצין (רעבעצין) — אידיאָמיש אויף אַ צופֿיל־פֿרומע פֿרוי.

פּסק (פּסאַק) — שטראָף.

טירחה (טירכע) — מי, אַרבעט.

שדכן (שאַדכן) — דאָ געמיינט: פֿאַרמיטלער ביים פֿאַרקויפֿן.

נבלות (נעוויילעס) — דאָ געמיינט: פֿעדיר, וואָס האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס.

מטריח (מאַטריעד) **געווען** — זיך באַמיט, אָנגעטאָן אַ קוויטל.

למען־השם (לעמאַן־האשעם) — אומבאַדינגט.

צום קאַפּיטל אַכט

מקבל (מעקאַבל) — געמיינט דאָ אַ ייד אַ געלערנטן אָדער אַן אָרעמאַן, וואָס האָט זיך אויסגעהאַלטן פֿון נעמען שטיצע. מער־צאָל — מער קאַבלים.

כלי־קודש (קליי־קוידעש) — די וואָס זייער באַשעפֿטיקונג איז צו באַדינען די רעליגיעזע באַדערפֿענישן, אַשטייגער, ראָוו, כאַזן, שאַמעס אַדגל.

עיפּוש — שלעכטער ריח.

מאַכן ברכה (בראָכע) — דאָס אָפּזאָגן אַ קורצע תּפֿילה פֿאַרן עסן.

חדשות (כאַדאָשעס) — נייעס.

מקרב (מעקאַרעוו) **זיין** — צולאָזן צו זיך, פֿראַטעזשירן.

כלומר (קלוימער) — אַזוי צו זאָגן — אָנגענומענע פֿאָרמולע אין טאַלמודישע דיסקוסיעס.

פּשטלעך (פּשעטלעך) — אויסטייטשונגען — קאָמבינאַציעס.

מוסר ספרים (מוסער־ספאָרים) — רעליגיעזע ווערק, מיט אַ מאָראַליזירנדיקן אינהאַלט, דורכגעפֿלאָכטן מיט פֿאַרשידענע מייסעלעך, לעגענדעס, שפּריכווערטער און אַפֿאָריזמען.

עין יעקב (איען־יאַנקעוו) — אַ זאַמלונג פֿון דערציילונגען און לעגענדעס פֿון טאַלמוד צונויפֿגעשטעלט אין 16טן י. ה. דאָס בוך האָט זיך געדרעכנט פֿאַר זייער גרינג לייענען אינהאַלט.

זוהר (זויהער) — דאָס גרונט־ווערק פֿון דער קאַבאַלע, דער רעליגיעז־מיסטישער לערע ביי ייִדן. דאָס בוך איז געשאַפֿן געוואָרן אין סאָף

פון 13־טן י. ה. נאך קר. און פארמאגט צווישן אנדערע אַ סאַך פאנטאסטישע שילדערונגען וועגן לעבן אויף יענער וועלט, וועגן אנקומען פון מאשיעכן און אנדערע מייסעס און לעגענדעס.

כתות (קיטעס) — גרופּעס.

קדושה (קעדושע) — אזא ליובעזאַנג פאַר גאָט. ביים זאָגן די דאָזיקע טפילע פלעגט מען אונטערשפּרינגען אַלס צייכן פון גרוים עקסטאַז.

זאָגן שירה (שירע) — זינגען לויב־געזאנגען.

שכינה (שכינע) — געטלעכע הייליקייט.

סיני (סינאַי) — דער באַרג אין דער מידבער מיטן זעלבן נאָמען, ביי וועלכן, לויט דער לעגענדע, די יידן האָבן געקומען די טוירע.

זענען זיך משדך (מעשאַדעך) — דאָ געמיינט: באַהעפטן זיך, פאַרבינדן זיך.

שרפים (סראָפים) — פייערדיקע מאַלאָכים.

אכזריות (אַכזאָריעס) — גרויזאַמקייט; אויסערגעוויינלעכע שלעכטס.

שיר־השירים (שיר־האשירים) — טייל פון טאַנאַך. דאָ געמיינט: אַ ליבע־באַשרייבונג.

הגדתות (אגאַדעטעס) — מייסעלעך.

ניין טעג — די טעג פון ערשטן ביזן ניינטן אָוו האָבן זיך געהעכנט פאַר טרויער־טעג.

סיום (סיעם) — דאָ געמיינט די פייערלעכע פאַרענדיקונג פון אַלע טיילן פון טאַלמוד. ביי דער געלעגנהייט איז געווען אַ מיצווע צו פּראַווען אַ מאַלצייט און דעמאָלט האָט מען שוין אַפילו אין די ניין טעג געמעגט עסן פלייש.

בכורים (בכוירים) — ייִנגלעך, ערשטלינגען אין דער פאַמיליע, האָבן געדאַרפט ערעוו־פּייסעך פאַסטן.

פרק משניות (פּיירעק מישנאיעס) — אַ קאַפּיטל פון מישנאַיעס.

רבנן־קדיש (ראַבאָנען־קאַדעש) — אַ באַזונדער וואַריאַנט פון דער טפילע, וואָס מע פלעגט זאָגן נאָכן פאַרענדיקן לערנען אַ באַשטימט קאַפּיטל פון טאַלמוד.

יורשים (יוירשים) — נאָכפאָלגער; מישפּאָכע־מיטגלידער, וואָס נעמען איבער דאָס פאַרמעגן און פליכטן פון אַ פאַרשטאָרבענעם.

פלפול (פּילפּל) — דיסקוסיע, דיספּוט.

דחקות (דאַכקעס) — נויט, אָרעמקייט.

שכר־לימוד (סכאר־לימעד) — געצאָלט פאַרן לערנען.

שאלה (שיילע) — פּראָבלעם, פראַגע.

ותורתך בתוך מעי (וועטויראָסכאָ בעטויך מעאי) — טײַטש אין טעקסט.

חומש (כומעש) — די פינף טיילן פון דער טוירע.

קרייטיש — קריטיש, שווער.

לומדים (לאָמדים) — קענער, געלערנטע.

גדלן (גאדלען) — א גרויסהאַלטער.

מיט דער דעה (דייע) — מיטן פּלאַן.

פּאָיעדינעק — דועל, צווייקאַמף (פון רוסיש).

קלאָץ־קשיות (קלאָץ־קאשעס) — פראַגעס אומזיניקע, אָדער אזוי גע־שטעלט, ס'זאָל זיין אוממעגלעך צו פאַרענטפערן זיי.

מסכתא (מעסעכטע) — אַן אָפּטייל פון טאַלמוד.

צום קאַפּיטל נײַן

רצון (ראָצן) — ווילן, פאַרלאַנג.

כלי (קיילע) — דאָ געמיינט: אינסטרומענט.

געמלאכהט (געמלאָכעט) — געקינצלט, נישט־נאַטירלעך.

יעלות (יאילעס) — אזא טפילע פון יאָנקיפּערדיקן דאַווענען.

ברוך־הוא וברוך שמו (באָרעך הו באָרעך־שמוי) — גאָט.

אם־ירצה־השם (מירצעשעם) — אז גאָט וועט העלפן.

ביקור־חולים (ביקער כוילים) — אזא מין שפּיטאָל.

סוכות (סוקעס) — יידישער יאָנטעוו אָנהייב האַרבסט.

שמחת־תורה (סימכעס־טוירע) — לעצטער טאָג פון סוקעס.

תשעה־באב (טישעבאָוו) — דאָ געמיינט: א טרויער־טאָג.

אם־כל־הנערים (אים־קאָל־האַנאָרים) — מיט אַלע יינגלעך.

צום קאַפּיטל צען

באשיימפערלעך — דייטלעך, קלאָר.

בפרט (ביפראַט).

געריסן קריעה (קריע) — זיך געמאַטערט, געהאָרעוועט.

עקשן (אקשן) — איינגעשפאַרטער.

עבור (איבער) — אַזאַ יאָר וואָס האָט לויטן יידישן קאַלענדאַר 13 כאַ־דאָשים.

השגחה (האַשגאָכע) — אויפזיכט.

אסיפות (אסיפעס) — פאַרזאַמלונגען. איינצאָל: אסיפע.

מחנות (מאַכנעס) — אָפּטיילונגען, גרופּעס.

מבטל (מעוואַטל זיין — דאָ געמיינט: נישט נעמען פאַר ערנסט; מאַכן צו קליינגעלט.

מנינים (מיניאָנים) — צענדליקער. איינצאָל: מיניען.

שיריים (שיראַים) — איבערבלייבעכצן, רעשטלעך.

פגירה (פּגירע) — אַ באַשעפעניש וואָס האַלט ביים שטאַרבן; אַן אַלטער, קראַנקער.

הפקר (העפקער) — אָן אַן אויפזיכט.

אויף קידוש השם (קידעש־האַשעם) — דאָ געמיינט: אויף לעבנס־געפאַר.

צום קאַפּיטל עלף

לעתיד לבוא (לעאָסיד לאָווי) — אין דער ווייטער צוקונפט.

תחית המתים (טכיעס־האַמייסים) — דאָס צוריק־לעבעדיק ווערן פון אַלע מתים, וואָס וועט, לויט דער יידישער גלויבונג, געשען נאָך מאָשיעכס קומען.

משפטן (מישפּעטן).

רשעים (רעשאָים) — זינדיקע.

צדיקים (צאַדיקים) — פרומע, ערלעכע.

יצר־הרע (ייעצער־האָרע) — דער בייזער קויעך, וואָס שטעקט אין מענטשן און קערעוועט אים צו שלעכטס. דער צווייטער קויעך, וואָס פירט דעם מענטשן צו גוטע אויפטוען, איז דער ייעצער־טאָוו.

הקדמה (האַקדאָמע) — אַריינפיר.

יסורים (יעסורים) — ליידן.

פורעניות (פּוראָניעס) — אָנשיקענישן, שלעק.

כדאי (קעדאַי) — ווערט, לוינט זיך.

באַשטעלט שבת (שאַבעס) — געמיינט: באַשטעלט צו געבן עסן דעם שאַ־
בעסדיקן טאָג.

בקשה (באַקאָשע) — ביטע.

ויאכלו (וואַיויכלו) — ווערטלעכער טייטש: און זיי האָבן געגעסן.

מזמור (מיזמער) — דאָ געמיינט: לידל, צעטל.

שאו ידיכם (סעו־יעדייכעם) — דער אָנהייב פון דער קורצער תפילה
ביים וואַשן זיך.

המוציא (האַמויצע) — דאָ געמיינט: די קורצע תפילה, וואָס מע פלעגט
זאָגן אין אָנהייב פון יעדן מאָלצייט ביים אָפּשניידן דאָס ערשטע
שטיקל ברויט.

מים־אחרונים (מאַים־אַכרוינים) — געמיינט די צערעמאָניע פון אָפּגיסן
די הענט מיט וואַסער נאָכן עסן, פאַרן בענטשן.

מכבד (מעכאַבעד) — דאָ געמיינט: אָפּגעבן קאָוועד; פאַרלייגן.

מזומן (מעזומען) — די צערעמאָניע פון בענטשן (זאָגן אַזאַ תפילה) נאָ־
כן מאָלצייט. דערצו איז געווען גענוג דריי דערוואַקסענע ייִדן. די
צערעמאָניע פלעגט זיך אָנהייבן מיט די ווערטער „ראַבויסיי —
מייַנע הערן, מיר וועלן בענטשן!".

הילוק (כילעק) — אונטערשייד.

גט (געט) — דאָס פאַנאַנדערגיין זיך פון מאַן און ווייב.

סודעט (סוידעט) זיך.

בשורה (בסורע) — אָנזאָג, נייעס.

קדיש (קאַדעש) — אַ ספּעציעלע תפילה, וואָס מע פלעגט זאָגן נאָך אַ
פאַרשטאָרבענעם.

יתום (יאָסעם).

צום דריטן בוך

צום קאַפּיטל איינס

ים־התלמוד (יאַם־האַטאַלמוד) — פרומע ייִדן פלעגן פאַרגלייכן דעם טאַל־
מוד צו אַ יאַם לויט זיין טיפקייט און פאַרנעם.

בטחון (ביטאָכן) — האָפענונג.

רבי מאיר באל הנס (ראַבי מייער באַל האַנעס), **רבי יהושע בן־לוי**
(ראַבי יעהוישיע בען־לייווי), **רבי חנינא בן־דוסא** (ראַבי כאַנינע

בעו־דויסאָ), **רבי שמעון בן־חלפתא** (שימעו בעו־כאלאפטאָ), **רבי שמעון בן יוחאי** (שימעו בעו־יויכאָי), **ישמעאל בן־אלישע** (ייש־מאָעל בעו־עלישע), **רבה בר רב חנינא** (ראבאָ באר ראב כאנינע) — אַלע איבערגערעכנטע געשטאַלטן פון אַלטע יידישע לעגענדעס.

בתנאי (ביטנאי) — מיטן באדינג.

שר־התורה (סאר־האטוירע) — דער מאַלאך פון הימל, וואָס האָט גע־האַט צו שאַפן איבער דעם לערנען.

תנו רבנן (טאָנו ראבאָנאָן) — טייטש אין טעקסט.

איז מסוגל (מעסוגל) — דאָ געמיינט: באַווירקן, ברענגען דערצו.

צום קאַפּיטל צוויי

טאַנדעטניק — דאָ געמיינט: הענדלער מיט אַלטוואַרג.

פּריפּעטשיק — אַזאַ איינריכטונג איבערן באַקאויוון צו קאָכן א וואַ־רעמען עסן.

שכינה (שכינע) — דאָ געמיינט: שיין פון הייליקייט.

שלום־עליכם (שאָלעם־אַלייכעם) — דאָ געמיינט: דער אָנהייב פון א רע־ליגיעזן ליד לעקאָוועד שאַבעס.

מלך (מעלעך) — קעניג; **מלכים** (מעלאָכים) — קעניגן.

הקדוש ברוך הוא (האַקאָדעש באָרעך הו) — גאָט.

מאכן קידוש (קידעש) — זאָגן א ספּעציעלע תפילה אָנהייב מאָלצייט איבערן וויין.

מאכלים (מייכאָלים) — שפּייזן, געריכטן.

כלי (קיילע) — דאָ געמיינט: די שטימע צום זינגען.

זמירות (זמירעס) — רעליגיעזע געזאַנגען בעשאַס מאָלצייט.

מה־ידידות (מא יעדידעס) — איינע פון די זמירעס.

סמבטיון (סאַמבאַטיען) — דער לעגענדאַרער טייך, וואָס געפינט זיך עק וועלט און רוט נישט א גאַנצע וואָך און וואַרפט מיט פייערדיקע שטיינער.

מעת־לעת (מעסלעס).

שלוש סעודות (שאַלעשודעס) — דער דריטער מאָלצייט שאַבעס פאַר־נאַכט.

אשרי תמימי דרך (אשרע טמימיי דערעך) — אָנהייב פון א קאַפּיטל תהילים.

שרפהנען (סארפענען) — ברענען.

ישובו רשעים לשאולה (יעשוווו רעשאָים לישאוילאָ) — זאָלן זיך די זינדיקע אומקערן אין אפגרונט, דאָס הייסט — אין גענעם.

מלאכי חבלה (מאלאכע־כאבאָלע) — טײַוולאָנים — באדינער פון מענטשן.

שבת קודש (שאַבעס קוידעש) — דער הייליקער שאבעס.

בזיונות (ביזיוינעס) — דערנידעריקונגען, פארשעמונגען. איינצאָל: בייזאַיען.

הבדלה (האוודאָלע) — דאָס ליכטל, וואָס מען פלעגט פריערדיקער אנצינדן שאבעס בײַנאכט, הערביי פלעגט מען זאָגן באזונדערע טפילעס — דאָס האָט געהייסן מאכן „האוודאָלע".

הנה אל ישועתי, אבטח ולא אפחד (הינע אייל יעשואָסי, עווטאָך וועלוי עפכאָד) — טײַטש אין טעקסט. — פון די טפילעס ביים מאכן האוודאָלע.

כוס (קאָס) — גלעזל צו ווײַן, וואָס מע פלעגט אויסטרינקען ביים האוודאָלע־מאכן.

סגולה (סגולע) — מיטל.

המבדיל (האמאוודיל) א רעליגיעז ליד, וואָס מע פלעגט זינגען שאבעס צו נאכט.

איש חסיד (איש כאָסיד) — א רעליגיעזער ייד.

מלווה מלכה (מעלאווע מאלקע) — דער מאָלצײַט שאבעס צו נאכט.

ויתן לך (וואיטײַן לעכאָ) — א רעליגיעז ליד.

אליהו"ם (עליאָהוס) — דאָ געמיינט: א רעליגיעז ליד.

ספר־הישר (סייפער האיאָשער) — רעליגיעז פאָפולער ווערק מיט א מאַהאליש־הערציעדישן אינהאלט מיט מייסעס און לעגענדעס.

שבת המלכה (שאַבעס האמאלקע) — ייִדן פלעגן דעם שאבעס פארגלייכן מיט א קיניגין.

אמונה (עמונע) — גלויבן.

כוח המדמה (קויעך האמדאמע) — פאנטאזיע, פאָרשטעלונגס־קראפט.

זכר (זייכער) — שפור, אנדענק.

אתה־בחרתנוקעס (אטאָ־וועכארטאָניקעס) — אויסדערווילטע.

צום קאַפּיטל דרײַ

ברכו (באָרכו), **קדושה** (קדושע) — אַזעלכע תפֿילות.

שליטה (שליטע) — מאַכט, הערשאַפֿט.

נקיות (נעקיעס) — דאָס וואַשן זיך נאָכן דערלידיקן די נאַטירלעכע באַדערפֿענישן גאַנץ פֿרי.

אשר נתן לשכוי בינה להבחין יום ולילה (אשער נאָסאַן לאַסעכווי בינאָ לעהאַווכין ביין יוים וועלאַלאָ) — טייטש אין טעקסט — טעקסט פֿון איינע פֿון די בראָכעס — בענטשונגען, וואָס יעדער פֿרומער ייד פֿלעגט זאָגן יעדן פֿרימאָרגן.

אין ברירה (איין ברײַרע) — נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג.

ברוך שמו, אמן (באָרעד שמוי, אָמיין) — געבענטשט איז זײַן (גאָטס) נאָמען, אָמיין — א פֿאָרמולע נאָך יעדער בראָכע.

אַפּגעשלום־עליכמט (אָפּגעשאָלעם־אַלייכעמט) — דאָ: אָפּגעזאָגט די טפֿילע ביים מעכאַדעש זײַן די לעוואָנע. דאָס איינענע אָפּגעבראָכעט, אָפּגעקאַדעשט.

אַפּגעסילוקט (אָפּגעסילעקט) — אָפּגעגעבן.

מנחה (מינכע) — דאָס פֿאַרנאַכטיקע דאַווענען.

דרום (דאָרעם).

צפון (צאָפֿן).

אפנים (אַפּאָנעם) — זעט אויס.

השערה (האַשאָרע) — מיינונג, געדאַנק וועגן א זאַך, וואָס מע ווייסט נישט געוויס, נאָר מע שטעלט זיך פֿאָר.

תמוז (טאַמעז) — נאָמען פֿון א זומער־כוידעש (יולי־אויגוסט).

מקום־קדוש (מאָקעם־קאָדעש) — הייליק אָרט — געמיינט דעם בעס־מעדרעש.

צום קאַפּיטל פֿיר

אויפֿרופֿן צו דער טוירע — דער מינהג אַרויסצורופֿן עמעצן אויפֿן בעלעמער (זע פֿריער) און פֿון דאָרט קאָוועד וועגן פֿאַרלייענען אַן אויסצוג פֿון דער טוירע. אויב דער אַרויסגערופֿענער האָט געקאָנט, פֿלעגט ער אַליין פֿאַרלייענען.

יעמוד ר' שנייאור זאב־וואָלף ב"ר שרגא־פייבוש (יאַמויד רעב שנייער זעוו־וואָלף בען רעב שראַגע פייוויש) — זאָל אויפשטיין (אַרויפגיין) רעב שנייער וואָלף דער זון פון שראַגע־פייוויש.

בנעימותדיק (בענימעסדיק) — געלאַסן, שטיל.

יהי־רצונס (יעהי־ראַצױנס) — דאָ געמיינט: טיילן פון דאַווענען.

חוקל (כאָקל) — געמיינט דאָס אָפּלערנען א קאַפּיטל פון רעליגיעזן בוך „מאָקל לעצים־ראָצעל" — זאַמלונג פון רעליגיעזע פאַרשריפטן.

מיט דער כוונה (קאַוואָנע) — מיט דעם מיין, געדאַנק.

להוט (לאָעט) **זיין** — זיין געריך; זיך יאָגן נאָך עפּעס.

משקה (מאַשקע) — געטראַנק. דאָ געמיינט: בראַנפן.

יצר־הרע (ייצער־האָרע) — דאָ געמיינט: א צוציונגס־קראַפט.

נסך (נעסעך) — וויין, וואָס איז לויט די יידישע דינים פאַרבאָטן.

בפשטות (בעפּאַשטעס) — איינפאַך, גאָר פּאַשעט.

חכמהדיק (כאָכמעדיק) — דאָ געמיינט: כיטרע.

מכוח (מיקויעך) — וועגן.

מקנא (מעקאַנע).

על התורה ועל העבודה (אַל האַטוירע וועאַל האַאַווידע) — אויף לערנען טוירע און אויף דינען גאָט.

גר (גער) — פרעמדער.

שותף (שוטעף).

צלם (ציילעם)־**קאָפּ** — דאָ געמיינט: נישט קיין גרויסער קענער.

דאָס מיינט דער פסוק (פּאָסעק) — דאָס איז דער זינען פון דער זאַך; דאָס מיינט מען מאַכע דערמיט.

שוטה (שויטע) — נאַר.

האָבן א חלק (כיילעק) — אַנטיילנעמען.

צום קאַפּיטל פינף

חיות (כיעס) — דאָ געמיינט: געזונט.

גם צפור מצאה בית ודרור קן לה אשר שתה את אפרוחיה את מזבחותיך ה' צבאות (גאַם ציפּויר מאָצאָ באַיס ודראָר קאַן לאָ אשער שאָסאָ עס עפרויכעיאָ עס מיזבייכויסעכאָ אדוינאָי צעוואָויס) — ציטאַט פון טהילים — טייטש אין טעקסט.

קוקן ווי א האָן אין בני־אָדם (בניי אָדאָם) — לייענען און נישט קאָנען איבערלייענען. נישט וויסן וואָס ס'שטייט געשריבן. דער פאַרגלייך נעמט זיך פון דעם מינהג פון קאַפּאָרעס־שלאָגן (זע פריערדיקע באַמערקונגען). ביים זאָגן די העברעיִשע טפילע פלעגט מען דעם האָן האַלטן אין די הענט און ס'האָט אויסגעזען, ווי דער האָן קוקט אויך אין סידער אַריין.

בהלה (בעהאָלע) — טומל, געדרודער, פּאַניק.

באַגזלטע (באַגאַזלעטע) — באַרויבטע.

פּלפּול (פּילפּל) — דאָ געמיינט: אַמפּעריי, דיסקוסיע.

וצדקתך (ווע־צידקאָסכאָ) — דאָ געמיינט: א פאַרענטפערונג מיט קלאָרע ערלעכע, פרומע מאָטיוון.

גנבהשע תנועהלעך (גנייוועשע טנועלעך) — נישט ערלעכע אָנשטעלן; נישט אויפריכטיקע פאַרענטפערונגען.

מציאה (מעציע) — דאָ געמיינט: געווינס; טייערע זאַך.

צום קאַפּיטל זעקס

עגמת־נפש (אַגמעס־נעפעש) — צאַרעס, זאָרגן, אומאָנגענעמלעכקייט.

סקאָנטירן — דיסקאָנטירן. ווען עמעצער לייט יענעם געלט, נעמט ער ביי אים א וועקסל, דאָס איז אזא דאָקומענט, וואָס פאַרפליכטעט דעם לייער אָפּצוצאָלן דאָס געבאָרגטע געלט צו א באַשטימטער צייט. ווען דער געלט־נעמער וויל דאָס געלט אָפּנעמען פאַר דער צייט, קאָן ער דעם וועקסל פאַרקויפן, אָפּטרעטן עמעצן, וואָס קאָן יאָ צוּוואַרטן ביז דער טערמין פון צאָלן וועט אָנקומען. פאַרשטייט זיך, אז דער וועקסל־קויפער נעמט זיך אַראָפּ א באַשטימטן פּראָצענט פון דער סומע. אזא טראַנזאַקציע רופט זיך וועקסל־דיסקאָנטע.

פּרקים משניות (פּראָקים מישנאיעס) — ס'איז געווען א מינהג אין יאָרצייט־טאָג אָפּצולערנען, צום אָנדענק פון געשטאָרבענעם א קאַפּיטל מישנאיעס. אויב דער וואָס האָט געהאַט יאָרצייט, האָט אַליין נישט געקאָנט לערנען, פלעגט ער דינגען אַן אָרעמען געלערנטן ייִדן.

א מנין (מיניען) — א צענדליק ייִדן. בלויז אין אזא צאָל־צוזאַמענשטעל האָט מען געהאַט דאָס רעכט דורכצופירן געוויסע רעליגיעזע צערעמאָניעס

נדבה (נעדאָווע) **אויף א מצוה** (מיצווע)־**זאך** — א באַשטייערונג אויף א הייליקן צוועק.

אורח (אוירעך) — גאַסט.

קינות (קינעס) — די טרויער־תפילעס, וואָס מע פלעגט זאָגן אום טישעבאָוו — זע פריערדיקע באַמערקונגען.

כאַפּערס — אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן י. ה. איז נישט געווען קיין אלגעמיינע מיליטער־פליכט בכלל און אויך נישט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. יעדער יידישע קהילה האָט געדאַרפט צושטעלן יעדעס יאָר בלויז א באַשטימטע צאָל רעקרוטן. די אָנפירער פון דער קהילה פלעגן זיך באַמיען זייערע אייגענע קינדער און בכלל די קינדער פון די רייכערע שיכטן נישט אָפּצושטעלן פאַר קיין סאָלדאַטן. די מיליטער־דינסט איז געווען דעמאָלט א לאַנגע (אין דער צייטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן אפילו ביז 25 יאָר) און זייער שווערע. מען פלעגט אָפטמאָל צונעמען אין מיליטער אפילו קליינע קינדער, אוועקשיקן זיי אין די ווייטסטע רוסישע געגנטן, דאָרט דערציִען און צוגרייטן צום מיליטער. מען פלעגט אָפט די קינדער צווינגען איבערצוגיין צום קריסטלעכן גלויבן — שמאַדן. קעדיי צו דערפילן די צאָל רעקרוטן, פלעגן די שטאָטישע רעדלפירער אָנגעבן פאַר סאָלדאַטן די קינדער פון די אָרעמסטע יידן, יעסוימים אהגל. אויב מע פלעגט נישט קאָנען אויספירן די צאָל פון דער אייגענער שטאָט, פלעגן די שטאָט־אָנפירער דינגען ספּעציעלע מענטשן, — כאַפּערס — וועלכע פלעגן ארומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און ווו זיי פלעגן נאָר פאַקן עמעצן אָן א פּאַספּאָרט, אָדער סתם ווען ס'האָט זיך געלאָזט עמעצן פאַרנאַרן — פלעגט מען אים פאַרשלעפּן און אָפּגעבן פאַר א סאָלדאַט.

מה אני, מה חיינו (מאני, מעכאַיעינו) — געמיינט: ווער זענען מיר און וואָס פאַר א ווערט האָבן מיר.

אַנגעחתמעט (אָנגעכאַסמעט) — באַשערט.

מוסר (מוסער) — דאָ געמיינט: פאַרוואורף.

מה נאמר, מה נדבר (מה נוימער, מאַ נעדאַבער) — וואָס זאָלן מיר זאָגן, וואָס זאָלן מיר רעדן.

כאַפּן א פּסק (פּסאַק) — קריגן א שטראָף.

גומל (גוימעל) **בענטשן** — זאָגן א ספּעציעלע תּפילה ווען מע ראַטעוועט זיך פון א טויט־געפאַר.

חושד (כוישעד) **זיין** — האָבן א פאַרדאַכט.

מאכן ברכה (בראָכע) — דאָ געמיינט: אָפּזאָגן אַ מפּילע פאַרן עסן גיין זיך צוגרייטן צום עסן.

צום קאַפּיטל זיבן

מקטרג (מעקאַטרעג) **זיין** — אַנטמעפּירן; ברענגען צו שלעכטס.

לא יעלה ולא יבוא (לוי יאַלע וועלוי יאָווי) — דאָ געמיינט: די שאַ זאָל נישט זיין; ס'זאָל גאָר נישט געשען.

מרחץ (מערכעץ) — באָד.

מיטן דישל אין די לאָקשן — אָנקומען שפּעט פריטיק צו נאַכטס, ווען מען עסט שוין די לאָקשן.

אכילה (אַכילע) — פרעסן.

מיט אַ לשם־יחוד (לעשיים־ייכוד) — דאָ געמיינט: אַזוי ערנסט, ווי ביים טאָן אַ הייליקע זאַך.

מאכן א שלשלת (שאַלשעלעס) — דאָ געמיינט: רעדן אויף אַן אויסגעדרייען־פאַרדרייטן, געציקלטן טאָן.

כפי־המדובר (קעפּי־האַמדובער) — לויטן אָפּמאַך, אַזוי ווי עס איז געווען אָפּגערעדט.

מתחייב (מיסכאַיעוו) **געווען** — פאַרפליכטעט.

אשה (אישע) — פרוי.

סך־הכל (סאַכאַקל).

מגילה (מעגילע) — דאָ געמיינט: א לאַנגע געשיכטע.

שייכות (שייכעס).

פליטה (פּלייטע) — אַנטלויף, באַנקראָט.

קרינאָלינע — אַמאָליקע פרויען־קלייד, וואָס אַ ברייטע אָנגעזעצטע אויף רייפן.

מגושמדיקע (מעגושעמדיקע) — אומגעלומפּערטע.

דור־הפלגה (דאָר־האַפּלאָגע) — דאָ געמיינט: מיש־מאַש.

לשונות (לעשוינעס) — דאָ געמיינט: שטייגערס פון רעדן. שטימעס.

ס'איז נישט קיין דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — דאָ: ס'פּאַסט נישט.

מודה (מוידע) **זיין**.

טעמים (טאַמים) — גרונדן, סיבות.

הסברות (האסוואָרעס) — איינפאַלן, שפּיצלעך.

אריינלייגן שמד (שמאַד)־שטיק אין דער יראה (יירע) — באַטייט: באַ־רעכטיקן א שלעכטע זאַך מיט א צוגעקלערטן פרומען אויסרייד, קלאָ־מערשט אז מע טוט עס צוליב א הייליקן צוועק.

ממה נפשך (מאָנעפשעך) — אָדער־אָדער; איינס פון די ביידע.

בשעת (בעשאַס).

צום קאַפּיטל אַכט

א סדר (סיידער) — דאָ געמיינט: א מאָלצייט.

מצרים (מיצראים) — עגיפּטער.

שרפות (סרייפעס).

יבש (יאָוועש) — פאַרפאַלן געוואָרן, אויסגעטריקנט.

עוקר (אויקער) זיין — אנטלויפן.

חידושים (כידושים) — דאָ געמיינט: סענסאַציע.

יוצא (יויצע) זיין — אויסקומען; זיך באַגיין.

בעל־הלוואות (באַל־האַלוואָעס) — די וואָס פאַרנעמען זיך מיט אנטלייען יענעם געלט אויף פּראָצענט.

אויף די סדרות פון דער תורה (סעדרע פון דער טוירע) — דאָ געמיינט: זיי קאָנען נישט פאַרשרייבן געגוי די דאַטע פון צאָלן, פאַרשרייבן זיי לויט די קאַפּיטלעך פון דער טוירע, וואָס מע לייענט פאַר יעדער וואָך.

מערקור — דער גריכישער גאָט פון האַנדל.

ממונה (מעמונע) — עלטסטער, איבערהאַר.

קוממיות (קוימעמיעס) — אָנִיעו, באַנקראָט.

קבורה (קווורע)־געלט — דער אָפּצאָל פאַרן באַגראָבן מיט אלע צערע־מאָניעס דערביי, ווי ס'הייסט ביי יידן: „מאָן זיין רעכט".

קדוש (קאָדעש) — דאָ געמיינט (איראָניש): דער געפאַלענער, דער קאָר־בן.

חסרון (כיסאָרן) — פעלער, שלעכטער שטריך.

אלמן (אלמען).

משכילים (מאסקילים) — אויפגעקלערטער, געבילדעטער; די אנהענגער פון דער האסקאָלע־באוועגונג, וועלכע האָט זיך אנטוויקלט ביי יידן פון סאָף 18־טן י. ה. און האָט זיך געשטעלט פאר א ציל צו רעפאָרמירן דעם יידישן שטייגער־לעבן, כדי צופאסן צום איראָפעיִשן שטייגער, דורך בילדונג און אויפקלערונג.

עליהם השלום (אלייעם האשאָלעם) — פרידן צו זיי — אן אויסדרוק ביים דערמאָנען פארשטאָרבענע.

הלבשה (האלבאָשע) — קליידונג.

ארבע־כנפות (ארבע־קאנפעס) — אזא קליינער טאַלעסל, וואָס פרומע יידן פלעגן שטענדיק טראָגן אונטער דער אייבערשטער קליידונג.

זיך מתיר (מאַטער)־געווען — זיך דערלויבט.

פיוט (פיעט) — רעליגיעזע דיכטונג־טפילעס, וואָס מע פלעגט זאָגן ראָש־השאָנע און יאָם־קיפּער.

למד וואָוניקעס (לאַמעדוואָווניקעס) — געמיינט די זעקס און דרייסיק פארבאָרגענע פרומע לייט, צאַדיקים, וואָס אויף זייערע גוטע מייסים האלט זיך די וועלט.

נביאים (נעוויאים) — די באַקאַנטע פון אַלטערטום יידישע פאָלקס־רעדנער, וועלכע פלעגן אין זייערע רעדעס אַרויסטרעטן אין נאָמען פון גאָט, שטראָפנדיק דאָס פאָלק און זייערע הערשער פאר זייערע שלעכטע מייסים. די נעוויאים פלעגן אויך פאָרויסזאָגן די צוקונפט פון פאָלק.

מליצה־ספרים (מעליצע־ספאָרים) — ביכער פון די שרייבער מאַסקילים וואָס זענען געשריבן אין סטיל פון טאַנאַך.

מליצה (מעליצע) — געמיינט: א שיינער פארגלייך, ווערטבאַפּוצונג; פאָעטישע איבערטראָגונג.

שירל (שירל) — איראָניש פארקלענערנדיק אויף א געדיכט.

שלום לאהובי (שאָלעם־לאהווי)־בריוול — געמיינט: א בריוו געשריבן אין א מעליצע־סטיל.

דרך (דערעך) — דאָ געמיינט: שטייגער, גאַנג.

כאַפּן דעם סטרי — דערגיין דעם זינען פון א זאַך, זיך דערוויסן ווי אזוי צו מאַכן עפּעס א זאַך.

צדדים (צדאָדים) — זייטן, גרופּעס; פּאַרטנערן.

ברוך־הבא (באָרעך־האבא) — באַגריסונג פון אן אָנגעלייגטן גאַסט.

א מזומן (מעזומען) — דאָ געמיינט: דריי פּאַרשוין, זאָגן א געמיינזאַמע תּפילה נאָכן עסן.

האיען — פאַרהאַמען זיך; לאַנג פאַרציִען א זאַך.

גירסא (גירסע) — מיגמאָרע.

בקי (באָקע) — געניטער; ספּעציאַליסט.

חריף (כאַרעף) — קלוגער, געלערנטער.

למדן־מופלג (לאַמדן־מופלעג) — אויסגעצייכנטער געלערנטער.

מקח (מעקעך) — פּרייז.

הצליחה־נאָ (האַצליכאָ־נאָ) — באַגליק.

הושיעה נאָ (הושיאָ־נאָ) — העלף.

בימי כפרה־הינדלעך (בעימעי קאַפּאָרע־הינדלעך) — געמיינט: אין די צייטן פון די קאַפּאָרעהינדלעך, דאָס הייסט ווען איינער און אומשולדיקער פלעגט זיין די קאַפּאָרע (דער אויסלייז) — פאַר א צווייטן.

גבורות (גוורעס) — קראַפט, העלדישקייטן.

הפקר (העפקער) — אָן אויפזיכט, אָן א באַלעבאָס, הפקער א וועלט — ס'איז אַלץ דערלויבט; מע מעג אַלץ טאָן.

זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפרתי (זע כאַלאָפאָסי, זע טעמוראָסי, זע קאַפּאָראָסי) — ציטאַט פון דער תּפילה, וואָס מע פלעגט זאָגן ביים קאַפּאָרעס־שלאָגן (זע פריערדיקע דערקלערונגען).

אין געוואַנט אריינשטעקן — אַנטאָן אין זעלנערישע קליידער; אָפּגעבן אין רעקרוטן.

המצאות (האַמצאָעס) — דאָ געמיינט: שפּיצלעך.

ממזריש (מאַמזעריש) — דאָ געמיינט: דורכגעטריבן־קלוג.

צום פערטן בוך

צום קאַפּיטל איינס

מביצי כנים (מיבייצי קינים) — פון די לייזאייעלעך.

כלי־זיין (קלעזאיען) — אינסטרומענטן; מאַכשירים.

שכנות (שכיינעס) — דאָ געמיינט: נאָענטקייט.

מעלתו (מאַלאָסוי) — אַזא מין אויפן פון טיטולירן עמעצן; א העפלעכקייטספאָרם פון ווענדן זיך צו עמעצן אין דער דריטער פּערזאָן.

מזל מחכים, מזל מעשיר (מאזל מאכקים, מאזל מאאשיר) — דאָס מאַזל (גליק) מאַכט קלוג, דאָס מאַזל מאַכט רייך.

חקירות (כקירעס) — דאָ געמיינט: אַריינדרינגען; גריבלען זיך.

ידיעות (יעדיעס) — קענטענישן.

חריפותדיקע (כאריפעסדיקע) — דאָ געמיינט: זעלטן איבערגעשפּיצטע.

קוממיות (קוימעמיעס)־**זינגער** — באַנקראָטשיקעס, אָנזעצערס.

דלות (דאלעס) **קבצנים** (קאבצאָנים) — אָרעמקייט.

יושר (יוישער) — גערעכטיקייט.

שנאה (סינע).

קנאה (קינע).

בטוחים (בעטוכים) — איינצאָל בעטוועך — באַגלייבטע מענטשן, אַזעל־כע, וואָס מען קען זיי געטרויען געלט, סחורה אויף באָרג.

כלל (קלאל) — דאָ געמיינט: פּרינציפּ.

מדרש (מעדרעש) — זאַמלונג פון לעגענדעס אויף מאָטיוון פון טאַנאַך. דאָרטן זענען אויך פאַראַן פאַרשידענע מאָראַלישע מײַסעלעך, ווערטער־לעך און אַפאָריזמען אויף פאַרשידענע פאַלן פון לעבן.

נער הייתי גם זקנתי (נאַר האָייסי גאַם זאָקאַנטי) — איך בין געווען אַ ייִנגל און כ׳בין אויך אַלט געוואָרן.

אתרוג (עסרעג) — אַזאַ דאָרעם־פרוכט (ציטרוס), וואָס ווערט דורך רע־ליגיעזע ייִדן גענוצט צו אַ באַזונדערע צערעמאָניע אום סוכּעס.

תורת־אמת (טוירעס־עמעס) — דאָ געמיינט: עמעס ווי די מתים; זי־כערע זאַכן, נישט צום אָפּפרעגן.

וועט־מיך, העט־מיך, זאָלט־מיך — אַלטייִדישע פאָרמעס פון באַדינג־מאָדוס. הײַנט זאָגט מען: „וואָלט איך".

ברכה (בראָכע) **און הצלחה** (האַצלאָכע) — בענטשונג און גליק.

זכות־אָבות (זכוס־אָוועס) — די גוטע אויפטוען, מיצוועס פון די פאַר־שטאָרבענע עלטערן, דאָס הייסט — נישט די אייגענע פאַרדינסטן ברענגען הצלחה.

חלילה־וחס (כאָלילע וועכאָס) — געמיינט דאָ: ס׳זאָל נישט געשען; מען זאָל באַהיט ווערן.

א פסוק (פּאָסעק) — געמיינט: אַ זאַץ אין טאַנאַך.

הזורעים בדמעה ברינה יקצורו (האזוירעים בעדימאָ בערינאָ ייקצוירו) — טײַטש אין טעקסט.

בר־מזל (באַר־מאַזל) — אַ מענטש, וואָס דאָס גליק שפּילט אים צו שטענ־דיק.

שלמה המלך (שלוימע האַמעלעך) — דער ייִדישער קיניג שלוימע (977-1015 פאַר ק״ר.), וואָס איז לויט דער ייִדישער לעגענדע געווען זייער אַ קלוגער און געלערנטער.

אין עצה ואין תבונה (איין אייצע וועאיין טוווּנע) — ס׳העלפט נישט קיין שום אייצע און קיין שום קלוגן זיך.

מימרא (מײמרע) — אַן אַרויסזאָג; אַ סענטענץ, אַפאָריזם.

פזמונות (פּיזמוינעס) — דאָ געמיינט: אַלט־באַקאַנטע מייסעס.

שבועות (שוווּעס) — באַשווערונגען.

קללות (קלאָלעס) — שעלטונגען.

מיתה־משונה (מיסע־מעשונע) — אויסטערלישער, אומגעוויינטלעכער טויט.

חלק עולם־הבא (כיילעק אוילעם־האַבאָ) — אַנטייל אין לעבן אויף יענער וועלט, אויפן הימל.

זוכה (זויכע) זיין — דאָ געמיינט: דערלעבן.

לטובת העסק (לעטויוועס האָאייסעק) — צום נוצן פון געשעפט, פון האַנדל.

מאכן א מורא (מוירע) — אָנשרעקן.

תנועות (טנועס) — דאָ געמיינט: פאַלשע אָנשטעלן.

אַ בחיר (בכיר) — אויסוואַל.

בזיל־הזול (בעזיל־האַזאָל) — גאָר ביליק.

במזומנים (בעמעזומאָנים) — קאַבער־געלט.

הייבן א הקפה (האַקאָפע) — נעמען אַ קאָמפּלעטע סכוירע אויף באָר־גן, אָפּלייען.

עכוב (איקעוו) — אָפּהאַלט, שטערונג.

עדיין לא היה במאסקווע (אַדאָיעו לוי האָיאָ בעמאָסקווע) — ביז היינט זענען זיי נאָך נישט געווען אין מאָסקווע, דאָס הייסט, נישט גע־האַנדלט מיט די מאָסקווער סוחרים.

מנה־יפה (מאָנע־יאָפע) — אַ היפּשע סומע.

צום קאַפּיטל צוויי

כנופיא (קנופיע) — שפּאָטישער אויסדרוק אויף אַ גרופּע, קאָמפּאַניע.

גבאים (גאַבאָים) — פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון פאַרשידענע כעוו־רעס, געזעלשאַפטן.

בעלי־צדקות (באַל־צדאָקעס) — אומגעשטיצער פון אָרעמע; פילאַנ־טראָפן.

כלל־ישראל (קלאַל־ייסראָעל) — דאָס יידישע פאָלק.

אַ קדיש (קאַדעש) — דאָ געמיינט: אַ זון, וואָס זאָל זאָגן קאַדעש.

רופאים (ראָפּים) — פעלדשער.

בעלי־שמות (באַלע־שײמעס) — אַזעלכע, וואָס פלעגן היילן קראַנקע דורך אָפּשפּרעכעניש.

טאָטערס — זנאַכערס, אַזעלכע וואָס פלעגן היילן קראַנקע מיט פאַרשי־דענע פאָלקס היילמיטלען.

כבוד (קיבעד) — די שפּייז, מיט וואָס מע נעמט אויף אַ גאַסט.

רחום־צדיק (ראַכום־צאַדיק) — דערבאַרעמדיקער און גערעכטער.

זיווגים (זיוווגים) — פּאָרן; מאַן־און־ווייב.

תכשיט (טאַכשעט) — אַ שאַץ; אַ צירונג (דאָ: איראָניש).

שאו ידיכם (סעו־יעדייכעם), **המוציא** (האַמויצי) — די קורצע תּפילע, וואָס מע זאָגט ביים וואַשן זיך צום עסן און ביים פאַרזוכן דאָס ער־שטע שטיקל ברויט.

מקיים אכילת (מעקאַיעם אכילאס) **קעסט** — איראָנישער פאַראַפראַזע פון מעקאַיעם מיצווע. דאָ הייסט עס: אויספירן די מיצווע פון עסן קעסט (זע פריערדיקע באַמערקונגען).

קריאת שמע (קרישמע) — אַ קורצע תּפילע פאַרן שלאָפן־גיין.

אלפים (אַלאָפים) — טויזנטער.

„אויפגעיוירן" — אויפגעוואַקסן, אויפגעקומען (שפּאַסיש).

בעלי־עבירות (באַל־אַווירעס) — זינדיקע; דאָ געמיינט די מאַסקילים, וואָס מע האָט זיי גערעכנט פאַר אַפּיקאָרסים, אומגלויביקע.

פענעצל — דאָ איז עס אַ שפּאַסישע פאָרמע פון פענעמל.

צנאָטעלעך — פרומע אַנשטעלן (שפּאַסיש).

תנועהלעך (טנועלעך) — מינעס.

פועלן (פּויעלן) — אויספירן.

מעשה שטן (מייסע סאָטן) — ווי אויף צעלאַכעס; ווי דער טייוול וואָלט זיך אַריינגעמישט.

מלאכות (מעלאָכעס) — דאָ געמיינט: אַרבעטן.

בגנבה (בעגנייווע) — שטיל; פאַרבאַהאַלטענערהייט.

דויטען זיך — באַגריסן זיך (פון פויליש).

תחילת (טכילעס) — צום אָנהייב.

די געלעגענע צייט — די געלעגנהייט; די פּאַסיקע צייט.

תרגום (טאַרגעם) — געמיינט דאָ: אומפאַרשטענדלעך; אומצוטריטלעך.

בן־פּקועה (בען־פּקיע)־פעלעכל — אַ פעלעכל פון אַ קעלבל, וואָס איז אַרויסגענומען געוואָרן פון אַ געשאָכטענער קו.

„פעפערזיכטיק" — שפּאָטפאָרמע פון איפערזיכטיק.

פרעגט אים בחרם (בעכיירעם) — באַטייט: וויסן נישט קאַטעגאָריש.

שומר (שוימער) — היטער, וועכטער. דאָ געמיינט: הריטע פּערזאָן.

בפירוש אַ דין (בעפּיירעש אַ דין) — אַ קלאָרער דייטלעכער געזעץ.

ווערן אַ שאלה (שיילע) — דאָ געמיינט: אויפקומען אַ פראַגע, צי עס איז לויט די רעליגיעזע פאַרשריפטן.

מאכן שהחינו (שעהעכיאָנו) — אָפּזאָגן די טפילע ביים פאַרזוכן אַ זעל־טענער אָדער לאַנג שוין נישט געזעענע פרוכט; אויך ביי אַן אויס־סערגעוויינטלעכער גליקלעכער געשעעניש.

האַלטן עולם ומלואה (אוילעם אומלויע) — האַלטן וועגן עמעצן זייער אַ גוטע מיינונג.

בכל אשר אפנה (בעכאָל אַשער עפנע) — אין אַלץ וואָס איך וועל טאָן; אומעטום ווו איך וועל זיך קערן און ווענדן.

קודם־כל (קוידעם־קאָל) — צום אַלעם ערשטן.

זיך מטריח (מאַטריעך) זיין — זיין אַזוי גוט (העפלעכקייטס־פאָרמע).

צום קאַפּיטל דריי

שקצים (שקאָצים) — דאָ געמיינט: לאָבוזעס.

יונגעטן — יונגע פרויען.

פלוניתטעס (פלויניסטעס) — ווייבער.

אומחן (אומכיין) וואַרפן — אויפהערן ליב צו האָבן.

אויף בעלנות (באַלאָנעס) — צוליב אינטערעס; צוליב נייגעריקייט.

אלמנה (אַלמאָנע).

מלא־חן (מאָלע־כיין) — פול מיט רייץ, מיט צויבער.

גרושה (גרושע) — אַ פרוי, וואָס איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיטן מאַן.

יחוס (ייכעס) — שיינער אריסטאָקראַטישער אָפּשטאַם.

פון פאָטערס צד (צאַד) — פון דעם פאָטערס ליניע, פון זיין מישפּאָכע.

בכן (בעכיין) — דעריבער; אַלזאָ.

מעוברת (מעוברעס) — שוואַנגער.

תכלית (טאַכלעס) — דאָ געמיינט: דער סאָף.

כסא־הכבוד (קיסע־האַקאָוועד) — גאָטס טראָן.

בשעת הדווה (בעשאַס כעדוווע) — ביי דער גוטער געלעגנהייט; אין דער גוטער שטימונג.

ארויסווייזן זיין תורה (טוירע) — אַרויסווייזן זיין געלערנטקייט.

זיך אָנטאָן א מעשה (מייסע) — זיך נעמען דאָס לעבן.

פורים צו דער סעודה (סודע) — דער פייערלעכער מאָלצייט פורים אין אָוונט.

מיט דער פאָרסע — מיטן גאַנצן קנאַק; מיט דער גרויסקייט.

דרשהט (דאַרשעט) — האַלטן א רעדע וועגן א רעליגיעזן אינייען.

מגילה (מעגילע) — געמיינט מעגילעס עסטער, וואָס מע לייענט פאַר פורים (זע פריערדיקע הערקלערונגען).

אין פלוג — אויבנאויף; אויבערפלעכלעך; נישט אַריינדרינגענדיק טיפער אין דער זאַך.

דער ענין איז נישט רעכט — איז נישט קלאָר, אַן אויסדרוק פון טאַל־מודישער דיסקוסיע.

מרדכי היהודי (מאָרדכע האַיעהודי) — מאָרדכע דער ייד.

וואָס לאָזט דער פסוק (פּאָסעק) — האַ, האָל מיך הערן — וואָס דאַרף מען אונטער דעם פאַרשטיין — אויסדרוק פון טאַלמודישער דיסקור־סיע.

פשיטא (פשיטע) — געוויס; איז דאָך אָפגערעדט.

בתמיה (ביטמיע) — כמיטמש? ווי אזוי קאָן דאָס זיין?

מפרשים (מעפאָרשים) — אויסטייטשער, קאָמענטאַטאָרן פון דער טוירע.

ויאמר (וואַיוימער) — און ער האָט געזאָגט.

ותאמר (וואַטוימער) — און זי האָט געזאָגט.

עשרת אלפים ככר כסף (אַסערעס אַלאָפים קיקאָר קעסעף) — צען טויזנט שטיקער זילבער.

עשרת בני המן (אַסערעס בניי האָמען) — די צען זין פון האָמענען.

שרי (סאָרי) — מיין האר.

יהושע (יעהושיע) — דער יידישער פירער, וואָס האָט נאָך מוישעס טויט אריינגעפירט די יידן אין קענאַאַן.

בכוח (בעקויעד) — אין קראַפט.

גלות פּרס (גאָלעס פּאָראַס) — די פּערסישע איבערהערשאַפט איבער די יידן.

גובר (גויווער) גערוען — באַזיגט, ביישטאַנען.

קדושה (קעדושע) — הייליקייט.

טומאה (טומע) — אומריינקייט, געמיינט: די וועלט פון זינד.

לשון זכר (לאָשן־זאָכער) — מענלעכער מין (אין גראַמאַטיק); לשון נקבה (לאָשן נעקייווע) — ווייבלעכער מין.

ימח שמוניקעס (יימאַך־שמויניקעס) — אזעלכע, וואָס מע דאַרף זייער נאָמען נישט דערמאָנען; אויסווערפן. דאָ געמיינט: די מאַסקילים — אַפּיקאָרסים.

א נפטר (ניפטער) — א געשטאָרבענער.

חושך (כוישעך) געוועזן — דאָ געמיינט: ס׳האָט זיך געטאָן; ס׳איז געווען א סקאַנדאַל.

א צער בעל חיים (צאַר באַל כאַים) — א דאַכמאָנעס אויף א לעבעדיק באַשעפעניש.

ריידעלע יאק ריידעלע (קלאַמערשט אוקראַאיניזם) — די רייד ווי די רייד, דאָס הייסט: רעדן האָט ער טאַקע נישט געקאָנט אזוי גוט.

נפש (נעפעש) — באַשעפעניש (דאָ איראָניש).

אשה (אישע) — דאָ געמיינט: א כאַסענע געהאַטע פרוי.

כשרע (קאָשערע) — דאָ געמיינט: פרומע.

אָן דעם מאַנס רצון (ראָצן) — פאָלגן דעם מאַן; טאָן לויט זיין ווילן.

זענען מסוגל (מעסוגל) — דאָ געמיינט: פּאַסן זיך, טויגן זיך.

חילוקים (כילוקים) — אונטערשיידן.

תנועות (טנועס) — דאָ געמיינט: אָנשטעלן.

רכילות (רעכילעס) — דאָס באַרעדן עמעצן אונטער די אויגן.

בלבולים (בילבולים) — פאַלשע באַשולדיקונגען.

צום קאַפּיטל פיר

בעונותינו הרבים (באַווינויסיינו האַראַבים) — צוליב אונדזערע פֿיל זינד.

קרן (קערן) — דער גרונטקאַפּיטאַל.

נחלה (נאַכלע) — אַן ערדבאַזיץ; אַן אייגענע שטוב, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פֿון פֿאָטער צו קינדער א. א. וו.

ישועות (ישועס) — געמיינט: גוטע צייטן, די אויסלייזונג.

גזירות (גזירעס) — שלעכטע געזעצן פֿאַר יידן; באַגרענעצונגען.

גנבה-לשון (גענייווע־לאָשן) — פֿאַרשטעלטע שפּראַך.

זייט נישט קיין כהן (קויען) — דאָ געמיינט: זייט נישט אַזוי בייז; ווערט נישט אַזוי גיך אין קאַס.

בעל כעס (באַל־קאַס) — אַזאַ וואָס ווערט גיך אין קאַס.

דער פשט (פּשאַט) — דאָ געמיינט: דער זינען, דער טייטש.

מלבוש (מאַלבעש) — קליידונג, אָנטאָן.

נעמען אויף קאַנטע — נעמען אויף באָרג; אויף אַן אָפּרעכענונג.

בעלנים (באַלאָנים) — קאַנדידאַטן.

מראה כהן (מאַרע קויען) — דאָ געמיינט: אַ לויטער, ליכטיק פּנים; אַ שטראַלנדיק געזיכט.

דער יעהופּעצער — געמיינט: כסידישער צאַדיק פֿון יעהופּעץ.

זכרונו לברכה (זיכרוינוי ליוורעכע) — געבענטשט איז זיין אָנדענק — אַן אויסדרוק ביים דערמאָנען אַ פֿאַרשטאָרבענעם הייליקן מענטש.

דרכים לעבודת הבורא (דראָכים לאַאַווידאַס האַבוירע) — וועגן, אופֿאַנים צו דינען גאָט.

אויף זיין דרך (דערעך) — אויף זיין גאַנג; אויף זיין שטייגער.

גוייש — דאָ געמיינט: רוסיש.

חקירה (כקירע) זאַכן — דאָ געמיינט: וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן.

אַן אשה (אישע) איז על פי דין (אַלפּי דין) פּטור (פּאַטער) פֿון מצוות (מיצוועס) — אַ פֿרוי איז לויטן געזעץ (לויטן די יידישע רעליגיעזע פֿאַרשריפֿטן) פֿריי פֿון אָפּהיטן אַלע געבאָטן.

חצופה (כצופֿע) — אַ פֿאַרשייטע; אַן אויסגעלאַסענע.

מניעה (מעניע) — שטערונג; אָפּהאַלט.

העט איך — אַלטיידישע פֿאָרמע אויף „וואָלט איך".

שרייבער — דאָ געמיינט: אַ לערער.

אשת־איש (אײשעס־איש) — אַ באַפּעלנע געהאַטענע פרוי.

אויפרופן עם כל הנערים (אים קאָל האַנאָרים) — מיט אַלע יינגלעך — אין סימכעס־טוירע פלעגט מען אויפרופן צו דער טוירע (ווע פריער־היקע באַמערקונגען) אַלעמען. אַבער די יינגלעך פלעגט מען אויפרופן אַלע צוזאַמען. אַפּטמאָל פלעגט מען אויך מיט זיי צוזאַמען אויפרופן אייניקע אַלטע יידן, האָט האָט זיך גערעכנט פאַר נישט פאַסיק, פאַר אַ הערנייהעריקונג.

מלמדות (מעלאַמדעס) — דאָ געמיינט: לערעריי.

מחמת פיל טעמים (מאַכמעס פיל טיימים) — צוליב פאַרשיידענע מאָר־טיוון.

תחינות (טכינעס) — געבעטן אויף יידיש, ספּעציעל געשריבענע פאַר פרויען.

אָפּנוצן זכות אָבות (זכוס־אָוועס) — דאָ געמיינט: אָנקומען צו יענעמס אויסנוצן פּראָטעקציע.

ס׳איז ליהודים (לאַיעהודים) — ס׳איז זייער פריילעך.

צום קאַפּיטל פינף

זאָגן שירה (שירע) — דאָ געמיינט: זינגען; אָפּגעבן קאָנצערטן.

רוקבעט — אַמאָליק באַוועגלעך בעט.

שררות (סראָרעס) — דאָ געמיינט: פּריציש; לוקסוסדיק.

מיוחס (מעיאָכעס) — אַריסטאָקראַט.

זכר (זייכער) — אָנדענק.

אויף משקולת (מישקוילעס) — וואָקלדיק; קוים וואָס מע, האַלט זיך.

פאָרכט — שרעק (אַלטיידיש).

מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות (מאַ נישטאַנע האַלאַילאָ האַזע מי־קאָל האַליילעס) — מיט וואָס איז אַנדערש די דאָזיקע נאַכט פון אַלע אַנדערע נעכט — די פראַזע איז גענומען פון דעם פּייסעך־צערעמאָנ־יאַל, פון די אָנהייבנדיקע פיר קאַשעס.

מזונות (מעזוינעס) — שפּייז, דערנערונג.

טענות (טיינעס) — דאָ: פּרעטענזיעס; מאַנונגען.

אסור חזיר (אָסער כאַזער) — טרייף ווי כאַזער.

גבול (געוול) — גרענעצן, פאַרנעם.

כזית (קעזאַיעס) — דאָ געמיינט: אַ קליין שטיקל.

נישט געשיקט זיך — דאָ געמיינט: נישט געווען קלאָר.

סברה (סווָרע) — אײַנפאַל.

לומדיש (לאָמדיש) — אויפן שטייגער פון געלערנטע.

מציל (מאַציל) **זיין** — ראַטעווען.

מלאך־הגואל (מאַלעך־האַגויעל) — דער אויסלייזער.

שטן (סאָטן) — דער טײַוול.

צו־להכעיסניק (צולאכעסניק).

עיקר שכחתי (איקער שאָכאַכטי) — וועלטלעכער מיטוש: דאָס וויכטיקסטע האָב איך פאַרגעסן. אין יידישן בריוו־סטיל האָט עס געהייסן אַ צו־שריפט, אַ שטייגער ווי היינט: פּאָסט סקריפּטום.

סאנצעלאמעס — אַ פאָלקסטימלעכער פאַרגרייזטער אויסדרוק, וואָס שטאַמט פון סאָנע ציון לאָמעס — די פיינט פון יידן צום טויט.

נותן (נויסן) — אַ געבער.

במזומנים (בעמעזומאָנים) — קאַסע־געלט.

עשרות (אשרעס) — דאָ געמיינט: זייער אַ סך; אַ פאַרמעגן.

מטריח (מאַטריעך) **זיין** — באַמיען יענעם.

באטעמט (באַטאַמט) — געשמאַק.

וכו׳ (וועכוי) — פאַרקורצונג פון ווערטער אוכדוימע — און דאָס גלייכן.

מליצה (מעליצע) — דאָ געמיינט: שיינער אויסדרוק, פאַרגלייך.

בענטשן ראש־חודש (ראָש־כוידעש) — באַזונדערע תּפילה, וואָס מע פלעגט זאָגן יעדן שאַבעס פאַר דעם ערשטן טאָג פון כוידעש.

מולד (מוילעד) — דער אָנהייב (געבורט) פון דער ערשטער לעוואָנע־פאַזע (דער יידישער כוידעש איז אַ לעוואָנע־כוידעש).

גוזר (גויזער) **זיין** — שטרענג באַפעלן.

מצווה (מיצווע) **פון כבוד אב ואם** (קיבעד אָוו וועיים) — דער געבאָט פון שעצן טאַטע־מאַמע.

למען־השם (לעמאַן־האַשעם) — ווי גאָט איז ליב; אומבאַדינגט.

כפי (קעפּי) — לויט ווי.....

צום קאַפּיטל זעקס

בסוד סודות (בעסאָד סוידעס) — שטרענג געהיים.

שטעלן זיך — דאָ געמיינט: אָנזעצן, באַנקראָטירן.

לבן הרמאי (לאָוון האַראַמע) — אַ ביבלישער געשטאַלט, וועגן אים דערציילט זיך, אַז ער איז געווען אַ גרויסער אָפּנאַרער, אַ שווינדלער.

תנועהלעך (טנועלעך) — מינעלעך.

נוסח (נוסעך) — סטיל, שטייגער.

דם־שונא (דאַם־סוינע) — אַ בלוטיקער פֿיינט.

הפציות (כעפֿציעס) — פֿאַרוועלעכישן; גלוסטונגען.

דרשהנען (דאַרשענען) — שיין רעדן; פּרעדיקן.

מוסר (מוסער) **זאָגן** — זאָגן מאָראַל; שטראָפֿן.

מזיק (מאַזיק) — אַ שעדיקער.

מאַכן חן (כיין) — דאָ געמיינט: מאַכן אָנשטעלן.

בעל־רחמים (באַל־ראַכמים) — אַ מיטפֿילנדיקער.

רשעים (רעשאָים) — שלעכטע, פֿאַרדאָרבענע מענטשן.

צום קאַפּיטל זיבן

מהומה (מעהומע) — טומל, טעררודער.

שרפות (סרייפֿעס)

מנוחה (מענוכע) — רו.

גנבות (גענייווע‎ס).

שירה (שירע) — געזאַנג.

מרה־שחורה (מאָרע־שכוירע) אומעט; מעלאַנכאָליע.

יפה־פיה (יעפֿייפֿיע) — שיינהייט; בילד־שיינע פֿרוי.

„שמוכט" — איראָניש אויף אַראָמאַט; ריעך,

פֿון כל־טוב (קאָל־טעוו) — פֿון אַלהאַם גוטס.

חזירים (כאַזיירים).

תענוג (טײַנעג) — גרויס פֿאַרגעניגן; גענוס.

שטעלן — פּאָסטנס; אַרבעטס־פּליצער.

כל־בוניקעס (קאָל־בוניקעס) — אויסוורפֿן.

פּעדערן זיך — אויפֿשטיין פֿרי (אַלט־יידיש).

כלחוך השור (קילכויד האַשאָר) — געמיינט: גאַנצפֿרי, באַגינען.

ברואים — באַשעפֿענישן. איינצאָל: בריע.

פּאָדער־חדר (כיידער) — פּאָדער־צימער.

מגולגל (מעגולגל) **ווערן** — דאָ געמיינט: פֿאַרוואַנדלט ווערן; פֿאַרוואַנדלט ווערן.

צום קאַפּיטל אַכט

קיין קרוב (קאָרעוו) **קיין גואל** (גויעל) — קיין פריינד, קיין אויסלייזער.

עקשנות (אַקשאָנעס) — איינגעשפּאַרטער.

הויבנפוצערין — מייסטערין פון פרויענהויז.

צדקת (צאַדעקעס) — באַזונדערס פרומע, גוטהאַרציקע פרוי.

רייסן קריעה (קריע) — דאָ געמיינט: זיך מאַטערן, פּלאָגן זיך.

אברים (אייווערים) — גלידער.

מבול (מאַבל) — פאַרפלייצונג.

סיחות־שיחות (שיעס) **מאַכן** — מאַכן צערעמאָניעס; פּאַרציען.

עם־הארץ (אַמאָרעץ) — אומגעלערנטער, גראָבער יונג.

פסוק (פּאָסעק) — דאָ געמיינט: אַ ציטאַט פון דער טוירע. מערצאָל: פּסו־קים.

כל־בוניצע (קאָלבוויניצע) — אַ פרוי אָן אויסוואַרף.

אונטערפילעווען — צוהיטן מיטן עסן; געבן גוט עסן.

שדכנות (שאַדכאָנעס)**־געלט** — דאָ געמיינט: פאַרמיטלער־קאַפּיטאַל.

געבן גט (געט) **אָן כתובה** (קסובע) — האָט געהייסן, אַז דער מאַן פלעגט זיך פאַנאַנדערגיין מיט דער פרוי אָן צו געבן איר די אונטערשטיצונג, וואָס איז פאָרויסגעזען אין דער קסובע, דעם כאַסענע־אָפּמאַך.

אויף דעם סמך (סמאַך) — אויף דעם גרונד; שטיצנדיק זיך דערויף.

צום פינפטן בוך

צום קאַפּיטל איינס

תמשילהו במעשה ידיך (טאַמשילייהו בעמייסע יאָדייכאָ) — מיטש אין מעקסט.

דער שטן (סאָטן) **איז מקטרג** (מעקאַטרעג) — דאָס שלעכטס, די טייוואָ־נישע קראַפט באַשולדיקט, קלאָגט אָן.

מגושם (מעגושעם) — אומגעלומפּערט.

משרת (מעשאָרעס) — דאָ געמיינט: אַ קראָם־אָנגעשטעלטער.

באַקאַליי־קלייט — שפּייזקראָם.

אָפּגעשלאָגענע הושענא (הוישאַנע) — דאָ געמיינט: אַ זאַך וואָס איז שוין אויסגענוצט, וואָס טויג שוין צו גאָרנישט.

קבלה (קאַבאָלע) — דאָ געמיינט: שטיינער, אויפֿן איבערגענומענעם פֿון עמעצן.

אַ ברוך־הוא וברוך־שמו (באָרעך הו באָרעך שמוי) — קורצע טפֿילע־דער־פֿליק.

שפּרינגען קדושה (קעדושע) — ביים זאָגן אַ געוויסע תּפֿילה איז געווען אָנגענומען אונטערצושפּרינגען אַלס אויסדרוק פֿון גרויס באַגייסטערונג.

תחינות (טכינעס) — ספּעציעלע תּפֿילות פֿאַר ווייבער, געשריבן אויף יידיש.

אַ מאַן מיט חופּה־וקידושין (כופּע־וועקידושן) — געמיינט כאַסענע געהאַט לויט אַלע רעליגיעזע פֿאָרשריפֿטן.

צדקניות (צידקאָניעס) — באַזונדערס פֿרומע פֿרוי.

איבערדינען אַלע עבודה־זרות (אַווידע־זאָרעס) — דינען אַלע אָפּגעטער — דאָ הייסט עס: געטאָן פֿאַרשידענע אַרבעטן, ביי פֿאַרשידענע מענטשן.

מזכה (מעזאַקע) זיין — באַגליקן.

זיך מצער (מעצאר) זיין — זיך שטאַרק נעמען צום האַרצן; זיך עגמתן.

זיך משדך (מעשאַדעך) זיין — כאַסענע מאַכן.

בשלום (בעשאָלעם) — גליקלעך; אין אָרדענונג.

מגדל (מעגאַדל) זיין — דערציען, אויסכאָוועז.

צום קאַפּיטל צוויי

זוכה (זויכע) געווען — דאָ געמיינט: זיך דערדינט.

צנועה (צנוע) — פֿרומע, באַשיידענע.

אַ פּשיטא (פּשיטע) — שוין געוויס; אָפּגעפֿרעגט שוין...

פּירגריסלעך — אַמאָליקע ציטן פֿלעגט מען לערנען שרייבן אויף אַזאַ שטייגער: דער לערער פֿלעגט אויפֿשרייבן אַ געוויסן זאַץ (אָפּטמאָל אַן אומפֿאַרשטענדלעכן) און די שילערן פֿלעגט נאָכשרייבן. דאָס האָט געהייסן שרייבן אַ פּירגריס, אָדער שורעגריס.

זיווג מן השמים (זיוועג מין האַשאָמאַיִם) — אַ פּאָר פֿון גאָט.

פסקענען שאלות (פּאַסקענען שיילעס) — דאָ געמיינט: זיך פאַרנעמען מיט אויסגלייכן צעקריגטע פון דער באַנקע.

האָבן תרבות (טאַרבעס) — האָבן אַכטונג.

ווערן אַ כלי (קיילע) — ווערן אַ ליים.

טערפקע — ביטערלעך ווי אַן אומצייטיקע פרוכט.

מקומות (מעקוימעס) — געגנטן.

פעטער ישמעאל (יישמאָעל) — טערק.

אפותיקי (אַפּויטיקע) — גרויסע סומע.

מבינות (מעווינעס) — אָפּרוף, מיינונג.

מקיים פסק (מעקאַיעם פּסאַק) **זיין** — געבן אַ גוטע שטראָף.

חצופה (כצופּע) — פאַרשייטע, אויסגעלאַסענע.

צום קאַפּיטל דריי

קינות (קינעס) — דאָ געמיינט: קלאָגרייד.

הסכם (העסקעם) — צושטימונג.

דלפנים (דאַלפּאָנים) — אָרעמעלייט.

ירושלמי (יערושאַלמי) — אַן איינוווינער פון יערושאָלאַים.

ויהי היום (וואַיהי האַיוים) — איינמאָל.

בויך סברות (סוואָרעס) — מיינונגען, אַרויסזאָגונגען גלאַט אין דער וועלט אַריין, אָן קיין שום באַגרינדונג.

חשוב (כאָשעוו) — אַן אָנגעזעענער.

קרחס אוצרות (קוירעכס אויצרעס) — קורח איז אַ ביבלישע געשטאַלט, באַקאַנט ווי אַן אויסערגעוויינטלעך רייכער מענטש.

מקבלים (מעקאַבלים) — אָרעמע ייִדן, וואָס האָבן געלעבט פון נעמען שטיצע.

בתולות (בסולעס) — יונגע מיידלעך.

אין כשמערל (איין קישמערל) — נישטאָ קיין גלייכן צו שמעקלען.

מושלם (מושלעם) — אַ פולקאָמער מענטש.

זאָגן דעות (דייעס) — זיך אַריינמישן; אַרויסקומען מיט אַן אייגענע מיינונג, נישט ווי ס'איז אָנגענומען.

סדר העולם (סיידער האָאוילעם) — די אָרדענונג אויף דער וועלט; דער אָנגענומענער שטייגער־לעבן.

האָבן אַ ישוב (יישעוו) — זיך באַראַטן; באַקלערן זיך.

לעולם תקח (לעאוילעם טיקעד) — שטענדיק זאָלסטו נעמען.

מסלק (מעסאַלעק) **זיין** — אָפּצאָלן.

גדולה (געדולע) — פרייד.

אָדם (אָדאָם) — אַ מענטש.

חלשותדיק (כאַלאָשעסדיק) — צום נישט גוט ווערן.

חתימה (כסימע) — אונטערשריפט.

בשורות (בסורעס) — גוטע נייעס, אָנזאָגן.

יעלה ויצמח (יאַלע ווייצמאַד) — דאָ געמיינט: ס׳איז לעבעדיק־פריילעך.

חסידיתטע (כסידעסטע) — אירָאָניש געמיינט: אַ פרומע.

איז אינה מקודשת (איינע מעקודעשעס) — איז נישט; דאַרף מען נישט;
איז נישט געפּידלט.

יבנה המקדש (ייבאָנע האַמיקדעש) — דאָ איז דער אויסדרוק אַ צווייד
טיקער, מיט אַן אָנצוהערעניש אויף אַ רוסישן וווּלגאַרן אויסדרוק.

יוניש (יעוואָניש) — דאָ געמיינט: רוסיש.

צום קאַפּיטל פיר

באַקומען דאָס נייניעריקע — ציטערן, פלאַטערן.

ברוגז (ברויגעז).

געברוגזט (געברויגעזט).

כלי־זין (קליי־זאַיין) — געווער.

תורת־לאָקשן (טוירעס־לאָקשן) — אַן איראָנישער אויסדרוק, וואָס מען
באַנוצט, ווען מע וויל זאָגן, אַז דער געזעץ, די מיינונג איז אינגאַנצן
נישט אַזאַ וויכטיקע.

בת־קול (באַס־קאָל) — אַ שטימע פון הימל.

שלוחים (שעלוכים) — דאָ געמיינט: אויספירער.

מום — פיזישער פעלער.

גרושות (גרושעס) — אָפּגעגעטע פרויען.

עגונות (אַגונעס) — פרויען, וואָס די מענער האָבן זיי אַוועקגעוואָרפן.

זכרים (זכאָרים) — מענער. **נקבות** (נעקייוועס) — פרויען.

חושד (כוישעד) **זיין** — וואַרפן אַ פאַרדאַכט.

חשוב (כאָשעוו) — אָנגעזעעענער; אָנגעזעענער; אָנגעזעהענער; אָנגעלייגט.

ממזר (מאַמזער) — דאָ געמיינט ווי אַ יידלוואָרט — אַ קאָמבינאַטאָר, אַ שווינדלער.

גזלן (גאַזלען) — באַנדיט.

ברוך שפטרנו (באָרעך שעפּאָטראַנו) — געמיינט: אַ דאַנק גאָט, וואָס מען איז פון דעם פּאָטער געוואָרן.

מדבר (מידבער) — דאָ געמיינט: אומבאַוווינטע ערטער.

בטוח (בעטועך) — באַגלייבטער מענטש.

תחבולה (טאַכבולע) — מיטל, אויסוועג.

מכנים-אורחים (מאַכניס־אָרכים) — אַ גאַסטפריינדלעכער.

האָבן אַ שם (שעם) — האָבן אַ נאָמען.

רחמנים בני רחמנים (ראַכמאָנים בניי ראַכמאָנים) — מיטפילנדיקע קינדער פון מיטפילנדיקע; גוטהאַרציקע.

יד־אחת (יאַד־אַכעס) — זיין איינס; שלאָגן באַלאַנץ; זיין צונויפגערעדט.

משרת (מעשאָרעס) — באַדינער.

פאַקטער — מעקלער.

צום קאַפיטל פינף

דער תמצית (טאַמצעס) — דער אינהאַלט, דער טאָך.

כל־המיני פורעניות (קאָל האַמינע פּוראָניעס) — אַלערליי אומגליקן.

בעלי־חובות (באַלע־כויוועס) — די וואָס לייען יענעם געלט; קרעדיטאָרן.

נסים ונפלאות (ניסים ווניפלאָעס) — וווּנדער און אויסטערלישע זאַכן.

רשעים (רעשאָים) — דאָ געמיינט: פאַרדאָרבענע מענטשן.

ווערן אַ תל (טעל) — צו נישט ווערן; צעשטערט ווערן.

רוגזא (רוגזע) — דאָס בייזן; מיט צאָרן.

גוטע מליצה (מעליצע) — דאָ געמיינט: אַן איינשטעלעריין, אַ פאַרטיידיקעריין.

העזה (האָזע) — געשייטקייט; דאָס דרייסטע אַרויסטרעטן קעגן יענעם.

תורה (טוירע) — דאָ געמיינט: לערע, פירונג.

יודע לבבות (יוידייע לעוואָוועס) — מענטש אין טעקסט.

צדקניותן (צידקאָניעסן) — **צנועות** (צנועס) — פרומע פרויען.

טרפה סחורה (טרייפע סכוירע) — נישט דערלויבטע סכוירע.

בעטן מחילה (מעכילע) — בעטן אַנטשולדיקונג, פאַרגעבונג.

תנאי (טנאַי) — באַדינג.

בגילופין (בעגילופן) — שיכּער.

שגעון (שיגאָען) — דאָ געמיינט: קאַפּריזן, אומגעוויינטלעכע פאַרענדערונג.

מכשף (מעכשעף) — קישעף־מאַכער.

בן יאבדו (קיין יעוודו) — אַזוי זאָלן זיי פאַרפאַלן ווערן — אַן אויסדרוק פון שאָדן־פרייד, ווען מען איז צופרידן פון עמעצנס אומקום.

קרבנות (קאָרבאָנעס)

מצבות (מאַצייוועס) — אָנדענק־שטיינער אויף די קוואָרים.

קבר (קייווער).

שבחים (שוואָכים) — לויב־ווערטער.

אל מלא רחמים (איל מאָלע ראכמים) — גאָט פול מיט באַרעמהאַרציקייט, — דער אָנהייב פון אַ תּפילה, וואָס מע פלעגט זאָגן איבערן קייווער פון אַ פאַרשטאָרבענעם.

אומברחמנותדיק (אומבעראַכמאָנעסדיק) — אָן ראַכמאָנעס.

צום קאַפּיטל זעקס

משחית (מאשכעס) — פאַרדאַרבער, פאַרניכטער.

אין זיין גבול (גוול) — געמיינט דאָ: אין געביט פון זיין מאַכט; אין זיי־נע גרענעצן.

שאול תחתיה (שאָל־טאַכטיע) — אין טיפסטן אָפּגרונט.

צדקות (צידקעס) — ערלעכקייט, פרומקייט.

פאַרירטע — בלאָנדזשענדיקע (דייטשמעריש).

זיך מתודה (מיסוואַדע) זיין — אויסדערציילן און כאַראָטע האָבן אויף די באַגאַנגענע זינד.

כל־ישראל (קאָל־ייסראעל) — אַלע יידן; דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

מיתה־משונה (מיסע־מעשונע) — אומגעוויינטלעכער, אומנאַטירלעכער טויט.

רשעות (רישעס) — שלעכטס; פאַרדאָרבנקייט.

גילגול (גילגול); מגולגל (מעגולגל) ווערן — דערקלערונג אין טעקסט.

מוסרן (מוסערן) — אויסרעדן; מאָראַליזירן.

מידות (מידעס) — זיטן; געוווינהייטן.

צום קאַפּיטל זיבן

מנינימוויז (מיניאַנימווייז) — צענדליקערווייז.

שריי חי־וקיים (כאַי־וועקאַיעם) — געמיינט: שריי, אַז ס'וועט סיי ווי ניט העלפן געפערלעך: אומזיסט רופן נאָך הילף.

פּעטש ווי צו די הקפות (האַקאָפעס) — דאָ איז געמיינט די קריגער רייען און געשלאָגן אין די שולן, וואָס פלעגן אויסברעכן בעת דעם פּאָרטיילן די ווייניקע ערטער פאַר דער תפילה ביי די הקפות אַרום דעם בימה (די בעסערע אָרטיקע שטאָרקע פעסטע יונגען).

עם נעצט — אַ פאַרשטעלטער אויסדרוק אויף „עס ברענט".

געלקחנט (געלאַקכנט) — געגאַנווענט.

לוויה (לעוואַיע) — דאָ געמיינט: אַ צונויפזאַמלונג פון אַ סאַך מענטשן ביי עפּעס און אַן אומבאַשרייבלעכער געשעעניש.

מלאכי־חבלה (מאַלאַכיי־כאַבאָלע) — דאָ געמיינט: פּאָליציי.

עדותדיקן (איידעסדיקן) — ברענגען אַלס אידעס.

בביזון (באַקיזון) — אומזיסט, ספּעציעל.

סדום (סדאָם) — אַ שטאָט אַזאַ, וואָס איז מאַנאַך ווי אַן אָרט פון אומגעווינטלעך שלעכטע און אומגעשטראָפטע מענטשן.

צדדים (צדאָדים) — גרופּעס, קעגנערישע פּאַרטייען.

זיין מטמא (מעטאַמע) — דאָ געמיינט: איבערקויפן.

אָפּשיקן די תנאים (טנאָים) — איבעררייסן דעם אָפּמאַך וועגן חתונה האָבן.

סילוקן (סילעקן) **דעם נדן** (נאָדן) — באַצאָלן דעם אָפּגערעדטן צוזאָג פאַר דער קאַלע.

עד פּרוטה אחרונה (אַד פּרוטע אַכרוינע) — ביזן לעצטן גראָשן.

שטר חצי זכר (שטאַר כאָצי זאָכער) — דערקלערונג אין טעקסט.

זאָל נישט זיין צו גנאי (גנאַי) — זאָל מען נישט פאַררעכענען פאַר אַ שלעכטן שטריך, פאַר אַ שאַנד.

אָנגעטאָן אין גזלן (גאַזלען) — זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גאַזלען, רויבער.

חיה־רעה (כאַיע־ראָע) — ווילדע כאַיע.

געפענגעניש — דאָ געמיינט: רויב.

זוכה (זויכע) **געווען** — דערלעבט.

צום קאַפּיטל אַכט

מלאך־חבלה (מאַלעך כאַבאָלע) — דאָ געמיינט: דער טויט.

מת (מעס) — טויטער.

עולם התוהו (אוילעם האַטויע) — די וועלט צווישן הימל און ערד. — לויט דער יידישער גלויבונג זענען פאַראַן נשמות פון זינדיקע, וואָס בלאָנדזשען אַרום נישט געפינענדיק קיין רו, נישט קאָנענדיק אַנקומען נישט אין גאַן־עדן נישט אין גיהנום.

בלענדזען — דאָ געמיינט: פאַרבלאָנדזשען, פאַרפירן.

מלאך־הדומה (מאַלעך־האַדוימע) — דער מלאך, וואָס געוועלטיקט איבער די מתים.

מחבל (מעכאַבל) — גייסט פון פאַרניכטונג, צעשטערונג.

רציחה (רעציכע) — דאָ געמיינט: גרויס צאָרן, ווילדקייט.

ביקור־חולים (ביקער־כוילים) — קראַנקן־הויז; שפּיטאָל.

כלבתא (קלאַווטע) — הינטיכע.

משא־מתן (מאַסע־מאַטן) — געשעפט, האַנדל.

אויסרוימען דעם חמץ (כאָמעץ) — דאָ געמיינט: פאַרבאַהאַלטן אַ זאַך, וואָס מע טאָר נישט האַלטן.

צום זעקסטן בוך

צום קאַפּיטל איינס

מחמת (מאַכמעס) — צוליב.

בלבול (בילבל) — פאַלשע באַשולדיקונג.

פקח (פּיקעח) — זייער אַ קלוגער.

הכל־בכל (האַקל־באַקל) — אַלץ מיטאַנאַנדער.

אריינלייגן זיך אין שלום (שאָלעם) — דערפירן צו אָן אויסגלייך.

צום קאַפּיטל צוויי

נמאס (נימעס) — דערעסן; נישט ליב.

בעל־גאווה (באַל־גייווע) — אַ באַרימער; אַ גרויסהאַלטער.

חקרנים (כאַקראָנים) — דאָ געמיינט: די געבילדעטע.

קליפה (קליפּע) — בייזער גייסט, וואָס פאַרקליידט זיך אין אַ מענטשן און דערפירט, אַז דער מענטש זאָל אָפּ אומבאַרעכנטע שלעכטע זאַכן.

צעלניקער — גאַלאַנטעריי־הענדלער.

חלפן (כאַלפן) — געלט־אויסטוישער.

כל באיה לא ישובון (קאָל באָיע לוי יעשוּווּן) — וואָס גייט אַריין קערט זיך נישט אום צוריק.

נאמנות (נעמאָנעס) — באַגלייבטקייט; וואָרט.

עולם־הבא (אוילעם־האַבאָ) — יענע וועלט, אויבן הימל; גייסטיקע לעבן.

עולם־הזה (אוילעם־האַזע) — דאָס קערפּערלעכע לעבן דאָ אויף דער וועלט.

מה־רעש (מאַראַש) — וואָס איז דער געוואַלד?

חקרן (כאַקרען) — דאָ געמיינט: געבילדעטער; אויפגעקלערטער.

בקשה (באַקאָשע) — ביטע.

רח"ש (רעכאַש) — דאָ געמיינט: כאַבאַר; דאָס איבערקויפן.

נצחונות (ניצכוינעס) — אַמביציע; די שטרעבונג אויסצופירן דעם עמעס.

לעילא־ולעילא (לעעילע־אולעעילע) — זייער הויך, זייער געהויבן; גע־הייכט און געקרוינט.

ברטנורא (באַרטענורע) — איינער פון די פיל קאָמענטאַרן צום טאַל־מוד.

פטום הקטורת (פּיטעם האַקטוירעס) — צוזאַץ פון דאַוונען.

צום קאַפּיטל דריי

בעל־תאוודיק (באַל־טייוועדיק) — אויסגעלאַסענער.

פסולער שופר (פּאָסעלער שויפער) — אַ שויפער, וואָס מע טאָר אים שוין נישט באַנוצן, ווייל ער טוט נישט אַרויס די געהעריקע טענער.

כוח־המדמה (קויעך־האַמדאַמע) — פאַנטאַזיע, פאָרשטעלונגס־קראַפט.

תשובה (טשוווע)־געלט, תפילה (טפילע)־געלט, צדקה (צדאָקע)־געלט — אַלע אויסדריקן באַטייטן דאָ: כאַבאַר, געלט אויף איבער־צוקויפן די פּאָליציי.

תקיף (טאַקעף) — דאָ געמיינט: אַזאַ, וואָס האָט אַן אָנזען, מאַכט.

נוקם (נויקעם) זיין זיך.

למדנים (לאַמדאָנים) — געלערנטע.

יקטן (יאַקטן) — אַ קלייניקער (איראָניש).

מצער (מעצאער) **זיין זיך** — פֿאַרטרויערט זיין; נעמען זיך צום האַרצן.

חשד (כשאַד) — פֿאַרדאַכט.

צום קאַפּיטל פֿיר

נישט מאַכן זיך א פירוש (פּיירעש) — דאָ געמיינט: נישט וויסנדיק מאַכן זיך.

אולי ירחם (אולאי יעראַכעם) — טאָמער וועט זיך גאָט דערבאַרעמען — דאָ געמיינט: טאָמער וועט אַרויסקומען גוטס.

אָן מחזקות (מאַכזאָקעס) — אָן צערעמאָניעס.

מאחינו בני ישראל (מעאַכיינו בניי ייסראָעל) — פֿון אונדזערע ברידער יידן.

אלא (עלע) — וואָס דען; טאָמער.

שיר-המעלה (שיר־האַמיילע) — דאָ געמיינט: א מעסירע, אַן אָנקלאַג צו דער מאַכט.

הבל-הבלים (העוול־האַוואָלים) — קליינוקייטן, נאַרישקייטן.

אין תכלית (טאַכלעס) — דאָ געמיינט: אין פּראַקטישן צוועק, זינען.

שפּרינגען בואי בשלום (בויאָי בעשאָלעם) — דאָ געמיינט: אַנטקעגנשטעלן זיך, נישט זיין איינשטימיק.

גמילות-חסד (גמילעס־כעסעד) — האָט באָרגן א קליינע סומע אָן פּראָצענט און אויפֿן וואָרט.

פוגע בכבוד (פּויגייע־בעקאָוועד) **געווען** — אָנגערירט דעם קאָווער; באַליידיקט.

מטבע (מאַטבייע) — געמיינט: געלט.

מאכלים (מייכאָלעם) — שפּייזן; געריכטן.

א מלופום (מעלופּן)־**קינד** — א קליין קינד, וואָס הייבט זיך ערשט אָן לערנען.

מאריך־ימים (מאַרעך יאָמים) **זיין** — לאַנג לעבן.

ס'איז געווען ליהודים (לעיאַהודים) — ס'איז געווען פֿריילעך־לעבעדיק.

ראש-חודש (ראָש־כוידעש) **צום מולד** (מוילעד) — דער ערשטער טאָג פֿון כוידעש און פֿון דער נייער לְבָנָה.

לוח (לועך) — קאַלענדאַר.

ראָוי לברכה (ראָע ליבראָכע) — איז ווערט, איז צייט צו בענטשן זי.

מקדש כדת וישראל (מעקאדעש קעדאס וועיסראָעל) — כאסענע מאכן לויטן יידישן געזעץ.

שלום-עליכם (שאָלעם-אלייכעם). — **עליכם-שלום** (אלייכעם-שאָלעם) — דער מינהג צו באַגריסן זיך בעת דער צערעמאָניע פון באַגייען די לעוואָנע.

מפסיק (מאפסעק) **זיין** — איבעררייסן.

כשם שאני רוקד (כעשעם שעאני רויקעד) — ציטאַט פון דער תפילה ביים באַגייען די לעוואָנע.

מה נאמר ומה נדבר (מא נוימער אומא נעדאבער) — טייטש אין טעקסט.

שמד-שטיק (שמאַד-שטיק) — דאָ געמיינט: פאַלשע רייד, דריידלעך.

מן-השמים (מין-האשאָמאים) — פון הימל; פון גאָט; ס'איז באַשערט.

קידוש-לבנה (קידעש-לעוואָנע) — די צערעמאָניע פון הייליקן (פון באַגייען) די לעוואָנע.

על התורה ועל העבודה (אל האטוירע וועאל האַאַווידע) — אויף לערנען תורה און אויף דינען גאָט.

ויאמר (וואוימאר) — געזאָגט; **וידבר** (וואידאבער) — גערעדט.

מאניפארגע — קאָמבינאַציע, דריידל; שווינדלעריי.

הכל הבל (האַקל העוול) — אַלץ איז נישטיק.

איז לרצון (לעראָצן) — איז ליב, איז צום האַרצן.

פשט (פשאט) — טייטש.

צדיק תמיד (צאדיק טאָמיד) — אַ פולקאָם ערלעכער מענטש.

רכילות (רעכילעס) — באַרעדעריי.

דיבורים (דיבורים) — רייד, ווערטער.

קנס (קנאס) — שטראָף-געלט.

בהן שלי (בעהעו שעלי) — אויף מיין וואָרט.

בהן שלכם (בעהעו שעלאָכעם) — אויף אייער וואָרט.

זיך מפרנס (מעפאַרנעס) **זיין** — זיך דערנערן.

צום קאַפּיטל פינף

שולמית (שולאמיס) — די העלדין פון דער טאַנאַכיקער פּאָעמע „שיר השירים".

פסוקים (פסוקים) — זאצן, ארויסזאגונגען.

כנסת-ישראל (קנעסעס-ייסראָעל) — דאָס יידישע פאָלק.

חסידות (כסידעס) — די לערע, די טעאָריע פון דער כסידישער באוועגונג (זעט פריערדיקע באמערקונגען).

התלהבות (היסלייוועס) — באגייסטערונג; ברען.

היכע עולמות (אוילאָמעס) — גייסטיקע וועלטן.

יהי חלקי עמה (יעהי כעלקי אימאָ) — זאָל מיין אַנטייל (אין אוילעם-האבאָ) זיין מיט אירן גלייך.

אין גלות (גאָלעס) — אין דער צעשפרייטונג פון די יידן אויף דער וועלט.

בטבע (בעטעווע) — פון דער נאַטור; אין כאַראַקטער.

חטא (כעט) — זינד, פאַרברעכן.

כל-ישראל (קאָל-ייסראָעל) — דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

זאָגן מוסר (מוסער) — שטראָפן מיט רייד; פרעדיקן מאָראַל.

מוסר-זאָגער — מאָראַל-פרעדיקער; שטראָפער.

שרצים (שראָצים) — קריכענדיקע באַשעפענישן.

אין חבוש מוציא מבית אסורים (איין כאָוועש מויצי מיבייס אסורים) — דערקלערונג אין טעקסט.

כלל (קלאל) — נאָרמע, רעגל; דין — געזעץ.

דער טוניעיאדעווקער זאָל לעבן — געמיינט: דער כסידישער צאַדיק פון טוניעיאַדעווקע.

לכן (לאָכיין) — דעריבער.

בשמחה רבה (בעסימכע ראבאָ) — מיט פיל פרייד.

עקשנים (אקשאָנים) — איינגעשפאַרטע.

בזיונות (ביזיוינעס) — שאַנד; פאַרשעמונגען; איינצאָל ביזאָיען.

צום זיבעטן בוך

צום קאַפיטל איינס

תמוזדיקע (טאמעזדיקע) — דער הייסער כוידעש (יוני-יולי).

ליהודים (לעיהודים) — פרייליך.

העויהלעך (האוואיעלעד) — מינעלעך.

מפיל (מאפּיל) **זיין** — געבוירן פאר דער צייט.

ערבות (אַרוועס) — דאָ געמיינט: אַלגעמיינע פאראַנטוואָרטלעכקייט.

קדחת (קאַדאָכעס) — פיבער.

חגא (כאָגע) — נישט־יידישער יאָנטעוו.

חדווה (כעדווע) — פרייליכקייט.

רוצחים (ראָצכים) — מערדער.

חלשות (כאַלאָשעס).

תענוגים (טײַנוגים) — פאַרגעניגנס; ווילטאָגן.

מלא־שמחה (מאָלע־סימכע) — פול מיט פרייד.

מחיה נפשות (מעכאיע־נעפאשעס) — א דערקוויקעניש.

תאוות (טײַוועס) — ליידנשאַפטן, גלוסטונגען; איינצאָל: טײַווע.

מידות (מידעס) — אייגנשאַפטן, זיטן.

כוח־המדמה (קויעך־האַמדאַמע) — פאַנטאַזיע.

שוטים (שויטים) — נאַראָנים.

עגמת־נפש (אגמעס־נעפעש) — קרענקונג; זאָרג.

גזלנים (גאזלאָנים) — רויבערס.

חיות רעות (כאיעס־ראָעס) — ווילדע באַהעמס.

יוצא (יויצע) **געוועזן** — דאָ געמיינט: זיך באַגנוגנט.

תלמיד (טאַלמיד) — שילער.

גדלות (גאַדלעס) — שטאָלץ, גרויסהאַלטעריי.

צום קאַפּיטל צוויי

שגעון (שיגאָען) — דאָס משוגע ווערן.

מכות (מאַקעס) — **פורעניות** (פּיראָניעס) — אַנשיקענישן.

בן־יחידים (בען־יעכידים) — איין־און־איינציקער זון. איינצאָל בען־יאָכיד.

שהחינו וקימנו והגיענו (שעהעכיאָנו וועקימאָנו וועהיגיאָנו) — פון דער בראָכע איבער א וויכטיק געשעעניש.

מלאכי־חבלה (מאלאכע־כאבאָלע) — מזיקים.

שמשון הגיבור (שימשען האגיבער) — דער לעגענדארער ריז שימשען, וואָס האָט העלדיש געקעמפט מיט די פעלישטים, וועלכע זענען באַפאלן דאָס יידישע לאנד.

אותו ואת בנו (אויסוי וועעס בנוי) — אים מיטן זון.

פירן צו דער עקידה (אַקיידע) — אליין פֿירן צו ווערן א קאָרבן. אליין ברענגען דאָס קינד צום אומקום.

נעלם (נעלעם) **געוואָרן** — פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

צום קאַפּיטל דריי

בת-מלכה (באס־מאלקע) — פּרינצעסין.

ביקור־חולים (ביקער־כוילים) — שפּיטאָל.

אָפּראוולאַיושטשי — פֿאַרוואַלטער (רוסיש).

אקציז — דער אָפּצאָל פֿון בראָנפֿן און וויין. אין יענער צייט פֿלעגט די רעגירונג אָפּגעבן פּריוואַטע פּערזאָנען אין אַרענדע דאָס רעכט אויפֿצומאָנען דעם אָפּצאָל פֿון מאַכן און פֿאַרקויפֿן בראָנפֿן. אקציז — האָט אויך געהייסן די טאַנטיע אינסטיטוציע (אמט) אײַנצומאָנען דעם אָפּצאָל. אקציזניקעס — די באַאַמטע וואָס פֿלעגן אײַנמאָנען דעם אָפּצאָל. מיטן אַרענדירן דעם אקציז האָט זיך אויך פֿאַרנומען אין יענער צייט יידישע רייכע סוחרים.

בכבוד גדול (בעקאָווועד גאָדל) — מיט גרויס קאָוועד.

בשר־ודם (באָסער־וועדאָם) — פֿלייש־און־בלוט — געמיינט דאָ: א מענטש:

משכילים (מאסקילים) — אויפֿגעקלערטע (זע פֿריערדיקע באַמערקונגען).

זוכה (זויכע) **זיין** — די ווערט האָבן.

סעודה פון לויתן (סודע פון לעוויאָסן) — לויטן יידישן גלויבונג וועט מען נאָך משיחס קומען מאַכן פֿאַר די צאַדיקים א גרויסן מאָל־צייט, אויף וועלכן מען וועט עסן פֿון דעם ריזנפֿיש לעוויאָסן, אויף וועלכן עס האַלט זיך די וועלט, און פֿון דעם ריזן־אָקס שאָר־האַבאָר, אויך וועט מען טרינקען פֿון א ספּעציעלן אַלטן אויפֿגעהיטן ווייַן „יאַיִין האַמשומער".

זיין מסופק (מעסופעק) — צווייפֿלען; נישט זיין זיכער.

מאמינים — גלייביקע.

רוחניות (רויכניעס) — גייסטיקייט.

משגיח (מאשגיעך) — אויפֿזעער; אינספּעקטאָר.

ראבינער־שול — א העכערע שול, וווּ מע האָט געלערנט אויף וועלט־לעכע לימודים און אויך די יידישע רעליגיעזע לימודים האָט מען גע־

לערנט אויף אַ נייעם, רעפאָרמירטן שטייגער, לויט די פּרינציפּן פון דער השׂכּלה־באַוועגונג. די אַבסאָלווענטן פון דער ראַבינער־שול האָבן געקאָנט ווערן אַזוי גערופענע ראַבינערס אָדער קאַזיאָנע ראַ־באָנים, אָדער אָפיציעלע ראַבאָנים, אָנגעקוקטע דורך דער רוסישער רעגירונג. זיי פלעגן פירן די מעטריקער־ביכער אַחוץ. די אַבסאָלווענ־טן פון די ראַבינער־שולן (אַזעלכע זענען אין רוסלאַנד געווען צוויי: אין ווילנע און אין זשיטאָמיר, געגרינדעט אין 1845) זענען אויך געווען לערער אין די רעגירונגס־שולן פאַר יידישע קינדער. מענדעלע מוכר־ספרים אַליין האָט אויך געענדיקט אין 1869 די זשיטאָמירער ראַבינער־שול.

אסיפות (אַסיפעס) — פאַרזאַמלונגען.

אם־כן (אים־קיין) — אויב אַזוי.

אָן שהיות (שיעס) — נישט געזאַמט זיך.

צום קאַפּיטל פיר

חרוב (כאָרעוו) **ווערן** — דאָ געמיינט: אומקומען.

גלות־מצרים (גאָלעס־מיצראַים) — די קנעכטשאַפט אין עגיפּטן.

ממשלה (מעמשאָלע) — מאַכט.

שפע (שעפע) — דאָ געמיינט: פאַרדינסט, פּאַרנאָסע.

גבאים (גאַבאָים) — דאָ געמיינט: פאַרוואַלטערס, אויפזעערס.

בשתיקה (בעשטיקע) — שטילערהייט, פאַרבאָרגנערהייט.

אין די געצעלטן יעקבס (יאַנקעווס) — געמיינט: ביי יידן.

מגדל (מעגאַדל) **געווען לתורה ולחופה** (לעטוירע אולכופּע) — אויפגעער האָדעוועט צו לערנען און חתונה צו האָבן.

עליה השלום (אָלעאָ־האַשאָלעם) — פריד זאָל זי אויך — אַן אויסדרוק ביים דערמאָנען אַ געשטאָרבענע. דאָ געמיינט: איראָניש.

חשוב (כאָשעוו) — דאָ באַטייט: ווייכטיק, אָנגעזעען.

אָטנאָשעניע, ראַספּאָראַזשעניע — ווענדונג, פאַראָרדענונג (רוסיש).

צלם־אלהים (ציילעם־עלויהים) — דאָ געמיינט: דאָס יידישע אויסזען.

שבח (שוואַך) — לויבוואָרט; גוטער אָפּרוף.

בעל־תשובה (באַל־טשוווע) — אַ זינדיקער, וואָס האָט באַראָטן אויף זיינע זינד און לעבט שוין ערלעך, פרום.

היתר (העטער) — א פֿאַרשריפֿט, וואָס באַפֿרייט פֿון אָפּצוהיטן א געבאָט.

בשעת חדוה (בעשאַס כעדווע) — אין דער צייט ווען אַלע פֿרייען זיך.

האָבן דאָס נייניעריקע קדחת (קאַדאָכעס) — ציטערן, מורא האָבן.

בדחנים (באַדכאָנים) — מאַרשאַליקעס, פֿריילעך־מאַכערס אויף כאַסענעס ביי ייִדן, זיי פֿלעגן זאָגן פֿאַרשיידענע וויצן, לידלעך.

חברה פ״ץ (כעוורע פּאַץ) — כעוורע פּויאַלע צעדעק — באַלמעלאָכעס; אַרבעטער־געזעלן.

פֿאָלקס־פּיטנים (פּאַיטאָנים) — פֿאָלקס־דיכטער.

משלחת (מישלאַכעס) — אָנשיקעניש.

מכפר (מעכאַפּער) זיין — פֿאַרדעקן די זינד; באַרעכטיקן די זינד.

אמבאָרן — שפּייכלערס.

שומרים (שאָמרים) — וועכטער.

משרתים (מעשאָרסים) — דינער.

געשלאָגן אויף דער עברי (איוורע) — קוים וואָס זיי קאָנען לייענען־שרייבן; האַלבע אַנאַלפֿאַבעטן.

אַרץ־פּיאַסקע עזות פּנימער (אַזעס־פּענימער) — אומפֿאַרשעמטע פֿרעכע מענטשן.

תשבורת (טישבוירעס) — ברוכצאָלן.

כללים (קלאָלים) — רעגלען, געזעצן.

כפל (קייפל) — דריטע אַריטמעטישע האַנדלונג.

סווישטשערס — פּייפֿערס; פּוסטע מענטשן.

מוסרים (מאָסרים) — צוטראָגערס.

תקיפים (טאַקיפֿים) — דאָ געמיינט: מענטשן וואָס האָבן מאַכט.

פֿון יוצא (יויצע) וועגן — דאָ געמיינט: צו זיין אין אָרדענונג; אַבי זיך אָפּצוטשעפּען.

משה מחויבניקעס (מוישע מעכויעווניקעס) — אַלערלעי מענטשן, וואָס האַלטן, אַז אַלץ קומט זיי.

אָדון (אָדן) — האַר; גרויסער מאַן; מערצאָל: אַדוינים.

סור־בור ומפליא לעשות (אומאַפֿלי לאַאַסויס) — א באַצייכענונג פֿאַר א טואונג, וואָס ווערט געמאַכט אויף איין פֿוס, אַבי אָפּגעפּאַטערט.

ניבול־פה (ניוול־פּע) — שמוציקע רייד.

בכיוון (בעקיוון) — אומיסטן, ספּעציעל.

תאוות (טייוועס) — ליידנשאַפֿטן; גלוסטונגען.

נסך (נעסעך) — ווייַן, וואָס איז לויט די יידישע פאַרשריפטן פאַרבאָטן צו טרינקען.

הגביר הגדול והנורא (האַגעוויר האַגאָדל וועהאַנוירא) — דער גרויסער און שרעקלעכער גביר.

ערב־רב (איירעוו־ראָוו) — א מענטשן־געמיש.

פאַדריאַדטשיקעס — צושטעלערס פון פאַרשידענע סחורעס פאַר רעגירונגס־אינסטיטוציעס.

פרשה בראשית (פאַרשע בערייִשיס) — דאָס ערשטע קאַפיטל פון חומש, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „בערייִשים באַראָ".

חיי אָדם (כאַיעי אָדאָם) — קאָמענטאַר צו דער תורה.

דייטשרישער איבערזעץ — דייטשישע איבערזעצונג.

בעל־לשון (באַל־לאָשן) — שפּראַך־קענער.

בטלנים (באַטלאָנים) — דאָ געמיינט: טריבלערס; מענטשן אָפּגעריסענע פון פּראַקטישן לעבן.

קרייטיש — שווער צו באַנעמען.

אגדתא (אַגאַדעטע) — לעגענדע, מיסטעריע פון תלמוד.

משלים (מעשאָלים) — ביישפּילן.

כוונות (קאַוואָנעס) — איינצאָל: קאַוואָנע — מיין, אינטענץ.

על־פּי חכמת הפּאָליטיקע (אַלפּי כאָכמאַס האַפּאָליטיקע) — לויט דער פּאָליטישער וויסנשאַפט.

יוצרות (יאָצרעס) — אַזעלכע טפילות.

שלחן־ערוך (שולכן־אָרעך) — א מין רעליגיעזער קאָדעקס; זאַמלונג פון רעליגיעזע פאַרשריפטן פאַר אַלע געלעגנהייטן אין לעבן. דער „שולכן אָרעך" איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך יאָסעף קאַראָ אין 16־טן יאָרהונדערט.

בית שמאי (בייס־שאַמע) — **און בית הילל** (בייס־הילעל) — צוויי ריכטונגען, וואָס טרעטן אָפט אַרויס אין דער טאַלמודישער דיסקוסיע.

נולד (נוילעד) **געוואָרן** — געבוירן געוואָרן.

חקירות (כקירעס) — דאָ געמיינט: טעאָריעס, פּרינציפּן.

צום קאַפּיטל פינף

כפל־שמונהדיקער (קאָפּל־שמוינעדיקער) — פילפאַכער.

מקיים זיין מצוות לשם שמים (מעקאַיעם זיין מיצוועס לעשעם שאָמאַים) — אָפּהיטן געבאָטן פאַר גאָט.

המוציא (האַמויצע) — די טפילה ביים אָנהייבן עסן.

שלש סעודות (שאָלעשודעס) — די דריי שאַבעס־מאָלצייטן.

פירות (פּיירעס) — פרוכטן.

שהחינו (שעהעכיאָנו) — די טפילה ביים ערשטן מאָל פאַרזוכן אַ פרוכט.

ארבע כוסות (אַרבע קויסעס) — געמיינט דאָ: פיר מאָל טרינקען וויין.

נטילת ידים (נעטילעס יאָדאַים) — די טפילה ביים וואַשן די הענט. דאָס זעלבע אשער יאַצאַר.

כלל וכלל (קלאַל אוקלאַל) — אינגאַנצן; אַבסאָלוט.

בנמצא (בענימצע) — צו געפינען; צו קריגן.

סטראַפּטשעם — אַדוואָקאַטן.

אויבעלעך — מעדאַלן.

פרנסי חדשים (פּאַרנעסיי כאַדאָשים) — איינצאָל פּאַרנעס כוידעש — אָרדנטלעכע דאַטמענער אין דער קהילה.

קברנים (קאַבראָנים) — באַגראָבער.

ראשי ישיבות (ראָש־יעשיוועס) — די עלטסטע לערער אין די יעשיוועס (העכערע רעליגיעזע שולן).

פרושים (פּאָרושים) — יידן, וואָס פלעגן זיך אָפּשיידן פון זייערע פרויען און זיך פאַרנעמען בלויז מיט לערנען תורה.

כל ישראל אחים (קאָל ייסראָעל אַכים) — אַלע יידן זענען ברודער.

מבטל (מעוואַטל) **זיין** — האַלטן פאַר נישט וויכטיק.

אָדון הגדול (אָדן האַגאָדל) — גרויסער האַר, הויפּטראַנפירער.

כמנהג (קעמינעג) **ייד** — ווי דער שטייגער צווישן יידן.

ס'איז נישט שייך (שאַיעך) — ס'פּאַסט נישט; ס'פירט זיך נישט.

אחינו בני ישראל (אַכיינו בניי ייסראָעל) — אונדזערע ברידער יידן.

עפר ואפר (אָפאָר וועייפער) — צו שטויב און אַש — געמיינט דאָ: דערנידעריקט.

מחבר (מעכאַבער) — שרייבער; אויטאָר.

מודעות (מוידאָעס) — מעלדונגען; אַנאָנסן.

ביוש (ביעש) — שאַנד; פאַרשעמונג.

בעלי־טובות (באַלע־טויוועס) — גוטס־טוער (איראָניש).

גבאים (גאַבאָים) — דאָ געמיינט: שטאָטישע אָנפירערס.

צום קאַפיטל זעקס

מסוכן (מעסוקן) — געפערלעך.

בזכות (ביזכוס) — דאָ געמיינט: אַדאַנק.

מבקר חולים (מעוואַקער־כוילים) **זיין** — געוואַר ווערן צו אַ קראַנקען.

ישועה (יעשוע) — הילף.

דין־תורה (דין־טוירע) — אַ פּראָצעס, אַ מישפּט לויט די יידישע געזעצן.

מקריב (מעקאַרעוו) **זיין**.

טרפה־פסול (טרייפע־פּאָסל) — דאָ געמיינט: די וועלטלעכע ביכער.

אָדם קרוב לעצמו (אָדאָם קאָרעוו לעאַצמוי) — אַ מענטש איז אַמנאָענטס־סטן צו זיך אַליין.

באַגזלט (באַגאַזלט) — באַרויבט.

אַפּיקורסישע (אַפּיקאָרסישע) — אַנטי־רעליגיעזע.

לכל־הדעות (לעכאָל־האַדייעס) — לויט אַלעמענס מיינונג.

מפרנס (מעפּאַרנעס) **זיין** — שפּייזן, דערנערן.

איינטרעגלעכע — אַזאַ וואָס ברענגט פּאַרדינסט.

תעניתים (טאַנייסים) — פאַסטטעג.

לאָפּנעט — פּלאַצט (פון רוסיש).

טענדע־ווערענדע — אַזאַ איבערדראָק, וואָס די ראַבינער פלעגן טראָגן.

צום אַכטן בוך

צום קאַפיטל איינס

גבורות הבורא (געוורעס האַבוירע) — גאָטס קראַפט.

קאָוויאָר — טעפּעך (פון רוסיש).

קטורת (קטוירעס) — שמעקעדיקע געווירץ, וואָס מע פֿלעגט רייכערן ביים ברענגען קאָרבאָנעס פֿאַר גאָט.

לוויים (לעוויאים) — אַמאָליקע קאַסטע ביי ייִדן, וואָס איר הויפּטבאַשעפֿטיקונג איז געווען דאָס באַדינען ביי די גאָטס־דינסטן.

דור המבול (דאָר האַמאַבל) — דער דאָר פֿון מאַבל, געמיינט די לעגענדאַרע פֿאַרפֿלייצונג פֿון דער וועלט אַלס שטראָף פֿאַרן זינדיקן לעבן. געראַטעוועט פֿון דער פֿאַרפֿלייצונג האָט זיך בלויז נאָאַך מיט זיין הויזגעזינד און מיט די צונויפֿגעזאַמלטע לעבעדיקע באַשעפֿענישן.

חם (כאָם) — איינער פֿון נאָאַכס זין.

עבד כנעני (עווער קנאַני) — אַ שקלאַף.

אויף דור־דורות (דאָר־דוירעס) — אויף אייביק.

שיכרות (שיקרעס).

פֿאַרחתמעט (פֿאַרכאַסמעט) — פֿאַרזיגלט.

דופֿען — זיך פֿאַרלאָזן (פֿון פּויליש).

מסירה (מעסירע).

נכפֿה (ניכפּע) — די פֿאַליקע קראַנקהייט; עפּילעפּסיע.

שר־המשקים (סאַר־האַמאַשקים) — דער האַר איבער די געטראַנקען.

לצים (לייצים) — דאָ געמיינט: ווערטלזאָגער; שפּאַסער.

נאמנה (נעמאָנע) — גלויבן, רעליגיע.

ראיה (ראיע) — באַווייז.

שפּיץ־נאָמען — פֿאַמיליע.

צום קאַפּיטל צוויי

מימרות (מעמרעס) — מיינונגען, אַרויסזאָגונגען.

טיטוס הרשע (האָראָשע) — דער רוימישער קריגספֿירער, וועלכער האָט צעשטערט ירושלאַיִם (70 י. נאָך קר.)

גבורים (גיבוירים) — העלדן.

קדושים (קעדוישים) — מאַרטירער, אומגעקומענע פֿאַרן גלויבן.

אומגעקומען אויף קידוש־השם (קידעש־האַשעם) — שטאַרבן פֿאַרן גלויבן; פֿאַר אַן אידעאַל.

מדינות (מעדינעס) — לענדער.

דרשות (דראָשעס) — רעדעס.

געדראנג — דאָ געמיינט: אויספיר; לאָגישער געדאנקען גאנג.

לויתן (לעוויאָסן) — דאָ געמיינט: אַ ריז.

דער שכל (סייכל) **איז מחיב** (מעכאַיעוו) — ס'איז לאָגיש; ס'איז לויטן קלאָרן פאַרשטאַנד.

מסחר (מיסכער) **וועלט** — האַנדלס־וועלט.

בכן (בעכיין) — דעריבער איז וואָס?

משנה מקום (מעשאַנע מאָקעם) — געביטן דאָס אָרט.

אם־כן (אים־קיין) — אויב אַזוי.

שמח זבולן בצאתך (סמאַך זוולן בעצייסכאָ) — פריי זיך זוולן מיט דיין אַרויסגאַנג.

פהקודש (פע־קאָדעש) — גרויס מויל; באַרעדעוודיקייט.

חדשות (כאַדאָשעס) — נייעס.

מעשה־גנב (מייסע־גאַנעוו) — אויפן שטייגער פון אַ גאַנעוו.

טרחה (טירכע) — מי, אַרבעט.

קאָנדיציעס — באַדינגונגען.

לא היה (לוי האָיאָ) — געמיינט: ס'הייבט זיך נישט אָן.

אייבער הסברה (האסבאָרע) — שפּיציל; קאָמבינאַציע.

רבותי (ראַבויסיי) — אַזאַ פאָרם פון ווענדן זיך צו אַ פאַרזאַמלטן עולם, אַ שטייגער ווי „מיינע הערן”.

תנאי (טנאַי) — באַדינג.

נביאות (נעוויעס) **זאָגן** — פאָרויסזאָגן.

„מפעלות אלהים” (מיפאַיילעס עלאָהים) — פון גאָטס וווּנדער; „טאָל־חעם אַדאָם” — די געשיכטע פון מענטשן — ווערק, אין וועלכע ס'דערציילן זיך פאַרשיידענע וווּנדערלעכע געשיכטעס.

בעל־שם (באַל־שעם) — וווּנדער־באַווייזער.

על־פּי קבלה (אַלפּי קאַבאָלע) — לויט דער רעליגיעז־מיסטישער לערע קאַבאָלע (זעט פריערדיקע דערקלערונגען).

רואה ואני נראה (רויע וועאיינע נערע) — טייטש אין טעקסט.

צום קאַפּיטל דריי

אורח (אוירעך) — דאָ געמיינט: אַ פאַרבעטענער צו עסן שאַבעס.

בריה נפלאה (בעריע־ניפלאָע) — אַן אויסערגעוויינטלעך פעיִקער.

חכם־עתיק (כאָכעם אַטיק) — זייער אַ קלוגער.

מעשה־רע (מייסע־רא) — דאָ געמיינט: שלעכטער שטריך.

דער „אַלטער" זאָל לעבן — געמיינט: דער כסידישער צאַדיק.

עקרה (אַקאָרע) — אַ פרוי, וואָס קאָן נישט האָבן קיין קינדער.

ווידערשפענעדיקע — ווידערשפעניקע — אַזאַ וואָס פאָלגט זיך נישט; וואָס שטעלט זיך אַקעגן.

הבטחה (האַווטאָכע) — צוזאָג.

מקוים (מעקוייעם) **געוואָרן** — אויסגעפירט געוואָרן; האָט זיך פאַרווירקלעכט.

באשר (בעאַשער) — אַזוי ווי...

ככתוב (קעקאָסעוו) — ווי ס'שטייט געשריבן — לויט ווי ס'פירט זיך ביי לייט.

מגפה (מאַגייפע) — עפּידעמיע.

געבולבעט — איראָנישער אויסדריק אויף „געבילדעט".

קליפה (קליפּע) — בייזער גייסט; נישט־גוטער.

חנ"ה — דאָס זענען דריי מיצוות, וואָס פרומע פרויען פלעגן אָפּהיטן.

מלאך־המות (מאַלעך־האַמאָוועס) — דער טויט.

למדן מופלג (לאַמדן מופלעג) — אַן אויסגעצייכנטער קענער.

ביאור (ביאור) — דערקלערונג, אויסטייטשונג צו דער טוירע. געמיינט דער ביבלקאָמענטאַר פון דעם האַסקאָלע־באַגרינדער מוישע מענדעלסאָן (סאָף פון 18טן י"ה).

מדרש (מעדרעש) **מיט פשט** (פשאַט) — געמיינט: אויסמישן דעם ווערטלעכן טייטש מיט די לעגענדער־צוגאָבן.

חקירה (כקירע) — דאָ געמיינט: פילאָסאָפיע.

ידיעה ובחירה (יעדיע ובכירע) — דערקענטעניש און פרייער ווילן (פילאָסאָפישע באַגריפן).

שכר ועונש (סכאַר וועאוינעש) — באַלוינונג און שטראָף.

שנאת חנם (סינעס כינעם) — אומזיסטע, נישט־פאַרדינטע פיינטשאַפט.

מדרגה (מאַדרייגע) — שטאַפּל; ניוואָ.
חלול השם (כילעל האַשעם) — גאָטרבאַשווערונג, גאָטרלעסטערונג.

צום קאַפּיטל פיר

כמו (קעמוי) — ענלעך; אַזוי ווי.
כיבוד אב (קיבעד אָוו) — געמיינט: דער געבאָט פון אַכטן אַ פאָטער.
כיבוד בנים (קיבעד באָנים) — דאָס אַכטן, שעצן די קינדער.
פועלי צדק (פּויאַלע צאַדעק) — געמיינט: אַרבעטער, באַלמעלאָכעס.
מקבל (מעקאַבל) **געווען** — געקריגן, באַקומען.
אויספירן אַ מוסר (מוסער) — אַראָפּנעמען ווי אַ מאָראַל, אַן אָנלערנונג.

צום קאַפּיטל פינף

אָפּגעבן שלום (שאָלעם) — געבן די האַנט צו באַגריסן זיך.
פון לכתחילה (לעכאַטכילע) — פון סאַמע אָנהייב.
עמי הארצים (אַמעראַצים) — אַנאַלפאַבעטן.
חטאים (כאַטאָים) — זינד.
רבנות (ראַבאָנעס) — אַמט פון אַ ראָוו.
מורה־הוראה (מוירע הוירָאע) — ראָוו.

צום סוף פון דער מעשה

פאַגראָמען — דאָ זענען דערמאָנט די פּאָגראָמען־כוואַליעס, וואָס האָט זיך דורכגעקײַקלט איבער די ייִדישע שטעטל און שטעטלעך אין אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן פון 19־טן י״ה. די דאָזיקע פּאָגראָמען, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן מיט דער האַסקאָמע פון די צאַרישע באַאַמטע, האָבן שטאַרק צעשטערט בײַ דעם בעסטן טייל פון די מאַסקילים דעם גלויבן אין גוטן ווילן פון דער רעגירונג צו העלפן דער ייִדישער באַפעלקערונג און ביכלאַל אַ וואַקל געטאָן די פּאָזיציעס פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג, וואָס האָט געזען אין בילדונג און אויפקלערונג די איינציקע רעפואָע צו ענדערן דעם שלעכטן מאַצעוו פון די ייִדן אין רוסלאַנד.

מחבלים (מעכאַבלים) — פֿאַרניכטערס, צעשטערערס.

מליצים (מעליצים) — אַדוואָקאַטן.

לוטס (לאָטס) **ווייב** — לויט אַ ביבלישער לעגענדע איז די שטאָט סדאָם פֿאַרניכטעט געוואָרן דורך גאָט פֿאַר די זינד פֿון אירע איינוווינער. בלויז דער פֿרומער לאָט מיט זיין הויזגעזינד האָבן זיך געראַטעוועט. אָבער זיין ווייב, וואָס האָט אויס נייגעריקייט אַ קוק געטאָן אויף צוריק צו זען, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט, איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אין אַ שטיק זאַלץ.

ונתנה תוקף (אונעסאַנע טויקעף) — אַ טפֿילה פֿון ראָשהשנה דאַווענען.

מי יחיה ומי ימות (מי ייִכיע אומי יאָמוס) — ווער ס'וועט לעבן און ווער ס'וועט שטאַרבן — ציטאַט פֿון דער אויבנדערמאָנטער טפֿילה. דאָסגלייכן די ווייטערדיקע.

מי ינוח ומי ינוע (מי יאָנוּאַך אומי יאָנוּאַ) — ווער ס'וועט האָבן רו און ווער ס'וועט פֿאַרוואָגלט ווערן.

מאכן אַ מלא (מאָלע) — אָפּזאָגן די טפֿילה "אל מלא רחמים", וואָס מע זאָגט ביים קבֿר פֿון אַ געשטאָרבענעם.

את נשמת (עס נישמאַס) — די נשמה פֿון... — אין דער אויבנדער־מאָנטער טפֿילה ווערט אויסגערופֿן די נשמה, דער נאָמען פֿון פֿאַר־שטאָרבענעם.

את נשמת הקדושה האשה ביילע בת בנציון ונשמות בנותיה הקדו־שות והטהורות (עס נישמאַס האַקדוישע האָישאָ ביילע באַס בענ־ציען אונעשאָמויס בנויסעאָ האַקדוישויס וועהאַטאוירויס) — די נע־שאָמע פֿון דער הייליקער פֿרוי ביילע די טאָכטער פֿון בענציען און די נעשאָמעס פֿון אירע הייליקע און ריינע טעכטער.

תלמוד תורה (טאַלמיד־טוירע) — אַזאַ חדר פֿאַר אָרעמע קינדער.

הקדש (העקדעש) — אַזאַ קראַנקן־הויז פֿאַר אָרעמע, גלייכצייטיק אַ נאַכט־לעגער־הויז פֿאַר אָרעמעלייט.

מבער חמץ (מעוואַער כאָמעץ) **געווען** — דאָ געמיינט: פֿאַרבאַהאַלטן אַזעלכע סחורעס, וואָס מע האָט נישט געטאָרט האַנדלען מיט זיי.

חוזק (כויזעק) — דאָ געמיינט: צו שפּאָט; קאָמיש.

סדורים (סידורים), **מחזורים** (מאַכזוירים), **סליחות** (סליכעס), **תחינות** (טכינעס), **קינות** (קינעס) — אַלערליי זאַמלונגען פֿון טפֿילות צו פֿאַרשידענע געלעגנהייטן.

תשובה (טשוווע) — ענטפער.
דרשות (דראָשעס) — רעדעס.
איז קיין סילוק (סילעק) **נישט** — גילט נישט; גייט נישט אָן.
פזמון (פיזמען) — דאָ געמיינט: שיינע פראַזן.
מימרות (מעמרעס) — מיינונגען; טעאָריעס.
דרשנט (דאַרשנט) — רעדט.
חכמהט (כאָכמעט) **זיך** — קליגט זיך.
הסברות (האַסבאָרעס) — דאָ געמיינט: איינפאַלן; פּלענער.
בעלי־דברנס (באַל־דאַברענס) — שפּאָטיש אויף „רעדנערס".
מה שמיכם (מאַ שעמייכעם)? — ווי אַזוי הייסט איר?
משולחים (מעשולאָכים) — דעלעגאַטן.
חברה (כעווורע) — געזעלשאַפט, אינסטיטוציע.
כמה וכמה (קאַמע וועקאַמע) — אַזויפיל און אַזויפיל; זייער א סאַך.
כהנים (קויהאַנים) **דוכענען** — לויט א יידישער גלויבונג זענען טאַקע צווישן די יידן פאַראַן אָפּשטאַמיקע פון דער אַמאָליקער קאַסטע קוי־האַנים, וואָס פלעגן זיין די טעמפּל־דינער פון גאָט. אין איניקע יאָנ־טויווים פלעגן די דאָזיקע קויהאַנים אויף א ספּעציעלן אופן בענטשן דעם איבעריקן אוילעם יידן, דאָס האָט געהייסן „דוכענען".
חזקם ואמצם (כעזקאַם וועעמצאַם) — איך האָבן זיי געשטאַרקט און גע־קרעפטיקט. **ואם צריכים רפואה** (וועים צעריכים רעפוע) — און טאָ־מער דאַרפן זיי היילונג.
חוקר ודורש (כויקער וועדוירעש) **געווען** — גוט אויסגעפאָרשט.
שתדלנות (שטאַדלאָנעס) — דאָס אינטערווענירן, אויסבעטן.
לא די (לוי דאַי) — נישט גענוג; ווייניק נאָך.
מה־יפית (מאַיאָפּעס) — דאָ געמיינט: זיך אונטערלעקן. זיך דערנידעריקן.
פחיתת הכבוד (פּכיסעס האַקאָוועד) — פאַרמינערונג פון קאָוועד; באַ־לייידיקונג; דערנידעריקונג.
מחנות (מאַכנעס) — אָפּטיילונגען, מענגעס.
בעלי צדקות (באַל־צדאָקעס) — צדאָקע־געבער; פילאַנטראָפּן.
קבצנען (קאַבצענען) — בעטלען, שנאָרן.
תהום (טעהאָם) — אָפּגרונט.

בצמצום (בעצימצעס) — קאַרג; קנאַפּ; שפּאָרעוודיק.

נאָך אלע היומס (האַיעמס) — שוין נאָך אַלעמען.

תוהו ובוהו (טויע־אוווויע) — כאַאָס.

שאריען — טראָגן.

מענטשן פון „מוישעס גלויבן" — געמיינט דאָ די עקסטרעמע אַסימי־
לירטע, וואָס פלעגן זיך נישט אָנגעבן פאַר יידן נאָר_פאַר „דייטשן
פון מוישעס גלויבן", „פּאָליאַקן פון מוישעס גלויבן" אַדגל.

א חיוב (כיעוו) — אַ מוז־זאַך.

בעל־שמחה (באַל־סימכע) — דער וואָס איז דער איינאָרדענער פון דער
פייערונג.

במהרה בימינו (בימהיירע בעיאָמיינו) — מע. זאָל דערלעבן אינגיכן אין
אונדזערע טעג — אַ ווינטשעוואַניע אַזאַ.

אָמן וכן יהי רצון (אָמיין וועכיין יעהי ראָצן) — האַלעווײַ זאָל אַזוי זיין
דער ווילן פון גאָט...

אינהאַלט

	זייט
דאָס ערשטע בוך	5
דאָס צווייטע בוך	47
דאָס דריטע בוך	97
דאָס פערטע בוך	141
דאָס פינפטע בוך	191
דאָס זעקסטע בוך	244
דאָס זיבעטע בוך	273
דאָס אַכטע בוך	309
דערקלערונגען	345